STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08431

KATHERINA

Hayim Malits

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאטהערינא

היסטארישער ראמאן פון רוסלאנד און פון דער
רוסישער קייזערליכער דינאסטיע

בעארבייטעט פון

ח. מאליץ

ערשטער טהייל

NEW YORK
JEWISH PRESS PUBLISHING COMPANY
1912

1טער קאפיטעל.

א געפאנגענער אין גן עדן.

א שרעקליכער שנעע־שטורם אין דיא גאסען פון פעטערסבורג.

אויף איסאקאוסקי בריק איז געגאנגען א יונגער, שעהנער אפיציער און האט זיך אלע ווײלע אומגעקוקט אויב מען לויפט איהם ניט נאך. מיט אמאל האט ער זיך אבגעשטעלט און האט געווארפען אן ערשראקענעם בליק צוריק אויפ'ן רייכען ווינטער פאלאסט וואו עס האט געוואהנט דיא מעכטיגע רוסישע קייזערין קאטהערינא דיא צווייטע. דאן איז ער ווידער געלאפען זיין וועג און האט צו זיך אליין געמורמעלט:

— עס האט זיך מיר נאר אויסגעוויזען. קיינער לויפט מיר ניט נאך און קיינער וואטשט מיך ניט. אה, מיט וואס פאר א הייסע אונגעדולד ערווארט איך שוין יענע גליקליכע צייט ווען איך און מיין טהייערע, געליעבטע עליזא־בעט וועלען זיין אויף איביג פעראייניגט.

עס האט לאנג ניט געדויערט און דער יונגער אפיציער איז צוגעקומען צו א קליינע הייזקע אין א קליינע געסעל ניט ווייט פון פיאטר וועליקי'ס מאנומענט. ער איז שנעל ארויף אויף דיא טרעפ צום ערשטען עטאזש און האט אנגעקלאפט אין א טהיר.

— ווער איז דארט? האט זיך געהערט פון אינעווענינ א ריינע מעלאדישע פרויען־שטימע.

— עס איז איך, נשמה, האט דער אפיציער גענטפערט, דיין חתן אלעקסאנדער פאטעמקין. עפען שנעלער.

באלד האט זיך דיא טיהר געעפענט און אויף דער שוועל איז ערשיענען מיט א לאמפ אין האנד א יונגע מיידעל פון א יאהר אכצעהן, איינפאך און זויבער געקליידעט. ביי דער האלב דונקעלער בעלייכטונג פון לאמפ האט אויס־געזעהן וויא דיא מיידעל וואלט זיין דיא זון אליין. דיא רייכע בלאנדע האאר ווייך וויא זייד, האבען בעקרוינט א נעזיכט וואס קיין מייסטער אין דער וועלט וואלט ניט געוועזן אין שטאנד אויסצומאהלען. איין בליק פון איהרע שווארצע אויגען איז געווען גענוג אנצוצינדען א פייער פון ליעבע וועלכעס מען קען מיט גאנצע ימים וואסער ניט פערלעשען.

— אָה, מיין זיסע עליזאבעט! האָט פּאָטעמקין אויסגערופען, אין דיא פּאָאָר טעג וואָס מיר האָבען זיך ניט געקענט זעהן, האָב איך געמיינט אז איך ווער משוגע!

עליזאבעט האָט שנעל אוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ אויף׳ן טיש און א לאנגער הייסער קוס האָט א גאנצע מינוט געהאלטען פעראייניגט דיא ליפּען פון דעם פערלאָבטען פּאָאָר. דאן האָט עליזאבעט ווידער דיא טיהר געשלאָסען, האָט אָנגענומען דעם חתן פאר א האנד און האָט איהם אריינגעפיהרט אין א צווייטען צימער וואו אן אלטער מאן מיט א גרויסען באָרד איז געזעסען ביי א טיש פערטיעפט אין לעזען א בוך.

— זיידע, האָט זיא אויסגערופען מיט פרייד, אלעקסאנדער איז דאָ! זעהסט דוא איך האָב דיר געזאָגט אז היינט אבענד וועט ער געוויס קומען.

דער אלטער מאן האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען פון בוך און האָט זיך געווענדעט צום יונגען אָפיציער:

— וואָס מאכסט דוא, אלעקסאנדער? איך האָב היינט ווירקליך ניט ערוואַרט דיין בעזוך. איך וויים אז דוא ביסט אויף׳ן וואך אין ווינטער פּאלאסט, און ווען מען זאָל בעמערקען אז דו האָסט פערלאָזען דעם פּאָסטען קענסט דוא זעהר מיאוס אָבשניידען; ווען דוא ווילסט מיך פּאָלגען נעהם שוין און לויף צוריק. סלווזשבא ניע דרוזשבא, ברודער.

— איך וועל דאָ בלויז זיין א שטונדע, האָט דער שעהנער אָפיציער געענטפערט, וועהרענד עליזאבעט האָט פון איהם אראָבגענומען דעם נאסען מאנטעל. מיין קאמעראד ליטענאנט מיראָוויטש האָט מיר פערשפּראָכען אז ער וועט דיא שטונדע פאר מיר אָטענדען. און דוא, מיין טהייערע עליזאבעט, האָט ער זיך געווענדעט צו איהר, איך האָב דיר געבראכט א פּרעזענט וואָס וועט דיר שאפען פיעל פערגניגען.

דאביי האָט ער איהר דערלאנגט א קליינע באקסעלע, וועלכעס זיא האָט האסטיג געעפענט און האָט פון דאָרט ארויסגענומען א ברייטען גאָלדענעם רינג אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעקריצט דיא ווערטער:

„אלעקסאנדער פּאָטעמקין — עליזאבעט וואָראָנצאָוו — אויף עביג פערעייניגט".

— אויף עביג פעראייניגט! האָט דיא גליקליכע כלה אויסגערופען מלא שמחה, יא מיין ליעבער אלעקסאנדער, אייביג בלייבען מיר פעראייניגט. און אויב עס וועט אונז ניט מעגליך זיין צוזאמען צו לעבען, דאן וועלען מיר צוזאמען שטארבען. דאָס וועניגסטענס קען דאָך דיין גרויסע גרוזאמע קייזערין ניט פערביטען.

— שטיל, מיין טייבעלע, שטיל, האָט דער יונגער אָפיציער געזאָגט און

האָט א בליק געוואָרפען אויף דער פערשלאָסענער טהיר. רעד ניט א וואָרט געגען דער קייזערין, איהרע שפיאָנען און דיא שפיאָנען פון איהר נייעם געליעבטען גראף אָרלאָוו זיינען פול איבעראל. מען דארף בלויז הערען פון אונז איין שלעכטען וואָרט געגען זיי, דאן זיינען מיר פערלאָרען.

— אויב דוא ציטערסט אזוי פאר דיין קייזערין, האָט דער אלטער מאן זיך אָנגערופען, איז געוועז גאנץ אונפאָרזיכטיג אויסצוקריצען דיין נאָמען אויף א רינג צוזאמען מיט׳ן נאָמען וואָראָנצאָוו. וואָראָנצאָוו׳ס נאָמען שטעהט זעהר שלעכט אין קייזערליכען הויף. דיא גאנצע צייט וואָס איך בין צוריקגעקומען פון אויסלאנד נאָך פעטערבורג און בעשעפטיג מיך מיט שלייפען דיאמאנטען, האלט איך זיך דאָ אויף אונטער א פאלשען נאָמען. איך בין פערשריעבען ביי דער רוסישער פאָליציי אלס א פאָליטישער פערברעכער, און מען וואָלט מיך שוין לאנג ארעטירט ווען מען זאָל נאָר געוואָר ווערען ווער איך בין.

— אָבער, זאָגט מיר, האָט איהם פאָטעמקין אונטערבראָכען, פאר וואָס שטעהט עס אייער נאָמען אזוי שלעכט אין קייזערליכען הויף? וואָס אייגענטליך איז צווישען אייך און דער מעכטיגער קייזערין פארגעקומען?

— גלויב מיר, מיין קינד, האָט דער אלטער מאן געענטפערט מיט א שוואכען זיפץ, גלויב מיר אז איך האָב קיין פערברעכען בעגאנגען. קאטהערינא פערפאָלגט אונזער פאמיליע מיט א שרעקליכע שנאה איבער געוויסע פערהעלטניסע וואָס זיינען ארויסגעקומען פון א געהיימע ליעבע. דאָס איז דיא אורזאַכע ווארום דיעזע אונגליקליכע מיידעל, עליזאבעט, דיין געליעבטע, האָט קיין נאָמען, קיין רעכטע, קיין היימאטה.

— זיא איז ניט אונגליקליך, האָט פאָטעמקין אונטערבראָכען דעם אלטען מאן און האָט א קוס געטהאָן עליזאבעטען אין שטערען. מיר געהערען איינער צום אנדערען און קיין מאכט אין דער וועלט קען אונז ניט שיידען. „אייביג פעראייניגט״ — דיעזע צוויי ווערטער מוזען אימער בלייבען אין אונזערע הערצער.

אין דיעזען מאָמענט האָט זיך געהערט וויא דיא טיהר אונטען ווערט געעפענט מיט א שטארקען גערויש און שווערע טריט קומען אויף דיא טרעפּ.

— אָה, איך בין פערלאָרען! האָט פאָטעמקין אויסגערופען ערשראָקען. ווען מען זאָל מיך דאָ געפינען, ווען מען זאָל וויסען אז איך בין אָהן ערלויבניס אוועק פון דער וואך — איהר האָט דאָ נאָר איין צימער?

— שרעק זיך ניט, געליעבטער, האָט עליזאבעט געזאָגט, געה אריין רוהיג, אהער אין גרויסען שראנק, וועט מען דיך ניט זעהן.

דאביי האָט זיא איהם צוגעפיהרט צו א הויכען ברייטען שראנק, וואָס

איז געשטאנען ביי ענדע צימער. ער איז שנעל אריין אינוועניג און זיא האט פון אויבען דיא דעקע צוגעמאכט.

באלד האט זיך געהערט א קלאפ אין טיהר. עליזאבעט איז געגאנגען עפענען און גלייך איז זיא צוריקגעקומען אין דער בעגלייטונג פון א הויכען שטארקען מאן, מיט א שווארצען בארד און דער אלטער ווארנצאוו איז אויפ־געשטאנען דעם פרעמדען צו עמפפאנגען.

דער אלטער האט א קוק געטהאן אויף'ן גאסט און האט א ציטער געטהאן.

— זייט איהר דאס פעטער ווארנצאוו דער דיאמאנטען שלייפער? האט דער פרעמדער געפרעגט אהן א גוט־נאווענד.

— יא. האט דער אלטער מאן געענטפערט.

— מען האט מיר געזאגט אז איהר זיינט א גרויסער קינסטלער, איהר קענט נעהמען א פראסטען שטיין און איהם געבען אזא שליף אז מען זאל איהם ניט קענען אונטערשיידען פון א ריכטיגען דיאמאנט.

— איך האב אין האלאנד מיין קונסט געלערנט, האט דער אלטער גע־ענטפערט און האט אנגעווענדעט אלע זיינע קרעפטע זיך צו האלטען רוהיג. דעם אמת זאגענדיג האב איך נאך קיין מאל ניט פרובירט שלייפען פראסטע שטיינער, און איך גלויב אז עס לוינט זיך ניט צו בעצאהלען דעם גרויסען פרייז וואס דאס דארף קאסטען.

— איך וועל אייך באלד ערקלערען צוליעב וואס איך מוז עס האבען, האט דער בעזוכער בעמערקט, איך בין א מאסקווער קופיעץ, מיין נאמען איז גרינגארעווסקי, איך האב דארט א גרויסען מאגאזין פון בריליאנטען, איינע פון דיא וואס קויפען ביי מיר שטענדיג וואארע, א רייכע דאמע וויל גראדע טראגען אן עקסטרא גרויסען דיאמאנט וועלכען עס איז אונמעגליך פון עכטען שטיין צו פערשאפען, דאריבער האב איך פאר איהר אויסגעזוכט א מערקווירדיגען גרויסען שטיין וועלכען מען קען בעארבייטען ער זאל אויסזעהן וויא א ריכטיגער, און מיר אלע וועלען צופריעדען זיין. דא האט איהר דעם שטיין.

דאביי האט ער גענומען און אוועקגעלייגט אויף'ן טיש א שטיין אזוי גרויס וויא אן איי פון א טויב. דער שטיין איז געווען קלאר, דורכזיכטיג און א גאנצער ים פון פערשיעדענע פייערלאך האבען אין איהם אבגעבליצט.

ווארנצאוו איז שטארק איבערראשט געווארען ווען ער האט דעם שטיין דערזעהן, דאך האט ער קיינע בעמערקונגען געמאכט און האט בלויז ערקלערט אז דיא ארבייט דארף קאסטען צוויי הונדערט רובעל.

דער קויפמאן האט דאס געלד בעצאהלט פאראויס און האט פערשפראכען צו געבען נאך צוויי הונדערט ווען ער וועט האבען דעם שטיין פערטיג ניט שפעטער וויא אין דריי טעג ארום און דאמיט האט דער קויפמאן גענומען אב־שיעד און איז אוועקגעגאנגען.

עליזאבעט האָט גענומען דיא לאָמפּ איהם אראָבצולייכטען דיא טרעפּ. דיא שיין איז יעצט קלאָר געפאלען אויף איהר ליעבליך רייצענדעס געזיכט און וועהרענד דער פרעמדער האָט זיא יעצט גענויער בעטראכט איז ער געבליעבען שטהן ביי דער טיהר וויא בעצויבערט.

— ווער איז דיזע פריילייז? האָט ער געפרעגט ביים אלטען וועלכער איז אויך ארויסגעגאנגען דעם סוחר בעגלייטען. האָט זיא אימער געוואָהנט אין פּעטערבורג?

— זיא איז מיין אייניקעל, האָט וואָראָנצאָוו געענטפערט. מיט א פּאָאָר יאָהר צוריק בין איך מיט איהר געקומען אהער פון אמסטערדאם, וואו איהר מוטער איז געשטאָרבען.

נאָך אמאָל האָט דער פרעמדער א בליק געוואָרפען אויף דער שעהנער עלי־זאבעט, דאן איז ער אראָבגעגאנגען.

— עליזאבעט! גראָספּאָטער! האָט פּאָטעמקין אויסגערופען אין גרויס אויפרעגונג ארויכשפּרינגענדיג פון שראנק, ווייסט איהר ווער דער מאן איז?

— געוויס ווייס איך, האָט וואָראָנצאָוו געענטפערט, עס איז גראף אָרלאָוו, דער באנדיט וואָס האָט ערמאָרדעט דעם צאר פּעטער דעם דריטען און דאמיט געהאָלפען דער יעצטיגער קייזערין קאטהערינא אוועקצורויבען דעם טהראָן. זעהט נור דיעזען שטיין. עס איז א עכטער בריליאנט. זיין גלייכען איז אין דער וועלט ניט צו געפינען. ער וויל דאָס הפּנים מאכען א פּרעזענט דער קייזערין, אום איהר אָבגעקיהלטע ליעבע צו איהם ווידער צו ערוועקען.

— אָבער צו וועלכען צוועק האָט אָרלאָוו געזאָגט אז דיעזער שטיין איז ניט קיין עכטער בריליאנט? האָט איהם פּאָטעמקין אונטערבראָכען.

— גאנץ איינפאך, ווייל ער האָט מורא מיר צו טרויען א בריליאנט וואָס האָט דיא ווערטה מעהר פון א מיליאָן רובעל.

אין דעם מאָמענט האָט דער זייגער געשלאָגען עלף. פּאָטעמקין האָט ער־קלערט, אז דיא שטונדע איז שוין פּאָריבער און ער מוז שנעל לויפען צוריק צו דער וואך. דיא ליעבענדע האָבען מיט א הייסען קוס איינער פון אנדערען אב־שיעד גענומען און פּאָטעמקין איז ארויס פון הויז.

ער איז בלויז אָבגעגאנגען אייניגע שריט און א סאָלדאט איז איהם האס־טיג אנטקעגען געקומען און האָט איהם געפרעגט:

— זיינט איהר אלעקסאנדער פּאָטעמקין, לייטענאנט פון איהר מאיעס־טעט, דער קייזערין׳ס לייב גווארדיע?

— יא, וואָס דארפט איהר?

— דער לייטענאנט מיראָוויטש האָט מיך געשיקט. אויף דער וואך איז עטוואָס וויכטיגעס פאָרגעקומען. ער האָט מיר געהייסען אייך זאָגען איהר זאָלט

דיא מינוט צוריק קומען. ער האָט ספּעציעל דאפיר געשיקט אַן עקיפּאזש וואָס ווארט דאָ באלד בײ'ם אוגאָל (קאָרנער).

פּאָטעמקין איז א פּערציטערטער צוגעלאָפען צום עקיפּאזש, און אין איילעניש האָט ער זאָגאר ניט בעמערקט דעם פּראכטפאָלען שפּאן און דיא טהייערע פּאָאר פערד, ער איז גלייך ארײנגעשפּרונגען אין עקיפּאזש און נאָך איהם דער סאָלדאט און דיא פערד זיינען אוועק אין א שנעלען גאלאָפּ.

— קענט איהר מיר ניט זאָגען וואָס איז דאָרט אויף דער וואך פאָרגעקומען? האָט פּאָטעמקין געפרעגט זיין בעגלייטער.

— דאָס וועט איהר באלד ערפאהרען, האָט דער סאָלדאט געענטפערט און האָט דאביי ארויסגענומען פון אונטערן מאנטעל א טאשען־טוך וויא ער וואָלט וועלען אָבווישען דעם שוויים פון'ם שטערן, אָבער אין דעם זעלבען מאָמענט איידער פּאָטעמקין האָט נאָך צייט געהאט א צווייטע פראגע צו שטעלען, האָט זיך דער סאָלדאט שנעל וויא א בליץ אויף איהם ארויפגעוואָרפען און האָט צוגעדריקט דאָס טאשענטוך צו זיין געזיכט.

דער יונגער אָפיציער טראָץ דעם וואָס ער איז געוועזן קרעפטיג וויא א ריעז און מוטהיג וויא א לייב, האָט מיט אמאָל דערפיהלט א מאָדנע שוואכקייט, ער האָט זיך קוים געקענט בעוועגען און באלד איז ער אין אונמאכט געפאלען.

ווען פּאָטעמקין האָט ערוואכט און האָט זיינע אויגען געעפענט איז ער געוען וויא א צומישטער. אייניגע מינוטען איז ער ניט געוועזן אין שטאנד זיך צו ערמאָנערען וואָס מיט איהם איז פאָרגעקומען. ער האָט זיך ארומגעקוקט וויא נאָך א שווערען טרוים און האָט געזעהן אז ער געפינט זיך אין א רייכען, העכסט עלעגאנטען צימער. ער ליעגט אויף א פּראכטפאָלע זילבערנע בעט און וואו ער ווארפט דיא בליקען זיינע זעהט ער אלץ גלאנץ און אונגעהייערען גרויסען לוקסוס און רייכטהום.

פּאָטעמקין האָט אין זיין לעבען אזא רייכע אויסשטאטונג ניט געזעהן. ער איז אויפגעשטאנען, א קוק געטאָהן אין שפּיעגעל, און האָט דערזעהן אז דיא שווערד טראָגט ער נאָך ביי זיין זייט, אלעס וואָס ער האָט געהאט ביי זיך געפינט זיך נאָך ביי איהם. אויף א שטוהל ביי דער טיהר איז געלעגען זיין מאנטעל, זיין הוט און זיינע האנדשוה וואָס מען האָט פון איהם אראָבגענומען ווען ער איז געלעגען אין אונמאכט.

דער יונגער אָפיציער איז שרעקליך ערשטוינט געוואָרען. ער האָט פערשטאנען אז ער געפינט זיך יעצט אין א בודואר פון א זעהר רייכע פרוי. ער איז צוגעגאנגען צו דער נעכסטער טיהר און האָט זיא געוואָלט עפענען, אָבער דיא טהיר איז געוועזן פערשלאָסען.

דער צימער האָט אויך געהאט א צווייטע טהיר, פערדעקט מיט א דיקען גאָלדגעשטיקטען פאָרהאנג, פּאָטעמקין האָט געוואָלט אהין צוגעהן, אָבער מיט

אמאָל האָט זיך דיא טיהר געעפענט און פּאָטעמקין האָט צו זיין גרויס איבער־ראשונג דערזעהן אריינקומען א בילד־שעהנע יונגע פרוי פון אונגעפעהר פינף און צוואנציג יאָהר. איהר געזיכט האָט ער ניט געקענט גענוי בעטראכטען ביי דער האלב דונקעלער בעלייכטונג, אָבער ער האָט געזעהען וויא איהרע לאנגע האָאר הענגען אראָב אויף דיא שולטערן און אויף׳ן רוקען. געקליידעט איז זיא גע־ווען אין א נעגליזשע פון ווייסע זיידענעם מיט טהייערע ברוסלער שפּיצען. איהר הויכע שלאנקע געשטאלט האָט פאָרגעשטעלט א בילד פון א שעהנעם מלאך און דער יונגער אָפיציער איז וויא בערוישט געוואָרען קוקענדיג אויף איהר.

א קורצע ווײלע איז זיא געשטאנען און האָט איהם בעטראכט מיט דיא צווייבערהאפטע בליקען פון איהרע צוציהענדע אויגען. דאן איז זיא צו איהם צוגע־גאנגען, האָט אריינגענומען זיינע ביידע הענד אין איהרע און האָט מיט איהרע ראָזא־ליפּעלאך וואָס זיינען נור וויא צום קוסען בעשאפען געזאָגט גאנץ גע־לאסען:

— ענדליך — ענדליך!

— אָה, גנעדיגע פרוי! האָט פּאָטעמקין געשטאמעלט, איך בעט אייך, ערקלערט מיר וואָס בעדייטעט דיעזע געהיימניס? וויא קום איך אהער? וואו בין איך יעצט? און מיט ועמען האָב איך דיא עהרע יעצט צו רעדען?

— וויא איך זעה, האָט דיא שעהנע פרוי מיט אן עטוואָס ציטערענדע שטי־מע געענטפערט, איז אלעקסאנדער פּאָטעמקין נאָך גאנץ ווענינ בעקאנט אין דעם רוישענדען, עלעגאנטען לעבען פון פּעטערבורג. לאָמיר ניט פיהרען אונ־זער ווייטערען געשפרעך שטעהענדיג און אזוי קאלט און פרעמד איינער צום אנ־דערען. קומט, אלעקסאנדער, זעצט זיך דאָ אויף דער זאָפא און איך וועל אייך אָנגיסען טהעע, איהר מוזט זיך עטוואָס ערקוויקען נאָך אזא אונגעוועהנליכע רייזע.

דיא רייצענדע שעהנהייט האָט איהם מיט געוואלד גענומען און אוועקגע־זעצט אויף דער זאָפא, און מיט א רייצענדע גראציעזע בעוועגונג האָט זיא איהם דערלאנגט א גלאָז טהעע, דאן האָט זיא זיך אליין אנידערגעזעצט נעבען איהם, האָט פערדעקט מיט איהר קלייד זיינע פיס און מיט א זיסען שמייכעל האָט זיא איהם געזאָגט:

— טרינקט, אלעקסאנדער, דאָס איז גוט פיר אייך!

פּאָטעמקין האָט געפיהלט וויא פער׳כשופט. ווען דיעזע רייצענדע פרוי וואָלט איהם געזאָגט: טרינק, דאָס איז גיפט! וואָלט ער זיא אויך געפאָלגט.

ער האָט יעצט אין גאנצען פערגעסען אָן זיין ליעבליכע כלה וועלכער ער האָט ערשט מיט א שטונדע צוריק טרייהייט געשוואָרען. ער האָט פערגעסען זיין וואך אין פּאלאסט, זיין פליכט, זיין דיענסט — ער האָט אין דער גאנצער וועלט פערגעסען און וועהרענד ער האָט דיא גלאָז טהעע געטרונקען האָט ער

געשפּיערט וויא דאָס בלוט וואָלט לייכטער פליסען אין זיינע אָדערען. זיין ברוסט איז געוואָרען פול מיט זיסע געפיהלען פון לוסט. זיין פּולס איז געפלויגען, זיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען גלאַנצען מיט ליידענשאַפט, וואָס איז ענטשלאָ־סען אויף אַלעס.

דיא שעהנע אונבעקאַנטע מאדאם יצר הרע האָט זיך צוגערוקט נאָך נע־הענטער צו איהם, האָט ארויפגעלייגט איהר צאַרטע האנד אויף זיין קניע און האָט אָנגעפאַנגען רעדען מיט א שטימע וואָס האָט געקלונגען וויא זיסע מוזיק:

— יעצט וועל איך דיר געבען אַן ערקלערונג אויף דיינע פראגען, אלעק־סאנדער. איך בין רייך, מעכטיג, פיעלע מיליאָנען מענשען זיינען מיר מקנא, און דאָך בין איך איינזאם און עלענד. מיר פעהלט א הארץ, א טרייע ליעבענדע הארץ וואָס זאָל געהערען נאָר מיר אליין. מיר פעהלט א שטארקע קרעפטיגע האנד וואָס זאָל מיך שטיצען אין א מאָמענט פון שוואכקייט. גראדע האָב איך דיך צופעליג געזעהן, אלעקסאנדער, און פון יענעם מאָמענט שטעהט אימער דיין בילד פאר מיינע אויגען. אַך, שעהנער אלעקסאנדער, מיין ליעבע צו דיר האָט מיך קראנק געמאכט און איך האָב בעשלאָסען פון דיעזען אונערטרעגלי־כען צושטאנד אַן ענדע מאכען. אונזערע ראָמאנען־שרייבער שילדערן אימער בילדער פון דרייסטע, בראווע מענער וואָס גנב'ענען ארויס זייערע געליעבטע און איך האָב צום ערשטען מאָל דיא אלטע וועלט אָרדנונג איבערגעמאכט. איך, א פרוי, א ליעבענדע פרוי, האָב געהייסען דיך אוועקגנב'ענען און ברענגען צו מיר אין מיין שטילע היים. דאָ זיינען מיר אליין. דאָ איז דיא גאנצע וועלט פאר אונז פערלאָרען. און דאָ וויל איך דיר זאָגען, אלעקסאנדער, אז איך ליעב דיך אזוי היים, אזוי הערצליך אז איך קען ניט צוריק האלטען מיין ליידענשאַפט. קום אין מיינע אומארמונגען, קום צו מיין ברוסט, דוא היים־געליעבטער, לאָז מיך קוסען דיינע שעהנע ליפּען און זיי דוא אויף גליקליך דורך מיין ליעבע.

און מיט איהרע שלאנקע ווייסע הענד, אויף וועלכע עס האָבען געבליש־טשעט טהייערע בריליאנטען, האָט זיא איהם ארומגענומען און האָט איהם צו איהרע ליפּען צוגעצויגען.

פּאָטעמקין האָט זיך געוואָלט צוריקרייסען אָבער איהרע ליפּען מיט זיינע זיינען שוין געווען צוזאַמען און א קוס, א ברענענדער קוס האָט געפלאַמט אויף זיינע ליפּען און האָט זיך צוגאָסען וויא א גליהענדער פייער אין אלע זיינע גליעדער.

—אזוי וועל איך רוהען אויף דיין געליעבטע ברוסט, יעצט און אימער, האָט זיא געמורמעלט, קום מיך, אלעקסאנדער! אָה! וואָרום זיינען דיינע ליפּען אזוי קאַלט? קען דען ליעבע ניט ארויסרופען ליעבע, אלעקסאנדער? אָה, ליעבער מאן! איך וועל פאר דיר קניען, איך וועל דיך דיענען וויא א שקלאפין — גיב מיר דיין הערץ, גיב מיר דיין ליעבע!

נעכסטען מאָמענט איז זיא ווירקליך געפאלען אויף דיא קניע און מיט א זיסען שוידער האָט זיא איהר גליהענדעס געזיכט פערבאָרגען אין זיין שויס. א שטילער זיפץ פון גליק האָט זיך ארויסגעריסען פון איהר ברוסט וועהרענד זיא האָט איהם ארומגענומען מיט איהרע הענד.

פאָטעמקין האָט שוין מעהר ניט געקענט בעהערשען זיינע געפיהלען. דיעזע פרוי האָט איהם געפאנגען מיט א צויבערליכע מאכט און ער האָט דעם נסיון ניט געקענט ווידערשטעהן. ער האָט דיא קניהענדע שעהנהייט ארויפגעצויגען צו זיך, האָט זיא גענומען אין זיין שויס און האָט בעדעקט איהר געזיכט מיט ברענענדע קוסען.

דיא רייצענדע פרוי, ביי וועלכער דיא באקען האָבען געברענט וויא א פייער, האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויף'ן דיוואן און האָט אויסגעשטרעקט איהרע ארעמס איהם צו עמפפאנגען.

ער האָט קוים געקענט אָטהעמען. אלע זיינע גליעדער האָבען געברענט וויא א העלישער פייער. מיט ציטערענדע הענד האָט ער אויפגעריסען זיין מונדיר און אין זעלבען מאָמענט האָט ארויסגעפלאטערט א זיידענע בייטעלע אין וועלכען זיין שעהנע נאָבעלע כלה עליזאבעט האָט איינגעבונדען א לאָקע פון איהרע גאָלד־בלאָנדע האָאָר. דיעזע בייטעלע האָט ער אימער אויף זיין ברוסט געטראָגען וויא א קמיע.

דאָס האָט געבראָכען דעם צויבער. מיט דער שנעליגקייט פון א בליטץ איז ער אויפגעשפרונגען פון דיוואן, האָט אויסגעשטרעקט זיין האנד געגען דער פערפיהרערין זיא זאָל זיך פון איהם צוריקהאלטען, אָבער זיא האָט איהם פעסט אָנגעכאפט ביי דער אנדערער האנד.

— וואָס טהוסט דוא? האָט זיא ביי איהם געפרעגט מיט אן אויפגע־רעגטען טאָן. ווילסט פון מיר אנטלויפען? בלייב דאָ, זאָג איך דיר, איך קען אָהן דיר ניט לעבען!

— אָה, רעדט ניט, לאָזט מיך אָב, איך בעט אייך, האָט אויסגערופען דער יונגער אָפיציער, ברענגט מיך ניט צו זינד און צו פאלשקייט. איך בעלאנג מעהר ניט צו זיך זעלבסט. מיין הארץ איז פערנומען. איך ליעב א מיידעל וועלכע איז ריין און אונשולדיג וויא אן ענגעל. איך האָב איהר געשוואָרען טרייהייט און איך וויל מיין שבועה ניט ברעכען. אָה, שעהנע פרוי, ווער איהר זאָלט ניט זיין, בעט איך אייך, פערניכטעט ניט מיין האָנאָר, נעהמט ניט אוועק פון מיר מיין עהרע. איהר זיינט אזוי שעהן, אזוי וואונדערבאר ליעבליך. מיט אייער ליעבע קענט איהר געטער בעגליקען, ניט נור זינדיגע מענשען וואָס וואנדלען אין שטויב. לאָזט מיך אָב, פרוי!

דיא פרוי איז אויפגעשפרונגען וויא אן אויפגערייצטע טיגערין. איהר ברוסט

האט געציטערט, פון איהרע אויגען האט געשפריצט פייער און מיט א צוקאכטען טאן האט זיא אויסגערופען:

— דוא ליעבסט אן אנדערע? ווער איז זיא? א גרעפין! א פירסטין! זאג מיר איהר נאמען! לאמיך אם ווענינסטענס ויסען ווער איז דיא יעניגע וואס שטעהט מיר אין וועג.

— זיא איז קיין גרעפין, קיין פירסטין, האט ער געשטאמעלט, זיא איז א גאנץ איינפאכע ארימע מיידעל, גראדע אזוי וויא איך. זיא איז אן אייניקעל פון א דיאמאנטען־שלייפער. איהר נאמען איז עליזאבעט וואראנצאוו. זיא בע־זיצט א זעלטע וועלכע מען קען פאר מיליאנען ניט קויפען, און זיא איז רייצענדער וויא אירגענד וועלכע גרעפין אין דער וועלט.

— אזוי, האט דיא פרוי איהם אונטערבראכען און מיט א שפאטישען טאן געזאגט, עליזאבעט וואראנצאוו איז דער נאמען פון מיין געגנערין! און וואו וואהנט דיעזע גליקליכע מיידעל?

— דא אין פעטערבורג, אין א קליינע הייזקע אויף מיכאילאווסקי גאס, האט פאטעמקין געענטפערט און האט אין מאמענט פון אויפרעגונג אין גאנצען פער־געסען אז ער רעדט אביסעל צופיעל.

— איך דאנק דיר פאר דיין אפענע ערקלערונג, האט דיא פרוי געזאגט מיט א שמייכעל.

באלד אבער האט דיא פרוי געזעהן וויא פאטעמקין נעהמט אנטהאן דיא שווערד אף דעם מאנטעל און א מערקווירדיגער טרויער האט איהר געזיכט בעדעקט.

— און דוא ווילסט שוין ווירקליך אוועקגעהן? האט זיא געשטאמעלט, ווילסט מיך שוין פערלאזען אום קיין מאל מעהר מיך ניט זעהן? אה, לאז מיך ווענינסטענס ביי׳ם געזעגענען דיינע שעהנע ליפען קוסען! דוא האסט גאר קיין בעגריעף, אונגליקליכער, וואס דוא פערליערסט מיט דיין צוריקווייזען מיין גרויסע ליעבע!

פלוצים האט זיך דערהערט א גערויש אין פאדערשטען צימער. יעמאנד האט געשריען מיט א שטרענגען טאן:

— וואס! איך האב קיין רעכט אריינצוגעהן! אוועק, דוא עזעל, ווען ניט דערשטעך איך דיך דא מיט מיין שארפען שווערד אויף טויט! נאך ווייסט דוא ניט אז גראף ארלאוו האט צו יעדער צייט דאס רעכט אריינצוקומען צו זיין געליעבטע קייזערין און דאריבער קיינעם ניט מעלדען?!

דער יונגער אפיציער פאטעמקין איז ערשטוינט געבליבען. ערשט יעצט האט ער זיא דערקענט, ערשט יעצט ווייסט ער ווער דיא שעהנע פרוי איז. זיא איז קאטהערינא דיא גרויסע, דיא מעכטיגע קייזערין פון רוסלאנד, און זיא גליהט עם פאר איהם אין ליעבע. ביי דער קייזערין׳ס ברוסט האט ער גערוהט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך די טיהר אויפגעריסען און דער שווארצער גראף איז אריינגעשפרונגען אין צימער וויא א וואהנזיניגער:

— אָה, עס איז ריכטיג! האָט ער אויסגערופען מיט א געוואלדיגע אויפ־רעגונג, איך בין בעטראָגען אין מיין ליעבע! ניין — דאָס וועל איך ניט דער־לאָזען ווען איך זאָל אפילו וויסען אז באלד פערשיקט מען מיך קיין סיביר, אָדער ווען מען זאָל מיך אפילו צו דער תליה שיקען. אָה, ניין! דאָס וועל איך קיינמאָל ניט דערלאָזען!

דאביי האָט זיך דער אויפגערעגטער ווילדער גראף געווענדעט צו פאָ־טעמקין'ען:

— ווער ביסטו, דוא לומפיגער אינגעל, וואָס דוא וואגסט אוועקצונעה־מען ביי גראף אָרלאָוו זיין געליעבטע קייזערין? פערטהיידיג זיך אויב דוא ביסט א מאן. דיין לעצטע שטונדע איז געקומען!

מערקווירדיג! קאטהערינא איז געשטאנען פון וויטען און האָט געקוקט אויף דער סצענע עפעס וויא זיא וואָלט זיין גלייכגילטיג. זאָלען זיי זיךביידע זייערע קעפ אָבדרעהען, ווען אַרט עס.

באלד האָט אָרלאָוו ארויסגעכאפט זיין שווערד גרייט צום קאמפף. אָבער אויך פאָטעמקין האָט ארויסגעכאפט זיין שווערד פון שיידעל און זיין ליעבליך שעהנע געזיכט האָט אויפגעפלאמט פון צאָרן און פון לוסט צום קאמפף.

— נרעגאָר אָרלאָוו! האָט פאָטעמקין אויסגערופען מיט א דונער־שטימע. איך וועל ניט קוקען דארויף וואָס דוא ביסט דער מעכטיגסטער מאן אין גאנץ רוסלאנד. אויף לעבען און טויט וועל איך מיט דיר קעמפפען. אין יעצטיגען מאָמענט בין איך ניט דער אונבעדייטענדער אָפיציער. איך בין דער בעשיצער פון דיעזער דאמע, וועלכע דוא ערלויבסט זיך צו בעליידיגען.

און דער דועל האָט אנגעפאנגען. דיא שווערדען האָבען געקרייצט איינע דיא אנדערע, עס זיינען געפלויגען פונקען — ביידע זיינען געווען גוטע קעמפ־פער, אָבער אין אָרלאָוו'ען האָט זיך געזעהן מעהר רציחה וויא קונסט.

— גענוג! האָט מיט אמאָל קאטהערינא אויסגערופען. גענוג! איך בעפעהל אייך אריינצולייגען צוריק דיא שווערדען אין דיא שיידען. הערט דעם בעפעהל פון אייער קייזערין!

ווערענד זיא האָט דיעזען בעפעהל געגעבען איז זיא געשטאנען שטאָלץ און מאיעסטעטיש נעגען ביידע קעמפפער, און אין דעם מאָמענט האָט איהר חן איבערשטיגען אלעס וואָס דער יונגער פאָטעמקין האָט ווען אין זיין לעבען געזעהן.

אָרלאָוו האָט בעמערקט אז פאָטעמקין קוקט צו פיעל ענטציקט אויף דער קייזערין און דאָס האָט איהם אזוי ווילד געמאכט אז ער האָט אין גאנצען זיין מורא פאר דער מעכטיגער הערשערין פערלאָרען.

— ביסט יעצט ניט דיא קייזערין קאטהערינא! האָט ער ארויסגערופען. דאָ

קעמפּפען צוויי מענער איבער דער ליעבע צו איין פרוי, און קיין הערשער אין דער וועלט קען דעם דועל ניט אָבהאַלטען ביז איינער פון אונז וועט בלייבען ליעגען מיט א דורכגעשטאָכענע ברוסט.

איידער קאטהערינא האָט נאָך צייט געהאט זיך ארומצוקוקען און עטוואָס ענטפערן דעם גראף אָרלאָוו, האָט זיך דער קאמפּף ווידער אָנגעפאנגען און פּאָטעמקין האָט מיט א העכסט געשיקטע בעוועגונג ארויסגעשמיסען דיא שווערד פון אָרלאָוו'ס האנד.

— יעצט ביסט דוא ביי מיר אין האנד, גראף אָרלאָוו, האָט פּאָטעמקין געזאָגט און האָט דעם שפּיץ פון זיין שווערד געהאַלטען דירעקט געגען דער ברוסט פון זיין געגנער. איין בעוועגונג, איין וואָרט, און דוא בלייבסט טויט. דוא ביסט מיין געפאנגענער, און איך לאָז איבער צו איהר מאַיעסטעט, דיא קייזערין, זיא זאָל דיין שיקזאל ענטשיידען.

אָרלאָוו איז געשטאנען וויא א סטאטוע, ער האָט קיין ריהר זיך ניט געקענט טהאָן. זיין נעלבליכע געזיכט איז טויט־בלאס געוואָרען. דער שווערד האָט דורכגעריסען זיין גאָלדענעם מונדיר און זיין העמד. א קאלטער שוויס האָט איהם בעגאָסען און ער האָט געפיהלט דיא קאלטקייט פון טויט.

קאטהערינא איז געשטאנען, האָט בעטראכט דעם יונגען אָפיציער מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט און א ליעבליכער זיסער שמייכעל האָט זיך אויף איהרע ליפּען בעוויזען.

— איך דאנק דיר, מיין העלד, האָט זיא געזאָגט. איך דאנק דיר פאר וואָס דוא האָסט אזוי מוטהיג בעשיצט דיא עהרע פון דיין קייזערין. און איהם — איהם —

דאביי האָט זיא געוואָרפען אויף אָרלאָוו'ען א בליק פון האס און פערד אכטונג. עס זיינען איהר אויף דיא ליפּען געליגען דיא ווערטער: "איהם נעהם און דערשטעך וויא א הונד!", אָבער אָרלאָוו האָט איהר מינע דערקענט, ער האָט פערשטאנען וואָס זיא וויל זאָגען, און ער האָט מיט א פערשטיקטען טאָן געזאָגט:

— איך בין בערייט צו שטארבען דערפאר וואָס איך האָב געליעבט מיין קייזערין, אָבער דיא געהיימנים פון 5טען יולי, דער בלוטיגער שאָטען פון ראפּשא, וועט אויך פון מיין קבר —

קאטהערינא האָט א מאך געטהאָן מיט דער האנד ער זאָל מעהר ניט רעדען און האָט זיך געווענדעט צו פּאָטעמקין'ען:

— לאָז איהם פריי, און נעדענק, אלעקסאנדער פּאָטעמקין, זאָלסט זיך ניט אונטערשטעהן צו רעדען א וואָרט וועגען דעם וואָס דאָ איז פּאָרגעקומען דיעזע נאכט.

דער יונגער לייטענאנט האָט גענייגט פאר איהר זיין שווערד מיט יראת

הכבוד. אָרלאָוו איז געפאלען פאר איהר אויף דיא קניע און קוסענדיג דעם זוים פון איהר קלייד האָט ער געזאָגט מיט א טרויעריגע שטימע:

— אויב איך האָב שלעכט געהאנדעלט איז אין דעם שולדיג נור דיא ליעבע. ביי דיעזע ווערטער האָט ער אריינגעלייגט זיין שווערד אין שייד און האָט זיך העפליך פערנייגט און דעם פאלאסט פערלאָזען.

קאטהערינא איז ווידער געבליעבען אליין מיט'ן יונגען אָפיציער. אָבער אין דעם מאָמענט איז זיא אין גאנצען פערענדערט געוואָרען. איהר בענעהמונג איז געווען גאנץ קאלט און שטרענג.

— לייטענאנט פאָטעמקין, האָט זיא געזאָגט, איהר האָט זיך ערלויבט צו פערלאָזען דיא וואך. געהט פון דאנען דירעקט צום ווינטער פאלאסט צו לייטענאנט מיראָוויטש. גיט איהם אָב אייער שווערד, און מעלדעט זיך אלס געפאנגענער. דיא שטראָף איבער אייך וועל איך שוין ענטשיידען.

— איך וועל טהאָן וויא אייער מאיעסטעט בעפעהלט, האָט דער אָרימער פאָטעמקין געענטפערט און איז מיט א טיעפע פערנייגונג ארויס פון צימער.

קאטהערינא איז געפאלען אויף א שטוהל און האָט בעדעקט איהר געזיכט מיט דיא הענד. פון איהרע אויגען האָבען זיך געגאָסען הייסע טרעהרען און איהר גאנצער קערפער האָט געציטערט.

— איך בין דאכט זיך א מעכטיגע, א גרויסע קייזערין! און דאָך בין איך געפאנגען ביי איהם, ניט ער ביי מיר! ער זעהט ניט אז איך בין געבונדען מיט דיא קייטען פון ליעבע, קייטען וועלכע איך קען ניט צורייסען! ער נייגט זיך פאר מיר — איך וואָלט זיך פאר איהם נייגען און בויגען וויא א שקלאפין ווען ער וואָלט עס פון מיר נור פערלאנגען! אָרימער פאָטעמקין!

2טער קאפיטעל.

דיא געקרוינטע מערדערין.

דעם נעכסטען פריה־מאָרגען איז דיא מעכטיגע קייזערין קאטהערינא אויפגעשטאנען פריהער וויא געוועהנליך.

זיא האָט דיא גאנצע נאכט ניט געקענט שלאָפען. אויף איהר שעהנע בלאסע געזיכט איז געווען לייכט צו בעמערקען אז זיא איז מיעד און אויסגעמאטערט. אָבער אין איהרע גרויסע שארפע אויגען האָט זיך בעוועגט א ים פון גייסט און טהעטיגקייט.

זיא איז געזעסען אונטער דיא פאָרהאנגען פון איהר קאבינעט ביי'ם שרייב־טיש; נעבען איהר טיעף פערנייגט איז געשטאנען איהר ערשטער מיניסטער, גראף פאנין. ער האָט געהאלטען אונטער'ן ארם אן עלעגאנטען פאָרטפעל מיט פערשיעדענע וויכטיגע דאָקומענטען, וואָס ער האָט געבראכט דער קייזערין צום אונטערשרייבען.

נאָכדעם וויא קאטהערינא האָט אלע פּאפּיערען גענוי דורכגעלעזען און וועהרענד זיא האָט אונטערגעשריעבען דעם לעצטען דאָקומענט האָט זיא זיך געווענדעט צו גראף פאנין:

— איך וויל מיין פאָלק גליקליך מאכען, גראף פאנין. מיט דיעזע אוקאזען וועלכע איך האָב יעצט אונטערגעשריעבען וועט דיא לאגע פון דיא מוזשיקעם פיעל פערבעסערט ווערען און דאָס וועט אויך איינהאלטען דיא אדעל־לייט זיי זאָלען ניט קענען אזוי דריקען און שטיקען דאָס פאָלק. איך וויל זיין א קייזערין ניט נאָר פאר דיא רייכע, איך וויל אויך זיין א קייזערין פאר דיא אָרימע וואָס ארבייטען שווער פיר זייער לעבען. איך וויל אז אויך דער אָרימער זאָל צו יעדער צייט האָבען א פרייען צוטריט צו מיין טהראָן, רוסלאנד זאָל ווערען גרויס און גליקליך אונטער מיין רעגיערונג. און איך האָף, גראף פאנין, אז איהר וועט מיך אין מיין גרויסעם שטרעבען אונטערשטיצען.

דער אלטער שטאאטסמאן איז זעהר בעגייסטערט געוואָרען הערענדיג דיעזע ווערטער פון זיין הערשערין און ער האָט אויסגערופען מיט גרויס ענטהוזיאזמוס:

— גרויסע קעניגין! מיין גאנצעס לעבען וועל איך אָפּפערן אום אייך און רוסלאנד צו דיענען!

— איהר רעדט וויא אן עהרען־מאן, פאנין, האָט קאטהערינא געזאָגט, וועהרענד זיא האָט זיך אָנגעלעהנט צוריק אויף איהר שטוהל אונטער דער גאָלדענע קייזערליכע קרוין און האָט מיט טרויעריגע בליקען בעטראכט דעם אויבענגעוועלב אויף וועלכען עס איז מיט פּראכטפאָלע קונסט געוועזן אויסגעמאָלט דיא סצענע פון איהר קרוינונג.

— איך בעט אייך, דיענט געטריי אייער מאָנארכין, האָט זיא פאָרטגעזעצט. איך בין ארומגערינגעלט מיט ניעדעריגע ברואים. אלע זוכען מיך נאָר צו חנפ׳ענען. וואו איך טהו נאָר א בליק זעה איך ליגען, פאלשקייט, בעטרוג; צו אייך, פאנין, האָב איך צוטרויען און איהר קענט אימער רעכענען אויף מיין גנאדע.

דער ערשטער מיניסטער איז פון דיעזע מילדע ווערטער שטארק גערינהרט געוואָרען. ער איז געפאלען אויף דיא קניע און מיט גרויס רעספּעקט האָט ער צוגעלייגט זיינע ליפּען צו איהר זילבער־ווייסע האנד.

זיא האָט א וואונק געגעבען אז דיא אודיענץ איז געענדיגט און פאנין האָט זיך צוריקגעצויגען.

קאטהערינא איז געבליעבען אליין און דיעזע מערקווירדיגע פרוי, וועלכע האָט נאָר וואָס געדענקט וועגען גליק פון איהר פאָלק איז אין דער זעלבער מינוט בעהערשט געוואָרען פון גאנץ אנדערע געדאנקען.

— אלעקסאנדער! אָה, אלעקסאנדער! האָט זיא צו זיך אליין געמור־מעלט, דוא ביסט מיין איינציגער היים־בעגעהרטער מאן אין דער וועלט ווע־מען איך ליעב מיט מיין גאנצער נשמה. אימער שוועבט דיין געליעבטער נאָמען אויף מיינע ליפּען. איבעראל זעה איך נור דיין בילד. קיינמאָל האָב איך נאָך אזעלכע געפיהלען אין מיין ברוסט ניט געשפיערט וויא יעצט. מיר קומט פאָר אז איך בין צוריק געוואָרען א מעדכען און אין מיין הערץ ערוואכט דיא ערשטע שטארקע גרויסע און מעכטיגע ליעבע וואָס קען ניעמאלס פערלאָשען ווערען.

אין דעם מאָמענט האָט זיך שטיל געעפענט א זייטיגע טיהר און א שעה־נער פּאזש מיט ברוינע לאָקען איז אריינגעקומען. דיא קייזערין האָט וויא פון א טרוים ערוואכט ווען זיא האָט איהם דערזעהן.

— וואָס האָסט דוא מיר צו מעלדען, קליינער גאבריעל? האָט זיא גע־פרעגט.

— מאיעסטעט, האָט ער געענטפערט, דער גענעראל גובערנאטאָר פון פּעטערבורג, באראָן פּאסעק, ווארט אונטערטהעניגסט אויף אייערע בעפעהלען.

— פּאסעק? האָט דיא קייזערין געפרעגט און איז מיט אמאָל אויפגע־רעגט געוואָרען, וואָס וויל ער? ווארום שטערט ער מיר?

— ענטשולדיגט מאיעסטעט, איהר אליין האָט דאָך געהייסען היינט גאנץ פריה אז מען זאָל איהם אויפוועקען און רופען אהער אין ווינטער פּאלאסט. ער ווארט שוין דאָ צוויי שטונדען אין געהיימען פּאָרצימער.

— זאָג איהם זאָל ער אריינקומען, האָט זיא אויסגערופען און האָט פער־צווייפעלט מיט דיא פליינצעם געשאָקעלט.

דער יונגער באָי איז ארויס פון צימער און קאטהערינא איז אראָב פון שטוהל און האָט אָנגעפאנגען ארומגעהן הין־און־צוריק איבער'ן קאבינעט שטארק צוטראָגען.

יא, האָט זיא צו זיך אליין גערעדט, איך בין שוין געוואָהנט צו בויען מיין גליק אויף רואינען. אלעקסאנדער קען ניט זיין מיינער זאָ לאנג וויא דיע־זע מיידעל לעבט. זיא טאָר ניט זיין, זיא דארף ניט זיין, קיינער טאָר נישט שטעהן אין וועג צווישען מיר און איהם.

— מאיעסטעט, האָט זיא אין דער מינוט דערהערט דעם גענעראל גובער־נאטאָר'ס שטימע. איך בין געקומען נעהמען דיא בעפעהלע וואָס איהר האָט מיר צו געבען.

קאטהערינא האָט אויף איהם א בייזען בליק געוואָרפען.

— איך גלויב, באראָן פּאסעק, האָט זיא געזאָגט, אז ס'איז שוין צייט איהר זאָלט זיך צוריקציהען פון אייער אמט און געהן צוריק צו אייער אי־מעניע אָדער איך וועל אייך פערזאָרגען מיט א היים אין סיביר. איך בין פערדראָסען און פערקויפט! דיא יעניגע וואָס זיינען פערפפליכטעט צו זאָרגען

פיר מיין זיכערהייט זיינען איינס פון דיאביידע, ענטוועדער בלינד אָדער פאלש און ווילען ניט זעהן!

דער אלטער גענעראל גובערנאטאָר איז א פערציטערטער געוואָרען. ער איז געפאלען דער קעניגין צו דיא פיס און האט מיט א הייזעריגען טאָן גע־שטאמעלט:

— מאיעסטעט, איז דאָס מעגליך אַז איהר זאָלט װעגען מיר אזא שלעכ־טע מיינונג מיט אמאָל בעקומען? און ווארום? דיא הייליגע גאָטעס־מוטער איז מיין עדות אז איך ארבייט טאָג און נאכט פיר דיא זיכערהייט פון מיין קייזערין און אז איך שטיי מיט אייזערנע הענד דיא מאכט פון אייער טהראָן.

— עס איז ניט אמת! האט קאטהערינא געדונערט, ווען דוא ביסט יא אזוי פינקטליך אין דיינע פליכטען, זאָג מיר וואו געפינט זיך יעצט דער בע־רואוסטער פּאָליטישער פערברעכער פעטער וואָראָנצאָוו און יענע עליזאבעט, דיא אונגעזעצליכע טאָכטער וואָס דיא אקטריסע וואָראָנצאָוו האט געבאָרען פון מיין פערשטאָרבענעם מאן? וואו זיינען זיי? וואו האָסט דוא זיי בעהאל־טען?

— מאיעסטעט, האט דער גענעראל געענטפערט מיט א ציטערענדער שטי־מע, וויא ווייט איך וויים האט פעטער וואָראָנצאָוו מיט זיין אייניקעל אויסגע־וואנדערט נאָך האָלאנד.

— אזוי? נאָך האָלאנד! האט דיא קייזערין זיך צולאכט, וויא איך זעה האָסט דוא א גאנץ קנאפּע ידיעה אין געאָגראפיע. דיין האָלאנד ליעגט נאָר אין פעטערבורג אויף מיכאילאָווסקי גאס — אָבער, שטעה אויף! איך וועל דיר אלעס פערגעבען און פערגעסען ווען דוא וועסט יעצט מיין בעפעהל פינקטליך און שנעל דורכפיהרען. דוא ווייסט דאָך אז מיין פערשטאָרבענער מאן ווען ער איז נאָך געווען קראָן־פרינץ, בעפאָר מיר האָבען געהייראט, איז ער דאן געווען פערליעבט אין דער אקטריסע וואָראָנצאָוו, און האָט מיט איהר געלעבט וויא א מאן מיט א פרוי. דיא אקטריסע האָט דאן געבאָרען יענע עליזאבעט און אליין איז זיא געשטאָרבען. דער אלטער וואָראָנצאָוו האָט דאן אינטריגירט אז דער צאר זאָל אנערקענען זיין אייניקעל אלס א פרינצעסין. ענדליך ווען איך בין געוואָרען קייזערין האט ער זאָגאר געגען מיר געמאכט פער־שיעדענע פערשווערונגען. נאכהער איז ער אנטלאָפען נאָך האָלאנד. יעצט בין איך געוואָר געוואָרען אז ער געפינט זיך מיט זיין אייניקעל ווידער אין פּע־טערסבורג אונטער א פאלשען נאָמען. וואָס איך פערלאנג פון דיר יעצט איז אז אין פערלויף פון א שטונדע זאָלסט דוא ברענגען עליזאבעט'ן צו מיר, אָבער ניט דאָ אין פּאלאסט. ברענג זיא צו מיר אין גארטען־הויז. קיין מענש אויס־סער דיר און א פּאָאר פון דיינע אנפערטרויעטע לייטע זאָלען דיא ארעסטיר־

טע מיידעל ניט זעהן און ניט וויסען וואוהין מען האט זיא פון איהר הויז אוועקגעפיהרט.

— און וואס זאל איך טהאן מיט'ן אלטען? האט דער גענעראל גובערנאטאר נעפרעגט.

— דעם אלטען באנדיט ווארף אריין אין פעטראפאוולאווסקי פעסטונג. דארט וועט פון איהם ווערען א גיכער סוף. און יעצט מארש! געה און פערליער קיין צייט!

דער גענעראל גובערנאטאר האט פערלאזט דעם פאלאסט איבערגליקליך וואס דיא קייזערין האט איהם פערצייהעט.

אין דער זעלבער צייט איז אין וואראנצאוו'ס ארימע וואהנונג פארגעקומען א גאנץ אנדער סצענע.

דער אלטער האט זיך אנגעטהאן זיין מאנטעל, טיעף אנגערוקט זיין הוט איבערן געזיכט און איז שוין געווען פערטיג אוועקצוגעהן.

— וואוהין געהסט דוא, גרויס־פאטער? האט איהם עליזאבעט געפרעגט.

— פרעג מיך ניט, האט ער געענטפערט ארויפלייגענד זיין האנד אויף איהרע גאלד־בלאנדע האאר. איך קען דיר אלעס ניט זאגען. דאך אזוי פיעל זאלסט דוא וויסען: דער בריליאנט וואס ארלאוו האט מיר נעכטען איבערגעלאזט איז ווערטה אן ערך פון א מיליאן רובעל. דיעזער בריליאנט איז געווען בעשטימט צו בעציערען א פרוי וואס האט דורך מארד און בעטרוג גערויבט דעם צארען־טהראן און איך וויל יעצט מיט דעם זעלבען בריליאנט זיך בענוצען דיעזע פרוי ארפבצושליידערען פון איהר גערויבטען טהראן.

— גרויספאטער! וואס פאר שרעקליכע ווערטער דוא רעדסט! האט עליזאבעט אויסגערופען ערשראקען. דוא קענסט דאך חלילה אין גרעסטען אונגליק אריינפאלען! אה, גרויספאטער! וואס וועט פון מיר ווערען אהן דיר?

— אלעקסאנדער פאטעמקין וועט דיך בעשיצען, האט דער אלטער געענטפערט טרויעריג, אבער גאנץ ענטשלאסען. יא, מיין טהייערע, מעגליך אז מיר שיידען זיך יעצט אויף לאנג און פיעלייכט אויף אימער, דאך — ניין, ניין, עליזאבעט, וויין ניט, איך וועל באלד זיין צוריק. איך בין זיכער אז מיין אונטערנעהמונג וועט האבען ערפאלג, און דאן — דאן וועל איך דיך בעגריסען מיט אן אנדער נאמען. דיא קרוין פון רוסלאנד וועט דאן ניט זיצען אויף'ן קאפ פון א פערברעכערין, נאר —

דער אלטער האט ניט געענדיגט זיינע ווערטער. מיט ציטערענדע ליפען האט ער געקושט דיא גאלד־בלאנדע האאר פון זיין געליעבטע קינד, דאן האט ער זיך מיט געוואלד אבגעריסען פון איהר און איז שנעל ארוים פון צימער.

דיא שעהנע עליזאבעט איז געבליעבען גאנץ אליין, פערטיעפט אין א ים פון טרויעריגע מחשבות.

— אָח, דער אונגליקליכער סעקרעט פון מיין געבורט! האָט זיא צו זיך אליין געמורמעלט. נאָך אלעם ווייס איך ניט ווער מיין פאָטער איז געווען און וואָס פיר א געהיימניס עס איז דערמיט פערבונדען. איז דאָס מעגליך אז איך וועל אזוי מיין גאנצען לעבען מוזען ארומגעהן אונטער א פינסטערען דעק־טוך? אלע קינדער ווייסען ווער און וואָס זיי זיינען, נאָר איך ניט!

אין אזעלכע מחשבות האָט זיא פערבראכט א שטיק צייט ביז עס האָ־בען זיך מיט אמאָל דערהערט שווערע טריט אויף דיא טרעפּ. דיא טיהר איז האסטיג אויפגעריסען געוואָרען און דריי מענער זיינען אריינגעקומען.

עליזאבעט איז אויפגעשפּרונגען א פערציטערטע.

— עליזאבעט וואָראנצאָוו! האָט איינער פון דיא מענער אויסגערופען מיט א ווילדע שטרייינגקייט. דוא ביסט ארעטירט.

דאביי האָט ער גענומען א שווארצע מאסקע און האָט איהר גלייך אָנגע־טהאָן אויף'ן געזיכט.

— פון דער מינוט אָן, האָט דער זעלבער מאן פאָרטגעזעצט, מוזט דוא פערשוואונדען ווערען אז קיינער זאָל ניט וויסען וואו דוא ביסט אהינגעקומען. דיעזע שווארצע מאסקע וועט דיין געזיכט אויף עביג פערבאָרגען.

— האָט רחמנות! וואָס האָט איהר צו מיר? האָט מיטלייד! האָט עליזא־בעט זיך געבעטען וויא ביי מערדער און האָט פּראבירט אָבשטויסען פון זיך דעם מאן, ראזבויניקעס, מערדער, וואָס ווילט איהר פון מיר?

אָבער איהר שטימע איז באלד פערשטיקט געוואָרען אונטער דער שטארק צוגעדריקטער זיידענער מאסקע.

דיא דריי מענער זיינען געווען דער גענעראל גובערנאטאָר מיט צוויי פון זיינע פערטרויטע דעטעקטיוום.

דיא דעטעקטיוום האָבען דאן ארויפגעוואָרפען אויף עליזאבעט א גרויסען טוך און האָבען זיא אָנגעפאנגען שטארק איינצואוויקלען.

— פאָרזיכטיג, איהר עזלען! האָט דער גענעראל גובערנאטאָר אויסגע־רופען בייז. איהר וועט זיא נאָך דערשטיקען, דאן זיינען מיר אלע פערלאָרען. מיר מוזען זיא ברענגען לעבעדיג. טראָגט זיא אראָב אין עקיפּאַזש, און ווען איך וועל מיט איהר אוועקפאָהרען זאָלט איהר ארויפגעהן צוריק אהער און זאָלט דאן ווארטען ביז דער אלטער וועט אריינפאלען אין אייערע הענד.

וועהרענד דיא ברוטאלע דעטעקטיווס האָבען דיא אונגליקליכע עליזא־בעט געשלעפּט פון דיא טרעפּ איז איהר הארץ שיער אין שטיקער צוריסען געוואָרען ווען זיא האָט געהערט אז אויך איהר געליעבטער גראָספאָטער וועט ארעסטירט ווערען.

באלד האָט מען זיא אריינגעוואָרפען אין עקיפּאַזש און זיא האָט דייט־

ליך געהערט וויא דער גענעראל גובערנאטאָר האָט געזאָגט צו זיינע דעטעק־טיווס:

— ווען איהר ועט דעם אלטען פאנגען, שמידט איהם גלייך אין קייטען און פיהרט איהם אָב אין פעטראָפּאוולאָווסקע פעסטונג. דער קאָמאנדיר דאָרט ווייסט שוין וואס מיט איהם צו טהאָן. דאביי זאָלט איהר דעם אלטען ער־קלערען אז זיין אייניקעל האָט איהם פערראטהען. זיא האָט דערפאר בעקומען א גרויסע סומע געלד און איז מיט איהר געליעבטען אנטלאָפען קיין אויסלאנד.

עליזאבעט איז שיער משוגע געוואָרען פון אויפרעגונג און פון שמערצען ווען זיא האָט דיעזע ווערטער געהערט. אָבער וואָס האָט זיא געביך געקענט העלפען?

דער עקיפּאזש האָט זיך אָנגעפאנגען צו בעוועגען און נאָך א האלבע שטונדע פאָהרען האָט ער זיך ענדליך אָבגעשטעלט. דער גובערנאטאָר האָט פון עליזאבעט'ן אראָבגענומען דעם גרויסען טוך, און האָט איהר געהאָלפען ארויסגעהן פון עקיפּאזש. זיא איז געבליבען מיט דער מאסקע און איהר גאנ־צער קאָפּ בעדעקט מיט א דיקען שלייער. דאן האָט ער זיא אָנגענומען פאר א האנד און האָט זיא געפיהרט א לענגערע שטרעקע ביז עליזאבעט האָט ענדליך געפיהלט אז ער פיהרט זיא אריין ערגיץ אין א הויז און איהרע פיס טרעטען אויף ווייכע קארפּעטס. אייניגע טיהרען זיינען אונטער איהר געעפענט און געשלאָסען געוואָרען ביז זיי זיינען געבליעבען שטעהן אין א צימער.

פּלוצים האָט זיך געעפענט אן אנדער טיהר און עליזאבעט האָט געהערט דעם גערויש פון א פרויען־קלייד, און באלד האָט זיך געהערט א קלינגענדע ווייבליכע שטימע:

— נעהם אראָב פון איהר דיא מאסקע און לאָז אונז אליין.

דער בעפעהל איז אויגענבליקליך ערפילט געוואָרען און עליזאבעט איז געבליבען שטעהן וויא פערבלענדעט פון דעם פּראכט און גלאנץ וואָס זיא האָט מיט אמאָל פאר איהרע אויגען דערזעהן. בעזאָנדערס איז זיא בעצווי־בערט געוואָרען ווען זיא האָט בעמערקט געגען זיך א מאיעסטעטישע הויכגע־וואקסענע פרוי, אָנגעטהאָן אין א רייכע שווארצע סאמעט קלייד, מיט א גאָלדע־נעם גארטעל ארום דיא לענדען וועלכער איז בעזעצט מיט פּעריל און דיא־מאנטען.

דיעזע שטאָלצע פרוי האָט מיט פיינדליכע בליקען בעטראכט דיא גע־פאנגענע פון קאָפּ ביז דיא פיס. דיא אָרימע עליזאבעט האָט געציטערט וויא א לולב. זיא האָט געפיהלט אז זיא שטעהט יעצט פּנים לפּנים מיט א שרעק־ליכען אונגליק.

— קענסט דוא מיך, מיידעל? האָסט דוא מיך ווען געזעהן? האָט זיך דיא פרוי געווענדעט צו עליזאבעט.

-- ניין, מאדאם. פערזענליך האָב איך איין קיינמאָל ניט געזעהן. אָבער מיין גראָספּאָטער האָט אייער בילד און ער האָט עס מיר אמאָל געצייגט.

— און ווער, האָט ער געזאָגט, איז דיא פּערזאָן פון דעם בילד?

— קאטהערינא, דיא קייזערין פון רוסלאנד.

— דוא זאָגסט ליעגען, פריילין! האָט דיא קייזערין אויסגערופען אויפ־געדעגט, דיין גרויספּאָטער, דער בונטאָוושציק, האָט דיר דאביי געזאָגט אז דאָס איז דיא פרוי וואָס האָט גערויבט דעם רוסישען טהראָן דורך מאָרד און גוואלד־טהאט.

עליזאבעט איז טויט־בלאס געוואָרען און האָט דארויף גאָרניט געענט־פערט.

— איך קען מיינע שונאים, האָט דיא קייזערין פאָרטגעזעצט מיט א גרוי־זאמען געלעכטער, איך וויים וואָס פאר א פאלשע רכילות זיי פערשפּרייטען וועגען מיר. אָבער איך האָב שוין א סך פון זיי מיט מיין אייזערנע האנד פער־ניכטעט און איך וועל אויך דיא איבעריגע אָבראמען פון וועג. מיט מיינע פיס וועל איך צוטרעטען יעדען איינעם וואָס איז בעטהייליגט אין א פערשווערונג געגען מיר.

ביי דיא לעצטע ווערטער האָט קאטהערינא אָנגעפאנגען לויפען איבער׳ן צימער הין און צוריק מיט שרעקליכע אויפרעגונג ביז זיא איז ענדליך ווידער צוגעגאנגען צו עליזאבעט און האָט ביי איהר געפרעגט מיט א שטרענגען טאָן:

— וויא לאנג וואָהנסט דוא שוין מיט דיין גרויספּאָטער אין פּעטערבורג?

— פיער יאָהר.

— וואו האָט איהר פריהער געוואָהנט?

— פריהער האָבען מיר געלעבט רוהיג און פריעדליך אין דער האָלענדי־שער הויפּט־שטאָדט האאג.

— האָסט דוא זיך אין פּעטערבורג ניט בעקאנט מיט א מאן מיט וועמען דוא דענקסט צו הייראטהען?

עליזאבעט׳ס ליעבליכע געזיכט איז רויט געוואָרען און זיא האָט געשוויגען.

— פאר וואָס ענטפערסט דוא ניט? האָט קאטהערינא ביי איהר געפרעגט מיט כעס. דוא טראכסט יעצט מיט וואָס פאר א ליעגען מיך צו בעשווינדלען.

— ענטשולדיגט, האָט עליזאבעט געזאָגט מיט שטאָלץ, א וואָראָנצאָוו האָט נאָך קיינמאָל קיין ליגען ניט געזאָגט.

— בעטלער־שטאָלץ! האָט דיא קייזערין אויסגערופען מיט פער־אכטונג. עפּעס א קלייניגקייט וואָראָנצאָוו! דיין מוטער איז געווען א בילי־גע קאָמעדיאנטקע ביז א רייכער מאן האָט זיא אויפגעהויבען פון גאס און האָט זיא געמאכט פאר זיין מעטרעסע. דוא ביסט געבאָרען פון זינד, מיידעל, און גראדע וויא דיין מוטער זוכסט דוא אויך צו פערפיהרען פרעמדע מענער.

דיא אונגליקליכע מיידעל האט בעדעקט איהר געזיכט מיטביידע הענד און האט אנגעפאנגען ביטער צו וויינען.

— מוטער, אה, טהייערע מוטער! מען בעשימפפט דיך אין קבר און איך מוז עס הערען, און קען דיין ריינע זעעלע ניט פערטהיידיגען!

אבער עליזאבעט'ס טרעהרען האבען אויף דער קייזערין קיין שום איינדרוק געמאכט, און זיא האט ווידערהאלט איהר ערשטע פראגע:

— האסט דוא זיך אין פעטערבורג ניט בעקענט מיט א יונגען מאן מיט וועמען דוא דענקסט צו הייראטהען?

עליזאבעט האט געשוויגען.

— וויא איך זעה, האט דיא קייזערין געדונערט שרעקליך אויפגערעגט, ווילסט דוא אויף מיין פראגע ניט ענטפערן. אבער דוא מעגסט שווייגען, איך וויים אליין אלעס. דוא ביזט דיא געליעבטע פון דעם לייטענאנט אלעקסאנדער פאטעמקין.

— ער איז ניט מיין געליעבטער, ער איז מיין חתן. האט עליזאבעט געשטאמעלט.

— אזוי, דיין חתן, האט דיא קייזערין געזאגט מיט א גיפטיגען שמייכעל, און האט אויפגעהויבען עליזאבעט'ס האנד. דוא טראגסט זיין פערלאבונגס-רינג. זעהר שעהן. נעהם שוין אראב דעם רינג און גיעב איהם מיר אוועק!

— דאס ניט. האט עליזאבעט געשטאמעלט. דאס קען נור געשעהן דאן ווען דיינע הענקער וועלען מיר אבשניידען דיא האנד. פריהער וועסט דוא דעם רינג ניט בעקומען.

— איך וועל דאס געוויס טהאן, האט קאטהערינא געענטפערט און האט א שטויס געטהאן פון זיך דיא מיידעל אז זיא איז געפאלען אויף'ן נעכסטען שטוהל.

דיא קייזערין איז דאן צוגעגאנגען צו א קליינעם טישעל און האט זיך געווענדעט צו עליזאבעט:

— הער מיך צו, עליזאבעט וואראנצאוו. איך וויל דא מיט דיר לאנג ניט פערברענגען. היער ליגט א ביינעלע פאפיער. זעץ זיך אוועק און שרייב א בריעף צו אלעקסאנדער פאטעמקין, אז דוא האסט איהם בעטראגען, אז דוא ליעבסט אן אנדערן. דיזען בריעף זאלסט דוא אונטערשרייבען און מיר אבגעבען.

— דאס וועל איך ניט טהאן! האט עליזאבעט אויסגערופען ענטשלאסען.

— דאן וועסט דוא ניט לעבען, מיידעל. דא האסט דוא דיר מיין אורטהייל קורץ און שארף. דוא זעהסט, אויף'ן זעלבען טישעל שטעהט א בעכער מיט וויין און דוא וועסט עס אויגענבליקליך אין מיין געגענווארט מוזען אויסטרינקען.

— גיפט!?!

— יא, גיפט. יעצט האסט דוא נאך צייט צו ענטשיידען. ענטוועדער ענטזאג זיך פון אלעקסאנדער פאטעמקין, אדער שטארב! דוא ביסט יונג און שעהן. דוא קענסט נאך געפינען טויזענדע אנדערע מענער. איך וועל דיר געבען גענוג געלד זאלסט קענען אוועקפאהרען צוריק אין אויסלאנד און דארט לעבען אין רייכטהום און אין גלאנץ.

— ניין, ניין! האט עליזאבעט געיאמערט, איך וועל בעסער יונגער־הייד געהן צום קבר און איך וועל מיך ניט ענטזאגען פון מיין געליעבטען חתן

— אה, איך קען עס ניט טהאן און איך וועל עס ניט טהאן.

— דוא פערזאורטהיילסט זיך אליין צום טויט, האט דיא קייזערין געזאגט עטוואס רוהיג אבער ענטשלאסען, נעהם דעם בעכער און טרינק. איך גיב דיר דריי מינוט צייט. אויב דוא וועסט אין דיא דריי מינוט ניט ערפילען מיין פערלאנג דאן וועל איך דיך קודם איבערגעבען צו דיא קאזאקען פון מיין פאלאסט, זיי זאלען מיט דיר א שטונדע פערברענגען, און דאן ערשט וועלען מיינע הענקער דיר דיין קאפ ארונטערהאקען.

עליזאבעט איז טויט בלאס געווארען און א קאלטער שוויס האט איהר גאנצען קערפער בעדעקט. זיא האט געפיהלט אז דיא גרויזאמע קייזערין וועט געוויס טהאן אלעס וואס זיא זאגט און זיא איז א פערציטערטע געשטאנען און האט אליין ניט געוואוסט וויא זיא זאל יעצט האנדלען אין איהר גרויסע פערצווייפלונג.

איין מינוט איז פאריבער.

— פריילין, דוא זעהסט, האט איהר דיא שטרענגע קייזערין עראינערט, איין מינוט איז שוין פאריבער.

עליזאבעט איז צוגעגאנגען נעהענטער צום טישעל און האט אויסגע־שטרעקט איהר ווייסע ציטערענדע האנד צום בעכער גיפט. אבער אין דעם מא־מענט איז דיא אונגליקליכע געפאלען אויף דיא קניע פאר דער קייזערין און האט אויסגעבראכען מיט א ביטער געוויין:

— האט רחמנות, מאיעסטעט, אויף מיינע יונגע בליהענדע יאהרען. צו־טרעט ניט מיט אייערע פיס א יונגע בלום וואס האט נאך אזוי וועניג זאנענשיין געזעהן. וואס פאר א פערברעכען האב איך בעגאנגען דאמיט וואס איך ליעב מיין חתן? אה, גרויסע קייזערין! מיליאנען מענשען פערגעטערען אייך דער־פאר וואס איהר האט רוסלאנד געמאכט שטאלץ און מעכטיג. וואס פיר נוטצען קענט איהר האבען דערפון וואס איהר וועט טויטען אן ארימע שוואכע מיידעל וואס האט נאך אזוי וועניג געלעבט אויף דער וועלט? קייזערין, גרויסע מעכ־טיגע הערשערין! דיא וועלט ריהמט אייער נאמען און אויך איך, עליזאבעט וואראנצאוו. שפרעך אויס אייער נאמען מיט עהרע און רעספעקט, האט רחמנות

אויף מיר! פון אלע מיליאָנען מענשען, וועלכע איהר בעהערשט, בעט איך ביי אייך נור איינעם — שענקט מיר מיין געליעבטען חתן אלעקסאנדער פּאָ־טעמקין!

— זעהר א שווערע זאך פערלאנגסט דוא, מיידעל, איך קען דיר אוועקגעבען אלע מיליאָנען, אָבער דעם איינעם אלעקסאנדער פּאָטעמקין וויל איך האָבען. ער מוז זיין מיינער!

ערשט יעצט האָט דיא אונגליקליכע עליזאבעט גענוי פערשטאנען אום וואָס דאָ האנדעלט זיך. דיא שרעקליכע וואהרהייט איז איהר יעצט מיט אמאָל אין גאנצען קלאָר געוואָרען.

— קייזערין! האָט זיא אויסגערופען וויא איינער וואָס ווערט מיט א מאָל געריהרט פון זינען, איהר ליעבט אלעקסאנדער'ן! — אָה, דאן —

און מיט א פערצווייפלונג פון טויט האָט עליזאבעט געכאפּט דעם בעכער און האסטיג אויסגעטרונקען.

איינינע מינוטען האָט אין צימער געהערשט א שרעקליכע שטילקייט. קאטהערינא האָט געזעהן וויא עליזאבעט איז ארויפגעפאלען אויף איינע פון דיא גאָלדענע שטוהלען, וויא גרויסע שוויים טראָפּען האָבען איהר שעהנע יונגע געזיכט בעדעקט און וויא דער שאָטען פון טויט האָט זיך פערשפּרייט איבער איהר אונגליקליכען קרבן.

— נאָך איין וואָרט, האָט עליזאבעט געשטאמעלט מיט א שוואכע שטי־מע, איך וויים — מיינע אויגען קוקען יעצט אין דער צוקונפט — אלעקסאנדער וועט ליעגען ביי דיין ברוסט, קאטהערינא — ער וועט זיין דיינער — און מיין לעצטע בקשה, קאטהערינא — ליעב איהם. מאך איהם גליקליך — מאך איהם ניט פערדאָרבען — אָה, ער איז דאָך אזוי גוט, אזוי שעהן, אזוי נאָבעל — זיי איהם געטריי — אייביג — אייביג געטריי —

וויא פון א בליץ געטראָפען איז דאן עליזאבעט מיט א מאָל א פאל געטהאָן פון שטוהל אויף'ן קארפּעט. קאטהערינא איז א פערציטערטע געוואָרען, עס האָט מיט איהר אָנגעהויבען וואַרפען וויא אין א פיבער.

דיא לעצטע ווערטער פון עליזאבעט האָבען זיא טיעף געריהרט. זיי האָבען אויפגעוועקט ביי דער גרויזאמער קייזערין אין הארצען בעסערע געפיהלען און מיט טרעהרען אין דיא אויגען האָט זיא זיך אראָבגעלאָזען אויף דיא קניע צו דער שטערבענדער עליזאבעט און אויסגערופען מיט א געוויין:

— דוא הערסט נאָך, עליזאבעט, וואָס מען רעדט צו דיר, איך שווער דיר דאָ ביי דיין געבראָכענע הארץ, ביי מיין קייזערליכער קרוין, אז איך וועל אלעקסאנדער'ן ליעבען אייביג, ביז צו מיין לעצטער שטונדע. ווען גאנצע לענ־דער זאָלען שטירצען, ווען פעלקער זאָלען אונטערגעהן, ווען איך זאָל מיט דער גאנצער וועלט מוזען קעמפּפען, וועט מיין הארץ אימער געהערען צו איהם.

פאר איהם וועל איך אפּפערן מיין לעבען, מיין קרוין, מיין אלעס און וועל איהם בלייבען עביג טריי.

מיט אמאל איז קאטהערינא שטיל געבליעבען. זיא האט מיט א שוידער דערזעהן, אז זיא רעדט צו א טויטען קערפער. דיעזע שעהנע מאיעסטעטישע פרוי, וואס האט ערשט מיט דער קאלטבלוטיגקייט פון א מערדערין געטריעבען א יונגע, אונשולדיגע מיידעל צום טויט, האט זיך יעצט אוועקגעזעצט א דער־שלאגענע און האט פערגאסען אמת'ע ביטערע טרעהרען אויף איהר אפּפער.

דאס איז געווען א שטריך פון קאטהערינא'ס מערקווירדיגען טיפּ.

זיא האט געהאט זעהר א גוטען כאראקטער. אין געוועהנליכען לעבען איז זיא ניט געווען שטארק פערדארבען. אבער ווען עס האט זיך אין איהר צוקאכט דיא ליידענשאפט, דאן איז זיא פערוואנדעלט געווארען אין א טיגערין און האט אין גאנצען פערגעסען אין ווארט רחמנות אדער יושר; דאן איז זיא געווען דיא גרויזאמסטע פרוי אין דער וועלט, ריכטיג וויא א חיה.

א צייט איז קאטהערינא געזעסען און האט בעוויינט איהר קרבן ביז זיא איז ענדליך אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען צום שפּיעגעל, אבגעווישט דיא טרעהרען און האט געגעבען א סיגנאל, א קלונג אין א גאלדענעם גלעקעל וואס איז אויף'ן טיש געשטאנען.

באלד האט זיך א זייטיגע טיהר געעפענט און דער גענעראל גובערנאטאר באראן פאסעק איז אריינגעקומען.

— שוין? האט ער געלאסען געפרעגט. טויט? א שנעלער אורטהייל. קורץ און שארף!

— שטייג! — האט קאטהערינא אויסגערופען אויפגערעגט. איך דארף ניט האבען דיין מיינונג. דוא הער בעסער מיין בעפעהל. עליזאבעט וואראנצאוו איז פלוצים געשטארבען. איהר קערפער וועט ביז נאכט בלייבען דא אין גארטען־הויז. איך נעהם דעם שליסעל מיט זיך. מיין גאבריעל וועט דיר ברענגען דעם שליסעל היינט ביינאכט. זאלסט איהם ערווארטען ביי'ם טויער פון פּארק. בע־זארג א טרונע און צוויי טרעגער. דעם קערפער זאל מען אוועקלייגען אין אונ־זער קייזערליכען פאמיליען־גראב. גיעב נאר אכטונג, קיינער זאל קיין זאך ניט בעמערקען. אלעס זאל בלייבען א געהיימניס פיר אימער.

— מילא, איך וועל שווייגען, אבער, מאיעסטעט, וואס ווילען מיר טהאן, ווען דיא טרעגער ווילען דיא געהיימניס אויספּלוידערען?

— ביסט א גרויסער אידיאט. דיא טרעגער? איך דארף דיר נאך זאגען וואס מיט זיי צו טהאן? אליין האסט דוא קיין שכל ניט? באלד וויא זיי וועלען האבען אבגעטהאן זייער ארבייט, נעהם און שיק זיי אב מיט א בריעף צום קאמאנדאנט פון פעטראפּאוולאווסקע פעסטונג, זיי זאלען דארט ערהאלטען זייער שכר־טרחה.

— איך פערשטעה שוין, האָט פּאסעק געזאָגט מיט א לוסטיגען שמייכעל. איך וועל געבען א בעפעהל מען זאָל זיי דאָרט דורך דער געהיימער טיהר אריינשליידערן אין קעלער אונטערן טייך געוואַ, דאן וועלען זיי שוין געוויס ניט פּלוידערן וואָס מען דאַרף ניט. אַלעס וועט פּינקטליך בעזאָרגט ווערען, מאיעסטעט !

מיט דיעזע ווערטער האָט זיך פּאסעק פערנייגט ביז צו דער ערד, האָט א קוש געטהאָן דעם זוים פון קאטהערינא'ס קלייד און איז אונטערטהעניג וויא א שקלאַף ארוים פון גארטען־הויז.

קאטהערינא האָט איהם אָנגעקוקט מיט שפּאָט און פעראכטונג.

— קליינליכער מענשעלע ! האָט זיא צו זיך אליין געמורמעלט און האָט איהם נאָכגעקוקט. אויך פאר דיר וועט קומען א צייט, ווען דוא וועסט פאלען אין יענעם קעלער. אָה, וויא איך האַס דיעזע אלע קליינליכע טעלערלעקער !

בלויז איין בליק נאָך האָט קאטהערינא געוואָרפען אויף דער טויטער עליזאבעט און מיט שוידער איז זיא ארוים פון גארטען־הויז, פערשלאָסען דיא טיהר און האָט צוגענומען צו זיך דעם שליסעל.

3טער קאפּיטעל.

בעגראָבען און גערעטעט.

דיא פינסטערע נאכט האָט זיך פערשפּרייט איבערן גרויסען פּארק פון קייזערליכען פּאלאסט. אונטער א געדיכטען גרויסען בוים ביים טויער פון פּארק איז געשטאנען דער קליינער פראנצויזישער בּאַי גאבריעל און האָט געווארט.

ער האָט אָבער לאנג ניט געהאט צו ווארטען. באלד איז צו איהם צוגעגאנגען דער גענעראל גובערנאטאָר, בּאראָן פּאסעק. גאבריעל האָט איהם איבערגעגעבען א שליסעל און האָט איהם געזאָגט אין נאָמען פון דער קייזערין אז דיא פערשטאָרבענע וואָס ליעגט אין גארטען־הויז זאָל מען אוועקטראָגען אין דעם פאמיליען־גראב פון דיא ראָמאנאָווס. אָבער דיא טרעגער זאָלען זיין ניט איינפאכע סאָלדאטען, נור צוויי אָפיציערען. איהר מאיעסטעט וויל אז מען זאָל בעגלייטען דיא פערשטאָרבענע צו איהר לעצטע רוהע מיט האָנאָר און מיט עהרע וויא עס פּאסט פאר א פּרינצעסין.

דאמיט איז דער קייזערין'ס קליינער שליח אוועק און פּאסעק איז א ווײַלע געבליבען שטעהען פערטראכט.

— צוויי אָפיציערען זאָלען זיא טראָגען, האָט ער געמורמעלט צו זיך אליין, דאָס איז וואַרקליך צופיעל כבוד פיר א ממזר. עס איז א שאדע דיא

אָפיציערען וואָס וועלען נאכהער מוזען פערשווינדען אין פעטראָפּאוולאָסקי קעלער, וואו זייערע ביינער וועלען צושאָטען ווערען. אָבער וואָס קימערט עס מיך? דער קייזערין'ס בעפעהל מוז ערפילט ווערען. און עס איז איינענטליך א קנאָפּער אונטערשיעד ווער פון דיעזע ליידינ־געהער וועט דערפאר מיט'ן לעבען בעצאָהלען.

באראָן פאסעק איז פערביינעגאנגען דיא גאנצע ריעזען־געביידע פון'ם ווינטער פאלאסט ביז ער איז צוגעקומען צו א גרויסע בודקע, וואו עס האָבען זיך געפונען דיא וועכטער פון'ם פאלאסט. דער דעזשורער לייטענאנט, א שעהנער יונגער אָפיציער האָט עמפפאנגען דעם גענעראל גובערנאטאָר מיט מיליטערישע עהרע. פאסעק האָט איהם א וואונק געטהאָן ער זאָל מיט איהם מיטגעהן און ביידע זיינען אוועק איינינע שריט ווייט פון דער בודקע.

— וויא איז אייער נאָמען? האָט ביי איהם פאסעק געפרעגט.

— ניקאָלאי מיראָוויטש, לייטענאנט פון ערשטען גוואַרדייסקי רעגימענט פון איהרער מאיעסטעט דער קייזערין קאטהערינא.

— איך בין דער גענעראל גובערנאטאָר פון פעטערבורג. איך בין געקר־מען איהר זאָלט מיר באלד געבען צוויי אָפיציערען מיך בעגלייטען אויסצר־פיהרען א געוויסען, געהיימען בעפעהל.

— עס טהוט מיר לייד, עקסעלענץ, וואָס איך קען ביי מיין בעסטען ווילען ניט ערפילען אייער פערלאנג, האָט מיראָוויטש גענטפערט, אלע אָפי־ציערען געפינען זיך יעצט אויף זייערע פּאָסטענס אין דיא פערשיעדענע קאָרי־דאָרען פון פאלאסט.

— איך מוז עס אָבער האָבען!

— עס טהוט מיר לייד. אלעס וואָס איך קען טהאָן איז פאלגענדעס: אויף דער הויפּט וואך געפינען זיך יעצט צוויי ארעסטירטע אָפיציערען, דיא ליי־טענאנטען קרוזע און פּאָטעמקין, זיי קענט איהר נעהמען. איך פערגין מיינע בראווע קאמעראדען מיט פערגעניגען דיא געלעגענהייט זיך צו קענען דורכגעהן אביסעל.

— פאר וואָס זיינען זיי ארעטירט?

— דעם לייטענאנט קרוזע האָט אונזער מאיאָר געפונען וויא ער האָט געשריעבען א בריעף צו זיין מוטער אין דער צייט פון דיענסט, און פאר וואָס מען האָט דעם לייטענאנט פּאָטעמקין ארעטירט ווייס איך נאָך אליין ניט. לעצטע נאכט האָב איך איבערגענומען פאר איהם דיא וואך נאָר אויף א שטונדע און ער איז צוריק געקומען ערשט מיט דריי שטונדען שפּעטער שרעק־ליך אויפגערעגט. ער האָט מיר אָפּגעגעבען זיין שווערד און האָט מיר ערקלעהרט אז אויף'ן בעפעהל פון זעהר א הויכע פערזאָן איז ער ארעטירט אויף אן אונ־בעשטימטע צייט.

פאסעק האָט איינגעשטימט צו נעהמען דיא צוויי ארעסטירטע אָפיציערען און מיראָוויטש איז אוועק צו זיי אין צעלע, וועלכע האָט אויסגעזעהען וויא א ריכטיגע געפענגניס. אין זיעזע צעלע ביי דער שיין פון א קליינע לעמפּיל זיינען געזעסען ביי א טישעל ביידע ארעטירטע אָפיציערען.

— אָה, פריינד מיראָוויטש, האָט פּאָטעמקין אויסגערופען מלא שמחה, דוא קומסט געווים מיך צו בעפרייען. איך זאָג דיר דעם אמת, אז ווען ניט אונזער קאָמעראד קרוזע, וואָלט איך אין דיא פיער און צוואנציג שטונדען שוין לאנג משוגע געוואָרען.

— ליידער האָסט דוא א טעות, פּאָטעמקין, האָט מיראָוויטש געענטפערט, איך האָב נאָך קיין בעפעהל ניט בעקומען וועגען דיין בעפרייאונג. דאָך האָב איך אייך געבראכט א שטיקעלע טרויסט. דער גענעראל גובערנאטאָר פערלאנגט צוויי אָפיציערען זיי זאָלען ערגעץ טהאָן אן עהרענדיענסט. אין דיעזען פאלאסט קומען אָפט מאָל פאָר געהיימניספאָלע זאכען וואָס דארפען בלייבען אויף אייביג א סוד פאר דער וועלט, און דיעזער צופאל איז וואהרשיינליך איינער פון אזעלכע געהיימניסע. דאָך איך, מיינע ברידער, מאכט עס גאנץ וויניג אוים. דערוייל וועט איהר האָבען א געלעגענהייט געהן אויף איינינגע שטונדען אויף דער פרייער לופט. מאכט זיך שנעל פערטיג און קומט מיט מיר.

אויף פּאָטעמקין׳ס שעהנעם געזיכט האָט זיך בעוויזען אן אויסדרוק פון גרויס פערדרום.

פון דעם מאָמענט וואָס קאטהערינא, דיא רייצענדע, היציגע פרויענצימער האָט איהם געהאלזט און געקושט און האָט געטרייט מיט אלע איהרע קרעפטע זיין בלוט אויפצוקאָכען, איז ער ארומגעגאנגען א צומישטער און טראַכט דעם וואָס ער האָט זיין עליזאבעט שטערבליך געליעבט, האָט ער פון דעסטוועגען אין הארצען שטארק געבענקט דיא שעהנע קייזערין וויעדער צו זעהען.

״האָט זיא מיך שוין ווירקליך אין גאנצען פערגעסען?״ האָט ער ביי זיך אין הארצען זיך אליין געפרעגט. מעגליך אז גראף אָרלאָוו האָט מיט זיין מעכטיגען איינפלוס געבראכט דאצו אז זיא זאָל פון מיר שוין אפילו ניט וועלען וויסען מעהר.

דיעזע געדאנקען האָבען איהם אויך קיין רוהע געגעבען ווען ער און זיין פריינד קרוזע זיינען געגאנגען מיט מיראָוויטש׳ען, וועלכער האָט זיי באלד פאָרגעשטעלט דעם גענעראל גובערנאטאָר אלס אזעלכע אָפיציערען, אויף וועלכע מען קען זיך פערלאָזען.

דער אלטער באראָן פאסעק, טראַכט דעם וואָס ער איז געווען שרעקליך פערדאָרבען, האָט ער פון דעסטוועגען עטוואָס מיטלייד בעקומען, ווען ער האָט בעטראכט דעם מערקווירדיגען חן וואָס האָט גערוהט אויף אלעקסאנדער פּאָטעמקין. א שאדע, האָט ער זיך געטראכט, וואָס אזא זעלטען שעהנער יונ־

נער מאן זאָל נאָך היינט צושמעטערט ווערען אין דיא טיפע קעלערען פון פעטראָפּאוולאָווסקי פעסטונג.

לאנג האָט ער אָבער דאריבער ניט געוואָלט טראכטען און האָט זיך צו זיי געווענדעט:

— קומט מיט מיר, מיינע העררען, איהר ווערט דארפען ערפילען א זאָנ־דערבארע אויפגאבע, פאר וועלכער מען וועט אייך גלענצענד בעלאָהנען. דאביי מוז איך אייך אָנזאָגען אז וועהרענד דיא נעכסטע צוויי שטונדען דארפט איהר מיר קיין פראגע ניט שטעלען און טאָרט קיין וואָרט ניט רעדען אפילו צווישען זיך. און אחרי ככלות הכל, ווען אלעס וועט שוין זיין אָפּגעטהאָן, מוז עס בלייבען א געהיימניס פיר אימער, קיינער טאָר ניט וויסען קיין זאך פון אלעס וואָס איהר וועט זעהען און הערען.

פּאסעק איז מיט זיינע בעגלייטער אוועק פון דער שלאָס־וואכע און האָט זיי אוועקגעפיהרט איבער דיא שנעע־בעדעקטע וועגען פון פּארק ביז זיי זיינען געקומען צום גאָרטען־הויז. דער גענעראל גוברנאטאָר האָט געעפענט דיא טיהר און אריינקומענדיג אין זאאל, וועלכע האָט געגלאנצט פון לוקסוס און רייכטהום, זיינען ביידע אָפיציערען ערשטוינט געוואָרען צו זעהען, אז דאָ שטעהט א רייך־פערציערטע טרונע, אין וועלכער עס ליעגט א טויטער קערפּער.

אונטער'ן שווארצען טוך, מיט וועלכען עס איז געווען בעדעקט דיא גאנצע געשטאלט ביז איבער'ן קאָפּ, האָט מען ניט געקענט זעהען וואָס פיר א פּערזאָן דאָס איז. עס האָבען זיך נאָר ארויסגעזעהען צוויי קליינע זעהר שעהנע פיס־לאך. דערפון האָט מען זיך געקענט מאכען א בעגריעף, אז דיא פערשטאָרבענע איז א יונגע פרוי אָדער א מיידעל.

— שנעל, נור שנעל! האָט פּאסעק געאיילט, לייגט ארויף דיא דעק אויף דער טרונע שנעלער, עס איז גענוג צוויי שרויבען עטוואָס בעפעסטיגען. זיינט איהר פערטיג, מיינע העררען? גוט, נעהמט יעצט דיא טרונע און טראָגט מיר נאָך אום דיא פערשטאָרבענע צו איהר עווינע רוהע צו ברייננען.

דער טרויער־צוג איז ארויס פון גאָרטען־הויז אין פּארק, דער גענעראל גוברנאטאָר איז געגאנגען פאָראויס און האָט געצייגט דיא ביידע טרעגער דעם וועג. ענדליך זיינען זיי צוגעקומען צו א מויער־וואנד, און דורך אן אייזערנע טיהר זיינען זיי צוגעקומען צו א גרויסען פּלאץ, בעפלאנצט מיט בוימער און צווישען דיא בוימער איז געשטאנען א רונדע געביידע וואָס האָט אויסגעזעהען וויא א טעמפּעל.

דער גוברנאטאָר איז אריין אין טעמפּעל און זיי נאָך איהם. ער האָט זיי דאָן אראָפּגעפיהרט איבער ברייטע מארמאָרנע טרעפּ אין א טיעפען קע־לער־געוועלב.

— בעטרעט דיזען פּלאץ מיט עהרפורכט, מיינע העררען! האָט דער

גענעראל גובערנאטאָר געזאָגט צו דיא טרעגער, דאָ רוהען דיאביינער פון אונזערע קייזאָרים.

ביי דיעזע ווערטער האָט פאסעק אראָבגענומען זיין הוט אוןביידע אָפּי־ציערען האָבען אויך געטהאָן דאָס זעלבע.

דיא שיין פון דיא פאקעלען האָט זיך פערשפרייט אויף א גאנצע רייהע טהייערע טרונעס וואָס זיינען געשטאנען ארום דיא מאַרמאָר וואנד. דיא מעהרסטע טרונעס זיינען געווען בעקרוינט מיט'ן פאמיליען־הערב פון דיא ראָ־מאנאָווס, מיט זילבערנע פלאטען אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעקריצט דיא נעמען פון דיא פערשטאָרבענע און דיא צייט, ווען זיי זיינען געשטאָרבען. עס זיינען אויך געווען א סך טרונעס אָהן הערבען און אָהן פלאטען און דאָך האָבען דיעזע אונבעקאנטע גערוהט צוזאמען אין איין געוועלב מיט דיא געקרוינטע הערשער. דאָס זיינען דיא ממזרים, דיא אונגעזעצליכע קינדער פון דער פאמיליע ראָמאנאָוו, דיא פרוכט פון דיא קייזערליכע געהיימע ליעבעס.

אויף פאסעק'ס בעפעהל האָבען דיא טרעגער לאנגזאם אוועקגעשטעלט דיא טרונע נעבען א גרעסערע טרונע וואָס איז געשטאנען מיט א גאָלדענעם הערב. אונטער'ן הערב איז געווען אויסגעקריצט דיא ווערטער: "צאר פעטער דער דריטער. געשטאָרבען דעם 5טען יולי, 1762."

דיא צוויי אָפיציערען האָבען ניט געוואוסט, אז דאָס האָבען זיי יעצט גע־בראכט דיא טאָכטער צו איהר פאָטער.

אלע דריי האָבען זיך געשטעלט אויף דיא קניע און געהאלטען א געבעט פאר דיא נשמות פון דיא פערשטאָרבענע און באלד האָבען זיי געענדיגט דיא תפילות און זיינען שנעל ארוים פון קעלער־געוועלב.

— יעצט, מיינע הערען, האָט דער גענעראל גובערנאטאָר צו זיי גע־זאָגט, נעהמט דיעזען בריעף און געהט אוועק צום פעסטונג. דאָרט וועט איהר ערהאלטען א שעהנע בעלאָהנונג פאר דער עהרענ־דיענסט וואָס איהר האָט יעצט ערפילט.

פאָטעמקין האָט צוגענומען דעם בריעף און איז אוועק מיט זיין קאמע־ראד דורך'ן פארק.

דער גובערנאטאָר איז אוועק אויף אן אנדער וועג מורמלענדיג צו זיך אליין:

— א שאדע אזעלכע צוויי יונגע לייט, אבער וואָס קען מען העלפען? דיא קייזערין האָט אזוי פערלאנגט און איהר פערלאנג מוז ערפילט ווערען.

אויף'ן קייזערליכען בית עולם אין טיעפען מאַרמאָר־געוועלב איז ווידער פינסטער געוואָרען נאָכדעם וויא פאסעק און דיא צוויי יונגע אָפיציערען זיינען פון דאָרט אוועק. אבער דאָס האָט ניט לאנג געדויערט. אין איינינע מינוטען שפעטער איז אהין געקומען גאבריעל, דער קייזערין'ס פאזש, מיט א

לאנטערנע אין האנד, מיט איהם צוזאמען איז געקומען דער מעכטיגער שוואר־צער גראף גרעגאר ארלאוו.

— שנעל צו דער ארבייט, גאבריעל, מיר טארען קיין איבעריגע מינוט צייט ניט פערלירען! האט דער גראף געזאגט, אבער ערקלעהר מיר, מיין ליעבער גאבריעליק, ווייסט דוא בעשטימט אז דיא קייזערין האט גענו־מען דעם גיפט פון א פלעשעל וואס האט אויסגעזעהען וויא א בינטעל וויין־טרויבען?

— נעווים ווייס איך עס בעשטימט, הערר גראף. איך האב אליין געבראכט אין גארטען־הויז דעם וויין און אנגעגאסען א פולען בעכער וויין. דאן האט דיא קייזערין ארויסגענומען פון איהר טאש דאס פלעשעלע און האט אריינגע־טריפט אייניגע טראפען אין בעכער. עס האט זיך געהערט פון דיא טראפען אן עקעלהאפטער זיסער גערוך. דיא קייזערין האט מיר דאן באלד געהייסען ברענ־גען דיעזע אונגליקליכע מיידעל.

— זעהר פיין, מיין טהייערער גאבריעל! האט ארלאוו אויסגערופען צופריעדען, עס איז זעהר גוט וואס דוא לאזט מיר אימער וויסען פון אלעס וואס עס קומט פאר אין פאלאסט. דוא וועסט דערצו ניט דערלייגען!

— איהר דארפט מיר דערפאר גאר ניט געבען, האט דער קלוגער יונג געענטפערט, איהר פאר מיר האט געטהאן פיעל מעהר. איהר האט גענומען מיך, אן ארימען יתום, ארויסגענומען פון פאריזער וואיזען־הויז און האט מיך געבראכט צו דער רוסישער קייזערין, איך וועל עס אייך קיין מאל ניט פערגעסען. בלויז איין זאך וויל איך ביי אייך פרעגען, גראף!

— וואס?

— ווען איהר וועט דיעזע מיידעל רעטען, וועט עס גאר ניט שאדען אונזער ליעבער קייזערין?

— אנטקעגען וואס פרעגסט דוא עס?

— ווייל איך וועל בעסער שטארבען, איך וועל בעסער זיך אליין א מיתה אנטהאן, איידער איך זאל זעהן אז דיא שעהנע קייזערין קאטהערינא זאל הא־בען דיא מינדעסטע אונאנגענעהמליכקייט.

— חא־חא־חא! האט זיך ארלאוו צולאכט מיט א געוואלדיגען גע־לעכטער, וויא היציג, מיט וואס פיר א בעגייסטערונג דוא שפרעכסט עס אויס דעם נאמען קאטהערינא! וויא איך זעה, מיין יונגע, האט זיא דיך שוין אויך אריינגעכאפט אין איהר נעטץ. זיא איז א קונה אויף אלעס. ארויס מיט לשון, גאבריעל, זאג דעם אמת: האט זיא שוין אין דיין יונגע הערצעלע אויך אנגע־צונדען א פייער פון ליעבע און ליידענשאפט? פאר מיר דארפסט דוא קיין מורא ניט האבען, איך בין דאך דיינער א פריינד, זאג מיר דעם אמת!

— איך ווייס ניט וואס איך זאל אייך זאגען, גראף, האט דער פופצעהן

— אלעקסאנדער! אָה, אלעקסאנדער! האָט זיא צו זיך אליין געמור־מעלט, דוא ביסט מיין איינציגער היים־בעגעהרטער מאן אין דער וועלט ווע־מען איך ליעב מיט מיין גאנצער נשמה. אימער שוועבט דיין געליעבטער נאָמען אויף מיינע ליפּען. איבעראל זעה איך נור דיין בילד. קיינמאָל האָב איך נאָך אזעלכע געפיהלען אין מיין ברוסט ניט געשפּיערט וויא יעצט. מיר קומט פאָר אז איך בין צוריק געוואָרען א מעדכען און אין מיין הערץ ערוואכט דיא ערשטע שטארקע גרויסע און מעכטיגע ליעבע וואָס קען ניעמאלס פערלאָשען ווערען.

אין דעם מאָמענט האָט זיך שטיל געעפענט א זייטיגע טיהר און א שעה־נער פּאזש מיט ברוינע לאָקען איז אריינגעקומען. דיא קייזערין האָט וויא פון א טרוים ערוואכט ווען זיא האָט איהם דערזעהן.

— וואָס האָסט דוא מיר צו מעלדען, קליינער גאבריעל? האָט זיא גע־פרעגט.

— מאיעסטעט, האָט ער געענטפערט, דער גענעראל גובערנאטאָר פון פּעטערבורג, באראָן פּאסעק, ווארט אונטערטהעניגסט אויף אייערע בעפעהלען.

— פּאסעק? האָט דיא קייזערין געפרעגט און איז מיט אמאָל אויפגע־רעגט געוואָרען, וואָס וויל ער? ווארום שטערט ער מיר?

— ענטשולדיגט מאיעסטעט, איהר אליין האָט דאָך געהייסען היינט גאנץ פריה אז מען זאָל איהם אויפוועקען און רופען אהער אין ווינטער פּאלאסט. ער ווארט שוין דאָ צוויי שטונדען אין געהיימען פּאָרצימער.

— זאָג איהם זאָל ער אריינקומען, האָט זיא אויסגערופען און האָט פער־צווייפעלט מיט דיא פליצעס געשאָקעלט.

דער יונגער באַי איז ארויס פון צימער און קאטהערינא איז אראָב פון שטוהל און האָט אָנגעפאנגען ארומגעהן הין־און־צוריק איבער'ן קאבינעט שטארק צוטראָגען.

יא, האָט זיא צו זיך אליין גערעדט, איך בין שוין געוואָהנט צו בויען מיין גליק אויף רואינען. אלעקסאנדער קען ניט זיין מיינער זאָ לאנג וויא דיע־זע מיידעל לעבט. זיא טאָר ניט זיין, זיא דארף ניט זיין, קיינער טאָר נישט שטעהן אין וועג צווישען מיר און איהם.

— מאיעסטעט, האָט זיא אין דער מינוט דערהערט דעם גענעראל גובער־נאטאָר'ס שטימע. איך בין געקומען נעהמען דיא בעפעהלע וואָס איהר האָט מיר צו געבען.

קאטהערינא האָט אויף איהם א בייזען בליק געוואָרפען.

— איך גלויב, באראָן פּאסעק, האָט זיא געזאָגט, אז ס'איז שוין צייט איהר זאָלט זיך צוריקציהען פון אייער אמט און געהן צוריק צו אייער אי־מעניע אָדער איך וועל אייך פערזאָרגען מיט א היים אין סיביר. איך בין פעראטען און פערקויפט! דיא יעניגע וואָס זיינען פערפּפליכטעט צו זאָרגען

פיר מיין זיכערהייט זיינען איינס פון דיאביידע, ענטוועדער בלינד אדער פאלש און ווילען ניט זעהן!

דער אלטער גענעראל גובערנאטאר איז א פערציטערטער געוואָרען. ער איז געפאלען דער קעניגין צו דיא פיס און האט מיט א הייזעריגען טאָן גע־שטאמעלט:

— מאיעסטעט, איז דאס מעגליך אז איהר זאלט וועגען מיר אזא שלעכ־טע מיינונג מיט אמאל בעקומען? און ווארום? דיא הייליגע גאָטעס־מוטער איז מיין עדות אז איך ארבייט טאג און נאכט פיר דיא זיכערהייט פון מיין קייזערין און אז איך שטיץ מיט אייזערנע הענד דיא מאכט פון אייער טהראָן.

— עס איז ניט אמת! האט קאטהערינא גערונערט, ווען דוא ביסט יא אזוי פינקטליך אין דיינע פליכטען, זאג מיר וואו געפינט זיך יעצט דער בע־וואוסטער פאליטישער פערברעכער פעטער ווארֿאנצאָוו און יענע עליזאבעט, דיא אונגעזעצליכע טאכטער וואס דיא אקטריסע ווארֿאנצאָוו האט געבאָרען פון מיין פערשטאָרבענעם מאן? וואו זיינען זיי? וואו האסט דוא זיי בעהאל־טען?

— מאיעסטעט, האט דער גענעראל געענטפערט מיט א ציטערענדער שטי־מע, וויא ווייט איך וויס האט פעטער ווארֿאנצאָוו מיט זיין אייניקעל אויסגע־וואנדערט נאך האלאנד.

— אזוי? נאך האלאנד! האט דיא קייזערין זיך צולאכט, וויא איך זעה האסט דוא א גאנץ קנאפע ידיעה אין געאָגראפיע. דיין האלאנד ליעגט נאָר אין פעטערבורג אויף מיכאילאָווסקי גאס — אבער, שטעה אויף! איך וועל דיר אלעס פערגעבען און פערגעסען ווען דוא וועסט יעצט מיין בעפעהל פינקטליך און שנעל דורכפיהרען. דוא ווייסט דאך אז מיין פערשטאָרבענער מאן ווען ער איז נאך געווען קראָן־פרינץ, בעפאר מיר האבען געהייראט, איז ער דאן געווען פערליעבט אין דער אקטריסע ווארֿאנצאָוו, און האט מיט איהר געלעבט וויא א מאן מיט א פרוי. דיא אקטריסע האט דאן געבאָרען יענע עליזאבעט און אליין איז זיא געשטאָרבען. דער אלטער ווארֿאנצאָוו האט דאן אינטריגירט אז דער צאר זאל אנערקענען זיין אייניקעל אלס א פרינצעסין. ענדליך ווען איך בין געוואָרען קייזערין האט ער זאגאר געגען מיר געמאכט פער־שיעדענע פערשווערונגען. נאכהער איז ער אנטלאָפען נאך האלאנד. יעצט בין איך געוואָר געוואָרען אז ער געפינט זיך מיט זיין אייניקעל ווידער אין פע־טערסבורג אונטער א פאלשען נאָמען. וואס איך פערלאנג פון דיר יעצט איז אז אין פערלויף פון א שטונדע זאלסט דוא ברענגען עליזאבעט'ן צו מיר, אבער ניט דאָ אין פאלאסט. ברענג זיא צו מיר אין גארטען־הויז. קיין מענש אוי־פער דיר און א פאָאר פון דיינע אנפערטרויעטע לייטע זאלען דיא ארעטיר־

מע מיידעל ניט זעהן און ניט וויסען וואוהין מען האט זיא פון איהר הויז אוועקגעפיהרט.

— און וואס זאל איך טהאן מיט'ן אלטען? האט דער גענעראל גוברנאַ־טאר געפרעגט.

— דעם אלטען באנדיט ווארף אריין אין פעטראפאוולאווסקי פעסטונג. דארט וועט פון איהם ווערען א ניכער סוף. און יעצט מארש! געה און פער־ליער קיין צייט!

דער גענעראל גוברנאטאר האט פערלאזט דעם פאלאסט איבערגליקליך וואס דיא קייזערין האט איהם פערצייהעט.

אין דער זעלבער צייט איז אין וואראנצאוו'ס ארימע וואהנונג פארגעקו־מען א גאנץ אנדער סצענע.

דער אלטער האט זיך אנגעטהאן זיין מאנטעל, טיעף אנגערוקט זיין הוט איבערן געזיכט און איז שוין געווען פערטיג אוועקצוגעהן.

— וואוהין געהסט דוא, גרויס־פאטער? האט איהם עליזאבעט געפרעגט.

— פרעג מיך ניט, האט ער געענטפערט ארויפלייגענד זיין האנד אויף איהרע גאלד־בלאנדע האאר. איך קען דיר אלעס ניט זאגען. דאך אזוי פיעל זאלסט דוא וויסען: דער בריליאנט וואס ארלאוו האט מיר געכטען איבער־געלאזט איז ווערטה אן ערך פון א מיליאן רובעל. דיעזער בריליאנט איז גע־ווען בעשטימט צו בעציערען א פרוי וואס האט דורך מארד און בעטרוג גע־רויבט דעם צארען־טהראן און איך וויל יעצט מיט דעם זעלבען בריליאנט זיך בענוצען דיעזע פרוי אראבצושליידערען פון איהר גערויבטען טהראן.

— גרויספאטער! וואס פאר שרעקליכע ווערטער דוא רעדסט! האט עלי־זאבעט אויסגערופען ערשראקען. דוא קענסט דאך חלילה אין גרעסטען אונ־גליק אריינפאלען! אה, גרויספאטער! וואס וועט פון מיר ווערען אהן דיר?

— אלעקסאנדער פאטעמקין וועט דיך בעשיצען, האט דער אלטער געענטפערט טרויעריג, אבער גאנץ ענטשלאסען. יא, מיין טהייערע, מעגליך אז מיר שיידען זיך יעצט אויף לאנג און פיעלייכט אויף אימער, דאך — ניין, ניין, עליזאבעט, וויין ניט, איך וועל באלד זיין צוריק. איך בין זיכער אז מיין אונטערנעהמונג וועט האבען ערפאלג, און דאן — דאן וועל איך דיך בעגריסען מיט אן אנדער נאמען. דיא קרוין פון רוסלאנד וועט דאן ניט זיצען אויף'ן קאפ פון א פערברעכערין, נאר —

דער אלטער האט ניט געענדיגט זיינע ווערטער. מיט ציטערענדע ליפען האט ער געקושט דיא גאלד־בלאנדע האאר פון זיין געליעבטע קינד, דאן האט ער זיך מיט געוואלד אבגעריסען פון איהר און איז שנעל ארוים פון צימער.

דיא שעהנע עליזאבעט איז געבליעבען גאנץ אליין, פערטיעפט אין א ים פון טרויעריגע מחשבות.

— אָח, דער אונגליקליכער סעקרעט פון מיין געבורט! האָט זיא צו זיך אליין געמורמעלט. נאָך אלעס וויים איך ניט ווער מיין פאָטער איז געוועזן און וואָס פיר א געהיימנים עס איז דערמיט פערבונדען. איז דאָס מעגליך אז איך וועל אזוי מיין גאנצען לעבען מוזען ארומגעהן אונטער א פינסטערען דעק־טוך? אלע קינדער וויסען ווער און וואָס זיי זיינען, נאָר איך ניט!

אין אזעלכע מחשבות האָט זיא פערבראַכט א שטיק צייט ביז עס האָ־בען זיך מיט אמאָל דערהערט שווערע טריט אויף דיא טרעפּ. דיא טיהר איז האסטיג אויפגעריסען געוואָרען און דריי מענער זיינען אריינגעקומען.

עליזאבעט איז אויפגעשפּרונגען א פערציטערטע.

— עליזאבעט וואָראָנצאָוו! האָט איינער פון דיא מענער אויסגערופען מיט א ווילדע שטריינגקייט. דוא ביסט ארעטירט.

דאביי האָט ער גענומען א שווארצע מאסקע און האָט איהר גלייך אָנגע־טהאָן אויף'ן געזיכט.

— פון דער מינוט אָן, האָט דער זעלבער מאן פאָרטגעזעצט, מוזט דוא פערשוואונדען ווערען אז קיינער זאָל ניט וויסען וואו דוא ביסט אהינגעקומען. דיעזע שווארצע מאסקע וועט דיין געזיכט אויף עביג פערבאָרגען.

— האָט רחמנות! וואָס האָט איהר צו מיר? האָט מיטלייד! האָט עליזא־בעט זיך געבעטען וויא ביי מערדער און האָט פּראָבירט אָבשטויסען פון זיך דעם מאן, ראזבויניקעס, מערדער, וואָס ווילט איהר פון מיר?

אָבער איהר שטימע איז באלד פערשטיקט געוואָרען אונטער דער שטארק צוגעדריקטער זיידענער מאסקע.

דיא דריי מענער זיינען געוועזן דער גענעראל גובערנאטאָר מיט צוויי פון זיינע פערטרויטע דעטעקטיווס.

דיא דעטעקטיוום האָבען דאן ארויפגעוואָרפען אויף עליזאבעט א גרויסען טוך און האָבען זיא אָנגעפאנגען שטארק איינצואוויקלען.

— פאָרזיכטיג, איהר עזלען! האָט דער גענעראל גובערנאטאָר אויסגע־רופען בייז. איהר וועט זיא נאָך דערשטיקען, דאן זיינען מיר אלע פערלאָרען. מיר מוזען זיא ברענגען לעבעדיג. טראָגט זיא אראָב אין עקיפאזש, און ווען איך וועל מיט איהר אוועקפאָהרען זאָלט איהר ארויפגעהן צוריק אהער און זאָלט דאן ווארטען ביז דער אלטער וועט אריינפאלען אין איערע הענד.

וועהרענד דיא ברוטאלע דעטעקטיווס האָבען דיא אונגליקליכע עליזא־בעט געשלעפּט פון דיא טרעפּ איז איהר הארץ שיער אין שטיקער צוריסען געוואָרען ווען זיא האָט געהערט אז אויך איהר געליעבטער גראָספאָטער וועט ארעסטירט ווערען.

באלד האָט מען זיא אריינגעוואָרפען אין עקיפאזש און זיא האָט דרייט־

ליך געהערט וויא דער גענעראל גובערנאטאָר האָט געזאָגט צו זיינע דעטעק־טיוום:

— ווען איהר וועט דעם אלטען פאנגען, שמידט איהם גלייך אין קייטען און פיהרט איהם אָב אין פעטראָפּאוולאָווסקע פעסטונג. דער קאָמאנדיר דאָרט ווייסט שוין וואָס מיט איהם צו טהאָן. דאביי זאָלט איהר דעם אלטען ער־קלערען אז זיין אייניקעל האָט איהם פערראטהען. זיא האָט דערפאר בעקומען א גרויסע סומע געלד און איז מיט איהר געליעבטען אנטלאָפען קיין אויסלאנד.

עליזאבעט איז שיער משוגע געוואָרען פון אויפרעגונג און פון שמערצען ווען זיא האָט דיעזע ווערטער געהערט. אָבער וואָס האָט זיא נעביך געקענט העלפען?

דער עקיפּאזש האָט זיך אָנגעפאנגען צו בעוועגען און נאָך א האלבע שטונדע פאָהרען האָט ער זיך ענדליך אָבגעשטעלט. דער גובערנאטאָר האָט פון עליזאבעט'ן אראָבגענומען דעם גרויסען טוך, און האָט איהר געהאָלפען ארויסגעהן פון עקיפּאזש. זיא איז געבליבען מיט דער מאסקע און איהר גאנ־צער קאָפּ בעדעקט מיט א דיקען שלייער. דאן האָט ער זיא אָנגענומען פאר א האנד און האָט זיא געפיהרט א לענגערע שטרעקע ביז עליזאבעט האָט ענדליך געפיהלט אז ער פיהרט זיא אריין ערגיץ אין א הויז און איהרע פיס טרעטען אויף ווייכע קארפעטס. אייניגע טיהרען זיינען אונטער איהר געעפענט און געשלאָסען געוואָרען ביז זיי זיינען געבליעבען שטעהן אין א צימער.

פּלוצים האָט זיך געעפענט אן אנדער טיהר און עליזאבעט האָט געהערט דעם גערויש פון א פרויען־קלייד, און באלד האָט זיך געהערט א קלינגענדע ווייבליכע שטימע:

— נעהם אראָב פון איהר דיא מאסקע און לאָז אונז אליין.

דער בעפעהל איז אויגענבליקליך ערפילט געוואָרען און עליזאבעט איז געבליבען שטעהן וויא פערבלענדעט פון דעם פראכט און גלאנץ וואָס זיא האָט מיט אמאָל פאר איהרע אויגען דערזעהן. בעזאָנדערס איז זיא בעצווי־בערט געוואָרען ווען זיא האָט בעמערקט געגען זיך א מאיעסטעטישע הויכגע־וואקסענע פרוי, אָנגעטהאָן אין א רייכע שווארצע סאמעט קלייד, מיט א גאָלדע־נעם גארטעל ארום דיא לענדען וועלכער איז בעזעצט מיט פּעריל און דיא־מאנטען.

דיעזע שטאָלצע פרוי האָט מיט פיינדליכע בליקען בעטראכט דיא גע־פאנגענע פון קאָפּ ביז דיא פיס. דיא אָרימע עליזאבעט האָט געציטערט וויא א לולב. זיא האָט געפיהלט אז זיא שטעהט יעצט פנים לפנים מיט א שרעק־ליכען אונגליק.

— קענסט דוא מיך, מיידעל? האָסט דוא מיך ווען געזעהן? האָט זיך דיא פרוי געווענדעט צו עליזאבעט.

— ניין, מאדאם. פערזענליך האב איך איין קיינמאל ניט געזעהן. אבער מיין גראספאטער האט אייער בילד און ער האט עס מיר אמאל געציינט.

— און ווער, האט ער געזאגט, איז דיא פרויאן פון דעם בילד?

— קאטהערינא, דיא קייזערין פון רוסלאנד.

— דוא זאגסט ליעגען, פרייליין! האט דיא קייזערין אויסגערופען אויפ־גערעגט, דיין גרויספאטער, דער בונטאוושציק, האט דיר דאביי געזאגט אז דאס איז דיא פרוי וואס האט גערויבט דעם רוסישען טהראן דורך מארד און גוואלד־טהאט.

עליזאבעט איז טויט־בלאס געווארען און האט דארויף גארניט געענט־פערט.

— איך קען מיינע שונאים, האט דיא קייזערין פארטגעזעצט מיט א גרוי־זאמען געלעכטער, איך ווייס וואס פאר א פאלשע רכילות זיי פערשפרייטען וועגען מיר. אבער איך האב שוין א סך פון זיי מיט מיין אייזערנע האנד פער־ניכטעט און איך וועל אויך דיא איבעריגע אבראמען פון וועג. מיט מיינע פיס וועל איך צוטרעטען יעדען איינעם וואס איז בעטהייליגט אין א פערשווערונג געגען מיר.

ביי דיא לעצטע ווערטער האט קאטהערינא אנגעפאנגען לויפען איבער'ן צימער הין און צוריק מיט שרעקליכע אויפרעגונג ביז זיא איז ענדליך וויעדער צוגעגאנגען צו עליזאבעט און האט ביי איהר געפרעגט מיט א שטרענגען טאן:

— וויא לאנג וואהנסט דוא שוין מיט דיין גרויספאטער אין פעטערבורג?

— פיער יאהר.

— וואו האט איהר פריהער געוואהנט?

— פריהער האבען מיר געלעבט רוהיג און פריעדליך אין דער האלענדי־שער הויפט־שטאדט האאג.

— האסט דוא זיך אין פעטערבורג ניט בעקאנט מיט א מאן מיט וועל־מען דוא דענקסט צו הייראטהען?

עליזאבעט'ס ליעבליכע געזיכט איז רויט געווארען און זיא האט געשוויגען.

— פאר וואס ענטפערסט דוא ניט? האט קאטהערינא ביי איהר געפרעגט מיט כעס. דוא טראכסט יעצט מיט וואס פאר א ליעגען מיך צו בעשווינדלען.

— ענטשולדיגט, האט עליזאבעט געזאגט מיט שטאלץ, א וואראנצאוו האט נאך קיינמאל קיין ליגען ניט געזאגט.

— בעטלער־שטאלץ! האט דיא קייזערין אויסגערופען מיט פער־אכטונג. עפעס א קלייניגקייט וואראנצאוו! דיין מוטער איז געווען א ביליגע קאמעדיאנטקע ביז א רייכער מאן האט זיא אויפגעהויבען פון גאס און האט זיא געמאכט פאר זיין מעטרעסע. דוא ביסט געבארען פון זינד, מיידעל, און גראדע וויא דיין מוטער זוכסט דוא אויך צו פערפיהרען פרעמדע מענער.

דיא אונגליקליכע מיידעל האט בעדעקט איהר געזיכט מיטביידע הענד און האט אנגעפאנגען ביטער צו וויינען.

— מוטער, אה, טהייערע מוטער! מען בעשימפפט דיך אין קבר און איך מוז עס הערען, און קען דיין ריינע זעעלע ניט פערטהיידיגען!

אבער עליזאבעט׳ס טרעהרען האבען אויף דער קייזערין קיין שום איינ־דרוק געמאכט, און זיא האט ווידערהאלט איהר ערשטע פראגע:

— האסט דוא זיך אין פעטערבורג ניט בעקענט מיט א יונגען מאן מיט וועמען דוא דענקסט צו הייראטהען?

עליזאבעט האט געשוויגען.

— וויא איך זעה, האט דיא קייזערין געדונערט שרעקליך אויפגערעגט, ווילסט דוא אויף מיין פראגע ניט ענטפערן. אבער דוא מעגסט שווייגען, איך וויים אליין אלעס. דוא ביזט דיא געליעבטע פון דעם לייטענאנט אלעקסאנ־דער פאטעמקין.

— ער איז ניט מיין געליעבטער, ער איז מיין חתן. האט עליזאבעט גע־שטאמעלט.

— אזוי, דיין חתן, האט דיא קייזערין געזאגט מיט א גיפטיגען שמיי־כעל, און האט אויפגעהויבען עליזאבעט׳ם האנד. דוא טראגסט זיין פער־לאבונגס־רינג. זעהר שעהן. נעהם שוין אראב דעם רינג און גיעב איהם מיר אוועק!

— דאס ניט. האט עליזאבעט געשטאמעלט. דאס קען נור געשעהן דאן ווען דיינע הענקער וועלען מיר אבשניידען דיא האנד. פריהער וועסט דוא דעם רינג ניט בעקומען.

— איך וועל דאס געוויס טהאן, האט קאטהערינא געענטפערט און האט א שטויס געטהאן פון זיך דיא מיידעל אז זיא איז געפאלען אויף׳ן נעבסטען שטוהל.

דיא קייזערין איז דאן צוגעגאנגען צו א קליינעם טישעל און האט זיך גע־ווענדעט צו עליזאבעט:

— הער מיך צו, עליזאבעט וואראנצאוו. איך וויל דא מיט דיר לאנג ניט פערברענגען. היער ליגט א ביינעלע פאפיער. זעץ זיך אוועק און שרייב א בריעף צו אלעקסאנדער פאטעמקין, אז דוא האסט איהם בעטראגען, אז דוא ליעבסט אן אנדערן. דיזען בריעף זאלסט דוא אונטערשרייבען און מיר אבגעבען.

— דאס וועל איך ניט טהאן! האט עליזאבעט אויסגערופען ענטשלאסען.

— דאן וועסט דוא ניט לעבען, מיידעל. דא האסט דוא דיר מיין אור־טהייל קורץ און שארף. דוא זעהסט, אויף׳ן זעלבען טישעל שטעהט א בע־כער מיט וויין און דוא וועסט עס אויגענבליקליך אין מיין געגענווארט מוזען אויסטרינקען.

— גיפט!?!

— יא, גיפט. יעצט האסט דוא נאך צייט צו ענטשיידען. ענטוועדער ענטזאג זיך פון אלעקסאנדער פאטעמקין, אדער שטארב! דוא ביסט יונג און שעהן. דוא קענסט נאך געפינען טויזענדע אנדערע מענער. איך וועל דיר געבען גענוג געלד זאלסט קענען אוועקפאהרען צוריק אין אויסלאנד און דארט לעבען אין רייכטהום און אין גלאנץ.

— ניין, ניין! האט עליזאבעט גשיאמערט, איך וועל בעסער יונגער־הייד געהן צום קבר און איך וועל מיך ניט ענטזאגען פון מיין געליעבטען חתן

— אה, איך קען עס ניט טהאן און איך וועל עס ניט טהאן.

— דוא פעראורטהיילסט זיך אליין צום טויט, האט דיא קייזערין געזאגט עטוואס רוהיג אבער ענטשלאסען, נעהם דעם בעכער און טרינק. איך גיב דיר דריי מינוט צייט. אויב דוא וועסט אין דיא דריי מינוט ניט ערפילען מיין פערלאנג דאן וועל איך דיך קודם איבערגעבען צו דיא קאזאקען פון מיין פאלאסט, זיי זאלען מיט דיר א שטונדע פערברענגען, און דאן ערשט וועלען מיינע הענקער דיר דיין קאפ ארונטערהאקען.

עליזאבעט איז טויט בלאס געווארען און א קאלטער שוויס האט איהר גאנצען קערפער בעדעקט. זיא האט געפיהלט אז דיא גרויזאמע קייזערין וועט געוויס טהאן אלעס וואס זיא זאגט און זיא איז א פערציטערטע געשטאנען און האט אליין ניט געוואוסט וויא זיא זאל יעצט האנדלען אין איהר גרויסע פערצווייפלונג.

איין מינוט איז פאריבער.

— פרייליין, דוא זעהסט, האט איהר דיא שטרענגע קייזערין ערמאנערט, איין מינוט איז שוין פאריבער.

עליזאבעט איז צוגעגאנגען נעהענטער צום טישעל און האט אויסגע־שטרעקט איהר ווייסע ציטערענדע האנד צום בעכער גיפט. אבער אין דעם מאָ־מענט איז דיא אונגליקליכע געפאלען אויף דיא קניע פאר דער קייזערין און האט אויסגעבראכען מיט א ביטער געוויין:

— האט רחמנות, מאיעסטעט, אויף מיינע יונגע בליהענדע יאהרען. צו־טרעט ניט מיט אייערע פיס א יונגע בלום וואס האט נאך אזוי ווייניג זאנענשיין געזעהן. וואס פאר א פערברעכען האב איך בעגאנגען דאמיט וואס איך ליעב מיין חתן? אה, גרויסע קייזערין! מיליאנען מענשען פערגעטערען אייך דער־פאר וואס איהר האט רוסלאנד געמאכט שטאלץ און מעכטיג. וואס פיר נוטצען קענט איהר האבען דערפון וואס איהר וועט טויטען אן ארימע שוואכע מיידעל וואס האט נאך אזוי ווייניג געלעבט אויף דער וועלט? קייזערין, גרויסע מעכ־טיגע הערשערין! דיא וועלט ריהמט אייער נאמען און אויך איך, עליזאבעט וואראנצאוו. שפרעך אויס אייער נאמען מיט עהרע און רעספעקט, האט רחמנות

אויף מיר! פון אלע מיליאָנען מענשען, וועלכע איהר בעהערשט, בעט איך ביי אייך נור איינעם — שענקט מיר מיין געליעבטען חתן אלעקסאנדער פּאַטעמקין!

— זעהר א שווערע זאך פערלאנגסט דוא, מיידעל, איך קען דיר אוועקגעבען אלע מיליאָנען, אָבער דעם איינעם אלעקסאנדער פּאָטעמקין וויל איך האָבען. ער מוז זיין מיינער!

ערשט יעצט האָט דיא אונגליקליכע עליזאבעט געננוי פערשטאנען אום וואָס דאָ האנדעלט זיך. דיא שרעקליכע ווארהייט איז איהר יעצט מיט אמאָל אין גאנצען קלאָר געוואָרען.

— קייזערין! האָט זיא אויסגערופען וויא איינער וואָס ווערט מיט א מאָל געריהרט פון זינען, איהר ליעבט אלעקסאנדער'ן! — אָה, דאן —

און מיט א פערצווייפלונג פון טויט האָט עליזאבעט געכאפּט דעם בעכער און האסטיג אויסגעטרונקען.

איינינע מינוטען האָט אין צימער געהערשט א שרעקליכע שטילקייט. קאטהערינא האָט געזעהן וויא עליזאבעט איז ארויפגעפאלען אויף איינע פון דיא גאָלדענע שטוהלען, וויא גרויסע שווייס טראָפּען האָבען איהר שעהנע יונגע געזיכט בעדעקט און וויא דער שאָטען פון טויט האָט זיך פערשפּרייט איבער איהר אונגליקליכען קרבן.

— נאָך איין וואָרט, האָט עליזאבעט געשטאמעלט מיט א שוואכע שטימע, איך וויים — מיינע אויגען קוקען יעצט אין דער צוקונפט — אלעקסאנדער וועט ליעגען ביי דיין ברוסט, קאטהערינא — ער וועט זיין דיינער — און מיין לעצטע בקשה, קאטהערינא — ליעב איהם. מאך איהם גליקליך — מאך איהם ניט פערדאָרבען — אָה, ער איז דאָך אזוי גוט, אזוי שעהן, אזוי נאָבעל — זיי איהם געטריי — אייביג — אייביג געטריי —

וויא פון א בליץ געטראָפען איז דאן עליזאבעט מיט א מאָל א פאל געטהאָן פון שטוהל אויף'ן קארפּעט. קאטהערינא איז א פערציטערטע געוואָרען, עס האָט מיט איהר אָנגעהויבען וואַרפען וויא אין א פיבער.

דיא לעצטע ווערטער פון עליזאבעט האָבען זיא טיעף געריהרט. זיי האָבען אויפגעוועקט ביי דער גרויזאמער קייזערין אין הארצען בעסערע געפיהלען און מיט טרעהרען אין דיא אויגען האָט זיא זיך אראָבגעלאָזען אויף דיא קניע צו דער שטערבענדער עליזאבעט און אויסגערופען מיט א געוויין:

— דוא הערסט נאָך, עליזאבעט, וואָס מען רעדט צו דיר, איך שווער דיר דאָ ביי דיין געבראָכענע הארץ, ביי מיין קייזערליכער קרוין, אז איך וועל אלעקסאנדער'ן ליעבען אייביג, ביז צו מיין לעצטער שטונדע. ווען גאנצע לענדער זאָלען שטירצען, ווען פעלקער זאָלען אונטערגעהן, ווען איך זאָל מיט דער גאנצער וועלט מוזען קעמפּפען, וועט מיין הארץ אימער געהערען צו איהם.

פאר איהם וועל איך אפפערן מיין לעבען, מיין קרוין, מיין אלעס און וועל איהם בלייבען עביג טריי.

מיט אמאל איז קאטהערינא שטיל געבליעבען. זיא האט מיט א שוידער דערזעהן, אז זיא רעדט צו א טויטען קערפער. דיעזע שעהנע מאיעסטעטישע פרוי, וואס האט ערשט מיט דער קאלטבלוטיגקייט פון א מערדערין געטריעבען א יונגע, אונשולדיגע מיידעל צום טויט, האט זיך יעצט אוועקגעזעצט א דער־שלאגענע און האט פערגאסען אמת'ע ביטערע טרעהרען אויף איהר אפפער.

דאס איז געווען א שטריך פון קאטהערינא'ס מערקווירדיגען טיפ.

זיא האט געהאט זעהר א גוטען כאראקטער. אין געוועהנליכען לעבען איז זיא ניט געווען שטארק פערדארבען. אבער ווען עס האט זיך אין איהר צוקאכט דיא ליידענשאפט, דאן איז זיא פערוואנדעלט געווארען אין א טיגערין און האט אין גאנצען פערגעסען אין ווארט רחמנות אדער יושר; דאן איז זיא געווען דיא גרויזאמסטע פרוי אין דער וועלט, ריכטיג וויא א חיה.

א צייט איז קאטהערינא געזעסען און האט בעוויינט איהר קרבן ביז זיא איז ענדליך אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען צום שפיעגעל, אבגעווישט דיא טרעהרען און האט געגעבען א סיגנאל, א קלונג אין א גאלדענעם גלעקעל וואס איז אויף'ן טיש געשטאנען.

באלד האט זיך א זייטיגע טיהר געעפענט און דער גענעראל גובערנאטאר באראן פאסעק איז אריינגעקומען.

— שוין? האט ער געלאסען געפרעגט. טויט? א שנעלער אורטהייל. קורץ און שארף!

— שווייג! — האט קאטהערינא אויסגערופען אויפגערעגט. איך דארף ניט האבען דיין מיינונג. דוא הער בעסער מיין בעפעהל. עליזאבעט ווארנצאוו איז פלוצים געשטארבען. איהר קערפער וועט ביז נאכט בלייבען דא אין גארטען־הויז. איך נעהם דעם שליסעל מיט זיך. מיין גאבריעל וועט דיר ברענגען דעם שליסעל היינט ביינאכט. זאלסט איהם ערוווארטען ביי'ם טויער פון פארק. בע־זארג א טרונע און צוויי טרעגער. דעם קערפער זאל מען אוועקלייגען אין אונ־זער קייזערליכען פאמיליען־גראב. גיעב נאר אכטונג, קיינער זאל קיין זאך ניט בעמערקען. אלעס זאל בלייבען א געהיימניס פיר אימער.

— מילא, איך וועל שווייגען, אבער, מאיעסטעט, וואס וועלען מיר טהאן, ווען דיא טרעגער וועלען דיא געהיימניס אויספלוידערען?

— ביסט א גרויסער אידיאט. דיא טרעגער? איך דארף דיר נאך זאגען וואס מיט זיי צו טהאן? אליין האסט דוא קיין שכל ניט? באלד וויא זיי וועלען האבען אבגעטהאן זייער ארבייט, נעהם און שיק זיי אב מיט א בריעף צום קאמאנדאנט פון פעטראפאוולאווסקע פעסטונג, זיי זאלען דארט ערהאלטען זייער שכר־טרחה.

— איך פערשטעה שוין, האט פאסעק געזאגט מיט א לוסטיגען שמיר-כעל. איך וועל געבען א בעפעהל מען זאל זיי דארט דורך דער געהיימער טיהר ארייגשליידערן אין קעלער אונטערן טייך נעווא, דאן וועלען זיי שוין געוויס ניט פלוידערן וואס מען דארף ניט. אלעס וועט פינקטליך בעזארגט ווערען, מאיעסטעט!

מיט דיעזע ווערטער האט זיך פאסעק פערנייגט ביז צו דער ערד, האט א קוש געטהאן דעם זוים פון קאטהערינא׳ס קלייד און איז אונטערטהעניג וויא א שקלאף ארוים פון גארטען־הויז.

קאטהערינא האט איהם אנגעקוקט מיט שפאט און פעראכטונג.

— קליינליכער מענשעלע! האט זיא צו זיך אליין געמורמעלט און האט איהם נאכגעקוקט. אויך פאר דיר וועט קומען א צייט, ווען דוא וועסט פאלען אין יענעם קעלער. אה, וויא איך האס דיעזע אלע קליינליכע טעלער-לעקער!

בלויז איין בליק נאך האט קאטהערינא געווארפען אויף דער טויטער עלי-זאבעט און מיט שוידער איז זיא ארוים פון גארטען־הויז, פערשלאסען דיא טיהר און האט צוגענומען צו זיך דעם שליסעל.

3טער קאפיטעל.

בעגראבען און גערעטעט.

דיא פינסטערע נאכט האט זיך פערשפרייט איבערן גרויסען פארק פון קייזערליכען פאלאסט. אונטער א געדיכטען גרויסען בוים ביים טויער פון פארק איז געשטאנען דער קליינער פראנצויזישער באי גאבריעל און האט געווארט.

ער האט אבער לאנג ניט געהאט צו ווארטען. באלד איז צו איהם צוגע-גאנגען דער גענעראל גוּבערנאטאר, באראן פאסעק. גאבריעל האט איהם איבער-געגעבען א שליסעל און האט איהם געזאגט אין נאמען פון דער קייזערין אז דיא פערשטארבענע וואס ליעגט אין גארטען־הויז זאל מען אוועקטראגען אין דעם פאמיליען־גראב פון דיא ראמאנאווס. אבער דיא טרעגער זאלען זיין ניט איינפאכע סאלדאטען, נור צוויי אפיציערען. איהר מאיעסטעט וויל אז מען זאל בעגלייטען דיא פערשטארבענע צו איהר לעצטע רוהע מיט האנאר און מיט עהרע וויא עס פאסט פאר א פרינצעסין.

דאמיט איז דער קייזערין׳ס קליינער שליח אוועק און פאסעק איז א ווייל״ע געבליבען שטעהען פערטראכט.

— צוויי אפיציערען זאלען זיא טראגען, האט ער געמורמעלט צו זיך אליין, דאס איז ווירקליך צופיעל כבוד פיר א ממזר. עס איז א שאדע דיא

אָפיציערען וואָס וועלען נאכהער מוזען פערשווינדען אין פּעטראָפּאוולאָסקי קעלער, וואו זייערע ביינער וועלען צושאָטען ווערען. אָבער וואָס קימערט עס מיך? דער קייזערין'ס בעפעהל מוז ערפילט ווערען. און עס איז איינענטליך א קנאפער אונטערשיעד ווער פון דיזע ליידיג־געהער וועט דערפאר מיט'ן לעבען בעצאָהלען.

באראָן פּאסעק איז פערבייגעגאנגען דיא גאנצע ריעזען־געביידע פון'ם ווינטער פּאלאסט ביז ער איז צוגעקומען צו א גרויסע בודקע, וואו עס האָבען זיך געפונען דיא וועכטער פון'ם פּאלאסט. דער דעזשורער לייטענאנט, א שעהנער יונגער אָפיציער האָט עמפּפאנגען דעם גענעראל גובערנאטאָר מיט מיליטערישע עהרע. פּאסעק האָט איהם א וואונק געטהאָן ער זאָל מיט איהם מיטגעהן און בײדע זיינען אוועק אייניגע שריט ווייט פון דער בודקע.

— וויא איז אייער נאָמען? האָט ביי איהם פּאסעק געפרעגט.

— ניקאָלאי מיראָוויטש, לייטענאנט פון ערשטען גווארדייסקי רעגימענט פון איהרער מאיעסטעט דער קייזערין קאטהערינא.

— איך בין דער גענעראל גובערנאטאָר פון פּעטערבורג. איך בין געקו־מען איהר זאָלט מיר באלד געבען צוויי אָפיציערען מיך בעגלייטען אויסצו־פיהרען א געוויסען, געהיימען בעפעהל.

— עס טהוט מיר לייד, עקסעלענץ, וואָס איך קען ביי מיין בעסטען ווילען ניט ערפילען אייער פערלאנג, האָט מיראָוויטש געענטפערט, אלע אָפי־ציערען געפינען זיך יעצט אויף זייערע פּאָסטענס אין דיא פערשיעדענע קאָרי־דאָרען פון פּאלאסט.

— איך מוז עס אָבער האָבען!

— עס טהוט מיר לייד. אלעס וואָס איך קען טהאָן איז פאָלגענדעס: אויף דער הויפט וואך געפינען זיך יעצט צוויי ארעטירטע אָפיציערען, דיא ליי־טענאנטען קרוזע און פּאָטעמקין, זיי קענט איהר נעהמען. איך פערגין מיינע בראווע קאָמעראדען מיט פערגעניגען דיא געלעגענהייט זיך צו קענען דורכנעהן אביסעל.

— פאר וואָס זיינען זיי ארעטירט?

— דעם לייטענאנט קרוזע האָט אונזער מאיאָר געפונען וויא ער האָט געשריעבען א בריעף צו זיין מוטער אין דער צייט פון דיענסט, און פאר וואָס מען האָט דעם לייטענאנט פּאָטעמקין ארעטירט ווייס איך נאָך אליין ניט. לעצטע נאכט האָב איך איבערגענומען פאר איהם דיא וואך נאָר אויף א שטונדע און ער איז צוריק געקומען ערשט מיט דריי שטונדען שפּעטער שרעק־ליך אויפגערעגט. ער האָט מיר אָפּגעגעבען זיין שווערד און האָט מיר ערקלעהרט אז אויף'ן בעפעהל פון זעהר א הויכע פּערזאָן איז ער ארעטירט אויף אן אונ־בעשטימטע צייט.

פאסעק האט איינגעשטימט צו נעהמען דיא צוויי ארעסטירטע אפיציערען און מיראוויטש איז אוועק צו זיי אין צעלע, וועלכע האט אויסגעזעהען וויא א ריכטיגע געפענגניס. אין דיעזע צעלע ביי דער שיין פון א קליינע לעמפיל זיינען געזעסען ביי א טישעלביידע ארעסטירטע אפיציערען.

— אה, פריינד מיראוויטש, האט פאטעמקין אויסגערופען מלא שמחה, דוא קומסט געוויס מיך צו בעפרייען. איך זאג דיר דעם אמת, אז ווען ניט אונזער קאמעראד קרוזע, וואלט איך אין דיא פיער און צוואנציג שטונדען שוין לאנג משוגע געווארען.

— ליידער האסט דוא א טעות, פאטעמקין, האט מיראוויטש געענט־פערט, איך האב נאך קיין בעפעהל ניט בעקומען ווענען דיין בעפרייאונג. דאך האב איך אייך געבראכט א שטיקעלע טרויסט. דער גענעראל גובערנאטאר פער־לאנגט צוויי אפיציערען זיי זאלען ערגעץ טהאן אן עהרענדיענסט. אין דיעזען פאלאסט קומען אפט מאל פאר געהיימניספאלע זאכען וואס דארפען בלייבען אויף אייביג א סוד פאר דער וועלט, און דיעזער צופאל איז וואהרשיינליך איי־נער פון אזעלכע געהיימניסע. דאך אייך, מיינע ברידער, מאכט עס גאנץ ווייניג אויס. דערווייל וועט איהר האבען א געלעגענהייט געהן אויף אייניגע שטונ־דען אויף דער פרייער לופט. מאכט זיך שנעל פערטיג און קומט מיט מיר.

אויף פאטעמקין'ס שעהנעם געזיכט האט זיך בעוויזען אן אויסדרוק פון גרויס פערדרוס.

פון דעם מאמענט וואס קאטהערינא, דיא רייצענדע, היציגע פרויענצימער האט איהם געהאלזט און געקושט און האט געטרייט מיט אלע איהרע קרעפטע זיין בלוט אויפצוקאכען, איז ער ארומגעגאנגען א צומישטער און טראכט דעם וואס ער האט זיין עליזאבעט שטערבליך געליעבט, האט ער פון דעסטוועגען אין הארצען שטארק געבענקט דיא שעהנע קייזערין וויעדער צו זעהען.

"האט זיא מיך שוין ווירקליך אין גאנצען פערגעסען?" האט ער ביי זיך אין הארצען זיך אליין געפרעגט. מעגליך אז גראף ארלאוו האט מיט זיין מעכטיגען איינפלוס געבראכט דאצו אז זיא זאל פון מיר שוין אפילו ניט וועלען וויסען מעהר.

דיעזע געדאנקען האבען איהם אויך קיין רוהע געגעבען ווען ער און זיין פריינד קרוזע זיינען געגאנגען מיט מיראוויטש'ען, וועלכער האט זיי באלד פארגעשטעלט דעם גענעראל גובערנאטאר אלס אזעלכע אפיציערען, אויף וועלכע מען קען זיך פערלאזען.

דער אלטער באראן פאסעק, טראכט דעם וואס ער איז געוועזען שרעקליך פערדארבען, האט ער פון דעסטוועגען עטוואס מיטלייד בעקומען, ווען ער האט בעטראכט דעם מערקווירדיגען חן וואס האט גערוהט אויף אלעקסאנדער פאטעמקין. א שאדע, האט ער זיך געטראכט, וואס אזא זעלטען שעהנער יונ־

נער מאן זאָל נאָך היינט צושמעטערט ווערען אין דיא טיעפע קעלערען פון פעטראָפּאוולאָווסקי פעסטונג.

לאנג האָט ער אָבער דאריבער ניט געוואָלט טראכטען און האָט זיך צו זיי געווענדעט:

— קומט מיט מיר, מיינע הערעןן, איהר ווערט דארפען ערפילען א זאָנ־דערבארע אויפגאבע, פאר וועלכער מען וועט אייך גלענצענד בעלאָהנען. דאביי מוז איך אייך אָנזאָגען אז וועהרענד דיא נעכסטע צוויי שטונדען דארפט איהר מיר קיין פראגע ניט שטעלען און טאָרט קיין וואָרט ניט רעדען אפילו צווישען זיך. און אחרי ככלות הכל, ווען אלעס וועט שוין זיין אָפּגעטהאָן, מוז עס בליי־בען א געהיימניס פיר אימער, קיינער טאָר ניט וויסען קיין זאך פון אלעס וואָס איהר וועט זעהען און הערען.

פּאסעק איז מיט זיינע בעגלייטער אוועק פון דער שלאָס־וואכע און האָט זיי אוועקגעפיהרט איבער דיא שנעע־בעדעקטע וועגען פון פארק ביז זיי זיי־נען געקומען צום גאָרטען־הויז. דער גענעראל גובערנאטאָר האָט געעפענט דיא טיהר און אריינקומענדיג אין זאאל, וועלכע האָט געגלאנצט פון לוקסוס און רייכטהום, זיינען ביידע אָפיציערען ערשטוינט געוואָרען צו זעהען, אז דאָ שטעהט א רייך־פערציערטע טרונע, אין וועלכער עס ליעגט א טויטער קערפער.

אונטער'ן שווארצען טוך, מיט וועלכען עס איז געווען בעדעקט דיא גאנצע געשטאלט ביז איבער'ן קאָפּ, האָט מען ניט געקענט זעהען וואָס פיר א פּערזאָן דאָס איז. עס האָבען זיך נאָר ארויסגעזעהען צוויי קליינע זעהר שעהנע פיסע־לאך. דערפון האָט מען זיך געקענט מאכען א בעגריעף, אז דיא פערשטאָרבענע איז א יונגע פרוי אָדער א מיידעל.

— שנעל, נור שנעל! האָט פּאסעק געאיילט, ליגט ארויף דיא דעק אויף דער טרונע שנעלער, עס איז גענוג צוויי שרויבען עטוואָס בעפעסטיגען. זיינט איהר פערטיג, מיינע הערען? גוט, נעהמט יעצט דיא טרונע און טראָגט מיר נאָך אום דיא פערשטאָרבענע צו איהר עוויגע רוהע צו ברייגגען.

דער טרויער־צוג איז ארויס פון גאָרטען־הויז אין פארק, דער גענעראל גובערנאטאָר איז געגאנגען פאָראויס און האָט געצייגט דיא ביידע טרעגער דעם וועג. ענדליך זיינען זיי צוגעקומען צו א מויער־וואנד, און דורך אן אייזערנע טיהר זיינען זיי צוגעקומען צו א גרויסען פּלאץ, בעפלאנצט מיט בוימער און צווישען דיא בוימער איז געשטאנען א רונדע געביידע וואָס האָט אויסגעזעהען וויא א טעמפעל.

דער גובערנאטאָר איז אריין אין טעמפעל און זיי נאָך איהם. ער האָט זיי דאָן אראָפּגעפיהרט איבער ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ אין א טיעפען קע־לער־געוועלב.

— בעטרעט דיעזען פּלאץ מיט עהרפורכט, מיינע הערען! האָט דער

גענעראל גובערנאטאר געזאגט צו דיא טרעגער, דא רוהען דיא ביינער פון אונזערע קייזארים.

ביי דיעזע ווערטער האט פאסעק אראבגענומען זיין הוט און ביידע אפי־ציערען האבען אויך געטהאן דאס זעלבע.

דיא שיין פון דיא פאקעלען האט זיך פערשפרייט אויף א גאנצע רייהע טהייערע טרונעס וואס זיינען געשטאנען ארום דיא מארמאר וועגד. דיא מעהרסטע טרונעס זיינען געוועזען בעקרוינט מיט'ן פאמיליען־הערב פון דיא ראָ־מאנאָוס, מיט זילבערנע פלאטען אויף וועלכע עס זיינען געוועזען אויסגעקריצט דיא נעמען פון דיא פערשטארבענע און דיא צייט, ווען זיי זיינען געשטארבען. עס זיינען אויך געוועזען א סך טרונעס אהן הערבען און אהן פלאטען און דאך האבען דיעזע אונבעקאנטע גערוהט צוזאמען אין איין געוועלב מיט דיא געקרוינטע הערשער. דאס זיינען דיא ממזרים, דיא אונגעזעצליכע קינדער פון דער פאמיליע ראמאנאָוו, דיא פרוכט פון דיא קייזערליכע געהיימע ליעבעס.

אויף פאסעק'ס בעפעהל האבען דיא טרעגער לאנגזאם אוועקגעשטעלט דיא טרונע נעבען א גרעסערע טרונע וואס איז געשטאנען מיט א גאלדענעם הערב. אונטער'ן הערב איז געוועזען אויסגעקריצט דיא ווערטער: "צאר פעטער דער דריטער. געשטארבען דעם 5טען יולי, 1762."

דיא צוויי אפיציערען האבען ניט געוואוסט, אז דאס האבען זיי יעצט גע־בראכט דיא טאכטער צו איהר פאטער.

אלע דריי האבען זיך געשטעלט אויף דיא קניע און געהאלטען א געבעט פאר דיא נשמות פון דיא פערשטארבענע און באלד האבען זיי געענדיגט דיא תפילות און זיינען שנעל ארויס פון קעלער־געוועלב.

— יעצט, מיינע הערען, האט דער גענעראל גובערנאטאר צו זיי גע־זאגט, נעהמט דיעזען בריעף און געהט אוועק צום פעסטונג. דארט וועט איהר ערהאלטען א שעהנע בעלאהנונג פאר דער עהרען־דיענסט וואס איהר האט יעצט ערפילט.

פאטעמקין האט צוגענומען דעם בריעף און איז אוועק מיט זיין קאמע־ראד דורך'ן פארק.

דער גובערנאטאר איז אוועק אויף אן אנדער וועג מורמלענדיג צו זיך אליין:

— א שאדע אזעלכע צוויי יונגע לייט, אבער וואס קען מען העלפען? דיא קייזערין האט אזוי פערלאנגט און איהר פערלאנג מוז ערפילט ווערען.

אויף'ן קייזערליכען בית עולם אין טיעפען מארמאר־געוועלב איז ווידער פינסטער געווארען נאכדעם וויא פאסעק און דיא צוויי יונגע אפיציערען זיינען פון דארט אוועק. אבער דאס האט ניט לאנג געדויערט. אין איינינע מינוטען שפעטער איז אהין געקומען גאבריעל, דער קייזערין'ס פאזש, מיט א

לאנטערנע אין האנד, מיט איהם צוזאמען איז געקומען דער מעכטיגער שוואר־צער גראף גרעגאר ארלאוו.

— שנעל צו דער ארבייט, גאבריעל, מיר טארען קיין איבעריגע מינוט צייט ניט פערלירען! האט דער גראף געזאגט, אבער ערקלעהר מיר, מיין ליעבער גאבריעליק, ווייסט דוא בעשטימט אז דיא קייזערין האט גענו־מען דעם ניפט פון א פלעשעל וואס האט אויסגעזעהען וויא א בינטעל וויין־טרויבען?

— געוויס ווייס איך עס בעשטימט, הערר גראף. איך האב אליין געבראכט אין גארטען־הויז דעם וויין און אנגעגאסען א פולען בעכער וויין. דאן האט דיא קייזערין ארויסגענומען פון איהר טאש דאס פלעשעלע און האט אריינגע־טריפט אייניגע טראפען אין בעכער. עס האט זיך געהערט פון דיא טראפען אן עקעלהאפטער זיסער גערוך. דיא קייזערין האט מיר דאן באלד געהייסען ברענ־גען דיעזע אונגליקליכע מיידעל.

— זעהר פיין, מיין טהייערער גאבריעל! האט ארלאוו אויסגערופען צופריעדען, עס איז זעהר גוט וואס דוא לאזט מיר אימער וויסען פון אלעס וואס עס קומט פאר אין פאלאסט. דוא וועסט דערצו ניט דערלייגען!

— איהר דארפט מיר דערפאר גאר ניט געבען, האט דער קלוגער יונג געענטפערט, איהר פאר מיר האט געטהאן פיעל מעהר. איהר האט גענומען מיך, אן ארימען יתום, ארויסגענומען פון פאריזער וייזען־הויז און האט מיך געבראכט צו דער רוסישער קייזערין, איך וועל עס אייך קיין מאל ניט פערגעסען. בלויז איין זאך וויל איך ביי אייך פרעגען, גראף!

— וואס?

— ווען איהר וועט דיעזע מיידעל רעטען, וועט עס גאר ניט שאדען אונזער ליעבער קייזערין?

— אנטקעגען וואס פרעגסט דוא עס?

— ווייל איך וועל בעסער שטארבען, איך וועל בעסער זיך אליין א מיתה אנטהאן, איידער איך זאל זעהן אז דיא שעהנע קייזערין קאטהערינא זאל האבען דיא מינדעסטע אונאנגענעהמליכקייט.

— חא־חא־חא! האט זיך ארלאוו צולאכט מיט א געוואלדיגען גע־לעכטער, וויא היציג, מיט וואס פיר א בעגייסטערונג דוא שפרעכסט עס אוים דעם נאמען קאטהערינא! וויא איך זעה, מיין יונגע, האט זיא דיך שוין אויך אריינגעכאפט אין איהר נעטץ. זיא איז א קונה אויף אלעס. ארוים מיט לשון, גאבריעל, זאג דעם אמת: האט זיא שוין אין דיין יונגע הערצעלע אויך אנגע־צונדען א פייער פון ליעבע און לײדענשאפט? פאר מיר דארפסט דוא קיין מורא ניט האבען, איך בין דאך דיינער א פריינד, זאג מיר דעם אמת!

— איך ווייס ניט וואס איך זאל אייך זאגען, גראף, האט דער פופצעהן

יעהריגער אינגעל נעשטאמעלט, אלעס וואָס איך ווייס איז, אז מיינע געפיהלען צו איהר זיינען הייליג, איך פערגעטער זיא וויא מען פערגעטערט א מלאך, און ווען איך דענק וועגען איהר אָדער ווען איך הער זיא רעדען, ווערט מיר עפּעס אזוי זיס אויף׳ן הארצען אז איך פיהל מיך גאָר אן אנדער מענש. דאָס איז אלעס וואָס איך קען אייך זאָגען.

— דוא מוזט אודאי מורא האָבען אז איך וועל אייפערזיכטיג ווערען, האָט אָרלאָוו געלאכט, אָבער עס מאכט ניט. דוא דארפסט ניט רעדען, איך זעה שוין אין דיינע אויגען אלעס. איך זעה עס, אָבער עס ארט מיך ניט. פאר מיר איז גענוג דאָס וואָס איך ווייס אז אויף דיר קען איך זיך פערלאָזען. קום אהער נעהענטער מיט׳ן לאנטערן, איך וועל נעהמען אָבשרויפען דיא דעק פון דער טרונע.

גאבריעל איז צוגעקומען מיט׳ן לאנטערן נאָהענט צו דער טרונע און וועהרענד אָרלאָוו האָט זיך בעשעפטיגט מיט׳ן עפענען דיא דעק האָט ער ווידער געפרעגט ביים יונגען באָי:

— ווייסט דוא אויף זיכער, אז דיעזע מיידעל איז עליזאבעט וואָראָנצאָוו?

— געוויס ווייס איך עס אויף זיכער. איך האָב אליין געהערט וויא דיא קייזערין האָט איהר בעפעהל געגעבען צום גענעראל גובערנאטאָר, ער זאָל ארעסטירען עליזאבעט וואָראָנצאָוו און איהר פאָטער.

— קאטהערינא האָט מורא פאר א קאָנקורענטקע, האָט אָרלאָוו געמורמעלט צו זיך אליין, עליזאבעט איז אן עכטע ראָמאנאָוו. דיא טאָכטער פון קייזער פעטער. געבאָרען פון׳ם קייזער׳ס געליעבטע דיא אקטריסע וואָראָנצאָוו. עליזאבעט האָט מעהר רעכט צום רוסישען טהראָן וויא קאטהערינא, און עס איז פאר מיר זעהר וויכטיג זיא לעבעדיג צו מאכען און זיא ארייננצוקריגען אין מיינע הענד. איך מוז שטענדיג האָבען א בייטש געגען דער קייזערין, איך וועל זיא נור דאן קענען פאָלשטענדיג בעהערשען, ווען זיא וועט פאר מיר ציטערען.

באלד האָט אָרלאָוו ארויסגענומען פון טאש א קליינע פלעשעלע און גאבריעל האָט אן ערשטוינענדען בליק געוואָרפען אויף׳ן שווארצען גראף.

— איך קוק אויף אייך און וואונדער זיך, האָט גאבריעל געזאָגט, וויא וועט עס אייך מעגליך זיין לעבעדיג צו מאכען דיעזע אָרימע מיידעל, וועלכע איז שוין אזוי פיעל שטונדען טויט פון׳ם גיפט?

— איך וועל דיר אלעס ערקלערען, גאבריעל! דוא ווייסט דאָך, אז איך האָב דיך ליעב און אז פאר דיר האָב איך קיין סודות ניט. זאָלסט וויסען אז קאטהערינא איז געקומען צום טהראָן דורך א געוואלדיגע פערשווערונג געגען איהר מאן, צאר פעטער דעם דריטען. דאָס, מיין קינד, איז געווען א רעוואָלוציאָן, פערבונדען מיט גרויס ריזיקע. דען ווען דיא זאך זאָל ניט געווען געלונגען, וואָלט קאטהערינא זיכער געווען פעראורטהיילט געוואָרען צום טויט. איך בין

דאמאָלס געווען איהר רעכטע האנד, איהר טיכטיגסטער מיטהעלפער און איהר טהייערסטער פריינד, און ווען עס איז געקומען דיא צייט מיר זאָלען פאָהרען קיין אָראניענבוים דעם קייזער געפאנגען צו נעהמען, האָבען מיר ביידע געהאט א קורצען געשפרעך אין איהר בודואר און קאטהערינא איז צוגעשטאנען צו מיר איך זאָל פאר איהר בעזאָרגען א פלעשיל גיפט, אין פאל איהר פלאן וועט דורכפאלען זאָל זיא גלייך קענען בעגעהן זעלבסטמאָרד. איך מוז דיר זאָגען דעם אמת, גאבריעל, אז דער געדאנק, דאָס אזא רייצענדע שעהנהייט זאָל שטארבען, האָט מיין נשמה אין שטיקער צוריסען, איך האָב פרובירט איבער־רעדען מיט איהר זיא זאָל פון זיך דעם געדאנק פון גיפט פערטרייבען, אָבער מיינע ווערטער האָבען ניט געהאָלפען, זיא האָט דורכאויס פערלאנגט איך זאָל איהר שאפען גיפט. איך בין דאן אוועק צו מיינעם א בעקאנטען אפטייקער און ער האָט פאר מיר פערפערטיגט א סאָרט גיפט, וועלכער איז אין ווירקליכקייט נור א מין שלאָף־געטראנק. אָבער ס׳איז א שטארקער שלאָף־געטראנק; ווער עס טרינקט איהם, פאלט אריין איז אזא שלאָף, אז ער ווייזט אוים ריכטיג וויא געשטאָרבען. דער אפטייקער האָט מיר דיעזען גיפט געגעבען אין א פלעשעל וואָס טראָגט אויף זיך א שטעמפעל פון א בינטעל וויינטרויבען. צו דער זעלבער צייט האָט ער מיר אויך געגעבען א צווייטע פלעשעל, אן איינפאכע גלאטע פלעשעל מיט א מין סיראָפ און האָט מיר געגעבען פאָלגענדע ערקלערונג איבער דיא ביידע פלעשלאך:

— ווען יעמאנד זאָל אויסטרינקען א גלאָז ווייז, וואָס ענטהאלט אין זיך צעהן טראָפען פון דיא טרויבען פלעשעל, בלייבט ער ליעגען אזוי וויא טויט. דער קערפער ווערט שטייף און קיין אטהעם הערט מען ניט. מען קען אָבער דעם זעלבען מענשען ווידער לעבעדיג מאכען, ווען מען זאָל איהם איינגיבען דעם מע־דיצין פון צווייטען פלעשעל בעפאָר עס נעהען פאָראיבער 17 שטונדען. אָבער נאָך 17 שטונדען איז פערפאלען, דאן בלייבט דער פערגיפטעטער טויט און קיין זאך קען איהם מעהר נים העלפען.

„איך בין דאן אוועק צוריק צו קאטהערינא׳ן. איך האָב איהר איבערגע־געבען דעם גיפטיגען שלאָף־געטראנק אין דעם טרויבען־פלעשעל, אָבער דאָס צווייטע פלעשעל האָב איך בעהאלטען פאר זיך. יעצט זאָג מיר, גאבריעל, ווייסט דוא פינקטליך דיא צייט, ווען דיא מיידעל האָט אויף דער קייזערין׳ס בעפעהל געטרונקען דעם גיפטיגען בעכער וויין?

— יא, האָט גאבריעל געענטפערט, ס׳איז געווען ריכטיג האלב נאָך זעכס אין דער פריה.

— און יעצט איז א פיערטעל צו צוועלף האלבע נאכט, האָט אָרלאָוו געזאָגט און האָט א קוק געטהאָן אויף זיין זייגער, מיר האָבען אלזאָ נאָך 15 מינוט צייט דיא פערגיפטעטע אָבצומינטערען. צו דער ארבייט, גאבריעל!

מיט דיא ווערטער האָט אָרלאָוו אראָבגעוואָרפען דיא דעק פון דער טרונע, אראָבגענומען דיא שווארצע טוך, אין וועלכער עליזאבעט איז געווען איינגע־וויקעלט און ביי דער דונקעלער שיין פון דעם לאנטערן האָט ער דערזעהן עלי־זאבעט'ס בלאסע און ליעבליכע געזיכט.

אָרלאָוו איז ערשטוינט געוואָרען. ער האָט דערקענט אז דאָס איז דעם דיאמאנטען שלייפער'ס אייניקעל.

— איך האָב אָבער באלד דערקענט גלייך וויא איך האָב אויף איהר א קוק געטהאָן, אז זיא זעהט אויס וויא א געבאָרענע ראָמאנאָוו, האָט ער צו זיך געמורמעלט, יא, דאָס איז זיא, דיא טאָכטער פון צאר פעטער דעם דריי־טען. קאטהערינא ווייס וואָס זיא טהוט, פאר אזא קאָנקורענטין איז דאָ וואָס צו ציטערן. אין מיינע הענד וועט דיעזע מיידעל זיין א גוט ווערק־צייג און א גוטער מיטעל דיא שטאָלצע קייזערין צו בויגען אביסעל און אָבצוהאלטען זיא, אז זיא זאָל אויסער מיר מיט קיין אנדערע מענער מעהר ניט צו טהאָן האָבען. עליזאבעט וואָראָנצאָוו, דיא טאָכטער פון דעם ערמאָרדעטען צאר, זאָל ערוואכען און דיענען פאר מיינע צוועקען.

ער האָט אויפגעעפענט דאָס פלעשעל, האָט ארייגעטריפט פאָרזיכטיג צעהן טראָפּען דער פערגיפטעטער אין מויל אריין און האָט זיך אוועקגעשטעלט אין א זייט ווארטען, זעהן דעם רעזולטאט.

עס זיינען פאָראיבער דריי מינוט. מען האָט קיין ווירקונג געזעהן. אָרלאָוו האָט שוין אָנגעפאנגען מורא צו האָבען טאָמער האָט גאבריעל ניט געדענקט ריכטיג דיא שטונדען און זיין גאנצע ארבייט וועט זיין אומזאָנסט. אָבער מיט אמאָל האָט ער בעמערקט וויא דיא פערגיפטעטע פאנגט אָן צו בעווייזען סמנים פון לעבען. איהר ווייסע געזיכט האָט זיך בעדעקט מיט א צערטליכע רויטקייט, איהר יונגע שעהנע ברוסט האָט זיך אָנגעפאנגען בעוועגען מיט א שוואכען אטהעם און א שטילער זיפץ איז ארויסגעפליוגען פון איהרע ראָזע־ליפּען.

גרעגאָר אָרלאָוו האָט א וואונק געטהאָן גאבריעל'ען ער זאָל אוועקגעהן און גאבריעל האָט איהם געפאָלגט און איז ארוים פון דער קייזערליכער מערת המכפלה.

א פּאָאָר מינוטען מעהר און עליזאבעט האָט איהרע אויגען לאנגזאם געעפענט און האָט זיך ארומגעקוקט מיט ערשטוינענדע בליקען. דאן האָט זיא אויסגערופען מיט א שוואכע שטימע:

— וואו בין איך דאָ? טרונעס, אָה, אלמעכטיגער גאָט! איך בין לע־בעדיג געוואָרען! ... א מאן! האָט זיא אויסגעשריען דערזעהענדיג מיט אמאָל אָרלאָוו'ן. אָה, איך דערקען אייך! איהר זיינט — אָה, הימלישער פאָטער, איהר זיינט דאָך דער שווארצער גראף!

עליזאבעט איז פון שרעק צוריקגעפאלען אויף דיא זיידענע קישענס פון דער טרונע. אָבער אָרלאָוו האָט זיא אָנגענומען פאר'ן האנד און האָט מיט א זאנפטע שטימע געזאָגט:

— שרעק זיך ניט, עליזאבעט! איך בין דיין פריינד. איך האָב דיך גערעטעט פון טויט. דוא געפינסט זיך יעצט דאָ אין גראבס-געוועלב פון דער קייזערליכער פאמיליע, פון דיא ראָמאנאָווס. קאטהערינא גלויבט, אז דוא ביסט שוין לאנג טויט, און אויף איהר בעפעהל האָט מען דיך אהער געבראכט. זיא אליין האָט דאָך דיר געהייסען טרינקען דעם גיפט-בעכער, ניט וואהר?

— יא, זיא אליין, האָט עליזאבעט געענטפערט מיט א ביטערען זיפץ, ווען זיא וועט ערפאהרען, אז איך בין גערעטעט פון טויט, וועט זיא געוויס געפינען אן אנדער מיטעל מיך צו טויטען.

— דערפאר זאָלסטו קיין מורא ניט האָבען. ווען דוא וועסט זיך נאָר איבערגעבען אונטער מיין שוץ, וועט דיר קיין בייזעס געשעהן. האָב נאָר צוטרויען צו מיר און איך וועל שוין זעהן, אז קאטהערינא זאָל דיר גאָר ניט קענען טהאָן.

מיט דיא ווערטער האָט אָרלאָוו אָנגענומען עליזאבעט'ס האנד און האָט איהר געהאָלפען זיך אויפהויבען פון טרונע, דאן האָט ער פאָרטגעזעצט:

— עליזאבעט וואָראָנצאָוו, איך וועל דיר יעצט ערקלערען דיא גאנצע געשיכטע ווארום דיא קייזערין פערפאָלגט דיך. מעגליך, אז זיא האָט דיר געזאָגט אן אנדער אורזאכע, איז דאָס אָבער נור א תירוץ, א פאלשער אויסרייד. דער אמת איז, אז זיא האָט פאר דיר מורא. דוא ביסט דיא טאָכטער פון צאר פעטער דעם 3טען, געבאָרען פון דער בעריהמטער שוישפיעלערין וואָראָנצאָוו. דיא גרויסע שעהנע אקטריסע וואָראָנצאָוו איז געוועזן פעטער'ס געליעבטע אין זיינע יונגע יאָהרען. ער האָט זאָגאר מיט איהר געוואָלט אין געהיים הייראטען. ווען דער קייזער האָט געהייראט דיא דייטשע פרינצעסין קאטהערינא, ביסט דוא דאמאָלס אלט געוועזן אונגעפעהר צעהן יאָהר. קאטהערינא אליין איז דאמאָלס מעהר ניט אלט געוועזן וויא א יאָהר פיערצעהן. אונגעפעהר מיט פיער יאָהר נאָכדעם האָט קאטהערינא פערשטויסען איהר מאן, דאָס הייסט דיין פאָטער פעטער, פון'ם טהראָן, און האָט איהם געלאָזט ערמאָרדען. זיא איז געוואָרען קייזערין און דיין מוטער האָט דאן מיט דיר געמוזט אנטלויפען פון רוסלאנד. איהר זיינט אָבגעפאָהרען נאָך האָלאנד און האָט דאָרט געוואוינט אויף א אימעניע ניט ווייט פון אמסטערדאם. איינמאָל אין א געוויסע נאכט איז אהין צו אייך געקומען אן אונטערגעשיקטער געדונגענער מערדער, וואָס האָט זיך אונטערנומען דיך און דיין מוטער צו טויטען. ער האָט פערגיפטעט דיא פלאש וואסער וואָס איז געשטאנען אין אייער צימער. דיין מוטער האָט פון דער פלאש וואסער געטרונקען און איז באלד דערפון געשטאָרבען, זיא

האָט אפילו ניט געהאַט דיא געלעגענהייט צו דערצעהלען דיין גראָספּאָטער וואָס מיט איהר איז געשעהן. אָבער דיין גראָספּאָטער האָט דאן ענטדעקט דיא פערגיפטעטע פלאַש און דוא ביסט געזעטעט געוואָרען. דיין גראָספּאָטער לעבט נאָך יעצט אין טעות. ער גלויבט, אז דיין מוטער האָט בעגאַנגען זעלבסט־מאָרד, אז זיא האָט זיך אליין פערגיפטעט איבער איהר טרויער נאָך איהר געליעבטען צאר. אָבער ס'איז ניט געווען קיין זעלבסטמאָרד. ס'איז געווען א מאָרד.

— מיין טהייערער גראָספּאָטער! האָט עליזאַבעט אויסגערופען מיט א שרעקליכען יאַמער. וואָס האָבען זיי מיט איהם געמאַכט? וואו איז ער ערגיץ? ער ליעגט ערגיץ אין א קערקער געשמיעדט אין קייטען און איך לעב! אָה, גראף אָרלאָוו, צו וואָס האָט איהר מיך ערוועקט פון טויט? איך וויל ניט לעבען!

— ניין, עליזאַבעט, דוא מוזט לעבען, דוא דאַרפסט לעבען און ראַכע נעהמען פאר'ן בלוט פון דיינע עלטערען און פאר דיא ענויים קשים, וואָס דיין גראָספּאָטער ליידעט יעצט. פערגעס ניט, אז דוא ביסט א ראָמאַנאָוו, א טאָכטער פון א קייזער און דיין פליכט איז צו קעמפּפען פיר דיינע רעכטע.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער זיא ארויסגעפיהרט פון צווישען דיא קייזער־ליכע קברים און עליזאַבעט איז פון דאָס ניי בעלעבט געוואָרען. זיא האָט דער־פיהלט דיא פרישע לופט פון גאַס און שטיל אין דער פינסטערער נאַכט זיינען זיי ביידע געגאַנגען ביז'ן טויער פון פּאַרק. דאן האָט עליזאַבעט צוריקגעצוי־גען איהר האַנד פון אָרלאָוו'ס אָרם און האָט געזאָגט:

— דאָ מוזען מיר זיך שיידען, גראף. איך דאַנק אייך זעהר פאר אַלעס וואָס איהר האָט מיר יעצט געטהאָן, אָבער לאָזט מיך אליין געהן מיין וועג. עס איז בעסער פאר מיין כבוד, מען זאָל מיך ניט זעהן מיט אייך צוזאַמען. אַלעס וואָס איך בעזיץ יעצט אויף דער וועלט איז מיין עהרע און מיין ריינער נאָמען און דאָס וויל איך מיט אַלע מיינע מעגליכקייט היטען.

— דאָס איז גאַנץ שעהן פון דיר, עליזאַבעט, האָט אָרלאָוו בעמערקט, ס'איז גאַנץ שעהן וואָס דוא ווילסט היטען דיין כבוד, איך האָב גאָר ניט דאגעגען, דאָך וועל איך דיר מאַכען פאָלגענדען פאָרשלאַג: דאָ, אין פּעטערבורג ביסט דוא מיט דיין לעבען ניט זיכער. קאַטהערינא'ס שפּיאָנען וועלען דיך באַלד אויסגעפינען. דוא מוזט אַלזאָ פאָרלויפיג ערגיץ זיין בעהאַלטען, פערבאָרגען, קיינער זאָל דיך ניט זעהן. אויב דוא ווילסט, וועל איך דיך אָבשיקען אויף א געוויסע שטילע אימעניע, בלויז א פּאָאָר ווערסט פון פּעטערסבורג. דאָרט וואָהנט אן אַלטע דאַמע, מיין פערשטאָרבענער מוטער'ס א פריינדין. זיא האָט מיך עטליכע מאָל געבעטען, איך זאָל איהר רעקאָמענדירען אן אנשטענדיגע, געבילדעטע פריילין, אַלס קאָמפּאַניאָנקע. מיין שליטען שטעהט ביים פּאַרק,

עס נעהמט בלויז צוויי שטונדען און דוא וועסט זיין דארט געהיט און בעשיצט פון אלע אונגליקען, וואס קען מיט דיר פאסירען אין פעטערבורג.

— איהר ווילט מיט מיר מיטפאהרען? האט עליזאבעט געפרעגט מיט א פערדעכטיגען טאן.

— אה, ניין. דאס איז ניט נויטיג. איך וועל ניט מיטפאהרען. איך האב מיט מיר א פערטיג אנגעשריעבענעם בריעף, וועלכען דוא וועסט איבערגעבען צו מיין פריינדין, דער גרעפין כריסטאמא, דיא בעזיצערין פון יענער אימעניע. זיא איז אליין א שפאנישע פרוי. זיא איז אנטלאפען נאך רוסלאנד איבער פערשיעדענע אינקוויזיציאנס פערפאלגונגען. זיא וועט דיך געוויס פריינדליך עמפפאנגען און דוא וועסט ביי איהר האבען א שטילע, א גוטע און א רוהיגע היים.

נאך א קורצע איבערלעגונג האט עליזאבעט בעשלאסען דעם פארשלאג אנצונעהמען. זיא האט איינגעזעהן, אז ארלאוו האט רעכט. אין פעטערבורג איז זיא זאגאר א מינוט מיט איהר לעבען ניט זיכער. אויף דער אימעניע וועט זיא זיך גוט אויסרוהען, זיא וועט פון דארט באלד שיקען א בריעף צו איהר חתן און ער וועט געוויס באלד צו איהר קומען. דאן וועלען זיי צוזאמען בע־טראכטען אלע זייערע פלענער פיר דער צוקונפט.

עליזאבעט האט אלזא אויף דיזען פארשלאג איינגעשטימט. ארלאוו האט א סיגנאל געגעבען און באלד איז צוגעפאהרען צום פראנט פון פארק א טהייערער שליטען געשפאנט מיט פראכטפאלע דריי פערד. עליזאבעט האט זיך אריינ־געזעצט אין שליטען און ארלאוו האט זיא צערטליך איבערגעדעקט מיט דער ווייסער בערען־פעל, דאן האט ער א וואונק געטהאן צום קוטשער און דער שליטען איז אין דעם זעלבען מאמענט ארויסגעפליגען פון פארק איבער דיא שטילע גאסען פון פעטערבורג.

— זיא איז דארט זיכער, האט ארלאוו געלאכט צו זיך אליין. זיכער וויא א געפאנגענע פייגעלע אין א גאלדענעם שטייג.

4טער קאפיטעל.

א אידישע פירסטין.

אין דער צייט, ווען אין רוסלאנד האט רעגיערט דיא בעריהמטע קייזערין קאטהערינא, וועלכע איז געקרוינט געווארען פון דער וועלט געשיכטע מיט'ן נאמען "דיא גרויסע" — אין יענער צייט האט דיא הויפט שטאדט פעטערבורג אנגעהויבען אויסזעהען עכט אייראפעאיש. קאטהערינא האט אכטונג געגעבען, אלע רעגיערונגס געביידען זאלען זיין שעהן און רייך געבויט, דיא שטאדט זאל האבען בולווארען, שעהנע פארקס און גרויסע פרעכטיגע מאנומענטען. דיא

מעכטיגע קייזערין האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטעל, אז אפילו דיא פריוואט הייזער אין דיא הויפט גאסען פון פעטערבורג זאָלען שעהנער און בעסער איבערגעבויט ווערען. זיא האָט אליין א סך אַלטע העסליכע געביידעס אָבגעקויפט און האָט אויף איהר אייגענעם רעכנונג זיי פערוואנדעלט אין פראכטפאָלע פאלאסטען.

בלויז א קליינער שטאָדט־טהייל, איין קווארטאל איז אונטער איהר רעגיערונג געבליבען אָהן אן ענדערונג. דיא הייזער זיינען אם מעהרסטען געבליבען אַלט, שמוציג און פערלאָזען וויא פריהער. דיא קייזערין האָט זיך וועגען דיעזען קווארטאל גאָר ניט געקימערט. זיא האָט פיינד געהאט דעם קווארטאל און האָט פיינד געהאט דיא איינוואָהנער, וואָס האָבען געוואָהנט אין דעם קווארטאל.

דאָס איז געווען דער אידישער קווארטאל, ביים ברעג פון טייך נעווא.

קאַטהערינא איז אייגענטליך ניט געווען קיין אויסגעשפּראָכענע אנטיסעמיטקע. אין איהרע צייטען האָט זיא קיינע גזירות ניט ארויסגעגעבען געגען אידען. אָבער זיא האָט דיא אידען גאנץ איינפאַך איגנאָרירט און האָט גאָר ניט געוואָלט טהאָן עטוואָס צו פערבעסערען זייער לאגע. דיא אורזאכע דערפון איז געווען, ווייל אייניגע פעטערבורגער אידען האָבען געהאלטען מיט איהר מאַן און זיא איז געגען איהם ארויסגעטרעטען אוועקצונעהמען פון איהם דעם טהראָן. קאַטהערינא האָט דאריבער געגלויבט, אז אַלע אידען זיינען איהר שונאים, אז זיי זיינען ניט צופריעדען מיט איהר ממשלה.

דורך דיא ענגע גאסען אין דעם קווארטאל איז אין א פריהמאָרגען געגאנגען דער אַלטער פעטער וואָראָנצאָוו מיט האסטיגע שריט און האָט זאָגאר ניט געטרוימט, אז אין דעם זעלבען מאָמענט, וואָס ער געהט דאָ וועגען זיינע פּאָליטישע פּלענער, איז זיין איינִיקעל, דיא פרייד פון זיין לעבען, אין א שרעקליכער געפאהר. ער האָט געגלויבט, אז עליזאבעט איז אין איהר פערבאָרגענע אָרימע וואָהנונג פאָלשטענדיג זיכער און אז איהר חתן פּאָטעמקין וועט זיא יעדענפאלס בעשיצען פון אונגליק.

דער אַלטער וואָראָנצאָוו איז אזוי לאנג געגאנגען איבער׳ן אידישען קווארטאל ביז ער איז צוגעקומען צו א הויז, וואָס האָט אויסגעזעהן עטוואָס פיינער וויא אַלע ארומיגע חורבות. דאָן האָט ער זיך אָבגעשטעלט און האָט זיך ארומגעקוקט, אויב מען שפּיאָנירט איהם ניט נאָך. ענדליך איז ער ארויף אויף דיא קליינע טרעפּלאַך און האָט שטילערהייד אָנגעקלאפּט אין טהיר.

וואָראָנצאָוו האָט געמוזט דריי מאָל אָנקלאפּען ביז עס האָט זיך ענדליך געעפענט א פענסטער־טיהרעל און א קאָפּ פון אן אַלטען אידען האָט זיך ארויסגעציינט. א פּאָאָר קליינע גרויע פאות און א לאנגע ווייסע באָרד האָבען דעם קאָפּ געגעבען א הייליגעם אויסזעהן. דער טלית און דיא תפילין האָבען געציינט, אז דער איד איז יעצט געשטאנען און האָט געדאווענט.

— ווער איז דארט? האט דער איד געפרעגט עטוואס איבערראשט. איך האלט יעצט אין מיטען דאוונען און קען קיינעם ניט עמפפאנגען.

— ס'איז איך, אראן קראנבערג! האט איהם ווארמנצאוו געענטפערט. איהר דערקענט מיך ניט?

קראנבערג איז ערשטוינט געבליבען. ער האט ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויגען און זיינע אייגענע אויערען.

— גרויסער גאט! האט ער אויסגערופען, איך האב געמיינט, אז איהר זיינט שוין לאנג טויט און אז מיר וועלען זיך שוין קיין מאל ניט זעהן! באלד געה איך עפענען דיא טיהר! פעטער ווארמנצאוו — בשום אופן ניט ערוואר־טעט! בשום אופן!

אין א פאאר מינוטען ארום האט זיך דיא טיהר געעפענט און ווארמנצאוו איז אריינגעגאנגען אין הויז.

— און איך האב געמיינט, אז מיר וועלען זיך שוין קיינמאל ניט זעהן, האט קראנבערג ענטהוזיאסטיש געזאגט, איך הויב מיך אן יעצט דערמאנען אין יענער גרויסער צייט, ווען מיר ביידע האבען געזוכט צו העלפען אן אונגליק־ליכען, וואס האט זיך אליין ניט געקענט העלפען, טראטץ דעם וואס ער איז געוועזען דער מעכטיגסטער מאן אין רוסלאנד. אה, פריינד ווארמנצאוו! וויא דיא צייטען האבען זיך זייט דאמאלס געענדערט! דער גלות פון אידישען פאלק איז יעצט געווארען אונערטרעגליך, אבערווארט, מיין פריינד, ביז איך וועל אבדאוונען, דאן וועלען מיר האבען צייט פון אלעם צו ריידען.

וועהרענד קראנבערג האט געדאווענט, איז דערווייל דער גאסט געזעסען און האט בעטראכט זיין פריינד'ס וואהנונג. דאס הויז איז בעשטאנען פון אייניגע צימערען, פון וועלכע אלע זיינען געווען פערשלאסען. אפען איז געווען בלויז דער ערשטער גרויסער צימער, וואו דער גאסט איז געזעסען. אלעם אין צימער האט געשמעקט מיט ארמוטה. אבוואהל אייניגע אלטע שטיקער מעבעל און גרויסע אלטע בילדער אויף דיא ווענט האבען געצייגט, אז זיי האבען אמאל געזעהען בעסערע צייטען, דאך זיינען שוין יענע צייטען לאנג פאראיבער. יעצט איז אלעם אבגעבלאקירט, אלט און אהן אן ארדנונג.

עס איז געווען לייכט צו זעהן, אז דא פעהלט דיא פלייסיגע האנד פון אן עקרת הבית, עס פעהלט א ווירטהין אין הויז און אז קראנבערג איז געצוואונ־גען אויף דער עלטער צו פיהרען אן איינזאמען לעבען.

באלד וויא קראנבערג איז פערטיג געווארען מיט'ן דאוונען, האט ווארמנ־צאוו איהם גלייך גענומען ערקלעהרען צוליעב וואס ער איז צו איהם יעצט געקומען:

— איך וועל דאס מאכען אזוי קורץ וויא מעגליך, האט ווארמנצאוו אנ־געפאנגען, יעצט איז א מינוט טהייער, גראדע אזוי וויא דאמאלס, ווען דיא

גרויסע ענטשיידונג איז פֿאָרגעקומען. איהר געדענקט דאָך, קראָנבערג, וויא מיר און פיעלע אנדערע מיט אונז האָבען זיך פערבונדען צו רעטען דעם אונגליקליכען צאר פעטער, וועלכען זיין פרוי קאטהערינא האָט פערשטויסען פון טהראָן און פערשיקט אלס געפאנגענעם אין שלאָס ראָפּשא, וואו זיא האָט איהם מיט א פּאָר טעג שפּעטער געלאָזט ערמאָרדען.

— געוויס געדענק איך עס, איך קען עס לײדער ניט פערגעסען, ווען איך זאָל אפילו וועלען, האָט קראָנבערג געענטפערט מיט א שווערען זיפץ, מיר האָבען געטהאָן אלעס, וואָס שטערבליכע מענשען קענען טהאָן, און דער־פאר זיינען מיר שווער בעשטראָפט געוואָרען. אייניגע האָבען דערפאר מיט זייער לעבען בעצאָהלט, אנדערע מיט זייער פרייהייט און פערמעגען, וויא איך צום ביישפּיעל. וויא לאנג איז ערשט אין דעם, אז איך בין געווען דער רייכער הויף־באנקיער ביים צאר פעטער? יעצט בין איך געבליעבען אָרים און עלענד. צו דיא עלטערע יאָהרען האָב איך זיך ווידער געמוזט נעהמען צו האנדלען מיט אלטע קליידער אום זיך צו מפרנס זיין בדוחק. און וואָס האָבען מיר אויסגעפיהרט? גאָר ניט! ווען עס וואָלט אונז כאָטש דאן געווען געלינגען אונזער פלאן צו נעהמען דעם צאר אויף א שיף און איהם בעפרייען פון זיין מערדערישע פרוי, איהם פערזאָרגען מיט געלד ער זאָל געווען קענען אויפטרעטען אין אן אָפענעם קאָמפּף געגען זיין פערדאמטע ווייב, דאן וואָלט שוין געווען אלעס כדאי. אָבער אזוי —

דאביי האָט דער אלטער איד ארויסגעלאָזט א טיעפען קרעכץ פון הארצען און האָט פאָרטגעזעצט:

— יעדענפאלס זיינען מיר ניט שולדיג. מיר האָבען געטהאָן אלעס וואָס איז נור געווען מעגליך צו טהאָן אונטער דיא אומשטענדען. שולדיג איז נור דאן געווען דער צאר פעטער אליין. איבער זיין שוואכקייט, איבער זיין אונ־ענטשלאָסענהייט איז אונזער גאנצער פלאן צו גרונדע געגאנגען.

— און דער אונגליקליכער האָט דערפאר מיט זיין לעבען בעצאָהלט, האָט וואָראָנצאָוו געזיפצעט, וואָס דער צאר פעטער איז פאר מיר געווען, דאָס ווייסט איהר. ער האָט געפיהרט א גוטען, א געטרייען לעבען מיט זיין טאָכטער. ער האָט זיא שטערבליך געליעבט און זיא האָט איהם געליעבט מיט איהר גאנצער נשמה. באלד נאָכדעם וויא מיין אייניקעל עליזאבעט איז געבאָרען געוואָרען האָבען זיך אָנגעפאנגען דיא שווערע צייטען. פעטער איז איבער געוויסע פּאָלי־טישע אורזאכען געצוואונגען געווען צו הייראטהען דיא פרעמדע דייטשע פרינ־צעסין קאטהערינא און אין א צייט פון פיער יאָהר האָט זיך אלעס אזוי טרויעריג געענדיגט. פעטער איז בערויבט געוואָרען פון זיין טהראָן און פון זיין לעבען צוזאמען, און דאָס האָט אויך מיין טאָכטער יונגערהייד אין קבר געטריעבען. מיר זיינען אנטלאָפען נאָך האָלאנד און אין א קורצע צייט ארום האָב איך

זיא געפונען טויט־פערגיפטעט. אויב דאס איז געווען מארד אדער זעלבסט־מארד, ווייס איך נאך ניט ביז היינטיגען טאג. אבער ביי איהר טויטען קערפער האב איך געשוואָרען ניט צו רוהען ביז איך וועל נעהמען ראכע, פירכטערליכע ראכע פון דער געקרוינטער מערדערין. פינף יאהר זיינען שוין פאראיבער און קיין איינציגען מאמענט אין דיא פינף יאהר האב איך מיין שבועה ניט פער־געסען. איך בין צוליעב דעם צוריק געקומען קיין רוסלאנד און יעצט בין איך, דוכט זיך, נאהענט צו מיין ציעל. קאטהערינא מוז אראפגעשטויסען ווערען פון טהראָן און אין רוסלאנד זאל הערשען א צאר פון דער פאמיליע רוריק, וואס זיינען געווען דיא ערשטע גרינדער פון אונזער מאנארכיע.

— איך וועל זיך שוין מעהר אין קיין זאך ניט מישען, האט קראנבערג בע־מערקט מיט א פעסטען טאָן. איך האב שוין אזוי אויך דערפאר צו טהייער בעצאהלט. מיינע מיליאנען, מיין גאנצען גרויסען פערמעגען האט מען ביי מיר קאנפיסקירט. און ווען דאס אליין איז נאך געווען ווענינ, האט מען ביי מיר אוועקגערויבט מיין איינציגע טאכטער און מען האט זיא אוועקגעשיקט אין א קלויסטער. מעהר איז מיר יעצט ניט געבליעבען וויא מיין ארימער זינדיגער נפש און דאס וויל איך ניט ריזיקירען פיר א אידעע, וואס וועט מעהר וויא זיכער דורכפאלען. איך ווייס, איך פערשטעה וואס איהר מיינט. איהר ווילט בעפרייען דעם געפאנגענעם פון שליסעלבורג, דעם פרינץ איוואן אנטאנאוויטש, וועלכער איז דער איינציגער ריכטיגער צאר, וואס איז נאך געבליעבען לעבען.

— גאנץ ריכטיג, איך מיין איוואן אנטאנאוויטש, וואס ליעגט שוין איבער צעהן יאהר בעגראבען אין א לעבעדיגען קבר. ער מוז און זאל יעצט בעפרייט ווערען און מיר וועלען איהם פראקלאמירען אלס צאר פון רוסלאנד. דאס פאלק, דאס גאנצע פאלק, וועט איהם מיט פרייד עמפפאנגען, ווייל קאטהערינא איז ביי אלעמען פערהאסט, וועהרענד דיעזער לעצטער פרינץ פון רוריק׳ס פאמיליע איז איבעראל בעליעבט און געשעצט.

— אין דעם האט איהר שוין א טעות, ווארנצאוו, האט קראנבערג בע־מערקט, אמת, קאטהערינא האט מיר זעהר פיעל שלעכטעס געטהאן און איך פערזענליך קען וועגען איהר קיין גוטע מיינונג ניט האבען, אבער מען מוז צוגעבען איין זאך, אז פיהרען דיא רעגיערונג פיהרט זיא גוט. זעהר גוט. אין דיא פיער יאהר, וואס זיא רעגיערט איבער רוסלאנד, האט זיא זעהר פיעל גוטעס אויפגעטהאן. זיא האט דאס לאנד געמאכט פיעל רייכער און גליקליכער וויא פריהער און דאמיט האט זיא געוואונען דיא ליעבע פון גאנצען פאלק. וואס אנבעלאנגט דעם פרינץ איוואן אנטאנאוויטש, ווער קען איהם און ווער ווייס איהם? ניט מען ווייסט איהם און ניט מען וועט פון איהם וועלען וויסען. מיט אייער נייער פערשווערונג וועט איהר גאר ניט אויפטהאן. איהר וועט נאר ברענגען אויף דער תליה זיך און אייניגע וואס וועלען איך העלפען. פאלגט מיך,

פעטער וואָראָנצאָוו, איהר ווייסט, אז איך האָב אייך ליעב און אז איך בין אייע־רער א פריינד מיט לייב און לעבען. האלט זיך צוריק פון דיזער שרעקליכער אונטערנעהמונג; עס וועט אייך נור פיהרען צו אונגליק און אויספיהרען וועט איהר גאָר ניט.

— דאָס קען ניט זיין, האָט וואָראָנצאָוו געענטפערט מיט א פעסטען בע־שלוס, איך וועל מיך ניט צוריקציהען, און וועל קעמפפען ביז מיין לעצטען טראָפּפען בלוט געגען דער יעניגער, וואָס זיצט יעצט אויף'ן טהראָן אין רוסלאנד. וואָס אנבעלאנגט צו אייך, אראָן קראָנבערג, פערלאנג איך ניט פון אייך קיין אָפּפער. איך וויל ניט איהר זאָלט געהן אין געפאהר, אלעס וואָס איך פערלאנג פון אייך איז, איהר זאָלט אָבקויפען ביי מיר א טהייערען בריליאנט. צו קיין אנדערען קען איך מיט אזא זאך זיך ניט ווענדען און פאר מיין נייעם שריט מוז איך האָבען געלד, פיעל געלד.

דאביי האָט וואָראָנצאָוו ארויסגענומען פון טאש א דיאמאנט אזוי גרויס וויא אן איי פון א טויב, דעם זעלבען שטיין, וואָס אָרלאָוו האָט איהם געגע־בען צום שלייפען און האָט איהם דערלאנגט דעם אלטען קראָנבערג'ען אין האנד.

קראָנבערג האָט בעטראכט דעם שטיין מיט גרויס בעוואונדערונג און האָט געלאסען געענטפערט:

— עס טהוט מיר זעהר לייד, פריינד וואָראָנצאָוו, וואָס איך קען אייער וואונש ניט ערפילען. איך בין יעצט אָרים און פערמאָג נישט אפילו א צעהנטעל וואָס דער בריליאנט איז ווערטה.

— קראָנבערג! האָט וואָראָנצאָוו אויסגערופען אָננעהמענדיג דעם אידען פאר'ן האנד און קוקענדיג איהם גלייך אין דיא אויגען. קראָנבערג! איך האָב צו אייך גאָר ניט, ווען איהר שפּיעלט דיא ראָלע אין יעצטיגע צייטען אלס אָרעמאַן. איהר האָט מורא פאר אייערע מעכטיגע שונאים, וואָס וואָלטען גע־ווים אייער פערמעגען אוועקגערויבט ווען זיי וואָלטען וויסען, אז איהר זיינט רייך. עס קען אויך זיין, אז אייער רייכטהום וואָלט אייך נאָך ברענגען אין נייע אונגליקען. איהר האָט דאריבער פאָלשטענדיג רעכט צו זיין פאָרזיכטיג. אָבער צו וואָס דארפט איהר זיך בעהאלטען פון מיר? איך ווייס דאָך, אז איהר זיינט נאָך יעצט אויך איינער פון אונזערע גרעסטע מיליאָנערען. איהר ווייסט גוט, אז איך ווייס, אז פון אייער גאנצען פערמעגען האָט מען בלויז קאָנפיס־קירט איניגע צעהנדליגע טויזענד רובעל און א פּאָאר הייזער. אָבער אייערע מיליאָנען האָט איהר בעוואָרענט, איהר האָט זיי פריהער אָבגעשיקט נאָך ענג־לאנד און א היבשע סומע געלד האָט איהר געלאָזט ביי זיך אין פאל פון א נויט אָדער אן אונגליק — איך פערלאנג פון אייך א מיליאָן רובעל פאר דעם שטיין און דאָס מוזט איהר מיר געבען.

— א מיליאָן איז אפילו צו טהייער — האָט קראָנבערג געשטאמעלט, דאך

וועל איך עס אייך געבען, ווייל איהר ברויכט דאָס געלד אום א קאמפף צו פיהרען. אָבער, דעם אמת זאָגענדיג, ווייס איך ניט, וואו איך קען קריעגען א בעלן אויף אזא טהייערען שטיין. איך ווייס אין פעטערבורג בלויז איין דאמע, וואָס וואָלט פיליכט געווען אין שטאנד צו בעצאָהלען א מיליאָן פאר א דיא־מאנט.

— איך פערשטעה, איהר מיינט געווים דיא בעריהמטע שעהנהייט פון קאטהערינא'ס הויף, דיא גרעפין דאשקאָוו, אייער טאָכטער — צו איהר קען איך אליין געהן, איך האָב שוין א מיטעל וויא אייער טאָכטער צו זעהן.

— מיין טאָכטער! ? זיא איז ניט מיין טאָכטער! האָט קראָנבערג אויס־גערופען אויפגערעגט, זיא איז מעהר ניט מיין טאָכטער! איך האָב זיך פון איהר ענטזאָגט און וויל מעהר איהר נאָמען ניט הערען. אמת, זיא איז געווען מיין טאָכטער, זיא איז געווען מיין חיות, מיין נשמה, דאָס איינציגע קינד וואָס איך האָב פערמאָגט און וואָס איך האָב געליעבט מעהר וויא מיין לעבען. איך האָב זיא אימער בעטראכט אלס דיא פרייד און דיא שטיצע פון מיינע עלטערע יאָהרען און יעצט — אָה, גאָט! וויא טיעף זיא איז געזונקען!

— און אלעס דערפאר וואָס זיא האָט זיך געטויפט? ווייל זיא האָט אָנגענומען דיא קריסטליכע רעליגיאָן?

— ניין, ניט נור דערפאר, דאָס וואָלט איך איהר געקענט פערצייהען, ווייל זיא האָט עס איבערהויפט געטהאָן ניט מיט איהר פרייען ווילען. ווען צאר פעטער איז ערמאָרדעט געוואָרען און דיא פערדאמטע מרשעת קאטהערינא האָט קאָנפיסקירט מיין פערמעגען און מיך אריינגעזעצט אין געפענגנים, האָט מען מיין טאָכטער אָבגעשיקט אין א קלויסטער און דאָרט האָט מען איהר איינגערעדט, זיא זאָל פערלאָזען איהר פאָטער און איהר גלויבען און זאָל זיך טויפען. זיא איז דאמאָלס סך הכל אלט געווען 15 יאָהר און אין איהר לאגע האָט זיא פיליכט קיין אנדער ברירה ניט געהאט און איז געווען געצוואונגען זיך צו טויפען. וואהרשיינליך האָט מען זיא געגוג געפלאָגט איידער זיא האָט זיך געלאָזט איבעררעדען, און איז נאָך אלע זאכען דאָך נאָך א קינד געווען, וויא האָט זיא דאן געקענט פערשטעהן דעם שווערען פערברעכען, וואָס א איד בעגעהט, ווען ער פערלאָזט זיין לאגער און געהט איבער צום שונא? איך וואָלט דאָס איהר פיעלייכט געקענט פערצייהען, אָבער ווען? ווען זיא וואָלט ווע־ניגסטענס נאכהער געבליעבען עהרליך און אנשטענדיג. זיא האָט זיך אָבער גענומען א גאנץ אנדערען וועג אין לעבען. זיא האָט געוואָלט שווימען אין לוקסוס און זיך באָדען אין ימים פון רייכטהום און דיא שמד האָט זיא געפיהרט צו אלעם וואָס מאכט דעם מענשען ניעדעריג און פערדאָרבען. צוערשט איז זיא געוואָרען דיא געליעבטע פון דעם אלטען נאר, פירסט דאשקאָוו און זיא האָט זיך מיט איהם ארום געשלעפט טאָג און נאכט וואו מען דארף ניט. יעצט איז

זיא זיין פרוי און זיא נארט איהם און בעטריגט איהם אויף יעדען טריט און שריט. פון אלע אויסגעלאסענע אריסטאָקראטקעס, פון אלע שענדליכע אויס־וואורפען אין קאטהערינא'ס הויף איז אָלגא דאשקאָוו דיא ערגסטע, דיא שענד־ליכסטע און דאָס ערגסטע דאביי איז, ווען זיא שטאָלצירט נאָך מיט איהר זינדיגען גלאנץ! עס האָט שוין פאסירט איינינע מאָל, וואָס זיא האָט מיך אָנגעטראָפען אין גאס, ווערהענד זיא איז פארבייגעפאָהרען אין איהר קעניג־ליכען עקיפאזש, און האָט איינפאך אָבגעדרעהט איהר קאָפּ פון מיר. זיא שעהמט זיך מיט איהר אידישען פאָטער, דיזע ניעדריגע בעשעפענים!

דאביי האָבען זיך טרעהרען בעוויעזען אין דיא אויגען פון'ם אלטען קראָנ־בערג. א קורצע צייט איז ער געבליעבען שטיל, דאן האָט ער זיך אויסגעווישט דיא אויגען און האָט פאָרטגעזעצט:

— ניין, דיא פירסטין דאשקאָוו זאָל דעם פראכטפאָלען בריליאַנט ניט בעזיצען. זיא זאָל ניט האָבען מיט וואָס נאָך מעהר צו שטאָלצירען, זיא האָט אויסגעלאסענעם חן גענוג אָהן דעם בריליאנט, און שוין איבער דעם אליין בין איך צופריעדען ביי איך דעם שטיין אָבצוקויפען.

קראָנבערג האָט אויפגעשלאָסען א צווייטען צימער און דאָרט פון א געהיימען שראנק אין וואנד האָט ער ארויסגענומען אייניגע פון דיא פיעלע פעקלאך הויכע געלד־פאפיערען, איבערהויפט אָנוויזונגען אויף דיא ענגלישע ביינק, דאן איז ער ארויסגעקומען צוריק און האָט אָבגעציילט וואָראָנצאָוו'ן א מיליאָן רובעל.

וואָראָנצאָוו האָט באלד איבערגעגעבען קראָנבערג'ן דעם שטיין און נאָכ־דעם וויא ער האָט אָנגעטהאָן זיין מאנטעל מיט זיין הוט, האָט ער געזאָגט:

— בלייבט געזונד, הערר קראָנבערג, מיין וועג איז וויט, פול מיט גע־פאהר. עס איז זעהר מעגליך, אז מיר וועלען זיך מעהר ניט וויעדער זעהן. איהר זיינט א בראווער מאן, טראָץ דעם וואָס איהר ווילט יעצט אין אונזער פער־שווערונג קיין אנטהייל ניט נעהמען. איך געה אויף אריין אין אייער לאגע. וויא ביטער איהר מוזט פיהלען דיא שווארצע אונדאנקבארקייט פון אייער טאָכטער!

— נעהמט מיט מיין ברכה אויף אייער וועג! האָט קראָנבערג געזאָגט טיעף געריהרט. דער גאָט פון גערעכטיגקייט זאָל אייך העלפען אייער ציעל דורכצופיהרען.

דאמיט האָט וואָראָנצאָוו דיא הויז פערלאָזען און איז אוועק אויף זיין געהיימניספאָלען וועג פערביי דעם טייך נעווא. קראָנבערג איז געבליעבען אליין און בעטראכטענדיג דעם טהייערען בריליאנט האָט ער טרויעריג געמורמעלט צו זיך אליין:

— קאלטער, גלענצענדער שטיין! אזוי קאלט און הארט וויא דוא איז אויך

דאָס הארץ פון מיין טאָכטער. אָה, גאָט! ווארום בין איך אזוי שווער גע־שטראָפט געוואָרען?

5טער קאפיטעל.

קאטהערינא רוהט ניט.

די אָבטהיילונג פון פעטערבורגער ווינטער פאלאסט, וואָס ווערט אָנגערו־פען ערמיטאזש, איז נאָך יעצט איינער פון די גרעסטע וואונדער דער וועלט. אין ערמיטאזש געפינען זיך בילדער, סטאטוען, טהייערע וואפען און פער־שיעדענע אנטיקען פון קונסט פון אלטערטהום, וועלכע זיינען ווערטה מיליאָנען געלד. עס זיינען דאָרט אויך דאָ א סך אנטיקען, וועלכע מען קען פאר קיין געלד ניט בעקומען.

קאטהערינא די גרויסע האָט אין דיעזען ערמיטאזש געהאט איהר פריי־וואט וואָהנונג. ווען זיא איז געוועזען פריי פון רעגיערונגס געשעפטען און האָט ניט געדארפט ערשיינען אין די גרויסע פאראדנע זאאלען פון פאלאסט, ווען זיא איז נאָר ניט געוועזען בעשעפטיגט אין די אודיענץ צימערען צו עמפפאנגען מיניסטאָרען, גענעראלען, אויסלענדישע געזאנדטע און אנדערע הויכע בעאמטע —ווען זיא איז נאָר געוועזען פריי,פלעגט זיא איהר פרייע צייט מעהרסטען פער־ברענגען אין איהרע ליעבלינגס־צימערען פון ערמיטאזש. דאָרט איז זיא ניט געווען די שטאָלצע שטרענגע קייזערין, זאָנדערן אן איינפאכע שטילע און רו־היגע הויז־פרוי. דאָרט פלעגט זיא געבען קליינע געזעלשאפטליכע אונטערהאל־טונגען פאר איהרע אמת'ע גוטע פריינד, וואָס זיינען איהר געווען נאָהענט צום הארצען.

אין ערמיטאזש זיינען אויך געווען די צימערען פון קאטהערינא'ס גע־ליעבטען גראף אָרלאָוו, וועלכער האָט מיט זיין פארטיי איהר געהאָלפען דעם מאן צו ערמאָרדען און אליין צו בעשטייגען דעם טהראָן.

אָרלאָוו'ס וואָהנונג איז געווען אָבגעטהיילט פון קאטהערינא'ס פריוואט צימער דורך א פערשלאָסענע טיהר. די שליסעל האָט קאטהערינא אימער גע־האלטען ביי זיך. זיא האָט צו יעדער צייט געקענט צו איהם אריינקומען פלוצים. אָרלאָוו האָט זיך אָבער מיט דיעזער טיהר ניט געטאָרט בענוצען. נאָר דאמאָלס, ווען די קייזערין האָט איהם געוואָלט זעהן, פלעגט זיא איהם שיקען דעם שליסעל און באלד וויא ער איז צו איהר אריינגעקומען, האָט ער איהר געמוזט דעם שליסעל צוריק געבען.

עס איז נאכט געוואָרען. די פראכט־זאאלען פון ערשטען פלאָר אין ערמיטאזש זיינען געווען אלע ליכטיג. היינט, וויא יעדע נאכט, וועט דאָ פאָר־קומען א אינטימע אונטערהאלטונג, ביי וועלכער די קייזערין אליין וועט אָנוועזענד זיין.

קאטהערינא איז געשטאנען אין איהר טואלעט־צימער געגען א הויכען גאָלדענעם שפּיעגעל און דיא קאמער־פרוי איז נאָר וואָס פערטיג געוואָרען מיט איהר ארבייט וואָס זיא האָט געהאט דיא קייזערין אָנצוקליידען. פאר דעם אבענד האָט דיא קייזערין ערוועהלט א קאָסטיום אלס גענעראל פון פּרעאָבראַ־זשענסקי גווארדיע. דיא רויטע וועסט איז געווען בעציערט מיט גאָלדענע שנורען און עפּאָלעטען און אלעס איז געלעגען וויא אויסגעגאָסען אויף קאטהע־רינא׳ס קראפטפאָלע שולטערען. דיא גאָלד־שנורען זיינען געפאלען אראָב אויף איהרע רונדע שעהנע ארמס און אויף איהר ענטציקענדע ברוסט.

אין דעם רייכען גענעראלסקי קאָסטיום האָט דיא קייזערין אויסגעזעהן וויא א הערליכע קריעגס־געטין, וועלכע מוז בעגייסטערען יעדע אויג און יעדע הארץ.

קאטהערינא איז געשטאנען ביים שפּיעגעל און א צופריעדענער שמייכעל האָט זיך בעוויעזען אויף איהרע שעהנע ליפּעלאך. דיא קאמער־פרוי איז דאן צוגעגאנגען צו איהר, האָט אָנגעטהאָן אויף דער קייזערין׳ס ברוסט דעם מיכאֵי־לאָווסקי אָרדען בעזעצט מיט שטראהלענדע בריליאנטען און האָט זיא ארומגע־גארטעלט מיט א גאָלדענעם גארטעל, פון וועלכען עס האָט אראָבגעהאנגען א פּראכטפאָלע שווערד. אויף׳ן שיידעל האָבען געשיינט און געפינקעלט סמאַ־ראגדען און רובינען אָהן א שיער.

— יעצט איז אלעס אין אָרדנונג, האָט זיא געזאָגט צו דער קאמער־פרוי און איז אוועק פון שפּיעגעל. זיא האָט א פּאָאָר מאָל ארומשפּאצירט איבער׳ן צימער הין און צוריק, דאן איז זיא צוגעגאנגען צו א פענסטער און האָט זיך אָבגעשטעלט. זיא האָט געקוקט צום ווינטער גארטען.

אין דרויסען האָט געשטורמט און געשנעעט, אָבער דיא גראָזען און בלו־מען און אלע אנדערע טהייערע פלאנצונגען אונטער׳ן גלעזערנעם דאך פון ווינטער גאָרטען האָבען געגרינט און געבליהט וויא אין א גן־עדן. דאָ האָבען ריעזענהאפטע פאלמען געשאָקעלט זייערע בלעטער, דאָרט האָבען ראָזען און ליליען פערשפּרייט זייער דופט ארום א קינסטליכען טייכעל, דאָ האָבען ערדעל־סטע לאטאס־בלומען, וועלדלאך פון דיא טהייערסטע סאָרטען בוימלאך גע־שמעקט וויא א טהייערע פּארפיום און דאָרט האָבען ראָזען בעדעקט שטיקער וואנד ריכטיג וויא אין מאָנאט מאי. און דיעזע אלע טויזענדע שעהנהייטען האָבען געשטראהלט אונטער א ים פון פיעלע פארביגע לעמפּלאך, וואָס זיינען געהאנגען פערבאָרגען אונטער גערדיכטע בלעטער.

דיא טויערען פון דיעזען לוסט־גארטען זיינען נאָך ניט געווען אָפען. מען האָט דיעזע טויערען קיין מאָל ניט געטאָרט עפענען אָהן דער ערלויבניס פון דער קייזערין.

קאטהערינא האָט געעפענט דעם פענסטער, וואו זיא איז געשטאנען, און

האט מיט עטוואס טרויעריגע בליקען בעטראכט דעם צויבער גארטען. דאן האט זיא זיך מיט אמאל פערטיעפט אין מחשבות איבער דער פערגאנגענהייט און האט אנגעפאנגען דענקען וועגען דער ראלע וואס גרעגאר ארלאוו האט געשפיעלט אין איהר לעבען.

— יא, דיעזער ארלאוו! האט זיא צו זיך אליין געמורמעלט, איך האב איהם בענוצט אלס א ווערקצייג אום מיין פלאן אויסצופיהרען. איך בין בלויז אלט געווען 14 יאהר, ווען מען האט מיך פערהייראט מיט'ן רוסישען קרוין־פרינץ. ער איז געווען פיעל עלטער פון מיר, קליין, שוואכליך און טיראניש. איך האב דיעזען מאן ניט געקענט ליעבען און ארלאוו האט מיר געהאלפען פון איהם פטור צו ווערען. עס איז דאן געווען א געוויסע צייט, ווען מיר האט זיך געדאכט, אז איך וועל קענען ליעבען ארלאוו'ען. ער איז געווען א גאנץ שעהנער מאן און איך האב איהם געמאכט גליקליך. ער איז געשטיגען פון שטופע צו שטופע ביז צו דער העכסטער מאכט אין לאנד.

אבער ארלאוו האט ניט פערשטאנען וויא מיט זיין מאכט זיך צו בענוצען. זיין ליעבע צו דער שעהנער קעניגין האט ער אויסגעדריקט און אויסגענוצט וויא א טיראן. מיט זיין ברוטאלען כאראקטער האט ער געוואלט זאגאר דיא קייזערין איבערהערשעוווען. ער האט געוואלט פיהרען דיא גאנצע רעגיערונג וויא איהם ווילט זיך און זאל ביי איהר זאגאר קיין עצה ניט פרעגען. אויסער דעם האט ער אנגעהויבען פיהרען אזא סארט לעבען, אז קאטהערינא מיט איהרע הויכע געפיהלען האט עס ניט געקענט אריבערטראגען, און זיא האט איהם מעהר ניט געקענט דולדען. דורך'ן אונגעהייער גרויסען רייכטהום, מיט וועלכען זיא האט איהם בעלוינט, איז ער געווארען פרעך, שטאלץ, פערשווענדעריש און שרעקליך אויסגעלאסען און צו דיא אלע מעלות איז ער געווארען א גע־פעהרליכער שיכור.

קאטהערינא האט פאר איהם אויפגעבויט א בעזונדערען פראכטפאלען פאלאסט. דארט פלעגט ארלאוו פערברענגען גאנצע נעכט און שיכור'ען מיט דיא שעהנסטע אויסגעלאסענע פרויען. ער האט שוין געהאט אגענטען וואס פלעגען איהם דיעזע סחורה צושטעלען פון ארבע כנפות רוסלאנד. שאמפאניער האט זיך געגאסען וויא וואסער און גאנץ אפט פלעגען דיא דיענער געפינען אר־לאוו'ן אין דער פריה ליגענדיג טויט שיכור אונטערן טיש.

דאס אלעס האט קאטהערינא גוט געוואוסט, דאך איז זיא געווען גע־צוואונגען פון איהם צו ליידען, איינפאך דערפאר ווייל זיא האט פאר איהם מורא געהאט. דיעזע מעכטיגע הערשערין, פאר וועלכער א וועלט האט געצי־טערט, האט אליין מורא געהאט פאר אן איינפאכען שיכור, ווייל זיא איז געווען פערבונדען מיט איהם אין א געוויסע געהיימניס.

עס וואלט גענוג געווען נור איין איינציגעס ווארט פון איהר מויל און

ער ווערט אָבגעראמט פון איהר וועג. דאָך האָט זיא מיט איהר גאנצען ענער־גישען כאראקטער ניעמאלס געקענט דיעזען וואָרט אויסשפּרעכען.

ענדליך איז אויף׳ן לעבענסוועג פון דער קייזערין ערשיענען א ליכטיגע געשטאלט — אלעקסאנדער פּאָטעמקין.

ביי א מאנעווער, וואָס זיא האָט מיט א וואָך פיער צוריק אָבגעהאלטען, האָט זיא דערזעהן דיעזען יונגען לייטענאנט. ווען זיא איז פערביינגעפאָהרען נעבען דיא רייהען מיליטער רייטענדיג אויף איהר פייערדיגען פערד, האָט זיך דיא שייד פון איהר שווערד אָבגעשפּיליעט און אראָבגעפאלען אויף דער ערד. אין דעם זעלבען מאָמענט האָט פּאָטעמקין שטעהענדיג אין פראָנט מיט אלע אנדערע רייטער, אראָבגעכאפּט פון זיך זיין שייד און דערלאנגט דער קייזערין. אין דעם וואָלקען פון שטויב צווישען דיא צעהנדליגע טויזענדע מענשען האָט פּאָטעמקין זאָגאר ניט בעמערקט, וועמען ער טהוט דיעזע גע־פעליגקייט. ער האָט געזעהן פאר זיך א פערזאָן צווישען דער סוויטע גענעראלען און האָט ערפילט זיין פליכט. דאָס איז געוועזן אלעס וואָס ער האָט אין דעם מאָמענט געדענקט.

דיעזע סצענע האָט אין גאנצען געדויערט בלויזע איינינע סעקונדען, אָבער פיר קאטהערינא׳ס שארפען בליק איז דאָס געוועזן גענוג. זיא האָט דערזעהן פאר זיך א געזיכט פון אזא נאָבעלען, שעהנעם מאן, וועלכעס זיא האָט נאָך אין איהר לעבען קיין מאָל ניט בעגעגענט. וויא אין א טרוים האָט זיא דאן ארומ־געריטען ווייטער פערביי דיא לאנגע רייהען מיליטער און וויא אין א זיסען חלום האָט זיא זיך נאכהער צוריקגעקעהרט אהיים און האָט בשום אופן ניט געקענט פערגעסען דעם בילד פון׳ם אונבעקאנטען לייטענאנט.

דיא מעכטיגע קייזערין האָט שנעל אויסגעפאָרשט אלעס, וואָס האָט איר־גענד וועלכע פערבינדונג מיט׳ן לייטענאנט, און זיא האָט ערפאהרען אלע זיינע פערהעלטניסע. זיא האָט געוואוסט, אז ער פיהרט זיך אויף זעהר אנשטענדיג, פיעל פיינער פון אלע זיינע קאמעראדען, און וואָס מעהר א טאָג, האָט זיך דעם יונגען פּאָטעמקין׳ס בילד אלץ טיעפער און טיעפער איינגעקריצט אין איהר ברוסט. ער איז נאָך דאן קיין פולע צוואנציג יאָהר ניט אלט געוועזן און זיא איז שוין געוועזן א פרוי פון דריי און צוואנציג יאָהר, דאביי איז זיא געוועזן א שרעקליך ליידענשאפטליכע פרוי און זיא האָט אָנגעפאנגען צו פיהלען, אז אויב זיא זאָל דיעזען יונגען מאן ניט בעזיצען, מוז זיא אראָב פון זינען. קיין איינציגע סעקונדע אין טאָג איז ניט פאָריבער, זיא זאָל וועגען איהם ניט דענקען.

ענדליך האָט קאטהערינא בעשלאָסען זיך מיט איהם צו זעהן. זיא האָט פעסט אָבגעמאכט איהר מיינונג, אז זיא וועט זיך מיט איהם צוזאמען קומען,

וועט זיך מיט איהם דורכרעדען אביסעל און וועט זיינע שעהנע ליפען קושען און וועט זעהן אַנוועגדען אַלע קרעפטע איהם מיט איהר ליעבע צו בעצויבערען.

אויף איהר בעפעהל האָט מען איהם געבראכט צו איהר אין אן אָבגע־שלאָסענע הויז, ווייט ארויס פון פעטערבורג, וואו קאטהערינא פלעגט נור קו־מען דאן, ווען זיא האָט געוואָלט איינינע שטונדען אין איינזאמקייט פערברענגען.

אָרלאָוו, וואָס פלעגט דורך זיינע שפּיאָנען וואטשען יעדען שריט פון דער קייזערין, האָט וועגען דעם באלד ערפאהרען. ער איז תיכף געקומען און האָט געמאכט א סקאנדאל, אָבער דאָס האָט געבראכט דערצו אז ער איז נאָך מעהר ערניעדעריגט געוואָרען אין דיא אויגען פון דער קייזערין און זיא האָט פאַ־טעמקין'ען נאָך מעהר ליעב בעקומען.

זיא האָט בעשלאָסען איינמאָל פאר אלע מאָל אז קיין זאך זאָל זיא ניט צוריקהאלטען אין איהר קאמפף, זיא מוז פּאָטעמקין'ס כלה, עליזאבעט, אָב־ראמען פון וועג און דיעזען הייסגעליעבטען מאן מוז זיא פאר זיך געווינען, ווען ניט וועט זיא עס ניט אריבערטראָגען. זיא האָט געפיהלט אז ביי איהר אין הארצען ברענט א הייסער ליידענשאפטליכער פייער צו איהם, וואָס קען ניעמאלס פערלאָשען ווערען.

— מאדאם גראָמאן! האָט זיא אויסגערופען צו דער קאמער־פרוי, וועלכע איז דיא גאנצע צייט געשטאנען אין א ווינקעלע ערווארטענדיג דער קייזערין'ס בעפעהל. וואו איז דיא שווערד, וואָס מען האָט מיר נעכטען ארויפ־געשיקט פון שלאָס־וואך?

דיא קאמער פרוי איז ארויסגעלאָפען אין א צווייטען צימער און האָט באלד אריינגעבראכט אן אָפיציער־שווערד מיט אן איינפאכע שיידעל.

— יעצט קענט איהר נעהן, מאדאם! האָט דיא שעהנע קייזערין געזאָגט, איך דארף אייך מעהר ניט.

קאטהערינא איז געבליעבען אליין און האָט אנגעפאנגען קושען דיא שווערד און מורמלען צו זיך אליין:

— זיין שווערד, ער האָט דיעזע שווערד אויף זיך געטראָגען. זיין שעהנע האנד האָט דיעזע שייד טויזענדע מאָל בעריהרט. אָרימער ליעבלינג! נעכטען האָב איך איהם געהייסען געהן זיך אליין לאָזען ארעטירען. אָבער איך קען עס לענגער ניט פערטראָגען, איך אליין וועל איהם זיין שווערד צוריק ברענגען. איך וועל איהם פון דאָרט ארויספיהרען און דיא האנד פון זיין קייזערין וועט איהם פיהרען צו דער העכסטער עהרע און צום גרעסטען גליק.

קאטהערינא איז צוגעגאנגען צו דער וואנד, וואו עס איז געהאנגען דאָס לעבענסגרויסע בילד פון דעם בעריהמטען קייזער פעטער דעם ערשטען. שוויי־גענד האָט זיא אויף'ן בילד געקוקט, דאן האָט זיא מיט א ריהרענדע שטימע אויסגערופען:

— פיעלייכט קוקט דיין גייסט מיט צארען אין דיעזען אויגענבליק, גרויסער קייזער, דערפאר וואס איך קען ניט נאכפאלגען דיין ערהאבענעם בייזפיעל, אבער איך בין דאך ניט מעהר וויא א שוואכע פרוי, איך מוז פערגעסען מיינע הערשער־פליכטען, ווען עס האנדעלט זיך אום מיינע הערצענס־געפיהלע.

דאן האט זיא מיט דער האנד אנגעריהרט א גאלדענעם באטאן ביי א ווינקעל פון דער ברייטער גאלדענער פריים, אין וועלכער דאס בילד איז געווען איינגעפאסט. דורך א געהיימען מעכאניזמוס האט דאס גרויסע בילד זיך אב־גערוקט און הינטער'ן בילד האט זיך געעפענט א שמאלע טיהר אין וואנד. קא־טהערינא איז פון דארט דורכגעגאנגען א קארידאר און דאן איבער געדרעהטע טרעפ צו אן אנדער אבטהיילונג פון דעם גרויסען פאלאסט. נאכהער איז זיא געגאנגען איבער א וויטען האל, וואו נור דיא קייזערין אליין האט געקענט אריינקומען, און אזוי איז זיא געגאנגען דורך פערשיעדענע געהיימע טיהרען ביז זיא איז ענדליך אריינגעקומען אין דער הויפט וואך פון שלאס.

לייטענאנט מיראוויטש איז געלעגען אין וואכט־שטוב אויסגעצויגען אויף א דיוואן און האט געקוקט אויף א צייכנונג פון א פלאן, ווען דיא טהיר האט זיך פלוצים לאנגזאם געעפענט און דיא קייזערין איז אריינגעקומען.

מיראוויטש האט גלייך דערזעהן ווער ס'איז אריינגעקומען און איז א פערציטערטער געווארען. שנעל וויא א בליץ איז ער אויפגעשפרונגען פון די־וואן, און ס'איז אויף איהם געפאלען אזא טויט־שרעק, ריכטיג וויא מען וואלט איהם אונערווארטעט כאפען אלס א פעררעטער. מיט ציטערענדע הענד האט ער קוים בעוויזען צו בעהאלטען דעם פלאן אונטער דעם לאץ פון זיין מונ־דיר און האט עפעס אנגעפאנגען שטאמלען, אבער קאטהערינא האט איהם גלייך אבגעשטעלט:

— שטיל! האט זיא אויסגערופען, איך וויל קיין ליארם מאכען. זיינט איהר עס דער לייטענאנט מיראוויטש, וועלכער איז דיעזע וואך קאמאנדיר איבער דער שלאס־וואך?

— יא, מאיעסטעט! האט דער בילד שעהנער אפיציער געענטפערט.

— איך האב נעכטען צו אייך געשיקט דעם לייטענאנט פאטעמקין, ער זאל זיך מעלדען אין ארעסט, שפעטער האט אויף מיין בעפעהל דער קאמאנדיר־גענעראל מיניק מיר געבראכט זיין שווערד. איז דער ארעסטירטער לייטענאנט זיך דא מיט קיינעם ניט צוזאמענקומען אויסער מיט אייך און מיט'ן גרענאדיר, וואס האט איהם בעדיענט?

— מאיעסטעט, אלעקסאנדער פאטעמקין איז געזעסען ארעטירט צוזא־מען מיט אן אנדער אפיציער, לייטענאנט קרוזע.

— איך פרעג אייך אויב פאטעמקין האט ערהאלטען אירגענד וועלכע בע־זוכע, בריעף אדער אירגענד אנדערע מיטטהיילונגען?

— ניין, מאיעסטעט!
— געהט און ברענגט איהם אריין, איך דארף איהם זעהן.
מיראָוויטש איז געבליעבען שטעהן וויא א דונער וואָלט איהם דערשלאָגען. ער האָט זיך פון אָרט ניט געקענט ריהרען.
— וואָס שטעהט איהר?! האָט קאטהערינא אויסגערופען אונגעדולדיג. געהט און ברענגט מיר אריין פּאָטעמקין'ען! איך וויל איהם זעהן.
— מאיעסטעט! האָט מיראָוויטש געשטאמעלט און איז אויף דיא קניע געפאלען, ער איז ניטאָ יעצט.
— וואָ־אָס!?! האָט דיא קייזערין אויסגערופען שרעקליך אויפגערעגט, פּאָטעמקין איז ניטאָ? אָה, מיין הערר, אזוי ערפילט איהר עם אייערע פליכטען? איהר האָט געגען מיין דייטליכען בעפעהל דעם געפאנגענעם בעפרייט?
— האָט מיטלייד, מאיעסטעט, איך בין אונשולדיג. אונגעפעהר א שטונדע צוריק איז דאָ געוועזען דער גענעראל גובערנאטאָר באראָן פאסעק און האָט מיך אויפגעפאָדערט, איך זאָל איהם געבען צוויי אָפיציערען וועגען עפּעס א געהיימע עהרען־פליכט צו ערפילען און —
און מיט אמאָל איז מיראָוויטש שטיל געבליבען. ער האָט דערזעהן, אז זיינע ווערטער האָבען געמאכט א שרעקליכע ווירקונג אויף דער קייזערין. איהר געזיכט איז טויט בלאַס געוואָרען און זיא האָט געקוקט אויף מיראָוויטש'ען מיט אזעלכע שרעקעדיגע בליקען, אז ער האָט אָנגעהויבען ציטערען וויא אין א פיעבער.
— איהר האָט אלזאָ איהם — אלעקסאנדער'ן געשיקט צו ערפילען דיא עהרען־פליכט? האָט דיא קייזערין געשטאמעלט.
— יא, מאיעסטעט!
וויא פון א שטארקען דונער־קלאַפּ איז קאטהערינא אנידערגעפאלען אונמעכטיג אויף א הילצערנעם שטוהל, וואָס איז נעבען איהר געשטאנען, און צודערקענד איהר געזיכט מיטביידע הענד האָט זיא פערצווייפעלט אויסגערופען:
— פערלאָרען, פערלאָרען, אלעס פערלאָרען!
מיראָוויטש האָט זיך שטילערהייד פעררוקט אין א ווינקעלע, דיא קייזערין זאָל איהם מעהר ניט זעהן. ער האָט געוואוסט, אז יעדענפאלס ערוואַרטעט איהם שוין סיביר אָדער עביגע געפענגנים, ער וועט שוין פון איהר צאָרען טרוקען ניט ארויס, אָבער פלוצים איז קאטהערינא אויפגעשטאנען פון שטוהל און עס האָט אויסגעזעהן, אז איהר גאנצע שמערץ און פערצווייפלונג איז מיט אמאָל פערשוואונדען געוואָרען.
— שנעל, לייטענאנט, גיט מיר א פערד! האָט זיא אויסגערופען מיט א שטרענגע ענערגישע שטימע, שנעל, א פערד! א האלבע קעניגרייך גיב איך יעצט אוועק פאר א שנעלען פערד!

מיראָוויטש האָט פון אויפרעגונג אנפאנגס ניט פערשטאַנען, וואָס דיא קייזערין מיינט, און ער איז צו איהר צוגעלאָפען וויא א צומישטער און האָט איהר געקוקט גלייך אין דיא אויגען.

— אום גאָטעס ווילען, מאכט עס שנעלער! האָט זיא ווידערהאָלט, זעהט איהר דען ניט וויא אייער קייזערין ליידעט? לויפט דיא מינוט צו מיין אָבער־שטאַלמייסטער און ברייננט מיר אהער מיין אלי, מיין אראבישען פערד! מארש, שנעל, יעדע סעקונדע איז טהייער!

מיראָוויטש איז אוועק מיט דער שנעליגקייט פון א בליץ צו ערפילען דער קייזערין'ס פערלאנג און קאטהערינא איז געבליעבען אליין. מיט פערבראָכענע הענד און מיט א צובראָכענע הארץ האָט זיא אויסגערופען:

— אויב עס וועט זיין צו שפעט, דאן האָב איך אליין איהם ערמאָרדעט. איך אליין האָב געהייסען דעם גענעראל גובערנאטאָר, אז דיא צוויי וואָס וועלען טראָגען דיא טרונע זאָל מען אריינוואַרפען אין דיא קעלערען פון פעטראָפּאַוור־לאָווסקי פעסטונג. און דיעזער אונגליקליכער פאסעק — גראדע האָט ער פּאָ־טעמקין'ען אויסגעפונען דיעזע ארבייט צו טהאָן. אָה, גאָט! עס קען זיין, אז אין דער יעצטיגער מינוט עפענט זיך דיא געהיימע טיהר דאָרט אונטער זיינע פיס און ער ווערט אראָבגעשליידערט אויף'ן שטיינערנעם באָדען און זיין קערפּער ווערט אין שטיקער צושמעטערט.

ווערענד זיא איז אזוי געשטאַנען אין גרויס אויפרעגונג און האָט געמור־מעלט צו זיך אליין, האָט זיך דיא טיהר געעפענט און מיראָוויטש איז אריינגע־קומען.

— מאיעסטעט! האָט ער געמעלדעט, דאָס פערד שטעהט געזאָטעלט ביי'ם טיהר.

קאטהערינא איז שנעל ארויס אין דרויסען און מיט דער שנעליגקייט פון א העלד איז זיא ארויפגעשפרונגען אויף'ן פערד.

— מאיעסטעט! האָט מיראָוויטש געשטאַמעלט, איהר וועט אליין רייטען, אָהן א בעגלייטער?

— יא! האָט זיא געענטפערט.

— ביי נאכט?

— איך האָב קיין מורא ניט, און ווידער, וואו האָט איהר דען יעצט א פערד?

— איך האָב פאַרבערייטעט נאָך א פערד, דער וואכמייסטער וועט דאָ מיין פּלאַץ פערטרעטען און איך וועל פאָהרען אייך בעגלייטען, מאיעסטעט!

— מאכט עס אָבער שנעל, רייט הינטער מיר. אויב איהר וועט מיר קענען נאָכהאלטען, איז גוט; ווען ניט, וועט איהר זיך מעגען אומקעהרען צוריק.

דער טויער איז שוין געשטאַנען אָפען און מיט א דונערענדען גאלאָפּ זיי־

נען ביידע רייטער ארויסגעפאָהרען פון ווינטער פאַלאסט. שנעל וויא א בליץ זיינען זיי געפלויגען איבער דיא גאסען פון פעטערבורג, ניט קוקענדיג דארויף וואָס יעדע מינוט האָט עס געהאלטען דאביי זיי זאָלען פליהען איבער מענשען־קעפּ און יעמאנדען איבערפאָהרען אויף טויט. מיראָוויטש איז ווירקליך קוים אין שטאנד געווען נאָכצוהאלטען דער קייזערין, וויל זיא איז געווען א מערק־ווירדיג גוטע רייטערין און איהר אראבישער פערד אלי איז איינפאך וויא א פויגעל געפלויגען איבער דעם שנעע בעדעקטען וועג.

ענדליך זיינען זיי ארויסגעקומען פון דיא פעטערסבורגער לאנגע גאסען און האָבען זיך געפונען אין איינע פון דיא פאָרשטעדט, און ווערענד זיי זיי־נען אזוי געלאָפען פייל־פון־בויגען האָבען זיי מיט אמאָל דערהערט א שרעק־ליכע הערצרייסענדע שטימע פון א פרוי:

— האלט! אום גאָטעס ווילען האלט! איהר האָט מיין קינד איבערגע־פאָהרען!

קאטהערינא האָט א ריס געטהאָן דיא צוים מיט א ווילדע בעוועגונג. איהר פערד האָט א שפרונג געגעבען און האָט אָנגעהויבען טאנצען אויף דיא הינטערשטע פיס ארויף. יעדער אנדערער, אפילו דער גרעסטער קינסטלער אין רייטען וואָלט אין דער סעקונדע אראָבגעפאַלען פון פערד, אָבער קאטהערינא איז געבליעבען זיצען אין זאָטעל וויא פון אייזען אויסגעגאָסען. מיט א וואונ־דערבאר קרעפטיגע האנד האָט זיא דעם פייערדיגען פערד איינגעהאלטען ביז דיא אָרימע פרוי האָט בעוויזען דאָס קינד, אן אונגעפעהר זעכס יעהריגע מיי־דעלע, פון אונטער'ן פערד'ס פיס ארויסצוכאַפּען.

— מיראָוויטש! האָט קאטהערינא אויסגערופען ווארפענדיג איהר בליק צוריק, פערצייכען דעם נאָמען פון דער פרוי און פון'ם קינד! ווייטער, שנעל, ווייטער!

און אזוי איז זיא ווייטער געלאָפען און ער נאָך איהר.

ענדליך איז דיא קייזערין ארויפגעפאָהרען אויף פעטראָפּאַוולאָווסקי בריק אָבער באלד האָט זיך איהר אנטקעגען געשטעלט א סאָלדאט פון דער וואכע מיט א געלאָדענע ביקס אין האנד און האָט אויסגערופען:

— דיא פאראָלע, אָדער איך שיס!

קאטהערינא האָט נאטירליך ניט געוואוסט דעם פאס־וואָרט און דער סאָל־דאט האָט זיא ניט דורכגעלאָזט און דאָ איז יעדע סעקונדע ביי איהר געווען א לעבענספראגע.

— אוועק פון וועג! האָט זיא געדונערט אויפגערעגט, קענסט דוא דען ניט דיא קייזערין?

דער סאָלדאט האָט זיך אָבער פון אָרט ניט גערירט.

— נא דיר א פאס־וואָרט! האָט זיא אויסגערופען אין שרעקליכען צאָרען

און האָט מיט איהר רייט־בייטש דערלאנגט דעם סאָלדאט איבערן קאָפּ א שטארקען קלאַפּ, אז ער איז גלייך אנידערגעפאלען צו דער ערד. דאן איז זיא צוגעלאָפּען צום אייזערנעם טויער און האָט זיך אָבגעשטעלט.

אין דעם מאָמענט האָט דער סאָלדאט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און האָט אויסגעשטעלט זיין ביקס צו שיסען דיא רייטערין אין רוקען, אָבער מיר־ראָוויטש איז צו איהם צוגעשפּרונגען אָהן אן אָטהעם און האָט אויסגערופען:

— אום גאָטעס ווילען, שיס ניט, גרענאדיר! דאָס איז דאָך דיא קייזערין!

און ערשט דאן האָט דער סאָלדאט פערשטאנען וואָס פיר א דומהייט ער האָט דאָ בעגאנגען. ער איז גלייך צוגעלאָפען צו דער קייזערין, וועלכע איז נאָך אלץ געזעסען אויף'ן פערד און האָט געקלאפּט אין טויער.

— פערצייהעט, מאַיעסטעט! האָט ער געשטאמעלט, איך האָב ניט בע־מערקט —

— עס מאכט ניט, האָט קאטהערינא איהם אונטערבראָכען. דוא האָסט ריכטיג ערפילט דיין פליכט. מאָרגען זאָלסט דוא זיך מעלדען צו גענעראל מיניק און דוא וועסט בעקומען דעם טשין פון קאָרפּאָראל מיט א בעלאָה־נונג פון פינף הונדערט רובעל. דאָך יעצט גיב דעם טויער־וועכטער א צייכען, ער זאָל באלד עפענען, אָבער מאך עס שנעל, מיין פריינד, זאָנסט קריעגסט דוא באלד ווידער א קלאַפּ, אז דער רוח וועט דיך נעהמען.

דער טויער האָט זיך באלד געעפענט און קאטהערינא איז אראָבגעשפּרונגען פון פערד און איז צוגעלאָפען צו דער טיהר, וואו עס איז געשטאנען אן אלטער קאָרפּאָראל מיט א בינטעל שליסלען אין איין האנד און א לאנטערן אין דער צווייטער.

— וואו איז דער קאָמאנדאנט? האָט דיא קייזערין אויסגערופען מיט א שטרענגען טאָן.

דער קאָרפּאָראל האָט נאָר א בליק געוואָרפען אויף איהר און ער איז א פערציטערטער געוואָרען. עס האָט איהם אָנגעהויבען ווארפען א צאָהן אָן א צאָהן. דער לאנטערן איז ארויסגעפאלען פון זיין ציטערענדע האנד און דאָס ליכט האָט זיך פערלאָשען.

— דוא נארישער עזעל! האָט זיך קאטהערינא געערגערט, פיהר מיך דיא מינוט צום קאָמאנדאנט, אויב דיין לעבען איז דיר ליעב.

דער אלטער איז געלאָפען מיט אלע קרעפטע און האָט געפיהרט דיא אונגע־דולדיגע קייזערין דורך פערשיעדענע האלען און קארידאָרען ביז ער האָט זיך אָבגעשטעלט פאר א טיהר און האָט געוואָלט עפענען און אריינגעהן מעלדען, אז דיא קייזערין קומט. קאטהערינא האָט איהם אָבער אָבגעשטופּט און אויפרייסענדיג דיא טיהר איז זיא אריין אין זאאל.

ביי'ם שרייב טיש איז געזעסען דער קאָמאנדאנט, אן אלטער גענעראל

מיט'ן רוקען צום טהיר. ער האט געמיינט, אז דאס איז אריינגעקומען דער קער־קער־מייסטער, און ניט אויפהויבענדיג דעם קאפ פון זיין שרייבען, האט ער גע־פרעגט:

— נו, ווערשיצקי? איז שוין אלעס פערטיג? האט דיא מאשינערי פון דער פאל־טיהר ריכטיג געארבייט?

מיט אמאל איז דער אלטער גענעראל א דערשראקענער געווארען. ער האט דערהערט א געוויין. ער האט זיך אומגעקערט זעהן, ווער דאס איז, און האט דער־זעהן פאר זיך דיא מעכטיגע קייזערין קאטהערינא וועליקאיא.

ער איז איהר גלייך צו דיא קניע געפאלען און האט אויסגערופען מיט א ציטערענדע שטימע:

— גרויסער גאט! וואס איז מיט אייך, מאיעסטעט?

— שטעהט אויף, גענעראל! האט קאטהערינא געזאגט און האט מיט איהר אייזערנע ווילענסקראפט אונטערדריקט איהרע טרעהרען. זאגט מיר: איז שוין אלעס געענדיגט? אלעס פערביי?

— וואס מיינט איהר, מאיעסטעט?

— מיט דיא צוויי אפיציערען, האט זיא געשטאמעלט.

— מיט צעהן מינוט פריהער האב איך זיי אבגעשיקט צו דעם בעוואוסטען צימער, מאיעסטעט. איהר ווייסט דאך דיא געהיימע פאל־טיהר —

— שנעל, קאמאנדאנט, רעדט ניט מעהר! האט זיא געדונערט, פיעלייכט איז נאך ניט שפעט. קומט מיט מיר, פיהרט מיך צו דער פאל־טיהר. שנעל! לאמיר קיין סעקונדע ניט פערליערען.

מיט דער שנעליגקייט פון א בליץ איז דער קאמאנדאנט ארויסגעלאפען פון זאאל און דיא קייזערין איז געלאפען נאך איהם, וועהרענד איהרע בלאסע ציטערענדע ליפען האבען געמורמעלט:

— אה, גאט אין הימעל, שטראף מיך ניט אזוי שווער פאר מיינע זינד. לאמיך איהם רעטען. גיעב מיר צוריק, גאט, מיין איינציגען געליעבטען, אהן וועלכען מיין לעבען וועט זיין פיעל ערגער וויא דער טויט.

פונקט מיט צעהן מינוט צוריק האט זיך אין דעם זעלבען זאאל אבגעשפיעלט פאלגענדע סצענע:

דער דעזשורנער אפיציער האט אריינגעטראגען דעם קאמאנדאנט א פער־זיגעלטען בריעף פון'ם גענעראל גובערנאטאר פאסעק. דער בריעף האט גע־לויטעט:

"אויף'ן בעפעהל פון איהר מאיעסטעט זאלען דיא צוויי אפיציערען וואס ברענגען דיעזען בריעף אויף עביג פערשוואונדען ווערען דורך דער פאל־טיהר אין דיא קעלערען פון פעטראפאוולאווסקי פעסטונג".

דער קאמענדאנט האט דעם קורצען בריעף איבערגעלעזען און האט געהייסען

מען זאָלביידע אָפיציערען אָבפיהרען אין א געוויסען גרינעם צימער, וואו עס איז פאר זיי סערווירט א סאפער. דאביי זאָל מען זיי ערקלעהרען, אז ער אליין וועט באלד קומען זיי צו בעגריסען.

א הויכער, שטארקער מאַן וויא א ריעז, מיליטעריש געקליידעט, איז אריינגעקומען אין פאר־זאאל, וואו פּאַטעמקין און קרוזע האָבען געווארט, און האָט זיי ערקלערט דעם אנטוואָרט, וואָס דער קאָמאנדאנט האָט געגעבען אויף׳ן בריעף. דאן האָט ער זיי געזאָגט, זיי זאָלען איהם נאָכגעהן.

דיא ביידע לייטענאנטען האָבען ניט געוואוסט, אז דאָס איז דער קערקער־מייסטער פון קרעפּאָסט (פעסטונג), און זיינען איהם נאָכגעגאנגען דורך א סך גרויסע און קליינע קאָרידאָרען. ענדליך האָט דער קערקער־מייסטער ווערשיצקי געעפענט א טיהר און דיא לייטענאנטען האָבען דערזעהן א פּראכטפאָלען העל־בעלייכטעטען גרינעם צימער, אין וועלכען עס איז געשטאנען סערווירט א טיש מיט דיא בעסטע שפּייזען.

ווערשיצקי האָט זיי איינגעלאדען אריינצוגעהן אין צימער און ווארטען ביז דער קאָמאנדאנט וועט צו זיי קומען, און ער אליין, ווערשיצקי, איז געבליעבען שטעהן פון דער זייט שוועל. צוערשט איז אריינגעגאנגען קרוזע און פּאַטעמקין איז שוין אויך געשטאנען מיט איין פוס אויף׳ן שוועל, אָבער גראדע האָט זיך געמאכט, אז עס זיינען ביי איהם אראָבגעפאלען דיא האנדשוה און ער האָט זיך עטוואָס צוריקגעצויגען דיא האנדשוה אויפצוהויבען. דאָס איז געווען פונקט אין דעם זעלבען מאָמענט, ווען ניט ערוואַרטענדיג, אז דער צווייטער אָפיציער וועט גראדע יעצט צוריקטרעטען, האָט ווערשיצקי א דריק געטהאָן א געוויסען קנאָפּ אין וואנד און דיא פאל־טיהר האָט זיך ביי דער שוועל געעפענט און קרוזע איז מיט א שרעקליכען אויסגעשריי ארונטערגעפאלען אין דער טיעפעניס.

— מאָרד! פערראטה! האָט פּאַטעמקין אויסגעשריען און איז צוריקגע־לאָפען איבער׳ן קאָרידאָר. אָבער איידער ער האָט נאָך בעוויזען אָבצולויפען א צעהן שריט, זיינען פון אלע ארומיגע טיהרען ארויסגעשפּרונגען קאָזאקען און האָבען אויסגעשטעלט געגען איהם זייערע גלאנציגע פּיקעס.

— צוריק, קאָזאקען! האָט פּאַטעמקין געשריען, זעהט איהר דען ניט, אז איך בין אן אָפיציער? ווארום בעפאלט איהר מיך וויא ניעדערטרעכטיגע מער־דער?

אָבער דיא קאָזאקען אונטער דער קאָמאנדע פון זייער אָפיציער זיינען גע־קומען לאנגזאם טריט ביי טריט, נעהענטער און נעהענטער צו פּאַטעמקין׳ען און ער איז געוועזן געצוואונגען געהענדיג צוריק מיט דיא פּלייצעס, זיך ווידער צו דערנעהענטערען צום שרעקליכען צימער. ער איז שוין געווען בלויז א פּאָאר טריט פון דער פאל־טיהר.

מיט אמאל האט ער זיך אבגעשטעלט און האט אויסגערופען מיט א ריה־רענדע שטימע:

— ניין, איך וויל ניט אראבגעשליידערט ווערען אין יענעם מארד גרוב! ווען שוין יא שטארבען, דאן וויל איך אם ווענינגסטען שטארבען מיט אן עהר־ליכען, בראווען סאלדאטען־טויט! היער, גראבט איין אייערע פיקעס אין מיין ברוסט!

און זיך ווארפענדיג אויף דיא קאזאקען, האט ער מיט א מערקווירדיגע ריעזען קראפט ארויסגעריסען מיט ביידע הענד פיער פיקעס פון דיא קאזאקען, וועלכע זיינען אזוי איבערראשט געווארען, אז זיי האבען זיך אויף א טריט צו־ריקגעצויגען.

— האלט זיך צוריק, קאזאקען! ליינט אוועק דיא געוועהר! האט זיך מיט אמאל דערהערט א פרויען־שטימע, וואס האט געקלונגען מיט ווילדע אויפ־רעגונג.

— נא פראווא, מארש! האט דער קאמאנדאנט אויסגערופען און באלד זיינען דיא קאזאקען פערשוואונדען, וועהרענד קאטהערינא איז צוגעלאפען צום נערעטעטען פאטעמקין און האט מיט א ריהרענדע שטימע אויסגערופען:

— ער לעבט! איך האב איהם ווידער! אה, גאט! איך דאנק דיר, גרויסער גאט!

— דיא קייזערין! האט פאטעמקין געשטאמעלט אין גרויס איבערראשונג, זיא זעלבסט, קאטהערינא —

— יא, קאטהערינא, דיין קייזערין —

מעהר איז זיא ניט אין שטאנד געווען צו רעדען. איהר שעהנע געזיכט, וואס איז ביז אהער געווען רויט פון אויפרעגונג, איז יעצט שרעקליך וויים געווארען, דיא פיס אונטער איהר האבען געציטערט און וויינענדיג פון פרייד איז זיא געפאלען אויף פאטעמקין׳ס ברוסט.

דער יונגער לייטענאנט האט זיא געהאלטען פעסט ארומגעשלאסען אין זיינע ארעמס. ער האט אין דעם מאמענט פערגעסען, אז דאס רוהט אויף זיין ברוסט קאטהערינא דיא גרויסע, דיא מעכטיגע מאנארכין, פאר וועמען גאנץ אייראפא און האלב אזיע האבען געציטערט. פאר איהם איז זיא יעצט געווען דיא פרוי, וואס האט געקעמפפט פאר זיין לעבען, זיין רעטערין, זיין ענגעל.

ער האט געפיהלט דיא זיסע פארפיום פון איהרע האאר. ער האט גע־הערט וויא דאס הארץ אין איהר האט געקלאפט וויא דער אונרוה אין א זייגער, און האט געזעהן וויא זיא האט צו איהם אויפגעהויבען איהרע אויגען, וואס הא־בען געצייגט אזוי פיעל ליעבע און גליק, אז ער האט געמוזט מיט גרויס בעגייס־טערונג צודריקען זיא צו זיין ברוסט. פעסטער און פעסטער האבען זיי זיך

ארומגעארעמט און זיא האט גענומען גלעטען זיינע זיידענע לאקען וויא מען שפיעלט זיך מיט א ליעבליכע קינד, און האט געמורמעלט:

— מיין טהייערער געליעבטער, האסט נעביך געהאט א גוטען איבערשרעק? אבער ביסט אין ערגיץ ניט פערוואונדעט, הא? אה, איך וואלט דיעזע פעס־טונג מיט זיך און זיי אלעמען אויף שטיקער צוריסען, ווען עס וואלט מיט דיר עטוואס געשעהען! קום, ועסט מיך בעגלייטען אין ווינטער פאלאסט.

דער יונגער פאטעמקין איז געוועז וויא צומישט, ער האט בשום אופן ניט געקענט זיין גליק בעגרייפען. ער האט זיך אין דעם מאמענט דערמאנט וויא זיא האט איהם נעכטען בעהאנדעלט, וויא נאך דער סצענע פון פלאמענדע ליעבע האט זיא זיך צו איהם פלוצים בעוויעזען וויא א שטרענגע קאלטע הערשערין און האט איהם אבגעשיקט אין ארעסט. אויף איהר בעפעהל ליעגט זיין קאמעראד דארט אונטען צושמעטערט און ער אליין איז שוין געשטאנען אויף איין טריט נאהענט צו אזא שרעקליכען טויט.

"ניין, האט ער זיך געטראכט, מיט אזא פרוי דארף מען זיך צופיעל ניט ערלויבען."

— פערצייהעט מיר, מאיעסטעט! האט ער אויסגערופען און האט זיינע הענט פון איהר צוריקגעצויגען. ענטשולדיגט מיר וואס איך בין געוועזן אזוי דרייסט.

זיא האט אבער זיין האנד ניט אבגעלאזט און האט איהם ארויסגעפיהרט פון דיעזען שרעקליכען פלאץ, וואו זיין לעבען איז געוועזן אין אזא גרויסער גע־פאהר.

— מעהר זאלסט דוא קיין מאל דיעזע פעסטונג ניט זעהן! האט זיא אויסגערופען און האט זיך צו איהם געקלעפט וויא א טויב.

זיי זיינען דורכגעגאנגען אייניגע צימערען און האבען קיינעם ניט בעגעגענט. דער קאמאנדאנט איז געוועזן גענוג ערפאהרען און האט געוואוסט אז זיין אנוועזענ־הייט איז דא איבעריג, און אז קיין אנדער זייטיגע פערזאן דארף זיך דא אויך ניט געפינען. ער האט אויך בעזארגט אז ביי'ם טהיר אין הויז איז שוין געשטאנען אן איינגעשפאנטער עקיפאזש מיט וועלכען דיא קייזערין וועט זיך פיעלייכט וועלען בענוטצען.

געשטיצט אויף פאטעמקין'ס ארם איז קאטהערינא ארויסגעגאנגען צוריק אין הויף, וואו דער קאמאנדאנט זעלבסט איז געשטאנען מיט א לאנטערנע.

— עס פרעהט מיך, גענעראל, האט איהם דיא קייזערין געזאגט, וואס אלעס האט זיך אזוי גוט געענדיגט. איך שענק אייך דעם גרויסען סט. פעטער ארדען.

— מאיעסטעט, האט דער קאמאנדאנט געשטאמעלט טיעף פערנייגט, וויא גרויס איז אייער קייזערליכע גנאדע!

קאטהערינא האט א שמייכעל געטהאן מיט צופריעדענהייט, דאן האט

זיא ארויפגעלייגט איהר האנד פעסט אויף פאטעמקין'ס שולטער און איז אריין אין עקיפאזש.

פאטעמקין האט א קוש געטהאן דער קייזערין'ס אויסגעשטרעקטע האנד. אויף איהר בעפעהל האט ער זיך געזעצט אויף איהר אראבישען פערד רייטענדיג, דער עקיפאזש האט זיך אנגעפאנגען צו בעוועגען, און באלד זיינען זיי ביידע ארויסגעפאהרען פון הויף.

און מיראוויטש? דיעזער אפיציער האט דיא גאנצע צייט פערבראכט אין א זאנדערבארע בעשעפטיגונג. אין דער צייט, וואס אין דער פעסטונג זיינען פארגעקומען דיא אלע אויפרעגענדע סצענעס, איז ער געבליעבען אין הויף און האט זיך דאמיט בענוצט שנעל און אונבעמערקט צו פערצייכענען מיט א בלייר שטיפט אין זיין נאטיץ־ביכעל אלע טיהרען און פענסטער און דעם אלגעמיינעם פלאן פון דער פעסטונג. איז דיעזער יונגער אפיציער א פערשווערער, אדער א שפיאן?

6טער קאפיטעל.

קאטהערינא'ס זיעג.

דיא קאמפאני, וואס פלעגט כמעט יעדען אבענד צוזאמענקומען אין ער־מיטאזש, איז בעשטאנען פון אונגעפעהר זעכציג פערזאן, וועלכע דיא קייזערין זעלבסט האט אויסגעוועהלט פון דיא העכסטע פירסטליכע פאמיליען, וואס זיי־נען איהר געווען טריי און איבערגעבען מיט ליב און זעעלע. זאנסט האט קיי־נער ניט געקענט האבען דיא עהרע אין דיעזען העכסטען אינטימען קרייז אריינ־צוקומען.

צווישען דיא פראמינענטע מענער, וואס האבען געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דעם הויכען אינטימען קרייז, איז געווען גראף פאנין, קאטהערינא'ס ערש־טער מיניסטער, איינער פון דיא בעריהמטע דיפלאמאטען אין זיין צייט. ער האט געפיהרט אלע רעגיערונגס געשעפטען זעהר קלוג און פארזיכטיג. דאך האט זיך געפונען איין פערזאן, פאר וועלכען זאגאר פאנין האט געמוזט בויגען זיין קאפ. דיעזע פערזאן איז געווען גרעגאר ארלאוו, דער קייזערין'ס גינסטלינג.

ביי דער פערזאמלונג פון דיעזען אבענד אין ערמיטאזש איז נאך ארלאוו ניט ערשיענען. דיא געסט האבען געהערט מיט גרויס אינטערעסע דיא טעג־ליכע פאליטישע נייעס, וואס גראף פאנין האט דערצעהלט און ערקלערט מיט זיינע שארפע מיינונגען. דאן האט מען אין פעטערסבורג און איבעראל אין רוסלאנד געהערט, אז עס שטעהט פאר א נייער קריעג מיט דיא טירקען און אז אויך דיא טאטארען זיינען אריינגעפאלען אין דיא רוסישע גרענעץ־לענדער און האבען געמאכט אין א סך ערטער א שרעקליכען חורבן.

דיעזע נאכריכטען האבען אלעמען זעהר שטארק אינטערעסירט. דיא נעגע־

ראלען זיינען אפילו אלע מוטהיגע העלדען, פון רעסטווענען איז זיי פיעל בעקוועמער צו פערברענגען דיא צייט אין ערמיטאזש ביי שאמפאניער וויא אויף'ן שלאכטפעלד ביי קאנאנען. אייניגע פון דיא הויכע פערוואלטונגס בעאמטע האבען שוין געטראכט וועגען דיא רעגיערונגס מאגאזינען, אויף וועלכע זיי האבען ערהאלטען גרויסע סומען געלד און האבען נאך קיין זאך ניט געטהאן צו בעזארגען דיעזע מאגאזינען מיט גענוג פראוויאנט פיר א שלאכט. זיי האבען געוואוסט, אז דיא קייזערין איז אין אזעלכע צופעלע זעהר שטרענג און דיא מינדעסטע אויפרעגונג שמעקט מיט סיביר אדער זאגאר מיט עשאפאט.

אייניגע פון דיא געסט האבען דאריבער דיעזען אבענד געפיהלט זעהר אומעדיג. דאגעגען האט געהערשט פאלשטענדיגע פרעהליכקייט אין דעם קרייז פון דיא הויכע דאמען. קריעג אדער פריעדען — וועמען ארט עס? זיי האבען קאקעטירט מיט דיא יונגע אפיציערען פון דיא פירסטליכע פאמיליען, וואס האבען דיא עהרע זיך צו צעהלען צווישען דיא יעניגע, וואס ווערען געלאדען אין ערמיטאזש.

— מלחמה אדער שלום, מיינע העררען, האט גראף פאנין געזאגט צו זיינע צוהערער, אלעס איז אבהענגיג פון איהר מאיעסטעט, אונזער גרויסע קייזערין. וועגען דיא געהיימניסע פון קאבינעט דארף איך געוועהנליך ניט שפרעכען, אבער אזוי פיעל קען איך אייך זאגען, אז ביי דער לעצטער זיצונג פון גאסודארסטוועני סאוויעט איז מען מעהר געווען געניינגט צו שלום. איבערהויפט איז גראף ארלאוו געגען קריעג. ער בעהויפטעט, אז דיא וואס האבען בעפאלען אונזערע גרענעצען זיינען עס בלויז אייניגע טאטארישע רויבער־באנדעס, און עס איז גענוג צו שיקען אהין א פאאר רעגימענטען קאזאקען, אום דיעזע ווילדע צו פערטרייבען, און דיא אידעע פון מלחמה אין גאנצען צו פערשטיקען.

מיט אמאל איז אין זאאל שטיל געווארען און אלע האבען געווענדעט זייערע בליקען צו א מערקווירדיגע פאאר פאלק וואס זיינען אריינגעקומען.

ער איז געווען אן אלטער מאן, הויך געוואקסען, אבער שוין עטוואס געבויגען אויס עלטער. דער אויסדרוק פון זיין גלאט־ראזירטע, צוקארטשעטע געזיכט איז געווען שטרענג און שטאלץ. דער מונדיר פון א פעלד־מארשאל איז וויא א זאק געהאנגען אויף זיין מאגערער פיגור.

אנגעלעהנט אויף זיין ארם האט ער געפיהרט א פרוי פון אונגעפעהר צוואנציג יאהר אלט, א זעלטענע שעהנהייט. איהר זייד־ווייכע און שווארצע לאקען זיינען געפאלען אראב אויף דיא אלאבאסטער־ווייסע שולטערן און אויף דיא ברוסט וועלכע מען פלעגט דאן געהן אין קייזערליכען הויף גאנץ אויסגעבלייזט. איהר צארטער פרויען־קערפער איז געווען בעדעקט מיט א קלייד פון געלע כינעזישע זייד, געפוצט מיט דיא טהייערסטע זילבערנע שטיקעריי און קליינע ערעלשטיינער. איהרע אויגען האבען געגלאנצט וויא צוויי שווארצע דיאמאנטען

און האָבען געשטראהלט מיט א רייצענדען צויבער. איהר נאָז איז געווען עכט אידיש, עטוואָס געבויגען. איהרע ליפּעלאַך זיינען געווען רויט וויא א בליהענדע ראָזע און איהרע צוויי רייהען צייהן זיינען געווען וויא צוויי שנור פּערל. זיא איז געווען איינע פון דיא בעריהמטעסטע שעהנהייטען אין קייזערליכען הויף.

ערשט מיט פינף יאָהר צוריק איז זיא געווען א אידישע טאָכטער. דער רייכער הויף־באנקיער אראָן קראָנבערג איז איהר פאָטער.

דער באנקיער קראָנבערג איז געווען זעהר בעליעבט ביים צאר פעטער דעם דריטען, און גראדע דערפאר וואָס ער איז געווען דער אינטימסטער פריינד פון׳ם ערמאָרדעטען צאר, וויל מען האט געוואוסט, אז ער איז א געשוואָרענער פיינד פון דער נייער קייזערין קאטהערינא און איהר פארטיי, האט מען קאָנפיסקירט זיין פערמעגען און איהם אליין האָט מען אָבגעשיקט אין א פעסטונג פון א וויטע פראָווינץ וואו מען האָט איהם געהאלטען געפאנגען ביז דער לעצטער צייט, דאָס הייסט, אן ערך פון פיער יאָהר. אום דעם אידען נאָך שווערער צו בעשטראָפען האָט מען צו גלייכער צייט גענומען זיין איינציגע טאָכטער אָלגא און מען האָט זיא אוועקגעשיקט קיין מאָסקווא אין א קלויסטער וואו זיא איז געווען געצוואונגען זיך צו טויפען.

איבריגענס האָט מען דיא שעהנע אָלגא גאָר ניט געדאַרפט דערצו פיעל צווינגען. אין דיא גוטע יאָהרען ווען איהר פאָטער איז געווען אזוי נאָהענט צום צאר האָט זיא זעהר פיעל געזעהן פון׳ם לוקסוס און פון׳ם אויסגעלאסענעם לעבען אין קייזערליכען הויף, און דאָס האָט געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף איהר יונגע לייכטזיניגע הארץ.

זיא האָט געזעהן פירסטליכע אריסטאָקראטישע דאמען, בעהאנגען און בעקלאנגען מיט דיאמאנטען און בריליאנטען, וויא זיי שטאָלצירען און קאָקעטירען אין זייער גלאנץ און פראכט און וויא זיי שווימען אין ימים פון תאוה, פערגעניגען און זינד, און אָלגא קראָנבערג האָט מיט אלע געדאנקען פון איהר יונגע אונערפאהרענע זעעלע געטרוימט נור וועגען אזא צוקונפט. א בעסערע און א גליקליכערע צוקונפט אין לעבען האָט זיא זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט.

און דיעזע געדאנקען האָבען לאנגזאם, אָבער דייטליך געווירקט אויף איהר זיך צו דערוויטערען פון איהר פאָטער און צו פערפרעמדען איהרע געפיהלען פון ליעבע צו איהם און צו דיא אידישע קרייזען איבערהויפּט. זיא האָט געוואוסט אז אלס אידישע טאָכטער וועט זיא קיין מאָל ניט קענען עררייכען דאָס וואָס זיא וועט קענען עררייכען אלס קריסטין, און אזוי גיך וויא זיא האָט געזעהן אז איהר פאָטער איז אין געפענגניס, זיין פערמעגען איז קאָנפיסקירט און אז זיא בלייבט אן אָרימע, הילפלאָזע מיידעל אָהן אירגענד וועלכע אויסזיכטען פון וואָ־

נען צו לעבען איז זיא באלד געווען בערייט צו טאָן אלעס אין דער וועלט אבי ניט צו דארפען מורא האָבען פאר'ן טייפעל פון ארמוטה.

ווען מען האָט זיא געבראכט אין א קלויסטער האָט אָלגא בעשלאָסען יעצט גערולדיג צו ווארטען ביז עס וועט זיך איהר מאכען א געלעגענהייט זיא זאָל קענען קומען צו איהר ציעל. אין איהר זיסען טרוים פון גלאנץ און רוהם האָט זיא פינקטליך בעזוכט דעם קלויסטער, געזונגען אלע תפילות העכער פון אלע נאָנען און צום האָאר ערפילט אלע פרומע צערעמאָניעס, אזוי אז זיא האָט זיך שטארק בעליעבט געמאכט ביי דער הייליגער מוטער פון קלויסטער, וועלכע האָט דאריבער בעשלאָסען אריינצונעהמען דיא יונגע מיידעל אלס נאָנע.

אָלגא איז געווען צופריעדען. זיא האָט געהאָפט אז דאָ וועט זיך איהר מאַבען דער ערוואַרטעטער צופאל. צום בעשטימטען טאָג איז זיא מיט גרויס פאַראד אויפגענומען געוואָרען אלס הייליגע שוועסטער אין מאָסקווא אין קאזאנסקי סאָבאָר.

דיא נאָנען פון קאזאנסקי סאָבאָר זיינען געווען בעריהמט אלס גוטע וועכטערינס פיר קראנקע. און אין גאנץ רוסלאנד ווען עס האָט זיך נאָר געמאכט א קראנקהייט'ס צופאל מיט א גרויסען בעאמטען פלעגט מען גלייך אויסשרייבען נאָנען־וועכטערינס פון מאָסקווא. און אזוי האָט עס פאסירט אז איין מאָל אין א שעהנעם פריהמאָרגען האָט דיא מוטער פון מאָנאסטיר ערהאלטען אן אייגען־הענדיגען בריעף פון דער קייזערין קאטהערינא, אז צו איהר גרויסען בעדויערען איז דער אלטער זעכציג־יעהריגער פעלד־מארשאל, פירסט דאשקאָוו געפעהרליך קראנק געוואָרען אויף שווארצע פאָקען. אין פעטערבורג איז אונמעגליך צו קריעגען פאר איהם א וועכטערין, ווייל דיעזע קראנקהייט איז זעהר אנשטעקענד. דיא קייזערין פאָדערט אלזאָ אויף אז מען זאָל שיקען איינע פון דיא נאָנען אמוועניגסטען דיא לעצטע לעבענסטעג פון דעם קראנקען זקן עטוואָס צו פערלייכטערען, ווייל פירסט דאשקאָוו איז קיין מאָל ניט געווען פערהייראַט און האָט ניט ארום זיך קיין קרוב און קיין גואל צו שטעהען מיט איהם אין דער מינוט ווען זיין נשמה וועט איהם פערלאָזען.

דיא מוטער פון דיא נאָנען האָט טרויעריג מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט ווען זיא האָט דיעזען בריעף געלעזען. זיא האָט זיך אליין קיין עצה ניט געקענט געבען ווען צו שיקען פיר דיעזע העכסט געפעהרליכע ארבייט. זיא האָט אלע איהרע נאָנען געליעבט וויא אייגענע טעכטער, און דאָך האָט זיא קיין ברירה געהאט, איינע האָט זיא געמוזט שיקען, דער קייזערליכער בעפעהל מוז ערפילט ווערען. זיא האָט דאריבער פערזאַמעלט אלע הייליגע שוועסטער אין גרויסען זאאל און האָט זיי פאָרגעלעזען דער קייזערין'ס בריעף. דאביי האָט זיא געמאכט א פאָרשלאָג מען זאָל ווארפען גורל און דער גורל זאָל בעשטימען ווער פון זיי עס זאָל פאָהרען צום קראנקען פירסט. דיא נאָנען זיינען פערציטערטע

געוואָרען. יעדע האָט מורא געהאט טאָמער וועט איהר אויסקומען צו איבערנעהמען דיעזע געפעהרליכע ארבייט, אָבער צו זייער גרויסע פרייד האָט אָלגא מיט איהר העלע, קלינגענדע שטימע פּלוצים אויסגערופען:

— הייליגע מוטער! דאָרט, וואו עס האנדעלט זיך אום צו ערפילען דיא גרויסע פליכט פון מענשענליעבע, דארף ניט דער גורל בעשטימען, דאָס דארף בעשטימען דער גוטער פרייער ווילען פון דער יעניגער, וואָס איז צופריעדען זיך אויפצואָפּפערען. איך וויים, אז דאָס איז פאר מיר א זיכערער טויט, דאָך קען עס מיך אפילו אויף א מינוט ניט אָבהאלטען פון טהון מיין פליכט. איך בעט איך, הייליגע מוטער, לאָזט מיך פאָהרען קיין פּעטערסבורג צו זיין דיא וועכטערין ביי'ם קראנקען פירסט. דאָס איינציגע, וואָס איך פערלאנג, איז נור, אויב עס איז מיר בעשערט יונגערהייד פון דער וועלט צו געהן, זאָלט איהר דאָ בעטען פאר מיין אָרימע זינדיגע נשמה.

טיעף גערוהרט האָבען דיא הייליגע מוטער און דיא נאָנען געהאלדזט און געקושט דיא שעהנע פרומע שוועסטער אָלגא, וועלכע איז נאָך דעם זעלבען אָבענד אָבגעפאָהרען קיין פּעטערבורג אין אן עקסטרא טהייערען שליטען געשפּאנט מיט פיער טהייערע פערד.

דיא רייזע האָט גענומען צוויי טעג. און מערקווירדיג! כמעט פון דעם זעלבען מאָמענט, וואָס אָלגא איז אריינגעקומען אין צימער פון דעם אלטען פירסט, איז זיין קראנקהייט געוואָרען לייכטער און אין דריי טעג ארום האָבען דיא קעניגליכע דאָקטוירים מיט בעשטימטהייט ערקלערט, אז דער קראנקער איז ארויס פון געפאהר.

פירסט דאשקאָוו האָט זיך גאנץ שנעל ערהאָלט. ער איז וויא פון דאָס ניי בעלעבט געוואָרען. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זיין בליק געוואָרפען אויף זיין שעהנע, צארטע וועכטערין, איז איהם צוגעקומען א שטיק געזונד און ער האָט פאָלשטענדיג געגלויבט, אז אין זכות פון איהר פרומקייט איז ער ניצול געוואָרען און דאָס זיא, נור זיא האָט איהם פון טויט געראַטעט.

דורך זיין גרויסען איינפלוס האָט דאשקאָוו אויסגעווירקט ביי דער הייליגער מוטער פון דיא נאָנען, זיא זאָל אָלגא'ן ניט באדערען און זאָל איהר ערלויבען א לענגערע צייט צו פערבלייבען אין זיין הויז. און דיא יונגע נאָנע האָט אויך דארויף גערן איינגעוויליגט.

איין מאָל האָט דער פירסט דאשקאָוו געהאט א געהיימע אָודיענץ ביי קייזערין קאטהערינא און א שטונדע שפּעטער איז ארויסגעשיקט געוואָרען א קוריער נאָך מאָסקווא מיט אן אלערהעכסטען בעפעהל צו דער הייליגער נאָנען־מוטער פון קאזאנסקי סאָבאָר, אז זיא זאָל זאָפאָרט אויסשטרייכען אָלגא'ס נאָמען פון דיא נאָנען־ביכער און זיא זאָל דאביי מאכען א בעמערקונג אין דיא ביכער, אז זיא, אָלגא, איז געשטאָרבען.

צוויי טעג שפעטער איז אין דער פעטערבורגער אריסטאָקראטישער וועלט ערשיענען א יונגע, עלעגאנטע דאמע. איהרע פאפיערען האבען געצייגט, אז זיא איז א געוויסע גרעפין קאליש פון ווארשאו. דיעזע פרעמדע יונגע דאמע האט געפיהרט א גראָסארטיגע הויז מיט צאהלרייכע דיענער און טהייערע עקיפאזשען. איהרע קליידער און איהרע דיאמאנטען זיינען געוועזען העכסט רייך און עלע־גאנט. דיא קייזערין קאטהערינא אליין האט זיא איינגעלאדען צווישען דיא דא־מען פון קייזערליכען הויף און עס האט דאריבער קיינעם ניט געוואונדערט, ווען פירסט דאשקאָוו האט מיט דיעזער יונגער רייכער דאמע חתונה געהאט.

אלגא קראנבערג האט אלזא איהר ציעל ערריכט. וויא א ליכטיגער שטראה־לענדער שטערן איז זיא אויפגעגאנגען אויף'ן הימעל פון דער פעטערבורגער אריסטאָקראטיע. זיא איז געוועזען דיא ערשטע דאמע פון דיא וועמען דיא קיי־זערין האט געלאדען יעדען אבענד אין ערמיטאזש און דיא גרעסטע פארנעהמסטע מענער פלעגען זיך בוקען צו איהרע פיס פאר איהר שעהנהייט.

אנפאנגס האט מען געדענקט, אז דיעזע לעבעדיגע, לוסטיגע און קרעפ־טיגע יונגע פרוי, וואס האט זיך פערבונדען מיט אן אלטען לאנגווייליגען מאן, וועט געוויס ניט קענען בלייבען צו איהם טריי און מען האט ערווארטעט, אז עס וועט לאנג ניט געדויערען און מען וועט אויסגעפינען, אז אויסער דעם מאן האט זיא ערגיץ א געהיימען געליעבטען. אם מעהרסטען האבען דיא דאמען פון קיי־זערליכען הויף געוואונשען עס זאל אזוי זיין, זיי זאלען האבען פון וואס צו רעדען. ווייל פירסטין דאשקאָוו האט זיך געצייגט זעהר שטאלץ און הויכמוטיג נעגען אלע פרויען. זיי האבען מקנא געווען ניט נור איהר אויסערגעוועהנליכע שעהנהייט, נור אויך איהר שארפען פערשטאנד, מיט וועלכען אלגא האט זיך אימער אויסגעצייכענט אין דער הויכער געזעלשאפט.

צו דער אלגעמיינער איבערראשונג פון דיא אויסגעלאסענע אריסטאָקראט־קעס פון קייזערליכען הויף איז זייער ערווארטונג און זייער וואונש ניט מקוים געוואָרען. אמת, אלגא דאשקאָוו האט לוסטיג און פרעהליך פערקערט מיט פער־שיעדענע מענער, האט געהערט פערשיעדענע בעגייסטערטע קאמפלימענטען און געענטפערט מיט שארפזיניגע וויצען. אבער דאס איז געוועזען אלעס — ניט מעהר. און ניט ווילענדיג האבען אלע, אפילו דיא וואס האבען זיא אין האר־צען אמת פיינד געהאט, געמוזט צוגעבען, אז אלגא דאשקאָוו איז א מוסטער פון פרויען־עהרע.

אויך אין דיעזען אבענד, ווען זיא איז נור ערשיענען, האבען זיך באלד ארום איהר פערזאמעלט א גאנצע מחנה יונגע און עלטערע מענער און יעדער איינער האט איהר געשענקט דיא גרעסטע קאמפלימענטען פאר איהר שעהנ־הייט און פאר איהר חכמה. אלגא איז קיינעם קיין אנטווארט ניט שולדיג גע־בליעבען, אלעמען האט זיא געענטפערט און פון יעדען אנטווארט האט מען זיך

נעהאלטען ביי דיא זייטען לאכענדיג. דאן האט זיא זיך בענוצט מיט דער ערשטער געלעגענהייט און איז אונבעמערקט ארויס פון זאאל און איז אוועק אין דער קייזערין'ס פריוואט צימערען. אין איינעם פון דיא צימערען האט זיא געפונען דער קייזערין'ס קאמער־פרוי, מאדאם גראמאן, וועלכע האט שוין אויף איהר געווארט.

— שנעל מאדאם גראמאן! האט זיא געזאגט, העלפט מיר זיך איבער־קליידען. וואו איז יעצט דיא קייזערין?

— איך האב געלאזט איהר מאיעסטעט אין טואלעט צימער. דאס איז גע־וועזן מיט א פיערטעל שטונדע צוריק.

— מאכט עס שנעל, מאדאם גראמאן!

מיט דער הילפע פון דער קאמער־פרוי האט אלגא אראבגעווארפען פון זיך דיא פרויען־קליידער און אין אייניגע מינוטען איז זיא געווען איבערגעטהאן וויא דיא יונגע באיעם וואס בעדיענען דיא קעניגין. זיא האט אנגעטהאן א פאאר הויזען און א ראק פון רויטע זיידענס, בעציערט מיט גאלד. דאצו האט זיא געטראגען א הוט און א קליינעם שווערד. ביי'ם ערשטען בליק איז זיא געווען אונמעגליך צו דערקענען. זיא האט אויסגעקוקט ריכטיג וויא איינער פון דער קייזערין'ס יונגע פאזשען. מיט א צופריעדענער מינע האט אלגא, אויף זיך א קוק געטהאן אין שפיעגעל און האט געזאגט צו דער קאמער־פרוי:

— פון יעצט אן, מיין ליעבע מאדאם גראמאן, וועל איך אייך צאהלען צוויי טויזענד רובעל א מאנאט געהאלט. פאר אייערע געשיקטע הענט, איז דאס ניט צו ווייניג בעצאהלט?

און וועהרענד דיא קאמער פרוי האט זיך פערנייגט מיט דאנקבארקייט איז אלגא ארויס פון צימער און איז שנעל אראבגעגאנגען איבער א שמאלע טרעפ, וואס האט געפיהרט אין ווינטער גארטען. אין דעם פאראדיז האט קיינער ניט געקענט האבען קיין צוטריט אהן דער ערלויבניס פון דער קייזערין, אבער דיא פירסטין דאשקאוו האט פון קאטהערינא'ן זעלבסט בעקומען א רעזאנדער שליסעל צו איינע פון דיא טיהרען, אום זיא זאל צו יעדער צייט קענ[illegible] ין גאר־טען אריינקומען.

אלגא איז נור אבגעגאנגען א קורצע שטרעקע איבער דיא אלעען צווישען דיא פאלמען־בוימער, ווען א שלאנקער יונגער אפיציער איינגעהילט אין א מאנ־טעל איז איהר אנטקעגען געקומען. דאס איז געווען ניקאלאי מיראוויטש. ער האט האסטיג געכאפט איהר האנד און א הייסער, א ליעבליכער קוש האט אבגעהילכט אין דער ריינער פארפיומירטער לופט.

— ניט דא, האט אלגא שטילערהייד געזאגט. קום אריין אין איינע פון דיא ראזען־ביידלאך, וואו מיר זיינען זיכער אז מען וועט אונז ניט זעהן.

מיראוויטש האט זיא ארומגענומען און באלד זיינען זיי ביידע פערשוואונ־

דען אין א גארטען הייזעל, נעדיכט ארומגעוואקסען מיט ראָזען. דאָרט האָבען זיי זיך אווקגעזעצט אויף א גאָלדענע באנק און ערשט דאן האָט איהם אָלגא ארומ־געכאפּט האלדזען און קושען.

— אָה, טהייערע, וויא עס פריײט מיך דיך צו זעהן! האָט זיא אויסגע־רופען.

— איך האָב שוין ניט גערעכענט, אז איך וועל דיך היינט אבענד קענען זעהן, מיין טהייערע געליעבטע! האָט ער נעזאָגט, איך האָב נאָר וואָס גערימען מיט דער קייזערין אזוי שטורעמדיג, אז ס'איז איינפאך געווען א לעבענסגע־פאהר. איך וועט, אז דוא וועסט ניט וויסען, וואו איך בין מיט איהר געווען.

— דוא מיט דער קייזערין! מיט קאטהערינא'ן!? האָט אָלגא געפרעגט מיט א טאָן פון פערדרוס און אייפערזוכט.

— האָסט ניט וואָס צו זיין אייפערזיכטיג, נארעלע, האָט מיראָוויטש גע־לאכט. איך קען ליעבען נור דיך אליין און זאָגאר זיא, דיא גרעסטע און דיא מעכטיגסטע קייזערין אין דער וועלט, קען מיך ניט ברענגען דאצו איך זאָל דיך אויסבייטען אויף אן אנדערע. אָבער איך האָב היינט געזעהן א סצענע, וועלכע וועט האָבען דיא גרעסטע בעדייטונג פאר רוסלאנד'ס געשיכטע. רוס־לאנד וועט יעצט בעקומען א נייעם הערשער און גראף אָרלאָוו איז שוין אזוי גוט וויא אראָבגעוואָרפען פון זיין גדולה. זיין מאכט וועט פאלען.

— דאָס וואָלט מיך ווירקליך פרייען, האָט אָלגא בעמערקט, שוין צייט, אז אונזער לאנד זאָל ענדליך בעפרייט ווערען פון דיעזען ברוטאלען וואָלף אין מענשען־געשטאלט. דאָך ווער איז ער דען דער נייער הערשער אויף זיין פּלאץ?

— דאָס קען איך דיר נאָך פאָרלויפיג ניט ענטדעקען, דוא וועסט עס וואהרשיינליך נאָך דיעזען אבענד ערפאהרען. דיא קייזערין וועט געוויס איהר ליעבלינג פאָרשטעלען דער געזעלשאפט. יעצט אָבער זאָג מיר, מיין זיסע טייע־בעלע, האָסט דוא מיר געבראכט דיא פּאפּיערען, וואָס איך האָב דיך געבעטען? איך מוז דיא דאָקומענטען האָבען אום איך זאָל קענען מיין עקזאמען אָבגעבען אין דער וואָיענע אקאדעמיע אלס ארטילעריסקי מאיאָר.

— אָה, דוא מיינסט דיא פּלענער פון דער פעסטונג שליסעלבורג? יא, מיין לעבען. איך האָב זיי דיר געבראכט. עס איז געוועזן פאר מיר זעהר א שווערע אויפגאבע. מיין אלטער פעלד־מארשאל האָט זיי געהאלטען איינגעשלאָסען אין אן אייזערנע קעסטעל און זאָגאר איך, זיין פרוי, האָב ניעמאלס פון איהם גע־קענט דעם שליסעל בעקומען.

ער האָט זיך דאביי צוגערוקט נעהענטער צו אָלגא'ן און האָט זיא א קוש געטהאָן אין שטערן.

— און וויא אזוי איז עס דיר דאָך געלונגען דיעזע פּלענער צו בעקומען? האָט ער ביי איהר געפרעגט.

— נאנץ איינפאך. נעכטען האט מיך מיין מאן געבעטען איך זאל אבענדס קומען צו איהם אין צימער מיט איהם א פאאר שטונדען צו פערברענגען. דוא קענסט זיך פארשטעלען, טהייערער, וויא שלעכט איך פיהל, ווען איך מוז זיין וואונש ערפילען. דאס מאל האב איך בעשלאסען איין מאל פאר אלע מאל זיך ניט איבערגעבען צו איהם און האב זאגאר מיטגענומען מיט מיר א שלאף־פראשעק פון מיין הויז־אפטייק, אבער עס איז ניט נויטיג געווען, דען אריינקומענדיג אין שלאף־צימער האב איך געפונען, אז דער אלטער זינדער האט זיך אנגעשיכור'ט מיט שאמפאניער און איז געשלאפען וויא א געהרג'עטער. איך האב זיך דאמיט בענוצט, איך האב ארויסגענומען דעם שליסעל פון זיין צוקאפען און האב געעפענט דאס אייזערנע קעסטעל, אין וועלכען איך האב דיא פלענער געפונען. דא האסט דוא זיי, מיין פריינד! פאר דיר בין איך פערטיג אלעס צו טהאן.

ביי דיעזע ווערטער האט זיא ארויסגענומען פון אונטער איהר ברוסט־טאש דיא פלענער פון שליסעלבורג פעסטונג, וואס זיינען געווען געצייכענט אויף שטארקע גלאטע זיידען פאפיער, אזוי אז מען האט זיי גאנץ בעקוועם געקענט צוזאמענלייגען אין דעם קלענסטען טאש. מיראוויטש האט דיא פאפיערען צוגעכאפט מיט אזא האסטיגע נייגיריגקייט, אז זאגאר אלגא איז דערפון שטארק איבערראשט געווארען.

— הער נור, ניקאלאי! האט זיא זיך אנגערופען און האט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען, מען זאגט, אז עס קומען יעצט ווידער פאר געהיימע פערשווערונגען צו בעפרייען דעם געפאנגענעם פון שליעסעלבורג און איהם אלס צאר צו פראקלאמירען. זאג מיר דעם אמת, מיראוויטש, ביסט דוא פיעלייכט אויך בעטהיילינט אין דיא פערשווערונגען גענען דער קייזערין? דוא דארפסט וויסען, אז קאטהערינא איז מיין בעסטע פריינדין, איך ליעב זיא וויא אן איינגענע שוועסטער און איך וועל קיין מאל ניט טהאן א זאך, וואס זאל איהר בריינגען שאדען.

— זיי רוהיג, מיין טהייערע אלגא, איך פערגעטער איינפאך אונזער קייזערין, האט מיראוויטש געענטפערט, וואס רעדסט דוא, קינד, איך א פערשווערער? קוק מיר גלייך אין דיא אויגען, זעה איך דען אויס וויא א פערשווערער? זאלסט וויסען, נשמה, אז מיר ליעגען גאר אזעלכע זאכען אין קאפ ניט אפילו. אלעס וואס איך דענק און אלעס וואס איך טראכט, איז נור וועגען דיר, מיין ליעבע, טהייערע נשמה.

דיא ליעבענדע פאאר האבען זיך ווידער אומגעארמט מיט הייסע קושען, אבער מיט אמאל האט דיא פירסטין אלגא א שפרונג געטהאן מיט שרעק און האט געצייגט מיט'ן פינגער אויף א קליינע בעסיעדקא, וואס איז געווען געבויעט פון פערלמוטער, בעפוצט מיט גאלד און זילבער. אין דיעזע בעסיעדקע, וואס איז

ארומגעפלאנצט מיט דיא טהייערסטע בלומען, זיינען יעצט אריינגעגאנגען צווי פערזאָן.

—דאָס איז דיא קייזערין! האָט אָלגא געשטאמעלט.

— און פּאָטעמקין! האָט מיראָוויטש בעמערקט גאַנץ שטיל.

קאטהערינא האָט אריינגעפיהרט פּאָטעמקין'ען אין ווינטער גאָרטען ניט דורך דער גרויסער אַלעע, איבער וועלכע אָלגא און מיראָוויטש זיינען געקומען, נאָר פון דער אנדרער זייט, אין א גאָלד־פּערציערטער שיפעל איבער'ן טייך. ווען זיי זיינען ביידע אריין אין בעסיעדקע און האָבען צוגעמאכט דיא טיהר, האָט אָלגא געזאָגט צו מיראָוויטש'ען:

— מיר מוזען זיך מיט דיעזען מאָמענט בענוצען און אזוי שנעל וויא מעגליך פון דאנען אוועק. דיא קייזערין טאָר ניט וויסען, אז איך האָב דיך אריינגעלאָזט אין ווינטער גאָרטען. זיא וואָלט דאָס מיר ניעמאלס פערצייהען, איבערהויפּט יעצט, ווען מיר זאָלען איהר שטערען אין אזא וויכטיגען מאָמענט.

ביידע האָבען שטיל און פאָרזיכטיג פערלאָזט זייער פלאץ און זיינען אויף דיא שפּיץ פינגער ארויס פון ווינטער־גאָרטען.

אין דער זעלבער צייט האָט דיא קייזערין צוגעצויגען איהר געליעבטען צו זיך און האָט גערעדט מיט א ריהרענדע שטימע:

— איך האָב דיך אהער געבראכט, אלעקסאנדער, ווייל דאָ זיינען מיר זיכער, אז קיינער הערט אונז ניט און קיינער שטערט אונז ניט. דאָס, וואָס איך האָב דיר יעצט צו זאָגען, דאַרף קיין מענש אין דער וועלט ניט וויסען. זעה, אלעקסאנדער, דיא קייזערין ערניעדעריגט זיך יעצט פאר דיר, איך לעג מיין הערשער־קרוין פאר דיינע פיס, איך שפּרייט אויס מיין קייזערליכען פּורפּור־מאנטעל אונטער דיינע טריט. איך, דיא בעפעהלערין איבערן גרעסטען טהייל פון דער וועלט, איך ליעג פאר דיר יעצט אויף דיא קניע און בעט פון דיר גנאדע.

און דיא שעהנע ליידענשאפטליכע פרוי, דיא מעכטיגע גרויסע קייזערין, איז ווירקליך לאנגזאם געפאלען אויף דיא קניע און אויפהויבענדיג צו איהם איהרע ברענענדע צארטע אויגען, האָט זיא אויסגערופען:

— איך בעט ביי דיר דיין ליעבע, אלעקסאנדער! אָהן דיר קען איך ניט לעבען. זאָג מיר איין וואָרט, אז דוא ווילסט געהערען צו מיר, און אונזערע הער־צער וועלען אויף אייביג בלייבען פערבונדען.

— קאטהערינא, מיין קייזערין! האָט פּאָטעמקין געענטפערט מיט א געלא־סענעם טאָן און האָט זיא אויפגעהויבען און צוגעדריקט צו זיך. רעד ניט אזעל־כע ווערטער וואָס צומישען אלע מיינע געדאנקען און טראָגען מיך אוועק פון דער ווירקליכער וועלט. איך וויל יעצט צו דיר רעדען ניט וויא צו א קייזערין,

נאָר וויא צו א פרוי, ביי וועלכער דאָס הארץ איז בעגייסטערט מיט מילדע, ערדעלע געפיהלען. יא, קאטהערינא, איך וואָלט דיך זעהר וועלען ליעבען, איך דענק זעהר פיעל וועגען דיר — אָבער איך קען ניט; איך וואָלט וועלען מיט דיר לעבען, אָבער איך טאָר עס ניט טהון. אָה, קאטהערינא, דוא ווייסט ניט וויא איך לייד, טויט מיך בעסער, נעהם און צושנייד מיין קערפּער אין שטיקער, אבי בעפריי מיך פון מיינע אונערטרעגליכע שמערצען, וואָס זיינען פיעל ערגער וויא דער טויט.

— דיך טויטען?! האָט דיא קייזערין אויסגערופען און האָט אָנגענומען פּאָטעמקין׳ס קאָפּ מיטביידע הענד און האָט אריינגעקוקט אין זיינע אויגען מיט ברענענדע בליקען, דיך טויטען, מיין ליעבלינג? ניין, דאָס קען קיין מאָל ניט פּאסירען, בעסער וועל איך מיט מיינע אייגענע הענד זיך אריינשטעכען א שארפען שפּיעז אין ברוסט.

— דוא דארפסט ניט דענקען וועגען שטארבען, קאטהערינא! דוא ביסט א מעכטיגע הערשערין איבער א גרויסע, מעכטיגע לאנד, אָהן דיר וועט רוסלאנד בלייבען וויא א שיף אָהן א רודער, אָבער וואָס בין איך? א גאָרנישט, אן אונבעדייטענדער מענש, אן אָרימער יונגער אָפיציער, וועלכער האָט נאָך אפילו קיין פולווער ניט געשמעקט. מיט מיין טויט וועט קיינער גאָר ניט פערליערען.

— אָבער איך?! דוא מוזט לעבען פאר מיר, אלעקסאנדער! לעבען אין גליק און אין גלאנץ. דוא זאָלסט האָבען אלעס, וואָס מאכט דעם מענשען גליקליך — טיטול, עהרע, רייכטהום און מאכט. פירסטליכע טיטולען, דיא שעהנסטע אוצרות פון דער וועלט — אלעס וועט בעלאַנגען צו דיר, ווען דוא וועסט נעהמען אלס צוגאָב מיך, דיא קייזערין. איך וויל קיין מינוט ניט פערליערען און געלעהנט אויף דיין ארם וועל איך דיך אריינפיהרען אין זאאל, וואו דיא העכסטע געזעלשאפט פון מיין לאנד איז יעצט פערזאמעלט, און דאָרט וועל איך דיך פאָרשטעלען אלס דעם איינציגען הערשער פון מיין הערצען. פאר דיר, טהייערער פריינד, וועל איך אויפטרעטען אין קאמפף געגען גרעגאָר אָרלאָוו און זאָגאר איהם טויטען, ווען עס זאָל נויטיג זיין. איך מוז דיר זאָגען דעם אמת, אלעקסאנדער, אז אָהן א שווערען קאמפּף וועט זיך דאָס ניט אויסגעהן. אָרלאָוו האָט א גרויסע, מעכטיגע פארטיי אין לאנד און אויב איך וועל איהם מוזען אָבראמען פון וועג, וועלען אלע דיא יעניגע, וואָס רעכענען זיך יעצט אלס מיינע פריינדע, פערוואנדעלט ווערען אין מיינע ביטערע שונאים און וועלען אלע צושטעהן צו דיא רעבעלען געגען מיין רעגיערונג.

— און קאטהערינא זאָל מורא האָבען פאר אזא מין אונמענש וויא אָרלאָוו? האָט פּאָטעמקין אויסגערופען מיט גרויס אויפרעגונג. קאטהערינא וועליקאיא זאָל פרעגען א דעה ביי אזא ניעדערטרעכטיגען שיכור וויא אָרלאָוו? אָה, ניין, קייזערין, דאָס קען ניט און וועט ניט זיין, און אויב עס זאָל ווירקליך קומען צו

א קאמפף צווישען דיר און אָרלאָוו, דאן וועל איך אויפטרעטען אלס דיין פער־טהיידינגער און וועל קעמפפען וויא א העלד. איך בין בערייט צו יעדער מינוט פאר דיר צו לעבען אָדער פאר דיר צו שטארבען, ווען דאס זאָל נויטיג זיין.

מיט א מערקווירדיגע פרייד איז קאטהערינא געפאלען אויף פּאָטעמקין׳ען און האָט איהם געדריקט צו איהר ברוסט. זיא האָט איהם געהאלדזט און גע־קושט וויא א ליעבליכע קינד. ער האָט איהר אָבער צוריק ניט געענטפערט מיט דער זעלבער צערטליכקייט און וועהרענד ער האָט זיך זאנפט בעפרייט פון איהרע הענד, האָט ער כמעט וויא מיט א פערצווייפלונג געשטאמעלט:

— איך קען ניט, איך דארף ניט, עליזאבעט איז מיין...

— וואָס? עליזאבעט וואָראָנצאָוו! האָט קאטהערינא אויסגערופען אויפ־געקאָכט פון זיינע רייד. דוא דענקסט נאָך אימער וועגען איהר, אלעקסאנדער? דוא קענסט נאָך אלץ ניט פערגעסען יענע מיידעל?

— וויא זאָל איך אין איהר פערגעסען, אז איך בין צו איהר צוגעשוואָרען אלס איהר חתן? איך בין געוועזן דער ערשטער, איינציגער מאן וואָס האָב איהר ליעבע פערשפּראָכען און זיא האָט מיר געגלויבט און געטרויעט. זאָל איך זיא יעצט פאַרראטהען, ווייל זיא איז אָרים? אָה, ניין, דאָס קען איך ניט! אזא שאנד־פלעק קען איך אויף מיין נאָמען אלס עהרען־מאן ניט מאכען און ווען איך זאָל אפילו וויסען צו שטארבען אוים ליעבע צו דיר, קאטהערינא, קען איך זיך פון מיין כלה דאָך ניט ענטזאגען.

— וואָס הייסט, דוא קענסט ניט? און ווען זיא איז דיר אונטריי געוואָרען? ווען זיא האָט דיין ליעבע פערקויפט פאר געלד, פאר שענדליכעם געלד?

— עליזאבעט האָט מיך פערקויפט! האָט פּאָטעמקין אויסגערופען פער־צווייפעלט, מיין גאָט! ווען אן אנדערע זאָל עס מיר זאָגען, וואָלט איך גלייך יענעם אויפגעפאָדערט אויף א דועל. ווייל איך וויים, אז דאָס איז אונמעגליך. ניין, ניין, מעכטיגע קייזערין, איך קען זיא בעסער, איך וויים וויא ערעל און געטריי איהר ליעבע איז צו מיר.

— און דוא ווילסט זיך אונטערשטעלען צו בעהויפּטען, אז דיין קייזערין זאָגט ליגען? האָט קאטהערינא געפרעגט און פון איהרע שעהנע אויגען האָבען פונקען פייער געשפּריצט אוים כעס.

אָבער זיא האָט אלע איהרע קרעפטע אָנגעווענדעט זיך באלד צו בערוהיגען און מיט אן עטוואָס געלאָסענעם טאָן האָט זיא געזאָגט:

— זיי ניט אזוי זיכער, אלעקסאנדער, איך וועל דיך באלד איבערצייגען, אז וואָס איך זאָג איז אמת. זאָג מיר, פּאָטעמקין, האָסט דוא איהר ווען עטוואָס געשאָנקען אלס א צייכען פון דיין ליעבע?

— יא, איך פלעג איהר שטענדיג ברענגען בלומען, וועלכע זיא האָט זעהר געליעבט. קיין צירונג האָב איך איהר אין מיין אָרימער לאגע ניט גע־

קענט געבען און זיא וואָלט אזעלכע זאכען אויך ניעמאלס פון מיר אָנגענומען, ווייל זיא וויים, אז מיינע מיטלען ערלויבען דאָס ניט.

— און אויסער בלומען האָסט דוא איהר געסטערן אבענד ניט געשענקט א גאָלדענע רינג? זעהסט דוא, איך וויים זאָגאר, אז אינעווענינ אויף'ן רינג זיינען געווען אויסגעקריצט דיא ווערטער: "אלעקסאנדער פּאַטעמקין — עליזאבעט וואָראָנצאָוו — אויף אייביג פעראייניגט."

— מאיעסטעט! האָט זיך פּאַטעמקין געוואונדערט, ווער האָט אייך דאָס אלעס ענטדעקט?

— זיא אליין, דיין עליזאבעט וואָראָנצאָוו. זיא זעלבסט האָט מיר דעם רינג אָבגעגעבען און צו גלייכער צייט האָט זיא מיר אויך דיך איבערגעגעבען. זיא האָט זיך דערפאר געלאָזט גוט בעצאָהלען. אָט דאָס איז דיין געטרייע עליזאבעט. איך האָב איהר געגעבען א מיליאָן רובעל און א פּראַכטפאָלען דיאמאנטענעם האלדזבאנד און יעצט געפינט זיא זיך שוין אויף'ן וועג נאָך אויסלאנד. דאָ האָסט דוא דיין רינג!

דאבייא האָט קאטהערינא ארויסגענומען פון טאש פּאַטעמקין'ס פערלאָבונגס־רינג און האָט עס פאר איהם א וואָרף געטהאָן אויף דער ערד.

— מיין רינג! ס'איז ווירקליך מיין רינג! האָט דער יונגער אָפיציער אויסגעשריען, ווען ער האָט דעם רינג אויפגעהויבען און האָט אויף איהם א שנעלען בליק געוואָרפען. אָה, וויא שענדליך, וויא פערדאָרבען! זיא איז ניט בעסער וויא אלע אנדערע פרויען. אלע פרויען זיינען פאלש.

— ניין, אלעקסאנדער, דאָס זאָלסטו ניט זאָגען! איבער דעם, וואָס איינע איז צו דיר פאלש געווען, האָסט דוא קיין רעכט ניט אלע פרויען צו בעליידיגען. דאָס איז וואהר, אז עליזאבעט איז ניט ווערטה געווען דיין ליעבע. זיא איז ניט ווערטה געווען, אז אזא מאן וויא פּאַטעמקין זאָל זיך צו איהר ערניעדריגען. אָבער עס גיבט א פרוי וועלכע ליעבט דיך מיט איהר גאנצע נשמה, און ווען דוא ווילסט מיט איהר זיין "אויף עביג פעראייניגט", וועלען דיעזע ווערטער בלייבען ביז צו איהר לעצטען מאָמענט איינגעקריצט טיעף אין איהר ברוסט, ניט אויף גאָלד צוליעב וועלכען עליזאבעט האָט דיך פעררעטהען און פערקויפט.

— דאָס זעה איך יעצט קלאָר, האָט פּאַטעמקין איינגעשטימט און א לוסטיגע מינע האָט זיך אויף זיין געזיכט בעוויזען. גראדע דאָס, וואָס זיא האָט זיך פון מיר ענטזאגט, מאכט מיך העכסט גליקליך. איך בין געווען געבונדען צו איהר נור מיט מיין עהרען־וואָרט. איהר ליעבע האָט מיך שוין גאנץ ווייניג נעקימערט. פון דעם מאָמענט, ווען איך האָב דיך געזעהן, מיין ליעבע, שעהנע קייזערין, פיהל איך אז דיך און נור דיך ליעב איך, צו דיר בעלאנגט מיין הארץ. יעצט בין איך פריי, מיין איינציגע, געליעבטע קאטהערינא.

— מיינער! מיינער! דוא ביסט מיינער! האט קאטהערינא געשטאמעלט און האט איהם פעסט ארומגענומען אוןביידענס ליפען האבען זיך פעראייניגט אין א לאנגען ברענענדען קוס.

דאס ליעבענדע פאאר איז געשוואומען אין א ים פון פערגעניגען און לוסט. שטיל איז געווארען אין ווינטער־גארטען. דיא בלעטער פון דיא זעלטענע טהייערע בוימלאך ארום דער בעסיעדקע האבען זיך עטוואס בעוועגט און האבען זיך וויא געשושקעט צווישען זיך. דיא וועללען פון'ם טייכעלע האבען געמורמעלט אזוי זיס, אזוי ליעב, דיא פייגעליך האבען זיך געפאארט אין זייערע נעסטען, דיא בלומען האבען דערנעהנטערט זייערע בליהונגען איינע צו דיא אנדערע — דיא ליעבע האט יעצט געהערשט אין דעם גרויסען שעהנעם פאראדיז, אין דעם ווינטער־גארטען פון קייזערין קאטהערינא.

אן ערך פון א שטונדע איז פאריבער. אין דעם גרויסען זאאל פון ווינטער פאלאסט, וואו דיא קייזערליכע געסט זיינען געווען פערזאמעלט, זיינען מיט אמאל אלע געשפרעכען וויא איבערגעהאקט געווארען. דער אבער־צערמאניע־מייסטער איז ערשיענען און האט אויסגערופען מיט א הויכע שטימע:

— איהר מאיעסטעט דיא קייזערין וועט גנעדיג עמפפאנגען דיא געזעלשאפט אין יאפאנעזישען זאאל.

דיא קאוואלערען האבען געמייכט דיא הענד דיא דאמען, דיא קליינע דיענער אין זייערע פורפור רויטע קאסטיומען זיינען געגאנגען פאראויס, דער אבער־צערעמאניע־מייסטער איז געגאנגען מיט זיין גאלדענעם שטעקען אן דער שפיצע. זיי זיינען אריין אין דעם גלענצענדען יאפאנעזישען זאאל.

דיעזער גרויסער זאאל איז איינע פון דיא לוקסוס רייכסטע צימערען אין ערמיטאזש. דער זאאל איז קעניגליך אויסגעשטאטעט אין אזיאטישען סטיל. אויבען אן אויף דער ביהנע איז געזעסען קאטהערינא אויף א גאלדענעם שטוהל. נעבען איהר איז געשטאנען א צווייטער גאלדענער שטוהל. אויף דעם שטוהל פלעגט ביי אזעלכע געלעגענהייטען שטענדיג זיצען איהר מעכטיגער גינסטלינג גראף גרעגאר ארלאוו. יעצט איז דער שטוהל געווען ליידיג.

בעפאר קאטהערינא איז אריינגעקומען אין יאפאנעזישען זאאל האט זיא איבערגעטהאן אנדערע קליידער. זיא האט געענדערט דעם קאסטיום וואס זיא האט געטראגען אין גארטען וועהרענד זיא האט פערבראכט מיט אלעקסאנדער פאטעמקין. זיא האט יעצט געטראגען א קלייד פון בלויען סאמעט, בעפוצט מיט ווייסע פעריל. דיא קייזערליכע מאנטיע וואס זיא האט געטראגען איז געווען פון רויטען סאמעט און בעפוצט מיט גאלדענע פאסען, געשטיקט מיט קלענערע און גרעסערע בריליאנטען וואס האבען געפינקעלט וויא שטערען אויף א בלויען לויטערען הימעל. איהרע פראכטפאלע גאלד־בלאנדע האאר, אויף וועלכע עס האט געגלאנצט דיא קליינע קייזערליכע קרוין, זיינען געווען דורכגעפלאכטען

מיט גרויסע דיאמאנטען און איהר טיעף אויסבלאזירטע האלז איז געווען בע־דעקט מיט א זיעבען־רייהיגען שנור פערל. אין איהר האנד האט זיא געהאלטען א פעכער פון פאווע־פעדערען געדיכט בעזעצט מיט דיא טהייערסטע עדעל־שטיינער.

יעדע פאאר פון דיא געסט וואס זיינען אריינגעגאנגען האבען זיך טיעף פערנייגט פאר דער קייזערין און דיא קייזערין האט יעדען העפליך צוריק בע־גריסט מיט א ליעבליכען שמייכעל. איהר געזיכט האט דאן געשטראהלט מיט אזוי פיעל פרייד און ליעבליכקייט, וועלכעס מען האט נאך אויף איהר ניעמאלס בעמערקט.

דורך א ברייט־געעפענטע גלעזערנע טיהר האט מען געזעהן א צווייטען זאאל, וועלכער האט געשוואומען אין א ים פון ליכט. אין מיטען זאאל איז גע־שטאנען אן אונגעהייער גרויסער האלב רונדער טיש, געדעקט מיט זעכציג סער־וויזען. אויבען אן נעגען ביידע עקען פון׳ם האלבען רינג איז געשטאנען א קליי־נער טישעל מיט צוויי גאלדענע סערוויזען, בעציערט מיט דיא הערבען פון דער פאמיליע ראמאנאוו. ביי דעם טישעל פלעגט שטענדיג עסען קאטהערינא און ארלאוו, ווען עס פלעגען פארקומען אזעלכע סארטען באנקעטען.

דיא מוזיק וואס האט געשפיעלט ווערהענד דיא געסט זיינען אריינגעקומען איז שטיל געווארען און דיא קייזערין האט דאן אויסגערופען מיט א קלינגענדע, זיסע שטימע:

— איך בעגריס אייך הערצליך, מיינע געסט, און עס פרעהט מיך זעהר צו זעהן, אז עס פעהלט קיין איינציגער פון מיינע אלטע געטרייע פריינד.

דיא געסט זיינען שטארק איבערראשט געווארען. זיי האבען געוואוסט, אז יעדעס ווארט וואס דיא קייזערין לאזט ארויס פון מויל האט א טיעפע בעדיי־טונג. זיי האבען אויך געזעהן, אז דער ליעבלינג איהרער, גראף ארלאוו, איז נאך ניט ערשיענען און האבען דאריבער ניט געקענט פערשטעהן גענוי ווארום זיא זאגט אז אלע איהרע אלטע פריינד זיינען יעצט דא, קיין איינציגער פעהלט ניט. וואו איז ארלאוו? עפעס מוז דא זיין א נייעס.

— גראף פאנין! האט קאטהערינא אויסגערופען, און דער מיניסטער איז צוגעגאנגען צו איהר און האט זיך טיעף פערנייגט.

— זיינען אנגעקומען נייע דעפעשען פון מיינע גרענעץ פראווינצען? וואס הערט זיך מיט דיא ווילדע טאטארען? בעלעסטיגען זיי נאך אימער מיין טרייעס, גוטעס פאלק?

— מאיעסטעט, האט פאנין געענטפערט, ווען איך האב מיך פערטיג גע־מאכט צו פאהרען אין ווינטער פאלאסט, איז אנגעקומען א קוריער פון יעלי־סאוועטגראד און געבראכט דיא טרויעריגע נאכריכט, אז דיא טאטארען זיי־נען בעפאלען דיא שטאדט באכמוט און האבען פון איהר געמאכט א חורבה.

אין קאטהערינא׳ס אויגען האַט א בליץ געטהאָן א פלאם פון שרעקליכען צאָרען, אָבער דער מיניסטער האַט זיא גלייך גענומען בערוהיגען:

— ערהאבענע קייזערין, האַט ער געזאָגט, זאָל אייער גוטע הארץ ניט גע־שטערט ווערען מיט פערדרוס, זייט רוהיג, מיר וועלען דיא טאטארען פערניכטען. אָבער עס איז נויטיג, אז אייער מאיעסטעט זאָל ערוועהלען א גענעראל וואָס זאָל אוועק מיט אַן ארמעע צו יענער געגענד ביי׳ם שווארצען מעער. דאביי ער־לויב איך מיר, מאיעסטעט, צו בעמערקען, אז דער פעלד־מארשאל רומיאנצאָוו שטעהט יעצט אין ווינטער קווארטירען געגען דיא טערקען. איהם קען מען דארי־בער אהין ניט שיקען, עס מוז געשיקט ווערען אַן אנדער פעלד־מארשאל פון דיא גענעראלען וואָס געפינען זיך יעצט אין פעטערבורג.

אין דעם זעלבען אויגענבליק האַט זיך דיא טיהר געעפענט און גרעגאָר אָרלאָוו איז אריינגעקומען. אויף זיין ברוסט האָבען געבלישצעט א מאסע אָרדענס און אויף זיין האלדז איז געהאנגען א גאָלדענע קייט מיט׳ן בילד פון דער קייזע־רין געפאסט אין בריליאנטען. אָרלאָוו איז געוועזען דער איינציגער מאַן אין גאנץ רוסלאנד וואָס האָט געהאט דאָס רעכט דיעזע בילד צו טראָגען. קאטהערינא אליין האָט איהם דאָס בילד געשענקט ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער רוסיש־טער־קישער קריעג.

אָרלאָוו איז צוגעגאנגען צום טהראָן און האָט זיך מיט א מערקווירדיגען שטאָלץ געווענדעט צום מיניסטער:

— איהר זאָלט ניט ראטהען אונזער קייזערין קיין קריעג, נור פריעדען; שלום זאָלט איהר ראטהען. איך האָב שוין היינט ערקלערט אין גאָסודארסטווענ־י סאָוויעט, אז מיר קענען יעצט ניט אונטערנעהמען א נייע מלחמה. מיר קענען עס ניט טהאָן זאָלאנג וויא מיר זיינען נאָך מיט טערקיי ניט פערטיג. אי־בעריגענס דענק איך, אז ניט דאָ איז דער פּלאַץ אזעלכע זאכען צו פערהאנדלען. אהער זיינען מיר זיך צוזאמענגעקומען מיט׳ן איינציגען צוועק צו פערשאפען אונזער גרויסער קייזערין פרייד און פערגעניגען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער צוגעגאנגען צום צווייטען ליידיגען שטוהל ביי קאטהערינא׳ס זייט און האָט זיך געוואָלט אוועקזעצען, אָבער דיא קייזערין האָט אין דעם זעלבען מאָמענט אוועקגעלייגט איהר פעכער אויף׳ן שטוהל. אָרלאָוו האָט פערשטאנען וואָס דאָס מיינט און ער איז א צוקאָכטער געוואָ־רען פון אויפרעגונג. ער האָט אויף קאטהערינא׳ן א בייזען בליק געוואָרפען. ווען עס זאָל זיך איהם געווען עפענען א גרוב, וואָלט ער זיך לעבעדיגערהייד גע־ווען בעגראָבען פון שאנדע. ער האָט זיך געפיהלט שרעקליך בעליידיגט אין דיא אויגען פון דער גאנצער געזעלשאפט. ערשט נעכטען האָבען זיי אלע פאר איהם געציטערט ריכטיג וויא פאר דער קייזערין אליין און יעצט האָט ער שוין אין

זייערע געזיכטער בעמערקט, אז זיי קוקען אויף איהם מיט שפאט און האבען אין איהם דיא גרעסטע נקמה.

אבער גרעגאר ארלאוו איז ניט געווען דער מאן וואס לאזט זיך שפייען אין קאשע. ער האט אזוי גיך קיין קאמפף ניט אויפגעגעבען. דאס איז ניט געווען צום ערשטען מאל וואס קאטהערינא האט זיך געוואלט בעפרייען פון זיין אייזער־פלוס. אבער ער האט אימער מיט זיין ברוטאלע מאכט געזיעגט געגען איהר און אויך יעצט האט ער עפענטליך געוואלט צייגען, אז ער איז נאך אימער דער הערשער איבער דער קייזערין.

מיט דער שנעליגקייט פון א בליץ האט ער א כאפ געטהאן דעם פעכער און א שליידער געטהאן אין מיטען זאאל און האט זיך אוועקגעזעצט אויף דעם שטוהל.

— פערגעס ניט דעם 5טען יולי, 1762, האט ער געזאגט צו דער קייזערין גאנץ שטיל.

דאס איז געווען דער טאג, ווען ער זעלבסט האט מיט זיינע אייגענע הענד ערמארדעט קאטהערינא'ס מאן, דעם אראבגעזעצטען צאר פעטער דעם דריטען. דאס איז געווען א מארד, פון וועלכען זיא האט אין דער ווירקליכקייט ניט געוואוסט. דאך האט זיא אימער געציטערט פיעליכט וועט ארלאוו ארויסלאזען א קלאנג, אז ער האט עס געטהאן אויף איהר בעפעהל.

דיא גאנצע געזעלשאפט איז אויפגערעגט געווארען. מען האט ערווארטעט אז גלייך וועט דיא קייזערין הייסען אריינרופען דיא וואך און מען וועט אר־לאוו'ן פיר אזא גרויסע מאיעסטעט בעליידיגונג באלד ארעטירען און אבפיהרען אין געפענגניס.

קאטהערינא איז אבער געבליבען גאנץ רוהיג. זיא האט בעטראכט דיא סצענע מיט א זאנדערבארען שמייכעל, דאן האט זיא אויסגערופען:

— מיין ארימער פעכער, געביך אזוי שווער בעליידיגט! געפינט זיך דא ניט קיין איינציגער קאוואליער, וואס זאל זיין קייזערין איהר פעכער צוריק ברענגען?

יעדער פון דער געזעלשאפט איז אויפגעשפרונגען, פערטיג צו כאפען דעם פעכער און בעעהרט צו ווערען מיט דיעזען כבוד, אבער קאטהערינא האט אויפ־געהויבען איהר צארטע הערשער־האנד און האט אויסגערופען מיט א שטרייגגען בעפעהלענדען טאן:

— קיינער זאל דעם פעכער ניט בעריהרען! איך זעלבסט וועל בעשטימען דעם קאוואליער וואס זאל מיר דיעזע געפעליגקייט בעווייזען.

דאביי האט זיא זיך איינגעבויגען און האט געזאגט א פאר ווערטער צו איהר יונגען פאזש גאבריעל, וועלכער איז געשטאנען אונטער איהר שטוהל ביי דער רעכטער זייט, און ער איז באלד האסטיג ארויסגעלאפען.

אין גאנצען זאאל איז געווארען אזוי שטיל, אז מען וואלט געקענט הערען

וויא א נאָדעל פאלט אראָב. אלע האָבען מיט גרויס אונגעדולד ערוואַרטעט צו זעהן וואָס דאָ וועט פאָרקומען. יעדער האָט געפיהלט, אז באלד קומט א מאָמענט וואָס וועט האָבען א וויכטיגע היסטאָרישע בעדייטונג פאר דער צו־קונפט פון גאנץ רוסלאנד.

אָרלאָוו איז געזעסען אויף'ן שטוהל און אלע זיינע גליעדער האָבען גע־ציטערט פון אויפרעגונג. ער האָט יעצט איינגעזעהן, אז קאטהערינא איז בע־שלאָסען מיט איהם ארויס אין אָן אָפענעם קאמפף. אין דעם זעלבען מאָמענט האָט דיא זייטיגע טהיר זיך געעפענט און אלעקסאנדער פּאָטעמקין איז אריינ־געקומען אין דעם מונדיר פון א גווארדיע־לייטענאנט.

אָנפאנגס איז ער בעצויבערט געוואָרען פון דעם גרויסען פראכט און גלאנץ וואָס ער האָט דאָ צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען געזעהן. באלד אָבער האָט ער זיך בעהערשט און איז מיט א מערקווירדיגען אריסטאָקראטישען שטאָלץ צוגעגאנגען צו דער קייזערין'ס שטוהל.

ס'איז געוואָרען א שטילע שושקעריי צווישען דיא געסט. אלע האָבען געוואונדערט זייערע בליקען אויף'ן יונגען אָפיציער, וועלכער האָט געשיינט וויא דיא ליכטיגע זון. דיא דאמען זיינען וויא עלעקטריזירט געוואָרען פון זיין נאָבעלע שעהנהייט.

— וויא שעהן ער איז, האָבען איינע צו דיא אנדערע געמורמעלט. ער זעהט אויס וויא א מאגנאט! וויא קומט עס וואָס ביז אהער האָט איהם קיינער ניט בעמערקט?

קאטהערינא האָט געלעזען אויף דיא געזיכטער פון איהרע געסט וויא זיי בעוואונדערען איהר געליעבטען און א שטאָלצער, גליקליכער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף איהרע שעהנע ליפען.

— לייטענאנט פּאָטעמקין, האָט זיא זיך צו איהם געווענדעט, איך פער־לאנג פון אייך א געפעליגקייט, זייט אזוי גוט און הויבט אויף דעם פעכער, אָט דאָרט, און דערלאנגט איהם מיר.

פּאָטעמקין איז מיט לאנגזאמע שריט צוגעגאנגען אין מיטען זאאל, אויפ־געהויבען דעם פעכער, דאן איז ער צוגעגאנגען צוריק צום טראָהן, האָט זיך געשטעלט פאר דער קייזערין אויף דיא קניע און האָט איהר דערלאנגט דעם פעכער.

אָרלאָוו איז אזוי צוקאָכט געוואָרען, אז ער איז גרייט געווען זיין פער־האסטען קאָנקורענט אויף שטיקער צוצורייסען. דאָך האָט ער זיך געמוזט צוריקהאלטען. ער האָט געוואוסט, אז טראָץ דעם וואָס דיא קייזערין שיינט צו זיין רוהיג כלומרשט, איז זיא פון דעסטוועגען טיעף אין הארצען גוט אויפ־גערעגט און דאָס אין אזא מאָמענט איז געפעהרליך זיא פון געדולד ארויס־צוברענגען.

מיט א ליעבליכען שמייכעל אין איהרע שעהנע אויגען, האָט קאטהערינא גענומען דעם פעבער און אלע האָבען בעמערקט וויא זיא האָט צערטליך געדריקט מיט איהרע פינגער פּאָטעמקין׳ס האנד.

— איך דאנק אייך, לייטענאנט פּאָטעמקין, האָט זיא געזאָגט מיט׳ן זעלבען זיסען שמייכעל, שטעהט אויף, גענעראל מאיאָר פּאָטעמקין, דאָס איז אייער נייער טשין.

דער נייער גענעראל האָט זיך אויפגעהויבען שטאָלץ און גאלאנט און האָט בעטראכט דיא געזעלשאפט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט. ער האָט געוואוסט, אז פון דיעזען מאָמענט אָן שטעהט ער וויט העכער איבער זיי אלעמען און פון יעצט אָן וועט ער זיין זייער הערשער.

— דאָס איז ניט צום ערשטען מאָל וואָס איהר האָט מיר א געפעליגקייט געטהאָן, האָט דיא קייזערין פאָרטגעזעצט, ערשט ניט לאנג צוריק, ווען איך בין געוועזען וועגען א געוויסע זאך אין דער פאָרשטאָדט, האָט איהר מיך בעשיצט געגען א גרויסע בעליידיגונג פון א ברוטאלען מאן. מיט אייער שווערד האָט איהר איהם בעזיעגט און האָט איבערגעלאָזט פאר מיר דיעזען שענדליכען מאן צו בעשטראָפען. פיר אזא שעהנע, עדעלע טהאט זיינט איהר ווערט בעלאָהנט צו ווערען.

ביי דיעזע ווערטער האָט זיא אראָבגענומען פון איהר ברוסט דעם שטראהלענדען מיכאילאָווסקי אָרדען און האָט איהם זעלבסט צוגעשפּיליעט צו פּאָטעמקין׳ס מונדיר און האָט אויסגערופען מיט א זיסע, קלינגענדע שטימע:

— איך ערהויב אייך אלס קאוואליער פון דעם מיכאאיל-אָרדען, ווייל איך וויים, אז איהר וועט ווייטער אויך, וויא דיא פליכט איז פון אזא קאוואליער, שיצען יעדען וואָס שטעהט אין געפאהר געגען זיין ברוטאלען אָנגרייפער.

ביי׳ם וואָרט "ברוטאלען" האָט זיא א בליק געוואָרפען אויף גראף אָרלאָוו, וועלכער איז געזעסען און האָט אזש דיא ליפּען געביסען פון כעס.

— גראף גרעגאָר אָרלאָוו! האָט קאטהערינא אויסגערופען.

אָרלאָוו איז אויפגעשטאנען און האָט זיך געשטעלט מיט א זויערע מינע ביי פּאָטעמקין׳ס זייט.

— מיין טהייערער גראף, האָט קאטהערינא געזאָגט גאנץ געלאסען. איהר טראָגט שוין אייניגע יאָהר מיין בילד אויף אייער ברוסט, אָהנע צווייפעל איז שוין מיין אויסזעהען ביי אייך איינגעקריצט טיעף אין הארצען אזוי אז דער פּאָרטרעט מיינער איז שוין פאר אייך א גאנץ איבעריגע זאך. גיט מיר אהער דאָס בילד מיט דער גאָלדענער קייט צוזאמען אזוי וויא איך האָב עס אייך געגעבען.

— קאטערינא, האָט ער געשטאמעלט מיט א פערשטיקטע, הייזעריגע שטימע, אָה, קאטהערינא, מאך מיך ניט אזוי צו שאנד!

— דיא קייט און דאָס בילד אהער! האָט קאטהערינא וויעדערהאָלט מיט א שטרענגגען טאָן.

מיט ציטערנדע הענד האָט אָרלאָוו אראָבגענומען פון זיין האלז דאָס בילד און האָט עס דערלאנגט קאטהערינא'ן. זיא האָט זיך דאביי שטארק געהיט אָרלאָוו'ס פינגער ניט צו בעריהרען. דאן האָט זיא זיך געווענדעט צו איהר ליעבלינג:

— שטעלט זיך אויף דיא קניע, גענעראל מאיאָר פּאָטעמקין! האָט זיא געזאָגט, און וועהרענד ער האָט דער קייזערין'ס בעפעהל ערפילט, האָט זיא אָנגעטהאָן דיא קייט אויף זיין האלז און צודריקענד איהר בילד צום הארצען, האָט זיא אויסגערופען הויך, אָבער מיט א זעהר ליעבליכען טאָן:

— איך שענק אייך מיין בילד און איך האָף, אז איהר וועט אימער גע־דענקען דיעזע שטונדע, אין וועלכער אייער קייזערין האָט אייך צום ערשטען מאָל בעלאָהנט. דיעזעס בילד האָט נור איין מאן אין מיין גרויסען קעניגרייך דאָס רעכט צו טראָגען. איך וויים, גענעראל מאיאָר, אז איהר וועט דיעזעס בילד שיצען און שעצען וויא אייער לעבען און מיט אייער לעבען. פון יעצט אָן זיינט איהר מיט אייער קייזערין קאטהערינא אויף עביג פעראייניגט.

פּאָטעמקין האָט גענומען דיעזעס בילד מיטביידע הענד און האָט עס צו־געדריקט צו זיינע ליפּען, דאביי האָט ער אויף דער קייזערין געוואָרפען א ברע־נענדען בליק פון ליעבע און דאנקבארקייט. קאטהערינא איז עטוואָס פער־שעהמט געוואָרען, ריכטיג וויא א מיידעל אין איהר האָכציימס טאָג.

זיא האָט איהם געצייגט מיט'ן האנד אויף'ן ליידינען שטוהל נעבען איהר און פּאָטעמקין האָט זיך געזעצט ביי איהר זייט. אָרלאָוו האָט וויא א שיכור'ער זיך קוים אראָבגעשלעפּט פון דער ביהנע אום דיא געזעלשאפט צו פערלאָזען. ווען ער איז שוין געווען ביי דער טיהר, האָט קאטהערינא אויסגערופען:

— גראַף אָרלאָוו, קומט צוריק!

ער האָט זיך אויסגעדרעהט מיט'ן געזיכט צו דער קייזערין און האָט זיך אָבגעשטעלט.

— הערט אוים דעם בעפעהל פון דער קייזערין, האָט זיא געזאָגט, קומט צוריק צו מיר.

אָרלאָוו איז צוריק צוגעגאנגען און איז געבליבען שטעהן מיט אראָבגעלאָזענע אויגען. דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט, אז יעצט איז זיין לעצטע שטונדע געקומען, ער האָט געציטערט, פיעלייכט הייסט זיא איהם גלייך דעגראדירען און אָבשיקען אין פּעטראָפּאוולאָווסקי פעסטונג. צו זיין גרוים ערשטוינען האָט זיך דיא קייזערין צו איהם געווענדעט מיט א גאנץ ווייכען, מילדען טאָן:

— מיין טהייערער גראַף, איך האָב ביי אייך מיין בילד אָבגענומען, דער־פאר וועל איך אייך אן אנדער עהרע בעווייזען — גאבריעל!

דער קליינער דיענער האָט שוין געוואוסט וואָס דיא קייזערין בעפעהלט, ער איז שנעל פערשוואונדען און איז באלד צוריקגעקומען. ער האָט געטראָגען אויף א רויטע קישען א פערטיג געארבייטען גאָלדענעם שטעקען, א צייכען פון א רוסישען מארשאל.

מיט א גראציעזע בעוועגונג האָט קאטהערינא גענומען דאָס שטעקעל אין האנד און האָט זיך געווענדעט צום גראף:

— גראף אָרלאָוו, ווילדע, פיינדליכע בארבארען האָבען אטאקירט דיא גרענעצען פון מיין לאנד, זיי פערוויסטען און מאכען חרוב שטעדט און דערפער. עס איז צייט אז מיר זאָלען זיי צייגען אונזער מאכט און זיי בעשטראָפען.. איך ערוועהל אייך, גראף אָרלאָוו, אלס אָנפיהרער פון דער ארמעע וואָס וועט אהין ארויסגעשיקט ווערען. מאָרגען אין דער צייט מארשירט איהר אויף צום שלאכטפעלד.

אָרלאָוו האָט גאנץ גוט פערשטאנען וואָס קאטהערינא האָט דערמיט געמיינט. זיא האָט פון איהם געוואָלט פטור ווערען אויף א שעהנעם אופן אום זיא זאָל פון יעצט אָן אונגעשטערט קענען לעבען מיט איהר נייעם געליעבטען פּאָטעמקין. אָבער וואָס האָט ער זיך געקאָנט העלפען?

— נעהמט דיעזען מארשאל שטעקען און שטעלט איין דעם לעבען פאר אייער קייזערין, האָט זיא פאָרטגעזעצט, דער שטעקען איז שוין א לאנגע צייט געלעגען אין אונזער שאץ־קאמער. איך האָב איהם היינט נאָך מעהר אויסגעציערט. זעהט איהר דיעזען גרויסען בריליאנט אויף׳ן מיטען דער גאלקע? נאָך אזא בריליאנט גיבט עס אין דער וועלט ניט.

קאטהערינא האָט דאן געצייגט אָרלאָוו׳ן און דער גאנצער געזעלשאפט דעם בריליאנט וואָס האָט געשטראהלט פון׳ם שטעקען אזוי וויא א ריכטיגע זון. אָרלאָוו האָט דערזעהן דעם בריליאנט און איז ערשטוינט געוואָרען. ער האָט צו זיך אליין געמורמעלט:

— ס׳איז מיין שטיין, ער האָט איהם אלזאָ פערקויפט צו דער קייזערין אָהן מיין ערלויבניס.

— מיין הויף־יובעליער, האָט דיא קייזערין ווייטער ערקלערט, האָט היינט דיעזען שטיין געקויפט ביי א געוויסען אלטען אידען פאר א מיליאָן און צוויי הונדערט טויזענד רובעל. דאָס איז דער גרעסטער פרייז וואָס דיא וועלט האָט נאָך ווען עס איז בעצאָהלט פאר א בריליאנט. איך וויניש, אז דיעזער בריליאנט זאָל אייך לייכטען צום זיעג און אום צו פערעוויגען דיא אנערקענונג פון מיין גנאדע וואָס איך בעוויז אייך היינט אבענד, זאָל דיעזער גרעסטער עדעלשטיין דער וועלט פון יעצט אָן און ווייטער טראָגען דעם נאָמען "דער אָרלאָוו דיא־מאנט". (דער אָרלאָוו דיאמאנט איז איצט איינגעפאסט אין דעם רוסישען

סצעפּטער און געפינט זיך אין דער שאַץ־קאמער פון׳ם יעצטיגען צאר ני־קאָלאי).

מיט דיעזע ווערטער האָט קאטהערינא איבערגעגעבען אָרלאָוו׳ן דעם מאר־שאַל שטעקען. אָרלאָוו איז געצוואונגען געווען צו קושען דיא זעלבע קייזערליכע האנד וואָס האָט איהם מיט א פיערטעל שטונדע צוריק אזוי שווער בע־שטראָפט.

— און יעצט צום באנקעט! האָט קאטהערינא אויסגערופען. מיר מעגען דיעזע נאכט פערברענגען פרעהליך טראָץ דעם וואָס מאָרגען פאנגט זיך אָן א נייער קריעג. איך האָף, אז מיר וועלען אונזערע פיינדע בעזיעגען. מיר וועלען פערניכטען דיא טאטארען גראדע וויא מיר האָבען דיא טערקען צו־שמעטערט.

ביי דיעזע ווערטער פון דער גרויסער קייזערין האָט א רוישענדע מוזיק אויפגעשפּיעלט. דיא קאוואליערען האָבען ארויסגעצויגען זייערע שווערדען און דיא דאמען האָבען געפּלאטערט מיט זייערע טאשען־טיכער און דער גאנ־צער זאאל האָט געהילכט און געקלונגען מיט בעגייסטערטע געשרייען:

— האָך לעבע קאטהערינא דיא גרויסע! הורא, דריי מאָל הורא פיר רוסלאנד׳ס געליעבטע קייזערין!

— גיב מיר דיין ארם, אלעקסאנדער, האָט זיך קאטהערינא געווענדעט צו איהר געליעבטען.

פּאָטעמקין האָט אויסגעשטרעקט זיין ארם און דיא קייזערין האָט איהם גענומען געארמט און האָט זיך צו איהם אזוי צערטליך צוגעטוליעט גראדע וויא א כלה וואָס געהט מיט איהר ליעבען חתן צום אלטאר, און אזוי איז זיא מיט איהם געגאנגען דורך דער רייהע פון דער גאנצער געזעלשאפט ביז אין שפּייזע־צימער.

יעצט האָט געגעסען צוזאמען מיט דער קייזערין ניט גראף אָרלאָוו, וויא געוועהנליך, נאָר אלעקסאנדער פּאָטעמקין, דער מאן וואָס האָט איהר גאנצע הארץ געוואונען. דיא גאנצע צייט פון עסען, האָט קאטהערינא איהרע אויגען ניט אראָבגענומען פון איהר נייעם געליעבטען און מיט איהם גערעדט און גע־שמועסט מיט א מערקווירדיגע צערטליכקייט.

נאָך אין דער זעלבער נאכט האָט פּאָטעמקין פערנומען דיא פּרעכטיגע צימערן אין ערמיטאזש וואו אָרלאָוו האָט ביז יעצט געוואָהנט. דיא טיהר וואָס האָט געפיהרט פון דיעזע צימערן אין קאטהערינא׳ס בודואר איז פון יעצט אָן מעהר ניט געווען פערשלאָסען. אין ווינטער פּאלאסט איז ערשיענען א נייער הערשער וואָס האָט בעהערשט דער קייזערין׳ס הארץ און צוזאמען דאמיט איז ער געוואָרען דער פּאָלשטענדיגער הערשער איבער גאנץ רוסלאנד.

7טער קאפיטעל.

עליזאבעט וואראנצאוו.

דער שליטען וואס האט ארויסגעפיהרט עליזאבעט וואראנצאוו פון פעטערבורג איז שנעל פארביי דיא ברעגעס פון טייך נעווא, וואס איז דורך דיא לעצטע גרויסע פרעסט בעדעקט געווארען מיט אן אונגעהייער דיקען אייז. דיא ארימע מיידעל האט אין דער פרישער קאלטער לופט געפיהלט פיעל בעסער. איהר בלאסע געזיכט האט ווידער אנגעפאנגען צו בליהען מיט א צארטע רויטקייט וויא א שעהנע בלום.

זיא איז געזעסען און האט געטראכט וועגען איהר טרויעריגע לאגע, אין וועלכער זיא געפינט זיך יעצט. פון איהר ליעבען חתן איז זיא אבגעריסען געווארען, איהר גראספאטער ליגט שוין געווים ערגעץ אין א געפענגניס געשמידט אין קייטען. דאך האט איהר עפעס דיא הארץ געזאגט, אז אלעס וועט נאך ווידער גוט ווערען. זיא האט געהאפט, אז דאס וואס זיא איז וויא דורך א נס גערעטעט געווארען פון דער קייזערין׳ס גרויזאמער מאכט, איז א סמן, אז אלעס וועט צוריק גוט ווערען. באלד וועט קומען איהר אלעקסאנדער און וועט זיא ארויסשלעפען פון אלע צרות. ער וועט ראטעווען אי זיא, אי איהר גראספאטער.

— מיין אלעקסאנדער וועט צוליעב מיר טהאן אלעס, האט זיא צו זיך אליין געמורמעלט, און דאס האט אביסעל איהרע טרויעריגע געדאנקען צושלאגען.

ענדליך האט זיך דער שליטען אבגעשטעלט ביי א גרויסען אייזערנעם טויער פון הויף וואס איז געווען אין גאנצען ארומגעצאמט מיט הויכע אייזערנע שטאבעס, אויבען מיט שארפע שפיצען. פון אינווענייג נעבען דיא שטאבעס האט זיך געצויגען רונד ארום דארן בוימער וויא א דיקע וואנד. עליזאבעט האט דערזעהן דעם הויף מיט דער מאדנער בעפעסטיגונג און איז ערשטוינט געבליעבען.

דער קוטשער האט בעמערקט איהר איבערראשונג און האט אויסגערופען:

— איהר וואונדערט אייך, וויא איך פערשטעה, וואס אלעס איז דא אזוי ארומגעצאמט און בעפעסטיגט, אבער דא מוז מען זיין שטארק געהיט. איהר מוזט ניט פערגעסען, אז דא, נאהענט ביי פעטערבורג, טרייבען זיך ארום פערשיעדענע באנדיטען. מאדאם כריסטאמא איז אליין אויך מעהר ניט וויא א פרוי און אלע איהרע פענסיאנערען דא זיינען דאך אויך נאר מיידלאך וואס קענען זיך ניט פערטהיידיגען.

עליזאבעט איז פון דער ערקלערונג נאך מעהר איבערראשט געווארען. ארלאוו האט דאך איהר אויסדריקליך געזאגט, אז מאדאם כריסטאמא וואהנט

גאנץ אליין אויף דיעזער אימעניע און זוכט דאריבער א קאָמפּאניאָנקע. וויא קומען אלזאָ אהער פּענסיאָניסטקעס? דיא גאנצע געשיכטע איז איהר יעצט פאָרגעקומען שטארק פערדעכטיג. אָבער וואָס האָט זיא זיך געקענט העלפען? זיא האָט געמוזט אלעס אָננעהמען פאר ליעב, ביז איהר אלעקסאנדער וועט זיך צייגען.

דער קוטשער האָט אָנגעקלונגען און באלד האָט זיך געעפענט א גלעזערנע טהיר פון לאנד־הויז און ס'איז ארויסגעקומען א הויכגעוואקסענע קרעפטיגע פרוי, געקליידעט וויא א דיענסט. זיא האָט געהאלטען א לאנטערנע אין האנד. ווען זיא איז צוגעקומען צום טויער, האָט איהר דער קוטשער געזאָגט:

— גראף אָרלאָוו האָט געשיקט דיעזע פרייליין צו מאדאם כריסטאָמא. עפענט שנעל, איך מוז נאָך היינט בייגאכט צוריקפאָהרען קיין פעטערבורג.

דיא דיענסט האָט אויפגעשלאָסען דעם אייזערנעם טויער און מיט א פריינדליכע "גוטען אבענד" האָט זיא איינגעלאדען עליזאבעט זיא זאָל מיט איהר מיטגעהן אין הויז. דיא הויז איז געווען ניט זעהר קיין גרויסע, אָבער מערקווירדיג עלעגאנט און פּרעכטיג געבויעט. אויף'ן דאך פון הויז ביי יעדע זייטען פון דער פראָנט זיינען געווען צוויי טהורעמס, פון וועלכע מען זאָל קענען בעטראכטען דיא גאנצע געגענד ארום. דיא געביידע איז בעשטאנען פון צוויי עטאזשען און הויכע מארמאָר טרעפּ האָבען געפיהרט צו א באלקאָן וואָס האָט זיך געצויגען ארום גאנצען הויז. דיא טיהרען זיינען געווען געשניצט און דיא גרויסע שפּיעגעל פענסטער האָבען געבליצט געגען דיא שטראהלען פון דער לבנה. אין גאָרטען האָט זיך געפונען א בעזאָנדערע קליינע זעהר שעהנע לוסט הויז, פון וועלכע דיא פענסטער זיינען געווען פערהאנגען מיט סאמעטענע גארדינען. עליזאבעט איז געקומען צום בעשלוס, אז דיא מאדאם כריסטאָמא מוז אפנים זיין שטוינענד רייך.

דורך דער גלעזערנער טיהר האָט דיא דיענסט אריינגעפיהרט עליזאבעט אין א גרויסען פּאָרצימער, בעדעקט מיט דיקען קארפּעט און אנגענעהם דורכגעהייצט.

— פערבלייבט דאָ איינינע מינוטען, פרייליין, האָט צו איהר דיא דיענסט געזאָגט. איך וועל געהן וועגען אייך מעלדען דער מאדאם. זיא האָט היינט אבענד ערהאלטען א בריעף פון'ם גראף און זיא ערווארטעט אייך.

דיא דיענסט איז ארויסגעגאנגען און עליזאבעט האָט דערווייל גענומען בעטראכטען דיא רייכע אויסשטאטונג פון צימער און האָט ארויסגעלאָזט א שווערען זיפץ פון הארצען.

— אך, ווען איך וואָלט מיט מיין אלעקסאנדער קענען האָבען אזא שעהנע היים! אין מיין לעבען האָב איך קיין סך רייכטהום ניט פערלאנגט. אלעס וואָס איך וואָלט וועלען איז, אז איך זאָל קענען מיט מיין געליעבטען מאן פערברענ־

גען אין אזא שטילע, פריעדליכע איינזאמקייט, וואו מיר זאָלען זיין אויף עביג פעראייניגט.

דיא לעצטע ווערטער האָבען איהר דערמאָנט אין דעם פערלאָבונגס רינג וואָס דער חתן האָט איהר געשענקט, און ערשט יעצט האָט זיא זיך ארומגע־זעהן צו איהר גרויסען פערדרום, אז דער רינג איז שוין ניטאָ אויף איהר פינגער. וואהרשיינליך האָט מען ביי איהר דעם רינג אוועקגערויבט ווען זיא איז געלעגען אין טויטליכען שלאָף, האָט זיא געדענקט, אָבער ווער האָט עס גע־קענט טהאָן און צו וועלכען צוועק? אז דיא קייזערין אליין זאָל האָבען דעם רינג פון איהר אוועקגענומען, דאָס איז איהר אפילו אויף׳ן געדאנק ניט גע־קומען.

באלד איז דיא דיענסט צוריקגעקומען און איינגעלאָדען עליזאבעט אין א צווייטען צימער, אויך זעהר שעהן מעבלירט. אין מיטען איז געשטאַנען א גרויסער רונדער טיש, געשניצט פון אייכענבוים און נעבען איהם אויף א ווייכען שטוהל איז געזעסען אן אלטע פיינע דאמע אין א שווארצע זיידענע קלייד. ווען עליזאבעט איז אריינגעקומען, האָט זיך דיא אלטע דאמע אויפגעהוי־בען און האָט פריינדליך בעגריסט דעם גאסט.

— זייט מיר ווילקאָמען, ליעבעס קינד, האָט זיא געזאָגט, גרעגאָר אָרלאָוו וואָס האָט אייך צו מיר געשיקט איז מיין ליעבער פריינד און זיין מוטער איז אויך געווען מיין בעסטע פריינדין. זעצט זיך צום טיש און מאכט זיך היימיש.

דאן האָט זיך דיא אלטע דאמע געווענדעט צו דער דיענסט:

— אנאָוונא, ברענג אריין דעם סאמאָוואר און עטוואָס עסען פאר דער פריילין.

ווערענד דיא דיענסט איז ארויסגעגאנגען דעם בעפעהל צו ערפילען, האָט זיך דיא דאמע וויעדער געווענדעט צו עליזאבעט:

— אייער נאָמען איז עליזאבעט וואָראָנצאָוו, ניט וואהר?

— יא, מאדאם, האָט עליזאבעט געענטפערט, איך בין עליזאבעט וואָ־ראָנצאָוו און איך וועל מיך שעצען גליקליך, ווען איך זאָל ביי אייך נושא חן זיין און איהר וועט מיט מיר זיין צופריעדען. גראף אָרלאָוו האָט מיר געזאָגט, אז איהר זוכט א קאָמפּאַניאָנקע, ווייל איהר וואָהנט אין דיעזען הויז אליין. צו דער זעלבער צייט האָב איך געהערט פון׳ם קוטשער, אז דאָ געפינען זיך ביי אייך מעהרערע מיידלאך, פענסיאָנערקעס. וויא באלד אזוי, האָט איהר דאָך אייר־גענטליך גענוג קאָמפּאַניע.

— פערשטעהט איהר מיך, האָט דיא אלטע דאמע געשמאָנעלט אין פער־לעגענהייט, פערשטעהט איהר מיך, דעם אמת זאָגענדיג, געפינען זיך דאָ ווירק־ליך ביי מיר איניגע פריילינס פון זעהר אנשטענדיגע פאמיליען אין פעטער־בורג. זיי זיינען געקומען אהער אויף א קורצע צייט זיך צו ערהאָלען אין פריער־

ליכע איינזאמקייט. אבער זיי וועלען קירצליך אוועקפאהרען אהיים און דאן וואלט מיר וויעדער אויסגעקומען צו בלייבען גאנץ אליין, מיין טרייע דיענסט אנאוונא זאל זיין דיא איינציגע קאמפאניאנקע מיינע.

— צו וואס פאר א צוועק נעהמט איהר אויף אזעלכע פענסיאנערקעס? האט עליזאבעט געפרעגט.

— איינפאך, ווייל זיי צאהלען גוטע פרייזען. איך אליין בין ניט קיין רייכע פרוי. דאס הויז בעלאנגט צום גראף ארלאוו און ער האט דא מיר בלויז ערלויבט צו וואהנען. אן אקס האט א לאנגען צונג און קען ניט רעדען, איך האב אין מיין לעבען שוין זעהר פיעל געליטען. זעהט איהר מיין גרויען קאפ? דאס בין איך אזוי גרוי און אלט געווארען פון יסורים. ווען ניט מיין גוטהערציגער וואהלטהעטער גראף ארלאוו, וואלט איך צו דיא עלטערע יאהרען געמוזט אנ־קומען צו בעטעל־ברויט. ער איז א בריליאנטענער מאן מיט א גאלדענעם כא־ראקטער, דיעזער ארלאוו. ניט וואהר, עליזאבעט? עס איז ביי מיר קיין פראגע ניט, אז איהר האט אויך וועגען איהם דיעזעלבע מיינונג וויא איך.

עליזאבעט איז יעצט נאך מעהר איבערראשט געווארען. ארלאוו אליין האט דאך איהר געזאגט, אז מאדאם כריסטאמא איז זעהר רייך און אז דאס הויז בעלאנגט צו איהר. פון דיעזע אלע וויעדערשפריכע איז דיא שעהנע עליזא־בעט געווארען אלץ מעהר און מעהר אונרוהיג. זיא האט פערשטאנען, אז דא איז עפעס ניט גלאט און זיא האט דאריבער בעשלאסען צו זיין זעהר פאר־זיכטיג אין דיעזען הויז און קוקען אויף אלעם מיט טויזענד אויגען. זיא האט דארום געענטפערט גאנץ געלאסען:

— גרעגאר ארלאוו האט אין א געוויסע אנגעלעגענהייט זיך געצייגט צו מיר אלס אן עהרען־מאן און מיין פליכט איז איהם דאנקבאר צו זיין.

— און ניט נאר איהר אליין, האט דיא אלטע געזאגט, זאנדערן גאנץ רוס־לאנד איז שולדיג גרויסע דאנקבארקייט צו דיעזען בראווען עהרען־מאן. און וויא שעהן ער איז! ניט וואהר? איהר זעלבסט וועט צוגעבען, אז ער איז א זעלטען שעהנער מאנספערזאן! זיין שטארקע, קרעפטיגע געשטאלט, זיינע קלו־גע שארפע אויגען! יעדע מיידעל וואס טהוט נאר אויף איהם א קוק מוז זיך אין איהם פערליעבען. און איך בין איבערצייגט, אז אויך איהר, עליזאבעט, פיהלט צו איהם עטוואס מעהר וויא מען פיהלט צו א געוועהנליכען מאנספערזאן.

— געפיהלען פון דאנקבארקייט, געוויס, מאדאם, דאמיט בין איך איינ־פערשטאנדען.

— און פון דאנקבארקייט ביז ליעבע איז נור איין איינציגער שריט, האט איהר דיא אלטע איינגערעדט.

בעפאר עליזאבעט האט נאך געקענט אויף דיעזע זאנדערבארע ווערטער עטוואס ענטפערען, איז דיא דיענסט אנאוונא אריינגעקומען און געבראכט

א קאָכעדיגען סאמאָוואר מיט א טהעע סערוויז און א טעלער מיט קאלטע פליישׁ, אייער, קעז און ברויט. דיא מאדאם האָט איינגעלאדען איהר גאסט צום עסען, אָבער עליזאבעט האָט גענומען א פּאָאַר ביסען אין מויל און אויסגעטרונקען א גלאָז טהעע.

— אָבער איהר עסט דאָך גאָר ניט, האָט כריסטאמא אויסגערופען מיט א מינע פון שטארקע גוטהערציגקייט, פאר וואָס עסט איהר ניט? פיהלט איהר פיעלייכט מיעד?

— יא, האָט עליזאבעט געענטפערט זיך אויפהויבענדיג פון טיש, איך בין שרעקליך מיעד און איהר מוזט מיר ענטשולדיגען וואָס איך בין היינט א שלעכטע קאָמפּאַניאָנקע. מאָרגען, גלויב איך, וועט עס שוין געהן בעסער. פאָר־לויפיג וואָלט איך וועלען געהן אין א צימער זיך עטוואָס אויסצורוהען.

כריסטאָמא האָט געהייסען דער דיענסט זיא זאָל אָנצייגען עליזאבעט דעם צימער, וואָס מען האָט פאר איהר בעשטימט, און מיט זעהר א פריינדליכען טאָן האָט זיא געזאָגט צו עליזאבעט:

— גוטע נאכט, איך האָף אז איהר וועט שלאָפען רוהיג.

— דאָס צימער, וואוהין דיא דיענסט האָט אריינגעפיהרט דיא שעהנע עליזאבעט, איז געוועזען העכסט עלעגאנט אויסגעפּוצט מיט טהייערע מעבעל, רייכע קארפעטס און מיט פּראכטפאָל שעהנע בילדער אויף דיא ווענט. דיא בעט איז איבערהויפּט געוועזען זעהר א טהייערע, פון גאָלד און זילבער און שפּיע־געל רונד ארום. אזא בעט מיט אזא בעטגעוואנד האָט גיכער געפּאסט פאר א פירסטין וויא פאר אן אָרימע קאָמפּאַניאָנקע. דיא פענסטער זיינען געוועזען פער־האנגען מיט שווערע סאמעטענע גארדינען.

— ווילט איהר פיעלייכט איך זאָל אייך דאָ עטוואָס העלפען? האָט דיא דיענסט געפרעגט.

— ניין, איך דאנק אייך, האָט עליזאבעט געענטפערט. איך קען מיך אליין בעדיענען.

דיא דיענסט האָט איהר געוואונשען א גוטע נאכט און איז ארויס פון צימער. עליזאבעט האָט ניט בעמערקט, אז דורכגעהענדיג דעם קורצען קאָרידאָר האָט דיא דיענסט יענע טיהר פון דרויסען פעררוקט מיט א ריגעל. דיא נאָכבע־לע קינד איז געוועזען צופיעל בעשעפטיגט מיט איהרע טרויעריגע געדאנקען וועגען אלעס וואָס האָט מיט איהר פאסירט אין דיא לעצטע פיער און צוואנציג שטונדען. זיא האָט אויך געדענקט וועגען דער צוקונפט וואָס ערווארטעט זיא דאָ אין דיעזען זאָנדערבאַרען הויז.

אום זיך עטוואָס צו צערשטרייען, איז עליזאבעט צוגעגאנגען צום פענס־טער און האָט אויפגעהויבען דעם פאָרהאנג. אָבער אין דעם זעלבען מאָמענט איז זיא צוריק אָבגעשפּרונגען מיט א שרעקליכע איבערראשונג. זיא האָט דער־

זעחן, אז דער פענסטער איז פון אינווייניג פערמאכט מיט אייזערנע גראטעס און זיא איז געוואָרען פעסט איבערציינגט, אז דאָס האָט מען זיא פערפיהרט אין א געפענגניס, אין א הויז וואָס בעלאַנגט צו דיעזען ניעדערטרעכטיגען גראף אָרלאָוו, פון וועלכען מען דערצעהלט גאנצע ימים מיט שוידערליכע שאנד־טהאטען.

דיא נאָבעלע צארטע עליזאבעט האָט אָנגעפאנגען ציטערען וויא א לולב. זיא האָט פערשטאנען, אז זיא שטעהט דאָ אין א שרעקליכע געפאהר נים נאָר מיט איהר לעבען, נאָר אויך מיט איהר עהרע. מיט א ביטערע פערצווייפלונג איז זיא אויף דיא קניע געפאלען און האָט געבעטען ביי גאָט, דער פאָטער פון אלע יתומים, ער זאָל זיא שיצען אין איהר יעצטיגע געפעהרליכע לאגע. זיא האָט אויך געבעטען פאר איהר גראָספאָטער וואָס געפינט זיך אין א פינס־טערען קערקער. זיא האָט אויך געבעטען פאר איהר געליעבטען חתן ער זאָל נים פערפיהרט ווערען דורך'ן גלאנץ פון א קרוין און דורך'ן לוקסוס פון רייכטהום. זיא האָט זאָגאר געבעטען פאר איהרע פיינדע, גאָט זאָל זיי נים שטראָפען פאר דיא אונגליקען וואָס זיי האָבען אויף איהר געבראכט.

דאָס געבעט האָט זיא עטוואָס בערוהיגט. עליזאבעט האָט זיך נאכהער געפיהלט מעהר קרעפטיג און מוטהיג צו קעמפפען פאר איהר לעבען און עהרע. לאנגזאם האָט זיא אראָבגעצויגען פון זיך איהרע קליידער און האָט זיך געלייגט שלאָפען. אָבער בעפאָר זיא האָט נאָך בעוויזען איהרע אויגען צו שליסען, האָט זיא בעמערקט, אז דיא טיהר פון איהר צימער האָט זיך גאנץ שטיל געעפענט און א פרויענגעשטאלט איז אריינגעקומען גאנץ פאָרזיכטיג.

עליזאבעט איז אויפגעשפרונגען א פערציטערטע און איז נאָך מעהר אי־בערראשט און דערשראָקען געוואָרען, ווען זיא האָט ביי דער העלער שיין פון דער לבנה דערזעהן פאר זיך א זעלטען שעהנע יונגע מיידעל, וועלכע האָט גע־שיינט וויא דער ליכטיגער מאָרגען־שטערן. זיא האָט געהאט א רונדע גע־זיכט, עטוואָס צוגעברענט פון דער זון, אָבער מערקווירדיג צארט און פריש. צוויי דיקע גרויסע צעפּ האָבען ארומגעבונדען איהר קאָפּ, וויא דיאמאנטען רינגען ארום א גאָלדענע קרוין. איהרע אויגען האָבען געפינקעלט מיט נאטיר־ליכע ווילדקייט און ריהרענדע אונשולד. דיא קליידער וואָס זיא האָט געטראָ־גען האָבען געצייגט, אז זיא איז א קאָזאקען־מיידעל, א קינד פון דיא קאָזאקען וואָס וואָהנען אין אוקראַינא.

— ווער ביסט דוא ? האָט ביי איהר עליזאבעט געפרעגט, און וואָס פער־לאנגסט דוא פון מיר ?

— מיין נאָמען איז לידיא, האָט דיא קאָזאקען־מיידעל געענטפערט גאנץ שטיל, זייט נור רוהיג און רעדט ניט אזוי הויך, איך בין געקומען אייך וואר־נען.

—ווארנען? גרויסער גאָט, איך פערשטעהע דיך ניט. וויא קומסט דוא איבערהויפּט אהער? וויא איך זעה, ביסט דוא א קאָזאקען־מיידעל.

— יא, מיין וויעג איז געשטאנען אין אוקראינא און אין מיין היי־מאַטה רופט מען מיך דיא אוקראינא ראָזע. איך בין דאָרט געווען דיא כלה פון א יונגען קאָזאקען אָפיציער, א העלד, א בראווער עהרען־מאן.

— און אין וואָס בעשטעהט דיין ווארנונג? זאָג מיר, שעהנע לידיא!

— אנטלויפט, אנטלויפט פון דאנען אזוי שנעל וויא מעגליך! איך האָב אייך געזעהן באלד וויא איהר זיינט נור אהער געקומען. איך האָב יעצט געהערט אייער געבעט און וויים, אז איהר זיינט ניט וויא דיא אנדערע וואָס געפינען זיך אין דיעזער נעסט פון אויסגעלאסענהייט. מען האָט אייך אהער פערפיהרט אָדער געבראכט מיט געוואלד, וויא מיך. דאריבער זאָג איך אייך, וויא גאָט איז אייך ליעב, רעטעט זיך אויב איהר קענט, זאָנסט זיינט איהר א פערפאלענע פוןביידע וועלטען!

עליזאבעט האָט אָנגעפאנגען ציטערען וויא א לולב און איז טויט בלאס געוואָרען. ערשט יעצט האָט זיא קלאָר פערשטאנען וואוהין מען האָט זיא פער־פיהרט, און ארומנעהמענדיג דיא שטארקע שלאנקע געשטאלט פון דער קאָזאָ־קען־מיידעל, האָט זיא מיט א ריהרענדע שטימע געזאָגט:

— איך בעט דיך, גוטע מיידעל, ערקלעהר מיר אלעס. זאָג מיר אלעס וואָס דוא ווייסט. וואו בין איך דאָ ארייננגעפאלען?

— אין א לייבען־גרוב, אין א זומפּ, אין א נעסט פון שאנדע און זינד — ניין, נאָך טויזענד מאָל ערגער, דוא געפינסט זיך יעצט אין א פינס־טערען יאמערטהאָל, אין גראף אָרלאָוו'ס הארעם. דוא זאָלסט וויסען, פרעמדע אונגליקליכע מיידעל, אז גראף אָרלאָוו'ס אגענטען פאָהרען ארום איבער'ן גאנ־צען לאנד און וואו זיי געפינען נור א שעהנע פרוי אָדער א שעהנע מיידעל, ווערט זיא מיט גוטען אָדער מיט בייזען געבראכט אהער. און עס העלפט ניט קיין וויינען, קיין קלאָגען, קיין שרייען. זיא מוז זיך אונטערגעבען צו דער טייפ־לישער ליידענשאפט פון דיעזען גרויסען באנדיט. מען רייסט אוועק א כלה פון איהר חתן, א פרוי פון איהר מאן, זאָגאר א מוטער פון איהרע קינדער און מען ברענגט דיא אונגליקליכע אהער, דאָ האלט מען זיא געפאנגען ביז א געוויסע נאכט קומט אראָב גראף אָרלאָוו און —

עליזאבעט האָט ארויסגעלאָזט א הערצרייסענדען געשריי און איז צוריק־געפאלען אויף איהר בעט און האָט אָנגעפאנגען ביטער צו יאָמערען.

— וויין ניט, שוועסטער אין אונגליק, האָט דיא קאָזאקען־מיידעל פאָרט־געזעצט, דאָס וויינען וועט דיר דאָ קיין גוטעס ניט טהון, הער בעסער אוים רוהיג וואָס איך וועל דיר זאָגען. איך וועל דיר אלעס דערצעהלען, דאן וועלען מיר זיך בעראטהען וואָס צו טהון. וואָס דאָס איז פאר א הויז און צו וועלכען צוועק

עס דיענט, האָב איך דיר שוין ערקלערט. אונשולדיגע מיידלאך און אונשולדיגע
פרויען פאַלען דאָ אַלס קרבנות אויף'ן מזבח פון דיעזער בעסטיע אין מענשען־
געשטאַלט, וואָס רופט זיך גראף אָרלאָוו. דיא פערצווייפעלטע יאָמער־געשרייען
פון דיא אונגליקליכע ווערען פון קיינעם ניט געהערט אין דיעזער איינזאמקייט.
און דיא אַלטע מכשפה, דיא כריסטאָמאַ איז אָרלאָוו'ס העלפערין. זיא איז דיא
אויפפאַסערין פון זיינע אָרימע קרבנות. אנפאנגס שפיעלט זיא כלומרשט דיא
ראָלע פון א צנועה, וואָס קען קיין צווי ניט ציילען, אָבער באלד, עס נעהמט
ניט לאנג, און זיא ציינט ארויס דעם טייפעל וואָס רוהט אין איהר. זיא פייניגט
איהרע געפאנגענע מיט דיא שרעקליכסטע שמערצען, אז זיי זאָלען זיך איבער־
געבען צום ווילען פון איהר הערר — אָבער זאָג מיר: וויא איז דיין נאָמען,
שוועסטער?

— מיין נאָמען איז עליזאבעט וואָראָנצאָוו.

— אלזאָ, עליזאבעט וואָראָנצאָוו, איך וויל דיר דערצעהלען מיין גאנצע לע־
בענס געשיכטע, אום דוא זאָלסט וויסען, אז ניט מיט מיין פרייען ווילען, זאָנדערן
מיט געוואַלד האָט מען מיך אהער געבראכט. איך האָב דיר שוין געזאָגט, אז
איך בין געווען פערלאָבט מיט א קאזאצקי אָפיציער. זיין נאָמען איז עמיליאן
פוגאטשעוו. ער איז איינער פון דיא שעהנסטע און בראווסטע יונגע מענער
אין אונזער געגענד. דאמאלס — דאָס איז געווען מיט א יאָהר צוריק,
האָב איך געפיטערט מיין פאָטער'ס סטאדעס און פלעג זיך געפינען גאנץ אָפט
זעהר ווייט פון דיא פעלד־וועכטער. דיא סטעפעס אין אונזער געגענד זיינען
זעהר גרויס. איין מאָל האָבען וועלף בעפאלען מיין סטאדע און האָבען אוועק־
געשלעפט פיערצעהן שאָף. וויינענדיג בין איך צוריקגעקומען אין מיין פאָ־
טער'ס געצעלט. אייניגע פריינדע זיינען דאן געווען ביי איהם פערזאמעלט און
איך האָב וויינענדיג דערצעהלט פון'ם אונגליק וואָס מיר האָט פאסירט. צווי־
שען דיעזע פריינדע איז געווען עמיליאן פוגאטשעוו, וועלכער האָט מיך בע־
טראכט מיט זיינע שארפע אויגען פון קאָפ ביז דיא פיס און האָט אויסגע־
רופען:

— לידיא, דיינע ערמאָרדעטע שעפסען קען איך דיר צוריק ניט געבען,
אָבער ראכע וועל איך פאר דיר נעהמען פון דיא וועלף. דאָס איז וואָס דער קאָ־
זאק טהוט אונטער אלע אומשטענדען. ער נעהמט ראכע פון זיינע פיינדע, קיין
אונטערשיעד אויב ער האָט צו טהאָן מיט מענשען אָדער מיט ווילדע חיות.
דיא וועלף האָבען ביי דיר צוגענומען פיערצעהן שעפעלאך און אכט און צוואנ־
ציג טויטע וועלף זאָלען דאפיר פאר דיינע פיס ליגען.

מיט דיעזע ווערטער איז ער אוועק פון אונזער געצעלט און דעם נעכסטען
טאָג, ווען איך בין ווידער געווען אליין אין סטעפ און בין געזעסען שרעקליך
טרויעריג איבער מיין פערלוסט, איז פוגאטשעוו געקומען און האָט ווירקליך

נעבראכט אן אונגעהייער גרויסען טויטען וואָלף. ביי׳ם ערשטען בליק האָב איך דערזעהן, אז דער וואָלף איז ניט דערשאָסען און ניט דערשטאָכען, נור איינ־פאך דערוואָרגען מיט דיא הענד. פוגאטשעוו האָט געזעהן, וויא ערשטוינט איך בין, און האָט מיט א גרויס געלעכטער אויסגערופען:

— טויטען א וואָלף מיט א ביקס אָדער מיט א שפיעז, דאָס קען יעדער איינער; אָנכאפּען איהם אָבער פאר׳ן האלדז און דערשטיקען, דאָס איז אם ווענינסטען א יאגד, מיט וועלכען ס׳איז ווערט זיך צו בעריהמען.

— טאָג פאר טאָג האָט פוגאטשעוו ווידערהאָלט דיזע העלדענטהאט, האָט דיא קאָזאקען מיידעל פאָרטגעזעצט, און ווען ער האָט מיר געבראכט דעם צוואנ־ציגסטען וואָלף און איך האָב דערזעהן, אז זיין האנד איז פערוואונדעט, האָב איך מיט טרעהרען אין דיא אויגען געבעטען ער זאָל מאכען א סוף צו דיע־זען שרעקליכען יאגד. נענוג. אָבער ער האָט מיר געענטפערט שטאָלץ און טרויעריג:

— נאָך ניט, לידיא, נאָך ניט. דוא ווייסט נאָך ניט מיט וועלכע ווער־טער דוא קענסט אויף מיר ווירקען, נאָך אכט מאָל וועל איך פּראָבירען מיין לעבען איינשטעלען פאר דיר.

„איך האָב דאמאָלס גענוי ניט פערשטאנען וואָס ער מיינט מיט זיינע ווערטער. דורך׳ן פערקויף פון דיא פעל איז מיין פערלוסט שוין מעהר וויא צעהן מאָל נעדעקט געוואָרען און מיר האָט אמת מיין הארץ וועה געטהאָן וואָס דיזער שעהנער העלד ריזיקירט מיט זיין לעבען פאר מיר. ווען ער איז געקומען מיט׳ן פינף־און־צוואנציגסטען וואָלף, האָב איך שוין מעהר ניט געקענט אויס־האלטען און האָב אויסגערופען מיט גרויס אנגסט:

— אָה, טהייערער מאן, איך וויל ניט, אז דוא זאָלסט מיט דיין לעבען ריזיקירען פאר מיר, איך וויל ניט דוא זאָלסט שטארבען, ווייל איך ליעב דיך!

„מיט אן אויסרוף פון פרייד און איבערראשונג איז ער מיר אויף׳ן האלדז געפאלען און אונזערע ליפּען האָבען זיך צוזאמענגעשלאָסען מיט א הייסען, קלינ־גענדען קוש.

„דעם נעכסטען טאָג זיינען מיר פערלאָבט געוואָרען און ביי אונזערע קאָזאקען איז א מנהג, אז דיא חתונה ווערט אָבגעלייגט אויף א געוויסע צייט ביז דער מאן פערדיענט דיא געליעבטע מיידעל צו בעקומען. ער מוז דיענען ביי איהר פאָטער ווענינסטענס צוויי יאָהר. פוגאטשעוו האָט דארויף גערן איינגע־ווילינט.

„דיא צוויי יאָהר זיינען שוין באלד געווען פאָראיבער. איין מאָל, ווען איך בין ווידער געווען אליין אין פעלד, איז פּלוצים צו מיר צוגעקומען א בעיאהר־טער מאן מיט א גרויסען פּאק אויף דיא פּלייצעס. נאָך זיין קליידונג האָב איך דערקענט, אז ער איז א פרעמדער, איינער פון דיא הויזירער וואָס שלעפּען זיך

אַפּט ארום אין אונזער געגענד. ער איז צו מיר צוגעקומען מיט א מינע וויא ער וואָלט געוועז מיינער אן אלטער בעקאנטער און זיך אָנגערופען צו מיר:

— דוא ביסט נאָך שעהנער, לידיא, וויא מען האָט מיר וועגען דיר גע־זאָגט.

— איך בין שעהן, אָבער ניט פאר איך, האָב איך איהם געענטפערט מיט א שטאָלצען פערדרוס אויף זיין חוצפה.

— דאָס האָסט דוא רעכט, שעהנהייט, איך בין שוין אן אלטער מאן, אָבער איך האָב געהערט וויא מען לויבט איבעראל דיין שעהנהייט און איך זעה יעצט, אז דיא וועלט האָט רעכט, נאָך מעהר וויא רעכט. ווען דוא זאָלסט זיך אויספּוטצען אין בריליאנטען און אין פּעריל, וואָלסט דוא נאָך אויסגעזעהן טויזענד מאָל שעהנער. אָה, וויא שעהן, וויא צארט דוא ביסט, ליעבעס קינד!

און צו מיין גרויס איבערראשונג האָט דער אלטער ארויסגענומען פון זיין פּאק א מאסע ציערונג וואָס דערפרעהט יעדע מיידעלשע הארץ, אָבער קויפען האָב איך געוועהנליך קיין זאך ניט געקענט. טראָטץ דעם וואָס מיין פאָטער איז געוועז גאנץ רייך האָב איך פון דעסטוועגען ביי זיך קיין מאָל קיין געלד ניט געהאט. דער אלטער האָט אָבער בעמערקט וויא נייגעריג איך קוק אויף דיא פּעריל און אויף דיא גאָלדענע בראסלעטען וואָס ער האָט אין האנד געהאל־טען און האָט זיך צו מיר געווענדעט מיט פאָלגענדע ווערטער:

— דאָס אלעס קענסט דוא האָבען, שעהנע לידיא, און נאָך פיעל מעהר, טהייערע זיידענע קליידער, וואָהנען אין א פּאלאסט, ארומגערינגעלט פון דיענ־סטען און משרתים, קענסט זיך באָדען אין א ים פון לוקסוס און רייכטהום, דוא וועסט גלענצען וויא א קעניגין אויף בעלער און אין טהעאטערע און וועסט האָבען אזעלכע פערגניגען, פון וועלכע דוא האָסט זאָגאר קיין בעגריעף ניט. דאָס אלעס קענסט דוא האָבען ווען דוא וועסט נאר איינשטימען אויף מיין פאָרשלאג צו פאָהרען קיין פּעטערבורג.

— און וואָס זאָל איך אין פּעטערבורג טהון? האָב איך איהם נייגעריג געפרעגט, וואָס דארף איך געבען פאר דיא אלע גליקען וואָס איהר האָט מיר אויסגערעכענט?

— גאָר ניט, טהייערע, דוא דארפסט דערפאר גאָר ניט געבען. נור נעה־מען דארפסט דוא, נעהמען וויפיעל דוא וועסט קענען. עס זיינען אין פּעטערבורג דאָ גענוג רייכע פאָרנעהמע העררן וואָס וועלען דיך אָבשיטען מיט גאָלד און בריליאנטען —

—גענוג, דוא שענדליכער פערפיהרער! האָב איך אויסגערופען מיט א שטורם פון צאָרן, שוין זאָלסט דוא פערלאָזען אונזער געגענד און זאָלסט זיך מעהר ניט וואגען פאר מיינע אויגען צו ווייזען. זאָלסט וויסען און גוט אין אכט נעהמען, אז מיין געליעבטער איז דער גרויסער העלד פּוגאטשעוו. ווען

איך זאָל איהם נור איין וואָרט זאָגען וועגען דיין ניעדערטרעכטיגען פאָר־שלאג, דאן איז דיין לעבען אין געפאהר!

"דער הויזירער האָט זיך דערשראָקען און האָט שנעל צוזאמענגעפאקט זיינע זאכען און איז אוועקגעגאנגען. שטארק אויפגערעגט בין איך צוריק א היים געקומען און מיין חתן האָט עפּעס בעמערקט אויף מיר, אז איך בין אויפ־גערעגט. אבענד, ווען מיר זיינען ביידע שפּאציערען געגאנגען, האָט ער גע־זעהן, אז איך בין צוטראָגען און ניט אזוי לוסטיג וויא אימער. אויף אלע זיינע פראגען האָב איך מיך געהיט צו ערקלערען דיא ריכטיגע אורזאכע, ווייל איך האָב מורא געהאט דאָס זאָל ניט פיהרען צו א מאָרד.

"אָה, אונבעקאנטע פריינדין! הלואי וואָלט איך איהם בעססער יא געוועז דערצעהלט אלעס, האָט לידיא אויסגערופען מיט טרעהרען אין דיא אויגען, דאן וואָלט איך ניט אריינגעפאלען אין דיעזען שענדליכען הויז.

דאביי האָט זיא זיך ביטער צואוויינט און עליזאבעט האָט מיט איהר שטארק מיטלייד בעקומען.

— בערוהיג זיך, לידיא, האָט איהר עליזאבעט געזאָגט, בערוהיג זיך און דערצעהל ווייטער.

"דעם נעכסטען טאָג, האָט לידיא פאָרטגעזעצט, האָב איך וויא אימער פערבראכט מיט מיין סטאדע אויף'ן פעלד, עס איז שוין געוועזן מיטאָג צייט ווען איך בין געזעסען אונטערן שאָטען פון א וועלדעל און האָב צוזאמענגע־שטעלט א בוקעט בלומען פאר מיין ליעבען חתן. מיט אמאָל איז מען אויף מיר בעפאלען פון הינטען און איידער איך האָב נאָך צייט געהאט צו שרייען פיר הילפע, האָט מען ארויפגעוואָרפען א טוך איבער מיין קאָפּ, מען האָט מיר דיא מויל פערשטאָפּט און גלייך האָט מען מיר געבונדען הענד און פיס.

"דריי רויבער, צווישען זיי אויך דער הויזירער, האָבען מיך געבראכט ניט ווייט פון שטאָדט אויף א וואָגען און מען איז מיט מיר שנעל אָבגעפאָהרען. דיא רייזע האָט געדויערט איינע וואָכען ביז זיי האָבען מיך ענדליך גע־בראכט אהער און האָבען מיך איבערגעגעבען צו דער אלטער שפּאניערין כרים־טאָמא. אָנפאנגס האָט זיא געטרייעט מיט גוטען און מיט פערשיעדענע גליקען מיר איינצורעדען איך זאָל זיך איבערגעבען צו איהר הערר, צום גראף אָרלאָוו. אָבער איך האָב אויף אלע איהרע רייד געענטפערט מיט פעראכטונג און האָב איהר אויסדריקליך געזאָגט, אז ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועל איך זיא ערמאָרדען וויא מען ערמאָרדעט א ווילדע בעסטיע און וועל פון דאנען אנט־לויפען. דיא שענדליכע פרוי האָט דאן אָנגעפאנגען מיך מאטערען מיט ריכטיגע אינקוויזיטאָרשע מאטערניסע. אויף איהר בעפעהל האָט מען מיך איינגעשפּארט אין א שמוציגען קעלער, געשמידט אין קייטען. טאָג טעגליך האָט מען מיך געשמיסען מיט א קנוטע, אז איך האָב געדענקט איך וועל משוגע פון שמערצען.

דריי טעג האָב איך דיזע שרעקליכע יסורים און מאטערנים געליטען און ווען איך האָב שוין מעהר ניט געקענט אריבערטראָגען און האָב איינגעזעהן, אז מען מיינט מיך ווירקליך צו ערמאָרדען, בין איך שוין געוועזן צופריעדען אויף אלעם און איך האָב געבעטען מען זאָל מיך ארויספיהרען צו כריסטאָמא'ן, איך וויל זיא זעהן.

מיין בקשה איז גליך ערפילט געוואָרען.

— נו, וועסט דוא שוין יעצט פאָלגען, מיידעלע? האָט זיא מיט א גרויזאמען געלעכטער ביי מיר געפרעגט, זעהסט דוא, האָסט דאָך געקענט פערשפאָרען דיא אלע שמערצען, ווען דוא זאָלסט ניט געוועזן מאכען דיינע נאַרישע תנועות. יעצט אָבער מוזט דוא זיך פריהער ערהאָלען, עסס און טרינק און לאָז זיך וואָהלגעהן ביז דוא וועסט ווערען צוריק געזונד און שעהן וויא דוא ביסט געוועזן, דאן ערשט וועל איך דיך קענען פאָרשטעלען צום גראף.

פון דאן אָן זיינען שוין פיער וואָכען פאָראיבער. איך וואָהן אין דעם צימער וואָס איז נעבעסט צו דיינעם. מען שפייזט מיך מיט דיא בעסטע שפייזען און מיט דיא טהייערסטע וויינען. דעם גראף אָרלאָוו האָב איך נאָך ביז יעצט ניט געזעהן, אָבער כריסטאָמא האָט מיר געזאָגט, אז מאָרגען וועט ער אהער קומען און דאן בין איך פערלאָרען.

— דאן זיינען מיר ביידע פערלאָרען, האָט עליזאבעט אויסגערופען מיט א ציטערענדע שטימע, אָבער וואָס זאָלען מיר טהאָן? איז גאָר קיין מיטעל ניטאָ פיר אונז זיך צו ראטעווען?

— דיא איינציגע מעגליכקייט זיך צו ראטעווען פון דאנען וואָלט געוועזן, ווען מיר זאָלען קענען ארויסשפּרינגען דורך'ן פענסטער, זיינען דאָ אָבער אלע פענסטער פערקאָוועט מיט אייזערנע גראטעס. צווייטענס, איז דאָס פון מיין צימער גלאט אונמעגליך צו טהאָן, ווייל מיר געפינען זיך אין צווייטען עטאזש, און ווען מען זאָל פון דאנען אראָבשפּרינגען אויף'ן געפלאסטערטען הויף, מוז מען צושמעטערט ווערן אין שטיקער. אָבער אונטער'ן פענסטער פון דיין צימער געפינט זיך א גרויסער באלקאָן, גראדע איבער'ן טיף נעווא. ווען ניט דיא אייזערנע גראטעס, וואָלטען מיר זיך גאנץ לייכט געקענט אראָבלאָזען אויף'ן באלקאָן — אָבער, גרויסער גאָט! וואָס איז דאָס? ווער איז דאָס? ווע־מען זעה איך? — עמעליאן, מיין עמעליאן!

ווירקליך האָט זיך אין דעם מאָמענט אין פענסטער בעוויזען דאָס געשטאלט פון א שעהנעם יונגען קאָזאק. מיט זיינע קרעפטיגע הענד האָט ער זיך אָנגעהאלטען ביי דיא אייזערנע גראטעס און דיא פיס האָט ער געהאלטען אָנגעשפּארט אויף א שמאָלען קארניז פון דער מויער־וואַנד. טאקע נור א קאָזאק אָדער א צירק־טענצער, אן אקראָבאט איז פעהיג זיך צו האלטען אין אזא געפעהרליכע לאגע, שוועבענדיג אין דער לופט, אזא שטיק צייט.

— לידיא, האט פוגאטשעוו געשטאמעלט פון דרויסען, ווען ער האט זיין ליעבע כלה דערקענט. זאג מיר דעם אמת, ביסט דוא נאך ריין פון זינד — אזוי וויא דוא האסט מיך פערלאזען אדער —

— איך שווער ביי גאט, עמעליאן, האט דיא אונגליקליכע מיידעל אויסגע־רופען א פערציטערטע פון פרייד, אז איך בין נאך אימער דיין אוקראינא־ראזע. אה, עמעליאן! גאט האט דיך צו מיר געבראכט!

— אויב אזוי, וועט נאך אלעס גוט ווערען, האט ער געענטפערט, ווען איך זאל מוזען דיעזען מויער מיט מיינע הענט צוואווארפען, ווען איך זאל אפילו צעהן מארדען דארפען בעגעהן, וועל איך דיך בעפרייען, לידיא, און וועל דיך ארויסשלעפען פון דיעזען יאמערטהאל.

— אה, געליעבטער מיינער, האט לידיא אויסגערופען מיט פרייד, יעצט ווען דוא ביסט דא האב איך קיין מורא ניט. אבער, עמעליאן, מיט מיר צוזאמען מוזט דוא רעטען מיינע א טהייערע פריינדין, וואס איז אויך פערנארט גע־ווארען אין דיעזען שענדליכען נעסט. און דאס מוז געשעהן וויא אם שנעל־סטען, וויל מארגען נאך האלבע נאכט קומט אהער גראף ארלאוו.

— איך וועל איהם דערווערגען וויא א הונד! האט פוגאטשעוו אויס־געשריען בייז און האט אזש מיט דיא צייהן געקריצט פון כעס. דוא ווייסט, אז איך קען מיט אזעלכע רויב־טהיערע שנעל פערטיג ווערען.

— נור ניט קיין בלוט פערגיסונג, פוגאטשעוו, האט לידיא אויסגערופען ערשראקען, דערמיט וועסט דוא נאך אליין אויך ארייבפאלען אין אן אונגליק און קיינעם וועט עס קיין נוצען ברענגען. געפין בעסער אויס אן אנדער מיטעל וויא אונז פון דאנען ארויסצופיהרען. אבער זאג מיר, וויא אזוי ביסט דוא עס געוואר געווארען, אז איך בין דא?

— מארגען, געליעבטע, מארגען וועל איך דיך בעפרייען און וועל דיר אלעס דערצעהלען. יעצט קען איך זיך דא מעהר ניט האלטען. איך שטעה אויף סכנת נפשות, דיא הענד זיינען מיר שוין אזוי וויא געליימט. דאצו הויבט שוין אן צו טאגען און איך מוז שנעל אוועק מען זאל מיך ניט בעמערקען. צום ווידערזעהן, טהייערע לידיא, בלייב דא רוהיג דיעזע לעצטע איינינע שטונדען.

מיט דיא ווערטער איז פוגאטשעוו אראבגעשפרונגען אויף'ן באלקאן און דיאביידע מיידלאך זיינען ארויפגעפאלען איינע דער אנדערער אויף'ן האלדז און האבען זיך צו וויינט פון פרייד.

— יעצט זיינען מיר גערעטעט, שוועסטער, האט לידיא געשטאמעלט, פוגאטשעוו, דער העלד פון אוקראינא וועט אונז בעפרייען. דאס איז זיכער וויא דער טאג.

אין פערלויף פון דעם נעכסטען טאג האט דיא אלטע כריסטאמא ווייטער געשפיעלט איהר קאמעדיע מיט עליזאבעט. אבער עליזאבעט האט זיך ניט

וויסענדיג געמאכט. זיא האט געצייגט דער אלטער א מינע, גלייך וויא זיא גלויבט אין יעדעס ווארט וואס זיא זאגט איהר. אין הארצען איז עליזאבעט געוועו שרעקליך אונרוהיג, זיא האט ערווארטעט מיט גרויס אונגעדולד דיא שטונדע פון איהר בעפרייאונג.

פאר נאכט, ווען כריסטאמא איז געזעסען מיט עליזאבעט ביי'ם טיש און האבען געגעסען, האט דיא אלטע מכשפה זיך מיט אמאל געווענדעט צו עלי־זאבעט:

— ווייסט איהר, עליזאבעט, אז מיר ערווארטען היינט א ליעבען גאסט? דער גוטער גראף ארלאוו קומט היינט ביי נאכט. ער קומט מיך גראטולירען צו מיין זעכציג יעהריגען געבורטסטאג. איהר וועט דאך געוויס זיך פרעהען אייער גרויסען וואהלטהעטער ווידער צו זעהן און מיט איהם נעהענטער בע־קאנט צו ווערען. אבער איהר קענט איהם דאך ניט עמפפאנגען אין דיא איינ־פאכע ארימע קליידער וואס איהר טראגט יעצט. אויב איהר ווילט מיך פאלגען, וואלט איך אייך ראטהען איהר זאלט אויסקלייבען פון מיין גארדעראבע עפעס א פיינעם פאסענדען קאסטיום. איך האב א מאסע פראכטפאלע קליידער פון דיא אמאליגע בעסערע יאהרען. געה, אנאוונא, צייג דער פריילייז וואו דער גאר־דעראבע צימער איז.

עליזאבעט האט ניט געוואלט דעם מינדעסטען פערדאכט ערוועקען ביי דער אלטער מכשפה און זיא האט דאריבער געמוזט איינשטימען אויף איהר פארשלאג. ווען זיא איז אריינגעקומען אין גארדעראבע־צימער, איז זיא ווירקליך איבעראשט געווארען. זיא האט דערזעהן מאסען טהייערע סאמעטענע און זיידענע קליידער, א גאנצע דעפארטמענט סטאר. זיא האט אבזיכטליך זיך אויסגעקליעבען א שווארצע קלייד, כדי ווען זיא וועט אנטלויפען זאל איהר גע־שטאלט אין דער דונקעלער נאכט ניט זיין בעמערקבאר. דאן האט זיא צוזאמענ־געפאקט צוויי ווארימע מאנטלען און איינינע פאאר דאמען קאמאשען, אלץ אזעלכע זאכען וואס קענען זעהר גוט צונוץ קומען פאר איהר און איהר פריינ־דין אין אזא רייזע און ביי אזא קאלטען וועטער.

ווען זיא איז נאכהער אריינגעקומען אין איהר צימער, האט שוין לידיא זיא דארט ערווארטעט. ביידע מיידלאך זיינען געזעסען וויא אויף שפילקעס, ביז עס איז גאנץ דונקעל געווארען.

ענדליך האט זיך פוגאטשעוו בעוויעזען אין פענסטער. דיעזעס מאל האט ער מיטגעבראכט א לייטער און האט דעם לייטער אוועקגעשטעלט אויף'ן באלקאן. דאן איז ער ארויפגעקראכען ביז צום פענסטער און מיט א שארפע שטאהלענע פייל האט ער אנגעפאנגען אונטערצופיילען דיא אייזערנע שטאבע־טען. א פיערטעל שטונדע בלויז האט עס ביי איהם געגומען און דאס פענסטער איז געוועו פריי. דאמאלס איז פוגאטשעוו אריינגעשפרונגען אין צימער און מיט

א גוואלדיגע פרייד און ענטציקונג איז ער ארויפגעפאלען זיין געליעבטע אויף'ן האלדז און האט אויסגערופען:

— מיין טהייערע לידיא, ענדליך האב איך דיך געפונען! ווען דו זאלסט וויסען וויא אלע אין דער היים בײנקען נאך דיר! ווען דו ביזט פלוצים פערשוואונדען געווארען, זיינען אלע וואס קענען דיך שיער ניט משוגע געווא־רען פון ערגערניס. אבער אלע זיינען געווען פעסט איבערציינגט, אז דו ביסט אונשולדיג און אז מיט דיר האט עפיס געמוזט א גרויסער אונגליק געשעהן. מען האט געוואוסט און אלע האבען עס אפען גערעדט, אז דו האסט ניט מיט'ן פרייען ווילען אונזער שטאם פערלאזען. ווען איך בין אבגעפאהרען דיך זוכען, האט מיך דיין פאטער א שטיק וועג בעגלייט. און ווען מיר האבען זיך געזעג־נענט, האט ער מיר מיטגעגעבען דיעזען שארפען גלענצענדען שלאכט־מעסער און האט מיר געזאגט:

— פוגאטשעוו, מיין זוהן, דיעזער מעסער איז א הייליגע ירושה אין אונ־זער פאמיליע. מיר שטאמען פון'ם גרויסען קאזאקען אנפיהרער מאזעפא, דער בעריהמטער העלד וואס האט פאר אונזער פאלק אויסגעקעמפפט דיא גלענ־צענדסטע זיעגען. אויב דו וועסט געפינען, אז מיין אונגליקליכע קינד איז געשענדעט, זאלסט דו נעהמען בלוטיגע ראכע פאר מיין עהרע. זאלסט דורכ־שטעכען דיא ברוסט פון איהר פערפיהרער און נאכהער זאלסט דו זיא אליין אויך טויטען. ס'איז בעסער, אז דיא אוקראינא ראזא זאל שטארבען איידער עס זאל פון איהר אויסוואקסען א העסליכער דארן. שווער, מיין זוהן, אז דו וועסט מיין בעפעהל ריכטיג ערפילען.

— און איך האב דארויף געשווארען. אך, לידיא, דיא צייט איז קורץ און איך קען דיר יעצט אלעס ניט אויסדערצעהלען פון דעם וואס איך בין אויסגע־שטאנען אויף דער לאנגער געפעהרליכער רייזע. דאך האב איך אלעס אריבער־געטראגען מיט'ן פעסטען בעשלוס דיך צו געפינען, ווען דאס זאל מיך זאגאר מיין לעבען קאסטען.

— אבער וויא אזוי ביסט דו דאך אויף מיין שפור געקומען? האט לי־דיא געפרעגט, זיך טוליענדיג צו איהר געליעבטען חתן.

— איך בין געפאהרען קיין פעטערבורג, וויל ביי אונז האט שוין אייניגע מאל פאסירט פעלע וויא מען האט גערויבט שעהנע קאזאקען־מיידלאך און מען האט זיי פערפיהרט אין דער קרוין־שטאדט וואס שווימט אין שאנד און אין זינד. צוויי טעג און צוויי נעכט האב איך זיך דא ארומגעטריעבען און האב דעם מינדעסטען שפור ניט געקענט געפינען. דעם דריטען אבענד בין איך אריינ־געקומען אין א האטעל איבערצונעכטיגען. מען האט מיר אנגעצייגט א צימער וואו איך האב געפונען אן אלטען מאן. דער מאן איז שטארק איבערראשט גע־

ווארען, ווען ער האט מיך דערזעהן, און ווען איך האב איהם געפרעגט וואס ער קוקט אויף מיר אזוי איבערראשט, האט ער מיר געענטפערט:

— איהר קוקט אוים ריכטיג וויא דער פערשטארבענער צאר פעטער דער דריטער.

"דיא זעלבע ווערטער האב איך אויך איינינע מאל געהערט פון אונזערע עלטערע קאזאקען וואס זיינען געווען אין פעטערסבורג. און איך האב דאריבער פערפיהרט א געשפרעך מיט'ן אלטען מאן און איך האב איהם דערצעהלט מיין אונגליק, וויא דוא ביסט פערשוואונדען און וואהרשיינליך פערפיהרט געווארען צו שאנדע, ווייל גראדע מיט א פאאר טעג פריהער האט מען געזעהן אין אונזער געגענד זיך ארומשלעפען אן אונבעקאנטען הויזירער.

"דער אלטער מאן האט מיך אויסגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט און האט מיט פיעל סימפאטי זיך צו מיר געווענדעט:

— ביי מיר איז גאר קיין צווייפעל ניט, יונגער מאן, האט ער מיר געזאגט, אז דיין לידיא איז גערויבט און פערנארט געווארען דורך דיא אגענטען פון דעם שענדליכען פרויען־יעגער גרעגאר ארלאוו. אין גאנץ רוסלאנד גיבט עס ניט א צווייטער מאן וואס זאל אוועקגעבען זיין גאנצע צייט און ענערגיע וויא דיעזער ארלאוו אום צו שאפען פאר זיך א הארעם פון שעהנע פרויען, ריכטיג וויא א סולטאן. און וויא מען דערצעהלט, גלייכט ער זעהר דיעזע ברוינע מיידלאך פון דיא ווייטע סטעפעס.

"דאביי האט מיר דער אלטער מאן אויסגעמאלט וואו עס געפינט זיך דיא היסטארישע הויז, אין וועלכע ארלאוו האלט א גאנצען הארעם מיט זיינע געפאלענע אפפער.

"איך האב דעם פריינדליכען אלטען געדאנקט פאר אלעם וואס ער האט מיר ענטדעקט און בין אויפגעשטאנען אום וואס שנעלער אהער צו לויפען. ביי'ם געזעגענען זיך האט מיר מיין גוטער אלטער מאן געזאגט:

— מיר וועלען זיך ניעמאלס פערגעסען, פריינד פוגאטשעוו. ווער ווייסט, פיעלייכט וועלען מיר זיך אין לעבען ווידער צוזאמענטרעפען. דיין נאמען ווייס איך, יעצט וועל איך דיר זאגען מיין נאמען — איך בין פעטער וואראנצאוו.

עליזאבעט, וועלכע איז ביז יעצט געשטאנען פון ווייטען אין א ווינקעלע, איז א צומישטע געווארען, ווען זיא האט מיט אמאל דערהערט דעם נאמען פעטער וואראנצאוו.

— מיין גראספאטער! האט זיא אויסגערופען מיט א ציטערענדע שטימע, אה, גאט! מיין געליעבטער גראספאטער! —

— זיינט איהר דאס דיא עליזאבעט? האט איהר פוגאטשעוו אונטערבראכען, אייער גראספאטער האט מיט מיר וועגען אייך גערעדט. ער איז

שרעקליך אונרוהיג וועגען אייער שיקזאל — אָבער מיר וועלען וועגען אלעם רעדען שפּעטער, יעצט טאָרען מיר מעהר אן איבריגע מינוט ניט פערליערען, ס'איז צייט פון דיעזען פערדאמטען הויז ארויסצוקומען.

ביידע מיידלאך האָבען אָנגעטהון לאנגע מאנטלען וואָס עליזאבעט האָט געבראכט פון גארדעראָבע-צימער, דאן זיינען זיי ארויסגעקראָכען דורך'ן פענס־טער אויף דעם זעלבען וועג וויא פּוגאטשעוו איז אריינגעקומען.

צו דערזעלבער צייט האָבען זיי אָבער ניט בעמערקט, אז פון דער אנדער־רער זייט הויז איז צום טויער צוגעפאָהרען א שליטען געשפּאנט צו דריי פערד. איינינע דיענער פון הויז זיינען ארויסגעגאנגען מיט לאנטערנס, אום זייער ווירט דעם גראף אָרלאָוו צו לייכטען. דעם שליטען האָבען זיי אריינגעפיהרט אין שטאהל, דאָרט האָבען זיי אויסגעשפּאנט דיא פערד, וועהרענד אָרלאָוו איז אריין אין הויז, וואו כריסטאָמא האָט איהם אונטערטהעניג עמפּפאנגען. אויף זיין נאָכפראגע, אויב עליזאבעט וויסט שוין אין וואָס פאר א הויז זיא געפינט זיך, האָט כריסטאָמא געענטפערט:

— נאָך ניט, גראף, זיא וויסט עס נאָך ניט. איך האָב דיעזע אמוזאנטע סצענע איבערגעלאָזט פאר אייך אליין. עס וועט זיין גאנץ אינטערעסאנט צו זעהן וויא דיא מיידעל וועט איבערראשט ווערען, ווען אייער עקסעלענץ זעלבסט וועלען איהר ערקלערען אויף וואָס מען דארף זיא דאָ.

דאביי האָט איהם כריסטאָמא ערקלערט וויא שווער עס איז איהר אָנגע־קומען איידער זיא האָט געווירקט אויף דער קאָזאקען-מיידעל זיא זאָל אויף אלעם איינוויליגען, זיא האָט איהם אויך איבערגעגעבען דעם רעפּאָרט, אז דיא ביידע מיידלאך זיינען יעצט אין זייערע צימערען בעשעפטיגט מיט אָנטהון זיך, וויא עס פּאסט, ווען מען דארף עמפפאנגען אזא גרויסען, טהייערען גאסט.

שטארק צופריעדען וואָס אלעס געהט אויסגעצייכענט, איז אָרלאָוו אריין אין א פּראכטפאָל פערפּוצטען זאאל. רונד ארום איז געווען ווארם און ליכטיג, אין מיטען זאאל איז געשטאנען א קיילעכדיגער טיש סערווירט מיט שאמ־פּאניער און אנדערע טהייערע משקאות. דאָרט האָט ער איינינע מינוט געווארט אונגעדולדיג. דאן האָט ער אָנגעקלונגען און האָט געגעבען א בעפעהל מען זאָל צו איהם אריינפיהרען צום ערשטען עליזאבעט וואראָנצאָוו.

צו זיין גרויסע איבערראשונג זיינען באלד דיא דיענער צוריקגעקומען און האָבען געמעלדעט אז עליזאבעט'ס צימער איז נאָך אלץ פערשלאָסען פון אינוועניג, זיי האָבען געקלאָפּט און קיינער רופט זיך ניט אָן. דער שווארצער גראף איז אויסגעשפּרונגען וויא א צורייצטער טיגער און צוקאָכט פון כעס איז ער אליין אוועקגעלאָפען צום צימער, וועהרענד דיא דיענער זיינען איהם נאָכגע־לאָפען דורך'ן קאָרידאָר.

אָבער זיין קלאָפען איז געווען אומזאָנסט. ער האָט געקלאָפט און געקלאָפּט

און קיינער פון אינווייניג האט איהם ניט געענטפערט. אויף ארלאוו'ס בע־פעהל האט מען שנעל געבראכט העק און אין פערלויף פון אייניגע מינוט האט מען דיא טיהר אויפגעבראכען און מען האט דערזעהן, אז עליזאבעט איז ניטא, דיא גראטעס פון דיא פענסטער זיינען אויסגעבראכען און ביי'ם פענסטער שטעהט א לייטער ביז צום אונטערשטען באלקאן.

מיט בלוט פערגאסענע אויגען פון רציחה האט דער שווארצער גראף דער־זעהן וויא דארט פון ווייטען, ביי דער נעווא זעצען זיך ביידע מיידלאך אין א שליטען און א מאנספערזאן נעהמט אן דיא לייצעס און דער שליטען פליהט אוועק שנעל וויא א פייל פון בויגען איבער'ן גלאטען אייז. ארלאוו האט ארויסגעכאפט זיין רעוואלווער און האט געשאסען, אבער דיא אנטלאפענע זיינען שוין געווען צו ווייט און זיינע קוילען האבען זיי ניט געקענט טרעפען.

— מיין שליטען! האט ארלאוו אויסגערופען אויפגערעגט וויא א טייפעל. שפאנט איין דיא פערד, דיא בעסטע פערד, שנעל! וואס שטעהט איהר? אין פינף מינוטען זאל מיין שליטען שטעהן איינגעשפאנט, זאנסט וועל איך אייך מיט מיין קנוטע אויף שטיקער צוהאקען!

דיא דיענער זיינען אוועקגעלאפען וויא פער'סם'טע אין שטאהל און עס האט לאנג ניט גענומען און צו דער פראנט פון הויז איז צוגעפאהרען דער שליטען איינגעשפאנט מיט צוויי שווארצע פערד, וועלכע מען האט גערופען דיא לייבען.

א פירכטערליכע, א שרעקליכע יאגד האט זיך אנגעפאנגען. ארלאוו'ס פערד זיינען געפלויגען וויא א פייל פון בויגען און ער איז ביי זיך געווען פאלשטענדיג זיכער, אז ער וועט זיינע אפפער אניאגען. אבער אויך פוגאטשעוו האט דאס גאנץ ריכטיג בערעכענט, ווען ער איז ארויסגעפאהרען. גלייך וויא ער האט גע־הערט אז מען שיסט פון פענסטער, האט ער פערשטאנען, אז ארלאוו איז גע־קומען און אז באלד וועט זיך אנפאנגען א געפעהרליכע יאגד. אבער ער איז געווען בערייט צו קעמפפען אויף לעבען און טויט און צו רעטען דיא אפפער־פון'ם באנדיט'ס הענד, עס מעג זיין, וואס עס וויל.

אין פערלויף פון אייניגע מינוטען האט פוגאטשעוו בעמערקט, אז זיינע פערפאלגער קומען אלץ נעהענטער צו איהם. עס האבען זיך שוין דערטראגען צו איהם דיא שטימען פון יענעם שליטען וואס האט זיך געיאגט נאך איהם. ער האט א בליק געטהאן צוריק און האט צו זיין פריינד בעמערקט, אז איינער פון ארלאוו'ס פערד איז געפאלען. פוגאטשעוו האט זיך מיט דער געלעגענהייט בענוצט און שנעל וויא א בליץ איז ער אראב פון שליטען און האט געזאגט צו זיין געליעבטע לידיא זיא זאל צופאהרען צו א געוויסען דארף אין דער נאכבאר־שאפט. דיא איינוואהנער האבען איבעראל פיינד ארלאוו'ען און זיי וועלען מיט'ן גרעסטען פערגעניגען בעהאלטען זיא מיט עליזאבעט, עס זאל זיי קיין בייזעס

געשעהן, ווען זיא וועט זיי גור דערצעהלען, ווער זיי זיינען און ווארום זיי אנטלויפען.

לידיא, וועלכע איז געוועזן א קינסטלערין אין אנטרייבען פערד, איז שנעל אוועק מיט איהר שליטען און באלד איז איהר שליטען פערשוואונדען געוואָרען פון אויג. און פוגאטשעוו איז געבליבען שטעהן ניט ווייט פון'ם ברעג און האָט ערוואַרטעט זיין געגנער. ער איז געווען פעסט בעשלאָסען זאָגאר מאָרד צו בע־געהן, ווען קיין אנדער זאַך וועט ניט העלפען.

לאנג האָט ער ניט געדארפט ווארטען. אָרלאָוו האָט געהייסען אבשניידען דיא לייצעס פון דעם געפאלענעם פערד און יאָגען ווייטער. ענדליך איז דער שליטען אנגעקומען, דער שווארצער גראף איז ארויסגעשפרונגען וויא א פער־וואונדעטער טיגער און איז צוגעלאָפען צו פוגאטשעוו'ן מיט א ווילדען געשריי:

— דוא פערדאממטער הונד! באלד וועל איך —

מעהר איז אָרלאָוו ניט געווען אין שטאנד צו רעדען. דיא בלייכע שטראה־לען פון דער לבנה האָבען בעשיינט און בעלויכטען פוגאטשעוו'ס געזיכט און זיין גאנצען אונבעוועגליכען קערפער.

וויא פון א בליץ געטראָפען איז אָרלאָוו אויף דיא קניע געפאלען און האָט אויסגערופען מיט א ציטערענדע שטימע:

— צאר פעטער! ביסט דוא עס? ביסט דוא אויפגעשטאנען תחית המתים?

— קייזער־מערדער! האָט פוגאטשעוו געענטפערט מיט א ברומענדע שטימע. היינט צייג איך זיך דיר צום ערשטען מאָל. נאָך צוויי מאָל וועט מיין בלוטיגער שאָטען פאר דיר ערשיינען און צום דריטען מאָל וועסט דוא שטארבען!

מיט דיעזע ווערטער האָט ער זיך אבגעווענדעט און איז אוועקגעגאנגען, וועהרענד אָרלאָוו איז נאָך אימער געליגען אויף דיא קניע אין שרעק און האָט מורא געהאט אויפצושטעהן.

8טער קאפיטעל.

פאָטעמקין'ס ביאָגראפיע.

זייט קאטהערינא איז ארויף אויף רוסלאנד'ס טראָהן איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אין איהר פריהשטיק־צימער אזוי לוסטיג וויא אין דעם פריהמאָרגען נאָכ־דעם וויא פאָטעמקין האָט דיא ערשטע נאכט בעוואָהנט דיא פראכט צימערען פון ערמיטאזש. דיא לעצטע יאָהרען איז מען געווען געוואָהנט צו בעמערקען אויף קאטהערינא'ס שעהנע געזיכט אן אויסדרוק פון טרויער און אונמוטה. זיא פלעגט כמעט אימער ליידען פון שלאָפלאָזע נעכט, און אלע איהרע לייב דאָקטוירים האָבען איהר דאָזו ניט געקענט העלפען. אויף אלע זייערע קלוגע

מעדיציניִשע עצות פלעגט זיא זיי ענטפערען נור מיט א טרויעריגען שמייכעל; ווייל זיא האט בעסער געוואוסט דיא אורזאכע וויא זיי. קיינער האט ניט געקענט וויסען דיא אורזאכען פון איהר זארג וואס האט געדריקט איהר הארץ וויא א שווערער בארג.

אבער היינט האט זיא גאר אנדערש אויסגעזעהן. זיא האט יעצט גע־שטראהלט פון גליק, וויא א יונגע פרוי דיא ערשטע וואכען נאך דער חתונה.

קאטהערינא האט זיך בעטראכט אין שפיעגעל און האט פון זיך אליין אנגעקוואלען. זיא איז געווען אנגעטהון אין א נעגליזשע־קלייד פון העל־גרויע זיידענס, רייך פערציערט מיט שטיקערייען פון פערל. אויף איהר אויסגע־בלייזטען אלאבאסטער ווייסען האלדז האט געפינקעלט נור אן איינפאכע פערל־שנור. איהרע פראכטפאלע רויט־בלאנדע האאר האבען בעציערט איהר שעהנעם קאפ וויא א בלומען־בוקעט און א מערקווירדיגער שמייכעל האט זיך אויף איהרע ליפען בעוויזען, ווען זיא האט זיך אליין יעצט אין שפיעגעל בעטראכט.

איהר גאנצע בענעהמונג איז דעם טאג געווען אזוי גוט, אזוי ליעבליך, אז אלע הויפבעאמטע און דיא גאנצע דיענערשאפט האבען בעטראכט זייער אימער שטרענגע הערשערין מיט גרויס בעגייסטערונג. אין גאנצען פאלאסט איז מען געווען איבערגליקליך.

— דיא קייזערין איז היינט אויפגעשטאנען אויף דער רעכטער זייט.

— דיא קייזערין לאכט.

— דיא קייזערין איז פרעהליך.

— דיא קייזערין שיינט היינט.

אזוי האט מען זיך אין גארטען גע'סוד'עט, דאן האט זיך דיא נאכריכט פערשפרייט אין גאנץ פעטערבורג, וואס פיר א גליקליכע ענדערונג עס איז פאר־געקומען מיט רוסלאנד'ס שעהנע הערשערין און דיא גאנצע לאנד האט געיובעלט מיט פרייד: דיא קייזערין איז גליקליך; גאט, בענש אונזער געליעבטע קיי־זערין!

פון דיא געסט, וואס זיינען מיט א נאכט פריהער געווען אין ווינטער־פא־לאסט און האבען צוגעזעהן אלס וואס איז פארגעקומען, האט מען באלד איבע־ראל ערפאהרען וואס פיר זונען־שטראהלען עס האבען בעלויכטען קאטהערינא'ס הערץ. ביי אלע קרייזען פון דער גרויסער קרוינשטאדט איז דער נאמען אלעק־סאנדער פאטעמקין געווען אין מויל. מיט ערשטוינען האט מען איבעראל גע־שמועסט וועגען דער גרויסער מפלה וואס גראף ארלאוו האט געהאט, נאכדעם וויא ער האט געהאט געשפיעלט אזא וויכטיגע ראלע ביי דער קייזערין קאטהע־רינא, אז גאנץ רוסלאנד האט פאר איהם געציטערט. איינער דעם אנדערן האט דערצעהלט און ס'איז מעהר פאר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אז ארלאוו איז שוין אין גאנצען אויסגעשפיעלט, אז דיא קלוגע קייזערין האט איהם פערשיקט

צו פיהרען קריעג מיט דיא טאטארען, ווייל דאָרט קען ער קיין מאָל ניט זיעגען און אימער זיין נאָהענט צו דער געפאהר פון טויט. מען האט אויך באלד איבעראל געוואוסט, אז אנשטאט אָרלאָוו׳ען הערשט יעצט אין ווינטער־פּאלאסט א יונגער לייטענאנט, וועלכער איז ערשט נעכטען געוועזען א גאָר־נישט, א נול, א שאָטען און יעצט בעוואָהנט ער שוין דעם קייזערליכען ער־מיטאזש און איז געוואָרען דער מעכטיגסטער מאן אין רוסלאנד.

און ביי יעדען איז דאָס געוועזען א פרעהליכע בשורה. דער שווארצער גראף איז אין גאנצען לאנד געוועזען שרעקליך פערהאסט. מיט זיינע געמיינע סקאנדאלען האט ער געבראכט אונגליק און טרויער אין פיעלע פאמיליעס און דורך זיינע שענדליכע טהאטען האט ער זיך פערשאפט א וועלט מיט שונאים. אָבער זאָ לאנג ער איז געוועזען ביי זיין גדולה האט מען געמוזט ליידען און שווייגען און מען האָט מורא געהאט א וואָרט צו רעדען. דיא גרעסטע מענער אין רוסלאנד פלעגען בעדויערען, וואָס דיא קלוגע שטאָלצע קייזערין זאָל זיין אזוי פערפיהרט און זאָל זיך לאָזען רעגיערען פון אזא ברוטאלען באנדיט.

קיינער האט גאָר ניט געגלויבט, אז זיין פינסטערע מאכט וועט זיך אמאָל ענדיגען. מען האָט מורא געהאט, אז דיא בעליעבטע קייזערין וועט אימער פון איהם בעהערשט ווערען און דיא גאנצע לאנד וועט דערפון קיינמאָל ניט אויפהערען צו ליידען.

ביז ס׳איז מיט אמאָל געקומען אלעקסאנדער פּאָטעמקין און אלעס האט א גאנץ אנדערע ווענדונג גענומען.

ווער און וואָס איז אלעקסאנדער פּאָטעמקין? וועט ער זיין גוט אָדער שלעכט? דאָס האט פאָרלויפיג קיינער ניט געקענט וויסען. דאָך איז דער נאָמען פון׳ם יונגען גענעראל מאיאר אין דעם פריהמאָרגען פון מיליאָנען מענ־שען אויסגעשפּראָכען געוואָרען מיט ליעבע און גוטע האָפנונג. מען האָט ערפאהרען עטוואָס פון זיין פערגאנגענהייט, זיין אנשטענדיגע אויפפיהרונג, ווען ער איז נאָך געוועזען אן איינפאכער אונבעדייטענדער אָפיציער, זיין מענשען־פריינדליכקייט און דיא גוטהערציגקייט, מיט וועלכע ער האָט אימער בעהאנ־דעלט זיינע סאָלדאטען וואָס זיינען געשטאנען אונטער איהם. דאָס אלעס האט איבערצייגט, אז ער איז א גוטער מענש, און איבער דעם איז פּאָטעמקין פון דער ערשטער מינוט אָן וואָס ער איז ארויף אויף דער וועלט־ביהנע איבעראל בעליעבט געוואָרען און יעדער האָט איהם פון הארצען פערגונען זיין גליק.

דיא קייזערין איז געזעסען אין איהר פּראכטפאָלען בודואר, וואו זיא טרינקט אימער איהר מאָרגען־קאפע. דיא מאָרגען־קאפע האָט איהר אימער גע־מוזט סערווירען איהר בעליעבטער פאזש גאבריעל. אויף א טישעל דאביי זיינען געליעגען דיא פערשיעדענע פּאפּיערען און דאָקומענטען וואָס דארפען אין פערלויף פון דעם טאָג ענטשיעדען ווערען. שטענדיג לעזט דיא קייזערין

דורך דיעזע פאפיערען אין דער צייט ווען זיא טרינקט איהר קאפע. היינט אָבער האָט זיא זיך מיט רעגיערונג'ס געשעפטען ניט געוואָלט אָבגעבען און נאָך א קורצען נאָכדענקען האָט זיא אויפגעשריבען אייניגע ציילען אויף א פארפיומירטען בייגעלע פאפיער און האָט עס אונטערגעצייכענט מיט איהר קייזערליכען נאָמען. דער אינהאַלט פון'ם בריוועלע איז געווען פאָלגענדעס:

"קאטהערינא, דיא קייזערין פון רוסלאנד, שיקט דעם גענעראל מאיאָר אלעקסאנדער פאָטעמקין איהר הערצליכען מאָרגען־גרוס און בעט איהם אלס צייכען פון איהר קייזערליכער גנאדע אָנצונעהמען דיא אימעניע פאניצא וואָס געפינט זיך אין מאָסקווער גובערניע און האָט איבער צוואנציג טויזענד בויערען שקלאפען. צו האָבען דיא מעגליכקייט דיעזע אימעניע צו פערוואל־טען, האָט קאטהערינא, קייזערין פון רוסלאנד, אָנגעצייגט, אז דיא רעגיערונגס־קאסע זאָל אויסצאָהלען דעם גענעראל מאיאָר פאָטעמקין דריי הונדערט טויזענד רובעל. קאטהערינא וועט גערן עמפפאנגען דעם פערזענליכען דאנק פון גענעראל פאָטעמקין."

— גאבריעל! האָט קאטהערינא צוגערופען איהר פאזש, קום אהער, מיין ליעבער גאבריעל.

דער פאזש איז צוגעלאָפען, האָט זיך געשטעלט אויף דיא קניע פאר זיין הערשערין און האָט אויף איהר געקוקט מיט פלאמענדע בליקען.

— זאָג דיא וואַרהייט, גאבריעל, האָסט מיך ליעב? ליעבסט דו דיין קייזערין?

— אָה, מאיעסטעט! האָט דער שעהנער יונגלינג אויסגערופען, וואָס איז דאָס פאר א פראגע! ווען איך זאָל קענען מיין לעבען פאר אייך אוועקגע־בען וואָלט איך עס מיט פרייד און פערגניגען געטהאָן.

— צו וואָס ביסט דו נאָך אזוי אויפגערעגט, נארישער אינגעל? האָט קאטהערינא געלאכט און מיט איהרע צארטע הענד געגלעט זיינע ברוינע לאָקען. דוא זאָלסט לעבען און אויך ווייטער טריי דיענען דיין קייזערין. ווייסט דוא גאבריעל, היינט בין איך איבערגליקליך און איך וואָלט וועלען אלעמען בעגלי־קען און דו האָסט נאָך קיינמאָל ביי מיר גאָר ניט געבעטען. זאָג וואָס ווילסט דו? יעצט קענסט דו בעטען אירגענד וועלכע גנאדע פון מיר.

— גנאדע? האָט גאבריעל געפרעגט מיט א ריהרענדע זיסע שטימע, א גנאדע זאָל איך בעטען? אָה, מאיעסטעט, מיין הארץ פערלאנגט קיין מע־דאלען, קיינע בריליאנטען, קיינע —

— אָבער איך וויל דו זאָלסט ביי מיר יא עטוואָס בעטען, האָט דיא הער־שערין אויסגערופען, עס איז דאָך ניט מעגליך, אז אזא יונגעס הערץ זאָל קיין בעפיהל ניט האָבען אין אלע פריידען פון לעבען. זאָג, גאבריעל, וואָס איז דיין בעסטער פערלאנג? וואָס איז פאר דיר דיא ליעבסטע זאך אין דער וועלט?

א מאָדנע פייערעל האָט זיך אָנגעצונדען ביים יונגען באַי אין דיא אויגען. ער איז צוגעגאנגען מיט א טריט נעהענטער צו דער קייזערין און האָט מיט א שטילע ציטערנדע שטימע געזאָגט:

— איהר בעפעהלט עס מיר, קייזערין, און איך מוז אייער בעפעהל ער־פילען. איהר ווילט וויסען וואָס מיר איז אם ליעבסטען אויף דער וועלט און דאָס זאָל איך ביי אייך יעצט בעטען? אויב אזוי בעט איך ביי אייער מאַ־יעסטעט א קוש.

קאטהערינא האָט אויף איהר פאַזש א קוק געטהאָן שטארק איבער־ראשט. זיא האָט געשווינגען וויא אין א פערלעגענהייט. ביי אן אנדער צייט וואָלט ער פאר אזא פערלאנג מיט זיין לעבען בעצאָהלט. יעצט אָבער איז זיא ניט אין כעס געוואָרען און האָט איהם גענומען בעטראכטען מיט א גע־פיהל פון מיטלייד.

— איך וויים, אז איך האָב פערדיענט דעם טויט, האָט גאבריעל אויסגע־רופען מיט א מערקווירדיגע בעגייסטערונג, אָבער איך בין אויך פערטיג צו יעדער מינוט אויף׳ן בעפעהל פון מיין קייזערין צו שטארבען וויא א מאַן.

— דו נארישע קינד! האָט קאטהערינא געזאָגט און האָט אָנגענומען זיינעביידע הענד, דיר זאָל קיין ליעבע ניט פעהלען, ווען דיין קייזערין איז אין איין נאכט אזוי אונענדליך רייך געוואָרען. יא, איך וועל דיר שענקען א קוש. אָבער זאָלסט זיך ניט וואגען יעמאנדען דאָס צו דערצעהלען. מיט דיעזער גנאדע זאָלסט דו זיך פאר קיינעם ניט בעריהמען. דער קוש קען דיך קאָסטען דיין לעבען און דאָס זאָלסטו אויך וויסען, מיין ליעבער גאבריעל, אז צום צווייטען מאָל וועט קאטהערינא דיא גרויסע איהר פאַזש ניט קושען.

דאביי האָט זיא איהם א קוש געטהאָן אין שטערן און ביים אָרימען פאַזש האָבען זיך בעוויזען הייסע, ברענענדע טרערען אין דיא אויגען.

— נו, דו צולאָזענער אינגעל, נעהם דיעזען בריוועל און טראָג עס אריין צו גענעראל מאיאר פאָטעמקין און זאָג איהם — אָבער ניין, זאָג איהם בעסער גאָר ניט. מאך נאָר א פריינדליכע מינע, הערסט? און ווינש איהם א פרעהלי־כען "גוט מאָרגען".

באלד וויא דער פאַזש איז ארויסגעגאנגען האָט קאטהערינא אָנגעקלונגען און איהר ערשטער קאמערהער איז אריינגעקומען.

— איך פערלאנג, מען זאָל היינט אָבהאלטען פייערליכע גאָטעסדיענסט אין אלע קירכען און אין אלע טעמפלען פון מיין רעזידענץ, האָט זיא געזאָגט. איך וויל, מען זאָל בעטען פאר מיינע סאָלדאטען וואָס מארשירען אוועק אין קריעג נעגען דיא טאטארען. אָבער איך בעפעהל אויסדריקליך, אז אין דיא תפילות זאָל צוזאמען מיט מיין נאָמען אויך דערמאָנט ווערען דער נאָמען פון

אלעקסאנדער פאטעמקין. עס איז מעהר ניט וויא רעכט, אז דאס פאלק זאל שעצען דעם יעניגען, וועלכער האט זייער קייזערין גליקליך געמאכט.

— דער בעפעהל פון אייער מאיעסטעט וועט פינקטליך ערפילט ווערען, האט דער קאמערהערר געענטפערט.

— שטעהט, געהט ניט אוועק, האט דיא שעהנע, שטאלצע הערשערין פארטגעזעצט, פון מיין קייזערליכע פריוואט קאסע זאל צוטהיילט ווערען א מיליאן רובעל פיר דיא צדקה־אנשטאלטען אין פעטערבורג. היינט אבענד וועל איך פאהרען איבער׳ן שטאדט און איך האף, אז מיינע אונטערטהאנען וועלען שוין וויסען וויא מיך צו איבערצייגען, אז זיי פיהלען צו מיר ליעבע, טרייהייט און איבערגעבענהייט.

— גאנץ פעטערבורג וועט היינט שווימען אין ליכט און אין פרייד, האט דער קאמערהערר אנגעפאנגען, אבער זיא האט איהם אונטערבראכען:

— און נאך א זאך, איך וויל וויסען וואס האט מען ערפאהרען וועגען דעם קינד וואס איז לעצטע נאכט איבערגעפאהרען געווארען אין דער אלטער פאר־שטאדט. איז דאס קינד אין געפאהר צו שטארבען? ווער זיינען זיינע עלטערן?

— דאס קינד איז א מיידעלע פון א יאהר זיעבען, האט דער קאמערהערר געענטפערט, עס האט בעקומען א וואונד אין קאפ, אבער זיא איז ניט אין גע־פאהר. היינט אין דער פריה איז איהר צושטאנד פיעל בעסער, קיין דאקטאר האט מען ניט גערופען. איהר אייגענע מוטער, דיא "שווארצע מארפא" קורירט זיא אליין.

— וואס הייסט, זיא קורירט זיא אליין? האט זיך דיא קייזערין געוואונ־דערט. פערשטעהט זיא עטוואס מעדיצין?

— דאס וויל איך טאקע מעלדען אייער מאיעסטעט. דיא שווארצע מארפא איז א ציגיינערין און טראץ דעם וואס ציגיינער טארען געזעצליך ניט פערבליי־בען אין פעטערבורג מעהר וויא דריי טעג, האט מען פאר דיעזער מארפא גע־מאכט אן אויסנאהמע. מען האט איהר זאגאר ערלויבט צו דינגען א קליינע הייזקע אין פארשטאדט.

— ווארום?

— איך וויים ניט, מאיעסטעט, ווארום מען האט מיט איהר דיא אויסנאהמע געמאכט. לויט וויא איך האב געהערט, האט דיעזע שווארצע מארפא זיך פער־שאפט זעהר פיעל בעשיצער אין דיא העכערע קרייזען צווישען וועלכע זיא האט א גרויסע פראקטיקע אלס וואהרזאגערין. זיא איז ניט נור א וואהרזאגערין אליין, נאר זיא גיט אויך פערשיעדענע קרייטער מעדיצינען און פערשיעדענע סארטען גיפט צו טויטען מענשען לאנגזאם אדער שנעל, אלעס וויא עס ווערט

פון איהר געפאָדערט. מען ווייסט אויך אזוי פיעל, אז דער גראף גרעגאָר אָרלאָוו איז ביי איהר א גאנץ אָפטער בעזוכער.

— ער, דיעזער פערדאָרבענער אינטריגאנט! האָט קאטהערינא געמור־מעלט צו זיך אליין. דאן האָט זיא זיך געווענדעט צום קאמערהערר און האָט ביי איהם געפרעגט:

— איז דיעזע ציגיינערין דיא מוטער פון דער איבערגעפאָהרענער מיי־דעלע?

— ניין, מאיעסטעט! דיא מיידעלע איז א פרעמדע, זיא איז נאָר איהר ערציהערין. דיא מיידעלע רופט זיא מוטער, אָבער זיא איז ניט איהר מוטער. מען גלויבט, אז דאָס איז איינע פון גראף אָרלאָוו'ס אונגעזעצליכע קינדער.

"דיא מיידעלע, האָט דער קאמערהערר פאָרטגעזעצט און קאטהערינא האָט אויפמערקזאם אויסגעהערט יעדעס וואָרט וואָס ער האָט פון מויל ארויס־געלאָזען, דיא מיידעלע טראָגט א טערקישען נאָמען "פאטימא". מען בע־הויפטעט, אז איהר מוטער, וועלכע איז שוין טויט, איז געווען דיא טאָכטער פון א קניאז אין קאווקאז. גראף אָרלאָוו האָט זיא דורך זיינע אגענטען פערנארט און פערפיהרט פון איהר היימאטה.

קאטהערינא האָט גלייך דעם קאמערהערר ארויסגעשיקט פון צימער און אליין איז זיא געבליבען זיצען ביי'ם פריהשטיק טיש פערטיעפט אין מחשבות. באלד אָבער האָט זיך איהר כמארנע געזיכט אויסגעלייטערט, ווייל דיא טיהר האָט זיך געעפענט און אלעקסאנדער פאָטעמקין איז אריינגעקומען.

דער יונגער גענעראל מאיאָר האָט צום ערשטען מאָל געטראָגען זיין נייעם מונדיר. דיא גאָלדענע עפאלעטען, דיא ברייטע גאָלדענע לענטע איבער זיין קראפטפאָלע ברוסט, דיא גענעראלסקע הוט מיט דיא שעהנע הויכע פעדערען — דאָס אלעס האָט איהם זעהר שעהן געקליידעט און ער האָט אויסגעזעהן וויא אן אמת'ער קריעגס העלד.

ער האָט שנעל אוועקגעלייגט זיין הוט אויף א שטוהל, איז צוגעגאנגען צו דער קייזערין און האָט געוואָלט פאר איהר פאלען אויף דיא קניע. אָבער זיא האָט באלד אָנגעכאפּט זיין האנד און האָט איהם זאנפט צוגעצויגען צו זיך.

— ניין, אלעקסאנדער, האָט זיא אויסגערופען. ווען מיר בעגעגענען זיך דאָ, איז אונזער בעגעגענים ניט פון א קייזערין און א אָפיציער, נאָר א בעגעגענים פון צוויי געליעבטע הערצער. דאָ בעגריסט א ליעבליכע גוטע פרוי איהר ליעבען מאן. אה, אלעקסאנדער, נאָך קומט מיר פאָר, אז דאָס אלעס איז נאָר א טרוים און באלד וועל איך ערוואכען און דאן וועט מיין גרויסער גליק מיט אמאָל פערשוואונדען ווערען, א גליק פיר וועלכען איך האָב אזוי שווער גע־קעמפפט איידער איך האָב עררייכט.

מיט גרויס בעגייסטערונג האָט פאָטעמקין געדריקט קאטהערינא'ס האנד

און האָט איהר געקוקט גלייך אין דיא אויגען, וועלכע האָבען געשפריצט מיט פייער פון ליעבע.

— לאָז מיך דיינע אויגען קושען, מיין ליעבלינג, האָט זיא געשטאמעלט. אָה, וויא שעהן זיי גלאַנצען דיעזע שעהנע קלוגע אויגען! איך וועל שוין זאָרגען, טהייערער, אז דיינע אויגען זאָלען אימער שטראהלען מיט פרייד, גליק און צופריעדענהייט.

— דאָס האָט איהר שוין געטהאָן, מאַיעסטעט, מיט איין מאָל האָט איהר מיך רייך געמאכט. ערשט בין איך געוועזן אזוי אָרעם און יעצט בין איך דורך אייער גנאָדע שוין געוואָרען א רייכער פּאָמעשטשיק און —

— איך וויל ניט דו זאָלסט מיך רופען "מאַיעסטעט", איך פערלאנג ניט זאָלסט מיר זאָגען, אז איך טהו פאר דיר "גנאָדע", און איך וויל דורכאויס זאָלסט מיך ניט רופען "איהר", ווען מיר זיינען אליין. פאר דיר בין איך נאָר קאטהערינא, דיין קאטהערינא. זאָג מיר א שעהנעם "גוט-מאָרגען" און קוש מיך היינט צום ערשטען מאָל.

— קאטהערינא, האָט ער אויסגערופען מיט א ריהרענדע שטימע. אָה, דו שעהנסטע פון אלע פרויען, קאטהערינא, מיין פרוי! און דיא ליפּען פון דיא ליעבענדע האָבען זיך געשלאָסען מיט א הייסען, ברענענדען קוש.

— אלעקסאנדער, יעצט מעג איך צו דיר רעדען אָפען, איך האָב פאר דיר מעהר קיין סודות ניט צו בעהאלטען. זייט מיין פוס האָט דיעזע לאנד בעטרעטען, זייט איך האָב מיין אלטע הייטאט פערלאָזען איז מיר נאָך דיא וועלט קיינמאָל ניט געוועזן אזוי ליעב און ליכטיג וויא יעצט. אלעס שטעלט זיך מיר פאָר יונגער און שעהנער. דיא צוקונפט גלענצט פאר מיר וויא א גן עדן. און פאר אלעס האָב איך נאָר צו פערדאנקען מיין געליעבטען מאן. אָה, אלעקסאנדער, דיין ליעבע וועט מיך מאכען בעסער וויא איך בין ביז יעצט געוועזן. דיא וועלט רופט מיך קאטהערינא דיא גרויסע. אָבער קיינער ווייסט ניט דיא שוואכקייט פון מיין כאראקטער וויא איך אליין. קיינער צייגט מיר ניט אָן מיינע פעהלערען און דאָס האָט געפיהרט דאצו, אז פיעלע זאכען האָבען געדארפט זיין אנדערש וויא עס איז ביז יעצט געוועזן. רוסלאנד וועט פון יעצט אָן און ווייטער האָבען א מילדע, א גוטע הערשערין, וועלכע וועט זיך אָננעהמען פאר דיא אָרעמע, שטיצען דיא שוואכע און וועט אנווענדען איהר גאנצע מאכט דאָס פאָלק צו מאכען פריי און גליקליך. ווען דיא וועלט געשיכטע וועט אין שפּעטערע דורות שרייבען אויף מיר "קאטהערינא דיא גרויסע", וועט מען אויך שרייבען "דיא גערעכטע", "דיא גוטהערציגע" און דערפאר וועל איך אלץ האָבען דיר צו פערדאנקען, מיין ליעבער אלעקסאנדער. נאָר דיא ליעבע צו דיר האָט מיך בעסער און נאָבעלער געמאכט. דו האָסט מיך בעצויבערט, דו געליעבטער מאן, דו האָסט פון מיר געמאכט א מלאך.

דאביי האָט קאטהערינא איהם אָנגענומען פאר'ן האנד און האָט איהם אוועקגעזעצט נעבען זיך ביי'ם פריהשטיק.

— יעצט וועלען מיר צוזאמען עסען און קיינער זאָל אונז ניט שטערען, האָט זיא געזאָגט. איך זעלבסט וועל דיך בעדיענען, אלעקסאנדער, גראדע וויא אן איינפאכע פרוי בעדיענט איהר מאן. וויא גליקליך וואָלט איך געווען ווען מיר וואָלטעןביידע געקענט וואָהנען ערגיץ ווייט, ווייט אוועק פון רויש און פון ליארם, אין א קליינער איינפאכער הייזקע, און איך זאָל קיין אנדער זאך ניט האָבען צו טהאָן, נאָר צו זאָרגען פאר דיר און פאר דיינע פערגעניגען. יעצט אָבער מוז איך אויף מיין קאָפּ טראָגען דיא לאסט פון א קרוין. און אין דעם מאָמענט פון מיין העכסטען גליק רופט צו מיר אן אינערליכע שטימע און שרייט: "פערגעס ניט, קאטהערינא, אז דו ביסט א קייזערין!"

אזוי רעדענדיג האָט זיא אָנגעגאָסען פאר זיך און פאר אלעקסאנדער'ן צוויי טאסען שמאקהאפטע קאפעע און האָט איהם דערלאנגט מיט א רייצענדען שמייכעל דיא פיינסטע געבעקס און אנדערע פראכטפאָלע שפייז און פרוכט.

— איך האָב דיר נאָך ניט אויסגעשפּראָכען מיין דאנק, קאטהערינא, האָט זיך פּאָטעמקין אָנגערופען מיט א צערטליכען טאָן, דו האָסט מיר היינט געשענקט דיא גרויסע אימעניע פאניטצא און דערצו נאָך אן עקסטרא קאפּיטאל פון דריי הונדערט טויזענד רובעל, אזוי דאָס איך בין יעצט מיט אמאָל אן עושר געוואָרען.

— אָה, טהייערער, האָט דיא קייזערין געזאָגט מיט גרויס בעגייסטערונג, וואָס רעדסט דו וועגען אזא קלייניגקייט? ווען איך זאָל קענען גאנץ רוסלאנד לייגען צו דיינע פיס, וואָלט דאָס נאָך אויך וועניג געווען אויסצודריקען אלע מיינע געפיהלען צו דיר. דאָך ווארט, מיין טהייערער, דיא קליינע געפעליגקייט וואָס איך האָב דיר געוויזען איז בלויז אן אָנפאַנג פון דער גרויסער עהרע און דיא מאסען רייכטהימער, מיט וועלכע איך וועל בעעהרען דעם מאן, וועלכען איך ליעב מיט מיין גאנצע נשמה.

פּאָטעמקין איז אָבער פון דיא אלע בריליאנטענע פערשפּרעכונגען ניט פּרעהליכער געוואָרען, און אוועקלייגענדיג דיא האנד אזוי וויא צופעליג אויף קאטהערינא'ס קניע, האָט ער אויסגערופען:

— הער מיך אויס, געליעבטע, און גלויב מיר, אז איך רעד צו דיר גאנץ אָפענהערציג. אלעס וואָס קומט ארויס פון מיין מויל איז דיא ריכטיגע וואָרהייט. דאָס וואָס איך דענק אין הארצען דאָס רעד איך מיט'ן מויל. איך בעט דיך, קאטהערינא, דו זאָלסט אויף מיר אזוי פיעל ניט פערשווענדען אויף פערשיעדענע מתנות. איך גלויב ניט אין צופיעל רייכטהום, אלעס וואָס איך וואָלט פון דיר פערלאַנגען איז, אז דיין ליעבע צו מיר זאָל אָנהאלטען לאנג. אָה,

ווען איך וואָלט מיט דיין ליעבע געקענט זיין זיכער אויף לאנג, וויא גליקליך וואָלט איך מיך דאן געשעצט!

קאטהערינא האָט זיך פערטראַכט אויף אַ פּאָר סעקונדען. ס'איז געווען דייטליך צו זעהן, אז דיא דאָזיגע איינפאַכע, אָבער אמת'ע ווערטער האָבען איהר שווער געטראָפען. זיא האָט א קוק געטהאָן אויף איהר געליעבטען מיט א שמערצליכען בליק און האָט געזאָגט מיט אן ערנסטען טאָן:

— וויא איך זעה, מיין ליעבער אלעקסאנדער, האָסט דו מורא, אז עס וועט קומען א צייט, ווען דו וועסט מיר נמאס ווערען און איך וועל דיך פון מיר פערטרייבען. אָה, אלעקסאנדער! דאָס איבערצייגט וויא ווענינ דו קענסט מיך! דו ווייסט ניט, אז ווען קאטהערינא ליעבט וועמען, דאן ליעבט זיא איהם אויף אימער און עוויג.

— פערצייהע מיר, קאטהערינא, האָט ער פאָרטגעזעצט, וואָס איך בין געצוואונגען אין דיעזען מאָמענט צו בעריהרען א פונקט, וועגען וועלכען איך האָב פיעלייכט גאָר ניט געדאַרפט רעדען. אָבער איך קען מיר ניט העלפען. איך מוז זאָגען וואָס מיין הארץ פיהלט. דיא וועלט איז מיט דער מיינונג, אז דו האָסט אָרלאָוו'ן געליעבט. און אויב דאָס איז אמת, האָסט דו געוויס אויך וועגען איהם אמאָל געדענקט אזוי פיעל וויא דו דענקסט יעצט וועגען מיר, און האָסט וואהרשיינליך איהם אויך געזאָגט, אז דו וועסט איהם ליעבען אויף אימער און אייביג —

— איהם ליעבען!? האָט זיא איהם אונטערבראָכען, יא, דו האָסט רעכט, אלעקסאנדער, עס וואָלט בעסער געווען דערפון יעצט ניט רעדען. דאָך, ווען דו האָסט דעם געשפּרעך אָנגעפאנגען, קען איך דיר נאָר אזוי פיעל זאָגען, אז איך האָב אָרלאָוו'ן קיינמאָל ניט געליעבט. אָבער עס עקזיסטירט א סאָרט צוזאמענבונד וואָס איז שטארקער וויא דיא ראָזע־קייטען פון ליעבע. פרעג מיך יעצט ניט מעהר. עס איז א געהיימניס, וועלכע איך וועל פאר דיר אן אנדערס מאָל אויפדעקען. פאָרלויפיג פערלאנג איך פון דיר דאָס איינציגע: גלויב אין מיר. גלויב אין דיין קאטהערינא. זיא וועט דיר אימער בלייבען טריי — און נאָר דיר אליין.

— איך גלויב דיר, קאטהערינא! האָט ער אויסגערופען און האָט זיא א קוש געטהאָן אין שטערן. און דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך עס קיינמאָל ניט געקענט פערשטעהן וויא איז דאָס מעגליך, אז דו, אזא נאָבעלע, אזא ריינע, עדעלע נשמה, זאָלסט ליעבען אזא מאן וויא אָרלאָוו, וועגען וועלכען דיא גאנצע לאנד האָט נאָר שלעכטעס צו דערצעהלען.

— איך ווייס נאָך מעהר וויפיעל מען דערצעהלט, האָט קאטהערינא אויסגע־רופען מיט א זיסע, ליעבליכע שטימע, גראָדע מיט א שטונדע צוריק האָט מען מיר געמעלדעט וועגען איינע פון זיינע שענדליכע אינטריגעס. ער שטעהט אין

פערבינדונג מיט א געוויסע ציגיינערין, וואָס איז דאָ בעוואוסט מיט'ן נאָמען "דיא שווארצע מארפא". דיעזע ציגיינערין איז א קינסטלערין — זאָגט מען — צו מאכען פערשיעדענע סאָרטען גיפט פון קרייטער און גראָזען. און אָרלאָוו איז איינער פון דיא יעניגע וואָס בענוצט זיך מיט איהרע מעדיצינען. דער זעלבער פערדאָרבענער אָרלאָוו האלט אויך ביי דער ציגיינערין זיינע אן אונ־געזעצליכע קינד, א מיידעלע וואָס איז שוין אלט א יאָהר זיבען. אויסער דעם בענוצט זיך אויך אָרלאָוו מיט איהרע נבואות, ווייל זיא איז אויך א בעריהמטע וואהרזאגערין.

— נארישקייט, שווינדעל, אונזין! האָט פּאָטעמקין אויסגערופען. איז דען מעגליך, אז דו, הויכגעבילדעטע דאמע, גלויבסט אויך אין דער נבואה פון ציגיינערקעס? וויא ווייט איך אלס אויפגעקלערטער מאן בין איבערצייגט, זיינען דיעזע ארומטרייבער איינפאכע גנבים, שווינדלער און עס איז אן אונזין צו גלויבען, אז גראדע צו זיי האָט גאָט איבערגעגעבען דיא נבואה, צו וויסען פאָראויס וואָס שפּעטער ועט זיין.

— יא, דו האָסט פיעלייכט רעכט, האָט קאטהערינא בעמערקט, איך האָב אָבער גענוג אורזאכע אין אזעלכע וואונדער יא צו גלויבען. אָט וועל איך דיר דערצעהלען א מערקווירדיגע געשיכטע, וואָס האָט מיט מיר פּאסירט, ווען איך בין נאָך א קינד געוועזן. דו ווייסט דאָך וואהרשיינליך, אז מיין פאָטער איז געוועזן א פירסט און דאָס ער האָט געדיענט אין דער ארמעע פון'ם פּרייסישען קעניג פריעדריך, וועלכען מען האָט טיטולירט מיט'ן נאָמען "דער גרויסער", גראדע וויא מען רופט מיך "קאטהערינא דיא גרויסע". מיר האָבען דאמאָלס געוואָהנט אין שטעטין, אין זעהר אן אָרימען צושטאנד. איך בין דאן אלט געוועזן א יאָהר צוועלף. מונטער און פרעהליך בין איך אמאָל ארומגעלאָפען און האָב זיך געשפּיעלט ביי'ם ברעג פון טייך אזוי לאנג ביז איך בין פערבלאָנדזעט גע־וואָרען דאָרט אין א טיעפען וואלד ניט ווייט פון טייך און האָב בשום אופן ניט געקענט געפינען דעם וועג אהיים. און דאָ איז נאכט געוואָרען און אלע מאָל איז אלץ געוואָרען דונקעלער און דונקעלער. איך האָב שרעקליכע שמערצען געהאט ניט אזוי פאר זיך וויא פאר מיינע עלטערן, איך האָב מורא געהאט, אז זיי וועלען גאָר ניט וויסען וואָס איבערצוטראכטען. מיעד און הונגעריג האָב איך זיך אוועקגעזעצט אויף אן אָבגעהאקטען שטאם פון א בוים און האָב אָנגע־הויבען וויינען. מיט אמאָל האָב איך דערהערט א גערויש הינטער מיר און באלד איז ארויסגעקומען פון צווישען דיא צווייגען א יונגע, שעהנע ציגיינער פרוי. זיא האָט מיך אייניגע מינוט בעטראכט און האָט מיך געפרעגט וואָס איך טהו אזוי שפּעט אליין אין וואלד. איך האָב איהר דערצעהלט וואָס מיט מיר האָט פּאסירט, איך האָב איהר אָבער ניט געזאָגט וואָס און ווער מיינע עלטערן זיינען. זיא האָט אויך מיך וועגען דעם גאָר ניט געפרעגט און האָט

זיך אָנגעבאָטען מיך אָבצופיהרען אהיים. אויף'ן וועג האָט זיא מיר דערצעהלט וועגען פרעמדע געהיימניספאָלע לענדער, וואו עס הערשט אן עביגער זומער; דאָרטען רוישען דיא פאלמען, בליהען דיא ראָזען און מורמלען דיא טייכלאך אזוי זאנפט, אזוי ליעבליך וויא אין קיין אנדער אָרט אין דער וועלט. דיא זאנפטע פרוכטען הענגען דאָרט צאהלרייך אויף דיא צווייגען וואָס זיינען אָנגעבויגען ביז צו דער ערד. דאָרט ליעגען פון אויבען דיא טהייערסטע עדעלשטיינער, מיט וועלכע דיא ציגיינער פוצען זיך ווען זיי קומען ארוים צו זייערע לוסט טענץ יעדען אבענד. דאָרט איז דיא היים פון זייער פאָלק און זייער קעניג וואָהנט אין יענע פראכטפאָלע לאנד.

"מיט גרוים אינטערעסע האָב איך געהערט אלעס וואָס דיא יונגע ציגיינער מיידעל האָט מיר דערצעהלט מיט אזא מאָדנע בעגייסטערונג. ווען מיר זיינען געקומען צום ברעג טייך, האָט שוין דיא זון אָנגעפאנגען אויפצוגעהן. דאן האָט מיך דיא ציגיינערין עטוואָס מעהר בעטראכט און איז געבליבען שטעהן זעהר פערוואונדערט.

— צייג מיר דיין האנד, קינד, האָט זיא אויסגערופען. לאָז מיך זעהן אויב דיא צייכענס, וועלכע איך בעמערק אויף דיין שטערן, געפינען זיך אויך אויף דיין האנד, דאמאָלס וועל איך דיר ריכטיג קענען ערקלערען דיין צוקונפט.

"געוועהנליך האָב איך עס איהר ערלויבט. אייניגע מינוטען האָט זיא מיט איהרע שווארצע קארשען־אויגען בעטראכט יעדע ליניע פון מיין האנד, דאן איז זיא פלוצים פאר מיר געפאלען אויף דיא קניע און האָט אויסגערופען:

— קינד, דיך ערווארטעט א געוואלטיגע גלענצענדע צוקונפט. דו וועסט זיצען אויף'ן מעכטיגסטען טהראָן פון דער וועלט און אויף דיין קאָפ וועט גלענצען דיא טהייערסטע קרוין. איך זעה וויא דיא גרעסטע שטאָלצע מענער ליעגען פאר דיר אין שטויב און דו בעהערשסט פיעלע מיליאָנען מענשען. זאָג מיר דיין נאָמען, קינד, דעם נאָמען, וועלכען א גאנצע וועלט וועט אויסשפרעכען מיט עהרפורכט און אונטערטהעניגקייט.

— מיין נאָמען איז קאטהערינא, האָב איך געענטפערט און האָב זאָגאר קלאָהר איהרע ווערטער ניט פערשטאנען.

— קאטהערינא, האָט דיא ציגיינערין געזאָגט, אָה, דיעזע קליינע קאטהערינא וועט אמאָל הייסען קאטהערינא דיא גרויסע.

"מעהר האָט זיא ניט גערעדט. אזוי איז זיא אוועק פון מיר און אזוי וויא איך האָב שוין פון דאָרט אליין געוואוסט דעם וועג, בין איך שנעל געלאָפען אהיים. ווען איך בין געקומען אין הויז, האָב איך געוועהנליך געפונען מיינע עלטערן שטארק אונרוהיג. מיין פאָטער האָט שוין געהאט ארויסגעשיקט פופציג סאָלדאטען אויף פערשיעדענע וועגען מען זאָל מיך זוכען און מיין מוטער איז

געזעסען און האט געוויינט. ווען זיא האט מיך דערזעהן, האט זיא אזש אנגעהויבען טאנצען פון פרייד.

"איך האב נאכהער דערצעהלט מיינע עלטערן פון מיין בעגעגניס מיט דער ציגיינערין און וואס זיא האט מיר פראפעצייהעט. אויף מארגען האט מיין פאטער ערהאלטען א בריעף פון קעניג פריעדריך דעם גרויסען, וועלכער האט זיך פאר מיר פעראינטערעסירט מיט פאטערליכע פריינדשאפט. אין דיעזען בריעף האט דער קעניג פארגעשלאגען דעם שידוך צווישען מיר און דעם רוסישען קרוין־פרינץ, מיט וועלכען איך האב אין צוויי יאהר ארום ווירקליך חתונה געהאט.

"דיא וויטערע פאסירונגען פון מיין לעבען זיינען דיר בעקאנט, האט קאטהערינא פארטגעזעצט, און פון דעם קענסט דו זעהן, אלעקסאנדער, אז דיא ציגיינער בעזיצען עפעס א געהיימע קראפט דיא צוקונפט צו ערקלערען. יעדענפאלס, מיין טהייערער געליעבטער, האב איך דיר יעצט דערצעהלט א קאפיטעל פון מיין יוגענד און איך וואלט דערפאר פון דיר פערלאנגען, אז אויך דו זאלסט מיר דיין לעבענס־געשיכטע דערצעהלען.

אויף פאטעמקין׳ס ווייסען שטערן האט זיך בעוויזען אן ערנסטער אויסדרוק, דאן האט ער אנגעפאנגען האלב טרויעריג.

— איך שעהם זיך ניט דיר צו דערצעהלען, מיין ליעבע קאטהערינא, אז איך האב זעהר א טרויעריגע פערגאנגענהייט. איך האב אין מיין יונגען לעבען שוין זעהר פיעל זארג און נויט איבערגעטראגען. מיר האט געפעהלט איינפאך דיא נויטינגסטע מיטעל צום לעבען. דו קענסט זיך פארשטעלען, אז מיט דעם קליינעם געהאלט פון א לייטענאנט קען מען זעהר שלעכט דורכקומען, ווען מען האט פון צו הויז ניט קיין שטיצע.

— ארימער ליעבלינג! האט קאטהערינא אויסגערופען טיעף גערירהרט, קומסט דו דען ארויס פון אזא ארימע פאמיליע?

— ניין, קייזערין, גראדע אין געגענטהייל. מיין פאטער איז געווען א מאיאר אין דער ארמעע און האט געהאט א גרויסע אימעניע ניט וויט פון סמאלענסק. מיין מוטער שטאמט פון א גרויסער אדעל־פאמיליע אין מאסקווא. איהרע עלטערן האבען זאגאר ניט געוואלט איינווילינגען זיא זאל הייראטען מיט מיין פאטער, אבער זיי האבען זיך זעהר טריי געליעבט, און דיא ליעבע בעזיעגט דאך אימער אלע שטערונגען.

— יא, אלע! האט דיא קייזערין צוגעשטימט און האט א קוש געטהאן דעם געליעבטען׳ס האנד.

— איך בין געבארען אין סמאלענסק, האט פאטעמקין ווייטער דערצעהלט, איך ערָאינער מיך אין מיין פאטער. ער איז געווען א הויכער, זעהר שעהנער מאן און כאטש ער איז שוין אלט געווען א יאהר פופציג, איז נאך אויף איהם

קיין גרויע האָר נים געווען צו בעמערקען. מיינע עלטערן זיינען שוין געווען ניין יאָהר פערהייראט און איך בין אלט געווען זיבען יאָהר, ווען מיין ליעבע, גוטע מוטער איז געשטאָרבען. דאמאָלס האָבען מיר געוואָהנט אין מאָסקווא, אין אונזער אייגענע זעהר רייכע הויז. איך וועל קיינמאָל נים פערגעסען דעם בליק, מיט וועלכען מיין שטערבענדע מוטער האָט מיך בעטראכט, דאן האָט זיא ארויפגעלייגט איהרע בלאסע, שוואכע הענד אויף מיין קאָפּ און מיט א שטילע שטימע אויסגערופען:

— אָה, מיין אָרימעס קינד! וואָס וועט פון דיר ווערען אָהן מיר?

„זיא האָט מיך געבענשט און אין זעלבען מאָמענט זיינען איהרע ליעבע טרייע אויגען צוגעשלאָסען געוואָרען פיר אימער.

פּאָטעמקין האָט בעדעקט זיין שעהנע געזיכט מיטביידע הענד און זיין שטימע איז פערשטיקט געוואָרען פון טרעהרען ביי דיעזער טרויעריגער ער־אינערונג.

דיא קייזערין האָט אָנגעפאנגען גלעטען פּאָטעמקין'ען דיא האָאר פון קאָפּ מיט גרויס סימפּאטהיע און האָט געשטאמעלט:

— דו האָסט דיין מוטער שטארק געליעבט, אלעקסאנדער, וויא איך פער־שטעה. דו בעזיצסט א גאָלדענע הארץ!

— נאָכדעם וויא פּאָטעמקין האָט זיך בערוהיגט, האָט ער פאָרטגעזעצט:

— איך פערשטעה נים אין גאנצען דיא אלטע וועלט, אָבער פון זייערע גע־ביידען זעה איך, אז זיי האָבען געלעבט וויא מענשען, נים וויא מיר, ווייל מיר זיינען קיינע מענשען, מיר זיינען אגענטען, מעקלערס, קרעמער, ספּעקולאנטען, באנקירען, מיר זיינען נאָר געלד־מענשען, נים מעהר.

„מיין פאָטער'ס שמערץ איז געווען שרעקליך. דריי טעג, ביז זיא איז געבראכט געוואָרען צו קבורה, האָט מען איהם פון איהר טויטען־בעט נים געקענט אָברייסען און זיינע פריינד האָבען איהם געמוזט היטען ער זאָל נים בעגעהן זעלבסטמאָרד. אין דעם לעצטען מאָמענט, ווען מען האָט מיין מוטער געדארפט ארויסטראָגען פון הויז, האָט מיין ערציהערין מיך צוגעפיהרט צו דער טרונע איך זאָל פון מיין ליעבע מוטער דעם לעצטען אָבשיעד נעהמען.

„דיעזע ערציהערין מיט'ן נאָמען סירילא איז געווען א מיידעל פון א דאָרף. איהר טאטע, א שרעקליכער שיכור, האָט זיין פרוי אזוי לאנג געשלאָגען און געמאטערט, ביז זיא איז קראנק געוואָרען און געשטאָרבען. סירילא איז אויס־געוואקסען ווילד, מיט זעהר ניעדעריגע, געמיינע געפיהלען. אָבער זיא איז גע־וועז זעהר א שעהנע. ווען זיא איז אלט געווען 17 יאָהר, האָט זיא מיין מוטער אוים מיטלייד צוגענומען צו אונז אין הויז. סירילא האָט זיך מערקווירדיג שנעל ענטוויקעלט און אָנגעפאנגען שפּיעלען דיא ראָלע פון א יונגע דאמע. אָבער

אינערליך איז זיא געבליבען ווילד און ברוטאל וויא בעפאר. דאך האט זיא פערשטאנען וויא דעם צוטרויען פון מיין מוטער צו געווינען.

"סירילא האט שוין צוויי יאהר געפיהרט דיא גאנצע ווירטהשאפט אין אונזער הויז. מיין מוטער האט געגלויבט, אז זיא איז זעהר א געטרייע דיענע־רין און האט מיך איבערגעגעבען צו איהר, זיא זאל זיין מיין ערציהערין. איך האב פון איהר זעהר פיעל געליטען. זיא פלעגט מיך שלאגען מכות רצח. און ווען איך פלעג זיך בעקלאגען פאר מיין מוטער, האט סירילא אימער געשוואוירען מיט טויטע קללות, אז זיא ווייסט ניט פון וואס צו זאגען, און — מערקווירדיג, מיין מוטער האט איהר געגלויבט.

"מיין פאטער איז אויך געווען אין צימער. ער האט איבערהויפט ניט אב־געטראכטען פון מיין מוטער'ס טויטען קערפער אזוי לאנג וויא זיא איז נאך ניט געווען בעערדיגט. ווען מיר זיינען אריינגעקומען, האט ער מיך גענומען צו זיך אויף דיא הענד און האט שטיל געוויינט. אויך סירילא האט געיאמערט מיט אזעלכע קולות אז מיין פאטער האט גענומען זיא בעטראכטען עפעס וויא אן אייגענעם מענשען אין הויז.

— איך קען דיר ניט פארשטעלען, מיין ליעבע קאטהערינא, האט פאטעמ־קין פארטגעזעצט און האט ארויסגעלאזט א שווערען זיפץ פון הארצען, איך קען דיר ניט פארשטעלען דיא שרעקליכע סצענע, ווען מען האט מיין טרייע מוטער אראבגעלאזען אין פינסטערען קבר. מיין פאטער איז געווען אזוי פער־צווייפעלט, אז ער האט אליין אויך געוואלט שפּריגען אין גרוב אריין, מען האט איהם קוים צוריקגעהאלטען. וואס מיך אנבעטרעפט, האב איך געוויינט איבערהויפט דערפאר וואס אנדערע וויינען. אלס קינד האב איך נאך ניט פער־שטאנען דעם גרויסען אונגליק וואס מיך האט געטראפען.

"דעם ווינטער זיינען מיר נאך פערבליבען אין מאסקווא, אבער וויא דער פריהלינג איז נאר געקומען, האט מיין פאטער לייגגער ניט געקענט בלייבען אין דעם הויז, וואו יעדעס ווינקעלע האט איהם דערמאנט אין זיין שרעקליכען פער־לוסט. און ער האט בעשלאסען אויף אימער זיך צוריקצוציהען אויף זיין אימע־ניע און דארט צו פיהרען א שטילען און רוהיגען לעבען.

"ער האט רעזיגנירט פון רעגימענט, און נאכדעם וויא ער האט אלעס אויס־פערקויפט, זיינען מיר אוועקגעפאהרען אין אונזער דארף טאווריסקי וואו מיר האבען גאנץ פיין געלעבט. איך האב זיך גאר מחיה געווען מיט'ן דארפישען לעבען. איך האב געקענט פריי ארומלויפען. סירילא האט מיך אזוי ניט גע־וואטשט וויא אין שטאדט, קיין לעהרער האט מען פאר מיר ניט גענומען און סירילא איז געווען דיא יעניגע וואס האט מיך געדארפט לערנען לעזען און שרייבען. איבערהויפט איז זיא יעצט געווען דיא פאלשטענדיגע ווירטהין אין

חויז, אין שטאָל און אין שייער. מיט איין וואָרט, דיא גאנצע אימעניע איז גע־שטאנען אונטער איהר פערוואלטונג.

"ווען ס'איז פאָריבער א יאָהר, האָט סירילא געהייסען מען זאָל מיין מוטער'ס בילד וואָס איז געהאנגען אין זאאל אראָבנעהמען און ארויפטראָגען אויף'ן בוידעם, און זיא האָט אויסגעפיהרט. דער סוף איז געווען, אז שפּעטער האָט מיין פאָטער מיט סירילא'ן חתונה געהאט, און דיא געוועזענע דאָרף'ס מיידעל איז געוואָרען מאדאם פאָטעמקין.

"דאן איז סירילא געוואָרען דיא הערשערין זאָגאר איבער מיין פאָטער. ער האָט פאר איהר איינפאך מורא געהאט און האָט ניט געוואגט איהר א וואָרט צו זאָגען. זיא האָט אָנגעפאנגען לעבען א גוטען טאָג, פערשוועגדען געלד אויף טואלעטען און געזעלשאפטען וואָס זיינען נאטירליך בעשטאנען פון דיא ניע־דריגסטע פערזאָנען אין דער נאכבארשאפט. דיא העכערע קלאסע דאמען און הערען האָבען מיט דער געוועזענער דאָרף'ס מויד קיין קאָמפּאניע ניט געוואָלט פיהרען.

"צו דער זעלבער צייט האָט סירילא מיך אָבגעפיהרט קיין סמאָלענסק און האָט מיך איבערגעגעבען אין א פענסיאָן. אויף איהר בעפעהל האָט מען מיך אין פענסיאָן זעהר שטרענג בעהאנדעלט. זאָגאר עסען האָט מען מיר געזשא־לעוועט. דאָך האָט מיין קרעפטיגע געזונדהייט אלעס אויסגעהאלטען. דאביי האָב איך זעהר פלייסיג געלערנט און האָב געמאכט אויסגעצייכענטע פאָרט־שריטע.

"אזוי איז אלעס געגאנגען ביז איך בין אלט געוואָרען 17 יאָהר. סירילא האָט אלע מעגליכקייטען אָנגעווענדעט איך זאָל צוריק קומען אהיים, „ווייל איהר האָט זיך דורכאויס געוואָלט איך זאָל בלייבען א מוזשיק. מיין שוואכער פאָטער וואָלט עס איהר געוועזן נאָכגעגעבען, אָבער דאָ האָבען זיך מיין מוטער'ס קרובים אריינגעמישט און עס איז זיי מיט גרויס מיהע געלונגען, מען זאָל מיך אריינגע־בען אין א קאדעטען קאָרפּוס אין מאָסקווא.

"איידער איך בין אָבגעפאָהרען אין קאדעטען קאָרפּוס, האָב איך נאָך אמאָל בעזוכט מיין פאָטער, וועלכען איך האָב שוין ניט געהאט געזעהן איבער צוויי יאָהר. ביי'ם ערשטען בליק אויף איהם בין איך א פערציטערטער געוואָרען, אזוי שרעקליך האָט זיך פערענדערט דיעזער שעהנער שטאטליכער מאן. ער האָט אויסגעזעהן וויא א זיעבציג־יעהריגער גרייז, זיין געזיכט איז געווען פערוועלקט, זיינע אויגען בעטריעבט און זיין שטימע פערשטיקט. ער האָט מיך זעהר ליעב־ליך עמפפאנגען, אויך סירילא האָט זיך מיט מיר געפרייט, איך האָב אָבער בע־שלאָסען זיין פאָרזיכטיג מיט איהר, ווייל איך האָב געוואוסט, אז זיא איז שרעקליך פאלש און פערדאָרבען. און טאקע באלד האָב איך זיך איבערצייגט, אז מיין פאָרזיכטיגקייט איז געווען העכסט נאָטהווענדיג. ווייל נאָך אין דער

זעלבער נאכט האָב איך זיך פּלוצים אויפגעכאפּט מיט א שטארקען קאָפּ־וועהטאָג. דער שלאָף צימער איז געווען פול מיט א שווארצען נעבעל און איך בין געלעגען אזוי וויא געליימט, איך האָב מיט קיין גליעד ניט געקענט בע־וועגען.

„ענדליך האָב איך מיט א געוואלדיגע אָנשטרענגונג זיך אויפגעכאפּט און אויפגעריסען דעם פענסטער איבער מיין בעט. א שטראָם פרישע לופט האָט זיך אריינגעגאָסען אין צימער און איך בין ניי בעלעבט געוואָרען. איך האָב אונ־טערזוכט דעם אויוועין און האָב געזעהן, אז דער קוימען איז צוגעמאכט. אויף מאָרגען האָב איך אויסגעפונען, אז סירילא אליין האָט עס געטהאָן.

„נאָך אזא סאָרט צופאל האָט אין קורצען פאסירט. איך פלעג שטענדיג איינינע שטונדען טעגליך פאָהרען שפּאציערען אין א שיפעל אויף'ן טייך פון אונזער אימעניע. איין מאָל, ווען איך בין געווען אין מיטען טייך, האָט פּלוצים דאָס שיפעל אָנגעהויבען זינקען און איך האָב דערזעהן, אז אין שיפעל איז גע־ווען דורכגעבויערט א לאָך און פערשטעקט מיט א קאָריק וועלכער איז ארויס־געפאלען. צום גליק בין איך זעהר א גוטער שווימער און איך בין אונגעשעדיגט צוגעשוואומען צום ברעג.

„דיא לאנגע פון מיין אונגליקליכען פאָטער האָט זיך אימער פערערגערט. איך האָב זאָגאר בעמערקט, אז ער איז איבערגעגעבען צום טרונק און סירילא ברענגט איהם דאצו ער זאָל וואָס מעהר שיכור'ען. איך האָב פערשטאנען, אז זיא וויל איהם רואינירען, זיא קוקט שוין ארויס אויף זיין טויט. איך האָב בע־שלאָסען אויפצוזוכען א געלעגענהייט זיך וועגען אלעס גענוי דורכצוזערען מיט מיין פאָטער.

„איין מאָל, ווען מיר זיינען געווען אין וואלד, האָב איך איהם גענומען אויפמערקזאם מאכען וואָס ער איז פריהער געווען און וואָס ס'איז פון איהם יעצט געוואָרען, און וויינענדיג מיט ביטערע טרעהרען האָט מיין אָרימער פאָטער געענטפערט:

— אָה, מיין זוהן, מיין גוטער זוהן! האָט ער אויסגערופען און טרעהרען האָבען זיך ביי איהם אין דיא אויגען בעוויזען. דוא האָסט רעכט, אלעקסאנדער, איך בין ניט מעהר דער פאָטעמקין וואָס איך בין אמאָל געווען און איך מוז מיט שאנדע מודה זיין, אז איך בין ניט ווערטה דיעזען נאָמען צו טראָגען. דוא האָסט רעכט, מיין קינד, איך בין געוואָרען א שיכור, אן אונגליקליכער, רואינירטער מענש. מיין גאנצע אימעניע, דיא הייזער, דיא פעלדער, דיא וועלדער — אלעס איז בעלעסטיגט מיט שולדען פיעל מעהר וויא זיי זיינען ווערטה. אפילו דיא תבואות פון דיא פעלדער, וואָס וועלען ערשט אמאָל וואק־סען, זיינען אויספערקויפט אויף דריי יאָהר פאָראויס.

— פאָטער! האָב איך אויסגערופען ערשטוינט, וואָס רעדסט דוא? וויא

איז דאָס מעגליך? וויא אזוי האָסט דוא אין אזא קורצע צייט געקענט אויס־ברענגען אזא גרויסען פערמעגען?

— איך?! האָט ער מיט א פערצווייפעלטען טאָן אויסגערופען, ניין, מיין זוהן, דוא ווייסט, אז איך בין קיין שארלאטאן ניט געוועזן. פון דיא אלע געלדער האָב איך פאר זיך קיין איינציגע קאָפּיקע ניט גענומען. זיא, סירילא, האָט אלעס רואינירט, דאָס גאנצע געלד פערנומען. איך ווייס אליין ניט וואָס זיא האָט דערמיט געטהאָן און איך אלטער, שוואכער, קראנקער מאן האָב נאָך אליין געמוזט אלע שולד־פּאפּיערען אונטערשרייבען. אָה, גאָט! ווען איך זאָל בעסער געוועזן שטארבען צוזאמען מיט דיין מוטער, וואָלט חאָטש אם ווענינסטען גע־בליבען נאָך מיר א גוטער נאָמען! וואָס פיר א טייפעל האָט עס מיך געטראָגען צו הייראטען מיט אזא ניעדעריגע, געמיינע בעשעפענים וויא סירילא! זיא האָט מיך ארייננעשלעפּט אין איהר נעטץ און איך האָב קיין מוטה ניט געהאט זיך פון איהר צו בעפרייען.

— דוא, מיין פאָטער, דער העלדישער אָפיציער אויף'ן שלאכטפעלד, האָסט קיין מוטה ניט געהאט צו בעקעמפּפען אזא קליינליכע חיה?

— מיין גוטער זוהן, האָט ער געשמאמעלט, דוא ביסט נאָך יונג, דוא קענסט נאָך ניט דיא וועלט. ס'איז לייכטער זיך צו שטעלען געגען דיא קוי־לען פון קאנאָנען וויא געגען דיא אויגען פון א קאָקעטישער שעהנע פרוי. זיא האָט מיך דאמאָלס בעצויבערט, אָבער יעצט האָס איך זיא וויא דעם טויט. איך וואָלט וועלען פון איהר פּטור ווערען, אָבער איך קען ניט.

— ווארום קענסט דוא ניט?

— ווייל איך האָב מורא פאר איהר, האָט ער געמורמעלט מיט פערצווייפ־לונג. זיא איז אויף אלעס פעהיג. זיא קען מיך ערמאָרדען, זיא איז אויף אלעס פעהיג. אויסער דעם, וואוהין זאָל איך געהן? און מיט וואָס? איך בין אָרים און שפּל. זיא האָט מיך רואינירט. זיא האָט פון מיר געמאכט א צובראָכענעם שארבען. ניין, ניין, מיין קינד, צו מיין בראָך איז קיין רפואה ניטאָ. איך בין א פערפאלענער מענש, אָבער איין זאך וויל איך ביי דיר בעטען: ווען דוא וועסט הערען, אז איך בין געשטאָרבען, זאָלסט דוא קומען צו דיעזער שענדליכער פרוי צו האָבען א דעה איבער מיין טויטען קערפּער. אויב עס איז מעגליך וואָלט איך וועלען זיין בעערדיגט נעבען דעם קבר פון מיין געליעבטע ערשטע פרוי, נעבען דעם הייליגען גראב פון דיין מוטער.

"איך האָב פּראָבירט מיט אלע מעגליכקייטען מיין פאָטער איבערצוריי־דען ער זאָל זיך מיט געוואלד ארויסרייסען פון דער מכשפה'ס הענד. איך האָב געוואָלט פאר איהם טאָג און נאכט ארבייטען און עס זאָל איהם קיין זאך ניט פעהלען. אָבער אלע מיינע רייד זיינען געוועזן אומזיסט. ער איז געבליעבען ביי

זיינע פערצווייפעלטע געדאנקען, אז ער איז פערלארען און אז איהם איז שוין אונמעגליך צו רעטען.

"אויף מארגען בין איך אוועקגעפאהרען. מיין פאטער האט מיך בעגלייט מיט ביטערע טרעהרען. ער האט זיך קוים פון מיר אבגעריסען. דאס הארץ האט איהם נעביך געזאגט, אז מיר זעהן זיך דאס לעצטע מאל אויף דיעזער וועלט.

"אין קאדעטען קארפוס האב איך זעהר פלייסיג געלערנט און אין פער־לויף פון איין יאהר האב איך שוין געמאכט מיין גלענצענדען עקזאמען און מען האט מיך בעשטימט אין דער אדמעע אלס אפיציער.

"פונקט אין דעם טאג, ווען איך האב בעקומען דעם טשין לייטענאנט, איז מיין געליעבטער פאטער געשטארבען. איך האב געוועהנליך באלד גענומען ערלויבנים פון מיין רעגימענט און בין אבגעפאהרען קיין טאווריסקי. איך האב ניט געפרעגט זאגאר אויף סירילא, וואו זיא איז און וואס מיט איהר טהוט זיך. איך בין גלייך ארייגעלאפען צו מיין פאטער אין טויטען־צימער. אה, גאט! וואס פון דעם אמאליגען שעהנעם, קרעפטיגען מאן איז איבערגעבליעבען! א הויפען הויט און ביינער. דורכגעשוידערט פון טרויער בין איך געשטאנען פער־טיעפט אין א געבעט פיר זיין נשמה.

— ער האט אזוי לאנג גע'שיכור'ט, ביז ער האט א מיתה־משונה איינגענו־מען, האב איך פלוצים דערהערט אונטער זיך א שטימע.

"איך האב זיך שנעל אומגעקערט און האב פאר מיינע אויגען דערזעהן דיא טיפעלשע פרוי סירילא. אנגעצויגען אין א שווארצע זיידענע קלייד, האט זיא ווירקליך אויסגעזעהן מערקווירדיג שעהן. זיא איז נאך דאמאלס אלט גע־ווען ניט מעהר וויא א יאהר פינף און צוואנציג. אבער ווען איך האב דערהערט מיט וואס פאר ווערטער זיא האט בעליידיגט מיין טויטען פאטער, האט זיך אין מיר ערוועקט דער גאנצער כעס וואס האט אימער געקאכט אין מיין ברוסט און איך האב אויסגערופען מיט א שרעקליכע אויפרעגונג:

— דוא ניעדערטרעכטיגע פרוי, דוא קאנאליע! וויא וואגסט דוא דיעזעס צימער צו בעטרעטען? וואס פיר א חוצפה האסט דוא צו בעליידיגען דיא אנ־דענקונג פון דיעזען מאן, וועלכען דוא האסט אזוי ברוטאליש רואינירט? זאג! וואו איז דאס גאנצע געלד וואס דוא האסט ביי מיין פאטער אוועקגערויבט?

— איך האב גאר ניט גערויבט און גאר ניט גענומען און איך וויים ניט פון וואס צו זאגען. איך קען דיר שווערען דארויף!

— דיין שבועה איז פאלש און דוא ביסט פאלש! האב איך געדונערט, דוא האסט מיין פאטער בערויבט, דיא אימעניע איז בעלאסטעט מיט שולדען. וואו האסט דוא אזוי פיעל געלד אהינגעטאהן?

— איך האב קיין געלד ניט, איך בין ארים, האט זיא געענטפערט מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ.

"מיך האָט אָנגענומען אַן עקעל צו פיהרען מיט דיזער פרוי אַזא שענדליכען געשפּרעך נעבען טויטען קערפּער פון מיין פאָטער און איך האָב אויסגערופען מיט א טאָן פון א קאָמאַנדיר:

— געה ארויס פון דאנען! ארויס! דיא מינוט!

"אָבער זיא איז ניט ארויסגעגאנגען. לאנגזאם האָט זיא זיך דערנעהערט צו מיר און קוקענדיג אויף מיר מיט ברענענדע בליקען, פון וועלכע עס איז מיר אי היים אי קאלט געוואָרען, האָט זיא שטיל און ליידענשאפטליך געשטאַמעלט:

— איך וויל דיר זאָגען דעם גאנצען אמת. איך האָב צוויי הונדערט טויזענד רובעל, אלעס וואָס איך האָב זאָל צו דיר געהערען, איך דאַרף עס ניט, אָבער איך וויל, אַז דוא זאָלסט מיך ליעבען! אלעקסאנדער, איך וויל זיין דיין געליעבטע, דיין דיענסט, דיין שקלאַפין, אויב דוא פערלאנגסט עס.

"און איידער איך האָב נאָך צייט געהאט איהר עטוואָס צו ענטפערען, האָט זיא מיך ארומגענומען מיט איהרע פולע, ווייכע אָרעמס. איך האָב געפיהלט איהר הויכקלאַפּענדען בוזים ביי מיין ברוסט. איהר הארץ האָט געשטורמט געוואַלטיג און איהר גאנצער קערפּער האָט געציטערט פון א ווילדע ליידענשאפט — גאָט, דאָס איז פאר מיר געווען א זעהר שווערער מאָמענט, אָבער — קאטהערינא, וואָס ציטערסט דוא אזוי? מיין ליעבע קאטהערינא —

— איך ציטער פאר דיר, אלעקסאנדער, האָט זיא איהם אונטערבראָכען, האָסט דוא געהאט מוטה גענוג דיעזען נסיון בייצושטעהן?

— איך קען דיר אויף דיעזער פראגע ענטפערען מיט א עהרליכען "יא", האָט פּאָטעמקין אויסגערופען. עס איז וואהר, אַז אין דער ערשטער מינוט בין איך געווען אונענטשלאָסען. דיא פרוי וואָס האָט מיך געהאלטען צוגעדריקט צו איהר ברוסט איז געווען זעהר שעהן, רייצענד שעהן, דאצו דער געדאנק, אַז איך קען בעקומען אַזא גרויסען קאפּיטאל און ווערען א רייכער מאַן, וועהרענד אלס אָרימער לייטענאנט האָב איך זעהר אָפט ניט געהאט קיין פינף קאָפּיקעס צו קויפען א צעהנדליג פּאַפּיראָסען, אָבער —

— וואָס, אָבער? האָט קאטהערינא געשטאַמעלט מיט גרויס אונגעדולד.

— אָבער איך האָב א בליק געטהאָן אויף'ן טויטען קערפּער פון מיין פאָטער און א געפיהל פון עקעל האָט מיך אָנגעכאַפּט צו דער שענדליכער פערפיהרערין. מיט א געוואַלדיגען שטויס האָב איך זיא אָבגעשליידערט פון זיך, אַזוי אַז זיא איז געפאַלען צו דער ערד, און איך האָב אויסגעשריען:

— ארויס פון דיעזען צימער, דוא ניעדערטרעכטיגע פרוי, זאָנסט וועל איך דיך אונטער מיינע פיס צוטרעטען וויא א גיפטיגע שלאנג. איך וויל ניט אַזא שמוציגע בריאה זאָל שטעהן נאָהענט נעבען טויטען קערפּער פון מיין גוטען פאָטער! דוא געהסט, אָדער —

„זיא איז דאן אויפגעשפרונגען מיט א ווילדען געשריי וויא א צורייצטע טיגערין, איז ארויסגעלאָפען פון צימער געבענדיג אזא זעץ מיט דער טיהר, אז דיא גאנצע הויז האָט אויפגעציטערט.

„דעם נעכסטען טאָג האָב איך נאָך מיט מיינע אויגען געמוזט צוזעהן וויא דיא קרעדיטאָרען זיינען געקומען און האָבען אלעס צוגענומען. קיין איינציגער ציגעל פון אלע הייזער און קיין איינציגער שפאַן ערד פון דער גאנצער אימעניע האָט ניט געהערט צו מיר. דער בר מנן, דער טויטער קערפער פון מיין פאָטער — דאָס איז געווען דיא גאנצע ירושה וואָס איך האָב מיטגענומען פון טאווריסקי קיין מאָסקווא.

„איך האָב ערפילט מיין פאָטער'ס וואונש. איך האָב איהם בעערדיגט ביים קבר פון מיין מוטער און איך האָף, אז איהר ריינע נשמה האָט איהם פערציהעט אויף זיין שוואכהייט, דורך וועלכער ער איז נעביך געגוג אָבגעקומען ביים לעבען.

פאָטעמקין איז שטיל געבליעבען. זיין שעהנע געזיכט איז געווען בעצויגען מיט א וואָלקען פון טרויער און קאטהערינא האָט זיך צו איהם געווענדעט מיט א ליעבליכע שטימע:

— האָסט דוא דיעזע סירילא ווען עס איז ווידער געזעהן?

— יא, נאָך מיין פאָטער'ס טויט האָט זיא אויך פערלאָזט דיא אימעניע און איז אָבגעפאָהרען קיין פעטערבורג. דאָ האָט זיא א געוויסע צייט געלעבט אין לוקסוס, דאַן איז זיא אוועק רייזען אין איירָאפּא. מען האָט מיר דאַן דערצעהלט, אז אויף איהר רייזע האָט זיא זיך בעקאַנט עפּעס מיט א שפּאַניער און זיא האָט מיט איהם געלעבט. ער האָט איהר גאנצען פערמעגען פערשווענדעט. איך ווייס ניט גענוי אלעס וואָס מיט איהר האָט דאַן פּאסירט, אָבער דאָס ווייס איך, אז זיא איז נאכהער צוריקגעקומען קיין פעטערבורג אָרים און שפּל וויא א בעטלערין. וואָס מיט איהר איז ווייטער פאָרגעקומען, קען איך דיר ניט דערצעהלען, מיין נאָבעלע קייזערין, דאָס וועט בעליידיגען דיין צארטען פרויען־געפיהל.

—עס מאכט ניט אויס, מיין גוטער אלעקסאנדער, דערצעהל מיר אלעס. איך בין זעהר נייגעריג דאָס אלעס צו וויסען.

— זיא איז דאָ ענדליך אָנגעקומען אין אן עפענטליכע שאנדע־הויז, וואו זיא האָט געפיהרט א לעבען פון שכרות און פערברעכען א יאָהר נאָכאנאנד. אין א געוויסען טאָג האָב איך בעקומען א בעפעהל אָבצונעהמען פון פעטערבורג איינינע געפאנגענע וואָס זיינען פעראורטהיילט געווען פערשיקט צו ווערען נאָך סיביר. מען האָט זיי געדאַרפט ברענגען צום וואָקזאל. צווישען דיעזע געפאנגענע איז אויך געווען סירילא, וועלכע איז פער'משפט געוואָרען צו פופצעהן יאָהר קאַ־

טאַרזשנע ארביים דערפאר וואָס זיא האָט ערמאָרדעט און בערויבט א געוויסען רייכען סוחר.

״וואָס מיט מיר איז נאכהער פאָרגעקומען איז ניט אינטערעסאנט. גע־וועהנליך אלס אָרימער אָפּיציער וואָס לעבט פון זיין קליינעם געהאלט האָב איך קיין זעהר גוטען לעבען ניט פערבראכט, דאָך האָב איך אימער געהיט מיין האָנאָר און פּינקטליך ערפילט מיינע פליכטען.

— דאָס אלעס ווייס איך, האָט קאטהערינא בעמערקט, איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, אלעקסאנדער, א גרויסען טהייל פון דיין ביאָגראפיע האָב איך שוין פריהער געוואוסט. נאָך איידער איך האָב זיך מיט דיר אזוי נאָהענט בעפריינדעט, האָב איך זיך וועגען דיינע גאנצע פערגאַנגענהייט נאָכגעפּרעגט און איך שעץ מיך איבער גליקליך צו הערען פון דיין מויל דיא פאָלקאָמענע ריכ־טיגע ווארהייט. יעצט בין איך איבערצייגט וויא נאָבעל דיין גייסט איז, און דערפאר ליעב איך דיך נאָך טויזענד מאָל מעהר, מיין טהייערער אלעקסאנדער.

— און דאָס וועל איך אויך פון דיר פערלאנגען, מיין געליעבטע קאטהערי־נא, האָט פּאָטעמקין געזאָגט מיט א צארטען ערנסטען טאָן, דיא ווארהייט, דיא ריינע געטליכע ווארהייט, זאָל אימער זיין דער פונדאמענט פון אונזער ליעבע.

*
* *

דעם זעלבען אבענד האָט פּעטערבורג געשוואוּמען אין א ים פון ליכט. אלע הייזער זיינען געווען פּראכטפאָל אילומינירט. דיא פּאלאסטען פון דיא רייכע האָבען געגלאנצט אונטער טויזענדע פיעלפארביגע לעמפּעלאך, וואָס זיי־נען געקומען צוזאמענגעשטעלט וויא ערהאבענע בוקעטען און הויך איבער זיי האָט געפינקעלט דער אילומינירטער נאָמען קאטהערינא.

דיא גאסען זיינען געווען פול געפּאקט מיט מענשען. איבעראל איז דיא לופט געווען פול מיט בעגייסטערענדע אויסגעשרייען ״הוררא פאר דער בעליעב־טער קייזערין!״ אָבוואָהל דעם נאָמען פּאָטעמקין האָט מען ניט ערווּעגנט, אָבער מען האָט געוואוסט, מען האָט געפיהלט, אז דאָס איז ער געקומען שטיר־צען דעם אלטען אָרלאָוו פון זיין גדולה און שאפען א נייע פּעריאָדע פיר רוס־לאנד.

ארום אכט אזייגער ביינאכט איז דיא קייזערין ארויסגעפאָהרען פון ווינ־טער פּאלאסט אין א פּראכטפאָלע קארעטע, געשפּאנט מיט זעקס טהייערע גרויע פערד. זיא האָט זיך לכבוד דעם יום טוב אויסגעפּוצט נאָך שעהנער וויא אימער. א פּראכטפאָלער מאנטעל פון בלויען סאמעט, בעדעקט מיט׳ן קייזער־ליכען הערמעלין פּעלץ האָט צוגעדעקט איהר רייצענד שעהנע פיגור. א ברייטע רונדע הוט, מיט דריי רויטע פעדערען וואָס זיינען צוזאמענגעהאלטען מיט א רינג פון גרויסע בריליאנטען האָט בעדעקט איהרע רויט־בלאָנדע האָאָר.

פאר דער קייזערין׳ס עקיפאזש האט גערימען דער גענעראל גובערנא־טאר בארא̇ן פאסעק, מיט אן אויפגעהויבענעם בלויזען שווערד אין האנד. הינטער איהם זיינען געריטען אין זייערע גאלדענע מונדירען, מיט דריי שפיציגע העטס, צוועלף הערא̇לדען, וועלכע האבען געשפיעלט מיט טרומפייטען דעם קייזערלי־כען מארש.

דיא בויד פון דער קייזערין׳ס עקיפאזש איז געווען אין גאנצען צוריקגע־בויגען ער זאל זיין אין גאנצען אפען, דאס פאלק זאל קענען זעהן דיא הערשע־רין. ביי איהר רעכטער זייט איז געפאהרען רייטענדיג איין איינציגער מאן, גענעראל מאיאר פאטעמקין, וועלכער האט געטראגען אויף זיין ברוסט דעם בריליאנט בעזעטצטען פארטרעט פון דער קייזערין. ער איז געזעסען אויף׳ן אראבישען פערד אלי, דער קייזערין׳ס ליעבלינג. דער פערד איז געווען בעדעקט מיט א רייכע גאלד־געשטיקטע דעקע און דיא צוים מיט׳ן גאנצען געשפאן איז געווען בעדעקט מיט עדעל־שטיינער.

הינטער דער קייזערין׳ס עקיפאזש איז געפאהרען רייטענדיג א רעגימענט פון פרעאבראזשענסקי גווארדיע, אונטער דער קאמאנדע פון לייטענאנט מי־ראוויטש.

ווען דיא פראצעסיאן איז פערבייגעפאהרען דעם פאלאסט פון קניאז דאשקאוו, האט מיראוויטש א בליק געווארפען אהין צום באלקאן און א וואונדער שעהנע פרוי האט זיך בעוויזען און אראבגעווארפען א ראזע, וועלכע מיראוויטש האט מיט דער שנעליגקייט פון א בליץ אונטערגעכאפט און צוגעפעסטיגט צו זיין ברוסט.

דאס פאלק האט אין אלע הויפט־גאסען פון פעטערבורג מיט גרויס בע־גייסטערונג בעגריסט דיא קייזערליכע פראצעסיאן. קאטהערינא איז געזעסען אין עקיפאזש, האט אלעם צוגעזעהן און האט געקליבען נחת וואס אלע קוקען אזוי געשפאנט אויף פאטעמקין׳ען, וועלכער פאהרט ביי איהר רעכטער האנד.

ענדליך האט קאטהערינא געגעבען א בעפעהל צוריק צו פאהרען צום ווינ־טער פאלאסט און דיא פראצעסיאן איז ארוים אויף נעווסקי פראספעקט. דיא מאסען מענשען וואס האבען אנגעפילט דיעזע גרויסע שעהנע גאס האבען זיך מיט עהרפורכט פונאנדערגעטיילט אום דער קייזערין׳ס קארעטע דורכצולאזען. פלוצים איז פון פאלק, פון דער מאסע, ארויסגעקומען אן אלטער מאן, האט זיך אוועקגעשטעלט געגען פאטעמקין׳ס רייטענדען פערד און קוקענדיג פאטעמקין׳ען גלייך אין דיא אויגען האט ער אויסגערופען מיט א ריעזען שטימע:

— מענסט זיך שעהמען, דוא ניעדעריגער מענש! ביסט געווארען דער שעהנער געליעבטער פון דער קייזערין? האסט זיך פערקויפט פאר גאלד, פאר רוהם און פאר רייכטהום? פון מיינעם וועגען געה צום טייפעל, אלעקסאנדער

פּאטעמקין, אָבער זאָג, וואו איז עליזאבעט? האָסט דוא זיא פיעלייכט גע־הייסען ערמאָרדען אום זיא זאָל דיר ניט שטעהן אין וועג?

פון דיא מענשען וואָס זיינען געשטאנען ארום האָבען זיך אויפגעהויבען הונדערטע הענד פערטיג דעם אלטען עזות'ניק אויף שטיקער צו צורייסען, אָבער פּאָטעמקין האָט מיט א שטאָלצע, בעפעהלענדע מינע א וואונק געגעבען מען זאָל זיך צוריקציהען און האָט אויסגערופען מיט א שטארקע שטימע:

— לאָזט איהם, דעם אלטען! ער איז אן אונגליקליכער, ער האָט זיין לעצטע טרייסט פערלאָרען.

— וואָס פיר אן עדעלער מאַן, וויא גוטהערציג ער איז! האָבען דיא ארו־מיגע מענשען געמורמעלט. ער פערצייהעט דעם אלטען נאר פאר זיין עפענט־ליכע בעליידיגונג.

דער גענעראל גובערנאטאָר האָט ניט געוואָלט דעם אלטען מאַן ארעטי־רען, נאָכדעם וויא ער האָט געזעהן, אז פּאָטעמקין וויל איהם שיצען. אָבער דיא קייזערין, וועלכע האָט אלעס געהערט, איז שרעקליך בייז געוואָרען און זיא האָט א וואונק געטהאָן צום גענעראל, וועלכער איז שנעל וויא א פייל פון בוי־גען אראָבגעשפּרונגען פון זיין פערד און האָט אויסגערופען:

— כאפּט איהם דעם אלטען באנדיט! דאָס איז דער גרויסער רעבעל וואָ־ראָנצאָוו. אין קייטען זאָל מען איהם שמיעדען!

באלד זיינען פון צווישען דיא מאסען ארויסגעשפּרונגען פיעלע דעטעק־טיוום און האָבען זיך געוואָלט ארויפוואָרפען אויף'ן אָרימען אלטען, אָבער אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט פּאָטעמקין זיך געשטעלט צווישען זיי און דעם אלטען, וועלכער איז דאַן צווישען דיא מאסען ווידער פערשוואונדען.

עס קען זעהר מעגליך זיין, אז דיא פּאָליציי וואָלט איהם פון דעסטוועגען באלד געוועזען אויסגעפונען און געכאפּט, אָבער פּלוצים האָט לייטענאנט מיראָ־וויטש קאָמאנדירט זיין גווארדיע סאָלדאטען צו מאכען אזא בעוועגונג, אז זיי זיינען געבליבען שטעהן וויא א וואנד צווישען דער קייזערליכער קארעטע מיט דיא פּאָליציי אגענטען, און צווישען דיא מאסען מענשען וואו וואָראָנצאָוו איז פערשוואונדען.

עס האָט זיך אויסגעוויזען, אז מיראָוויטש האָט מיט זיין קאָמאנדע בע־צוועקט צו בעשיצען דיא קייזערין און איהרע בעגלייטער, אָבער באראָן פּאָ־סעק האָט אויף איהם געוואָרפען א בייזען בליק און האָט געמורמעלט צווישען דיא צייהן:

— דער טפּוש מיראָוויטש האָט מיט זיין קאָמאנדע געבראכט, אז דער פערברעכער איז אנטלאָפען.

און דער "טפּוש" מיראָוויטש איז געזעסען אויף זיין פערד מיט אזא שמחה וויא ער האָט דאָ דיא גרעסטע העלדענטהאט געצייגט. אום באראָן

פאסעק זאָל ניט האָבען קיין געלעגענהייט ווייטערע אָרדערס צו געבען, האָט מיראָוויטש ארויסגעכאפט זיין לאנגען שווערד פון׳ם שייד און האָט אויסגע־רופען מיט א בעגייסטערטע דונער־שטימע:

— עס לעבע איהר מאיעסטעט, דיא קייזערין! עס לעבען קאטהערינא דיא גרויסע!

— הורראה פיר אונזער קייזערין! האָבען זיך ווידערהאָלט טויזענדער און טויזענדער שטימען און דיא מאסען ארום האָבען גלייך אין גאנצען פערגעסען אין דער סצענע מיט׳ן אלטען מאן.

קאטהערינא האָט זיך ארויסגעבויגען פון עקיפאזש און האָט זיך געווענ־דעט צו איהר געליעבטען:

— האסט דוא פערדרוס דערפון, מיין ליעבער? דענקסט דוא נאָך אלץ וועגען יענע מיידעל?

— אָה, ניין, קאטהערינא, האָט ער אויסגערופען. יעצט בין איך נאָך מעהר איבערצייגט, אז זיא איז ניט ווערטה געווען איך זאָל זאָגאר וועגען איהר דענקען אמאָל.

ענדליך איז דער קייזערליכער עקיפאזש צוגעפאָהרען צום ווינטער פא־לאסט. אָנגעלעהנט אויף פאָטעמקין׳ס ארם איז דיא קייזערין אריינגעגאנגען אין פאלאסט, און ביז ס׳איז טאָג געוואָרען איז דער פאלאסט געווען ארומ־גערינגעלט מיט געדיכטע מאסען מענשען, וועלכע זיינען ניט מיער געוואָרען צו רופען אלע ווייל מיט פרישע בעגייסטערונג דעם נאָמען קאטהערינא.

9טער קאפיטעל.

א שרעקליכע נאכט.

פיער מאָנאט זיינען פאָריבער זינט קאטהערינא האָט זיך פערליעבט אין׳ם יונגען אָפיציער אלעקסאנדער פאָטעמקין און האָט איהם ערהויבען צו דער העכסטער שטופע וואָס יעמאנד האָט געקענט ערגרייכען אין א קייזערליכען הויף, פיער מאָנאטען זיינען פאָריבער און דיא ליעבע איז נאָך געווען גראדע אזוי פריש וויא אין דעם ערשטען מאָמענט ווען זיא האָט איהם דערקאָנט. דער ווינטער פאלאסט האָט נאָך קיין מאָל ניט געזעהן אזא פרעהליכען ווינטער וויא דיעזען. עס האָט אויסגעצייגט אזוי וויא דיא קייזערין האָט מיט איהר פרעהליכקייט אלעם געמאכט יונגער און שעהנער. דיא מעלאנכאָליע וואָס איז געליעגען אויף יעדען אין דער צייט וואָס אָרלאָוו האָט געהערשט אין פאלאסט איז וויא מיט א צויבערקראפט פערשוואונדען און פון׳ם קייזערליכען פאלאסט האָט זיך דיעזע פרעהליכע לעבענסלוסט פערשפרייט ניט נור איבער גאנץ פע־טערבורג, זאָנדערן איבער׳ן גאנצען לאנד. קיין מאָל זיינען ניט געגעבען געוואָרען אזוי פיעל בעלער, קיין מאָל האָבען דיא סוחרים ניט געמאכט אזעלכע גלענ־

צענדע געשעפטען און קיין מאָל האָבען ארביימער ניט געזעהן אזא גוטע צייט וויא אין דיעזען יאהר.

קאטהערינא דיא גרויסע האָט דאן בעוויזען איהר גרויסע פעהיגקייט צו רעגיערען אויף אזא וועג, אז דער האנדעל אין גאנצען לאנד זאָל אויפבליהען, אז ווען זיא איז גליקליך זאָלען אלע איהרע אונטערטהאנען גליקליך זיין.

גרעגאָר אָרלאָוו איז אין דער צייט געווען ווייט אין דיא אזיאטישע מדינות. פון צייט צו צייט פלעגען אָנקומען נאכריכטען פון איהם, אז עס איז איהם געלונגען דאָ אָדער דאָרט דיא טאטארען צוריקצוטרייבען, דאָך קיין בעשטימטע גרויסע שלאכט איז איהם נאָך ניט געלונגען אָנצופיהרען און עס האָט אויסגעזעהן, אז אזוי גיך וועט עס נאָך קיין ענדע געהמען.

אָרלאָוו אליין האָט געשריעבען דער קייזערין און האָט ביי איהר געבעטען זיא זאָל איהם צוריקרופען אהיים. ער האָט איהר גאנץ גענוי ערקלערט, אז פאָלשטענדיג צו בעזיעגען דיא טאטארען איז אונמעגליך, ווייל זיי שטעלען זיך קיין מאָל ניט אין קיין אָפענע שלאכט, זיי בעפאלען נור פון צייט צו צייט בעזונדערע פאָלקען פון דער רוסישער ארמעע, זיי טהוען דאָס גאנץ אונערוואר־טעט, בעשיטען דיא רוסישע סאָלדאטען מיט א מבול גיפטיגע פיילען און פערשווינדען אויף זייערע פלינקע פערד אזוי וויא דיא ערד וואָלט זיי איינ־געשלונגען. צוויי מאָל האָבען זיי שוין אונטערגעצונדען ארום זיין לאגער דיא סטעפע און ער אליין מיט א גרויסע טהייל פון זיינע סאָלדאטען האָבען קוים בעוויזען זיך צו רעטען פון א שרעקליכען טויט. אָבער דערמיט אליין איז נאָך דיא מאָס פון געפאהר ניט פול, דען דיא קאָזאקען־שטאמען פון דער אוקראינא, וועלכע האָבען ארומגערינגעלט אָרלאָוו׳ען מיט זיין ארמעע פון דער אנדערער זייט, האָבען אויך אָנגעפאנגען זיך צו בונטעווען. פאָרלויפיג איז נאָך צו קיין אָפענעם אויפשטאנד ניט געקומען, אָבער דיא אויפרעגונג צווישען יענע ווילדע שטאמען איז געוואָרען אלע מאָל גרעסער און גרעסער, און עס איז געווען גאנץ לייכט פאָראויסצוזעהן אז עס וועט לאנג ניט געדויערען און דיא לאגע אין יענע געגענדען וועט ווערען געפעהרליך.

דאָס זיינען געווען דיא בעריכטען וואָס זיינען פון צייט צו צייט אָנגעקר מען צו קאטהערינא׳ן פון אָרלאָוו׳ען.

קאטהערינא פלעגט אלע פאפירען איבערלעזען און זיי גלייך צייגען צו איהר געליעבטען אלעקסאנדער פאָטעמקין.

— ווארף זיי אריין אין פאפיער קאָרב, פלעגט זיא בעמערקען מיט א שמייכעל. זאָל ער דאָרט זיין טויט געפינען, דיעזער העסליכער פויגלינג.

ענדליך איז דער קאלטער ווינטער פאָריבער. דער ליעבער שעהנער פריהלינג איז געקומען אין זיין פולען גלאנץ. ס׳איז געווען אין א שעהנעם זונטאָג אבענד, ווען דער לעצטער שיין פון דיא זאָנענשטראהלען האָט בעלויכטען דעם מאיעס־

טעטישען טייך נעווא. קניאז דאשקאָוו און זיין יונגע פרוי, אָלגא, זיינען געזעסען אין זייער רייכען שפייז־צימער ביי א לוקסוס בעדעקטען טיש און האָבען גע־פיהרט א אינטערעסאנטען געשפרעך.

פירסטין אָלגא, וועלכע האָט ערשט מיט א פּאָאָר וואָכען צוריק געבאָרען א מיידעלע, איז געוועזען עטוואָס בלייך, אָבער דאָס האָט נאָך מעהר חן צוגעגע־בען צו איהר רייצענדע שעהנהייט.

פירסט דאשקאָוו איז געזעסען איינגעבויגען איבער א גרויסען בעכער שאמפּאניער און רעדענדיג מיט זיין אָלגא'ן האָט ער אלע מאָל מפסיק געווען, נעבאפּט א טרונק און ווידער גערעדט, ביז דער זייגער האָט ענדליך געשלאָגען צעהן און ער האָט זיך אויפגעהויבען מיט א מינע פון פערדרוס און האָט זיך געווענדעט צו דער פירסטין.

— צעהן אוהר. ס'איז דיא בעסטע צייט פאר מיר צו געהן צו דער קייזערליכער זיצונג. אך, מיין זיסע אָלגא, איך האָב גערעכענט דיעזען שעהנעם אבענד מיט דיר צו פערברענגען, אָבער דיא קייזערין האָט גראדע היינט בערופען א געהיימע זיצונג אין ווינטער־פּאלאסט צווישען 10 און 1 אוהר, און איך האָב ערהאלטען א בעפעהל צו דיעזער זיצונג צו קומען.

— אז דוא מוזט געהן, זאָלסט דוא געהן, האָט אָלגא געענטפערט, אונ־זער קייזערין'ס בעפעהל שטעהט העכער פון אלעס.

— איך גלויב, אז דאָ האנדעלט זיך וועגען דער קריעג מיט דיא טא־טארען, האָט דער אלטער קניאז בעמערקט, אלס פעלד־מארשאל וועל איך ביי דיעזער זיצונג ערקלערען מיין מיינונג, אז מיר דארפען דעם גאנצען שטרייט אויפגעבען. זאָל מען אָרלאָוו'ען מיט דער ארמעע צוריקרופען און לאָזען דיא בארבארישע טאטארען ארומלויפען אין זייערע ווילדע סטעפּעס.

דיא יונגע שעהנע פירסטין האָט אונבעמערקט א שמייכעל געטהאָן. וואָס פאר א טפּוש איהר אלטער איז, האָט זיא געטראכט, ער פערשטעהט זאָגאר ניט צו וועלכען צוועק קאטהערינא האָט אָרלאָוו'ען ארויסגעשיקט פון פּעטערבורג און ער וויים גאָר ניט, אז זיא וועט שוין אָרלאָוו'ען קיין מאָל ניט צוריקרופען.

— וועל איך דיך נאָך דיעזע נאכט ווידער זעהן, מיין ליעבער? האָט אָלגא געפרעגט און האָט איהם גערייכט איהר צארטע האנד.

— דאָס קען איך דיר ניט זאָגען, מיין ליעבע אָלגא, דאָס ווייסט נאָר גאָט און איהר מאיעסטעט, דיא קייזערין. אָפט מאָל געדויערען דיעזע זיצונגען דיא גאנצע נאכט און זאָגאר ביז א שטיק אויף'ן טאָג. דאָך, מיין ליעבע אָלגא, קום צו אונזער קינד. איך קען זיך גאָר ניט אָנקוקען אויף אונזער קליינע קאטהע־רינא. בעפאָר איך געה אוועק וויל איך אונזער ענגעל א קוש טהון.

— ליידער קען דיין וואונש ניט ערפילט ווערען, מיין מאן, דאָס קינד

איז דעם גאנצען טאָג געווען אונרוהיג, ערשט יעצט האָט זיא איינגעשלאָפען.
דוא ווילסט דאָך איהר זיסען שלאָף ניט שטערען, מיין טהייערער מאן?

— אָה, ניין! געווים ניט! האָט ער אויסגערופען. דערפאר וועל איך דיר געבען א קוש און דוא וועסט עס איבערגעבען אונזער קינד.

אָלגא האָט אין הארצען ניט געקענט אריבערטראָגען דיא צערטליכקייטען פון איהר אלטען. ווען ער פלעגט זיא קושען, פלעגט זיא אימער ציטערען. ער האָט עס אָבער קיין מאָל ניט בעמערקט. ער האָט געמיינט, אז זיא האָט איהם אמת ליעב, אויב ניט וויא א פרוי האָט ליעב א מאן איז אם וועניגסטענס וויא א קינד האָט ליעב א פאָטער.

באלד וויא דער קניאז איז ארויס פון הויז און זיא האָט געהערט וויא דער עקיפאזש איז ארויסגעפאָהרען פון הויף, האָט אָלגא גלייך אָנגעקלונגען און א דיענער איז אריינגעקומען.

— לעש אויס דיא לאָמפען דאָ און אין אלע אנדערע צימערען, האָט זיא גע־געגעבען א בעפעהל. זאָלען אלע אין פאלאסט געהן שלאָפען, דער קניאז וועט ביז אין דער פריה ניט קומען צוריק און איך געה גלייך אין מיין שלאָף־צימער.

— איך וועל אלעם ערפילען וויא איהר פערלאנגט, האָט דער דיענער גע־ענטפערט און האָט געוואָלט אוועקגעהן, אָבער זיא האָט איהם צוריקגעהאל־טען.

— שטעה, האָט זיא אויסגערופען. איך האָב יענע נאכט דיא גאנצע נאכט ניט געשלאָפען. דיא וואך וואָס געהט ארום הין און צוריק אין דרויסען ביי אונזער הויף מאכט מיך נערוועז. זאָג דעם סאָלדאט ער זאָל בעסער אריינגעהן שלאָפען אין שטאהל, פיעלייכט וועל איך כאָטש היינטיגע נאכט קענען עט־וואָס רוהען. דערווייל וועט ער זיך טאקי אויך אמאָל גוט אויסשלאָפען. געה!

דער דיענער איז אוועק און אָלגא איז דורכגעגאנגען א גאנצע רייהע עלע־גאנטע צימערען אויף'ן ערשטען עטאזש וואָס געהט מיט איין זייט ארויס צו א באלקאָן אין דעם גרויסען גאָרטען.

ווען אָלגא איז אריינגעקומען אין איהר שלאָף־צימער, האָט זיא מיט א ליעבליכען טאָן געזאָגט צו דער אם, וועלכע איז געזעסען האלב איינגעשלאָפען ביי א גאָלדענע וויעגעלע:

— איך זעה, אז דוא ביסט שטארק מיעד. געה שלאָף זיך איבער און רוה זיך אויס אביסעל, איך וועל דאָ דערווייל אליין אויף'ן קינד אכטונג געבען א פאָאר שטונדען. איך וויל נאָך ניט שלאָפען.

— איהר אליין? האָט דיא אם אויסגערופען פערוואונדערט, איהר זיינט ווירקליך אן ענגעל.

— איך בין גאָר ניט קיין ענגעל, האָט אָלגא געענטפערט מיט א זיסען שמייכעל, איך בין בלויז א מוטער, דאָס אלעס. איך ליעב מיין קינד און איך וועל

אויף איהר אכטונג געבען אזוי גוט וויא דוא, געה שלאפען. דוא קענסט שלאפען רוהיג ביז צוויי א זייגער פאר טאג, דאן וועל איך דיך אליין אויפוועקען.

דיא אם האט א קוש געטהאן דעם זוים פון אלגא'ס נעגליזשע קלייד און איז ארויסגעגאנגען. אלגא האט דאן גענומען א ליכט וואס איז געשטאנען אויף א טישעל אין ווינקעל פון צימער און האט דיא זעלבע ליכט אוועקגע־שטעלט אויף אן אנדער טיש ביי דער באלקאן טיהר און האט דעם שווערען זיידענעם פארהאנג פון דער טיהר צוריקגעצויגען, אום דיא ליכט זאל אין דער פינסטערער נאכט עטוואס אריינלייכטען אין גארטען.

זיא האט א קוק געטהון אויף'ן זייגער און האט א ציטער געטהון.

— אין פינף מינוט ארום וועט ער דא זיין, האט זיא געשטאמעלט. איך ווייס ניט, מיין הארץ זאגט מיר עפעס אויף א גרויסען אונגליק. אה, וויא איך שרעק מיך פאר דעם מאמענט, ווען איך וועל מיין טהייערען געליעבטען ווידער־זעהן. איך פיהל וויא מיין הארץ פאלט מיר ארוים. דיעזע נאכט וועט אן אונ־גליק געשעהן. אבער איך האב מיר ניט געקענט העלפען. איך האב איהם ניט געקענט ענטזאגען צו קומען זעהן דאס קינד פון וועלכען ער איז דער פאטער.

זיא איז צוגעגאנגען צוריק צום וויעגעלע און האט זיך צוגעבויגען צום קינד.

— אה, מיין זיסע, ליעבע קאטהערינא, האט זיא געמורמעלט, זייט דוא ביסט געבארען געווארען וויים איך ערשט וואס וואהרע ליעבע איז. זייט דאן איז א נייע זון פון לעבען אויפגעגאנגען אויף'ן הימעל פון מיין גליק. יעצט פיהל איך, אז דער מענש האט קיין אייגענע פריידען און פערגניגען. גיעבט עס דען א נאבעלערע טהאט אויף דער וועלט וויא צו זארגען פיר א קינד! אבער איך אליין בין דאך אויך א קינד, א טאכטער — אה, וויא שווער האב איך גע־זינדיגט! וויא הערצלאז איז דאס געווען פון מיר זיך אבצואווענדען מיט פער־אכטונג ווען איך פלעג אויף'ן נאם מיין ארעמען פאטער בעגעגענען. איך דארף ווייגען און מיין קאפ אויף א שטיין צושלאגען, ווען איך בערעכען וואס ער האט אין אזא מינוט געדארפט פיהלען. איך שווער יעצט ביי דער וויעגעלע פון מיין קינד, אז ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועל איך איהם צו דיא פים פא־לען און וועל ביי איהם בעטען פערצייהונג. ער וועט מיר געוויס פערצייהען — ער איז דאך א איד.

אין דיעזען אויגענבליק איז אלגא אויפגעשפרונגען א פערציטערטע. זיא האט געהערט וויא א שטיינדעל איז ארויפגעפאלען אויף'ן באלקאן — א צייכען פון איהר געליעבטען מיראוויטש.

זיא האט שנעל אבגערוקט דאס טישעל פון דער באלקאן טיהר און איז ארויסגעגאנגען. עס איז געווען א שרעקליך פינסטערע נאכט, קיין שטראהל פון א שטערן איז אויף'ן הימעל ניט געווען צו זעהן. אבער דיא אויגען פון ליעבע

קוקען ווייט און זעהען שארף און אָלגא האָט בעמערקט אונטען אין גאָרטען אונ־טער א בוים דיא געשטאַלט פון א מאן.

אָלגא האָט שנעל ארויסגענומען פון א פערדעקטע וואזע א זיידענעם שטריק־לייטער, האָט איין ענדע בעפעסטיגט צום באלקאָן און דיא צווייטע ענדע ארונטערגעוואָרפען. מיט דער שנעליגקייט פון א בליץ איז מיראָוויטש ארויף אויף דיא טרעפּ פון שטריק־לייטער און אין נעכסטען אויגען־בליק איז ער שוין געווען אויפ׳ן באלקאָן. דער לייטער איז געבליעבען הענגען, אין פאל עס פּאסירט עפּעס, יעמאנד קומט אָן, זאָל מיראָוויטש האָבען דיא מעגליכקייט צו אנט־לויפען אויפ׳ן זעלבען וועג וויא ער איז געקומען.

— יעצט קום, מיין טהייערער געליעבטער, האָט אָלגא אויסגערופען אָנ־נעהמענדיג מיראָוויטש׳ען פאר׳ן האנד, קום, וועל איך דיך פיהרען צום וויעגעלע פון אונזער ליעבע קינד.

זיי זיינען ביידע ארייגעגאנגען אין שלאָף־צימער. מיראָוויטש האָט אראָב־געוואָרפען אויף א שטוהל זיין מיליטערישען מאנטעל און איז צוגעגאנגען מיט זיין געליעבטע צום וויעגעלע וואו דיא ליעבליכע קליינע קאטהערינא איז גע־שלאָפען. דיא ליעבענדע פּאָאר האָבען זיך מיט א הייסען קוש אומגעארמט, דאן האָט זיך מיראָוויטש איינגעבויגען און וויא נור ער האָט אויפ׳ן קינד א בליק געטהאָן האָט ער אויסגערופען מיט א געוואלדיגע בעגייסטערונג:

— אָה, וויא שעהן! ריכטיג וויא דוא, מיין ליעבע אָלגא!

— און מיר ווייזט זיך אויס, אז זיא איז עהנליך צו דיר, האָט אָלגא געמור־מעלט. זעה דיא ליפּעלעך, דיא אויערען! ריכטיג וויא דיינע. איך ליעב זיא דא־ריבער נאָך מעהר.

— און דער קניאז? האָט מיראָוויטש געפרעגט, האָט ער קיין פער־דאכט?

— גאָר נישט, פרעג איהם בחרם, האָט אָלגא געשמייכעלט, ער איז אָן אלטער שוטה, אָבער טהו מיר א טובה, ניקאָליא, און לאָמיר בעסער וועגען איהם ניט רעדען. לאָמיר בעסער רעדען וועגען אונזער קאטהערינא. הלואי זאָל זיא בעזיצען דיא זעלבע מעלות וויא אונזער ליעבע קייזערין, וועמעס נאָמען זיא טראָגט. דוא ווייסט, מיראָוויטש, איך האָב אמת ליעב איהר מאיעסטעט, זיא איז דיא העכסטע פּאָלקאָמענהייט פון מענשליכע גרויסקייט. זיא איז דיא עדעלסטע פרוי פון אייראָפּא, איך וואָלט אמת וועלען, אז אונזער קינד זאָל בעזיצען איהר כאראקטער.

מיראָוויטש האָט זיך אָבגעקעהרט אום צו פערבאָרגען דעם פיינדליכען אויסדרוק וואָס האָט זיך אין זיינע אויגען בעוויזען. דיא פערבלענדעטע אָלגא האָט עס אָבער ניט געזעהן. און ארויפלייגענדיג איהר ווייכען ארם אויף זיין שולטער, האָט זיא מיט א צערטליכע שטימע געזאָגט:

— טהו כאַטש א קוש אונזער טהייערע קינד, ניקאָלאי, גיעב דעם קינד דעם ערשטען פאַטערליכען קוש. ווער ווייסט, ווען עס וועט זיך ווידער מאכען א געלעגענהייט, דוא זאָלסט האָבען דיא מעגליכקייט א צווייטען מאָל בעריהרען איהר ליפּען שטערען. אך, געליעבטער, ווען וועט שוין ענדליך קומען דיא גוטע, גליקליכע שטונדע, מיר זאָלען מעהר אונזער ליעבע ניט דארפען בעהאַלטען פאר קיינעם? ווען וועסט דוא שוין קענען זיין פראנק און פריי פאר דער גאנצער וועלט א פאַטער צו דיין קינד און א מאן צו דיין פרוי? אָה, ניקאָלאי, איך שטארב פון אונגעדולד, איך וואָלט האלב פון מיין לעבען אוועקגעגעבען עס זאָל שוין קומען דיא צייט ווען איך וועל בעלאנגען צו דיר און נור צו דיר אליין! דוא האָסט קיין בעגריעף ניט, ניקאָלאי, וועגען דעם שווערען קאמפף וואס קאָכט אימער אין מיין ברוסט, ווען איך מוז איבערטראָגען אלע צערטליכקייטען פון א מאן, וועלכען איך האס וויא דעם טויט.

— מיר מוזען האָבען געדולד און ווארטען, אָלגא, דער קניאז איז אלט, לאנג קען ער ניט לעבען.

— ווער ווייסט, האָט אָלגא געשטאמעלט, איבעריגענס איז דאָס א שרעקליכער זינד צו ווארטען אויף יענעם׳ס טויט און דער טויט איז אָפט אויך להכעיס א גרויסער עקשן. ער נעהמט אימער אוועק דעם וואָס מען וויל ער זאָל לעבען, און מיט דעם, וואָס מען האסט וויא דעם טויט אליין, מיט דעם איז דער מלאך המות א גאנצער גוטער־ברודער און לאָזט איהם דוקא לעבען —

וועהרענד זיא האָט דיעזע ווערטער גערעדט, האָט זיא מיט א ליידענשאפטליכע אויפרעגונג אָנגענומען ניקאָלאי׳ען פאר א האנד און האָט איהם געפיהרט צום אנדערען האלבען צימער, וואָס איז געווען אָבגעטהיילט מיט א רויטען זיידענעם פאָרהאנג, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעשטיקט מיט גאָלד דער הערב פון דער קניאזען־פאמיליע דאשקאָוו. אָלגא האָט אָנגענומען דיא שנור און דער פאָרהאנג האָט זיך צוצויגען.

עס האָט זיך דאן געזעהן איהר בעט וואָס איז ביי אלע פיער עקען געווען בעציערט מיט גרויסע גאָלדענע לייבען־קעפּ. אין דיא אָפענע מיילער פון דיא לייבען זיינען געווען איינגעפראוועט טהייערע געשליפענע שפּיעגלען, אזוי אז דיא שעהנע פירסטין האָט געקענט זעהן יעדע בעוועגונג פון איהר רייצענדע פיגור, זאָגאר דאן ווען זיא איז אין בעט געלעגען.

אָלגא און ניקאָלאי האָבען זיך געזעצט אויף׳ן ראנד פון בעט, זיא האָט ארויפגעלייגט אויף זיין שולטער איהר האנד און מיט איהרע שעהנע ברענענדע אויגען האָט זיא אויף איהם געקוקט וויא זיא וואָלט וועלען זעהען וואָס ביי איהם טיעף אין דער נשמה קאָכט זיך דאָרט.

— ווארום קושסט דוא מיך ניט, געליעבטער? האָט זיא געשטאמעלט, פערגעס ניט, וויא לאנג מיר האָבען זיך שוין ניט געזעהן. איך שווער דיר אז

אין דער צייט אפילו, ווען איך האָב געפיהלט דיא שרעקליכע שווערע שמער־צען פון געבאָרען דאָס קינד, אפילו דאן זיינען אלע מיינע געדאנקען געווען נור ביי דיר. נור דיין בילד האָט געשוועבט פאר מיינע אויגען און איך האָב געטראכט וועגען דעם גליקליכען מאָמענט, ווען איך וועל דיך ווידער קענען זעהן.

מיראָוויטש איז געזעסען בלאס און אונרוהיג. עס האָט אויסגעזעהן, אז ער הערט גאָר ניט דיא אלע ווערטער וואס דיא שעהנע יונגע פירסטין רעדט צו איהם. און ווען ער האָט ענדליך זיינע ליפען צו איהר צוגעריהרט, האָט זיא זיך מיט שרעק צוריקגעצויגען און מיט פערדרוס אויסגערופען:

— וואָס איז מיט דיר, ניקאָלאי? דיין קוש איז קאלט וויא אייז. וואו איז אהינגעקומען דיין אמאָליגער הייסער ליעבעס־פייער? אָה, אמאָל האָסט דוא מיך אנדערש געקושט. וואָס זאָל דאָס בעדייטען? האָט אן אנדערע פון מיר דיין הארץ אָבגעוואונעט? אָדער פיעלייכט געפעהל איך דיר שוין מעהר ניט, ווייל איך בין שוין א מאמע פון א קינד? וואָס איז מיט דיר, ניקאָלאי? זאָג מיר, דערצעהל מיר אלעס, אָבער דעם אמת און איך וועל דיר אלעס פערצייהען.

— איך האָב דיר גאָר ניט וואָס צו זאָגען און וואָס צו דערצעהלען, האָט מיראָוויטש געענטפערט מיט אן אראָבגעלאָזענעם קאָפּ. איך בין בלויז מיעד. איך בעט דיך, אָלגא, מאטער מיך יעצט ניט מיט איבעריגע פראגען.

— ניין, ניין — האָט זיא איהם אונטערבראָכען, דוא ביסט ניט מיעד, דאָ איז עפּעס פערבאָרגען א געהיימניס, ניקאָלאי! א פרויען הערץ קען מען ניט נארען. איך זעה, אז דוא זיצסט נעבען מיר און דיין נשמה איז ערגיץ אנדערש. זאָג, מיין געליעבטער מאן, וואָס איז מיט דיר? איך וועל עס ניט אויסהאלטען.

אין דיעזען מאָמענט זיינעןביידע אויפגעשפרונגען פון שרעק. זיי האָבען דערהערט פעסטע טריט אין פאָרצימער. יעמאנד געהט מיט קלינגענדע שפּאָרען. און באלד האָט זיך דערהערט א שטימע פון הינטער דער פערשלאָסענער טיהר:

— אָלגא, אָלגא, מיין ליעבע פרוי, עפען דיא טיהר, דאָס בין איך — דיין מאן. עפען, מיין טייבעלע, איך האָב נור אייניגע מינוטען צייט און האָב דיר עט־וואָס זעהר וויכטיגעס צו זאָגען.

מיראָוויטש איז צוגעלאָפען צום באלקאָן טיהר, אָבער אָלגא האָט איהם צוריקגעהאלטען.

— דוא קענסט יעצט ניט ארויס, האָט זיא שטיל געשטאמעלט, דער קניאז האָט געוויס ווידער אוועקגעשטעלט דעם סאָלדאט, וועלכען איך האָב פריהער געהייסען זיך צוריקציהען. שנעל, לייג זיך אין בעט, איך וועל דיך אי־בערדעקען און פערציהען דעם פאָרהאנג, שנעל, זאָג איך דיר, ווען ניט זיינען מיר ביידע פערפאלען.

מיראָוויטש האָט קיין אנדער ברירה ניט געהאט. ער האָט זיא געמוזט

פאַלגען. ער איז אריין אין בעט אריין מיט דיא שמיוועל און זיא האָט איהם איינגעדעקט און איבער איהם דעם פאָרהאנג פערצויגען.

מיט דער שנעליגקייט פון א בליץ האָט אַלגא דאן פון זיך דיא קליידער אראָבגעוואָרפען, פאנאנדער געלאָזען איהרע פראכטפאָלע שווארצע האָאר עס זאָל אויסזעהען וויא זיא האָט זיך נאָר וואָס פון שלאָף אויפגעכאפט, זיא האָט אויך גיך געכאפט און ארייגעוואָרפען מיראָוויטש׳עס מאנטעל אין בעט און באלד האָט זיא דיא טיהר געעפענט און האָט מיט א מינע פון גאָט דיא נשמה שולדיג געזאָגט:

— דאָס ביסט דוא, מיין מאן? פערצייהע מיר וואָס איך האָב דיך גע־לאָזט ווארטען. איך בין געזעסען ביים קינד אזוי לאנג ביז איך איינגעשלאָפען. קום אריין, מיין מאן.

דער גראף איז אריינגעקומען און האָט געטראָגען מיט זיך א קליינעם הילצערנעם קעסטעל אין האנד. דאבוי האָט ער א קוק געטהאָן אויף אַלגא׳ס האלב נאקעטע רייצענדע שעהנהייט און זיין ליידענשאפט האָט זיך אנגעצונדען וויא א פלאם פייער.

— דוא ביי מיר דארפסט ניט בעטען אום פערצייהונג, האָט ער אויסגע־רופען, איך דארף ביי דיר בעטען זאָלסט מיר מוחל זיין וואָס איך האָב דיר גע־שטערט דיין שלאָף. אָבער עס איז געווען העכסט נאָטהווענדיג. איך מוז דיך בעטען דוא זאָלסט דאָס קעסטעלע בעהאלטען און איך מוז באלד אוועקגעהן צוריק צו דער געהיימער קרוין זיצונג, וועלכע וועט געווים אנהאלטען ביז צען אָדער עלף אזייגער אין דער פריה.

ערשטוינט האָט ביי איהם אַלגא דאָס קעסטעלע פון האנד צוגענומען אין האָט ביי איהם געפרעגט:

— וואָס ליעגט דאָ אין דעם קעסטעלע? איז דאָס אזוי וויכטיג אז צו־ליעב דעם אליין האָסט דוא געמוזט קומען און נאָך אמאָל ווידער אוועק־פאָהרען?

— איך ערפיל דערמיט א בעפעהל פון דער קייזערין, האָט דאשקאָוו גע־ענטפערט. און איך זאָג דיר, נשמה, אז איך וואָלט בעסער מיין לעבען פערליע־רען וויא דאָס קעסטעלע. דאָך מוז איך דיר ערקלעהרען אום וואָס דאָ האנדעלט זיך. אָבער לאנג האָב איך קיין צייט ניט צו פערבלייבען דאָ. מיין עקיפאזש ווארט אונטען און איך בין אזוי אויסגעמאטערט. קום, מיין הארץ, לאָמיר זיך אביסעל אוועקזעצען אויף דיין בעט און איך וועל דיר אין קורצע ווערטער אלעס דערצעהלען.

דאבוי איז דער קניאז צוגעגאנגען צו דיא זיידענע רויטע גארדינען און האָט שוין אויסגעשטרעקט דיא האנד צו ציהען. אַלגא איז א פערציטערטע געוואָרען, זיא האָט געפיהלט אז אָט שטאַרבט זיא פון שרעק, אָבער אין דעם

מאָמענט איז איהר געקומען אן אונערוואַרטעטע הילפע. דאָס קינד אין וויגעלע האָט זיך אויפגעכאפּט און האָט אָנגעהויבען וויינען. דער קניאַז איז שנעל צוריקגעלאָפען און האָט אויסגערופען:

— איך האָב הפנים צו הויך גערעדט און האָב געשטערט דעם זיסען שלאָף פון אונזער קליינעם מלאך׳על.

אָלגא האָט געפיהלט וויא א שווערער שטיין וואָלט איהר אראָב פון ברוסט און זיא האָט בענוצט דיעזען מאָמענט, אז איהר מאן זאָל שוין מעהר צום בעט ניט צוגעהן.

— ערגער זיך ניט דאריבער, מיין ליעבער מאן, האָט זיא געזאָגט מיט א קאָקעטישען שמייכעל. נעהם א שטוהל און זעץ זיך נעבען מיר ביים וויעג און איך וועל דערווייל דאָס קינד איינשטילען.

דער קניאַז האָט אזוי געטהון. ער האָט זיך צוגעטראָגען א שטוהל און האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען זיין פרוי, וועלכע האָט גענומען פלייסיג וויעגען דאָס וויעגעלע.

— יעצט דערצעהל מיר וואָס איז מיט דעם קעסטעלע, האָט אָלגא געזאָגט, וואָס איז דאָרטען דאָ אזעלכעס — פּערל, דיאמאנטען?

— עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. אין קעסטעלע ליעגען בלויז א פּאָאָר אלטע פערזשאווערטע שליסלען.

— אלטע שליסלען!?! האָט אָלגא אויסגערופען פערוואונדערט און איבער דיא אלטע שליסלען האָסט דוא זיך געדארפט מטריח זיין עקסטרא קומען אהיים פון דער זיצונג? זיינען דאָס דיא שליסלען פון גן־עדן?

— צום גן־עדן איז נור יענער קליינער שליסעל וואָס שטעקט אין דער טיהר פון דיין שלאָף צימער, האָט דאשקאָוו געזאָגט קוקענדיג אויף זיין פרוי מיט ליעבליכע בליקען, דיעזע שליסלען אין קעסטעל זיינען פון דער טיהר פון׳ם שרעקליכען גיהנום, פון׳ם אונטעראירדישען קערקער וואו עס איז איינגעשלאָסען א געפאנגענער וואָס האָט שוין צעהן יאָהר דיא ליכטיגע וועלט ניט געזעהן.

— וואו געפינט זיך דיעזער גיהנום? האָט אָלגא געפרעגט מיט א שוידער.

— אין שליסעלבורגער פעסטונג. דאָרט זיצט געפאנגען דער פּרינץ איוואַן אנטאָנאָוויטש, וועלכער האָט א פּרעטענזיע צום רוסישען קייזער־טהראָן. דוא ווייסט דאָך וואהרשיינליך, אז פּרינץ איוואן אנטאָנאָוויטש איז א זוהן פון׳ם הערצאָג אנטאָן אולריך פון בראָנשווייג, וועלכען דיא קייזערין אננא יאָאנאָוונא האָט אדאָפּטירט אלס איהר זוהן און נאָכפאָלגער. דאן האָט אויסגעבראָכען א פּאלאסט רעוואָלוציאָן און אנשטאָט איהם האָט דיא קרוין בעקומען עליזאבעט, דיא טאָכטער פון פעטער דעם גרויסען. עליזאבעט האָט דאן דעם פּרינץ גלייך איינגעשלאָסען אין יענעם קערקער, וואו ער געפינט זיך נאָך ביז הייגטיגען טאָג.

— וויא קומט עס וואס גראדע היינט ביי נאכט האט מען דיר דיא שלי־סעל פון דער פעסטונג איבערגעגעבען? וואו זיינען זיי געוועזן ביז אהער?

— ביי גרעגאר ארלאוו, ביי איהם אין הויז. דיא קייזערין וויל ניט האבען דיא שליסעל אין איהר פאלאסט און זיא האט זיי דאריבער איבערגעגעבען צו ארלאוו׳ן, אבער ווען ער איז אבגעפאהרען אין קריעג האט ער דיא שליסעל ניט צוריק געגעבען. גראדע האט זיך דיא לעצטע צייט אנגעפאנגען צו הערען, אז אין פעטערבורג געהט פאר א געהיימע פערשווערונג דעם פרינץ איוואן אנטאנאוויטש פון שליסעלבורג צו בעפרייען און איהם אלס צאר פראקלאמי־רען, אום דאמיט ארבצוואווארפען פון טהראן אונזער קייזערין קאטהערינא. צוליעב דעם איז היינט ביי־נאכט צוזאמענגערופען געווארען דיא געהיימע קרוין זיצונג און דיא קייזערין האט זיך מיט אונז בעראטהען וואס צו טהאן אום דיעזע שרעקליכע געפאהר אבצוואווענדען. מיר אלע האבען בעשלאסען, אז קודם זאל מען צונעהמען דיא שליסעל וואס געפינען זיך ביי ארלאוו׳ען און זיי בעהאלטען אין א זיכערען פלאץ. אויף׳ן בעפעהל פון דער קייזערין בין איך מיט נאך דריי מענער אוועק אין ארלאוו׳ס פאלאסט, דארט האבען מיר געפונען דאס קעסטעל מיט דיא שליסעל וואס איך האב דא יעצט אהער מיטגעבראכט. איך בעט דיך, מיין ליעבע אלגא, דוא זאלסט היינטיגע נאכט דאס קעסטעל צו זיך נעהמען. האלט עס ביי דיר אין בעט צופוסען. מארגען וועל איך הייסען דיא שליסעל איינמויערען ערגיץ וואו אין א וואנד ביי אונז אין פאלאסט. וורייל פון דיעזע שליסעל איז אבהענגיג דער פריעדען פון גאנץ רוסלאנד און דיא גאנצע צוקונפט פון אונזער קייזערין.

— יעצט פערשטעה איך אלעס, האט אלגא טרייהערציג געזאגט און האט צוגענומען דאס קעסטעל, דוא קענסט, מיין מאן, רוהיג צוריקפאהרען צו דער קרוין־זיצונג און מעלדען מיין טהייערער, געליעבטער קייזערין, אז איך אליין וועל דיעזע נאכט דיא שליסעל היטען. און איך שווער דיר ביי גאט און ביי׳ם לעבען פון מיין קינד, אז גיכער וועל איך זיך לאזען מיין הארץ פון ברוסט ארויס־רייסען וויא דיעזע שליסלען יעמאנדען אבצוגעבען. זאג דער קייזערין, אז דיין פרוי, דיא פירסטין דאשקאוו האט שארפע אויגען, וועלכע זיא וועט שוין דיעזע נאכט אויף א מינוט ניט צומאכען.

דער קניאז האט צערטליך געקושט דעם ווייסען שטערן פון זיין פרוי און האט געוואלט נעהמען פון איהר דאס קעסטעל און אליין עס אין בעט בע־האלטען, אבער זיא האט זיך צו איהם עטוואס אונרוהיג געווענדעט:

— איך בעט דיך, מיין מאן, זאלסט שוין גאר קיין יסורים ניט האבען, איך וועל עס שוין אליין בעזארגען, דוא פערליער בעסער גיט קיין איינציגע מינוט, מאהר שוין צוריק אין ווינטער פאלאסט אום דיא קייזערין צו בערוהיגען. מאר־

נען ווען דוא וועסט האבען דיין פליכט צו דיין קייזערין און צו אונזער פאטער־לאנד ערפילט, דאן — וועלען מיר לעבען א גוטען טאג.

ענדליך איז דער אלטער קניאז צוריק אוועק פון הויז און אלגא האט פריי־ער אויפגעאטהעמט. א מינוט שפעטער האט זיך געהערט וויא זיין עקיפאזש איז אפגעפאהרען און אין דעם זעלבען מאמענט איז מיראוויטש ארויסגעשפרונ־גען פון בעט.

ווען אלגא האט אויף איהם א קוק געטהאן, איז זיא א פערציטערטע געווא־רען. עפעס האט ער יעצט אויסגעזעהן וויא א גזלן. דיא ציינער פערקריצט און דיא אויגען האבען מיט א שרעקליכען פייער געקוקט אויף'ן קעסטעל, וואס אלגא האט אוועקגעשטעלט נעבען זיך אויף'ן שטוהל.

מיראוויטש האט אויסגעקוקט וויא א שיכור אדער וויא איינער וואס איז פלוצלונג משוגע געווארען.

— אלגא! האט ער אויסגערופען מיט א הייזעריגע שטימע. עס איז געקו־מען דער מאמענט, ווען איך מוז דיין ליעבע שטעלען אויף פראבע. אויב דוא ביסט ווירקליך בערייט פאר מיר אלעס צו טהאן, וויל איך דוא זאלסט מיר יעצט בעווייזען, אז דוא ביזט ניט נאר מיין געליעבטע, זאנדערן אויך מיין קאמע־ראד, מיין בעסטער פריינד אויף דער וועלט.

— איך פערשטעה ניט וואס דוא ווילסט, האט אלגא געענטפערט דער־שראקען, זאג מיר, וואס קוקסט דוא אזוי מאדנע אויף'ן קעסטעל? האסט דוא אלעם געהערט?

— יא, אלעס. איך וויים, אז אין דעם קעסטעל געפינען זיך דיא שליסלען פון'ם קערקער, אין וועלכען עס שמאכטעט דער אונגליקליכער צאר איוואן אנטאנאוויטש.

— דוא רופסט יענעם געפאנגענעם — צאר? און דאך טראגסט דוא דיין אפיציערסקי שווערד אין נאמען פון איהר מאיעסטעט, אין נאמען פון אונזער קייזערין קאטהערינא! ניקאלאי, יעצט פאנג איך אן צו פערשטעהן, ערשט הויב איך אן צו בעגרייפען —אה, וויא שרעקליך דיעזער געדאנק איז! יעצט וויים איך שוין ווארום דוא ביסט אזוי צוטראגען. יעצט עראינער איך מיך אלעס. דוא האסט אויך דעם פלאן פון שליסעלבורג פעסטונג ביי מיר אויסגענארט. גרויסער גאט! איך וועל משוגע ווערען! מיין בלוט ווערט פערגליווערט! ניקאלאי, גע־ליעבטער, אונגליקליכער מאן! שווער מיר, אז דוא בעלאנגסט ניט צו יענע אונ־צופריעדענע וואס האבען געמאכט א פערשווערונג דעם געפאנגענעם פון שלי־סעלבורג צו בעפרייען און דיא קייזערין פון טהראן אראבצוזעצען. איך בעשווער דיך, ניקאלאי, זאג מיר דעם אמת, דעם ריינעם אמת!

— איך וועל דיר גאר ניט זאגען, האט מיראוויטש געענטפערט און איז

צוגעגאנגען א טריט נעהענטער צום קעסטעל מיט דיא שליסעל. גיעב עס מיר און דאמיט וועסט דוא מיין לעבען רעטען.

א פּאָאר מינוטען איז אין צימער געווען שטיל;ביידע האָבען פון שרעק־ליכע אויפרעגונג א וואָרט ניט געקענט אויסרעדען. אָלגא האָט געקוקט אויף׳ן בלאסען געזיכט פון׳ם פערשווערער און דאן האָט זיא איהם פון זיך צוריקגע־שטויסען און האָט אויסגערופען מיט א פערשטיקטען טאָן:

— אלזאָ, איז דאָס ריכטיג אז דוא ווילסט ברענגען אן אונגליק אויף אונ־זער ליעבע קייזערין און מיר האָסט דוא זיך אימער געצייגט אונטער א מאסקע, אז דוא ביסט כלומרשט איינער פון איהרע טרייעסטע דיענער. אָה, מיראָוויטש! דאָס שיידעט אונז אויף אייביג. דאָך וויל איך פערגעסען וואָס דוא האָסט מיר יעצט געזאָגט, גראדע וויא דאָס וואָלט געווען א בייזער טרוים. דוא ווייסט, ניקאָלאי, וויא טריי און וויא צערטליך איך האָב דיך געליעבט. איך האָב פאר דיר געטהאָן אלעס. וואָלט ניט זיין א יושר, אז דוא זאָלסט דערפאר כאָטש עטוואָס טהאָן פאר מיר?

— פערלאנג פון מיר אלעס, נאָר איין זאך ניט, האָט מיראָוויטש געענט־פערט. פערלאנג ניט פון מיר איך זאָל ברעכען מיין עהרענוואָרט. פערלאנג ניט פון מיר איך זאָל מיינע קאמעראַדען פערראטהען און זיי איבערגעבען צו קאַ־טהערינא׳ס בלוטיגע ראכע. אָה, ניין, אָלגא. איך טאָר ניט ערפילען דאָס וואָס דוא ווילסט ביי מיר יעצט בעטען. דיא ערהאבענע און הייליגע זאך וואָס איך און מיינע קאמעראדען האָבען אונטערנומען מוז דורכגעפיהרט ווערען, ווייל דאָס איז פיר רוסלאנד׳ס גליק. דיא שטונדען פון קאטהערינא׳ס רעגיערונג זיינען שוין געציילט און נאָך שנעלער וויא דוא קענסט זיך פאָרשטעלען וועט דער נעפאנגענער איוואן אנטאָנאָוויטש טראָגען דיא רוסישע קייזערליכע קרוין וואָס בעלאנגט געזעצליך נור צו איהם.

— און אלעס ווייל דיא אלט־רוסישע פּארטיי, דיא פרומע פינסטערע נשמות, ווילען אזוי? האָט אָלגא אויסגערופען אויפגערעגט. ניקאָלאי, האָט זיא ווייעדער אָנגעפאנגען מיט גוטען, דאָ ליעגט אונזער קינד, בייי׳ם לעבען פון דיעזע אונשולדיגע נשמה, בעשווער איך דיך דוא זאָלסט זיך צוריקציהען פון אלע דיינע שרעקליכע פּלענער.

— דאָס קען ניעמאלס זיין! האָט דער פערשווערער מיט א רוהיגען טאָן געענטפערט. איך האָב דיר שוין ערקלערט, אז ס׳איז אומזיסט דיין ארבייט. דאָס וועסט דוא ביי מיר קיין מאָל ניט פועל׳ן.

דיא ליעבליכע געזיכט פון דער שעהנער פירסטין איז שווער פערוואַל־קענט געוואָרען. דיא זעלבע אויגען וואָס האָבען אויף איהם פריהער געקוקט מיט אזוי פיעל ליעבע און צערטליכקייט האָבען אויף איהם יעצט געקוקט מיט א שרעקליכען האַס.

— דוא ווילסט אלזא מיין בקשה ניט ערפילען, האט זיא ענדליך אויסגע־רופען מיט א ווילדען כעס, ביי דיר איז רעכט צו אפפערען מיך און דאס קינד צוליעב דיינע שווארצע פלענער ? ! אה, דוא געמיינער מענש, וויא איך זעה, האסט דוא מיך גאר קיין מאל ניט געליעבט און אלעס וואס איך האב געטהאן, אלע אפפער וואס איך האב געבראכט איז געווען פיר א ניערערטרעכטיגען שווינדלער און בעטריגער —

— אלגא, האט ער איהר אונטערבראכען און האט אזש מיט דיא צייהן געקריצט פון כעס, אלגא ! דוא זאלסט דיינע ווערטער צוריקציהען, וויל גאט איז מיין עדות, אז איך האב דיך עהרליך געליעבט, אבער ווען א מאן האט צו ערפילען זיין פליכט, זיין היילינע אויפגאבע, דאן טאר ער ניט קוקען אויף זיינע פערזענליכע אינטערעסען און אויף זיינע אייגענע פערגעניגען. דוא אליין וואלסט מיך געדארפט פערהאסען און פערדאמען, ווען איך זאל יעצט ביי דער לעצ־טער שטונדע זיך צוריקציהען און לאזען מיינע פריינדע אליין אין פעלד.

— געוויס, ניקאלאי, פערהאס איך דיך און פערדאם דיך וויא דעם ערגסטען מענשען אויף דער וועלט, אבער ניט דערפאר וואס דוא זאגסט, נור דערפאר וואס דוא ביסט א געמיינער פערשווערער נעגען דער קייזערין, וועלכע האט דיר אזוי פיעל גוטעס געטהאן.

— זעהר שעהן, האט ער געזאגט מיט אן איראנישען שמייכעל, אויב דוא ווילסט קענסט דוא געהן און מיך פערמסור'ען צו דער קייזערין. מיין לעבען איז יעצט אין דיין האנד. דארפסט נאר זאגען איין ווארט און מען וועט מיך נאך היינט ביי נאכט ארעטירען. געה מיך פערראטהען, איך בין ביי דיר אין דיא הענד !

— איך זאל געהן דיך פערראטהען ? האט אלגא אויסגערופען מיט א ציטער־רענדע שטימע, איך זאל דיין לעבען צום תליון איבערגעבען — איך ? אה, גאט ! וואס זאל איך יעצט טהאן ? וויא זאל איך יעצט האנדלען ? פון איין זייט וויל איך פערהיטען מיין קייזערין פון א גרויסען אונגליק, מיט איין ווארט קען איך זיא ראטעווען. פון דער צווייטער זייט מוז איך דערפאר בעצאהלען מיט'ן לעבען פון מיין קינד'ס פאטער — אה, איך וועל עס ניט אריבערטראגען, איך וועל משוגע ווערען !

— ס'איז ניט אזוי געפעהרליך, האט מיראוויטש כלומרשט געשמייכעלט און איז צוגעגאנגען נעהענטער צום קינד'ס וויענעלע. איך וויים דאך, אלגא, אז נאך אלעמען האסט דוא מיך א סך בעסער ליעב וויא דיין קייזערין, היינט וואס מאכסט דוא אזעלכע נארישע תנועות ? דוא שוויינ בעסער און איך וועל פון דיר אוועקנעהמען דאס קעסטעל מיט דיא שליסעל, איך דארף עס נויטינער וויא דוא.

דאביי האט ער שוין צוגעכאפט דאס קעסטעל פון שטוהל און האט עס פעסט אין זיינע הענד געהאלטען.

— רויבער! גנב! האט אלגא אויסגעשריען מיט א ווילדע שטימע, דאס קעסטעל גיעב אהער!

— סיידען דוא וועסט מיך טויטען, האט ער מיט א הייזעריגע שטימע גע־ענטפערט און איז לאנגזאם הינטערווייליך געגאנגען צו דער באלקאן טיהר.

— דיעזע שליסעל, האט ער געלאסען פארטגעזעצט, וועלען ענטשיידען דיא פראגע פון לעבען און טויט פיר מעהר וויא צוואנציג רוסלאנד'ס בעסטע מענער. דיעזע שליסעל וועלען זעצען אויף'ן טהראן דעם יעניגען וואס שמאכט יעצט אין קערקער, ווייל א רויבערין האלט איהם דארט געפאנגען. דיעזע שליסעל וועלען אויפעפענען דיא טויערען פון פרייד פיר גאנץ רוסלאנד.

וויא א טיגערין, ביי וועלכע מען רויבט אוועק איהרע קינדער, אזוי האט זיך אלגא ארויפגעווארפען אויף מיראוויטש'ען און א שווערער, א ביטערער קאמפף האט זיך צווישען זיי אנגעהויבען. מיט דער רעכטער האנד האט זיא איהם געווארגען און מיט דער לינקער האט זיא פון איהם דאס קעסטעל געריסען.

— דוא, פאטער פון מיין קינד, האט זיא וויא וואהנזיניג געשריען, דוא, וועלכען איך האב אזוי הארציג געליעבט און פיר וועלכען איך האב מיין עהרע געאפפערט — יעצט וועל איך דיך דערשטיקען, דערווערגען, דוא ניעדערטרעכ־טיגער פערשווערער. ביסט א מערדער, א רויבער, דיא שליסעל גיעב אהער — דיא שליסעל — אט רוף איך צו הילפע און דוא ביסט א פערלארענער אויף עביג!

— משוגענע, לאז מיך אב! האט זיך מיראוויטש פון איהר געריסען, ניט נור דוא, א שוואכע פרוי, נור קיינער אין דער וועלט וועט פון מיר דיא שליסעל צוריק ניט בעקומען. און זאלסט נור גוט געדענקען, אז ווען דיר חלום'ט זיך, אז דוא וועסט מיך פערראטהען, האסט דוא א ביטערען טעות. איך האב פון דיר א פיעל שווערערע ראכע צו נעהמען — דוא זעהסט דאס קינד — אח, דוא וויל־דע בעשעפענים, דוא דערשטיקסט דאך מיך, איך זעה אז איך קען מיר ניט העלפען, איך מוז געגען דיר אנווענדען געוואלט —

איין שטויס אין הארצען און דיא ארימע אויפגערעגטע אלגא איז געפאלען צו דער ערד אין אונמאכט. דעם נעכסטען מאמענט איז מיראוויטש ארויסגע־לאפען אויף'ן באלקאן, ער האט צומאל צוריק אין צימער קיין קוק ניט געטהאן. מיט דער שנעלינקייט פון א בליץ איז ער אראבגעשפרונגען איבער'ן זיידענעם שטריק־לייטער און איז באלד פערשוואונדען געווארען אין דער פינסטערניס פון דער נאכט.

דער זייגער האט געשלאגען צוויי. דיא שעהנע פירסטין אלגא דאשקאוו איז

געלעגען אויף'ן קארפעט בעוואוסטלאָז. און לאנגזאם האָט זיא אָנגעפאנגען עט־וואָס צו זיך קומען. זיא האָט געהערט וויא יעמאנד קלאפּט אין טיהר.

—עפענט, ס'איז איך, דיא אם, ס'איז שוין צוויי א זייגער.

אָלגא'ס שעהנע געשטאלט האָט זיך ביי'ם קלאנג פון דיעזער שטימע אָנגע־פאנגען צו בעוועגען. לאנגזאם האָט זיא איהר קאָפּ אויפגעהויבען און האָט זיך ארומגעקוקט מיט צומישטע בליקען. זיא האָט זיך קלאָהר ניט געקענט עראינע־רען וואָס מיט איהר איז דאָ פאָרגעקומען. וואָס ליעגט זיא עפּעס ביי דער באלקאָן טיהר אויף דער ערד? איז זיא דאָ געפאלען און איינגעשלאָפען? דיא טיהר איז ברייט אָפען און דער נאכט־ווינד בלאָזט אריין וויא מיט שטילע זיפצען. וואו איז מיראָוויטש? ווארום קומט ער ניט? מיראָוויטש — אך, יא — ער איז דאָך שוין געוועזן — דער ניעדערטרעכטיגער טייפעל האָט ביי איהר דיא שליסלען גערויבט.

אָלגא איז אין דעם מאָמענט אויפגעשפּרונגען מיט א שווערען טיעפען קרעכץ. ערשט יעצט האָט זיא פערשטאנען וויא אונגליקליך זיא איז דיעזע נאכט געוואָרען. ערשט יעצט האָט זיא זיך דערמאָנט אין דער שרעקליכער סצע־נע וואָס איז צווישען זיי ביידע פאָרגעקומען.

— פירסטין! האָט דיא אם הינטער'ן טיהר געשריען מיט א פערצוויי־פעלטע שטימע. שטעהט אויף, לאָזט מיך אריין צום קינד. גאָט מיינער, איהר שלאָפט, אָדער עפּעס אן אונגליק האָט געשעהען?

אָלגא האָט ניט געהערט דיעזע ווערטער. איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אז ארום איהר ברויזט און שטורעמט א גאנצער ים און אז דיא שטימע הערט זיך ערגיץ פון גאנץ וויים. זיא איז ארויסגעלאָפען אויף'ן באלקאָן, זיא האָט ניט גערעכענט, אז ס'איז שוין פאָריבער צוויי שטונדען זינט מיראָוויטש האָט זיא מיט זיין שטארקען קלאפּ אין הארצען אין אונמאכט געוואָרפען. זיא האָט גע־מיינט, אז דיעזע גאנצע געשיכטע האָט ערשט מיט א פּאָאר מינוטען פריהער פּאסירט, און זיא האָט געוואָלט לויפען איהם נאָכיאָגען, דיא שליסעל פון איהם אוועקצונעהמען.

— דיא שליסעל, האָט זיא געמורמעלט אין גרויס פערצווייפלונג. קאטהע־רינא איז מעהר ניט זיכער אויף איהר טהראָן, ווען איך וועל דיעזע שליסעל באלד ניט צוריק בעקומען.

אָבער אונטען אין גאָרטען איז געוועזן גאנץ שטיל.

— ער איז אנטלאָפען מיט דיא שליסעל — גאָט, וואָס זאָל איך יעצט טהאָן?!

מיט ביטערע טרעהרען איז זיא ארויפגעפאלען אויף א שטוהל וואָס איז געשטאנען נעבען טיש אויף'ן באלקאָן און האָט שרעקליך געיאמערט און גע־קלאָגט. זיא האָט זיך געשעהמט פאר זיך אליין וואָס זיא האָט זיך איבערגע־

געבען צו אזא מאן, וועלכער האָט זיא אין אזא גרויסען אונגליק אריינגעפיהרט.

— וואָס זאָל איך יעצט טהאָן? האָט זיא געשטאמעלט און געפרעגט אַן עצה ביי זיך אליין, איז דען ניט מיין פליכט באלד צו לויפען אין ווינטער־פאלאסט און מאכען א טרעוואָגע — ווארנען וועגען דער פערשווערונג?

אָלגא האָט זיך קוים אויפגעהויבען פון שטוהל, האָט צוזאמענגענומען אלע איהרע קרעפטע און מיט א פעסטען בעשלוס געזאָגט:

— יא, איך מוז לויפען גלייך צו דער קייזערין, אלעס זאָגען, אלעס דער־ צעהלען און אלעס מודה זיין, איך וועל זאָגאר מיין שאנדע דערצעהלען, איך מוז עס טהאָן, ווייל איך מוז דאָך ערקלערען וויא מיראָוויטש איז געקומען אין מיין שלאָפצימער. איך וועל געשטעמפעלט ווערען מיט'ן שענדליכען זיעגעל פון זינד פיר מיין גאנצען לעבען. דאָס איז א געפעהרליכער פערברעכען, וואָס האָט ניט קיין גלייכען אין דער היסטאָרי פון שלעכטע פרויען. א פרוי וואָס האלט בעהאלטען א געליעבטען אין איהר בעט אין דער צייט ווען איהר מאן פערטרוי־ עט איהר וויכטיגע רעגיערונגס געהיימניסע, אזא פרוי איז דער ערגסטער אויס־ וואורף אין דער וועלט. און מיין מאן, אָה, דיעזער אלטער גרייז איז דאָך אזוי שטאָלץ אויף זיין עהרע, ער איז אזוי איפערזיכטיג. ער וועט מיך טויטען, אָבער דא העלפט קיין זאך ניט, איך מוז לויפען צו דער קייזערין.

אָבער דיא פיס זיינען איהר וויא איבערגעהאקט געוואָרען. זיא האָט גע־ וואָלט צוריק אין צימער אריינגעהן און האָט ניט געקענט. זיא איז וויעדער אויף'ן שטוהל ארויפגעפאלען און איהר בלאסע געזיכט איז בעדעקט געוואָרען מיט א ים טרעהרען.

— איך קען ניט, אָה, נאָט! האָט זיא געיאמערט, איך קען עס ניט טהון. איך קען איהם ניט איבערגעבען אין דיא הענד פון דיא הענקער. אמת, ער האָט זיין האנד געגען מיר געהויבען און האָט מיך אונגליקליך געמאכט אויף מיין גאנ־ צען לעבען, דאָך קען איך ניט ווערען זיין מערדערין.

— פירסטין, עפענט! אום גאָטעס ווילען, עפענט דיא טיהר! האָט דיא אם נאָך אמאָל הינטער'ן טיהר גערופען. אָה, ליעבע, גוטע פירסטין, איך הער וויא איהר וויינט און קלאָגט. אום גאָטעס ווילען, וואָס איז דאָרט געשעהן?

— באלד, באלד, האָט אָלגא געענטפערט און האָט אלע קרעפטע אָנגע־ וועגדעט זיך עטוואָס צו בערוהיגען. ס'איז גאָר ניט, באלד עפען איך.

קוים וואָס זיא האָט געקענט איהרע פיס דערשלעפען איז אָלגא צוגעגאנ־ גען צו דער טיהר און האָט געעפענט. דיא אם איז אריינגעקומען און ביי'ם ערש־ טען בליק אויף דער גרעפין איז זיא א פערציטערטע געוואָרען און האָט אויס־ גערופען מיט שרעק:

— אָה, מיין גאָט! וויא שרעקליך איהר קוקט אויס! זאָל איך אייך צו־ פיהרען צום בעט און שיקען נאָך א דאָקטאָר?

— איך דארף קיין דאָקטאָר, האָט דיא פירסטין געשטאמעלט און האָט גע־זוכט זיך צו שטארקען. איך וועל זיך געהן צולייגען אויסרוהען, אָבער פריי־הער וויל איך א קוק טהאָן אויף מיין קינד, מיין איינציגע טרייסט וואָס מיר איז נאָך געבליעבען אויף דער וועלט.

אָלגא איז צוגעגאנגען צום קליינעם נאָלדענעם וויעגעלע און באלד איז זיא צוריקגעשפרונגען מיט א פערצווייפעלטען אויסגעשריי:

— מיין קינד! גענואלד, וואו איז מיין קינד? דאָס וויעגעלע איז ליידיג, מען האָט פון מיר מיין קינד אוועקגערויבט.

דיא אונגליקליכע מוטער איז נעפאלען אויף דיא קניע מיט א שרעקליכען יאָמער־געשריי און האָט זיך אָנגעהאלטען אין׳ם ראנד פון דער וויעג. אויך דיא אם האָט זיך אָנגעהויבען שלאָגען מיט דיא הענד אין קאָפּ און האָט שרעק־ליך געיאָמערט, ווען זיא האָט דערזעהן וואָס דאָ איז געשעהען.

— אוועקגערויבט מיין קינד! האָט אָלגא געשריען מיט אן אוננאטירליכען טאָן. אָבער איך וויים ווער דער רויבער איז, דער פערדאממטער מערדער וואָס האָט מיין הארץ פון מיין ברוסט ארויסגעריסען און האָט מיין לעבען רואינירט איז אויך דער רויבער פון מיין קינד! אָה, קאטהערינא, מיין ליעבע, זיסע קינד! וואוהין האָט ער דיך אוועקגעשלעפט? וואו האלט ער דיך ערגעץ פערבאָרגען? און ווער איז שולדיג? — איך, איך אליין האָב אויף זיך דעם גאנצען אונגליק געבראכט. איך האָב אליין דעם רויבער געעפענט מיין טיהר, איך — איך אליין בין שולדיג אין אלעס. פערשאָלטען זאָל איך זיין ביז דיא לעצטע מינוטען פון מיין לעבען. אָה, גאָט! גרויסער גאָט! וויא שרעקליך דוא האָסט מיך פאר מיינע זינד געשטראָפט!!!

דאבייא האָט אָלגא וויא פון זינען געריהרט זיך גענומען רייסען דיא האָאר פון קאָפּ, וועהרענד איהר גאנצער קערפּער האָט געציטערט וויא אין א קאָנ־ווואולסיע. דיא אם איז געשטאנען און האָט מיט א ביטערע פערצווייפלונג געקוקט אויף דער פירסטין און האָט ניט געקענט געפינען קיין איינציגען וואָרט מיט וואָס דיא אונגליקליכע מוטער צו טרייסטען.

מיט אמאָל איז אָלגא אויפגעשפרונגען און א פייער פון וואהנזין האָט געקאָכט אין איהרע אויגען. איהר געזיכט האָט זיך אין דיא איינציגע מינוטען שרעקליך פערענדערט. דיא גאנצע ווייכקייט, דיא זאנפטקייט און ליעבליכקייט איז פון איהר געזיכט פערשוואונדען. זיא האָט אויסגעזעהען וויא דיא גרויזאמע שעהנע מעדעא, דיא בארבארישע פרינצעסין, וועלכע האָט איהרע אייגענע קינ־דער ערמאָרדעט אום צו נעהמען ראכע פון איהר פאלשען געליעבטען יאזאָן.

מיט א שטרענגען טאָן האָט זיא ארויסגעשיקט דיא אם פון צימער, דאן האָט זיא זיך אוועקגעשטעלט ביי׳ם שפּיעגעל, האָט געבראכט אין אָרדנונג

איהרע צופלאָנטערטע האָאר און האָט אָנגעווענדעט אלע מעגליכע קרעפטע זיך עטוואָס צו בערוהיגען.

מיט דער שנעלינקייט פון א בליץ איז זיא אריינגעלאָפען דאן אין גארדע־ראָב צימער און פון אלע רייכע קאָסטבארע קליידער וואָס זיינען דאָרט גע־האנגען אין גאָלדענע שראנקען, האָט זיא אויסגעקליעבען און האָט אָנגעטהאָן אן איינפאכען שווארצען מאנטעל און דעם קאָפּ צוגעדעקט מיט א גרויסע שווארצע שאַל.

דאָס איז געווען איהר גאנצע טואַלעט און אזוי איז זיא ארויס אין גאָרטען. רונד ארום איז געווען שטיל און רוהיג וויא אויף א בית עלמין, נור דיא וואסער־קוואלען פון'ם ברונען האָבען שטיל געמורמעלט אראָבפאַלענדיג אין דיא מאַרמאָר באסיינס, וואָס זיינען געווען ארומגערינגעלט מיט קונסט־פאָלע סטאטועז פון פערשיעדענע מיטהאָלאָגישע געטער.

אָלגא'ן זיינען אָבער יעצט דיעזע אלע שעהנע זאכען אין קאָפּ ניט גע־גאנגען. זיא איז ווייטער געלאָפען וויא געיאָגט פון א מחנה בייזע חיות, ביז זיא איז צום טיהר'על פון גאָרטען געקומען. דאָרט האָט זיא זיך אויף איין מאָמענט אָבגעשטעלט און האָט א פּאָאר בליק צוריק געוואָרפען אויף'ן פּראכטפאָלען פּאלאסט, אין וועלכען זיא איז ביז יעצט געווען דיא געליעבטע און געצער־טעלטע הערשערין. זיא האָט געוואוסט, אז דאָס איז צום לעצטען מאָל וואָס זיא קוקט אויף דיעזען שעהנעם רייכען פּאלאסט, וואו זיא האָט געלעבט וויא אדם און חוה האָבען, בעפאָר'ן חטא, געלעבט אין גן־עדן.

פון רייכטהום און גלאנץ צו שרעקליכע אָרימקייט. אין דעם אויגענבליק, האָט זיא געטראכט, איז זיא נאָך דיא בעריהמטע פירסטין דאשקאָוו, וואָס דיא פאָרנעהמסטע מענער און פרויען פון לאנד ליעגען ביי איהרע פיס. מיט איין וואָרט קען זיא זיך יעצט פערשאפען מיליאָנען. איהרע דיאמאנטען אליין בעטרעפען מעהר וויא טויזענדע רייכע גבירים פערמאָגען אין גאנצען — און פון אזא הויכע גדולה מוז זיא יעצט אראָפּפאלען אין טיעפען תהום פון ארמוטה און בעטלעריי.

— אָבער איך קען מיר גאָר ניט העלפען, האָט זיא געמורמעלט צו זיך אליין, יעצט איז געקומען דיא צייט, אז איך , דיא גרויסע נאָבעלע פירסטין, זאָל צוריק ווערען וויא אמאָל דיא אונבעדייטענדע פּערּאכטעטע אידישע מאָכטער אָלגא קראָנענבערג.

ביי דיעזע ווערטער איז איהר איבערגעגאנגען א שוידער איבער אלע איהרע גליעדער.

— ניין, האָט זיא ווידער גערעדט צו זיך אליין, דיא געפאלענע פירסטין דאשקאָוו איז פיעל ניעדעריגער, פיעל געמיינער און פיעל ערגער וויא דיא אמאָליגע אידישע מיידעל אָלגא. יענע האָט געהאט א פאָטער וואָס האָט זיא

היים און צארט געליעבט. איהר מיידעל־עהרע איז געווען ריין, אונבעפלעקט און איהר יוגענדליכע שעהנהייט אונבעריהרט, ווערהענד דיא געפאלענע פירסטין וועט ניט האבען קיין מקום מנוחה אויף דער גאנצער וועלט. זיא וועט ניט האבען קיין ווינקעל וואו איהר קאפ אויסצורוהען, קיין מענשליכע הארץ זאל פיהלען צו איהר א פונק מיטלייד.

— אבער גענוג טראכטען וועגען דעם, האט זיא צו זיך אליין געזאגט פעסט ענטשלאסען, וועגען זיך האב איך מעהר ניט וואס צו דענקען. אבער איך מוז ראכע נעהמען פון דעם ניעדערטרעכטיגען באנדיט און מוז אויך רעטען דיא קייזערין, וועלכע זיצט יעצט אזוי וויא אויף א וואולקאן וואס מען וויל באלד אויפרייסען. איך מוז זיא ווארנען, זאנסט איז זעהר מעגליך, אז נאך מאזיגען זאל מען פון איהר אוועקרייבען איהר טהראן און איהר קרוין.

זיא האט האסטיג דאס טיהרעל געעפענט און איז ארויס פון גארטען. צום ערשטען מאל זייט פיעלע יאהרען איז זיא דאס יעצט צופוס געגאנגען, אונבע־שיצט, גאנץ אליין דורך דיא גאסען. זיא האט זיך ניט געקימערט וואס זיא האט אלע ווייטע אויף'ן וועג אנגעטראפען פערשיעדענע שיכורים און טרעמפס, וואס האבען זיא אנגענומען אלס א "זייעריגע" און האבען זיא איינינע מאל געוואלט אבשטעלען. זיא האט זיך אום קיין זאך ניט געקימערט און איז געלאפען אהן אן אטהעם זיא זאל וואס שנעלער קומען צום ווינטער פאלאסט.

אלגא האט געוואוסט, אז דיא געהיימע קרוין זיצונגען ווערען אבגעהאלטען ניט אין דיא גרויסע רעגיערונגס זאאלען, נור אין דער קייזערין'ס ארבייטס־צימערען, וואס געפינען זיך אין ערמיטאזש. צו דיעזע צימערען האט זיא גע־האט א שליסעל. דיא גוטע קאטהערינא זעלבסט האט איהר דעם שליסעל גע־געבען. אלגא איז געווען איינע פון דיא גאנץ ווענינגע פערזאנען וואס האבען דאס רעכט געהאט צו יעדער צייט אריינצוקומען אין ערמיטאזש.

מיט א געפיהל פון געוואלטיגער פערצווייפלונג, מיט א הארץ אין שטיקער צובראכען, האט אלגא אויפגעשלאסען דאס טיהרעל פון פארק און איז מיט שנע־לע טריט געלאפען צום ערמיטאזש.

— דא, אין דיעזען פאלאסט, האט זיא צו זיך אליין געמורמעלט, האב איך געשפיעלט דיא גלענצענדסטע ראליע, און וואס וועט דא באלד פון מיר ווערען?

אין פארצימער איז איהר אנטקעגען געקומען דער דעזשורנער אפיציער און האט זיא בעגריסט מיט'ן גרעסטען רעספעקט.

— געהט נאך אן דיא קרוין־זיצונג? האט אין איילעניש אלגא געפרעגט.

— יא, האט דער אפיציער געענטפערט זיך פערנייגענדיג מיט האנאר, איהר מאיעסטעט און דיא מיטגליעדער פון גאסודארסטוועני סאוויעט זיינען אלע פערזאמעלט אין גרינעם ארבייטס זאאל. זאל איך מעלדען דעם קניאז דאש־קאוו, אז זיין פרוי איז איהם געקומען זעהן?

— ניין. איך דאנק אייך, איך וועל אליין אריינגעהן אין זאאל.

מיט דיעזע ווערטער איז זיא אליין אוועק אין נעקסטען צימער, וואו עס האט זיך געפונען דער קייזערין׳ס פּריוואט ביבליאָטהעק. דיא אויסשטאטונג פון דעם צימער איז געווען מערקווירדיג שעהן. אונגעפעהר טויזענד ביכער האָבען בעפּוצט דיא שעהנע גאָלדענע שראנקען ארום דיא וואנד. דיא מעהרס־טע ביכער זיינען געווען פראנצויזישע, פון דיא גרעסטע פראנצויזישע שריפט־שטעלער. דיא הויכגעבילדעטע קאטהערינא פלעגט אין דיעזער ביבליאָטהעק שטונדען לאנג פערברענגען.

ווען אָלגא איז אין ביבליאָטהעק אריינגעקומען, האט זיא דאָרט געפונען א וואך פון גווארדייסקע סאָלדאטען, אונטער דער קאָמאנדע פון א מאיאָר, וואָס איז ספּעציעל געשטעלט געוואָרען אכטונג צו געבען, אז דיא געהיימע קרוין־זיצונג זאָל ניט געשטערט ווערען, און קיינער זאָל ניט ערפאהרען וועגען וואָס דאָ האנדעלט זיך. אלע פערהאנדלונגען אין זאאל זיינען געפיהרט געוואָרען אין דער פראנצויזישער שפּראכע, וועלכע ניט דיא וואך און ניט דער מאיאָר האָט פערשטאנען.

ווען אָלגא איז אריינגעקומען, האט דער מאיאָר זיך אויפגעהויבען און האָט איהר מיט א גאנץ העפליכען טאָן געזאָגט:

— וואשע סיאטעלסטווא, איך מוז אייך בעטען, פירסטין, איהר זאָלט זיין אזוי גוט דיעזען צימער צו פערלאָזען. דיא קייזערין האָט געגעבען א שטרענ־גען בעפעהל, אז אין דער צייט ווען דיא קרוין־זיצונג קומט פאָר זאָל אהער קיינער ניט אריינקומען.

— מיט דיעזען בעפעהל האָט דיא קייזערין געמיינט אלע אנדערע, אָבער ניט מיך, האָט אָלגא אויסגערופען עטוואָס אויפגערעגט. פערשטעלט מיר ניט דעם וועג, מאיאָר, איך מוז גלייך אריינגעהן זעהן דיא קייזערין, איך האָב איהר א זעהר וויכטיגע זאך איבערצוגעבען.

— פערצייהעט מיר, פירסטין, אָבער —

— קיין אָבער! האָט אָלגא אויסגערופען, אוועק פון וועג! ווייסט איהר ניט ווער עס רעדט צו אייך? ווייסט איהר ניט, אז פירסטין דאשקאָוו איז גענעראל מאיאָר פון דער גווארדיע?

און עס איז ווירקליך אמת געווען דאָס וואָס זיא האָט געזאָגט. קאטהערי־נא פלעגט איהרע נאָהענטע דאמען געבען מיליטער טיטולען, גראדע וויא זיא אליין איז געווען דער גרעסטער קאָמאנדיר פון דער גאנצער רוסישע ארמעע. דיא נעמען פון דיעזע אלע טיטולירטע דאמען פלעגען געפיהרט ווערען אין א מיליטערישער ראנג ליסטע און זיא סאָלדאטען האָבען גוט געוואוסט ווער זייערע פרויען בעאמטע זיינען.

דער מאיאָר האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען וויא ער זאָל דאָ האנדלען.

פון איין זייט האָט ער געהאט א בעפעהל פון דער קייזערין אליין קיינעם ניט אריינצולאָזען, פון דער צווייטער זייט האָט ער געוואוסט, אז ער וועט געוויס שטרענג בעשטראָפט ווערען דערפאר וואָס ער פאָלגט ניט דיא פירסטין, וועלכע איז זיין גענעראל. און נאָך איידער ער האָט צייט געהאט צו בעשליסען וואָס צו טהאָן, האָט זיך אָלגא בענוצט מיט דער געלעגענהייט, איז אליין פערביי איהם ענטשלאָסען ווייטער געגאנגען, האָט געעפענט דיא טיהר און איז אריין אין גרינעם זאאל.

זיא איז געבליעבען שטעהן ביי דער טיהר אונטער א שפאניער וואנד וואָס האָט דיא טיהר פערשטעלט און האָט געהערט וויא גראדע אין דעם מאָמענט האָט דיא קייזערין גערעדט:

— און יעצט, מיינע געטרייע ראטהגעבער, דאנק איך אייך פאר אייער מיהע. איך גלויב, אז אלע וויכטיגע זאכען האָבען מיר בעשפראָכען און ריכטיגע בעשליסע זיינען אָנגענומען געוואָרען אום דיא פערשווערונג נעגען מיר גלייך אין אָנפאנג צו דערשטיקען. מיך פרייהט הערצליך וואָס קניאז דאשקאָוו האָט איבערגענומען צו היטען דיא שליסעל פון דער שליסעלבורגער פעסטונג. דאמיט זיינען מיר גוט בעזאָרגט, אז דיא פערשוועררער זאָלען דעם געפאנגענעם דאָרט ניט קענען בעפרייען. אָהן דיעזע עקסטרא קונסט שליסעל איז אונמעגליך אין געפענגניס אריינצוקומען. איוואן אנטאָנאָוויטש, וועלכען דיא פאָריגע קייזערין האָט נאָך געלאָזט איינקערקערען, וואָלט געקענט ווערען זעהר געפעהרליך פאר מיין טהראָן, ווען מען זאָל איהם בעפרייען. יעצט אָבער בין איך רוהיג. איך בין פאָלשטענדיג זיכער, אז דער פריעדען וועט אין רוסלאנד ניט געשטערט ווערען און איך האָב ניט וואָס מורא צו האָבען פיר'ן פיינד וואָס וועט שוין אלע זיינע יאָהרען בלייבען א געפאנגענער אין דער שליסעלבורגער פעסטונג.

— דער געפאנגענער פון שליסעלבורג, האָט אין דיעזען מאָמענט אויסגערופען א ציטערענדע שטימע פון הינטער דער שפאניער וואנד, יענער פיינד וועט בעפרייט ווערען נאָך איידער דיא זון וועט אויפגעהן. א פערשווערונג און א שרעקליכער פערראטה! מען וויל נאָך היינט ביי נאכט איוואן אנטאָנאָוויטש'ען ארויסנעהמען פון קערקער און איהם פיהרען פון דאָרט גלייך צום טהראָן. מאיעסטעט, גרויסע קייזערין, א שרעקליכער ווואלקאן ברענט יעצט אונטער אייער טהראָן.

קאטהערינא און איהר ליעבלינג פאָטעמקין וואָס איז נעבען איהר געזעסען, וויא אויך אלע מיטגליעדער פון'ם גאָסודארסטווענני סאָוויעט, וואָס זיינען בעשטאנען פון פיער פון דיא העכסטע גענעראלען און פינף מיניסטאָרען — זיי אלע זיינען געבליעבען זיצען וויא פערשטיינערט דערהערענדיג מיט אמאָל אזעלכע שרעקליכע ווערטער. פאָטעמקין איז אויפגעשפרונגען און האָט געכאפט זיין שווערד, אָבער קאטהערינא האָט איהם צוריקגעהאלטען. זיא אליין איז גע־

בליעבען זיצען שטאַלץ און רוהיג. אין דיעזען פערצווייפעלטען מאָמענט איז אַלגא אריינגעלאָפען אין זאאל און מיט א יאָמערליכען אויסגעשריי איז זיא אנידערגעפאלען צו דער קייזערין'ס פיס.

— מיין ווייב! האָט דער אלטער קניאז דאשקאָוו אויסגערופען ערשטוינט און איז געבליעבען זיצען אויף זיין שטוהל וויא געליימט.

— דיא פירסטין דאשקאָוו! האָבען אלע אנדערע געמורמעלט מיט דער גרעסטער ערשטוינונג, ווערענד קאטהערינא אליין האָט א פערציטערטע אויסגערופען:

— פירסטין אַלגא! דוא? וואָס זאָל דאָס בעדייטען, קניאז? איז אייער פרוי פלוצים פון זינען אראָב? וויא איז דאָס מעגליך געוועזען, אז זיא זאָל געגען מיין אויסדריקליכען בעפעהל קענען אריינקומען יעצט צו אונזער געהיימע זיצונג? אַלגא, וואָס איז מיט דיר?

— פרעג ניט, גרויסע קייזערין, האָט אַלגא אויסגערופען מיט א שרעקליך פערצווייפעלטע שטימע, פערליער קיין איבעריגע מינוט צייט, דאָס קעסטעל מיט דיא שליסעל וואָס מיין מאַן האָט מיר איבערגעגעבען צו בעהאלטען האָט מען פון מיין הויז אוועקגערויבט, א ניעדערטרעכטיגער פערשווערער האָט עס ביי מיר מיט געוואלד אוועקגענומען. אין דיעזען אויגענבליק ווערענד מיר רעדען דאָ געהט שוין א גאנצע באנדע פערשווערער אויף'ן וועג נאָך שליסעלבורג. זיי ווע‌לען דעם געפעהרליכען פיינד פון אייער מאיעסטעט בעפרייען און מאָרגען וועט עס איבער גאנץ רוסלאנד שטורמען מיט רעוואָלוציאָן. דוא מוזט שנעל אָנווענדען דיין גאנצע מאכט, גרויסע קייזערין, דוא מוזט צושמעטערען דיא פערשווערער איידער זיי האָבען נאָך בעוויעזען זייער פערדאמטען ציעל צו ערדייכען!

פון אַלגא'ס לעצטע ווערטער איז קאטהערינא טויט בלאַס געוואָרען און איז אויפגעשפרונגען א פערציטערטע.

— מען האָט ביי אייך אוועקגערויבט דיא שליסעל? האָט קאטהערינא געפרעגט שרעקליך אויפגערעגט, וויא איז דאָס מעגליך? קניאז דאשקאָוו האָט דאָך אונז געמעלדעט, אז איהר האָט דאָס קעסטעל מיט דיא שליסעל בעהאלטען ביי אייך אין שלאָף-צימער. וויא קומען פרעמדע רויבער צו אייך אין שלאָף-צימער? און איבערהויפט פערשטעהע איך ניט, וויא איז דאָס מעגליך געוועזען יעמאנד זאָל ערפאהרען וועגען דיעזער געהיימניס, וועלכע קיינער אין דער וועלט, אויסער אייך, האָט דאָך ניט געוואוסט!

אַלגא איז אויפגעשטאנען און האָט דרייסט געקוקט קאטהערינא'ן אין דיא אויגען.

— מאיעסטעט! האָט זיא אויסגערופען מיט א טאָן פון אייגען וואָס

פערפאורמהיילט זיך אליין צום טויט, איך ווייס ווער דער רויבער איז, איך קען אייך זאגען זיין נאמען.

— איז ער, וויא עס שיינט, אייערער אן אלטער בעקאנטער, האט קא־טהערינא געזאגט מיט א בייזען געלעכטער, און ס'איז זעהר מעגליך, אז אין דער צייט, ווען דער קניאז האט אייך דיא געהיימניס ערקלערט, איז אייער בעקאנטער געווען בעהאלטען ביי אייך אין שלאף צימער. גאנץ פיין פון אייער זייט, איך בין נייגעריג צו וויסען זיין נאמען און איהר, אלטער פעלד־מארשאל, האט זיך דיא קייזערין געווענדעט צום קניאז דאשקאוו מיט א בייזען בליק, אייך וועט געוויס אויך זיין זעהר אינטערעסאנט דיעזען נאמען צו ערפאהרען.

דער אלטער קניאז, וועלכער איז ביז יעצט געזעסען וויא צוזאמענגעבראכען אין זיין שטוהל, האט זיך אויפגעכאפט וויא א פערוואונדעטער טיגער און האט אויסגערופען:

— יא, דעם נאמען — איך וויל הערען דעם נאמען פון'ם גנב, וואס האט מיין קניאזען־עהרע גערויבט!

— דאס ווערט איהר באלד הערען, האט אלגא געענטפערט מיט א פעסטען ענטשלוס, אה, גאט! וואס קוקט איהר אלע אויף מיר אזוי אויפגערעגט? איך וועל אייך דא ניט דערצעהלען קיין רעגיערונגס געהיימניסע, איך וועל אייך בלויז דערצעהלען דאס געהיימניס פון א ליעבענדע פרוי, דאס געהיימניס פון א זינדערין, וואס האט בעגאנגען א פערברעכען געגען איהר עהרע און זיא מוז עס יעצט עפענטליך ענטדעקען, ווייל דאס איז איהר פליכט געגען דיא קייזערין. איך בין אין דיעזען אויגענבליק פערלארען, פערניכטעט, רואינירט, אויסגעשטויסען פון אייער קרייז. דאך וועל איך אלעס איבערטראגען אבי אונזער גוטע קייזערין צו רעטען. דער מאן, וואס איז געווען אין מיין שלאף־צימער און האט דיא שליסעל גערויבט, איז דער גאנצער פיהרער פון דיא פערשווערער, זיין נאמען איז — לייטענאנט מיראוויטש!

א מאדנע שטילקייט האט אייניגע מינוט געהערשט אין זאאל, ביז פאטעמקין האט ענדליך דאס שטילקייט געבראכען און האט אויסגערופען:

— מיראוויטש!?! ס'איז אונמעגליך. ער איז אימער געווען א גוטער קא־מעראד, א שטילער מענש, וואס האט קיינמאל א פליעג אויף דער וואנד ניט בעריהרט. ער זאל עס זיין דער פיהרער פון אזא שמוציגע, פינסטערע פער־שווערונג? ניין, איך קען עס ניט גלויבען. דא מוז עפעס זיין א טעות אדער כ'איז אין גאנצען א פאלשע בעשולדיגונג.

— גענעראל מאיאר פאטעמקין! האט אלגא געשטאמעלט מיט א ריהרענ־דע שטימע, גלויבט איהר, אז א פרוי ווערט איהר אייגענע עהרע טרעטען מיט דיא פיס אום אויף יעמאנדען א פאלשע בעשולדיגונג ארויפצווארפען? איהר ווערט זיך באלד אין אלעס איבערצייגען. איך זאג אייך, אז מיראוויטש איז דער הויפט

אַנפיהרער פון דער פערשוועדונג, און אויב עס וועלען ניט באלד אַנגענומען ווערען מיטלען זיין פּלאן צו פערהינדערען, וועט מאָרגען א צווייטער צאר אין רוסלאנד פּראָקלאַמירט ווערען.

— עס טהוט מיר זעהר וועה צו דענקען, האָט פּאָטעמקין בעמערקט, אז אן אָפיציער, וועלכען איך האָב אלס מיין פריינד בעטראכט, זאָל ווערען אזוי נידערטרעכטיג פעררעטעריש געגען זיין קייזערין, איך קען עס דאריבער ניט גלויבען —

— מיין טהייערער פריינד, האָט זיך קאטהערינא אַנגערופען ארויפלייגענ־דיג איהר האנד אויף זיין שולטער, דו מעגסט עס יא גלויבען. דו ביסט נאָך יונג, דו בעזיצסט א נאָבעלען כאראקטער, דאריבער דענקסט דו, אז אלע זיינען וויא דו — דאָך, דיא אנגעלעגענהייט איז צו ערנסט און מיר טאָרען קיין איבעריגע מינוט ניט פערלירען. גענעראל מאיאָר פּאָטעמקין, איך וועל דיר יעצט געבען דיא עהרען אויפגאבע זיך אויסצוצייכענען אין דער דיענסט צו דיין קייזערין. נעהם אונטער דיין קאָמאנדע א גאנצען רעגימענט קאָזאקען און אין איין האלבע שטונדע צייט מוזט איהר פּעטערבורג פערלאָזען. מיט דער שנעל־קייט פון א שטורם זאָלט איהר אלע מארשירען נאָך שליעסעלבורג און דאָרט ארעטירען דיא פערשווערער, און ווען עס וועט דיר געלינגען דיעזע שליחות ריכטיג דורכצופיהרען, דאן ערוואַרטעט דיך ניט נור דער דאנק פון דיין הערשע־רין, נאָר אויך דאָס גוטע בענקענדע הארץ פון א פרוי, וואָס וועט דיך ביי דיין צוריקקומען עמפּפאנגען מיט פרייד. מאך עס אלזאָ שנעל, מיין געליעבטער, און נעהם מיט אויף'ן וועג מיין הייסען וואונש, אז דו זאָלסט ווערען דער רעטער פון דיין פּאָטערלאנד און דער העלד פון דיין קייזערין.

פּאָטעמקין האָט ארויסגעכאַפּט זיין שווערד און איז דער קייזערין צו דיא פיס געפאלען. דאן האָט ער מיט א טיעפע בעגייסטערונג אויסגערופען:

— אָה, מאיעסטעט! איך בין אייך זעהר דאנקבאר פיר דיעזען אויפ־טראג. דאָס איז פאר מיר מעהר וויא אלע עהרען, וואָס איהר האָט מיר ביז יעצט צוגעטהיילט. איך האָף, אז קאטהערינא דיא גרויסע וועט לאנגע יאָהרען אויף איהר טהראָן גלענצען, און איך פערזיכער אייך, מיין קייזערין, אז זאָ לאנג וויא אלעקסאנדער פּאָטעמקין'ס אויגען זיינען אָפען, אזוי לאנג וויא זיינע הענד קענען נאָך האלטען א שווערד, וועט איהר זיין בעשיצט פון יעדען פיינד, וואָס וועט אייך שטעהען אין אייער וועג. איך קען יעצט קיין סך ניט רעדען און איך גלויב אין אלגעמיין ניט אין פיעל רעדען, איך געה שוין אייער בעפעהל צו ערפילען און איך נעהם אבשיעד מיט דיא ווערטער, וואָס פליעסען פון מיין טיעפער נשמה: עס לעבע קאטהערינא, רוסלאנד'ס גרויסע הערשערין! טויט צו דיא פערשווערער!

אין דעם מאָמענט איז ער צוריק אויפגעשפּרונגען, האָט ארייגגעשטעקט זיין

בליצענדע שווערד אין שייד, ראן האט ער גענומען קאטהערינא׳ס האנד און בע־דעקענדיג זיא מיט א פייערינגען קוש, האט ער שטיל געשטאמעלט:

— בלייב געזונד, געליעבטע! דיר געהערט מיין לעבען, מיין הארץ און מיין נשמה. ״קאטהערינא דיא איינציגע״ — דאס וועט זיין מיין געדאנק איבעראל און יעדע מינוט.

דאביי איז ער שנעל אוועק פון זאאל און קאטהערינא האט איהם נאכגע־קוקט מיט ליעבליכע בליקען.

— יעצט, מאיעסטעט, האט דער אלטער דאשקאוו אויסגערופען מיט א ציטערענדע שטימע און איז צוגעגאנגען לאנגזאם צו דער קייזערין און האט זיך אוועקגעשטעלט צווישען דער קייזערין און זיין פרוי, יעצט ווען דיא רעגיע־רונגס אנגעלעגענהייטען זיינען שוין אלע בעזארגט, בעט איך אייך, מאיעסטעט, מיר ערלויבען צו רעדען א פאאר ווערטער וועגען מיין פריוואט זאך. דא שטעהט דיא יעניגע וועלכע איז ביז איצט געווען מיין פרוי. וויא גרויס איהר פערברע־כען איז, דארף איך ניט פיעל ערקלערען. זיא האט בעשמוצט און געשענדעט א פירסטען־נאמען, וואס ווערט אין גאנץ רוסלאנד דערמאנט מיט עהרע און רעספעקט. דערמיט האט זיא פערלארען דאס רעכט זיך צו רופען מיין פרוי. זיא האט מיט איהר שמוציגע און שענדליכע אויפפיהרונג בעוויזען, אז זיא איז ניט ווערטה צו בעלאנגען צו דעם אדעל פון לאנד. איך בעט דאריבער אייער מאיעסטעט אונטערטהעניגסט מיר צו ערלויבען, אז אלגא קראנבערג זאל פון יעצט אן און ווייטער זיך ניט רעכענען אלס מיין פרוי, זאנדערן אלס מיין שקלאפין.

ביי דיא ערשטע ווערטער פון איהר מאן איז אלגא געשטאנען גאנץ רוהיג. זיא האט געוואוסט און האט ערווארטעט דעם אויסברוך פון זיין כעס. אבער בייםווארט ״שקלאפין״ איז איהר שעהנע געשטאלט דורכגעשוידערט געווארען און דעם ערשטען מאל האט זיך יעצט אויף איהר בלאסע געזיכט בעוויזען א אויסדרוק פון שרעק.

— מאיעסטעט, האט ווייטער דאשקאוו גערעדט, עס גיעבט אין רוסלאנד א געזעץ, לויט וועלכען דער הערר מעג טהון מיט זיין שקלאפין אלעס וואס ער וויל. ער מעג זיין שקלאף אדער שקלאפין אין קייטען שמיעדען, שמייסען מיט דער קנוטע און זאגאר טויטען, ווען ער געפינט עס פאר נויטיג. דיעזעס רעכט וויל איך יעצט האבען איבער אלגא קראנבערג.

דיעזע ווערטער האט דער אלטער דאשקאוו גערעדט לאנגזאם מיט דער גרויזאמקייט פון א קאלטען מערדער, פון א תלין.

אלגא האט אנגעפאנגען ציטערען מיט איהר גאנצען קערפער און מיט א ביטערען יאמער איז זיא דער קייזערין צו דיא פיס געפאלען.

— האט רחמנות, האט מיטלייד מיט מיר, גרויסע קייזערין! האט זיא גע־

קלאָגט און האָט געכאַפּט קושען קאטהערינא'ס הענד. בעפעהלט מען זאָל מיך טויטען. דאָס האָב איך פערדיענט. איך שרעק זיך ניט פאַר'ן טויט. נאָר גיעט מיך ניט איבער אין דיא הענד פון דיעזען ראבע־זוכענדען מאַן. אָה, קייזערין! גוטע פרוי! דענקט וועגען דער צייט, ווען איהר האָט מיך בע־גליקט מיט אייער ליעבע פריינדשאַפט. דענקט וועגען מיין טרייהייט אין דיעזען מאָמענט! איך האָב מיין לעבען און מיין ליעבע אויפגעאָפּפערט אום אייך צו רעטען. זייט גנעדיג, גרויסע קייזערין, רעטעט מיך פון'ם שרעקליכען אורטהייל צו דיענען אלס שקלאַפין ביי דיעזען גרויזאַמען מאַן, וועלכער פיהלט ניט דאָס מינדעסטע געפיהל פון מיטלייד מיט מיר.

— איך פערלאַנג מיין רעכט, מאַיעסטעט, האָט דאשקאָוו אויסגערופען מיט א בייזע שטימע. איך פערלאַנג, אז דאָס לעבען פון דיעזער פערדאָרבענער פרוי זאָל געהערען צו מיר. איך פערלאַנג עס אין נאָמען פון מיין פאַמיליע, וועלכע האָט לאַנגע יאָהר־הונדערטע טריי געדיענט דעם קייזערליכען טהראָן. ווען איך זאָל ניט קענען מיין עהרע ריינוואַשען מיט ראכע, דאַן בלייבט אויף עביג געשענדעט ניט נאָר מיין נאָמען, נאָר אויך דער נאָמען פון גאַנצען רוסישען אדעל.

אויף קאטהערינא'ס געזיכט איז געווען צו בעמערקען, אז דיא גאַנצע אנגע־לעגענהייט איז איהר שרעקליך ניט אַנגענעהם. זיא האָט געקוקט אויף אָלגאַ'ן מיט גרויס מיטלייד. אין דער ווירקליכקייט האָט קאטהערינא זעהר ליעב געהאַט אָלגאַ'ן פאַר איהר זעלטענע שעהנהייט און פאַר איהר שאַרפען פערשטאַנד. דיא פאָדערונג פון אלטען דאשקאָוו איז אין פאַקט געווען א פאָדערונג פון א באַנדיט. דיא קייזערין האָט זאָגאַר געוואוסט, אז ער וועט עס אויסנוצען מיט דיא ערגסטע טייפלישע גרויזאַמקייט.

דיא קייזערין האָט זאָגאַר געוואוסט, אז דאשקאָוו'ס פאַמילע איז פערבונ־דען מיט דער גרעסטער און מעכטיגסטער פּאַרטיי אין רוסלאַנד און אז אויב זיא וועט זיין וואונש ניט ערפילען, וועט דער העכסטער אדעל דאָס ווירקליך אָננעה־מען אלס א פּערזענליכע בעליידיגונג. פון דעסטוועגען האָט זיא זיך דארויף ניט געקענט ענטשליסען.

— קניאז דאשקאָוו, האָט קאטהערינא אויסגערופען נאָכדעם וויא זיא האָט אלעם אויסגעהערט און גוט נאָכגעדענקט וויא זיא זאָל אין דיעזער אנגעלעגענ־הייט האַנדלען. אייער וואונש, קניאז, איז מיר אונמעגליך צו ערפילען. מיין אידעע אין לעבען איז צו מאַכען פון שקלאַפען פרייע מענשען, אָבער ניט צו נעהמען א פרייע פּערזאָן און פערוואַנדלען אין א שקלאַף. דאָך, דיא אונגליק־ליכע האָט געזינדיגט און זיא מוז בעשטראָפט ווערען. איך ערקלער דאריבער מיט מיין קייזערליכער מאַכט, אז פירסטין אָלגא דאשקאָוו פערליערט פון יעצט אָן אלע איהרע טיטולען און ראַנגס. נאָר אייער פרוי פערבלייבט זיא פון דעסט־

וועגען, אייער פרוי, אייער אייגענטהום און איהר מעגט זיא בעהאנדלען וויא איהר ווילט, קיין קלאגען פון איהר געגען אייך וועלען ניט אָנגענומען ווערען.

אָלגא האט ארויסגעלאָזט א שרעקליכען אויסגעשריי, וויא א פערוואונדעטע לייבין איז זיא אנידערגעפאלען צו דער ערד און האט אויסגערופען מיט א שרעקליך ריהרענדע שטימע:

— אָה, קייזערין! דיעזער אורטהייל איז נאָך ערגער וויא דער טויט. איך בין פערלאָרען, אויף עביג פערלאָרען!

דער אלטער קניאז האט זיך פערנייגט העפליך צו דאנקען דער קייזערין. ער האט געוואָלט איהר האנד קושען, אָבער זיא האט דיא האנד צוריקגעצויגען.

— אויך דערפאר דאנק איך אייך, האט ער געזאָגט מיט א טייפלישע פרייד, איך בין צופרידען מיט אייער קייזערליכען אורטהייל. אייער מאיעסטעט האט דאמיט געצייגט, אז איהר שעצט דיא אדעל פאמיליען, דיא נאָבעל פון לאנד און אז אייער גערעכטיגקייט איז גרויס און ערהאבען.

דאמיט האט זיך דיא קרוין־זיצונג געענדיגט און קאטהערינא האט געשלאָסען דיא פערזאמלונג מיט פאָלגענדע ווערטער:

— איך ערקלער דיעזע קרוין־זיצונג געשלאָסען. מיר האָבען בייגעוואָהנט זעהר אן אונאנגענעהמע סצענע. דערפאר וועלען מיר מאָרגען זיין פרעהליכער. איך האָף, אז מאָרגען וועט גענעראל מאיאָר פאָטעמקין צוריקקומען מיט א גוטע בשורה, אז ער האט אלעס אין פאָלשטענדיגער אָרדנונג געבראכט. איך דאנק אייך, מיינע העררען, פיר אייער טרייהייט צו אונזער טהראָן.

אלע מיטגליעדער פון קרוין־ראטה האָבען זיך טיעף פערנייגט פאר דער הערשערין, וועהרענד זיא איז מאיעסטעטיש פון שטוהל אויפגעשטאנען פון זאאל ארויסצוגעהן, אָבער אין דעם אויגענבליק האט אָלגא אָנגעכאפט דער קייזערין׳ס קלייד און האט מיט א הערצרייסענדען יאמער אויסגערופען:

— נאָך איין וואָרט! איין־איינציגעס וואָרט! איך פערלאנג קיין גנאדע, קיינע טובות, קיין מיטלייד מיט מיר — נאָר — נאָר איין זאך בעט איך: מיראָוויטש האט מיין קינד גערויבט. ער האט דאס וואהרשיינליך געטהאָן אלס א מיטעל, איך זאָל איהם ניט פערראטהען. קייזערין, ליעבע קייזערין! ערלויבט מיר נאָר איין־איינציגען מאָל מיט איהם צו רעדען. איך וויל איהם בעטען, ער זאָל מיר אויסזאָגען וואו ער האט מיין קינד אהינגעטהאָן. אָה, מאיעסטעט, האט רחמנות! דיעזע איינציגע גנאדע —

— שווייג שטיל, דו אויסגעלאסענע פרוי! האט דאשקאָוו געדונערט. דיין ממזר וועל איך שוין אויפזוכען און בעזאָרגען!

מיט דיעזע ווערטער האט דער אלטער מיט א בייזקייט פון א צורייצטען טיגער א שלעפּ געטהאָן דיא אונגליקליכע אָלגא און האט איהר דערלאנגט אזא

שטארקען שטויס מיט זיין פוס, אז זיא איז אנידערגעפאלען צו דער ערד. קאטהע־רינא איז האסטיג ארויס פון צימער און נאך איהר אלע מיטגליעדער פון גא־סודארסטווענני סאוויעט, מיט א שרעקליכען אויפרעגונג אויף'ן אלטען אונ־מענש. קיינער האט אפילו אויף איהם קיין קוק ניט געוואלט טהאן און קיינער האט זיך מיט איהם ניט געזעגענט זאגאר.

— סאלדאטען! האט דער אלטער אויסגערופען, ווען ער איז געבליבען אליין מיט זיין אפפער. שלעפט אוועק דיעזע פרוי אין מיין פאלאסט און זעהט זיא זאל אויף'ן וועג ניט אנטלויפען. איך האלט אייך דאפיר שטרענג פער־אנטווארטליך.

מיט דיעזע ווערטער האט ער ארויפגעווארפען אויף זיך זיין מיליטערישען מאנטעל און איז ארויסגעגאנגען. אבער דיא אונגליקליכע אלגא האט שוין ניט געהערט זיינע ווערטער, זיא איז געלעגען אויף דער ערד בעוואוסטלאז.

10טער קאפיטעל

בעפרייט א טויטען.

איינגעהילט אין זיין מאנטעל איז לייטענאנט מייראוויטש מיט'ן געדויב־טען קעסטעל אונטער'ן ארעם שנעל געלאפען דורך דיא דונקעלע נאכט־שטילע גאסען פון פעטערבורג, ביז ער איז ענדליך געקומען אין א פארשטאדט און האט זיך אבגעשטעלט ביי א הויז, וואו עס איז געהאנגען א שילד פון א בעקער. מיראוויטש האט אנגעקלאפט דריי מאל אין א פערשלאסענעם לאדען און האט געגעבען א געוויסען סיגנאל. דאן האט זיך דער לאדען עטוואס געעפענט און א זאנפטע שטימע האט געפרעגט גאנץ שטיל:

— ווער איז דארט?

— דער קובען איז פערטיג.

באלד וויא מיראוויטש האט דיעזע ווערטער אויסגעשפראכען, האט זיך דער לאדען האסטיג אראבגעלאזט. גלייך האט זיך דיא טיהר געעפענט און מי־ראוויטש איז אריינגעקומען אין א לאנגען פינסטערען קארידאר.

— אלע מיטגליעדער זיינען שוין פערזאמעלט, האט דעם בעקער'ס פרוי געהיטזאם געזאגט און האט צוריק דיא טהיר פערשלאסען. זאל איך אייך בעגלייטען?

— איך דאנק אייך, מאדאם ריזאן, האט מיראוויטש געענטפערט, בעמיהט אייך ניט. איך ווייס אליין גוט דעם וועג.

מיראוויטש איז שנעל ארויסגעגאנגען אין הויף, וועלכער איז געווען פול אנגעשטעלט מיט פעסער מעהל, מיט וועגען, זעק, האלץ און אנדערע אזעלכע זאכען וואס מען געברויכט אין א גרויסע בעקעריי.

מיראוויטש האט איינע פון דיא מעהל־פעסער אבגעשטופט און אונטער

דעם פאס האָבען זיך בעוויזען טרעפּ צו א קעלער. ס'איז אפילו געווען שטארק פינסטער, אָבער מיראָוויטש איז שוין גוט בעקאנט געווען מיט'ן וועג און איז שנעל ארונטער.

— שטעה! האָט אויסגערופען א קרעפטיגע שטימע. וואָס זוכסט דו דאָ? און ווער ביסט דו?

— איך זוך פרייהייט און בין דער זוהן פון גערעכטיגקייט, האָט מיראָוויטש געענטפערט.

— אָה, מיראָוויטש — ענדליך! האָט אויסגערופען דער רעוואָלוציאָנער וואָס איז אויפ'ן וואך געשטאנען און האָט אָנגענומען מיראָוויטש'ען ביי דער האנד. קום, אונזערע קאמעראדען ווארטען אויף דיר. וואו ביסט דו אזוי לאנג געווען?

— איך האָב אויפגעטהאָן א זעהר וויכטיגע זאך, מיין ליעבער גראבאָווסקי, האָט מיראָוויטש געענטפערט. קום צו דער פערזאמלונג, וועסט דו עטוואָס אינטערעסאנטעס ערפאהרען.

זיי זיינען דאן אוועק אין דער אנדער אבטהיילונג פון קעלער. דיעזע אבטהיילונג איז געווען פערמאכט מיט א דיקע הילצערנע טהיר, בעשלאָגען מיט שווערע אייזערנע שטאכעטען. ס'איז געווען א גרויסער צימער וואו עס זיינען געזעסען א צוואנציג מאן ארום א טיש צוזאמענגעשטעלט פון דריי ברעטער. צווישען דיא פערזאמעלטע זיינען געווען איניגע אָפיציערען און איינער איז זאָגאר געווען אן אויבער־אָפיציער, א געוויסער בראנקאָוו, קאָמאנדיר פון אן ארטילערייסקי רעגימענט. איניגע זיינען געווען ארבייטער און איניגע סוחרים. זיי אלע זיינען געווען רעוואָלוציאָנערען און האָבען געמאכט דיא פערשווערונג אם מעהרסטען צוליעב דעם, ווייל זיי זיינען ניט געווען צופריעדען מיט קאטהערינא'ס רעגיערונג, וועלכע זיא האָט געפיהרט ניט נאָך'ן אלטען רוסישען גייסט.

איניגע מינוטען פריהער איידער מיראָוויטש און גראבאָווסקי זיינען אריינגעקומען האָט דער פּאָרזיצענדער פון דער פערזאמלונג, דער אלטער פעטער וואָראָנצאָוו, געהאלטען א רעדע, וועלכע ער האָט געענדיגט מיט פאָלגענדע ווערטער:

— מיינע פריינדע! איהר האָט אלע געזעהן דעם פּלאן פון דער שליסעלבורגער פעסטונג, אזוי אז איהר וועט דאָרט קענען אפילו אין דער פינסטער אָנטאפּען און וויסען וואו עפּעס צו געפינען. בלויז איין שוועריגקייט איז נאָך דאָ אונזער פּלאן ריכטיג דורכצופיהרען. וויא איהר ווייסט, איז דער אונגליקליכער צאר איוואן אנטאָנאָוויטש דאָרט איינגעשפּארט אין א טיעפען קעלער. דיא טהיר פון'ם קעלער איז געשמידט פון זיבען פּאכען אייזען אזוי שטארק, אז מען קען זיא זאָגאר מיט קיין קאנאָנע ניט צושמעטערען און דעם שלאָס קאָן מען

מאכט א זעלטענער קינסטלער, וועלכען דיא פערדאמטע קייזערין האט עקסטרא צו דיעזען צוועק ארױבגעבראכט פון פאריז. און נאכדעם, ווען מען איז שוין מיט דער טיהר פערטיג און מען געהט אראב אונטען דיא טרעפ, איז דא נאך אזא טהיר מיט נאך אזא שלאס. ס'איז דאריבער אונמעגליך דיא געפענגניס צו עפענען, ניט מיט געוואלט און ניט מיט אירגענד וועלכע נאכשליסעל. פון דיא ריכטיגע שליסעל צוביידע טהירען געפינען זיך צוויי פאאר, איין פאאר ביים קאמאנדיר פון שליסעלבורג, גענעראל בארשיק, אדער ריכטיגער געזאגט ביי דיא אפיצירען פון דער וואך, וואס געפינט זיך מיט'ן געפאנגענעם אין קערקער. יענע שליסעל וועט אלזא ניט זיין מעגליך צו בעקומען. דיא אנדערע פאאר שליסעל געפינען זיך ביי גראף ארלאוו אין הויז. וויא איך איז בעקאנט, האט קאטהערינא איהם אוועקגעשיקט צו קעמפפען געגען דיא טאטארען, ווייל זיא האט זיך שוין יעצט געפונען אן אנדער געליעבטען, דעם לייטענאנט פאטעמקין. איהם האט זיא שוין געכאפט און געמאכט פאר א גענעראל מאיאר און פאר איינעם פון דיא רייכסטע מאגנאטען אין לאנד.

— ניעדער מיט קאטהערינא! ניעדער מיט פאטעמקין! האבען דיא פערשווערער אויסגערופען.

— יא, ניעדער מיט זיי! האט וואראנצאוו אויסגעשריען מיט א פערשטיקטע שטימע, שרעקליך אויפגערעגט. אבער וואס איך האב אייך יעצט געוואלט זאגען, מיינע פריינדע, איז פאלגענדעס: אזוי וויא ארלאוו איז יעצט ניטא צו הויז, וואלט זעהר מעגליך געווען אהין אריינצוקומען און ארויסקריגען דארט דיא שליסעל פון דיא צוויי טהירען. זאגאר מיט געוואלט, ווען דאס זאל נויטיג זיין, וועט מען עס מוזען טהון. איך וואלט דאריבער וועלען ביי אייך פרעגען, קאמעראדען, ווער פון אייך וויל זיך אונטערנעהמען דיעזע וויכטיגע אויפגאבע אויסצופיהרען?

כמעט אלע האבען זייערע הענד געהויבען אלס צייכען, אז זיי זיינען דאצו בעריימ, אבער אין דעם זעלבען מאמענט האט זיך דערהערט א פעסטע קלינגענדע שטימע:

— דאס איז שוין יעצט ניט נויטיג. דיא שליסעל געפינען זיך שוין ניט מעהר ביי ארלאוו'ען.

— מיראוויטש! האבען דיא פערזאמעלטע אויסגערופען איבערראשט.

— יא, דאס בין איך, מיינע ברידער, האט דער יונגער לייטענאנט געזאגט און איז צוגעגאנגען נעהענטער צום טיש. איך ברענג אייך יעצט זעהר א וויכטיגע נאכריכט: איהר זאלט וויסען, אז דיעזע נאכט ווערט אבגעהאלטען א געהיימע קרוין־זיצונג אין ווינטער־פאלאסט און אויף'ן בעפעהל פון דער קייזערין האט מען שוין דיא שליסעל אוועקגענומען פון ארלאוו'ס פייער־קאסע. מען האט זיי איבערגעגעבען צו אן אנדער פערטרויטען מאן, און, מיינע פריינדע,

איהר מוזט אויך וויסען, אז מיר זיינען פערראטהען. קאטהערינא האָט אלעם ערפאהרען. זיא ווייסט פון אונזער פערשווערונג און עס איז זעהר מעגליך, אז מאָרגען נאָך װעלען שוין קאטהערינא׳ס הענקער בעפאלען אייערע וואָהנונגען און מען וועט אייך ארעטירען און מיט אייך א קורצען פראָצעס מאכען. יא, איך האָב זעהר מורא, אז מען וועט אונז שלעפען באלד צום בלוטיגען עשאפאָט און דער אונגליקליכער איוואן אנטאָנאָוויטש וועט דאן זיין אויף אייביג פערלאָרען.

— פערראט! פערראט! האָבען אייניגע שטימען געדונערט, דיא וואָפען אהער! מיר ווילען פאלען אין אָפענעם קאמפף! ארויס אין דיא גאסען און לאָמיר פראָקלאמירען אן אָפענע רעוואָלוציאָן!

דיא יונגערע פון דיא פערשווערער האָבען געכאפט זייערע רעוואָלווערען און האָבען זיך אָנגעפאנגען צו שטופען צו דער טיהר. אָבער מיראָוויטש האָט זיך זיי אנטקעגען געשטעלט און האָט אויסגעשטרעקט זיין האנד און מיט א בעפעהלענדען טאָן אויסגערופען:

— צוריק! נעהט זעצט זיך צוריק אויף אייערע פלעצער! מיט דיעזען וואהנזיניגען שריט קענט איהר נאָך אלעם פערדארבען. דערווייל האָט נאָך קאטהערינא קיין זאך ניט אויסגעפיהרט און זיא וועט געגען אונז אויך ניט אויספיהרען. אלעס מוז צוגעהן לאנגזאם און מיט גרויס איבערלייגונג. איך האָב אין מיינע הענד א מיטעל, אז נאָך דיעזע נאכט זאָל זיא אראָבגעשליידערט ווערען פון איהר טהראָן און איהר, מיינע ברידער, קענט עס דורכפיהרען, אז צאר איוואן אנטאָנאָוויטש זאָל דעם נעקסטען פריהמאָרגען בעגריסען דיא אויפגעהענדע זון אלס א פרייער מאן.

א טויטע שטילקייט איז געוואָרען אין פערזאמלונגס צימער. אלע אויגען האָבען מיט גרויס איבערראשונג געקוקט אויף מיראָוויטש׳ען, וועהרענד ער האָט ארויסגענומען פון אונטער זיין מאנטעל א קעסטעלע און האָט עס אלעמען געצייגט.

— איהר זעהט, מיינע ברידער, האָט ער אויסגערופען, אין דיעזען קעסטעל געפינט זיך דאָס וואָס מיר האָבען אפילו ניט געקענט טרוימען אמאָל צו בעקומען — דיא שליסעל פון דער שליסעלבורג געפענגניס. פרעגט ניט, מיינע ברידער, וויא אזוי איך האָב דאָס קעסטעל מיט דיא שליסעל בעקומען. דארויף וועל איך אייך קיין ערקלערונג ניט געבען, ווייל דאָס וואָלט אָנגעגריפען דעם האָנאָר און דיא עהרע פון א צווייטע פערזאָן. פרעגט איבערהויפט יעצט גאָר ניט. מאכט ניט קיין שאלות און פערלירט ניט קיין צייט. יעדע מינוט איז יעצט טהייער און מיר מוזען גלייך אָנפאנגען אונזער ארבייט. דיא שענדליכע פרוי קאטהערינא טאָר מעהר דיא קייזערין פון רוסלאנד ניט זיין און איהר

פלאץ דארף און מוז בעטרעטען דער אמת ריכטיגער צאר, וועלכער ליגט יעצט אין קערקער א געפאנגענער.

א סצענע פון אונבעשרייבליכער בעגייסטערונג האט אויסגעבראכען צווי־שען אלע אנוועזענדע. יעדער איינער פון דיא קאמעראדען האט זיך געשטופט צו מיראוויטש'ען און האט איהם זיין האנד געדריקט און אלע האבען איהם בע־גריסט מיט פרייד אלס דער רעטער פון זייער גאנצע אונטערנעהמונג.

— עס לעבע מיראוויטש! האבען אלע אויסגערופען מיט בעגייסטערונג. ניעדער מיט דער טיראנישער שענדליכער קייזערין! הוררא פאר דעם מארגע־דיגען צאר איוואן אנטאנאוויטש!

אין דעם מאמענט פון העכסטע בעגייסטערונג איז מיראוויטש צוגעגאנגען צום אנדערען עק טיש און אוועקשטעלענדיג דאס קעסטעלע מיט דיא שליסעל פאר וואראנצאוו'ען האט ער צו איהם געזאגט:

— עהרענווירדיגער גרייז! דו ביסט דער אנפיהרער פון אונזער געהיימע געזעלשאפט און ס'איז מעהר ניט וויא רעכט, אז דו זאלסט האבען דעם האנאר צום ערשטען דאס קעסטעל צו עפענען און דו זאלסט צונעהמען דיא שליסעל, אין וועלכע עס איז אבהענגיג ניט נאר אונזער לעבען, נאר אויך דיא צוקונפט פון גאנץ רוסלאנד און דער שיקזאל פון אונזער אונגליקליכען צאר. דו וועסט נאך דיעזע נאכט עפענען דעם פראנצויזישען קונסט שלאס און דאמיט וועט זיך אנפאנגען א נייע פעריאדע אין דער היסטאריע פון אונזער לאנד. דא איז א האק, צערברעך דאס קעסטעל.

דאביי האט מיראוויטש דערלאנגט דעם אלטען וואראנצאוו'ען א האק, ווא־ראנצאוו האט דיא האק אויפגעהויבען און האט אויסגערופען מיט א ריהרענדע שטימע:

— אזוי וויא דאס קעסטעל, אזוי זאל אויך קאטהערינא'ס טהראן צו־שמעטערט ווערען, דער טהראן, וועלכען זיא האט גערויבט דורך שקר און שווינדעל.

א קראך, און דאס קעסטעל איז פונאנדערגעפאלען און צוויי גרויסע קונסט־פאלע שליסעל האבען זיך געצייגט פאר דיא אויגען פון דיא פערשווערער. וואראנצאוו האט גענומען דיא שליסעל צו זיך און האט זיך געווענדעט צום הויז־ווירטה מיט דער פראגע:

— ברודער ריזאן, זיינען דיא פערד פארבערייטעט?

— זיי שטעהען ביי מיר אין שטאהל, האט דער בעקער געענטפערט. שוין מאנאטען לאנג אז מיר האדוועץ זיי און ארבייטען מיט זיי ניט און זיי זיינען קרעפטיג גענוג. איך גאראנטיר איך, אז אין צייט פון דריי שטונדען וועלען מיר זיין אין שליסעלבורג.

— יעצט נאך איין ווארט, האט מיראוויטש אויסגערופען, שטעלט זיך

דאָ ארום מיר, ווידער אמאָל שווערען צו אונזער בונד. לאָמיר שווערען, אז מיר וועלען דיעזע נאכט האלטען טריי צוזאמען, סאי עס וועט זיך ענדיגען פאר אונז אלע מיט טויט און פערדערבען און סאי מיר וועלען צו אונזער ציעל קומען. לאָמיר שווערען, אז מיר וועלען שטארבען וויא מענער, אין פאל אונזער אונטערנעהמונג וועט אונז ניט געלינגען, און אז קיינער פון אונז וועט דעם אנדערען ניט פערראטהען. איך אליין שווער דער ערשטער ביי מיין עהרע, ביי אלעם וואָס ביי מיר איז הייליג און טהייער!

— און איך, האָט וואָראָנצאָוו אויסגערופען, שווער ביי דער בלוטיגער שנאה וואָס איך פיהל צו דער מערדערין קאטהערינא!

— מיר שווערען, מיר שווערען אלע! האָבען דיא פערזאמעלטע אויסגערופען און האָבען אלע זייערע הענד אויפגעהויבען.

— און יעצט, נעהמט זיך צו דיא וואפען! האָט מיראָוויטש בעפעהלען, מאכט זיך אלע פערטיג צו דער רייזע!

אין אייניגע מינוט האָבען דיא פערשווערער זיך בעוואפענט מיט שווערדען, פיסטאָלעטען און שפּיעזען. ריזאן האָט אויפגעבראָכען א פאס פון וואנען יעדער האָט ארויסגענומען און אָנגעטהאָן א שווארצען מאנטעל מיט א שווארצע ברייטע הוט. צולעצט האָט ריזאן ארויסגענומען א שווארצע פאָהן, אויף וועלכער ס'איז געוועזן אויסגענייהט מיט בלוט־רויטע בוכשטאבען:

"טויט און פערדערבען צו דער מערדערין קאטהערינא דיא גרויסע! עס לעבע איוואן אנטאָנאָוויטש, דער אמת'ער צאר, דער זוהן פון רוריק".

איינער נאָכ'ן אנדערען האָבען דיא רעוואָלוציאָנערען שטיל פערלאָזען דעם קעלער. דער דיענער האָט געעפענט א קליינע הינטער־טיהרעל און זיי זיינען ארויס אויף א ליידיגען פלאץ. א פינף מינוטען שפּעטער האָט ריזאן מיט א פּאָאר אנדערע גענאָסען ארויסגעפיהרט אויף דיעזען לעהרען פלאץ דיא פערד געזאָטעלט און געצוימט. דיא רעוואָלוציאָנערען זיינען דאן אלע ארויף אויף דיא פערד און דיא פּראָצעסיאָן פון האס און ראכע האָט זיך אָנגעפאנגען צו בעוועגען — מארש נאָך שליסעלבורג!

מיראָוויטש, בראנקאָוו און פעטער וואָראָנצאָוו זיינען געפאָהרען אין פּאָראויס און נאָך זיי האָבען גאלאָפּירט אלע רעוואָלוציאָנערען פערביי דעם ברעג פון'ם טייך נעוואַ.

דיא נאכט איז געוועזען א פינסטערע. גרויסע וואָלקענס האָבען בעדעקט דיא לבנה. קיין שטערן האָט ניט אראָבגעשיינט פון הימעל. אָבער דער פיהרער פון דער עקספּעדיציע, בראָנקאָוו, איז געוועזען מיט'ן וועג גוט בעקאנט און ער איז געלאָפען מיט זיין ספּריטני פערד שנעל און אונגעשטערט און אלע נאָך איהם; עס האָט בלויז גענומען א פּאָאר שטונדען צייט און זיי זיינען אָנגעקומען אין דער געגענד נאָהענט צו שליסעלבורג.

דיא שליסעלבורגער פעסטונג שטעהט אויף אן אינזעל פון דער נעווא. ארומגערינגעלט רונד ארום מיט וואסער. קיין שיפעל טאָר ניט צוקומען צו דער פעסטונג נעהענטער וויא טויזענד שריט. דארויף ניט אכטונג א וואך, וואָס שטעהט אימער אין טהורם פון דער פעסטונג. בלויז איין שיפעל פון דער רעגיערונג פלעגט אימער פיהרען דיא נויטיגע סאָלדאטען פון דער פעסטונג און צו דער פעסטונג. דיעזע שיפעל איז שטענדיג געווען צוגעשלאָסען אויף אן אייזערנע קייט, ניט ביי דער פעסטונג, נאָר ביים אנדערען ברעג פון לאנד און זאָגאר ביים צוגעשלאָסענעם שיפעל איז אימער געשטאנען א סאָלדאט אויף'ן וואך.

ווען דיא רייטער זיינען צוגעקומען אן ערך פון א הונדערט שריט ווייט פון'ם פלאץ, וואו דאָס שיפעל איז געווען צוגעשמידט, זיינען זיי אלע אראָב פון דיא פערד, און נאָכדעם וויא זיי האָבען צוגעבונדען דיא פערד צו דיא ביימער, האָט זיך דער בעקער ריזאן מיט נאָך א גענאָסע אָבגעשטעלט היטען דיא פערד און דיא איבעריגע זיינען גאנץ שטיל געגאנגען ווייטער.

דער סאָלדאט ביים שיפעל איז געזעסען אויף אן אָבגעהאקטען בוים און האָט געראויכערט א סיגארעט. מיט א מאָל האָט ער דערהערט א פערדעכטיגען גערויש. ער האָט געכאפט זיין ביקס און האָט געוואָלט אויסשיסען, אָבער אין דעם זעלבען מאָמענט האָט מען איהם געגעבען א זעץ אין קאָפּ מיט א שווערען שטיק אייזען, דער שארבען איז איהם אויף צווייען צושפּאָלטען געוואָרען און ער איז אויגענבליקליך געפאלען טויט. ער האָט זאָגאר ניט אוספּייעט א געשריי צו טהאָן.

דיעזען מאָרד האָט בעגאנגען גראָבאָווסקי, דער זעלבער וואָס איז אין קעלער אויף'ן וואך געשטאנען. יעצט איז ער געגאנגען פאָראויס צוזאמען מיט מיראָ־וויטש'ען. באלד האָבען זיי דאָס שיפעל אָבגעריסען און אלע האָבען זיך אריינ־געזעצט צו מאכען דיא רייזע דירעקט צו דער פעסטונג. מיראָוויטש און וואָ־ראָנצאָוו האָבען בעטראכט גענוי דעם טהורם פון דער פעסטונג, וואו עס פלעגט זאָנסט יעדע נאכט ברענען א רויטער פייער, אָבער יעצט איז דאָרט אלעס געווען שווארץ און פינסטער.

— מאטושקין האלט וואָרט, האָט מיראָוויטש געזאָגט צו וואָראָנצאָוו'ען מיט א צופריעדענעם שמייכעל, ער האָט מיר פערשפּראָכען פיר א מאָנאט נאָכ־אנאנד ניט אָנצוצינדען קיין פייער אין טהורם. מאטושקין איז א קאָלעגע, אויף וועלכען מען קען זיך פערלאָזען. ער וועט אונז אויך אריינלאָזען אין פעס־טונג אזוי שנעל וויא מיר וועלען אהין קומען.

וואָראָנצאָוו האָט זאָגאר ריכטיג ניט געהערט וואָס מיראָוויטש האָט צו איהם גערעדט. ער איז געווען שרעקליך צוטראָגען.

— מיין פריינד, האָט ער אויסגערופען, דיא לעצטע מינוט איז נאָהענט.

נאך איין פיערטעל שטונדע און מיר וועלען וויסען, אויב אונזער היילינע אר־בייט איז געענדיגט מיט ערפאלג אדער מיר וועלען אלע מוזען געהן ענדיגען אונזער לעבען אויפ'ן בלוטיגען עשאפאט.

ביי דיעזע ווערטער איז צוגעקומען צו זיי בראנקאוו און דער אלטער וואַ־ראנצאוו האט פארטגעזעצט:

— איהר ווייסט, מיינע פריינדע, אז איך ארבייט מיט לייב און זעעלע פאר אונזער נאבעלע אידעע און איך וואלט פאר מיין ארבייט פערלאנגען פון אייך א קליינע בעלאהנונג, דאס הייסט, אין פאל ווען מיר וועלען זיעגען.

— א בעלאהנונג? האט זיך מיראוויטש געוואונדערט, געוויס זאלסט דוא עס האבען, אלטער, און ווען דוא וועסט אפילו פערלאנגען צו ווערען דער צאר, איך שווער דיר —

— ניין, ניין, מיראוויטש, דוא האסט א טעות, האט איהם דער אלטער אונטערבראכען. איך לויף ניט נאך עהרע, איך זוך ניט קיין עמטער. איך האב שוין באלד מיין וועלט דורכגעמאכט. איך פאהר שוין פון'ם יריד. דאס איינציגע, וואס איך וויל נאך זעהן אין לעבען, איז נור דיא מפלה פון קאטהערינא דיא מערדערין — דאס אלעס. אבער איך רעד וועגען א גאנץ אנדער זאך. אבוואהל יעצט איז ניט דיא צייט צו רעדען פון פערזענליכע אנגעלעגענהייטען, דאך וויל איך אייך אזוי פיעל זאגען: אז איך האב דיעזע טעג פערלארען דעם איינציגען שאטץ וואס איז מיר נאך געבליבען אויף דער וועלט — מיין אייניקעל עליזאבעט. זיא איז פערשוואונדען, וויא אין וואסער אריין און עס איז ביי מיר קיין צוויי־פעל ניט, אז אויך אין דעם איז שולדיג דיא זעלבע קאטהערינא, וואס האט מיין טאכטער, עליזאבעט'ס מוטער צום טויט געטריבען.

— אלעס דיא פערדאמטע קאטהערינא, האט בראנקאוו מיטגעהאלפען, אה, ס'איז שוין צייט מיר זאלען זיך מיט איהר אברעכענען!

— מיין עליזאבעט, האט דער אלטער וואראנצאוו פארטגעזעצט מיט א שווערען זיפץ, איז געוועזען פערלאבט מיט לייטענאנט פאטעמקין, וועלכער איז יעצט געווארען דער גאנצער מאכער ביי קאטהערינא'ן אין הויף. מיין עליזאבעט האט דיעזען מאן געליעבט מיט'ן גאנצען פייער פון איהר ריינע יונגע נשמה. און ער — ער האט איהר אויך געשווארען ליעבע און טרייהייט פיר אימער און עביג. דאס איז געוועזען מיט א פיער מאנאטען צוריק, דעם לעצטען ניי־יאהר'ס אבענד. דאן האט ער איהר אנגעטהאן אויפ'ן פינגער א פערלאבונגס רינג און יעצט —

דער אלטער האט ניט געקענט ענדיגען זיינע ווערטער. דיא פויסטען האַ־בען זיך ביי איהם צוזאמענגעקרעמפפט און א מערקווירדיגער פייער פון האס האט זיך אין זיינע אויגען צוברענט; מיראוויטש האט ארויפגעלייגט אויף'ן אלטען זיין האנד און האט מיט א טרויעריגען טאן געזאגט:

— מיין אָרימער פריינד, דער שיקזאַל פון דיין שעהנער עליזאבעט איז ווירקליך זעהר צו בעדויערען. פּאַטעמקין האָט געגען איהר זעהר שלעכט גע־האנדעלט. ער האָט זיך שענדליך פערקויפט צו דער קייזערין פאר גאָלד און טיטולען. רייכטהום שטעהט ביי איהם העכער פון עהרע. דאָך איז דאָס מיר אונמעגליך צו בעגרייפען. איך האָב פּאַטעמקין'ען געאַכטעט און געשעצט וויא אַן אייגענעם ברודער. איך האָב פון איהם אַזוי פיעל געהאַלטען און האָב צו איהם אַזוי פיעל צוטרויען געהאַט, אַז איך האָב זאָגאַר שוין אַמאָל געוואָלט אונזער געהיימניס איהם דערצעהלען און איהם פאַרשלאָגען ער זאָל זיך אַנ־שליסען אין אונזער געזעלשאַפט. יעצט זעה איך, אַז ס'איז געווען אַ גליק וואָס איך האָב זיך דאַן צוריקגעהאַלטען.

— אָבער דוא האָסט דאָך אונז געוואָלט עטוואָס זאָגען, ברודער וואַ־ראַנצאָוו, האָט בראַנקאָוו זיך געווענדעט צום אַלטען גרייז. אין וואָס בע־שטעהט אייגענטליך דיא בעלאָהנונג, וואָס דוא פערלאַנגסט פון אונז אין פאַל מיר וועלען זיעגען?

— איך וויל, אַז דיעזען פּאַטעמקין'ען זאָלט איהר מיר איבערגעבען. ווען אונזער הייליגע אונטערנעהמונג וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג, וויל איך פּאַטעמקין זאָל אריינקומען צו מיר אין דיא הענד. נעהמט אייך קאטהערינא'ן, טהוט מיט איהר וואָס איהר ווילט, מיר אָבער לאָזט איבער איהר געליעבטען, דעם אלעקסאנדער פּאַטעמקין, איך זאָל זיך מיט איהם אָברעכענען אונטער פיער אויגען.

— אלעקסאנדער פּאַטעמקין געהערט צו דיר, האָט מיראָוויטש אויסגע־רופען און דעם אַלטען דיא האנד געגרייכט. דוא וועסט מיט איהם קענען טהאָן וויא ער האָט פערדיענט. קיין גנאַדע פיר אַזא פערדאָרבענעם מענשען.

אין דעם מאָמענט איז דיא שיף צוגעקומען צום ברעג. מיראָוויטש איז דער ערשטער ארויסגעשפרונגען, נאָך איהם אַלע אַנדערע.

אין דער פעסטונג האָט זיך געפונען אַן אָפיציער מיט'ן נאָמען מאַטוש־קין. דער מאַן האָט פון זיין פּאַטער גע'ירשנ'עט רייכע אימעניעס, וועלכע ער האָט אָבער אין אַ קורצע צייט פערשווענדעט ביז דאָס לעצטע אין קאַרטענשפּיעל און אין אויסגעלאַסענהייט.

צו דיא רעוואָלוציאָנערען האָט ער זיך פערקויפט נור פאר געלד. דיא פער־שווערער האָבען דיא לעצטע צייט בעקומען גרויסע סומעס געלד פון דיא אַלט־רוסען, דיא פּאַרטיי פון גלחים און אַלע אַנדערע פאַנאַטיקער, וואָס זיינען גע־ווען אונצופריעדען מיט קאטהערינא'ס ליבעראַלע רעגיערונג. מיראָוויטש האָט דיעזען מאַטושקין פערשפּראָכען צוויי הונדערט טויזענד רובעל, ווען זייער אונטערנעהמונג וועט אויסגעפיהרט ווערען.

יעצט האָט מיראָוויטש געפיהרט זיינע קאַמעראַדען פערביי דער פעס־

טונג־וואנד, אויף וועלכער עס זיינען געווען אויפגעשטעלט גרויסע קאנאָנען. זיי זיינען אזוי געגאנגען ביז זיי זיינען צוגעקומען צו א קליינע טיהרעל, דאן האָט מיראָוויטש געגעבען א געוויסען סיגנאל דורך א פייף און דאָס טיהרעל האָט זיך באלד פון אינעווייניג געעפענט.

— קומט שנעל אריין! האָט מאטושקין געזאָגט געהיטזאם און אויב איהר וועט נור האנדלען וויא העלדען, וועט איוואן אנטאָנאָוויטש באלד זיין א פרייער מאן.

— זיינט איהר זיכער, לייטענאנט מאטושקין, אז דער צאר לעבט נאָך? האָט וואָראָנצאָוו געפרעגט.

— גאנץ זיכער. ער געפינט זיך נאָך יעצט אויך אין זיין געפענגניס, אין קעלער אונטער׳ן טהורם. ס׳איז אראָבצוגעהן ניט ווענינער וויא פערציג טרעפּ.

— און וויפיעל מאן בעוואכען איהם? האָט בראנקאָוו געפרעגט.

— צוויי אָפיציערען, פיער אונטער־אָפיציערען און צעהן סאָלדאטען. דיא צוויי אָפיציערען געפינען זיך מיט איהם אין קערקער זעלבסט און דיא אונטער־אָפיציערען מיט דיא סאָלדאטען בעוואכען דיא טרעפּ.

— און וואו איז דער קאָמאנדאנט, גענעראל בארשיק?

— אין זיין הויז, נעבען טהורם. אָבער פון איהם איז ניטאָ וואָס צו רעדען. מיט איהם וועט איהר לייכט פערטיג ווערען. ער איז אן אלטער שיכור און ציטערט אפילו פאר א פליעג. ער וועט זאָגאר מורא האָבען געגען אייך זיך צו שטעלען.

— אויסגעצייכענט, אלעס געהט וויא געשמיערט, האָט מיראָוויטש אויסגערופען, קומט, מיינע פריינדע!

און אלע זיינען אוועק ווייטער איבער׳ן גרויסען הויף, וואו אין צענטער איז געשטאנען אן איינשטאָקיגע געביידע. דאָרט האָבען זיך געפונען אלע סאָלדאטען פון פעסטונג, אן ערך פון הונדערט מאן. איינער פון זיי, דער סאָלדאט פון וואַך איז אין דרויסען ארומגעגאנגען הין און צוריק מיט׳ן ביקס אין האנד.

ווען דיעזער סאָלדאט האָט מיט אמאָל דערזעהן וויא פערשיעדענע פערזאָנען זיינען ארויסגעגאנגען מיט שנעלע טריט פון צווישען דיא בוימער, האָט ער אויסגעשטעלט זיין ביקס און האָט אויסגערופען:

— שטעהט! איך פערלאנג דעם פאס־וואָרט.

— טויט און פערברעכען צו קאטהערינא׳ן, דאָס איז דער פאס־וואָרט, האָט מיראָוויטש דער ערשטער געענטפערט און איז צוגעלאָפען שנעל און האָט אויסגעשטעלט זיין בלויזען שווערד געגען דעם סאָלדאט׳ס ברוסט, הוררא פיר איוואן אנטאָנאָוויטש!

אין דעם זעלבען מאָמענט האָבען אנדערע פערשווערער ארומגערינגעלט

דעם סאָלדאט מיט זייערע אויסגעשטעלטע וואפען גלייך איהם אין געזיכט אריין און ער איז אזוי דערשראָקען געוואָרען, אז ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. נאָך א פּאָאָר מינוטען פערצווייפלונג איז ער אריינגעלאָפען שנעל אין הויז און האָט געפּויקט א טרעוואָגע.

באלד זיינען דיא סאָלדאטען ארויסגעשפּרונגען האלב נאקעט, וויא זיי זיינען געלעגען אין שלאָף, א סך פון זיי האָבען אפילו ניט אוספּייעט מיטצונעהמען זייער געוועהר, און זיי זיינען ערשטוינט געוואָרען צו בעגעגענען געגען זיך צוואנציג געלאָדענע ביקסען.

— קאמעראדען! האָט מיראָוויטש אויסגערופען מיט א דונער שטימע, מיר זיינען אויך סאָלדאטען אזוי וויא איהר. מיר ליעבען אונזער פאָטערלאנד און פאָלגען דיא געזעצע ריכטיג וויא איהר. אָבער ס'איז ענדליך געקומען דיא שטונדע, ווען רוסלאנד זאָל אויפהערען צו ליידען אונטער'ן יאָך פון א וויבערשען פארטוך. קאמעראדען! איהר ווייסט, אז אייערע אור־עלטערען האָבען אלע גליקליך געלעבט אונטער דיא קייזאָרים פון דיא רודיק פאמיליע. אָבער דיא ראָמאנאָוום האָבען נאכהער גערויבט דעם צארען־טהראָן מיט געוואלט און דורך שווידרהאפטע פערברעכענס. ברידער! ווארום ווילט איהר אייער בלוט פערגיעסען פאר אן אונגערעכטע זאך? הינטער אונז צווישען דיא בוימער שטעהען נאָך דריי הונדערט מאן, וועלכע זיינען ענטשלאָסען מיט זייער לעבען צו קעמפּפען און דעם געזעצליכען צאר איוואן אנטאָנאָוויטש צו בעפרייען. לאָזט אראָב אייער געוועהר און איהר וועט נאָך בעסער טהאָן ווען אנשטאָט זיך אונז אנטקעגען צו שטעלען, זאָלט איהר זיך בעסער אין דער יעצטיגער מינוט פעראייניגען מיט אונז און אונז העלפען קעמפּפען געגען אלעם וואָס איז פערדאָרבען און שלעכט אין אונזער לאנד. איהר האלט יעצט אייער גליק אין אייערע אייגענע הענד. איך פערשפּרעך אייך, אין נאָמען פון'ם נייעם צאר, אז יעדער איינער פון אייך וועט בעלוינט ווערען מיט דער ראנגע פון אָפּיציער.

— גלויבט איהם, סאָלדאטען, ער איז אן אנשטענדיגער מאן, האָט לייטענאנט מאטושקין בעשטעטיגט. איך אליין האָב אין פעסטונג אריינגעלאָזט דיא וואָס קומען אונזער צאר בעפרייען. דאביי וועל איך אייך נאָך דערצעהלען א סוד, וועלכען איהר ווייסט נאָך ניט, אז אין פּעטערבורג האָט שוין אויסגעבראָכען א רעוואָלוציע און דיא געוועזענע קייזערין קאטהערינא איז יעצט א געפאנגענע. ווארום זאָלט איהר אלזאָ ריזיקירען מיט אייער לעבען פיר א פערלאָרענע זאך? אָט זעהט וואָס איך טהו און אזוי זאָלט איהר אויך טהאָן. איך רייך דיא האנד דעם אָנפיהרער פון אונזער נייעם צאר'ס פריינדע און בעפרייער.

און מאטושקין האָט געגעבען מיראָוויטש'ען דיא האנד. ביי דיעזער סצע־

נע האָבען אלע סאָלדאטען באלד אראָבגעלאָזען דיא ביקסען און דיא פערשוועֿ־רער האָבען דאמיט ערוייכט דעם ערשטען גרויסען ערפאָלג.

דער שטארקער געוויש האָט אויפגעוועקט דעם אלטען קאָמאנדאנט פון שלאָף און ער איז ארויסגעקומען זעהן וואָס אין פעסטונג האָט פּאסירט, אָבער מיראָוויטש איז איהם שנעל אנטקעגען געלאָפען מיט זיין בלויזען שווערד אין האנד און האָט אויסגערופען:

— הערר קאָמאנדאנט, איך ערקלער אייך אלס געפאנגענעם. ביי'ם מינדעס־טען פערזוך געגען אונז עטוואָס צו טהאָן, וועל איך אייך אויף'ן אָרט דער־שיסען.

— הייליגער גאָט! האָט דער אלטער אויסגעשריען אין טויט־שרעק, וואָס איז דען געשעהען? וואָס ווילט איהר? ווער זיינען דיעזע מענער?

— דיא רעגיערונג פון קאטהערינא'ן איז געענדיגט, האָט מיראָוויטש ער־קלערט, מיר זיינען געקומען בעפרייען פון דאנען דעם גערעצליכען צאר איוואן אנטאָנאָוויטש און איהם אוועקזעצען אויף זיין טהראָן.

— אונגליקליכע! האָט דער קאָמאנדאנט אויסגערופען צו זיינע סאָלדא־טען, דערזעהענדיג, אז זיי האָבען אוועקגעלייגט זייער געוועהר. וואָס שטעהט איהר און הערט זיך צו צו דיעזע ווערטער פון לוג און טרוג? ווייסט איהר דען ניט, אז דיעזע לייטע זיינען נור —

— נאָך איין וואָרט, הערר גענעראל, און איהר זיינט טויט! האָט איהם מי־ראָוויטש אונטערבראָכען.

— זעהר פיין, איך וועל שווייגען, האָט דער אלטער געענטפערט מיט טרעהרען אין דיא אויגען, זעהענדיג אז קיינער העלפט איהם ניט. געגען גע־וואלדטהאט קען איך אליין גאָר ניט מאכען. אָבער דאָס זאָג איך אייך, אז איהר וועט דעם געפאנגענעם דאָך ניט בעפרייען. עס איז שוין בעזאָרגט, ער זאָל לע־בעדיג אין אייערע הענד ניט ארייניפאלען.

— אָה, קאָמאנדאנט, איהר האָט א גרויסען טעות, איהר דענקט וואהר־שיינליך, אז מיר וועלען ניט קענען עפענען דיא זיבען־פאכע אייזערנע טיהר, אָבער זייט וויסען, אז מיר האָבען שוין דיא שליסעל.

— דאָ זיינען זיי! האָט וואָראָנצאָוו אויסגערופען און האָט געצייגט דעם אלטען קאָמאנדאנט דיא שליסעל. זעהט, סאָלדאטען, דיא רעוואָלוציאָן איז שוין אזוי ווייט ערפאָלגרייך, אז קאטהערינא איז געוועזען געצוואונגען אונז דיא שליסעל ארויסצוגעבען. זיא האָט זיך ניט געקענט העלפען.

דער גענעראל איז א פערציטערטער געוואָרען, ווען ער האָט דערזעהן, אז דיא שליסעל זיינען ווירקליך ביי דיא רעבעלען אין דיא הענד. מעהר האָט ער זיך ניט געקענט אונטערשטעלען צו רעדען אפילו א וואָרט. אויף מיראָוויטש'עס בעפעהל איז ער געגאנגען צייגען דעם וועג צום געפענגניס. מיט איהם זיינען

מיטגענאנגען װאַראַנצאָװ און בראנקאָװ. דיא איבעריגע רעװאָלוציאָנערען זיינען געבליעבען אין הויף אכטונג געבען אויף דיא סאָלדאטען זיי זאָלען ניט חרטה האָבען.

דער קאָמאנדאנט האָט זיינע דריי בעגלייטער אריינגעפיהרט אין זיין װאָה־נונג און פון דאָרט זיינען זיי נעגאַנגען דורך א געהיימע טיהר אין טהורם. איבער שמאָלע, געדרעהטע טרעפּ זיינען זיי געגאַנגען אימער טיעפער ביז זיי זיינען געקומען צו דער בעװאוסטער טיהר, װאָס איז צוזאמענגעפאַסען פון זיבען דיקע אייזערנע פּלאַטען.

װאַראַנצאָװ איז געװען דער יעניגער װעמען מען האָט מכבד געװען מיט פתיחה. ער האָט מיט ציטערענדע הענד דעם שלאָס געעפענט און מיראָװיטש האָט מיט אונגעדולד אויפגעריסען דיא טיהר און דא ערשט האָבען זיי דערזעהן ביי דער ליכט פון פאקעל א נייעם שטיינערנעם אראָבגאנג פון אונגעפעהר פער־ציג טרעפּ.

אין דעם מאָמענט האָט אויסגעקלונגען א דונערשטימע:

— ניט א טריט װייטער! זאָנסט װעלען מיר שיסען!

דיא רעבעלען האָבען דאן דערזעהן דאָרט אונטען א גאנצע רייהע געלאָדע־נע ביקסען אויסגעשטעלט און געציעלט גלייך געגען זיי. צו דער זעלבער צייט האָט איינער פון דיא אונטער־אָפיציערען אָנגעקלאַפּט אין טיהר פון געפענג־נים מיט א געװיסען סיגנאל און פון אינעװעניג האָט מען איהם אויך געענט־פערט מיט א צייכען, אז מען האָט זיין סיגנאל געהערט.

מיראָװיטש איז געבליעבען שטעהן געגען א נייע שװערע שטערונג אין זיין װעג. ער האָט געװאוסט, אז דאָרט אונטען זיינען דאָ לייטע, װעלכע זיינען שטארק טריי און איבערגעבען דער קייזערין און זיי צו בעזיעגען איז א גאנץ שװערע זאך, אזוי גוט װיא אונמעגליך. ער האָט געטראַכט איינינע מינוטען און איז אויף א גאנץ נייעם פּלאן געפאלען. ער האָט שטרענג אָנגעכאַפּט דעם אל־טען גענעראל פאר'ן האלדז און האָט אויסגערופען מיט א װילד אויפגערעגטע שטימע:

— בעפעהלט אייערע לייטע אונטען זיי זאָלען זאָפאָרט דיא װאפען אװעק־לייגען, זאָנסט שװער איך אייך ביי גאָט, אז באלד בלייבט איהר א טויטער אונטער מיינע הענד.

— סאָלדאטען! האָט דער אלטער קאָמאנדאנט אויסגערופען מיט א ציטע־רענדע שטימע, פאָלגט מיך, אייער גענעראל און גיט זיך אונטער, לייגט אװעק אייערע װאפען. איך בעפעהל עס אייך! דאָרט אויבען שטעהען גאנצע מחנות, װאָס פערלאנגען דיא בעפרייאונג פון איװאן אנטאָנאָװיטש און מיר מוזען זייער פערלאנג ערפילען.

איינינע סאָלדאטען האָבען דיעזען בעפעהל געפאָלגט, אָבער איינער אן על־

טערער אונטער־אָפיציער, איז ארויסגעשפרונגען אייניגע טרעפּ נעגען קאָמאנ־דאנט און האָט אויסגערופען:

— איהר זיינט א פערדעטער, הערר קאָמאנדאנט, פערלאנגט ניט אם וועניגסטען דיא סאָלדאטען זאָלען אויך זיין אזוי וויא איהר. מיר האָבען געשוואָרען, אז דער געפאנגענער פון שליסעלבורג וועט קיין מאָל פון דאנען ניט ארויס א לעבעדיגער און מיר וועלען אונזער שבועה האלטען —

ער האָט נאָך געוואָלט עטוואָס רעדען, אָבער מיט אמאָל האָט א שאָס גע־קראכט און א פייערדיגער בליץ איז ארויסגעפלויגען פון׳ם רעוואָלווער, וואָס מיראָוויטש האָט אין האנד געהאַלטען און א שווערער טויטליכער געשריי האָט אויסגעקלונגען אין דיא אונהיימליכע טיעפקייט.

דיא קויל האָט דעם אונטער־אָפיציער אין ברוסט געטראָפען און ער איז אניעדערגעפאלען אין א טייך בלוט.

— אזוי וועל איך טויטען יעדען איינעם וועלכער עס וועט זיך אונז אנטקעגען שטעלען, האָט מיראָוויטש געשריען, מארש, ברידער, ארונטער צום קערקער!

פון אונטען האָבען א פּאָאר לייטע געשאָסען געגען דיא פערשווערער, אָבער קיין אייגציגער האָט זיי ניט געטראָפען. מיראָוויטש און זיינע צוויי בעגלייטער האָבען ווידער אויסגעשאָסען און נאָך א פּאָאר סאָלדאטען זיינען געפאלען שווער פערוואונדעט.

אין דער צייט פון דער שיסעריי האָט זיך דער געשאָסענער אונטער־אָפי־ציער מיט זיינע לעצטע קרעפטען צוגעשלעפּט צו דער אייזערנער טיהר פון גע־פענגנים און אָנקלאפּענדיג מיט ביידע קולאקעס, האָט ער אויסגערופען:

— מיינע אָפיציערען! מען איז געקומען בעפרייען איוואן אנטאָנאָ־וויטש׳ען — איך שטארב מיט א קויל אין ברוסט — געדענקט אייער שבועה — אָה, איך קען ניט מעהר — עס לעבע אונזער קייזערין קאטהערינא!

ביי דיא ווערטער זיינען איהם זיינע לעצטע כחות אויסגעגאנגען און ער איז טויט געפאלען, וועהרענד פון אינעווייניג האָט זיך א שטימע געהערט:

— מיר וועלען אונזער שבועה טריי האלטען. דיא רעבעלען וועלען געפינען נור דעם טויטען קערפּער פון זייער צאר.

מיראָוויטש און זיינע קאמעראדען זיינען געבליעבען שטעהען וויא דער־שלאָגענע פון א דונער קראך. עס האָט זיי אָנגענומען אזא שרעק, אז דיא וואפען זיינען ביי זיי פון דיא הענד ארויסגעפאלען. ערשט יעצט האָבען זיי אָנגעהויבען צו בעגרייפען, אז זייער גאנצע מיהע וועט זיין אומזיסט, אז אנשטאָט צו רעטען דעם געפאנגענעם וועלען זיי גאָר ברענגען דאצו, אז ער זאָל זיין לעבען פער־ליערען.

מיט אראָבגעלאָזענע קעפּ זיינען אלע דריי אראָב דיא טרעפּ. מעהר האָט זיך קיינער ניט אנטקעגען געשטעלט. בראנקאָוו האָט אָבגערוקט מיט זיין פּוס

דעם טויטען קערפּער פון׳ם דערשאָסענעם אונטער־אָפיציער, וואָס איז געלעגען בײַ דער טיהר און וואָראָנצאָוו האָט גענומען דעם צווייטען שליסעל, וואָס ער האָט בײַ זיך געהאט און האָט דעם שלאָס געעפענט. אָבער באלד האָט זיך ארויסגעצייגט, אז דיא דיקע טיהר איז אויך געווען פערשלאָסען מיט א ריגעל פון אינוועניג.

— עפענט, ווען אייער לעבען איז אייך ליעב! האָט מיראָוויטש געשריען מיט א שטימע פון כעס און שרעקליכע פערצווייפלונג, האקענדיג מיט׳ן הענ־טעל פון זיין שווערד אין טיהר, עפענט, זאָג איך אייך, מיר זיינען געקומען דעם איינציגען געזעצליכען צאר פון רוסלאנד צו בעפרייען!

אנשטאָט אן אנטוואָרט האָט זיך געהערט פון אינעווענינג א פערשטיק־טער געשריי און דאן איז אלעס שטיל געוואָרען.

* * *

מיט א פיערטעל שטונדע פריהער, איידער דיעזע סצענע האָט זיך אָבגע־שפּיעלט, איז אין געפענגניס געוועזען גאנץ רוהיג. זייט צוואנציג יאָהר איז שוין דער קרוין־פּרעטענדענט פון רוסלאנד געזעסען געפאנגען אין דיעזען קעלער־געוועלב, וועלכער איז גענוג גרויס און אויסגעשטאטעט מיט דיא בעסטע עלע־גאנטע בעקוועמליכקייט. אָבער ס׳איז דאָך א געפענגניס. קיין ליכט קומט אהין קיין מאָל ניט אריין, דער קרוין־פּרינץ ווייסט קיין מאָל ניט ווען ס׳איז טאָג און ווען ס׳איז נאכט, ווייל אימער האָבען לאָמפּען זיינע צימערען בעלויכטען.

איבער׳ן גאנצען באָדען פון געפענגניס אין געווען אויסגעלייגט א טהייע־רער קארפּעט. בײַ איין זייט איז געשטאנען א זאָפא בעצויגען מיט זיידענס און א קליינער גאָלדענער טיש מיט טהייערע שניצערייען; בײַ דער אנדערער זייט, אונטער זיידענע פאָרהאנגען איז געשטאנען אן עלעגאנטע בעט מיט טהייע־רע קישענס. בײַ דער וואנד, וואו דיא טיהר געפינט זיך, איז געשטאנען א גרוי־סער טיש מיט א מאסע טהייערע זילבער־געשיר, האלב אָבגעטרונקענע פלעשער וויין און איבערגעבליעבענע שפּייזען פון א רייכען מאָהלצייט. איבעראל זיינען געלעגען פערשיעדענע מוזיקאלישע אינסטרומענטען, מיט וועלכע דער געפאנ־גענער פּרינץ פלעגט ליעב האָבען זיין צייט צו פערברייגגען.

איוואן אנטאָנאָוויטש זעלבסט איז ערשט אלט געווען פיער און צוואנציג יאָהר, אָבער זיינע האָאר זיינען שוין געווען גרוי. מען האָט איהם איינגעשפּארט אין געפענגניס ווען ער איז נאָך געווען א קינד פון א פיער יאָהר. דאָס איז גע־שעהן דאן, ווען דיא פאָרינגע קייזערין עליזאבעט האָט אראָבגעוואָרפען זיין מו־טער פון טהראָן און האָט אליין איבערגענומען דיא רעגיערונג. זיין שפּראך איז דאריבער זעהר שלעכט ענטוויקעלט געוואָרען. ווען ער האָט גערעדט, איז זיין רעדען געווען וויא פון א ווילדע בעשעפענים, פון האלב מענש און האלב חיה.

דיא עביגע געפענגניס האט איהם פערווילדעט און האלב משוגע געמאכט. אין מיטען צימער ביי זיך האט ער געהאט א גרויסען הילצערנעם פערד און דעם פערד פלעגט אפט איוואן אנטאנאוויטש בענוצען ארומצורייטען כלומרשט וויא א קינד. ער האט אויך געהאט ביי זיך אין צימער א מאסע בלייענע סאלדאטען, הילצערנע הייזקעס און נאך אזעלכע פערשיעדענע קינדערשע שפיעלכלאך. אפט מאל זינגט ער קינדערשע ליעדלאך און שפיעלט אויף דיא פערשיעדענע אינ־סטרומענטען, וועלכע ער האט זעהר ליעב געהאט.

אין זיין צימער האבען זיך מיט איהם שטענדיג געפונען צוויי אפיציע־רען. אין דער נאכט, ווען דיא סצענע מיט דיא רעבעלען איז פארגעקומען, איז ער געוועזען שטארק אונרוהיג. ער איז געזעסען אין א ווינקעלע און האט געשפיעלט אויף א פיעדעלע טרויעריגע ליעדער. זיינע וועכטער זיינען גראדע יעצט גע־וועזען צוויי לייטענאנטען, איינער א פראנצויז מיט'ן נאמען "פראנסוא" און דער צווייטער א רוס, מיט'ן נאמען "מענשיקאוו", פון א הויך אריסטאקראטישע רוסישע פאמיליע, וואס איז איבערגעגעבען צו דער קייזערין קאטהערינא מיט לייב און לעבען.

עס איז געוועזען שטיל און רוהיג רונד ארום. דיא סאלדאטען אין דרויסען ביי דיא טרעפ האבען וואהרשיינליך איינגעשלאפען. דיאביידע אפיציערען, זיצענדיג ביי אן אנדער ענדע צימער, האבען ביז יעצט געשפיעלט אין קאר־טען. ענדליך האט זיך מענשיקאוו אנגערופען מיט א לאנגווייליגען טאן צו זיין קאמעראד:

— איך גלויב, אז עס וואלט זיין ניט קיין שלעכטער פלאן מיר זאלען זיך אביסעל צולייגען שלאפען. עס איז שרעקליך לאנגווייליג דיא גאנצע נאכט מיט דיעזען משוגענעם צו פערברענגען. דאביי בענק איך זעהר נאך מיין קליינע אקטריסע, וועלכע ווארט אויף מיר אין פעטערבורג אין איהר פראכטפאלען בור־דואר. איך זאג דיר, ליעבער פראנסוא, דיא קליינע איז א מזיק, זעלטען צו בע־געגענען א פרויענצימער מיט אזוי פיעל לעבען אין זיך.

— רעד ניט אזוי הויך, האט דער פראנצויז פראטעסטירט, איך גלויב, אז איוואן אנטאנאוויטש הערט זיך איין צו אונזער געשפרעך.

— ועמען ארט עס? זאל ער הערען, האט מענשיקאוו געלאכט און האט פעררויכערט א סיגארעט. ער וועט יעדענפאלס קיין מאל ניט האבען דיא גע־לעגענהייט אן אנדערען צו דערצעהלען דאס וואס מיר רעדען דא.

— און דוא גלויבסט ווירקליך, אז דיעזער אונגליקליכער פרינץ וועט שוין קיין מאל ניט זעהן דיא ליכטיגע שיין פון דער זון?

— ניט נור איך גלויב, נור איך ווייס עס זיכער. מיין אנקעל, דער קניאז מענשיקאוו, האט מיר אליין געזאגט, אז קאטהערינא וועט איהם קיין מאל ניט פריי לאזען. און זיא קען עס ווירקליך ניט טהאן, ווען זיא זאל עס אפילו ווע־

לען, ווייל עס נעבען נאָך אין רוסלאנד פיעל טרוימער וואָס ווילען, אז דיא פאַ־מיליע רוריק זאָל צוריק צום צארען־טהראָן קומען. דיעזער האלב וואהנזיניגער איוואן אנטאָנאָוויטש קען נאָך דאריבער זעהר געפעהרליך ווערען פיר אונזער גרויסע קייזערין, ווען ער זאָל זיין פרייהייט בעקומען און דיא קייזערין מוז איהם האלטען אלע זיינע יאָהרען געפאנגען אום עס זאָל הערשען רוהע און פריעדען אין לאנד.

— און דוא גלויבסט, אז ער זאָל דאָ אימער אזוי זיצען געפאנגען און זאָל זיך קיין מאָל פון דאנען ניט ארויסרייסען?

— געוויס גלויב איך עס. איך האָב דאָך דיר שוין דוכט זיך גענוג ערקלערט, ווארום. היינט מוזט דוא וויסען, אז אליין ארויס פון דאנען איז איהם אונמעג־ליך. ער קען מיט זיינע צעהן פינגער דיא דיקע מויערען ניט צוברעכען און ווען דאָס זאָל איהם אפילו געלונגען, ווען ער זאָל אפילו זיין א שמשון הגבור און זיין אין שטאנד דיא וועגד פון געפענגניס צו צושמעטערען, ווייסט דוא דאָך גאנץ גוט, אז סאָלדאטען מיט ביקסען און קאנאָנען רינגלען ארום יעדען ארויסגאנג פון פעסטונג און ער האָט ניט קיין געלעגענהייט ארויס פון דאנען א לעבעדיגער. דאָס האָסט דוא דיר נומער איינס. צווייטענס, ווייסט דוא גאנץ גוט דיא אינ־סטרוקציאָן, אז דער אָפיציער, וואָס געפינט זיך דאָ אלס וועכטער, מוז דעם געפאנגענעם אויגענבליקליך אויף טויט דערשיסען, ווען יעמאנד זאָל נור מאַ־כען דעם קלענסטען פערזוך איהם צו בעפרייען. עס איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז ביי אזא פאל וואָלסט דוא אויך דיין פליכט געטהאָן און וואָלסט איהם גלייך געטויטעט.

דער יונגער פראנצויז האָט אראָבגעלאָזט דיא אויגען און האָט געענטפערט מיט א פערשטיקטע שטימע:

— נאטירליך, איך בין א סאָלדאט און מוז ערפילען דיא אינסטרוקציאָן, דאָך זאָג איך דיר, מענשיקאָוו, אז איך וואָלט מיין גאנצען לעבען ניט קענען רו־הען, ווען עס זאָל מיר אויסקומען דיעזען אונגליקליכען צו טויטען.

אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט זיך דערהערט פון דרויסען א שיסעריי. ביידע אָפיציערען זיינען שטארק איבערראשט געוואָרען. מענשיקאָוו איז א פער־ציטערטער צוגעלאָפען צום טיהר, וועלכע ער האָט פון דעסטוועגען ניט גע־עפענט, נור ער האָט געפרעגט מיט א הויכע שטימע:

— וואָס געהט דאָרט פאָר? ווער שיסט עס דאָרט?

— דאָרט מוז עטוואָס שרעקליכעס פאסירען, האָט דער פראנצויז בעמערקט. דוא הערסט וויא עס רוישט דאָרט? עס זיינען אלץ פרעמדע אויפגערעגטע שטימען. פיעלייכט קומט דאָרט פאָר א רעוואָלוציאָן, א פערשווערונג, יעדענ־פאלס, מענשיקאָוו, בעט איך דיך, אייל זיך ניט צו טויטען א מענשען. טויטען

יעמאנדען איז זעהר לייכט, אָבער צוריק לעבעדיג מאכען קען מען אפילו ניט א טויטע פליעג.

— פעררא‍ט! האָט מענשיקאָוו אויסגערופען, נאכדעם וויא ער האָט א קורצע צייט דעם אויער געהאלטען צוגעלייגט צו דער טיהר. דער קאָמאנדאנט אליין הייסט דיא סאָלדאטען אוועקלייגען זייערע וואפען. אָה, גענעראל באר־שיק, דוא ביסט א פעררעטער!

אין דעם מאָמענט האָבען זיך דערהערט נאָך איינינגע שיסערייען און פויסטען האָבען שטיל געקלאפט אין דער טיהר. דאן האָט זיך געהערט דיא שטערבענדע שטימע פון דעם געשאָסענעם אונטער־אָפיציער, וועלכער האָט ער־קלערט אלעס וואָס אין פעסטונג קומט יעצט פאָר.

— פראנסוא, האָט מענשיקאָוו געזאָגט צו זיין קאמעראד. עס איז געקור־מען דיא שטונדע מיר זאָלען אונזער קייזערין בעווייזען אונזער טרייהייט און איבערגעבענהייט. ס'איז בעשערט, אז גראדע אונז זאָל אויסקומען צו ערפילען אזא שרעקליכע פליכט, אָבער מיר קענען זיך ניט העלפען, דיא רעבעלען טאָ־רען זייער צאר ניט געפינען א לעבעדיגען.

— מענשיקאָוו, איך בעשוועער דיך אין נאָמען פון אלעס וואָס ביי לעבעדיגע מענשען איז הייליג און טהייער, דוא זאָלסט זיך ניט איילען איהם צו טויטען! האָט דער פראנצויז געשטורעמט מיט א ציטערענדע שטימע.

— שווייג! האָט מענשיקאָוו אויסגערופען, אין אונזערע הענד ליעגט יעצט דער שיקזאל פון קאטהערינא וועליקאיא און דער שיקזאל פון גאנצען לאנד. טוי־זענדע נפשות וועלען פאלען אין רוסלאנד אין א שרעקליכען בירגער־קריעג, ווען דיעזער איינער האלב ווילדער אידיאָט זאָל בלייבען לעבען. איך זאָג דיר, פראנסוא, דוא זאָלסט אין דעם וויכטיגען מאָמענט ניט זיין קיין פייגלינג, זאָנסט וועסט דוא דארויף שטארק חרטה האָבען.

דער געפאנגענער איז אויך אויפגעשפרונגען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און האָט גאנץ ווייניג פערשטאנען וואָס דאָ קומט פאָר. ביידע אָפיציערען זיינען צוגעלאָפען צו איהם מיט זייערע בלויזע שווערדען, אָבער פראנסוא איז פלוצים געבליעבען שטעהן אין מיטען צימער און האָט געמורמעלט מיט בלאסע ציטע־רענדע ליפען:

— איך קען ניט, איך קען ניט ערמאָרדען אן אונגליקליכען, וואָס האָט אויף זיין לעבען קיינעם קיין שלעכטעס געטהאָן. דאָס איז אן ארבייט פיר א הענ־קער. אָה, ניין, איך וועל בשום אופן ניט דערלאָזען מען זאָל דעם אָרימען גע־פאנגענעם טויטען!

אין דעם זעלבען מאָמענט איז מענשיקאָוו אליין צוגעלאָפען צום געפאנ־גענעם און האָט אריינגערוקט זיין שווערד טיעף אין דעם געפאנגענעם'ס ברוסט. פראנסוא איז א פערציטערטער שנעל צוגעלאָפען און האָט דיא טיהר אָבגערי־

געלט. מיראָוויטש, וואָראָנצאָוו און בראנקאָוו זיינען אויגענבליקליך געווען איינ־ווענינ און מענשיקאָוו האָט אויסגערופען מיט א טייפעלשע פרייד:

— יעצט קענט איהר נעהמען דעם טויטען און איהם אָנטהאָן א קרוין! אייער צאר, דער געפאנגענער פון שליסעלבורג, עקזיסטירט ניט מעהר!

דיא פערשווערער זיינען אויפגעקאָכט געוואָרען פון כעס און אויפרעגונג. זיי האָבען זיך ארויפגעוואָרפען אויףביידע אָפיציערען און האָבען זיי אויף טויט דערשטאָכען.

אין קעלער געפענגניס איז ווידער שטיל געוואָרען. דיא טויטע קערפער זיינען געלעגען אויף׳ן קארפעט און וועהרענד דיא פערשווערער זיינען געשטאַנען אייניגע מינוטען וויא פערשטיינט און האָבען ניט געוואוסט וואָס זיי זאָלען יעצט אָנפאנגען צו טהאָן, איז מיראָוויטש געווען דער ערשטער וואָס האָט דיא טויטע שטילקייט איבערגעריסען.

— מיר האָבען פיעל פערלאָרען, האָט ער אויסגערופען, אָבער דאָך ניט אַלעס. איוואן אנטאָנאָוויטש קען שוין דעם טהראָן פון זיינע עלטערען ניט בע־שטייגען. אָבער זאָגאר דער טויטער קערפער פון איינעם פון רוריק׳ס פאמיליע וועט נאָך געננג אונגליק ברייננען דער שענדליכער פרוי קאטהערינא. קומט, ברי־דער, לאָמיר נעהמען דיעזען ערמאָרדעטען און ברענגען קיין פעטערבורג. מיר ווע־לען איהם ארומפיהרען אין אלע גאסען און דאָס וועט העלפען, אז טויזענדע און טויזענדע בירגער וועלען זיך אָנשליסען מיט אונז צוזאמען צו ארבייטען פיר אן אלגעמיינעם אויפשטאנד, פיר אן אלגעמיינע רעוואָלוציאָן. אלע וועלען פאָ־דערען ראכע פיר׳ן ערמאָרדעטען צאר און קאטהערינא וועט דאָך אם ענדע פון איהר נערויבטען טהראָן פערטריעבען ווערען מיט שאנדע.

— דאָס איז אן אויסגעצייכענטער פּלאן, האָט וואָראָנצאָוו איינגעשטימט. יא, מיינע פריינדע, ערמאָרדענדיג דעם צאר האָבען דיעזע באנדיטען ניט ווי־לענדיג אונז א גרויסע טובה געטהאָן. דאָס וועט עפענען דעם פאָלק דיא אויגען און פיעלע פון דיא יעניגע וואָס האָבען זיך ביז יעצט געלאָזט בעהערשען פון קאטהערינא׳ן און איהרע מיטהעלפער, וועלען געווים יעצט צושטעהען צו אונז. נעהמט, בראנקאָוו, העלפט מיר דעם ערמאָרדעטען צאר ארויפנעהמען אויף דיא פּלייצעס, איך אליין וועל איהם טראָגען איבער דיא גאסען פון פעטערבורג און וועל דערצעהלען דעם פאָלק אזעלכע זאכען, פון וועלכע דיא האָאר וועלען זיך ביי יעדען שטעלען קאפּויר. קאטהערינא האָט מאסען מענשען געטויטעט און א טויטער זאָל דאריבער פון איהר ראכע נעהמען.

וואָראָנצאָוו האָט אויף זיינע פּלייצעס גענומען דעם ערמאָרדעטען און אלע דריי זיינען ארויסגעגאנגען פון קערקער. אויף דיא טרעפּ האָבען זיי יעצט קיין מענשליכע זעעלע בעגעגענט. אויך דעם קאָמאנדאנט׳ס וואָהנונג איז געווען

גאנץ לעער. אָבער דיא דריי פערשווערער האָבען דאָס אלעס אין זייער אויפרע־גונג ניט בעמערקט.

ענדליך זיינען זיי ארויסגעקומען אין הויף און ביים ערשטען בליק, וואָס זיי האָבען דאָ געוואָרפען, זיינען זיי פערציטערט געוואָרען.

דיא זון איז נאָך ניט אויפגעגאנגען, נור דיא מזרח זייט פון הימעל איז געוועזן בעגאָסען מיט א מאָדנע בלוטיגע רויטקייט. ס'איז געוועזן דיא שיין פון'ם מאָרגען־שטערן אויפגאנג. ביי דיעזער שיין האָבען דיא פערשווערער דערזעהן, אז דער גאנצער הויף איז רונד ארום בעזעצט מיט בעוואפענטע קאָזאקען און גרענאדירען. הונדערטע ביקסען זיינען אָנגעשטעלט געגען זיי. זייערע קאמע־ראדען, וואָס זיי האָבען איבערגעלאָזט אין הויף, שטעהען פון וויטען אין א ווינקעלע געשמידט אין שווערע קייטען. א הויכע, שלאנקע געשטאלט אין א גלענ־צענדען גענעראל מונדיר איז ארויס פון דיא רייהען מיליטער און האָט אויסגע־רופען מיט א דונערענדע שטימע:

— איהר זיינט מיין געפאנגענער, לייטענאנט מיראָוויטש! ארונטער דעם שווערד! אויב איהר וועט נור פרובירען אנטלויפען, ווייסט איהר דאָך, אז אייער לעבען איז פערלאָרען, מען וועט אייך גלייך אויף טויט דערשיסען.

— אלעקסאנדער פּאָטעמקין! האָט מיראָוויטש אויסגערופען א דערשראָ־קענער און איז טויט בלאס געוואָרען. אָה, יעצט איז שלעכט!

— געוויס איז יעצט שלעכט, נאָך ערגער וויא שלעכט, האָט פּאָטעמקין געזאָגט מיט א רוהיגען, געלאסענעם טאָן.

דאן האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע סאָלדאטען:

— שמיעדט דיעזען מאן אין קייטען!

פּאָטעמקין'ס בעפעהל איז באלד ערפילט געוואָרען.

אין דיעזען אויגענבליק האָט זיך דערהערט א קראך פון א רעוואָלווער און דער אָפיציער בראנקאָוו איז געפאלען מיט א צושמעטערטען מוח אין א טייך בלוט. ער האָט זיך זעלבסט ערמאָרדעט. וואראָנצאָוו האָט אראָבגעלאָזט אויף דער ערד דעם טויטען קערפּער און האָט דאביי אויסגערופען מיט א הויכע ריה־רענדע שטימע:

— דאָ ליעגט דער ערמאָרדעטער צאר! אזא סוף זאָל קומען אויף קא־טהערינא, דיא טיראנין פון רוסלאנד!

— דערשיסט דיעזען אלטען רעוואָלוציאָנער אויף טויט! האָט גענעראל בארשיק געשריען.

דיא סאָלדאטען האָבען שוין געהאט אויפגעהויבען זייער געוועהר, אָבער פּאָטעמקין האָט האסטיג אויסגערופען מיט א שרעקליכע אויפרעגונג:

— לייגט אוועק דאָס געוועהר! קיינער זאָל ניט אונטערשטעהן דיעזען אלטען צו בעריהרען.

דאביי איז ער לאנגזאם צוגעגאנגען צו וואראנצאוו'ען און האט מיט א סימפאטישען טאן זיך צו איהם געווענדעט:

— פעטער וואראנצאוו, וויא קומט איהר אהער? עס גלויבט זיך מיר גאר ניט, אז איהר זאלט זיך אזוי ערנידריגען און שטעהן אין פערבינדונג מיט אזא געמיינע, פינסטערע באנדע. איך דענק, אז ס'איז אן אירטהום, איהר האט גע־מוזט מיטגעהן מיט זיי, אום וועט עס וועט האלטען שלעכט, זאלט איהר אליין דעם איוואן אנטאנאוויטש ערמארדען, אום דיא לאנד זאל זיין רוהיג. וואראנ־צאוו — רעדט, וואס שווייגט איהר? וואס קוקט איהר אויף מיר מיט אזעלכע שרעקליכע בליקען? זאגט נור איין ווארט און איהר זיינט גערעטעט!

— דוא קענסט מיך צו גוט, אלעקסאנדער פאטעמקין, האט דער אלטער געענטפערט מיט א שארפע הויכע שטימע. דו גלויבסט דאך אליין ניט, אז איך בין א פעררעטהער, א ליגנער, אדער א פערדארבענער מענש. אה, אלעק־סאנדער, דא איז גראדע פערקעהרט, דא בין איך געווען דער גאנצער אויפ־טהוער. און איך בין שולדיג, איך אליין! דא זיינען מיינע הענד, הייס זיי שמידען אין אייזערנע קייטען. דא איז מיין ברוסט, הייס ארייניאגען א קויל אין מיין הארצען און מיט מיינע לעצטע קרעפטען וועל איך אויסרופען: ניעדער מיט קאטהערינא, דיא פאלשע קייזערין! ניעדער מיט דער אויסגעלא־סענער פרוי —

פאטעמקין האט זיך דערווייטערט פון איהם אייניגע שריט. דיא סאלדא־טען זיינען דאן בעפאלען וואראנצאוו'ען און האבען איהם זיין מויל פערבונדען און זיינע הענד אין קייטען געשמידט.

אויף'ן בעפעהל פון פאטעמקין'ען האט מעןביידע געפאנגענע רעבעלען אנפיהרער מיט זייערע קאמעראדען ארויסגעפיהרט פון הויף אום זיי נאך פעט־ערבורג צו טראנספארטירען. דאן האט זיך פאטעמקין געווענדעט צום קא־מאנדאנט און האט געזאגט:

— גענעראל בארשיק, איהר זיינט ארבגעזעצט פון אייער אמט און דיא קאמאנדע פון דיעזער פעסטונג וועט פארלויפיג איבערנעהמען דער עלטסטער אפיציער. איך ערקלעהר אייך אויך אלס געפאנגענעם און א קריעגס־געריכט וועט אורטהיילען איבער אייער וויטערען שיקזאל. לייטענאנט מאטושקין, וועלכער איז אן אפענער פעררעטהער, וועט אין פערלויף פון זעכציג מינוטען צייט אויף טויט דערשאסען ווערען. אלע וואס האבען ביי דיעזען טרויעריגען צו־פאל זייער לעבען פערלארען זאלען באלד בעערדיגט ווערען. וואס צו טהאן מיט דיא געפאנגענע פערברעכער וועט דיא קייזערין קאטהערינא זעלבסט אור־טהיילען.

— עס לעבע קאטהערינא דיא גרויסע! האבען אלע סאלדאטען אויס־גערופען, גאט, בעשיץ אונזער ליעבע קייזערין!

בלאס און אויפגערעגט האט אלעקסאנדער פאטעמקין דאן דיא שליסעל־בורגער פעסטונג פערלאזען. ער איז געפאהרען פאראויס און דיא קאזאקען האבען אלע געריטען נאך איהם און האבען געזונגען א לוסטיגע זיעגעס ליעד.

וועגען עליזאבעט און איהר פאלשקייט האט פאטעמקין א װארט ניט גערעדט צום אלטען װאראנצאװ. ער האט גערעכענט, אז דער אלטער האט יעצט אזוי אויך גענוג צרות און א געשפרעך װעגען עליזאבעט װעט איהם נאך מעהר ערגערניס פערשאפען.

11טער קאפיטעל

ארלאװ׳ס אינטריגעס

װעהרענד פאטעמקין האט געשטיעגען פון שטופע צו שטופע אין מאכט און אין רייכטהום; װעהרענד קאטהערינא אליין האט געשטרעבט, אז פאטעמקין׳ס נאמען זאל װערען װאס װייטער אלץ גרעסער און מעהר בעליעבט אין גאנץ רוסלאנד; װעהרענד פאטעמקין׳ס װארט האט אין ערמיטאזש און אין גאסודארסטװעני סאװיעט גענאלטען אלס א קייזערליכער בעפעהל, איז צו דער זעלבער צייט גראף ארלאװ, דער פריהערדיגער ליעבלינג קאטהערינא׳ס, געשטאנען אין קריעגס לאגער ביי׳ם גרענעץ פון רוסישען רייך, ארומגערינגעלט פון קאמפף און געפאהרען, און איז ניט געװען אים שטאנד צו אירגענד װעלכען ערפאלג צו קומען.

זיין שטענדיגע שװערע ארבייט צו צװינגען דיא טאטארען ארויסצוטרעטען אין אן אפענעם קאמפף איז געװען אומזיסט און דיא רוסישע ארמעע האט פון זיי געהאט זעהר פיעל צו ליידען. װען אלעס איז דוכט זיך געװען גאר רוהיג, פלעגען זיי פלוצינג װיא פון אונטער דער ערד ארויסקומען און בעפאלען דיא רוסישע סאלדאטען און אין דעם זעלבען אויגענבליק, װען ארלאװ האט אויפגעשטעלט זיינע מיליטער־רייהען צום קאמפף, איז קיינער פון דיא טאטארען שוין ניט געװען. אזוי װיא מען האט ניט געװאוסט פון װאנען זיי זיינען געקומען, אזוי פלעגט מען ניט װיסען װאוהין זיי פלעגען פערשװאונדען װערען. ריכטיג װיא דיא ערד װאלט זיי איינגעשלונגען.

מיר װעלען יעצט אויף א װיילע מאכען א קורצען בעזוך צו גראף ארלאװ אין לאגער. ס׳איז נאכט. ארלאװ זיצט אין זיין געצעלט ביי א שרייב־טיש, פון איינפאכע ברעטער צוזאמענגעשטעלט, און שרייבט װיעדער א לאנגען בריעף צו דער קייזערין. ער דערצעהלט איהר װיעדער דיא שלעכטע אומשטענדען, אין װעלכע ער און זיין ארמעע געפינען זיך, און ער בעט זיך ביי איהר רחמים זיא זאל איהם פון דאנען צוריקרופען נאך פעטערבורג.

װען ער האט דעם בריעף אנגעשריבען, האט ער איהם נאך אמאל איבערגעלעזען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט. דאן איז ער אויפגעשפרונגען װיא

א צוקאַכטער און האָט דאָס פּאַפּיער צוקנייטשט און א וואַרף געטהאָן מיט כעס.

— ניין, האָט ער געמורמעלט צו זיך אליין. איך וועל מעהר ניט שרייבען. זיא וועט אויך דיעזען בריעף נעהמען און אריינוואַרפען אין פּאַפּיער־קאָרב וויא אַלע אנדערע בריעף וואָס איך האָב איהר שוין געשיקט. איך וועל עס ניט איבערטראָגען. אזוי פיעל בעליידיגט צו ווערען, האָב איך ניעמאַלס ערוואַר־טעט! איך פיהל, מיין הארץ זאָגט מיר, אז זיא מיט איהר געליעבטען מאכען זיך דאָרט לוסטיג איבער מיינע אַלע בריעף וואָס איך שיק איהר. יא, עס וועט זיין פאר מיר דיא בעסטע זאַך צוזאמענצונעהמען דיא ארמעע און ניט וואַרטענדיג אויף קיינעם'ס בעפעהל זיך אומקעהרען צוריק נאָך רוסלאנד. דיא סאָלדאטען זיינען מיר געטריי. איך וועל זיי ברענגען קיין פּעטערבורג און מיט זייער הילף וועל איך אָנפאַנגען א קאַמפּף. איינמאָל האָב איך שוין א צאַר אראָבגעוואָרפען פון זיין טהראָן אוים ליעבע צו א צארינע, יעצט וועל איך זיא אראָבשליידערען פון איהר טהראָן אוים האס און שנאה צו איהר אליין. דאן איז מיר גאנץ גלייך ווער עס וועט אין רוסלאנד הערשען. איך זוך נור יעצט ראַכע, בלוטיגע ראַכע פון דער אונדאנקבארער, טריילאָזער פרוי.

אָרלאָוו איז וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר אויפגערעגט געוואָרען און מיט א שרעקליכע אויפרעגונג האָט ער פאָרטגעזעצט:

— אזוי ווייט מיך צו ערניעדריגען! איך האָב פאר איהר א קרוין ערוואָרבען, צוליעב איהר בין איך א מערדער געוואָרען, און דערפאר צאָהלט זיא מיר אָב דאמיט וואָס זיא האָט מיך פערשטויסען, אויסגעלאכט און אויף מיין פּלאַץ האָט זיא אויסגעקליבען אָן אָרימען שלעפּער, א בעטלערישען אָפיציער! וואָס איז? זיין געזיכט איז שעהן! אום זיא זאָל מיט איהם קענען לעבען א גוטען טאָג אונגעשטערט, האָט זיא מיך פערטריבען אין דער מדבר. אָה, ניין! אָרלאָוו לעבט נאָך! איך מוז און איך וועל פון איהר דאפיר ביטערע ראַכע נעהמען!

מיט אמאָל האָט זיך דער פאָרהאנג פון געצעלט האסטיג אויפגעהויבען און דער דערזשורנער אָפיציער איז שנעל אריינגעלאָפען.

— וואָס האָט אזעלכעס פּאַסירט? האָט אָרלאָוו בייז געפרעגט, וואָס זיינט איהר מיר געקומען שטערען אין מיין ארבייט?

— ס'איז אָנגעקומען א וויכטיגע נאַכריכט, האָט דער אָפיציער געענטפערט מיט גרוים פרייד, און דאריבער האָב איך מיר ערלויבט אריינצולויפען אהער און אייך אַלעס איבערגעבען, טראָץ אייער פערבאָט ניט אריינצוגעהן אין גע־צעלט. ס'איז אָנגעקומען אין לאַגער א נאַכריכט וועגען א זיעג. מאיאָר דאַ־נישעוו, וועלכען איהר האָט אוועקגעשיקט מיט אן אָבטהיילונג מיליטער זיי זאָלען ניט דערלאָזען אז דיא רעבעלישע קאָזאַקען זאָלען זיך פעראייניגען מיט דיא טאטארען, דיעזער העלדישער מאיאָר האָט געזיעגט. ער האָט אריינגע־

קראַגען דיא קאַזאקען אין א נעץ און ער האָט זיי אזוי צושלאָגען, אז בלויז איי־ניגע זיינען איבערגעבליעבען און צווישען דיעזע אייניגע געפינט זיך אויך דער אָנפיהרער פון דיא קאַזאקען. מאיאָר דאנישעוו וועט באלד צוריק קומען אין לאגער.

אָרלאָוו׳ען איז וויא א שטיין פון הארצען אראָב און א לוסטיגער פייער האָט זיך אין זיינע אויגען אָנגעצונדען.

— ווער האָט דיא נאכריכט וועגען דעם זיעג געבראכט ? האָט אָרלאָוו געפרעגט.

— א קוריער, געשיקט פון מאיאָר דאנישעוו אין פאָראויס. איהר הערט, גענעראל, דיא הוררא געשרייען אין לאגער ? דיעזע נאכריכט האָט אלע הער־צער מיט מוטה און מיט גוטע האָפנונג ערפילט. אָה, פעלדמארשאל, ווען איהר וואָלט דיעזע בעגייסטערונג אויסגענוצט אונז אלעמען צו פיהרען צו א גרויסע מלחמה — לאָמיר עטוואָס צייגען —

— איך וועל דאָס געוויס טהאָן, האָט איהם אָרלאָוו אונטערבראָכען, פריהער אָבער וויל איך זעהן דעם קוריער. געהט און ברענגט איהם אהער.

דער אָפיציער איז מיט א מיליטערישער פערנייגונג ארויס פון אָרלאָוו׳ס געצעלט, און ווען אָרלאָוו איז ווידער געבליעבען אליין, האָט ער מיט א פרעה־ליכער הארץ געמורמעלט :

— דאָס גליק האָט זיך ווידער צו מיר בעוויזען. איך וועל קעמפפען און זיעגען. אָבער ניט אום צו פערדיענען א וועלט־נאָמען אלס העלד, דאפיר קי־מער איך מיך גאנץ ווייניג. אלעס וואָס איך וויל יעצט שטרעבען איז, אז איך זאָל קענען קומען צוריק קיין פעטערבורג מיט טריאומף. דאן וועט מיר זיין לייכטער צו געפינען פריינד, העלפער און אָנהענגער און איך וועל קענען אָנ־פאנגען אן ערנסטען קאמפף געגען קאטהערינא׳ן, זיא זאָל פיהלען, אז דאָ האָט זיא צו טהאָן מיט א מאכט וואָס וועט זיא ווען עס איז אראָבשליידערען פון איהר טהראָן, וועלכען איך אליין האָב פאר איהר ערוואָרבען.

און ווידער האָבען זיך דיא פאָרהאנגען פון געצעלט אויפגעהויבען און דיעזעס מאָל האָט דער דעזשורנער אָפיציער אריינגעפיהרט א יונגען סאָלדאט. זיין געזיכט איז געווען רויט, זיין שטערען בעדעקט מיט שוויים ; עס איז געווען דייטליך צו זעהן, אז ער האָט אויף זיין פערד געריטען מיט דער גרעסטער אָנ־שטרענגונג, כדי ער זאָל וואָס שנעלער אין לאגער קומען מיט דער פרעהליכער בשורה.

— וואו איז דיא מלחמה פאָרגעקומען ? האָט ביי איהם אָרלאָוו גע־פרעגט.

— אויף דיא שווארצע בערג, עקסעלענץ, האָט דער סאָלדאט געענטפערט. דורך׳ן ספאקטיוו קען מען זיי פון דאנען זעהען.

— און דער פיינד האט אייך ניט בעמערקט בעפאר איהר האט איהם אטאקירט?

— ניין, עקסעלענץ, מיר האבען דיא רעבעלען געפאקט אין א שמאלען וועג, צווישען צוויי געבירגען. מאיאר דאנישעוו האט אונז נאך פריהער פאר־נאנדערגעשטעלט אויבען, ביים ברעג פון וועג, הינטער דיא וועלדלאך. ווען דיא רעבעלען זיינען אריינגעפאהרען אין דיזען אבגרונד, האט מאיאר דאנישעוו גלייך ארויסגעשיקט צוויי גארניזאנען מיליטער צו פערשטעלען דיא קאזאקען דעם וועג, אז זיי זאלען ניט קענען ארוים פון דארטען ניט אהער און ניט אהין. דיזע אלע פארבערייטונגען זיינען געמאכט געווארען אזוי שטיל, אז דיא קאזאקען האבען דאס גאר ניט בעמערקט. זיי זיינען אריינגעקומען ביז צום לעצטען מאן אין דעם ענגען טהאל און דאן האט אונזער מאיאר קאמאנדירט: "פייער!" מיר האבען אלע אין דער הויך מיט אמאל פון ביידע זייטען אויס־געשאסען און עס האט זיך אנגעפאנגען א שרעקליכע שלאכט. דיא קאזאקען האבען פראבירט זיך ארויסצורייסען פון'ם טהאל, אבער דער מאיאר האט גלייך געשיקט צו יענעם פונקט מעהר סאלדאטען און דיא קאזאקען האבען אויס פער־צווייפלונג זיך גענומען קריכען אויף דיא בערג אום אויף אונז צו שטורמען, אבער מיר האבען זיי יעדעס מאל ארונטערגעשאסען און זיי זיינען געפאלען וויא דיא פליעגען, ביז דער טהאל איז פול געווארען מיט דערשאסענע מענשען און פערד. פון דיא צוויי טויזענד קאזאקען זיינען בלויז דריי און צוואנציג גע־בליעבען.

— און וואס איז געווארען מיט דיא דריי און צוואנציג? האט ארלאוו געפרעגט.

— אונזער קאמאנדיר האט זיי אויפגעפאדערט זיי זאלען זיך אונטערגעבען, אבער זייער אנפיהרער, א זעלטען מוטהיגער מאן, טראצדעם וואס ער האט שווערע וואונדען בעקומען, האט דאך ערקלערט, אז זיי וועלען קעמפפען ביז דער לעצטער מאן וועט פאלען. מיר האבען זיי דאן אטאקירט מיט אונזערע שווערדען. בלויז דעם אנפיהרער האבען מיר אויף'ן בעפעהל פון אונזער מאיאר ניט געדארפט אנריהרען. איהם האט ער ניט געהייסען טויטען, טאמער וועט מען פון איהם קענען ארויסקריגען געוויסע אויסקינפטע. דיא ענדע איז געווען, אז פון דיא דריי און צוואנציג זיינען נור דרייצעהן געבליעבען, און דיזע דרייצעהן פערבליעבענע קאזאקען פיהרט יעצט מאיאר דאנישעוו אהער אין לאגער אלס געפאנגענע.

— האט מען ערפאהרען וואו דיא טאטארען געפינען זיך יעצט? האט ארלאוו געפרעגט.

— יא, עקסעלענץ, איינער פון דיא קאזאקען האט אויסגעזאגט, אז דיא טאטארען שטעהען אונגעפעהר פינף מייל פון דאנען. זייער צאהל איז דאפעלט

שטארקער פון אונזערע, זייער קאמאנדיר, כאן מוהאלא, האט זיי פערזאמעלט אויף איין פונקט ניט ווייט פון שווארצען מעער און ער ווארט דארט ביז דיא רעבעלישע קאזאקען וועלען אנקומען, אום צוזאמען מיט זיי אויף אונזער לאגער צו בעפאלען. יעצט אבער וועט ער אויף זיי לאנג דארפען ווארטען.

— זעהר גוט! האט ארלאוו אויסגערופען. איך דאנק דיר פאר דיעזער גליקליכער ידיעה. געה, עס און טרינק און רוה זיך עטוואס אוים פון דיין רייזע. לאנג וועסט דו יעדענפאלס ניט האבען צייט צו רוהען.

— אויב אזוי, גענעראל, דענקט איהר נאך, וויא איך פערשטעה, דיעזע נאכט אונז פיהרען געגען דיא טאטארען? האט דער דעזשורנער אפיציער געפרעגט.

— יא, נאך דיעזע נאכט. האט ארלאוו געענטפערט. באלד זאל מען גיבען טרומפייטען סיגנאלען צום קריעג־מארש. אין א האלבע שטונדע ארום וועל איך אליין אייך פיהרען צו א צווייטען זיעג. דיא טאטארען ווארטען אויף דיא קאזאקען אום אונז צו פערניכטען, יעצט אבער וועל איך זיי אלע ארייג־טרייבען אין שווארצען מעער, וואו זיי וועלען דערטרונקען ווערען וויא דיא הינט.

דער אפיציער און דער סאלדאט זיינען ארויסגעגאנגען, אבער אין איינינע מינוט ארום האט דער לאגער אויפגעקאכט פון פרייד־געשרייען, אזוי אז ארלאוו איז ארוים פון זיין געצעלט צו זעהן וואס דא געהט פאר, און באלד איז איהם אנטקעגען געקומען א שעהנער יונגער אפיציער אין א מאיארסקי מונדיר. ארלאוו האט איהם אויסגעשטרעקט זיין האנד און האט אויסגערופען:

— מאיאר דאנישעוו! איך בעגרים אייך מיט אייער גרויסען זיעג. איך וועל וויסען וויא אייך צו בעצאהלען, ווען מיר וועלען קומען צוריק קיין פעטער־בורג. פארלויפיג דאנק איך אייך פון טיעפסטען הערצען. איהר האט מיר פערשאפט דיא ערשטע פרייד אין דיעזען אונגליקליכען קריעג.

— איך האב נור געטהאן מיין פליכט, גענעראל, האט דער יונגער אפיציער געלאסען געענטפערט מיט א בעשיידענע פערנייגונג.

ארלאוו האט דעם שעהנעם מאיאר אריינגעפיהרט אין זיין געצעלט, האט איהם מכבד געוועז מיט וויין און האט זיך מיט איהם בעראטהען וועגען דער אטאקע וואס זיי דארפען יעצט מאכען אויף דיא טאטארען.

ווען דער מאיאר איז ארוים פון ארלאוו׳ס געצעלט און ארלאוו איז וויעדער אליין געבליעבען, האט ער אויפגעהויבען דעם בריעף וואס ער האט פריהער געשריבען צו דער קייזערין און האט איהם נאך אמאל גענומען דורכלעזען.

ווען ער איז פערטיג געווארען, האט ער צו זיך אליין געזאגט:

— ניין, איך קען ניט האפען מיין פלאן זאל געלינגען. איך האב אין דיעזע איינינע מינוטען געזעהען וויא געטריי און איבערגעבען יעדער סאלדאט איז צו דער קייזערין און מיט וואס פאר א האס זיי שפרעכען אוים דעם ווארט רעבעל.

איך בין איבערצייגט, אז ווען איך זאָל ארויס אלס אָפענער געגנער געגען קאַטהערינאַ'ן, וועלען זיי אויף מיר קוקען מיט'ן זעלבען האס און מיט דער זעלבער שנאה וויא זיי קוקען יעצט אויף אלע אנדערע רעוואָלוציאָנערען. אָבער איך קען מיר ניט העלפען. איך מוז עס טהון. ווען עס קומט מיר ארויף אויף דיא געדאנקען, אז זיא לעבט יעצט אין ליעבע און פערגניגען מיט דיעזען אָרימען שלעפּער פּאָטעמקין, צופלאקערט זיך אין מיר מיין אייפערזוכט וויא א פלאם פייער און איך פיהל, אז איך וועל ניט קענען רוהען ביז מיין ראכע וועט געשטילט ווערען. איך מוז זיא אראָבווארפען פון טהראָן, ווען איך זאָל אפילו וויסען —

אין דיעזען אויגענבליק האָט זיך אָרלאָוו ארומגעקוקט און האָט דערזעהן, אז דאנישעוו איז שוין צוריקגעקומען און שטעהט אין געצעלט.

— זיינט איהר שוין לאנג דאָ, דאנישעוו? האָט ביי איהם אָרלאָוו ערשראָקען געפרעגט. איך מיין, וויא לאנג איז עס שוין זינט איהר זיינט צוריק אריינגעקומען אין געצעלט?

— איך בין שוין דאָ א דריי מינוט, האָט דאנישעוו געענטפערט אָפענהערציג. איך האָב אייך ניט געוואָלט שטערען, ווען איהר האָט דעם בריעף געלעזען און ווען איך האָב נאָכהער געזעהען, אז איהר רעדט עפּעס צו זיך אליין, האָב איך אין איינינע ווערטער פערשטאנען —

אָרלאָוו איז אויפגעשפּרונגען א פערציטערטער און האָט דעם אָפיציער געקוקט גלייך אין דיא אויגען:

— זאָגט מיר דעם אמת, מאיאָר דאנישעוו, האָט ער אויסגערופען, האָט איהר געהערט אלעס וואָס איך האָב צו זיך גערעדט?

— יא, מיין גענעראל, איך האָב אלעס געהערט.

—דאן מוזט איהר מיר אייער עהרענוואָרט געבען, אלס סאָלדאט, אז איהר וועט עס קיינעם ניט אויסזאָגען.

דאנישעוו איז געבליבען שטעהן אין א גרויסער פערלעגענהייט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל דארויף ענטפערען. אָרלאָוו האָט פערשטאנען, אז ער ראנגעלט זיך מיט זיינע געדאנקען און ער האָט זיך ווידער געווענדעט צו דאנישעוו'ען:

— איך מוז אייך עראינערען, דאנישעוו, אז איהר דארפט נעהמען אין אנבעטראכט דעם פאקט, אז איהר זיינט געווען אן אָרימער יתום, ווען איך האָב אייך צום ערשטען מאָל קענען געלערנט אין פּעטערבורגער וייזען-הויז. איהר זיינט מיר געפעלען געוואָרען און איך האָב אויף מיר גענומען דיא פעראנטוואָרטליכקייט פאר אייך צו זאָרגען איהר זאָלט האָבען א גוטע צוקונפט. פאר מיין געלד זיינט איהר ערצויגען געוואָרען און פאר אייער גאנצע יעצטיגע קאַריערע האָט איהר נאָר מיר צו פערדאנקען. ניט קוקענדיג דארויף וואָס איהר

זיינט ערשט בלויז זיבען און צוואנציג יאָהר אלט, זיינט איהר שוין א מאַיאָר און אויב איהר ווילט מיט דער צייט טראָגען גענעראל־עפּאָלעטען, בין איך דער איינציגער וואָס קען אייך דאצו העלפען.

— דאָס איז אמת, גענעראל, איך האָב אייך זעהר פיעל צו פערדאנקען.

— אויב איהר אליין זיינט מודה, אז איהר האָט מיר פיעל צו פערדאנקען, האָט אָרלאָוו פּאַרטנעזעצט אונרוהיג, פערלאנג איך פון אייך א שבועה, אז איהר וועט מיך ניעמאלס פערראטהען. גיט מיר אייער האנד, קאמעראד!

דאנישעוו האָט איהם דיא האנד געגעבען און האָט ניט ווילענדיג געזאָגט:

— איך וועל שווייגען, אָבער נאָר אזוי לאנג וויא איהר וועט בלייבען ביי'ם רעדען. אָבער קוים וועט איהר ווירקליך אָנפאנגען עפּעס צו טהאָן, דאן קענט איהר פון מיר ניט פערלאנגען איך זאָל שווייגען. איך וויל איהר זאָלט פערשטעהן איינמאָל פאר אלע מאָל איין זאך: אז קיין רעבעל, קיין פעררעטהער בין איך קיינמאָל ניט געווען און וועל עס קיינמאָל ניט זיין. אָבער לאָמיר דער־פון יעצט מעהר ניט רעדען, גענעראל.

אָרלאָוו האָט זיך פון איהם אָבגעקעהרט מיט צאָרן און האָט אין דער מינוט נאָך מעהר איינגעזעהען, אז ער וועט זיינע פּלענער געגען דער קייזערין בשום אופן ניט קענען דורכפיהרען. דיא גאנצע ארמעע איז בעצויבערט און בע־גייסטערט פיר'ן נאָמען קאטהערינא, מיט געוואלד וועט ער אלזאָ גאָר ניט קע־נען מאכען און דיא איינציגע זאך וואָס בלייבט יעצט צו טהאָן איז נאָר צו ארבייטען דורך שטילע אינטריגעס, און דאָס האָט ער פעסט בעשלאָסען זאָ־פאָרט אָנצופאנגען.

אין דיעזען אויגענבליק האָבען זיך דיא פאָרהאנגען פון זיין געצעלט אויפ־געהויבען און פיער סאָלדאטען האָבען אריינגעפיהרט דעם געפאנגענעם קאָזאַ־קען־אטאמאן.

ער איז נאָך געווען א יונגער מאן און א מערקווירדיגער שטאָלץ האָט גע־רוהט אויף אלע זיינע גליעדער. טראָץ דעם וואָס זיין קערפּער איז געווען פול מיט וואונדען, איז פון דעסטוועגען אויף זיין געזיכט ניט געווען צו בעמערקען קיין איינציגער אויסדרוק פון שמערץ. אָרלאָוו האָט אויף איהם א קוק געטהאָן און איז געבליבען זיצען וויא פערשטיינערט פון געוואלטיגע איבערראשונג. עס האָט נעדויערט א היבשע צייט ביז ער איז צו זיך געקומען. דאן האָט ער געגעבען א וואונק צו דיא סאָלדאטען זיי זאָלען זיך צוריקציהען און ער האָט זיך געווענדעט צום מאַיאָר דאנישעוו מיט פאָלגענדע ווערטער:

— אייך אליין, קאמעראד, קען איך פערטרויען, דארום בעט איך אייך צו פערבלייבען אויף דער וואך ארום דעם געצעלט און אכטונג געבען, אז פּופציג טריט רונד ארום זאָל קיינער ניט צוגעהן וועהרענד איך וועל ביי דיעזען געפאנ־גענעם קאָזאק אלעס חוקר ודורש זיין.

דאַנישעוו האָט זיך מיליטעריש פערנייגט און איז ארויסגעגאַנגען. אָרלאָוו האָט אוועקגעלעגט נעבען זיך אויף'ן טיש א געלאָדענעם רעוואָלווער און דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום געפאַנגענעם מיט א שטרענגען טאָן:

— וויא רופט מען דיך?

— צו וואָס דאַרפט איהר מיין נאָמען? א נאָמען איז גאָר ניט. דאָס ערקלערט ניט דיא געפיהלען וואָס א מענש טראָגט אין זיין ברוסט.

— אזוי, דו ביסט גאָר א פילאָזאָף? האָט אָרלאָוו געלאַכט, זעהר שעהן. זאָג זשע מיר וואָס פאַר געפיהלען טראָגסט דו אין דיין ברוסט?

— האַס און פעראַכטונג צו גרעגאָר אָרלאָוו.

— אלזאָ הייסט עס, אז דו האָסט געגען מיר פערזענליך א שנאה. וויא זשע קומט עס, וואָס דו נעהמסט אנטהייל אין דעם רעבעלען־קריעג געגען דער קייזערין? וויא קומט וואָס דו האָסט זיך פעראייניגט מיט דיא טאַטאַרען? האָסט דו דאָס אַלעס געטהאָן אום מיר צו שאַדען?

— געוויס. איך האָב געוואָלט פערניכטען דיך און דיין גאַנצע אַרמעע. אָבער איך האַס אויך דיא קייזערין דערפאַר וואָס זיא האָט דיר אזא גרויסע מאַכט געגעבען אזוי פיעל שלעכטעס צו טהאָן.

— און וואָס א שטייגער וואָלסט דו מיט מיר געטהאָן, ווען איך וואָלט לעבעדיג אין דיינע הענד אריינגעפאַלען? וויא איך זעה, ביסט דו אַן אמת'ער מענש, און ס'איז מיר גאַנץ אינטערעסאַנט צו וויסען, וואָס וואָלט געוועזן, ווען איך זאָל שטעהן פאַר דיר גראַדע אזוי וויא דו שטעהסט יעצט פאַר מיר.

— איך אליין וואָלט דיר גאָר ניט געטהאָן. איך וואָלט דיך נאָר איבערגעגעבען אין דיא הענד פון א מיידעל, געגען וועלכער דו האָסט שווער געזינדיגט, האָט דער קאָזאַק געענטפערט נאָך א קורצען נאָכדענקען.

— אָה, דו מיינסט דאַמיט דיא שעהנע ליוויא? איך וויים, זיא איז דיין כלה. זאָג מיר, וואו געפינט זיא זיך יעצט?

— דאָרט וואו דו קענסט זיא ניט בעקומען, האָט דער קאָזאַק געענטפערט מיט א פערביסענעם צאָרן.

— ועסט דו שוין מיר ענדליך זאָגען דיין נאָמען? האָט אָרלאָוו ביי איהם געפרעגט און האָט אויסגעשטעלט זיין רעוואָלווער געגען געפאַנגענעם. אָבער דעם אמת'ען נאָמען דיינעם, דאַן גיב איך דיר מיין וואָרט, אז דו וועסט דערפון קיין שאַדען ניט האָבען.

— מיין נאָמען איז עמעליאַן פוגאַטשעוו.

— וואו געבאָרען?

— אין דיא אוקראינא־סטעפּעס. גענוי דעם אָרט וויים איך ניט. דאַמאָלס האָבען אונזערע קאָזאַקען שטענדיג ארומגעוואַנדערט און זיינען קיינמאָל ניט געבליבען לאַנג אויף איין פּלאַץ.

— און ווער איז געווען דיין פאטער?

— א קאזאק, וויא איך. איך האב איהם קיינמאל ניט געקענט. אבער מיין מוטער פלעגט מיר פון איהם אימער דערצעהלען, אז ער שטאמט ארויס פון דער פאמיליע מאזעפא, וועלכער איז געווען דער גרעסטער העלדישער אנפיהרער פון אונזערע קאזאקען.

— קום אהער נעהענטער, האט איהם ארלאוו גערופען, איך האב דיר צו פערטרויען א וויכטיגע זאך. זאלסט וויסען, אז דיין מוטער האט דיר געזאגט א ליעגען. דו שטאמסט ארויס ניט פון מאזעפא'ן, נור פון דער קייזערליכער פאמיליע ראמאנאוו. איך שווער דיר ביי גאט, אז דו ביסט א זוהן פון צאר פעטער דעם דריטען. דו ביסט דער זוהן פון דעם יעניגען, וועלכען קאטהערינא האט אראבגעווארפען פון טהראן און נאכהער ערמארדעט.

פוגאטשעוו האט אויפגעשטעלט מויל און אויערען און ערשט יעצט האט ער פערשטאנען ווארום דיא עלטערע קאזאקען פון זיינע בעקאנטע זאגען איהם אימער, אז ער זעהט אויס וויא פעטער דער דריטער.

— זעץ זיך, פוגאטשעוו, האט ארלאוו פארטגעזעצט, און האט איהם אליין א בענקעל צוגעטראגען. מיין ראטה וואלט זיין: זיי א מאן און קעמפף אויס דיינע רעכטע! געה נאך פעטערבורג און פערכאפ דעם טהראן, וועלכער בע־לאנגט צו דיר!

ארלאוו האט זעהר גוט בעמערקט דעם טיעפען איינדרוק וואס זיינע ווער־טער האבען אויף'ן געפאנגענעם געמאכט. אין הארצען האט ארלאוו געוואוסט, אז דיא גאנצע געשיכטע איז א ליעגען. פעטער דער דריטער איז קיינמאל ניט געווען אין דיא קאזאקען סטעפעס און האט קיינמאל מיט קיין קאזאקען־פרוי ניט געהאט צו טהאן. אבער ארלאוו האט דיא געשיכטע געדארפט זעהר נויטיג צו זיינע אינטריגעס און פאר שווערען פאלש האט ער זיך קיינמאל ניט אבגע־שטעלט, ווער שמועסט דאן, ווען עס האט זיך געהאנדעלט אום דורכצופיהרען זיינע אינטריגען.

— יא, דו ביסט א ראמאנאוו, האט ארלאוו ווייטער גערעדט צו פוגאט־שעוו'ען און איך שווער דיר ביי גאט אז דאס איז דיא ריינע וואהרהייט. איך אליין האב מיט פעטער דעם דריטען געמאכט א רייזע אין דער אוקראינע. נאטירליך זיינען מיר ביידע געווען פערשטעלט, אז מען זאל אונז ניט דער־קענען. איין אבענד האבען מיר אנגעטראפען א יונגע קאזאקען־מיידעל אליין אין פעלד. ס'איז דאן געווען זעהר הייס און זיא איז געלעגען אויף'ן גראז שרעקליך פערמאטערט פון דער היץ. פעטער איז נאך דאן געווען א יונגער קרוין־פרינץ און ער איז פון איהר שעהנהייט ענטציקט געווארען. ער האט דיא מיידעל מיטגענומען אין זיין געצעלט, וואו זיא איז פערבליבען מיט איהם ביז נעכסטען פריה־מארגען. דיעזע קאזאקין איז געווען דיין מוטער.

פוגאטשעוו איז געבליבען זיצען פערטראכט. אין זיין מוח האָבען געשטו־רעמט פערשיעדענע געדאנקען. עס הייסט אלזאָ, אז ער איז געבאָרען געוואָרען פון א קייזער. אָבער נאָך אלעמען איז ער דאָך ניט מעהר וויא א ממזר, און איהם האָט שרעקליך געערגערט דאָס וואָס זיין מוטער האָט איהם אזוי העסליך גענאַרט.

פון דער צווייטער זייט אָבער האָט זיך אין איהם דערוועקט דער געפיהל פון שטאָלץ, וואָס ער קומט פון קייזערליכע בלוט.

און אָרלאָוו האָט געקוקט פוגאטשעוו'ען גלייך אין געזיכט, וויא ער וואָלט איהם וועלען פערהיפּנאָטיזירען, און האָט ווייטער גערעדט:

— עס איז מיר אָנגעקומען גאנץ שווער דעם נעכסטען טאָג איבערצורעדען דעם פּרינץ מיר זאָלען ווייטער רייזען. ער האָט געוואָלט בלייבען מיט דער שעהנער קאָזאקען־מיידעל אין דיא סטעפּעס וואָכען און מאָנאטען לאנג. נאָר איך האָב איהם אוועקגענומען און מיר זיינען זאָפאָרט אָבגעפאָהרען. דער כאַ־ראקטערלאָזער פּרינץ האָט שנעל אין דער גאנצער געשיכטע פערגעסען. אָבער איך האָב דיין מוטער פון דיא אויגען ניט פערלאָרען און האָב געוואוסט ריכטיג דיא צייט, ווען דו ביסט געבאָרען געוואָרען. ווייסט דו, פוגאטשעוו, וואו עס געפינען זיך אין דער סטעפּע דיא דריי הייליגע אייכען־בוימער?

— געוויס. יעדער קאָזאק פערגעטערט דיעזע דריי בוימער. איינמאָל אין יאָהר, אין א געוויסע נאכט, פערזאמלען זיך אהין אלע פערשיעדענע קאָזאקען־שבטים און מיר בעטען דאָרט, אז אונזער קעניגרייך זאָל ווידער אויפגעבויעט ווערען.

— איך קען דיר אלזאָ ערקלערען פאָלגענדעס: ניין חדשים נאָכדעם וויא דו ביסט געבאָרען געוואָרען, האָב איך זיך געזעהען מיט דיין מוטער און האָב איהר איבערגעגעבען א טהייערע זאַך — דאָס בילד פון פעטער דעם גרויסען אין א גאָלדענעם מעדאליאָן אויפגעהאנגען אויף א גאָלדענע קייטעל, אום מען זאָל דאָס קענען אויף'ן האלז טראָגען. דו מוזט ווייסען, פוגאטשעוו, אז עס גיעבט נאָר איין איינציגע בילד אזעלכע וואָס געהט איבער פון איין רעגיערענדען צאר צום אנדערען. און דאביי וועל איך דיר אויסזאָגען דעם אמת, אז איך האָב דאָס בילד צוגענומען ביי'ם צאר פעטער אָהן זיין ווייסען און האָב עס איבער־געגעבען צו דיין מוטער, כדי זיא זאָל האָבען א בעווייז, אז דו, איהר זוהן, שטאַמסט ארויס פון'ם רוסישען צאר. מיר האָבען דאן דאָס בילד פערגראָבען אונטער דעם מיטעלסטען פון דיא דריי אייכען־בוימער און דיין מוטער האָט מיר פערשפּראָכען, אז ווען דו וועסט גרויס ווערען, וועט זיא דיר דיעזע בילד אי־בערגעבען. וויא איך זעה, האָט זיא דאָס ניט געטהאָן. אין איהר מוטערליכע זאָרג וועגען דיין צוקונפט האָט זיא וואהרשיינליך געגלויבט, אז ס'איז פאַר דיר

גלייכער און בעסער, דו זאלסט קיינמאל ניט געוואר ווערען דעם סוד פון דיין קייזערליכע אבשטמונג.

פוגאטשעוו איז א פערציטערטער געווארען פון דיעזער ענטדעקונג. ער האט יעצט פאלשטענדיג געגלויבט אין יעדעןווארט וואס ארלאוו האט איהם דערצעהלט און ער האט יעצט געגוי פערשטאנען וויא צו ערקלערען דאס וואס ער איז אזוי עהנליך צום צאר פעטער דעם דריטען. ווען ער זאל ווירקליך גע־פינען דאס בילד אונטער יענעם בוים, וועט ער דאך האבען א פאלשטענדיגען בעוויז וועגען זיין אבשטאמונג.

— איך בין אלזא א ראמאנאוו! האט ער אויסגערופען אויפגערעגט, א זוהן פון צאר פעטער! אבער וואס זאל איך טהאן? וויא קען איך צו מיין געבורטס־רעכט קומען?

— איך וועל דיר זאגען, מיין פריינד, וואס דו זאלסט טהאן, האט ארלאוו געענטפערט מיט א געלאסענעם טאן. דו דארפסט דיא קאזאקען ניט דערצעה־לען, אז דו ביסט אן אונגעזעצליכער זוהן פון צאר פעטער. דאס וועט אויף זיי מאכען א שלעכטען איינדרוק. געה בעסער נאך א טריט ווייטער — דו ווייזט אוים פיעל עלטער וויא דיינע יאהרען, פונקט וויא דיין פאטער, און דא אין דיעזע געגענדען ווייסט אויך קיינער ניט וואו דו האסט דיין יוגענד פערבראכט. דאס זיינען אלץ אזעלכע זאכען, מיט וועלכע דו קענסט זיך זעהר גוט בענוצען. דו געה צו דיא קאזאקען און זאג זיי, אז דו אליין ביסט צאר פעטער דער דריטער; זאג זיי, אז עס איז דיר געלונגען צו אנטלויפען פון געפענגניס, וואו דיין אונ־טריע, גרוזאמע פרוי האט דיך איינגעשפארט. ערקלער זיי, אז דו ביסט צו דיא קאזאקען געקומען, ווייל דו ווייסט, אז זיי זיינען דיינע געטרייעסטע אונטער־טהאנען. פערשפרעך זיי, אז ווען דו וועסט צוריק דיין טהראן געווינען דורך זייער הילף, וועלען דיא קאזאקען אנפיהרער ביי דיר האבען דיא גרעסטע דעה, זיי וועלען זיין דיינע יועצים, דיינע מיניסטארען, און אז דו וועסט פאר זיי גרינדען א נייע, פרייע קאזאקען־קעניגרייך.

פוגאטשעוו האט יעדעס ווארט געשלונגען, ער האט געקוקט ארלאוו'ען גלייך אין מויל אריין, ער זאל חלילה קיין איינציגע זילבע ניט פערליערען, און אם ענדע האט ער אויסגערופען מיט גרוים התפעלות:

— יא, ווען איך זאל צו מיינע קאזאקען רעדען אזעלכע ווערטער, בין איך זיכער, אז זיי וועלען מיך מיט טריאומף טראגען איבער'ן גאנצען לאנד, ביז איך וועל קומען אין פעטערבורג און וועל צושמעטערען יעדע הינדערניס וואס וועט זיך מיר שטעלען אויף'ן וועג צום טהראן. אבער — וואס פאנטאזיר איך? אין דיעזען מאמענט בין איך דאך אן ארימער געפאנגענער און איין וואונק פון דיר צו דיינע הענקערס פיהרט מיך צום טויט.

— דו ביסט פריי, פוגאטשעוו! האט ארלאוו ערקלערט רייכענדיג איהם

דיא האנד. דו און דיינע קאמעראדען זיינען פריי. איהר קענט געהען וואוהין איהר ווילט, אויב דו וועסט מיר נאר צוזאגען ערפילען מיינע בעדינגונגען וואס בעשטעהען אין דעם, אז אין זעלבען טאג, ווען דו וועסט אלס צאר געקרוינט ווערען, זאלסט דו הייסען מען זאל דיא געוועזענע קייזערין קאטהערינא איינשפארען אין נעווסקי סאבאר און איך זאל זיין איהר אויפזעהער. וואס אנבעטרעפט איהר געליעבטען אלעקסאנדער פאטעמקין, איהם זאל מען איינשליסען אין א שטייג וויא א ווילדע חיה און איבערגעבען אין מיינע הענד, איך זאל מיט איהם טהאן וואס איך וויל, איך זאל איהם קענען מאטערען, פייניגען, שניידען פון איהם שטיקער — אלעס זאל איך האבען רעכט מיט איהם צו טהאן.

— גוט, איך שטים איין דארויף, האט פוגאטשעוו געענטעפערט נאך א קורצער איבערלייגונג. קאטהערינא און פאטעמקין זאלען צו דיר געהערען; און דאס זיינען אלע דיינע בעדינגונגען?

— אלע. פאר זיך דארף איך קיין אמט ניט און פאדער קיין בעלאהנונג. בלויז איין געפעליגקייט האב איך נאך פון דיר צו בעטען. דיר איז דיא סטעפע גוט בעקאנט. דו ווייסט דעם קורצעסטען וועג צום לאגער פון דיא טאטארען, וועלכע איך וויל יעצט געהן אנגרייפען. ווילסט דו פיעלייכט זיין אזוי גוט דאס איינע מאל בלויז מיטגעהן מיט מיר אלס וועג־ווייזער?

— ניין, האט פוגאטשעוו געענטפערט מיט א פעסטען בעשלוס. זאגאר פאר א קרוין וועל איך דאס ניט טהאן. כאן מוהאלא איז מיין פריינד. אין דיעזען אויגענבליקווארט ער נאך אויף מיר, ווייל ער ווייסט ניט, אז איך און מיינע קאזאקען זיינען געשלאגען געווארען אין דיא שווארצע בערג. זאל איך יעצט ווערען א פעררעטהער? ניין, גרעגאר ארלאוו! בעסער וועל איך אלעם אויפגעבען און בלייבען אין דער זעלבער לאגע וויא איך געפין זיך יעצט.

— אז דוא ווילסט ניט, דארף מען ניט, האט ארלאוו בעמערקט מיט א צופריעדענעם טאן, איך וועל שוין זעהן אהן דיר אויסקומען. יעצט קענסט דוא געהן און פערבלייבען ביז מארגען אין לאגער, ביז איך וועל פון'ם שלאכט צוריק קומען, און דאן ביסט דוא פאלקאמען פריי. איך וועל פאר דיר און פאר דיינע קאמעראדען פערזארגען גוטע פערד און דוא וועסט אנפאנגען דיין אונטערנעהמונג, וואס וועט דיך זיכער פיהרען צו דער העכסטער מדרגה פון האנאר און גליק. געה.

באלד וויא פוגאטשעוו האט ארלאוו'ס געצעלט פערלאזען, האט ארלאוו אריינגערופען צו זיך דעם מאיאר דאנישעוו און האט צו איהם געזאגט:

— פריינד דאנישעוו, איך וויל אייך בעטען א פערזענליכע געפעליגקייט, וועלכע איך קען נור אייך איינפערטרויען. איהר וועט זיך דערפון אויך איבערציינגען, אז איך האב אויפגעגעבען מיין פלאן צו קעמפפען געגען דער קייזערין. איך זוך נאר יעצט א מיטעל וויא מיט איהר ווידער פריעדען צו שליסען.

— אַה, גענעראל, האָט דער מאיאָר אויסגערופען העכסט ערפרעהט, עס וואָלט מיר ווירקליך הנאה געטהאָן, ווען דיא קייזערין זאָל אייך ווידער אויפ־נעהמען מיט ליעבע און גנאדע און איהר זאָלט זיין צו איהר טריי און איבער־געבען וויא געווען!

— וועניגסטענס וועל איך עס פּראָבירען, מיין ליעבער דאנישעוו, און אַט וואָס איך וועל טהאָן. איך דארף אייך קיין סך מעשיות ניט דערצעהלען. איהר ווייסט, אז יאָהרען לאנג בין איך געווען דער קייזערין'ס איינציגער געליעבטער. זיא איז מיר געווען טריי און איבערגעבען מיט איהר גאנצער נשמה און יעצט האָט זיא זיך פון מיר ערוויטערט און וויל פון מיר מעהר ניט וויסען. אין דער צייט פון מיין גרויסע שמערץ און פערצווייפלונג האָב איך פאר מיין אָבפאָהרען זיך געווענדעט צו א ציגיינערין. איהר שמייכעלט, דאנישעוו, ביי אייך קומט עס אויס לעכערליך, איך זאָל גלויבען אין אזעלכע דומהייטען, דאָך מוז איך זאָ־גען, אז יענע ציגיינערין בעזיצט ווירקליך א וואונדערבארע איבערנאטירליכע קראפט דיא צוקונפט צו פּראָפעצייהען און זיא ווייסט אַנצואווענדען געהיימע מיטלען וויא צו בעהערשען יעדען מענשען'ס הארץ און זיינע געדאנקען. דיעזע ציגיינערין האָט מיר געגעבען א ראטה וויא צו מאכען, אז דיא קייזערין זאָל ווידער איהר הארץ ווענדען צו מיר.

— און אין וואָס בעשטעהט דיעזער ראטה? האָט דאנישעוו געפרעגט מיט אן אונגלויבליכע מינע שמייכלענדיג.

— נעהם דיא טהייערסטע זעלטענהייט וואָס דוא בעזיצט, האָט דיא צי־גיינערין צו מיר געזאָגט, א זעלטענהייט וואָס קיינער אויסער דיר האָט עס ניט, און בעגראָב עס אונטער'ן מיטעלסטען אייכענבוים פון דיא דריי היילינע אייכען אין דער אוקראינא, דאן וועט קאטהערינא אין א קורצע צייט ארום דיך ווידער אָנפאנגען צו ליעבען. דיא ציגיינערין האָט מיר דאביי ערקלערט, אז דאָס דארף טהאָן ענטוועדער איך פערזענליך אָדער איינער פון מיינע בעסטע פריינד, קיין זייטיגער מענש דארף דערפון ניט וויסען.

דאביי האָט אָרלאָוו ארויסגענומען פון ברוסט־טאש א קליינע באָקסעלע און האָט עס געעפענט.

— איהר זעהט, מאיאָר דאנישעוו, האָט ער געזאָגט, איהר זעהט דיעזען מעדאליאָן? דאָ איז דאָס בילד פון פעטער דעם גרויסען. דאָס איז ביי מיר דיא טהייערסטע זאַך, ווייל דאָס האָט מיר קאטהערינא אליין מיט איהרע הענד געגעבען און קיין מענש אין דער וועלט אויסער מיר בעזיצט ניט אזא זעלטענ־הייט. איך האַלט אייך פאר מיין בעסטען פריינד, מאיאָר דאנישעוו, און איך בעט אייך, נעהמט אָן דיעזען אויפטראג פאר מיר צו ערפילען.

— מיט'ן גרעסטען פערגעניגען, האָט דער מאיאָר געענטפערט. טראָגט דעם וואָס איך גלויב ניט אין אזעלכע צויבער־מיטלען, פון דעסטוועגען וועל איך

עס טהאָן, ווייל איך בין זעהר צופריעדען מיט'ן בעוויז אז איהר מיינט ווירקליך צוריק גוט צו ווערען מיט דער קייזערין.

דער יונגער מאיאָר האָט ביי אָרלאָוו'ען גענומען דעם מעדאליאָן און איז שנעל אוועק דעם בעפעהל צו ערפילען, ווערהרענד אָרלאָוו האָט איהם נאָכגעקוקט מיט טייפעלשע אויגען און מיט א ווילדען שמייכעל אויף'ן געזיכט.

אין א פּאָר מינוטען ארום איז אָרלאָוו ארויס פון זיין געצעלט און האָט מיט א שטילע שטימע גערופען.

— פּאכאָמקע, דו פערדאמטער טייפעל, וואו ביסט דו ערגיץ? אהער געה!

פּאכאָמקע איז געוועזן א הויקערדיגער קאלמיק, א העסליכע בריאה, דאָך האָט מען איהם אין לאגער שטארק רעספּעקטירט, ווייל מען האָט געוואוסט, אז ער איז אָרלאָוו'ס פערטרויעסטער דיענער און געפינט זיך שטענדיג ארום זיין פּערזאָן.

פּאכאָמקע איז געלעגען אונטער'ן געצעלט צוזאמענגעקאָרטשעט, ווען אָר־לאָוו האָט איהם גערופען, און שנעל וויא א בליץ האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז צוגעלאָפען צו אָרלאָוו'ען.

— הער נור, פּאכאָמקע, האָט איהם אָרלאָוו שטילערהייט געזאָגט, ווען ער איז מיט איהם אריין צוריק אין געצעלט, מאיאָר דאנישעוו פּאָהרט באלד ארויס פון לאגער, דו זאָלסט איהם נאָכרייטען פון ווייטען אונבעמערקט. ער פּאָהרט פון דאנען צו דיא הייליגע דריי אייכען־בוימער. ביז אהין דארפסט דו איהם ניט נאָכפאָהרען, זאָלסט פערבלייבען נעבען ברונעם ווארטען, א האלב שטונדע וועג פון דאָרטען. ווען דאנישעוו וועט פּאָהרען צוריק, זאָלסט דו זעהן, אז מעהר זאָל קיין דאנישעוו אויף דער וועלט ניט זיין. האָסט דו מיך פערשטאנען, גוטער טייפעל מיינער?

— פערשטאנען, האָט דער העסליכער קאלמיק געענטפערט מיט א גרימאַ־סע פון בלוטדורשטיגע פרייד.

— דאן געה, און מאָרגען זאָלסט דו מיר וועגען אלעם מעלדען. אָבער געדענק: איך זאָג דיר פריהער, אז קוים וועסט דו מיין בעפעהל ניט ריכטיג ער־פילען, וועל איך אליין דיר דיין העסליכען קאָפּ אָבהאקען.

ווען אָרלאָוו איז געבליבען אליין, האָבען זיינע אויגען געבליצט מיט בע־פרידיגטע ראכע.

— דיא שפּיעל האָט זיך אָנגעפאנגען, האָט ער געמורמעלט צו זיך אליין, באלד וועט ווייט און ברייט פלאַקערען דער פייער פון א שרעקליכען אויפשטאנד. אזוי האָסט דו געוואָלט, קאטהערינא! דו האָסט מיך פון דיין טרייעסטען פריינד פערוואנדעלט אין דיין גרעסטען פיינד, וואָס דו האָסט ווען אין דיין לעבען גע־האָט. איך וועל דיר יעצט צייגען וואָס עס הייסט אן אָרלאָוו נעגען זיך אויפ־צורייצען. טויט און פערדערבען דיר און דיין אלעקסאנדער פּאָטעמקין!

12מער קאפיטעל
קאטהערינא'ס געהיימנים.

אין א שעהנעם פריהלינג פריה־מארגען, באלד וויא דיא זון איז אויפגע־גאנגען, איז קאטהערינא געזעסען ביי איהר ארבייטס טיש און האט געלעזען פערשיעדענע בריעף און דאקומענטען. עס איז נאך אפילו געווען זעהר פריה, דיא גרעסטע טהייל פון פעטערבורג, איבערהויפט אין דיא רייכע פאלאסטען, איז נאך געשמאק געשלאפען, אבער דיא טהעטיגע ענערגישע קייזערין האט זאגאר איהרע רוהע־שטונדען געאפפערט, ווען עס האט זיך געהאנדעלט אום דאס וואהל פון איהר לאנד און איהרע אונטערטהאנען.

דיא לעצטע צייט איז זיא געווען שטארק בעשעפטיגט מיט דער פער־שווערונג, וואס ס'איז ענטדעקט געווארען אין שליסעלבורג. דיא קייזערין איז געזעסען ביי איהר שרייב־טיש און האט געלעזען א בעריכט, וואס גראף פאנין האט איהר צוגעשטעלט. אין דיעזען בעריכט זיינען געווען אלע ערקלע־רונגען, וואס דיא פערשווערער האבען געגעבען דעם סליעדאוואטעל פא וואזשנים דיעלאם. דער בעריכט האט אויך ענטהאלטען א פאלשטענדיגע ער־קלערונג וועגען אנפיהרער מיראוויטש.

— שלאנגען! האט דיא קייזערין אויסגערופען, וועהרענד איהר לויטערע געזיכט איז בעצויגען געווארען מיט א וואלקען פון צארן. זיי האבען געמאכט א פערשווערונג פון מיר אוועקצונעהמען רוסלאנד'ס קרוין. זיי דיינקען, אז איך וועל זיך באלד דערשרעקען, ווייל איך בין ניט מעהר וויא א פרוי, איך וועל מורא האבען, קלערען זיי, און איך וועל אליין אנטלויפען פון א טהראן, וואס איז אונטערוואָרפען צו אזוי פיעל געפאהר. אבער איהר האט א ביטערען טעות, רעבעלען. איך וועל אייך צייגען וויא שרעקליך א פרוי קען בעשטראפען איהרע בונטאווטשיקעס!

קאטהערינא איז אויפגעשטאנען און ארומגעהענדיג איבער'ן צימער הין און צוריק, האט זיא צו זיך אליין געמורמעלט:

— און דיעזער מיראוויטש, דער אנפיהרער פון דער פערשווערונג, וויל קיין זאך ניט אויסזאגען. ער האלט זיך שטאל און אייזען, א ווארט וויל ער ניט רעדען וועגען אנדערע וואס זיינען מיט איהם פערבונדען. ס'איז דאך אונמעג־ליך, אז דער געדאנק צו בעפרייען דעם אונגליקליכען איוואן אנטאנאוויטש שטאמט פון אן איינפאכען אפיציער. דא זיינען געווים פערבונדען אנדערע הע־בערע פערזאנען און ביי מיר איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז דער גאנצער אויפ־טהוער פון דער בעוועגונג זאל זיין גרעגאר ארלאוו. ער איז אויף אלעס פעהיג. און גראדע אין דער צייט, ווען איך האב איהם פון זיך פערשטויסען, האט דיא פערשווערונג אויסגעבראכען. אה, ווען עס וואלט נור מעגליך געווען דאס ארויס־

צוקרינען פון מיראָוויטש'ען, וואָלט דאָס ביי מיר ווערט געווען א האַלבע מלוכה. איך מוז עס וויסען!

באלד איז זיא צוריק צו איהר דעסק צוגעגאנגען, האָט א קלונג געטהאָן און איהר דעזשורנער אָפיציער פון דער לייב־גוואַרדיע איז אריינגעקומען.

— זעהט אכטונג געבען, קיינער זאָל מיר ניט שטערען. איך וועל א פאאר שטונדען זיין שטארק בעשעפטיגט און קען מיט קיינעם ניט שפרעכען, האָט קאטהערינא איהם געזאָגט.

דער אָפיציער האָט איהר געענטפערט, אז דער מאיעסטעטישער בעפעהל וועט ריכטיג ערפילט ווערען, און איז ארויס פון צימער.

קאטהערינא איז דאן אוועק אין א צווייטען צימער, דאָרט האָט זיא ארויס־גענומען פון איהר בוזים א קליינעם שליסעל, וואָס זיא האָט געטראָגען אויף א זיידענעם באנד, און האָט אויפגעעפענט א טיהר דורך וואנען זיא איז אריינ־געקומען אין צימער, וואָס האָט אויסגעזעהן וויא א פראכטפאָלער גארטען פון דיא אָריענטאלישע לענדער. ארום דיא ווענד זיינען געווען אויסגעשטעלט טהייערע בוימער און פלאנצונגען, וואָס האָבען געשמעקט וויא דיא טהייערסטע פארפיומען.

דיא דאָזיגע צימערען זיינען געווען דיא ערשטע פון א גאנצע רייהע אפארט־מענטס, וואָס קאטהערינא האָט מיט קייזערליכע פראכט געלאָזט אויסשטאַ־טען פאר איהר געליעבטען אלעקסאנדער פאָטעמקין. נאָך איהרע אלע שווערע אָנשטרענגונגען וואָס זיא האָט וועגען וויכטיגע רעגיערונגס אנגעלעגענהייטען קומט זיא אימער אהער זיך אויסצורוהען אונטער דיא פליגעל פון ליעבע. דאָ הערט זיא אויף צו זיין קייזערין און הערשערין; דאָ איז זיא א פרוי, א גוטע, א שעהנע, ליעבענדע פרוי.

קאטהערינא איז דורכגעגאנגען נאָך צוויי צימערן און איז אריינגעקומען אין א פאָר־זאל, וואו א געזונדטער, ריעזענהאפטער ניגער איז געלעגען אויף א בערענפעל. דיעזער ניגער, מיט'ן נאָמען האָסאָן, האָט געשטאמט פון עטהיאָפיען לאנד, פון וואנען א גענעראל האָט איהם מיטגעבראכט. קאטהערינא האָט דיעזען שטארקען אפריקאנער ניגער געשענקט איהר געליעבטען פאָטעמקין אלס דיענער און וועכטער.

אויך דיעזער אָפריקאנער האָט זעהר ליעב געהאט פאָטעמקין'ען פיר זיין פריינדליכקייט. האָסאָן איז געווען טריי און איבערגעבען צו זיין הערר מיט לייב און לעבען. ער איז געווען גרייט פאר איהם צו לויפען דורך פייער און וואַ־סער. ווען פאָטעמקין איז געשלאָפען, איז דיעזער ניגער געלעגען ביי'ם טיהר אויף דער בערען־פעל, און ווען וואָלט זיין צו דעם יעניגען וואָס זאָל וועלען אי־בערטרעטען דיא שוועל אָהן דער ערלויבניס פון פאָטעמקין'ען. דער ניגער וואָלט אזא אונגעבעטענעם גאסט לעבעדיג געוויס ניט ארויסגעלאָזט פון הויז.

ווען דער שווארצער ניגער האָט דערהערט, אז יעמאנד קומט אריין, איז ער אויפגעשפּרונגען און האָט געכאפּט אין האנד א שארפען, ברייטען מעסער. אָבער ווען ער האָט נור דערזעהן, אז ס'איז דיא קייזערין, איז ער שנעל אויף דיא קניע געפאלען מיט'ן געזיכט צו דער ערד און איז אזוי געבליעבען וואר־טענדיג ביז קאטהערינא וועט אָנפאנגען צו רעדען.

— שלאָפט ער גאָך? האָט קאטהערינא געפרעגט מיט א ליעבליכע שטימע.

— יא, מאיעסטעט. ער שלאָפט.

— דאן וועל איך איהם אליין אויפוועקען, האָט זיא געזאָגט, דו האָסט, געה און גיב אכטונג, אז קיינער זאָל אהער ניט אריינקומען.

וויא א שווארצער שאָטען איז דער ריעזען־ניגער פערשוואונדען און קאטהע־רינא איז אריינגעגאנגען אין דעם שטילען שלאָף־צימער פון איהר געליעבטען.

דיא ערהאבענע אויסשטאטונג פון דיעזען צימער האָט יעדען געמוזט אי־בערטראָגען אין א גאנץ אנדערע וועלט. דיא װענד זיינען געווען טאפּעציערט מיט טהייערע בלויע זייד, געשטיקט מיט גאָלד. דער פלאָר איז געווען בעדעקט מיט דיא טהייערסטע פּערזישע קארפּעטס. פיער גאָלדענע געטינען פון ליעבע האָבען אויף זייערע הענד געהאלטען דיא בעט, אין וועלכער פּאָטעמקין איז געשלאָפען. איבער'ן בעט איז וויא מיט א חופּה געווען בעצויגען א בלוי־זיי־דענער הימעל, אין וועלכען עס האָבען געפינקעלט בלישצענדע דיאמאנטען שטערען.

דורך דער האלב אָפענער טיהר האָט מען געקענט זעהן אין צווייטען צימער דאָס באדע צימער, וואו עס האָט זיך געפונען א גרויסער מארמאָרנער באסיין ארומגערינגעלט מיט פערשיעדענע ים־חיות, וואָס דיענען אלס פאָנטאנען און שפּריצען פרישע ערקוויקענדע וואסער אין באסיין.

קאטהערינא איז איין אויגענבליק געשטאנען פערטיעפט אין ענטציקונג. זיא איז ניט ענטציקט געוואָרען פון דעם רייכען פּראכטפאָלען צימער. דאָס האָט ביי איהר א קנאפּע ווערטה געהאט. אָבער איהרע אויגען האָבען געקוקט אויף דעם יעניגען, וואָס איז געלעגען אין א טיעפען שלאָף אויף דיא זיידענע קי־שענס. זיא האָט זיך אין איהם זאָט ניט געקענט אָנקוקען.

און ווירקליך האָט דאן פּאָטעמקין פאָרגעשטעלט א מערקווירדיגע בילד פון זעלטענע מענליכע שעהנהייט. זיין קראפטפאָלע ברוסט האָט לאנגזאם און רעגעלמעסיג געאטהעמט. זיין שעהנער מענער־קאָפּ, ארומגערינגעלט מיט דונ־קעלע לאָקען, האָט גערוהט אויף איין האנד, וועהרענד אין דער אנדערער האנד האָט ער געהאלטען עפּעס א גאָלדענע זאך.

דיא קייזערין איז גאנץ שטיל צוגעגאנגען נעהענטער. זיא האָט געוואָלט וויסען מיט וואָס האָט זיך איהר געליעבטער בעשעפטיגט ביז דעם מאָמענט, ווען

דער שלאף האט זיינע שעהנע אויגען בעהערשט. עטוואס אויפגערעגט האט זיא זיך אנגעבויגען איבער זיין בעט און אין דיעזען מאמענט איז זיא קוים אין שטאנד געווען איינצוהאלטען איהרע געפיהלען פון פריידע און פערגעניגען. זיא האט דערקענט אין זיין האנד דעם אפענעם מעדאליאן, געפאסט מיט בריליאנטען, אין וועלכען עס האט זיך געפונען איהר אייגענע בילד; דעם זעלבען מעדאליאן, וואס זיא האט מיט איהרע אייגענע הענד איהם אויף'ן האלדז אנגעטהאן. דאס איז ביי איהר געווען א בעוויז, אז ביז'ן מאמענט פון זיין איינשלאפען האט ער געקוקט אויף איהר בילד. זיא האט זיך אין דעם מאמענט גערעכענט אלס דיא גליקליכסטע אין דער גאנצער וועלט.

— וויא שעהן ער איז! האט זיא געמורמעלט צו זיך אליין קוקענדיג אויף'ן שלאפענדען וויא בערוישט, אויף זיין געזיכט רוהט עהרליכקייט און טרייהייט. יא, ער וועט מיך אימער ליעבען און אין איהם האב איך געפונען דעם וואהרען אידעאל פון א מאן. יעצט זעה איך, אז ער ליעבט ניט נור דיא קייזערין אלס קייזערין, נור ער ליעבט זיא אלס פרוי און ער וועט בלייבען מיינער פיר אימער און עביג.

מיט איהרע ווייסע ציטערענדע הענד, אויף וועלכע עס האבען געבליצט טהייערע בריליאנטען, האט זיא געגלעט זיינע לאקען, האט זיך לאנגזאם געבויגען טיעפער און טיעפער ביז זיא האט ענדליך צוגעפרעסט איהרע ראזע־ליפען אויף זיין שטערן.

פאטעמקין האט געעפענט דיא אויגען און אין נעכסטען מאמענט האט ער מיט זיינע קראפטפאלע ארמס ארומגענומען דיא שעהנע פרוי, האט זיא צוגעדריקט צו זיין ברוסט און זייערע זעעלען האבען זיך פעראייניגט אין פלאמענדע קוסען. דיא שטאלצע קייזערין, וואס פאר איהר האט גאנץ אייראפא געציטערט, האט יעצט איהר גאנצע ענערגיע פערלארען, זיא האט זיך איבערגעגעבען צו איהר געליעבטען מיט שעהמעוודיגע צערטליכקייט און בערוישט פון זיינע קוסען איז זיא געבליעבען ליעגען אויף זיין ברוסט וויא א ראזע אונטער דיא ברענענדע זאנענשטראהלען.

— וואס פיר א גליקליכער פריה־מארגען! האט פאטעמקין אויסגערופען. דו ביסט מיך געקומען אויפוועקען, טהייערע?

— איך טהו דאס זעלבע וואס יעדע ליעבענדע פרוי טהוט פאר איהר מאן און דיעזען פריה־מארגען האב איך געזעהן א זאך וואס האט מיך אמת גליקליך געמאכט. אבער דערפון וועלען מיר אן אנדערס מאל רעדען. יעצט, מיין געליעבטער, שטעה אויף און טהו זיך אן. איך האב פאר דיר עטוואס וויכטיגעס צו ענטדעקען.

מיט דיעזע ווערטער איז קאטהערינא אוועקגעגאנגען, האט זיך געשטעלט

אונטער דיא בלויע זיידענע גארדינען ביי׳ם פענסטער, וועהרענד פאטעמקין איז אויפגעשטאנען.

— דו דארפסט זיך ניט שעהמען, מיין ליעבלינג, האט זיא געזאגט, קוקענדיג אין פענסטער, דו ביסט געוואהנט יעדען פריה־מארגען נעהמען א קאלטע באד. טהו עס היינט אויך. איך וועלווארטען ביז דו וועסט פערטיג ווערען, דאן וועלען מיר רעדען.

פאטעמקין האט זיך ניט לאנג געלאזט בעטען. אין פערלויף פון דיעזע איינינגע מאנאטען איז ער שוין געווען איינגעוואהנט צו בעטראכטען דיא קייזערין אלס זיין גלייכען, אלס זיין פרוי, מיט וועלכער ער דארף קיין איבעריגע צערעמאניעס ניט היטען. ער האט פון דעסטוועגען געזעהן יעצט וואס שנעלער פערטיג צו ווערען, זיא זאל ניט האבען אויף איהם פיעל צו ווארטען.

ווען ער איז אריינגעקומען צוריק איינגעהילט אין זיין ווארימען מאנטעל, האבען זיךביידע אוועקגעזעצט אויף א ווייכען דיוואן און שפיעלענדיג זיך מיט זיינע שעהנע לאקען, האט קאטהערינא אויסגערופען:

— אך, מיין זיסער מאן, איך האב שרעקליכע יסורים און עגמת נפש, איך האב מורא, איך וועל עס ניט קענען אריבערטראגען.

— וואס איז שוין ווידער? האט ער געפרעגט פערוואונדערט און איהר גלייך אין איהרע שעהנע אויגען געקוקט.

— איך וויים, אז מען וועט זוכען מיטלען אונז אבצורייסען איינעם פון דעם אנדערען, מען וועט זיך זאגאר ניט אבהאלטען פון געוואלד־טהאטען אבי אונז צו שיידען. אח, מיין ליעבער אלעקסאנדער, איך ציטער פאר דיין לעבען. איך האב מורא פיעלייכט וועט מען דיך ערמארדען. און ווען דו זאלסט שטארבען, ווען מען זאל דיך פון מיר אברייסען, וואס וועט דאן ווערען פון מיר? וואס וועט דאן ווערען פון דיין ארימע קאטהערינא?

פאטעמקין איז ביי דיעזע ווערטער געבליעבען גאנץ רוהיג. אויף זיין שעהנע געזיכט איז ניט געווען צו בעמערקען קיין צייכען פון מורא. נור עטוואס פערוואונדערט האט ער דיא קייזערין בעטראכט און האט מיט א גלייכגילטיגען טאן געזאגט:

— איך גלויב, אז אביסעל איבערטרייבסט דו דיא געשיכטע, געליעבטע. מיך ערמארדען? ווער וועט דען וואגען מיך אנצוגרייפען זא לאנג איך האב א שווערד אין האנד? ניין, טהייערע קאטהערינא! האב קיין מורא ניט. אויסער דעם פיהל איך איבערהויפט ניט, איך זאל האבען אזעלכע בלוטיגע שונאים אין דיין הויף, וואס זאלען זוכען מיין טויט. דו אליין, קייזערין, האסט געבראכט דערצו, אז אלע זאלען צו מיר זיין פריינדליך, דו ענטזאגסט יעדע ביטע, אפילו פון דיא העכסטע פערזאנען, אזוי לאנג וויא זיי וועגדען זיך ניט פריהער צו מיר,

אז איך זאָל פאר זיי בעטען ביי דיר. און אלע זיינען מיר דאריבער אמת'ע פריינד געוואָרען.

— פריינד! ? האָט קאטהערינא אויסגערופען, אָה, דו קינד! נאָך ווייסט דו ניט, אז אין קייזערליכען הויף ווייסט מען ניט פון פריינדשאפט און פון דאנקבארקייט. גראדע דיא יעניגע וועמען דו טהוסט דיא גרעסטע טובות זיינען דיר דיא ערגסטע שונאים, אָבער איך רעד ניט פון דיעזען הויף־געזינדעל. זיי קען מען נאָך איינהאלטען אין צוים, זיי וועלען ווירקליך זיך ניט וואגען דיר עטוואָס שלעכטעס צו טהאָן. ווען איך רעד פון געפאהר, מיין איך יענעם מעכטיגען טייפלישען פיינד, פון וועלכען איך בין אויף איניגע מאָנאטען פטור געוואָרען, און איך האָב געגלויבט, אז דאָס איז שוין אויף אימער. איך האָב געהאָפט אז דאָרט וועט ער אירגענד וואו א מיתה משונה איינגעהמען. צום סוף קומט ער שוין צוריק דיעזער שטערער פון אונזער ליעבע און גליק, דער וואמפיר וואָס טרינקט דאָס בלוט פון מיין הארצען —

— דו רעדסט וועגען גרעגאָר אָרלאָוו? האָט ער איהר אונטערבראָכען.

— יא, וועגען איהם, האָט קאטהערינא געענטפערט מיט א שוידער. אָה, אלעקסאנדער, דו ווייסט ניט וואָס פיר א שרעקליכע געפאהר דיעזער מאן איז פאר מיר. דו קענסט עס ניט וויסען און ס'איז צייט, אז איך זאָל דיר שוין איינמאָל פאר אלע מאָל יעצט ערקלערען א געהיימניס, וואָס דריקט מיין זעעלע און ניט מיר קיין רוהע ביי טאָג און ביי נאכט, ווען נור איך דערמאָהן מיך אין אָרלאָוו'ען.

— דערצעהל מיר אלעס, קאטהערינא, און זיי זיכער, אז איך וועל פאר דיר טהאָן יעדע מעגליכקייט, אום דיך צו בעשיצען און בעפרייען פון אלעס וואָס פערשאפט דיר שמערצען.

— אך, ליעבלינג! מיך קען קיין מענש אין דער וועלט בעפרייען. איך זעלבסט מיט מיין גאנצע מאכט קען זיך ניט ארויסרייסען פון דער נעטץ, אין וועלכער איך בין אליין אריינגעפאלען.

— איך פערשטעה דיך ניט, געליעבטע, איך וויים ניט וואָס פאר א זאך קען דאָס זיין, נעגען וועלכער זאָגאר דו האָסט קיין מאכט ניט? ביסט דו דען ניט דיא גרעסטע הערשערין אין דער וועלט? ציטערען דען ניט פאר דיר אלע מאָנארכען אין איירָאפּא? איז דען דיין פאָלק ניט איבערגעגעבען צו דיר מיט לייב און לעבען?

— יא, מיין געליעבטער, דאָס איז אלעס אמת, האָט זיא בעמערקט מיט א זיפץ און טרעהרען האָבען זיך אין איהרע ליכטיגע אויגען בעוויזען, אָבער עס גיעבט א מאכט, וועלכע זאָגאר איך קען ניט צושטערען. אָה, אלעקסאנדער, עהרע איז טויזענד מאָל מעכטיגער וויא דער קייזערין'ס מאכט. א קייזערין מוז היטען דיא הייליגע עהרע נאָך מעהר וויא אן אנדערער —

— איך פערשטעה נאך אלץ ניט וואס דו רעדסט, קאטהערינא! האט פאטעמקין אויסגערופען.

— פאטעמקין, איך בין א געבונדענע, איך בין ביי מיין עהרע געבונדען, האט זיא געשטאמעלט און האט זיך געטוליעט צו זיין ברוסט וויא זיא וואלט ביי איהם בעשיצונג זוכען פון א גרויסען אונגליק.

פאטעמקין האט ארומגענומען דיא געליעבטע פרוי און האט זיא צוגע־דריקט פעסט צו זיין ברוסט. און זיא האט אזוי ביטערליך געוויינט, אז איהר גאנצער קערפער האט געציטערט.

—וויין ניט, טהייערע, האט פאטעמקין אויסגערופען מיט א ריהרענדע שטי־מע. בערוהיג זיך. דיעזער ניעדעריגער נפש איז ניט ווערטה דו זאלסט אי־בער איהם זאגאר א טהרער פון דיינע ליעבע אויגען פערגיסען. גרעגאר אר־לאוו איז פון דיין לעבען געשיעדען און ניעמאלס, דו הערסט, ניעמאלס וועט ער דיר אין דיין וועג קומען. דאס וועל איך שוין בעזארגען.

— דו קענסט עס ניט, אלעקסאנדער! האט קאטהערינא געזיפצט, און דו דארפסט אויך געגען איהם קיין גוואלדטהאטען ניט אנווענדען. דאמיט ועסט דו נאך ערגער מאכען. איך וועל דיר נור איין זאך זאגען: מיין מאן איז ערמארדעט געווארען, ניט וייל איך האב עס געהייסען, נור וייל איך האב גע־שוויעגען. דערפאר האב איך שוין גענוג בעצאהלט און יעצט צום צווייטען מאל —

פאטעמקין איז אויפגעשפרונגען שרעקליך איבערראשט, זיין ראזע געזיכט איז בלאס געווארען, מיט שניידענדע בליקען האט ער איהר גלייך אין דיא אויגען געקוקט און האט געפרעגט:

— וואס זאל דאס בעדייטען, קאטהערינא? וויא זאל איך דאס פער־שטעהן? דו רעדסט וועגען ארלאוו'ען אזוי וויא פון דיין מאן, ביסט דו פיעל־לייכט מיט איהם —

— פערהייראט מיינסטו דו? ניין. פארלויפיג נאך ניט. ווענינסטענס זיינען מיר לויט דיא קירכען געזעצע ניט געטרויט; אבער איך בין זיין פערשפרא־כענע פרוי. איך האב איהם ארויסגעגעבען א הייראטהס דאקומענט און איך בין צו דיעזען טייפעל פערשריעבען מיט לייב און זעעלע.

א קורצע צייט האט אין צימער געהערשט א טויטע שטילקייט, ווערהענד ביידע זיינען אזוי אויפגערעגט געווארען, אז זיי האבען אווארט ניט געקענט שפרעכען. קאטהערינא'ס זעעלע איז אין דיעזען אויגענבליק ערפילט געווארען מיט דיא ריינסטע עדעלסטע געפיהלען און מיט א טיעפען שמערץ, מורא האבענדיג, אז זיא וועט איבער דיעזע ענטדעקונג פיעלייכט איהר געליעבטען פער־ליערען. פאטעמקין האט ווירקליך אויסגעהערט דיעזע ערקלערונג מיט שרעק און פערדרוס. אויב דער שווארצער גראף האט אזא שריפטליכע פערשפרעכונג,

דאן בעזיצט ער ווירקליך א שרעקליכען מיטעל נעגען דער קייזערין און קען יע־דען אויגענבליק זיך דאמיט בענוטצען און זיא צווינגען זיא זאָל מיט איהם הייראטהען.

אין נעכסטען מאָמענט אָבער האָט אין פּאָטעמקין'ס ברוסט זיך ערוועקט א געפיהל פון טיעפען מיטלייד צו זיין אונגליקליכע געליעבטע. זאנפט האָט ער זיא צו זיך צוגעצויגען און זיא האָט אנגעלעהנט איהר טרויעריגעס געזיכט אויף זיינע שולטערען, ווערענד ער האָט זיך צו איהר געווענדעט מיט א ליעבליכע שטימע:

— אָרימע געליעבטע, וואָס דו ביסט נעביך אויסגעשטאנען! וויא שרעק־ליך האָסט דו געמוזט ליידען, אז דו האָסט דיעזע שווערע געהיימניס אימער אין דיין הארצען ארומגעטראָגען און זאָגאר מיר האָסט דו מורא געהאט ביז יעצט דאָס צו פערטרויען.

— יא, איך ליד, האָט דיא קייזערין געוויינט מיט ביטערע טהרערען, איך לייד מעהר וויא דיא ארעמסטע פרוי אין אלע מיינע לענדער און דו קענסט מיר ניט העלפען מיט דיין מיטלייד, אלעקסאנדער.

— אָבער וויא איז דאָס מעגליך געווען, אז מיין קאטהערינא, מיין קלוגע, שטאָלצע קאטהערינא, מיין ערהאבענע, וועיט־בליקענדע קייזערין, זאָל זיך אזוי טיעף ערנידעריגען צו אזא מאַן, וואָס דער נאָמען באנדיט שטעהט איהם אויפגע־שריעבען אויף זיין שטערען?

—איך וועל דיר אלעס ערקלערען, מיין ליעבער אלעקסאנדער, האָט געזאָגט קאטהערינא, וועלכע האָט זיך אונטערדעסען עטוואָס בערוהיגט. אין מענשליכען לעבען טרעפען אָפט אזעלכע מאָמענטען, ווען דיא פערהעלטניסע זיינען שטאר־קער וויא אונזער ווילען און גראדע דעריעניגער, וועלכער הערשט און וויל בלייבען אין זיין מאכט, מוז דאן וויא א שקלאַף זיך בויגען אונטער דיעזע שווערע פערהעלטניסע.

"דו ווייסט וואָס פאר אן אונגליקליכען לעבען איך האָב פערבראכט מיט מיין ערשטען מאַן, דעם צאר פעטער, — אָבער, ניין, דו ווייסט עס ניט, דען אלעס, וואָס דיא וועלט האָט וועגען דעם ערפאהרען, איז נאָך קיין טויזענד טהייל דאפון וואָס איך האָב געליטען. דאָך דיר וועל איך אלעס ערצעהלען.

"איך בין אלט געווען בלויז 16 יאָהר, ווען איך בין אָנגעקומען אין דיעזען לאַנד. דער פריישישער קעניג, פריעדריך דער גרויסער און דיא דאמאָלסדיגע רוסישע קייזערין עליזאבעט האָבען בעשלאָסען, אז איך זאָל הייראטהען דעם קרוין־פּריץ פעטער.

"**ווען איך האָב איהם צום ערשטען מאָל געזעהן, מיין צוקינפטיגען גע־מאהל, בין** איך דורכגעשוידערט געוואָרען. פאר מיר איז געשטאנען אן אב־**שרעקענד־העסליכער מאַן**, פיעללייכט צוויי מאָל אזוי אלט וויא איך. **אויף זיין**

האלב־אידיאָטישען געזיכט איז געוועזען צו זעהן אַן אויסדרוק פון ברוטאלע ווילדהייט. מיט זיין פויערשע, אונגעשיקטע בענעהמונג האָט ער געמוזט יעדעם מעדכען־הערץ פון זיך אָבשטויסען. אָבער א פרינצעסין דארף וועגען איהרע הערצליכע געפיהלען ניט פרעגען.

"אָה, מיין גאָט, דיא ארימסטע בירגער־מעדכען, דיא ארבייטערין, דיא בעטלערין, וויאָס געהט איבער דיא הייזער, זיי אלע קענען פריי אויסוועהלען וועמען זיי ליעבען, ווען עס קומט צו דיעזען וויכטיגען שריט אין לעבען. אָבער ווען מען איז געבאָרען אין א פירסטליכען פאלאסט, ווען מען טראָגט דעם טיטעל פרינצעסין, מוז מען זיך לאָזען פערקויפען, פערשאכערען, ווייל דיא פאָליטישע אינטערעסען פון בײדע לענדער פאָרדערען אזוי. אויך איך בין פערקויפט געוואָרען. געגען מיין ווילען בין איך געוואָרען דיא פרוי פון דעם רוסישען קרוין־פרינץ. מען האָט מיך מיט איהם פערהייראטה, ווען איך בין נאָך געוועזען א קינד.

"איך וויל דיר ניט פיעל ערקלעהרען וועגען דיא ערשטע יאָהרען פון מיין פערהייראטהען לעבען. איך האָב ניט געוואוסט פון יענע גליקזעליגקייט, וועלכע יעדע יונגע פרוי ערווארטעט פון איהר מאַן. שוין ביי דיא ערשטע ברויטנאכט האָט דיעזער פעטער מיט אַן אונגעלומפערטע פרעהליכקייט מיר דערצעהלט, אז ער איז פערליעבט אין איינע פון דיא הויפדאמען, און דאביי איז ער געווען אזוי אונפערשעמט צו פרעגען מיין ראטה, וויא ער זאָל דיזע דאמע קענען בעקומען, און איך אָרימע 16 יעהריגע יונג־פרוי, איך האָב עס געמוזט הערען און שוויגען.

דיא קייזערין איז ביי דיעזע ווערטער רויט געוואָרען. זיא האָט נאָך אין דיעזען מאָמענט אויסגעזעהן וויא א ליעבליכע, אונשולדיגע מיידעל, וואָס דארף ערשט געהן הייראטהען.

"דאָס איז נאָך ניט אלעס, האָט זיא ווייטער פאָרטגעזעצט, מיין אידיאָטישער מאַן האָט מיך אימער געצוואונגען, איך זאָל מיט איהם שטונדען לאנג פערברענגען אין לעכערליכע, קינדישע שפיעלערייען, מיט בלייענע סאָלדאטען און דערגלייכען, אזוי דאָס עס פלעגט מיך פשוט אָנגעהמען אַן עקעל. אונזער געזעלשאפט איז בעשטאנען פון גראָבע דיענער און אונוויסענדע בעאמטע, מיט וועלכע פעטער האָט זיך געפאנעבראטעוועט, און זיי פלעגען זיך אויך געגען מיר ערלויבען ניעדערטרעכטיגע וויטצען.

"איין נאכט איז ער אריינגעקומען אין מיין שלאָף־צימער שטארק אָנגעשיכורט. איך האָב זיך געמאכט שלאָפענדיג, אום פון דעם עקעלהאפטען מענשען ניט בעריהרט צו ווערען, אָבער ער איז צוגעגאנגען צו מיין בעט, אראָבגעריסען פון מיר דיא קאָלדרע און האָט מיך מיט דיא פויסטען אזוי גרויזאם, אז איך בין איינינע טעג געלעגען קראנק. קענסט דו זיך וואונדערען, אז ביי

דיעזע טרויעריגע אומשטענדען האָט מיין אָרימעס, נעפּיינינטעס הערץ געזוכט אירגענד א שטיצע, אירגענד א פריינד?

"און צו מיין אונגליק האָט זיך אזא פריינד געפונען. איך בין צופעליג בעקאנט געוואָרען מיט גרעגאָר אָרלאָוו, וועלכער איז צו יענער צייט געוועזען אן אונבעדייטענדער אָפיציער און איז א געוויסע צייט געוועזען אויף'ן וואך ביי אונז אין שלאָס. איך בין געוועזען אונערפאהרען און ער איז געוועזען פרעך; איך בין געוועזען אונשולדיג און ער דורכגעטריעבען. ער האָט זיך ערלויבט מיר אריינצושיקען א בריעף מיט ליעבעס־ערקלעהרונגען. ווען איך וואָלט ניט געלעבט אזוי אונגליקליך מיט מיין מאן, וואָלט איך דעם בריעף געוויס איבערגעגעבען צו דער קייזערין און אָרלאָוו וואָלט געוועזען געהאט דיא געלעגענהייט צו ווערען געקנרטעוועט און פערשיקט אין סיביר. איך אָבער האָב זיך דארויף ניט געקענט ענטשליסען און — איך האָב איהם געענטפערט.

"דאמיט האָט זיך אָנגעפאנגען א פערהעלטניס צווישען אונז. איך וויל דיך ניט קוועלען, אלעקסאנדער, מיט לאנגע ערקלעהרונגען, נור אזוי פיעל זאָלסט דו מיר גלויבען, אז איך האָב אָרלאָוו'ן ניעמאלס געליעבט און בין קיין מאָל מיט איהם אין בעריהרונג ניט געקומען. דאָך האָט דער מאן מיט זיין ענערגישען מוטה און אייזערנער ווילענס־קראַפט געוואונען אויף מיר א געוואַלטיגען איינפלוס, איבערהויפּט דארום ווייל גראדע צו יענער צייט האָב איך געדארפט האָבען אזא מענשען פיר מיינע אויסזיכטען, אום פון מיין ביטערע לאגע פטור צו ווערען.

"פון פערשיעדענע זייטען האָט מען מיר פאָרגעלייגט פּלענער, אז איך זאָל פון פעטער'ן אוועקנעהמען דיא רעגיערונג, דען פון איהם האָט רוסלאנד געקענט ערווארטען נור אונגליק און פערדערבען. און אין דער טהאט, וואָס איז געוועזען צו ערווארטען פון אזא צאר, וועלכען מען האָט יעדען אבענד אריינגעשלעפּט אין בעט טויט־שיכור, אזא אידיאָט, וואָס האָט זיך נור געשפּיעלט מיט בלייענע סאָלדאטען, אזא טיראן, וואָס האָט געלאָזען אונטערצינדען דיא הייזער פון זיינע אונטערטהאנען? ער האָט געוויס ניט געטויגט צו דיא רעגיערונג.

"און איך זעלבסט האָב אימער געשפּיערט אין מיין זעעלע, אז איך בין בערופען צו עטוואָס העכערעס. יא, איך האָב געוואָלט טראָגען רוסלאנד'ס קרוין, איך האָב געוואָלט דיעזעס אָרימע, בעדויערנסווערטהע פאָלק גליקליך מאַכען. איך האָב געוואָלט, אז מיין נאָמען זאָל ווערען פערשריעבען מיט גאָלדענע בוכשטאבען אין דער וועלט־געשיכטע.

"נאטירליך האָב איך דיעזען ערהאבענעם ציעל געקענט ערנייכען נור דורך א פאלאסט־רעוואָלוציאָן גענען מיין מאן און דאצו וואָס שנעלער, דען דיא צארין עליזאבעט איז שוין דאן געוועזען שטענדיג קראנק און דיא קרוין פון רוסלאנד וואָלט נאָך איהר טויט געהערט צו איהם.

"איך האב אלזא שטילערהייט אנגעפאנגען צו מאכען פארבערייטונגען און אויסצואוועהלען טיכטיגע מענער, וועלכע זאלען מיר אין מיין פלאן בעהילפיג זיין. אין דער ערשטער רייהע האב איך געווארפען אויף גרעגאר ארלאוו, וועלכער האט מיט זיין דרייסטען, ענערגישען כאראקטער אויסגעצייכענט געפאסט צו אזא זאך, און ער האט ווירקליך זעהר פיעל פיר מיר אויפגעטהאן. ער האט געוואונען מאסען אנהענגער אין דיא גווארדיע־רעגימענטען און געזארגט דאפיר אויפצוזאמלען אין געהיימע ערטער געוועהר און מוניציאן, אום אין דעם לעצטען מאמענט צו בעוואפענען וועמען עס וועט נויטהיג זיין. ער האט אויך פיר מיר אונטערהאנדעלט מיט דיא מיניסטארען און איך קען ניט לייקענען, אז א גרויסע טהייל פון מיין ערפאלג צו געווינען דיא קרוין האב איך נור איהם צו פערדאנקען.

"ענדליך איז דיא קייזערין עליזאבעט געשטארבען. פעטער איז געווארען דער הערשער פון רוסלאנד און וועהרענד דיא קורצע צייט פון זיין רעגירונג האט ער אנגעמאכט אזוי פיעל צרות, אז עס איז מיר מיט גרויס מיה קוים געלונגען אלעס אין ארדנונג צו ברענגען.

"מיך זעלבסט האט ער וועהרענד דיעזע צייט בעהאנדעלט אזוי ניעדערטרעכטיג, אז זאגאר דיא אויסלענדישע דיפלאמאטען ביי אונזער הויף האבען דאפון ערפאהרען און אלע זיינען דאריבער שרעקליך אויפגעקאכט געווען. איין טאג, ווען אונזער הויף האט זיך געפונען אין שלאס אראניענבוים, האב איך פון א זיכערע קוועלע ערפאהרען, אז פעטער האט בעשלאסען מיך צו ארעטירען. דעם זעלבען טאג האט ער מיך געצוואונגען, אז איך זאל אליין אנטהאן זיין געליעבטע, דיא אקטריסע וואראנצאוו, דעם באנד פון קאטהערינען־ארדען און דאך האב איך געוואוסט, אז דיעזע שענדליכע פרויענצימער בעשטעהט דארויף ער זאל מיך פערשטויסען און זיא ערהויבען אלס קייזערין.

"יא, אלעקסאנדער, אזוי וויית האט עס מיט מיר געהאלטען. עס איז געווען אבגערעדט, אז מען זאל מיך איינשפארען אין א קלויסטער און דיא וואראנצאוו זאל אויף מיין פלאטץ קומען. דיעזע נאכריכט האט מיר שוין געגעבען מוטה איך זאל מיין ענטשלוס אויספיהרען, דען, דעם אמת זאגענדיג, האב איך נאך ביז דאן ניט געקענט ביי זיך פועל'ען צו טהאן אזא זאך געגען מיין אייגענעם מאן.

קאטהערינא האט זיך ביי דיעזע ווערטער שווער אבגעזיפצט און נאך א קורצע פויזע האט זיא וויעדער פארטגעזעצט:

"איך בין דעם זעלבען טאג ענטלאפען פון אראניענבוים און געקומען נאך פעטערבורג, וואו ארלאוו האט מיר פארגעשטעלט דיא גווארדיע רעגימענטען, און זיי אלע האבען מיר באלד טרייהייט געשווארען. איך האב דאן ארויסגעגעבען א פראקלאמאציאן, ערקלעהרענדיג דעם פאלק, אז אזוי וויא מיין מאן

איז פאָלקאָמען אונפעהיג צו דער מלוכה, האָב איך דיא רעגיערונג איבערגענומען אין מיינע הענד. מיין אויפפאָרדערונג, אז מען זאָל מיך אלס קייזערין אנערקענען, האָט ארויסגערופען אין אלע קרייזען דעם גרעסטען יובעל. וואו איך האָב זיך נור געציינט, האָט דיא פאָלקס־מענגע מיך ארומגערינגעלט מיט בעגייסטערטע אויסרופונגען פון פרייד. מען האָט מיך געוואָלט אראָבהויבען פון פערד און טראָגען אויף דיא הענד דורכ'ן שטאָדט, דען יעדער איינער האָט גוט געוואוסט, אז יעצט וועלען קומען פיר רוסלאנד בעסערע צייטען.

"מיין טיראנישער מאן, האָט קאטהערינא וויטער ערצעהלט, האָט ביי דיעזען צופאל בעוויזען וואָס פאר א נבזה'דיגער פייגלינג ער איז. ווען איך האָב איהם געשיקט מיין ערקלעהרונג, אז ער האָט פערלאָרען דעם טהראָן און איך בעטראכט איהם אלס מיין געפאנגענעם, האָט ער זאָגאר ניט פרובירט קעמפפען געגען מיר פאר דער הערשאפט. ער האָט זיך נור וויא א נאר פאנאנדער געיאָמערט און מיט שקלאפישע בערייטוויליגקייט באלד אונטערגעשריעבען דעם דאָקומענט, אז ער ענטזאגט זיך אין גאנצען פון יעדען אנטהייל אין דער רעגיערונג אויף אימער און עביג.

קאטהערינא האָט יעצט ארויפגעלייגט איהרע הענד אויף פאָטעמקין'ס שולטער און קוקענדיג מיט פריימיטהיגע בליקען איהם גלייך אין דיא אויגען האָט זיא אויסגערופען:

— אלעקסאנדער, דו ווייסט, אז פאר מיר גיעבט אויף דער וועלט קיין הייליגערע זאך אלס אונזער ליעבע, און ביי דיעזער ליעבע שווער איך דיר: ניעמאלס איז מיר זאָגאר אין זינען ניט געקומען פעטער'ן עטוואָס שלעכטעס צו טהאָן אויסער דיא קרוין ביי איהם אוועקצונעהמען. איהם זיין לעבען אוועקצונעהמען, איהם צו הייסען ערמאָרדען — אָה, גאָט, איך האָב זאָגאר וועגען דעם מאָמענט ניט געטראכט. מיין אבזיכט איז געוועזען איהם צו האלטען געפאנגען און ער זאָל דאביי לעבען וויא עס פאסט פאר א פירסט.

"דו קענסט זיך פאָרשטעלען, מיין געליעבטער מאן, איך האָב זאָגאר איינגעשטימט זיין איינציגע שענדליכע ביטע צו ערפילען, א ביטע וואָס האָט געמוזט צורייסען דעם לעצטען באנד צווישען מיר און איהם. ער האָט פון מיר פערלאנגט, אז איך זאָל איהם ערלויבען אין זיין געפאנגנשאפט מיט צו נעהמען זיין נקבה, דיא וואָראָנצאָוו, און איך האָב דארויף איינגעוויליגט.

"ניין, מאָרד און בלוטפערגיסונג איז מיר אין געדאנקען ניט געקומען, אָבער אָרלאָוו איז מיר שטענדיג געלעגען אין דיא אויערען און ניט געלאָזען מיך רוהען מיט זיינע פאָרשטעלונגען, אז איך בין מיט מיין ניי־ערוואָרבענע קרוין ניט זיכער אזוי לאנג וויא פעטער לעבט, דען עס קען זיך שליעסליך געפינען אירגענד א פארטיי פון דיא אלט־רוסישע פאנאטיקער, וואָס זיינען אונצופריעדען מיט דיא רעפאָרמען וואָס איך האָב בדעה איינצופיהרען. אין פע־

טערבורג און איבערהויפט אין דיא גרעסטע רוסישע שטעדט קען מען איהם גוט געגוג און מען וויל פון אזא אידיאָטישען הערשער ניט וויסען, דאָך גיעבט עס געגוג ווילדע געגענדען, וויא דיא סטעפּעס, וואו דיא ווילדע, אונוויסענדע קאָזאקען זיינען פערטיג צו יעדע ברוטאלע טהאט, און זיי איז גאנץ לייכט אויפצורייצען געגען מיר צו רעבעלירען און איהם צוריק אויף'ן טהראָן צו זעצען.

"איך האָב געמוזט איינזעהן, אז אָרלאָוו האָט פאָלקאָמען רעכט, און דאָך, אלעקסאנדער, גאָט איז מיין עדות, שווער איך דיר נאָך אמאָל, אז איך האָב שטענדיג דעם אָרלאָוו אָבגעהאלטען פון דיעזע בלוטיגע טהאט. איך האָב איהם זאָגאר ערקלעהרט, אז ער וועט שטרענג בעשטראָפט ווערען, אויב ער וועט אזא זאך טהאָן געגען מיין מאן. אָבער איין אבענד, דעמזעלבען, ווען דאָס שרעקליכע פערברעכען איז נאכהער בעגאנגען געוואָרען, איז אָרלאָוו געקומען צו מיר און געפרעגט, אויב איך בין ענטשלאָסען אליין אין רוסלאנד צו הערשען אָדער איך וויל ערווארטען, אז אין א געוויסען טאָג וועט פראָקלאמירט ווערען אן אנדער קייזער און עס וועט ארויסקומען א בלוטיגער בירגער קריעג.

"אָרלאָוו האָט מיך אין דיעזע שטונדע אָנגעטראָפען ביי אזא לוינע, אז איך האָב איהם גאָר ניט געוואָלט ענטפערען, און דיעזעס שווייגען איז געווען מיין אונגליק. אָרלאָוו האָט געגלויבט, אז מיט מיין שווייגען האָב איך ענדליך איינגעוויליגט אויף זיין מאָרד פלאן און ער איז באלד אוועק אין שלאָס ראָפּשא, וואו פעטער איז געווען געפאנגען. אָרלאָוו האָט מיטגענומען זיינע ברידער און אויך איינגע אנדערע, וועלכע ער האָט דיעזע געהיימניס פערטרויט, און זיי אלע זיינען פעטער'ען בעפאלען, ווערענד ער איז שוין געלעגען אין בעט, און האָבען איהם ערמאָרדעט — דערשטיקט.

קאטהערינא איז ביי דיא לעצטע ווערטער שרעקליך בלייך געוואָרען און האלב אָהנמעכטיג איז זיא געפאלען אין פּאָטעמקין'ס אומארמונגען.

"און דאָס שרעקליכע איז געשעהען, האָט קאטהערינא וויעדער, נאָך איינינע מינוטען, מיט א שוואכע שטימע אָנגעפאנגען, זיי האָבען דעם קייזער-מאָרד בעגאנגען און איך האָב דיא שולדיגע זאָגאר ניט געקענט בעשטראָפען. דען אָרלאָוו האָט געהאט מיינע בריעף, וועלכע איך האָב איהם געשריעבען אלס קרוין-פּרינצעסין. מיט דיעזע בריעף, ווען ער וואָלט זיי פערעפענטליכט, וואָלט ער אויף מיין נאָמען געבראכט דיא גרעסטע שאנדע און יעדער איינער וואָלט געגלויבט, אז איך בעשטראָף איהם נור מיט אן אבזיכט פון זיך דעם פערברעכען אראָב צו וואַרפען, ווערענד אין דער טהאט איז דאָס געווען אן אָבמאך צווישען אונז.

"און ווירקליך איז פון יענעם אויגענבליק אָן אויף מיר געפאלען דער געהיימער פלוך פון אלע זינדיגע מענשען. מען האָט ניט געגלויבט מיינע ערקלעהרונגען אין דיא עפענטליכע מאניפעסטען צום פאָלק, אז איך האָב פון דיעז

גאנצע געשיכטע ניט געוואוסט. שטילערהייד האָט יעדער מיך בעשולדיגט אלס דיא מערדערין און אָרלאָוו׳ס חברה האָבען דאפיר געזאָרגט, אז דיעזע נאכריכטען זאָלען וואָס מעהר פערברייטעט ווערען, ווייל דאָס איז נויטהיג געוועזן פיר זיינע שענדליכע פּלענער.

”און אָרלאָוו האָט זיך געוואוסט דאמיט צו בענוצען. איך בין געצוואונגען געוועזן איהם נאָכצוגעבען אין פיעלע זאכען. ער איז טהאטזעכליך געוואָרען א גלייכער הערשער צוזאמען מיט מיר און פיעלע מאָל האָב איך געמוזט טהאָן אזעלכע זאכען וואָס מיין הערץ האָט דאגעגען פּראָטעסטירט.

”דאָס פאָלק מוז מיט אייזערנע הענד איינגעהאלטען ווערען, פלעגט ער מיר אימער אויף מיינע איינווענדונגען ענטפערען. מען טאָר זיי ניט נאָכגעבען, מען טאָר ניט זיין שוואך. אייער מאיעסטעט האָבען נור איין ברירה: ענטוועדער צו הערשען אָדער בעהערשט צו ווערען.

”איך האָב זיך ניט געקענט העלפען און איהם געמוזט לאָזען טהאָן וואָס ער וויל, און אין דער טהאט האָט פון דאן אָן זיך אָנגעפאנגען א שרעקליכע צייט אין רוסלאנד. אויף דעם קלענסטען פערדאכט אין א פערשווערונג נעגען מיר פלעגען מאסען ארעטירט ווערען. צו דיא פּראָצעסען האָט עס קיין ענדע גענומען. סיביר איז פול געוואָרען מיט פעראורטהיילטע און איבעראל זיינען דיא קאָנספּיראציאָנען אונערבארמליך אונטערדריקט געוואָרען. אָרלאָוו האָט אלזא מיט דיעזע גרויזאמע מיטלען מיין טהראָן בעפעסטיגט, אָבער ער איז געוואָרען דער הערשער איבער מיין טהראָן.

”איך בין אלזאָ פאָלשטענדיג אריינגעפאלען אין זיין נעץ און ער, דער ברוטאלער טיראן, האָט עס מיך געלאָזט שפּירען אויף יעדען טריט און שריט. זיין פּארטיי איז געוואָרען אימער מעכטיגער און שטארקער און דארום בין איך געצוואונגען געוועזן יעדען איינעם פון זיינע ווינשע צו ערפילען. דאָס האָט אָבגעקאָסט אונגעהייערע קאפּיטאלען, מיט וועלכע עס איז ניט מעגליך געוועזן דיעזען נידערטרעכטיגען פערשווענדער זאט צו מאכען. פיעלע פון דיא קאָנפיסקירטע גיטער האָט ער צוגענומען פיר זיך און א פּאלאסט האָט ער זיך אויסגעבויעט אין פּעטערבורג וואָס איז אין גלאנץ און רייכטהום איינער פון דיא גרעסטע. אלע הויכע שטעלען אין דער רעגיערונג זיינען בעזעצט געוואָרען מיט אָרלאָוו׳ס אנהענגער און מיטגליעדער פון זיין פאמיליע.

”ענדליך האָט מיין געדולד געפּלאצט און אלס אָרלאָוו איז א געוויסען טאָג געקומען צו מיר, א גרויסע סומע צו פאָדערען, אום זיין ברודער׳ס שולדען צו בעצאָהלען, האָב איך איהם פּאָזיטיוו ענטזאגט.

”דוא מוזט מיין פערלאנג ערפילען, קייזערין, האָט ער דארויף צו מיר געזאָגט. איך האָב דיך אויפגעהויבען אויף׳ן טהראָן און איך קען דיך אויך שטירצען. נאָך לעבט אין פאָלק דיא איבערצייגונג, אז דו האָסט געהייסען דיין מאן

ערמאָרדען און ביי דיא קלענסטע געלעגענהייט, וועלכע איך קען יעדע מינוט ארויסרופען, וועלען זיי געגען דיר מאכען אן אלגעמיינעם אויפשטאנד. און דאָס זאָלסט דו אויך וויסען, האָט ער וייטער געשפראָכען מיט שפאָט, אז מיר איז שוין איבערדריסיג געוואָרען צו שפּיעלען דיא ראָלע פון א טרייען דיענער. איך וויל זיין מעהר, איך וויל וועניגסטענס זיכער זיין, אז דו ביזט אויף אייביג גע־בונדען צו מיר".

"און וואָס האָט ער פון מיר געפאָדערט? — אָה, איך וואָלט גרייט גע־ווען מיט מיין אייגענע האנד איהם צו טויטען פיר זיין נידערטרעכטיגע פרעכ־הייט! — ער האָט געפאָדערט, אז איך זאָל מיט איהם אין געהיים טרויען, גראדע וויא דיא פערשטאָרבענע קייזערין עליזאבעט איז געווען געטרויט מיט דעם קאָזאק ראַזומאָווסקי.

"דו קענסט זיך פאָרשטעלען, אלעקסאנדער, וויא מיר האָט געשמעקט צו ווערען אָרלאָוו'ס פרוי. א לענגערע צייט האָב איך געטראכט וויא פון איהם פּטור צו ווערען, אָבער איך בין געווען צופיעל פערשטריקט אין זיין העלישען נעץ און האָב ניט געזעהן קיין מעגליכקייט וויא זיך פון זיין מאכט צו בעפרייען.

"ביי א צווייטען מאָל האָט ער מיר גאנץ קאלטבלוטיג געזאָגט, אז אויב איך שטים ניט איין זיין וואונש צו ערפילען, וועט ער פערעפענטליכען די בריעף וואָס איך האָב איהם געשריעבען, מיט אן ערקלעהרונג, אז דאָס בלוטיגע בעפעהל דעם צאר פעטער צו ערמאָרדען איז געגעבען געוואָרען פון מיר.

"אָבער דאָס איז דאָך א שענדליכער ליעגען! האָב איך מיט צאָרן און פער־צווייפלונג אויסגערופען.

"א ליעגען, וועלכען דיא גאנצע וועלט גלויבט איז אמת, האָט ער דארויף געענטפערט, איך האָב אלזאָ ענדליך געמוזט נאָכגעבען און אונטערשרייבען א הייראטס קאָנטראקט מיט א פערשפרעכונג, אז נאָך'ן פערלויף פון פינף יאָהר קען אָרלאָוו צו יעדע צייט פאָדערען, אז איך זאָל מיט איהם אין דער קירכע הייראטהען.

"פון יענער צייט אָן, האָט קאטהערינא וייטער דערצעהלט, האָב איך מיין רעגיערונג אזוי בעפעסטיגט, אז איך האָב שוין וועניגער מורא פאר אָרלאָוו'ן. דאָך דעם הייראטהס־קאָנטראקט בעזיצט ער נאָך אימער און אלע מיינע בע־מיהונגען דיעזען דאָקומענט פון איהם ארויסצוקריעגען זיינען ביז יעצט געווען אומזיסט.

— דאָס איז קיין וואונדער, האָט פּאָטעמקין פערדריסליך געזאָגט. נאַ־טירליך וויל דער באנדיט אימער האָבען איבער דיר א מאכט און מיר מוזען צו־געבען, אז מיט דיעזען דאָקומענט בעזיצט ער ווירקליך דיעזע אונגעהייערע מאכט. ווייסט דו זיכער, קאטהערינא, אז אָרלאָוו קומט באלד צוריק?

— גאנץ זיכער, נעכטען אבענד איז אָנגעקומען א קורירער מיט א דעפעשע,

וועלכע האָט מיך געטראָפען וויא דונערשלאג, און נאָך מעהר, ער קומט צוריק מיט דעם טריאומף פון א זיעגער, זאָ דאס איך קען איהם יעצט ניט ציינגען מיין אונגנאדע אָדער מיין צאָרן. דיא לעצטע צייט איז איהם געלונגען צו שלאָגען דיא רעבעלישע קאָזאקען, וועלכע האָבען זיך געוואָלט פעראייניגען מיט דיא טאטארען. דאָס האָט איהם געגעבען דיא מעגליכקייט צו פערניכטען דיא ווילדע טאטארען; זיי זיינען געוועזען פערזאמעלט אויף א געוויסען פונקט, ביי'ם שווארצען מעער אונטער דיא אָנפיהרונג פון זייער כאן מוהאללא און ער־ווארטעט דיא קאָזאקען, אלס אָרלאָוו איז דיעזעלבע נאכט זיי פּלוצלונג בעפאלען און פון זייער גאנצער ארמעע זיינען גאָר ווענינע לעבען געבליעבען. פיעלע פון זיי זיינען געפאלען אויף'ן שלאכטפעלד, אָבער נאָך מעהרערע זיינען דער־טרונקען געוואָרען אין שווארצען מעער.

— דאָס אלעס וואָלט מיך אָבער גאנץ וועניג געאארט, מיין טהייערער, האָט קאטהערינא פאָרטגעזעצט און א שווערער זיפץ האָט זיך ביי איהר פון הארצען ארויסגעריסען. אין דער צייט פון מיין הערשען איבער רוסלאנד האָב איך געוואונען דיא טרייהייט און דיא ליעבע פון מיין פאָלק איבער'ן גאנצען לאנד. יעצט האָב איך פאר אָרלאָוו'ען מעהר קיין מורא ניט. איך אליין וואָלט יעצט אָהן שום מורא אויפגענומען געגען איהם דעם קאמפף. אָבער אלעס וואָס איך ציטער יעצט, איז פאר דיר, מיין טהייערער, איך האָב מורא דיין לעבען איז אין געפאהר. אמת, איך וויים, דו ביזט א העלד, דו קענסט זיך אימער שטעלען געגען איהם און דו ווייסט זיך פון איהם צו היטען, דאָך איז אונזער ליעבע אין גרוים געפאהר. נאָך איין יאָהר בלויז און דער שריפטליכער דאָקומענט וואָס איך האָב אָרלאָוו'ן ארויסגעגעבען דארף קומען אין קראפט. און ווען ער זאָל דאן קומען צו פאָרדערען זיינע רעכטע, בעגרייפסט דו, מיין געליעבטער, וואָס דערפון קען ארויסקומען? קענסט דו זיך פאָרשטעלען וואָס פיר א דור־נערקלאָפּ דאָס וועט פאר מיר זיין? אָה, אלעקסאנדער! ווען איך זאָל דיך ניט בעזיצען, ווען איך זאָל ביי דיין הארצען ניט קענען רוהען און דיינע זיסע, ליעבע אויגען קושען, וואָלט איך עס ניט אריבער געטראָגען. דאָס וואָלט פאר מיר געוועזען דער טויט, נאָך ערגער וויא דער טויט. איך וואָלט משוגע געוואָרען, איך וואָלט אראָב פון זינען און דאָס איז פיעל ערגער וויא שטארבען!

הייסע, זודיגע טהרערען האָבען פערשטיקט דיא שטימע פון דער קייזערין און זיא האָט ארומגעכאפּט און פעסט געהאלטען איהר געליעבטען, וויא זיא וואָלט מורא האָבען, אז אָט נעהמט מען איהם פון איהר אוועק.

— מען וועט מיך פון דיר ניט אָברייסען, קאטהערינא, האָט פּאָטעמקין אויסגערופען שטארק געריהרט פון איהר ליעבע צו איהם, ניין! דאָס זאָל דעם באנדיט ניט געלינגען. צייג מיר נור א וועג, קאטהערינא, וויא דיעזען אָרלאָוו אונשעדליך צו מאכען, און איך שווער דיר, אז קיין זאך וועט מיר ניט צו שווער

זיין און קיין זאך אין דער וועלט וועט מיך ניט אבשרעקען. איך וועל טהאן אלעס וויא דו וועסט מיר בעפעהלען.

— עס איז דא א מיטעל, איין איינציגער מיטעל איז דא, האט זיא לאנגזאם געענטפערט און האט געקוקט פאטעמקין'ען גלייך אין דיא אויגען. ווען איך זאל האבען א בעוויז, אז ארלאוו איז א רעבעל, א רעוואלוציאנער, אז ער האט אנטהייל גענומען אין א פערשווערונג געגען דער קרוין, דאן וואלט מען איהם געקענט ארייננווארפען אין געפענגניס און נאכהער שיקען אויף'ן עשאפאט. דיא וועלט וואלט דאן אנערקענט, אז איך האב א ריכטיגע אורזאכע איהם צו פער־ניכטען.

— אבער וואו נעהמט מען געגען איהם אזא פאקט, אזעלכע בעווייזע?

— גאנץ איינפאך, מיראוויטש מוז זיך מודה זיין, אז ארלאוו האט איהם און זיינע קאמעראדען געדונגען זיי זאלען דיא גאנצע יעצטיגע פערשווערונג דורכפיהרען און דאס זיי זיינען מעהר ניט געווען וויא זיינע בלינדע שליחים, צו טהאן אלעס וואס ער האט זיי געהייסען.

— דער פלאן איז אויסגעצייכענט! האט פאטעמקין אויסגערופען מיט פרייד. אה, קאטהערינא, דו האסט א בעריהמטען דיפלאמאטישען קאפ. דו האסט געפונען דעם ריכטיגען וועג, וויא דיזען טייפעל פון וועג אבצוראמען, און ביי מיר איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז דיזען פלאן וועלען מיר גאנץ לייכט קענען דורכפיהרען.

—ווארט נאך, דו אונגעדולדיגע קינד, האט קאטהערינא פארטגעזעצט עטוואס פערטראכט. עס איז ביי מיר אפילו קיין ספק ניט, אז ארלאוו איז ווירקליך דער גאנצער אויפטהוער פון דיזער פערשווערונג, דאך האף איך גאנץ ווענינ דארויף, אז דיזער נידערטרעכטיגער מיראוויטש זאל זיך מודה זיין. ער איז א געפעהרליכער עקשן. ביי אלע סליעדסטוועס, וואס זיינען ביז יעצט געמאכט געווארען, איז אונמעגליך געוועזען פון איהם זאגאר א ווארט ארויס־צוקריגען וועגען זיינע מיטשולדיגע. און דיא איבעריגע געפאנגענע, וועגען זיי איז גאר ניטא וואס צו רעדען. זיי ווייסען אפילו ניט, וועגען וואס דא האנ־דעלט זיך; אלעס וואס זיי ווייסען יא איז, אז זיי האבען געטהאן אלעס וואס מיראוויטש האט זיי געהייסען.

— פון דעסטוועגען גלויב איך, אז איך וועל ווירקען אויף מיראוויטש'ען ער זאל אלעס ארויפלייגען אויף ארלאוו'ען, אפילו ווען ס'איז ניט אמת. איך בעט דיך נור, קאטהערינא, דו זאלסט אלעס איבערגעבען אין מיינע הענד. איך אליין וועל מאכען דיא גאנצע אונטערזוכונג.

— דו דענקסט פיעלייכט מיראוויטש'ען צו מאטערען?

— דערווייל קען איך דיר נאך אויף דיזער פראגע ניט ענטפערען. אבער—

— קיין אבער, מיין טהייערער אלעקסאנדער, האט איהם קאטהערינא

אונטערבראָכען. אמת, דער רעבעל האָט עס פּאַלשמענדיג מערדיענט און ס'איז אויך אמת, אז דיזער מיטעל איז וויכטיג און זעהר נויטיג אום אונזער ליעבע צו בעשיצען, דאָך איז דיא מעטהאָדע פון אינקוויזיטארישע מאטערנישע גע־נען מיין עהרע און געגען מיין פּרינציפּ. באלד וויא איך בין געוואָרען קייזערין האָב איך ארויסגעגעבען אן אוקאז, אז אין רוסלאנד זאָל מען ביי קיינע קרי־מינעלע פּראָצעסען ניט געברויכען דיעזע אלע אינקוויזיציאָנס מיטלען וויא עס פלעגט ביז דאן געברויכט ווערען; ס'איז בארבאריש, אונמענשליך און איך וועל עס בשום אופן ניט ערלויבען זאָגאר געגען מיינע בלוטינסטע שונאים.

— אין דעם דערקען איך דיין קלוגען גייסט, מיין שעהנע, עדעלע קייזערין, האָט פּאָטעמקין אויסגערופען מיט גרויס בעגייסטערונג. אָבער איך אליין האָב אויך ניט געדענקט צו ברענגען מיין געוועזענעם קאמעראד אויף גליהענדע קאה־לען אָדער ברעכען זיינע גליעדער מיט אייזערנע צוואַנגען. ניין — ניט דאָס האָב איך געדענקט. געגען איהם האָב איך אן אנדער מיטעל, א מיטעל צו מא־טערען זיין זעעלע, ניט זיין קערפּער. און דאָס וועט אויף איהם בעסער ווירקען.

— און וואָס איז דאָס פיר א מיטעל?

— איך בעט דיך, מיין טהייערע קאטהערינא, לאָז דאָס פּאָרלויפיג בלייַ־בען מיין געהיימנים. אָבער איך קען דיך פערזיכערען, אז אין אייניגע טעג וועל איך זיין אין שטאנד דיר פּאָרצושטעלען א שריפטליכען בעריכט, וואו מיראָוויטש אליין וועט אונטערשרייבען אלעס וואָס מיר פערלאַנגען.

— וויא דערלעב איך עס שוין צו זעהן, האָט קאטהערינא בעמערקט מיט א זיפץ, דאן וועט עס לאנג ניט נעהמען און אָרלאָוו וועט אבגערעאמט ווערען פון אונזער וועג פיר אימער און עביג און מיר וועלען מעהר ניט דארפען ציטע־רען אין דיא גליקליכסטע מאָמענטען פון אונזער ליעבע.

13טער קאפּיטעל

דיא שרעקליכע בעגעגנים.

אין א טיעפען אונטעראירדישען קערקער אין פּעטראָפּאוולאָווסקי פעס־טונג איז שוין זייט אייניגע מאָנאטען געזעסען געפאנגען דער געוועזענער לייַ־טענאנט ניקאָלאי מיראָוויטש. ער איז געווען צוגעשמידט צו דער וואנד מיט אייזערנע שווערע קייטען. מיט א העלדענמוטהיגע געדולד האָט ער ביז יעצט איבערגעטראָגען אלע שמערצען פון זיין שווערע געפענגנים, טראָטץ דעם וואָס ער האָט זעהר גוט געוואוסט, אז ער האָט גאָר ניט וואָס צו האָפען אויף גנאדע פון דער קייזערין.

ער איז יעצט געזעסען גאַנץ גלייכגילטיג און האָט ערוואַרטעט דיא שטונ־דע, ווען מען וועט איהם פיהרען צום עשאפאָט.

ציטעגוויז פלעגט ער בלויז דענקען וועגען זיין איינציגע געליעבטע אָל־גא, צו וועלכער עס האָט איהם געצויגען וויא א מאגנעט צו שטאָהל.

זיינע געדאנקען האָבען געשטורמט מיט פערשיעדענע פראגען, אויף וועל־כע ער האָט קיין אנטוואָרט ניט געקענט געפינען. האָט אין איהם אָלגא שוין אין גאנצען פערגעסען? קען זיא איהם ווירקליך ניט פערצייהען דאָס וואָס ער האָט ביי איהר אין יענער אונגליקליכער נאכט אוועקגענומען דיא שליסעל פון פעסטונג? געוויס קען זיא עס איהם ניט פערגעסען און פערצייהען. פלעגט ער זיך אליין טראכטען, ווען ניט, וואָלט זיא, דיא רייכע, מעכטיגע קניאגיניא דאשקאָוו געוויס געפונען א מיטעל וויא צו קומען צו איהם מיט א בעזוך און פיעלייכט וואָלט זיא דאן אויך געזוכט א מיטעל וויא איהם צו בעפרייען.

אָבער ער האָט דיא גאנצע צייט פון זיין געפאנגענשאפט וועגען איהר קיין זאך ניט געהערט און ער האָט דאריבער געדענקט איינס פון דיאביידע: ענטוועד־דער זיא איז נאָך אויף איהם יעצט אויך אזוי אין כעס, אז זאָגאר זיין גרויסער, שרעקליכער אונגליק ריהרט מעהר איהר הארץ ניט, אָדער זיא אליין האָט געמוזט איבער דער געשיכטע ארייגפאלען אין אן אונגליק און ס'איז איהר אזוינס פערגאנגען, אז זיא האָט געמוזט אין איהם פערגעסען.

ביי'ם לעצטען געדאנק איז מיראָוויטש א פערציטערטער געוואָרען. ער האָט אזוי געציטערט, אז זיינע קייטען האָבען געקלונגען. עס האָט איהם וועה געטהאָן דאָס הארץ אויף איהר מעהר וויא אויף זיך אליין.

מיט אמאָל האָט מיראָוויטש דערהערט וויא מען שליסט אויף דיא שווערע אייזערנע טיהר פון זיין געפענגניס. ער האָט זאָגאר דעם קאָפּ ניט אויפגעהויב־בען. ער האָט געמיינט, אז דאָס איז איינער פון דיא וועכטער וואָס ברענגט איהם זיין מאָהלצייט.

באלד איז אָבער מיראָוויטש ערשטוינט אויפגעשפרונגען. ער האָט דער־הערט, וויא מען רופט זיין נאָמען, און באלד האָט ער אויך דערקענט דעם מאן, וואָס איז פאר איהם געשטאנען אין א גלענצענדען גאָלד פערציערטען מונדיר. יא, דאָס איז ער, זיין בעסטער פריינד און גוטער קאמעראד פון דיא פריהערדיגע צייטען, ער, מיט וועלכען ער האָט זיך ברודערליך געטהיילט מיט דיא לעצטע קאָ־פּיקעס, ווען זיי זיינען ביידע געווען גלייכע אָרימע לייטענאנטען.

— פּאָטעמקין! האָט מיראָוויטש אויסגערופען שרעקליך איבערראשט, ענדליך האָסט דו זיך דערמאָנט צו בעזוכען דיין אמאָליגען קאמעראד! אָה, וויא ווייט פערשיעדען אונזערע וועגען זיינען יעצט. דו ביסט געוואָרען דער געליעבטער פון דער שעהנער קייזערין און איך —

— גענוג, מיראָוויטש, האָט איהם פּאָטעמקין אונטערבראָכען. איך בין ניט געקומען אהער זיך פאר דיר צו בעריהמען מיט מיין גליק אָדער זיך צו פרע־העז מיט דיין אונגליק. איין נאָט ווייסט דעם אמת, וויא דיין יעצטיגע לאגע

קריינקט מיך. אבער איך האב זיך עראינערט, אז מיר זיינען אמאל געווען פריינד, קאמעראדען, וואס זיינען פערטיג געווען איינער פאר'ן אנדערען דיא נשמה אוועקצוגעבען, און איך בין יעצט געקומען דיין שיקזאל עטוואס צו פער־לייכטערען, אויב דאס איז נור מעגליך.

מיראוויטש איז שטארק געריהרט געווארען פון פאטעמקין'ס פריינדליכע ווערטער און אויסשטרעקענדיג איהם זיין שוואכע אויסגעמאגערטע האנד, האט ער אויסגערופען מיט א האלב פערשטיקטע שטימע פון טהרערען:

— פאטעמקין! אלעקסאנדער! ביסט דו דאס ווירקליך געקומען אלס געוועזענער קאמעראד מיר צו העלפען? אה, וויא טהייער דאס איז ביי מיר, ווען דו זאלסט נאכהער אפילו גאר ניט קענען טהאן פאר מיר! איך בין דיר פון מיין טיעפסטען הערצען דאנקבאר פאר דיין יעצטיגען וויזיט, ווייל דאס האט מיר צוריקגעגעבען דיא גאנצע אמונה וואס איך האב געהאט פערלארען אין דער מענשהייט.

— ארימער פריינד, וויא שרעקליך איך בעדויער דיך! האט פאטעמקין אויסגערופען מיט א געפיהל פון מיטלייד. איך קען עס בשום אופן ניט בעגרייפען וויא קומסט דו צו אזא העסליכע פערשוועררונג? וויא איז דאס מעג־ליך געווען, אז אין דיינע קלוגע געהירען זאל געבארען ווערען אזא דומע, אזא נארישע פאנטאזיע צו בעפרייען א ווילדען, וואהנזיניגען מענשען און איהם אלס צאר פראקלאמירען? וויא קומט עס צו דיר? איך האב דיך ארעטירט, דאס איז וואהר, אבער איך גלויב, אז דערפאר קענסט דו גאר צו מיר ניט האבען. איך האב מיין פפליכט געמוזט ערפילען.

— גאנץ געוויס. אלס אפיציער און אלס אזעלכער וואס גלויבט, אז דיא קייזערין איז ווערטה דעם טהראן, האסט דו געהאט פאלשטענדיג רעכט מיך צו ארעטירען.

— און וואס דענקסט דו יעצט צו טהאן, מיראוויטש?

— וואס זאל איך דענקען? איך דענק שוין גאר ניט. איך זיץ און ווארט אויף'ן טויט. דאס אלעס.

— מיראוויטש, פריינד מיראוויטש, האט פאטעמקין אויסגערופען מיט א ריהרענדע שטימע, איך גלויב, אז ס'איז פאראן א מעגליכקייט דיך צו רעטען און צוזאמען דאמיט אויך רעטען דיין טרייע געליעבטע —

— מיך צו רעטען! האט מיראוויטש איהם אונטערבראכען וויא איינער וואס ווערט פלוצים משוגע, מיך צו רעטען צוזאמען מיט מיין ליעבע אלגא! איז זיא דען אויך אין אן אונגליק, וויא מיין הארץ האט מיר געזאגט? אה, אלעק־סאנדער! דו ווייסט ניט וויא איך ליעב זיא! זיא איז דיא געטין פון מיין נשמה! ווען דו זאלסט מיך פון דאנען בעפרייען נור צוליעב איהר אליין, וואלט

איך דיין עביגער שקלאף געוואָרען! פריינד, ברודער, איך בעט ניט פאר מיר, נור פאר איהר —

— ארימער פריינד! אונטער דיא יעצטיגע אומשטענדען איז מיר אונ־מעגליך דיך אין גאנצען צו בעפרייען, אָבער דיין לעבען קען איך רעטען. אַן אנדערער וועט אויף דיין פּלאץ געבראכט ווערען אויף'ן עשאפאָט און דיך וועט מען פערשיקען ערגעץ אין א מילדע געגענד פון סיביר. איך וועל שוין זאָרגען, אז דיר זאָל קיין זאך ניט פעהלען. אויך זיא וועט קענען אהין קומען צו דיר, אויב זיא וועט האָבען מוטה דער צו.

— געוויס וועט זיא עס טהון, האָט מיראָוויטש אויסגערופען העכסט אויפ־גערעגט. זיא ליעבט מיך. זיא איז פערטיג פאר אונזער ליעבע זיך צו אָפּפערען. פריינד, קאמעראד פּאָטעמקין, זאָג מיר וואָס דאַרף איך טהאָן אום דיא גנאָדע פון דער גוטער קייזערין צו פערדיענען. איך בין אויף אַלעס פערטיג! גערע־טעט! גערעטעט! אָה, וואָס פיר אַן אונערוואַרטעטעס גליק!

— און דערפאר פערלאַנגט מען פון דיר בלויז א קליינינקייט, האָט פּאָטעמ־קין געזאָגט און האָט אַרויסגענומען פון קעשענע א פּאַפּיער, אַלעס וואָס דו דאַרפסט טהאָן, איז דיעזען דאָקומענט אונטערצושרייבען.

— א דאָקומענט? וועגען וואָס? גיעב עס נור אהער, דו וועסט דאך גע־וויס פון מיר ניט פערלאַנגען א זאך וואָס זאָל מיך מאכען נאָך אונגליקליכער וויא איך בין. איך דאנק דיר! אָה, גאָט, מיר דונקעלט אין דיא אויגען. טהו מיר דיא געפעלינקייט, פּאָטעמקין, און לעז מיר פאָר, וואָס אין דיעזען פּאַפּיער איז געשריבען.

פּאָטעמקין האָט צוגענומען דעם פּאַפּיער און מיט זיין קלינגענדע שטימע האָט ער פאָלגענדעס פאָרגעלעזען:

„איך, ניקאָלאי מיראָוויטש, האָב פאָלשטענדיג חרטה דארויף וואָס איך האָב אנטהייל גענומען אין דער פערשווערונג געגען אונזער אַלגנעדיגסטע קיי־זערין. איך בין זיך מודה און ערקלער דאביי דיא גאנצע וואהרהייט, אז גראף גרעגאָר אָרלאָוו האָט מיך אָנגערעדט און מיך געדונגען צו בעפרייען דעם גע־פאנגענעם פון שליסעלבורג, אום מען זאָל דורך דעם פּלאן קענען דיא קייזערין קאטהערינא אראָבוואַרפען פון איהר טהראָן. איך שווער ביי גאָט, אז דאָס איז דיא וואהרהייט און אז גרעגאָר אָרלאָוו איז געווען דער גאנצער אויפטהוער אין דער פערשווערונג.“

— און דיעזען דאָקומענט, ווילסט דו, זאָל איך אונטערשרייבען? האָט מיראָוויטש געפרעגט מיט א געצוואונגענע רוהיגקייט.

— יא, מיין אָרימער פריינד, דו זאָלסט עס טהאָן.

— ס'איז דאך אָבער א ליגען. אין געגענטהייל, איך קען גאָר שווערען ביי גאָט, אז אָרלאָוו האָט ניט אָנגעהויבען צו וויסען אפילו פון מיין פּלאן און גראדע

פון איהם האָבען מיר זיך אלע געהיט, ווייל מיר האָבען איהם געהאלטען פאר אונזער געפעהרליכסטען שונא.

— דאָס גלויב איך דיר ניט, מיראָוויטש, האָט פּאָטעמקין בעמערקט, ווען דו האָסט זיך געקענט ערלויבען אונטער דער מאסקע פון א געטרייען אָפיציער צו רעבעלירען געגען דיא קייזערין, דאן קען מען דיר מעהר קיין זאך ניט גלויבען. איך ווייס גראדע פון א זיכערע פּערזאָן, אז דו ביסט יא געשטאנען אין פּער־בינדונג מיט אָרלאָוו'ען, אָבער פּאָלג מיך, זיי ניט קיין עקשן, נעהם דעם פּאַפּיער און שרייב אונטער, ווייל דיין רעטונג הענגט אין גאנצען אָב נור אין דעם.

מיראָוויטש האָט געכאפּט דעם פּאפּיער און האָט איהם אין שטיקער צורי־סען, דאן האָט ער אויסגערופען מיט אן אויפגערעגטע שטימע:

— יעצט ווייס איך צוליעב וואָס דו ביסט צו מיר געקומען, פּאָטעמקין! ניין, דו ביסט ניט מיין פריינד. דו דארפסט האָבען אירגענד וועלכע אורזאַ־כע אָרלאָוו'ען פון וועג אָבצוראמען אום זאָלסט קענען לעבען פריי און אונגע־שטערט מיט דיין געליעבטע, טיראנישע, געקרוינטע חצופה.

— שווייג, דו געמיינער יונג! האָט פּאָטעמקין אויסגעשריען מיט א ברע־נענדען צאָרן. אין מיין געגענוואָרט וואגסט דו קאטהערינאַ'ן צו בעליידיגען? יעצט ביסט דו פערלאָרען, מיראָוויטש!

פּאָטעמקין האָט דריי מאָל א קלאפּ געגעבען מיט'ן פוס אָן דעם באָדען. א ליגענדיגע טיהר האָט זיך געעפענט און אייניגע הענקער, אָנגעטהאָן אין בלוט־רויטע קליידער, זיינען ארויס פון אונטער דער ערד. יעדער פון זיי האָט געטראָגען פערשיעדענע מארטער־ווערקצייג. צו גלייכער צייט האָט זיך דיא טיהר געעפענט און עס איז אריינגעקומען דער אונטערזוכונגס ריכטער גראף גאליצין, וועלכער האָט שוין דעם געפאנגענעם אייניגע מאָל פערהערט.

— מיראָוויטש! האָט דער ריכטער זיך אָבגערופען, ווארפענדיג אויף דעם געפאנגענעם א פינסטערען בליק. איהר האָט ביז יעצט געלייקענט דיא וואהר־הייט. איך ווארן אייך, אז דאדורך פערשלימערט איהר אייער לאגע. אויב איהר האָט נאָך א פונק פון עהרע מוזט איהר ענדליך זיך מודה זיין, ווער האָט אייך אריינגעגעבען דעם געדאנק צו מאכען א פערשווערונג געגען דיא קייזערין פון רוסלאנד?

— קיינער ניט! האָט מיראָוויטש געענטפערט. איך אליין האָב אונטער־גענומען דיעזען פּלאן איוואן אנטאָנאָוויטש צו בעפרייען און איהם אלס צאר פון רוסלאנד צו פּראָקלאמירען. איך אליין האָב דאצו אלע מיינע קאמערא־דען אָנגערעדט.

— און פּעטער וואָראָנצאָוו? האָט גאליצין געפרעגט מיט שפּאָט, ווילט איהר אויך לייקענען, אז דיעזער ערנסטער פיינד פון דער קייזערין האָט דיא

גאנצע פערשווערונג אויפגעטהאָן? ער האָט איך אָנגערעדט, איהר זאָלט זיך לאָזען פון א געוויסער פערזאָן אונטערקויפען.

— עס איז ניט וואהר, האָט דער געפאנגענער געענטפערט, פעטער וואָראָנצאָוו איז אונשולדיג.

— מיר האָבען בעווייזע, אז ער איז צו אייך א געוויסען טאָג געקומען מיט א פאָרשלאָג פון גראף אָרלאָוו, וועלכער האָט אייך אָנגעבאָטען צוויי אידמעניעס און א גרויסע סומע געלד, אויב איהר וועט זיך אונטערנעהמען צו פיהרען דיא פערשווערונג.

— און איך ערקלער אייך צום לעצטען מאָל, אז גרעגאָר אָרלאָוו האָט מיט מיר ניט געהאט צו טהאָן און איך קען איהם זאָגאר וועניג.

— דיא אייזערנע צוואנגען! האָט בעפעהלען דער סליעדראוואטעל גאַליצין.

צוויי פון דיא הענקער זיינען צוגעפאלען צום געפאנגענעם און אָנגעטהאָן אויף זיינע הענד ברייטע אייזערנע רינגען, וועלכע זיינען אינווענינ אָנגעשטעקט מיט שארפע צוועקעס. זיי האָבען שוין צוזאמענגעשרויפט דיא רינגען און באלד וואָלטען דעם געפאנגענעם'ס הענד צושמעטערט געוואָרען.

— האַלט! האָט פאָטעמקין אויסגערופען און האָט זיך געווענדעט צו מיראָוויטש'ען, דו זעהסט צו וואָס דיין עקשנות קען דיך ברייננען? אָבער איך וויל ניט זעהן, וויא מען מאטערט דיך, און זאָג דיר נאָך איין מאָל: זיי זיך מודה, ערקלעהר דיא וואהרהייט.

— ניין און טויזענד מאָל ניין! האָט מיראָוויטש אויסגערופען, איך וויל קיין אונשולדיגען ניט אריינפלעכטען אין א בלבול. ניעמאלס וועט מען פון מיר ארויסקריגען אזעלכע פאלשע ווערטער!

אויף פאָטעמקין'ס וואונק זיינען דיא הענקערס פערשוואונדען געוואָרען און אויך גראף גאַליצין איז ארויסגעגאנגען.

— איך האָב ניט געוואָלט דיר צייגען א שרעקליכע סצענע, האָט ער געזאָגט צו מיראָוויטש'ען; אָבער דו ווילסט ניט הערען וואָס איך זאָג דיר, קען איך מיר ניט העלפען. באלד וועסט דו זעהען דיין געליעבטע, דיא געוועזענע פירסטין דאשקאָוו, וויא עלענד און אונגליקליך דו האָסט זיא געמאכט.

מיט דיעזע ווערטער האָט ער געעפענט דיא טיהר און עס האָט זיך געהערט, וויא מען האָט געשלעפט איבער'ן קאָרידאָר א פרויענצימער, וועלכע האָט געשריען מיט פערצווייפעלטע קולות. דאָס האָט דער אַלטער קניאז געבראכט צו שלעפען זיין שעהנע, פערברעכערישע פרוי. איהרע לאנגע, פראכטפאָלע האָר פאנאנדערגעלאָזען און צופלאָנטערט; איהרע קליידער, וויא פון א דיענסט, הענגען אויף איהר צוריסען, איהר בלאסע, ליעבליכע געזיכט טראָגט בלויע צייכענס פון קלעפ. ווען זיא האָט זיך ביים טיהר אָנגעשפארט און ניט געוואָלט

ווייטער געהען, האט איהר דער אלטער טיראן דערלאנגט א זעץ אין רוקען אזוי שטארק, אז זיא איז ארייגעשליידערט געווארען אין מיטען געפענגנים און גע־פאלען צו דער ערד.

— דאס בין איך, גענעראל מאיאר פאטעמקין, רופט זיך אב דאשקאוו צו איהם. איהר האט מיר געשיקט זאגען, איך זאל אייך ברענגען אהער דיעזע נידערטרעכטיגע פערברעכערין, און איך האב אייער וואונש ערפילט, אבוואהל איך ווייס נאך ניט וועגען וואס דא האנדעלט זיך.

— איך וויל דיעזען געפאנגענעם מיראוויטש פערהערען אין דער געגענ־ווארט פון דיא געוועזענע פירסטין דאשקאוו.

— מיראוויטש!? האט דער אלטער אויסגעשריען אזוי צוקאכט, אז זיינע ליפען האבען זיך בעדעקט מיט שוים. דיעזער געפאנגענער, ער איז דאס דער שארלאטאן מיראוויטש? — אה, ענדליך, ענדליך וועל איך זיך מיט איהם אברעכענען! — הונד, שופט, פערפיהרער! דו האסט מיין גליק פערניכטעט, דו האסט מיין נאמען געמאכט צו שאנדע פאר דער גאנצער וועלט. איך וועל דיך אונטער מיינע פים צוטרעטען, דו פערדאממטער אויסוואורף!

ער איז צוגעפאלען צום געפאנגענעם וויא א ווילדע חיה, אבער אין דעם זעלבען מאמענט האט פאטעמקין מיט זיין קראפטפאלע האנד איהם אבגעשטופט און האט אויסגערופען:

— צוריק, פירסט דאשקאוו! איהר האט קיין רעכט דיעזען מאן אנצור־גרייפען. זיין לעבען געהערט צו דער קייזערין און מיר דארפען נור זעהן פון איהם געוויסע ערקלערונגען ארויסצוקריגען.

אבער דעם אויפגערעגטען גרייז איז ניט געווען אזוי לייכט איינצוהאלטען. ער האט ארויסגעכאפט א פיסטאל פון טאש און זיך רייסענדיג צום געפאנגענעם, האט ער געשריען וויא א בלוט־דורשטיגער טיגער:

— לאזט מיך, גענעראל! דיעזער לומפ האט געגען אונזער קייזערין גע־זינדיגט. איך ווייס עס, אז ער האט פערדיענט הונדערט מאל דעם טויט, דען ער איז א נידערטרעכטיגער, פערדאממטער רעבעל, אבער וואס ער האט מיר גע־טהאן איז נאך טויזענד מאל ערגער וויא זיין פערברעכען געגען דעם טהראן. נעהט אוועק, גענעראל, איך מוז איהם שיסען וויא א משוגע'נעם הונד! — דו שאנד־קערל, מיט דיעזען רעוואלווער —

איידער פאטעמקין האט נאך בעוויזען דאשקאוו'ן איינצוהאלטען, האט זיין רעוואלווער אויסגעקראכט, אבער דיא קויל איז אריינגעלאפען אויבען אין גע־וועלב. אין דעם לעצטען מאמענט האט אלגא מיט א שטארקען זעץ אבגעשטופט דיא האנד פון דעם אלטען קניאז.

— מארדעט איהם ניט, פירסט דאשקאוו, האט אויסגערופען דיא בלייכע אלגא, איך האב דעם טויט פערדיענט, ניט ער. איך האב געבראכען מיין שבועה

צו אייך, אָבער ער האָט דאָך צו קיינעם ניט געשוואָרען. נור איך אליין האָב געגען אייך געזינדיגט.

— שוויינ, דו שענדליכע נקבה! האָט זיך דער אלטער געקאָכט, דו וואגסט נאָך זיך אָנצונעהמען פאר דיין מיטפערברעכער? דו נידערטרעכטיגע שקלאפין, איך וועל דיך אויף שטיקער צוריַיסען!

— גענוג! האָט פּאָטעמקין אויסגערופען און האָט זיך אוועקגעשטעלט צווישען דעם אלטען און דיא אונגליקליכע אָלגא. איך בעפעהל אייך, קניאז דאשקאָוו, איהר זאָלט דיעזע פרוי יעצט אין מיין געגענווארט ניט בעריהרען און איך ווארן אייך איהר זאָלט זיך ניט אונטערשטעהן נאָך אמאָל צו מאכען א מאָרד פערזוך אויף דעם געפאנגענעם. איך געפין זיך דאָ אלס דער בעפאָל־מעכטיגטער פערטרעטער פון איהר מאיעסטעט, דיא קייזערין, און איהר מוזט פאָלגען אלעם וואָס איך זאָג.

דיעזע ענערגישע ווערטער האָבען געמאכט א גוטע ווירקונג. דאשקאָוו, וועלכער איז וויא אלע נידעריגע טיראנען געווען פון נאטור א־פּייגלינג, איז פערקראָכען אין א ווינקעלע שטיל פלוכענדיג און קריצענדיג מיט דיא ציינער. פּאָטעמקין אָבער, ניט קוקענדיג מעהר אויף איהם, האָט זיך געווענדעט צו אָלגא מיט פאָלגענדער פראגע:

— זאָגט מיר דיא וואהרהייט, האָט איהר געוואוסט פון אייער געליעבטען וועגען דעם פּלאן צו מאכען א פערשווערונג געגען דער קייזערין?

— ניין, מיין הערר, איך האָב עס ניט געוואוסט. אין דער לעצטער נאכט האָב איך וועגען דעם ערפאהרען און איהר ווייסט דאָך, אז איך בין באלד גע־קומען צו לויפען אין ווינטער פּאלאסט, אום וועגען דעם צו מעלדען.

א הערצרייסענדער זיפץ האָט זיך ארויסגעריסען פון דעם געפאנגענעם'ס ברוסט, הערענדיג דיעזע ווערטער, אז דיא יעניגע, וועלכע ער ליעבט אזוי וואהר און צערטליך, האָט אויף איהם דעם גאנצען אונגליק געבראכט.

— אָלגא, אָלגא! האָט ער אויסגערופען מיט א געבראָכענער שטימע. דו האָסט מיך פערראַטהען? — אָה, מיט וואָס האָב איך עס ביי דיר פער־דיענט?

ניט קוקענדיג אויף דער אויפרעגונג פון איהר מאַן, איז אָלגא לאנגזאם צו־געגאנגען צו איהר געווזענעם געליעבטען. דער אויסדרוק פון צאָרן און טרויער אויף איהר ליעבליכעם געזיכט איז געווען מערקווירדיג ריהרענד.

— און דו קענסט נאָך פרעגען און זיך וואונדערן, ווארום איך האָב דיך פערראטהען? האָט אָלגא מיט א ציטערנדע שטימע אויסגערופען, אָה, דו שענדליכער מאַן! ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך דיך אין שטיקער צו־ריסען!

— אָלגא! אָלגא! האָט דער אונגליקליכער געזיפצט, אזוי רעדסט דו

צו מיר, דו, וועלכע האט טויזענד מאל געזאגט, אז דו ליעבסט מיך מעהר וויא דיין איינענעם לעבען! ?!

— ס'איז אמת. איך האב דיך געליעבט, האט זיא אויסגעשריען מיט א ווילדען שמערץ, וועהרענד אין איהרע שעהנע אויגען האבען זיך טרעהרען בעוויזען. אה, וויא אונענדליך איך האב דיך געליעבט, ניקאלאי! איך זאג עס יעצט אפען, אין דער געגענווארט פון דעם יעניגען, וועלכער בעשטראפט מיך יעצט דערפאר מיט דער גרעסטער גרויזאמקייט וואס דו קענסט זיך נור פארשטעלען, איך האב דיך אמת געליעבט מיט'ן גאנצען פייער פון מיין יונגע נשמה, אבער נאך מעהר וויא דיך האב איך געליעבט מיין קינד, אונזער קינד. מיט'ן שטאלץ פון א מוטער האב איך דיך צו איהר וויעגעלע געפיהרט און דו האסט אויף אונזער טעכטעריל זאגאר קיין קוק טהון ניט געוואלט געבען. דיינע געדאנקען זיינען דאן פול געווען מיט פערברעכערישע פלענער. האסט ביי מיר גערויבט דיא שליסעל פון דער געפענגניס און האסט מיר דאביי דערלאנגט אזא שטויס אין הארצען, אז איך בין געפאלען אין אונמאכט. דאס אליין איז פון דיין זייט געווען גענוג פערדארבען און נידעריג, דאך וואלט איך דיך דערפאר ניט געוועזן פערראטהען. א ליעבענדע פרוי קען אלעס אריבער טראגען, איך וואלט נור אויף א ווײלע געקענט זיין אויף דיר אין כעס, אבער דעם נעכסטען טאג וואלט איך דיר געוויס פערציהען.

— אלגא, ליעבע, טהייערע אלגא, האט מיראוויטש איהר אונטערבראכען שרעקליך געריהרט. יעצט זעה איך איין, אז אין דעם מאמענט פון גרויס אויפרעגונג האב איך דאן געגען דיר ווירקליך זעהר שלעכט געהאנדעלט, אבער ווען דו זאגסט, אז דאס וואלסט דו מיר געקענט פערצייהען, וואס זשע נאך האסט דו דען צו מיר? אויסער דעם וואס איך האב ביי דיר דיא שליסעל מיט געוואלט אוועקגערויבט, האב איך דאך דיר קיין אנדער שלעכטע זאך ניט געטהאן!

— אה, דו פערדארבענער מענש! האט אלגא אויסגערופען מיט א שרעקליכע אויפרעגונג, און וואו איז דאס מיין קינד, וועלכע דו האסט אוועקגערויבט פון מיר אין דער צייט, ווען איך בין אין אונמאכט געפאלען? מיין קינד, מיין ליעבע, זיסע קינד, צו וועלכער מיין גאנצע נשמה איז געווען צוגעבונדען! מאן, דו אונגליקליכער מאן! באלד וועט קומען דיין לעצטע שטונדע, באלד וועט מען דיך פיהרען צום עשאפאט, דיין קאפ וועט פאלען אונטער דער האק פון'ם הענקער, דאן וועט מיט דיר צוזאמען בעהאלטען ווערען אין קבר דיא געהיימניס פון מיין קינד. איך וועל קיינמאל ניט וויסען, וואוהין דו האסט אונזער ליעבע טעכטעריל פערשלעפט, און איך וועל זיא מעהר קיינמאל ניט זעהן און קיינמאל ניט וויסען וואס פון מיין קליינער קאטהערינא איז געווארען.

מיראוויטש איז ביי דיעזע ווערטער געבליבען זיצען וויא א דונער וואלט איהם געטראפען. צוערשט איז איהם דער אטהעם פערשטיקט געווארען און

ער האָט איינמאָל א וואָרט ניט געקענט ריידען. זיין גאַנצער קערפּער האָט אָנגעהויבען ציטערן וויא אין א שטארקען פיעבער, עס האָט גענומען איינינע סעקונדען ביז ער האָט קוים ארויסגעשטאמעלט דיא ווערטער:

— אָלגא! גאָט איז מיט דיר! וואָס רעדסט דו? איך פערשטעה דיך ניט.

דאן האָט ער זיך צואוויינט וויא א קינד און האָט פאָרטגעזעצט:

— דיא בעשולדיגונג וואָס דו האָסט געגען מיר געמאַכט, אָלגא, איז זעהר א שווערע. ווען איך זאָל אזא זאך טהאָן, וואָלט איך ווירקליך געווען דער ערגסטער אויסוואורף, וואָס איז ניט ווערטה, אז אפילו דער הענקער זאָל אויף איהם שפּייען. אָבער איך האָב עס ניט געטהאָן, אָלגא. אזוי וואהר וויא איך לעב נאָך אויף דער וועלט, אזוי וואהר וויא איך האָף, אז דיא לעצטע מינוטען פון מיין לעבען וועסט דו מיר פערצייהען דארויף וואָס איך האָב אין אויפרעגונג אויף דיר מיין האנד געלייגט, אז איך ווייס ניט פון׳ם קינד. איך האָב עס ניט אָנגעריהרט. איך האָב אונזער טאָכטער איבערגעלאָזען אין וויעגעלע שלאָפענדיג דאן, ווען איך בין אין יענער שרעקליכער נאכט פון דיר אוועקגעגאנגען.

אָלגא איז אָבגעשפּרונגען. א מינוט איז זיא געשטאנען וויא פּאראליזירט, דאן האָט זיא געפרעגט מיט א ציטערנדע שטימע:

— און דו זאָגסט דעם אמת, מיראָוויטש? איך בעשווער דיך ביי דיין מוטער׳ס אנדענקען, זאָלסט זאָגען דיא וואהרהייט: דו האָסט דאָס קינד ניט גערויבט?

— הייליג איז דער קבר פון מיין מוטער, האָט מיראָוויטש געענטפערט מיט א טויט בלאסע געזיכט, זאָל איהר געלייטערטע נשמה מיך עביג שילטען און פערדאמען, אויב איך ווייס פון וואָס צו זאָגען, אויב איך האָב אפילו אן אהנונג ווער עס האָט דאָס קינד גערויבט.

— דאן זאָל מיר גאָט פערצייהען! האָט אָלגא אויסגערופען אין א ווילדע פערצווייפלונג. איך האָב פעראונגליקט דעם מאן, וועלכען איך האָב געליעבט און געשעצט וויא א מלאך, און איך האָב קיין רעכט געהאט אויף איהם אזא גרויסען אונגליק צו ברענגען!

דאביי האָט איהר דאָס הארץ אזוי שטארק פערקלעמט, אז זיא האָט אָנגעפאנגען פאלען פון דיא פיס. פּאָטעמקין איז צו איהר שנעל צוגעלאָפען און האָט זיא אויפגעהויבען, ווערענד זיא האָט וויא וואהנזיניג געמורמעלט:

— א געהיימניס, אן אונבעגרייפליכע געהיימניס. אן אנדערער איז אלזאָ אין מיין צימער אריין און האָט מיין קינד אוועקגערויבט.

מיט אמאָל האָט זיא זיך ארויסגעריסען פון פּאָטעמקין׳ס הענד און צופאלענדיג צו מיראָוויטש׳ען, האָט זיא געקושט זיין בלאסע געזיכט און האָט אויסגערופען מיט א געבראָכענע שטימע:

— זיי מיר מוחל, געליעבטער מאן! איך, איך אליין האָב אויף דיר דיין

אונגליק געבראכט. איך האָב אויף דיר אָנגעטהאָן דיעזע שווערע אייזערנע קיי־טען. אָה, איך בין א העסליכע פעררעטהערין! איך בין ניט ווערטה דיא ליב־טיגע זון זאָל אויף מיר שיינען. פערצייהע מיר, געליעבטער! זעה מיין עלענד, וויא אונגליקליך איך זעלבסט בין געוואָרען.

— און איך מוז דאָ שטעהן און זעהן, וויא דיעזע אויסגעלאסענע חצופה קושט זיך מיט איהר אויסוואורף? האט דער קניאז געשריען פון'ם ווינקעל וואו ער איז געשטאנען. איך וועל עס ניט אויסהאלטען, איך וועל זיי ביידע טויטען!

און ווידער האט ער ארויסגעכאפט זיין געלאָדענעם רעוואָלווער און האט געוואָלט דיא געליעבטע שיסען, אָבער פּאָטעמקין האט צייטליך דעם רעוואָל־ווער פון זיינע ציטערנדע הענד ארויסגעריסען און האט געזאָגט מיט א שטרענ־גען טאָן:

— קניאז דאשקאָוו, אין נאָמען פון איהר מאיעסטעט, דיא קייזערין, בע־פעהל איך אייך פון דאנען ארויסצוגעהן. איך וויל דאָ מיט דיעזע ביידע מענ־שען בלייבען אליין אויף איניגע מינוטען.

— איך וועל געהן, אָבער יענע דאָרט, מיין שקלאפין, וויל איך מיטנעהמען. זיא איז מיין אייגענטהום און דיא קייזערין האט דארויף קיין דעה ניט.

— איהר לעסטערט דיא קייזערין, האט פּאָטעמקין אויסגערופען שטרענג, איהר זאָלט עס וויסען, איהר וועט דערפאר דארפען אָבגעבען דין וחשבון! דער־וויילע, יעצט, פאָדער איך אייך אויף, צום לעצטען מאָל, איהר זאָלט זאָפאָרט דיעזע געפענגנים־צעלע פערלאָזען. יא, אדער ניין? ווילט איהר דאס טהאָן?

דער אלטער דאשקאָוו איז געשטאנען א פערציטערטער פון כעס און האט זיך פון אָרט ניט גערירט. פּאָטעמקין איז דאן צוגעגאנגען, האט האסטיג דיא טיהר געעפענט און האט אויסגערופען:

— עה, סאָלדאטען פון דער וואך, קומט אריין!

באלד זיינען אריינגעקומען פיער סאָלדאטען און פּאָטעמקין האט זיך צו זיי געווענדעט:

— דיעזער מאן אין א געפאנגענער, האט ער געזאָגט צייגענדיג אויף'ן אלטען גענעראל דאשקאָוו. פיהרט איהם אויף דער הויפט וואך. גיט מיר אָב אייער שווערד, קניאז, איהר זיינט ארעטירט!

דער קניאז האט אראָבגעריסען פון זיך זיין שווערד, אָבער פון גרוים אויפ־רעגונג איז ער וויא משוגע געוואָרען און האט אויסגעשטעלט דיא קלונג געגען פּאָטעמקין'ען און ער האט געשריען וויא א צוקאָכטער:

— דו וואגסט עס געגען מיר צו טהאָן? דו פערגעסט, אז איך בין דער פעלד מארשאל פון דער גאנצער רוסישער ארמעע און דו אלס גענעראל מאיאָר האסט קיין רעכט מיר צו בעפעהלען?

— איהר האָט א טעות, קניאז דאשקאָוו, האָט פּאָטעמקין געענטפערט גאנץ געלאסען און האָט ארויסגענומען א פּאפּיער פון טאש. דאָ איז א בעפעהל אונטערשריבען פון איהר קייזערליכע מאיעסטעט, אז אין פּעטערבורג איז פּראָקלאמירט בעלאגערונגס צושטאנד און איך בין דער מיליטער־קאָמאנדאנט פון דער קרוין־שטאָדט. יעדער איינוואָהנער, אָהן אויסנאהמע, שטעהט אונטער מיין אונבעגרענצטע מאכט.

דאשקאָוו האָט פערשטאנען וואס דאָס מיינט. ער האָט זיך נעבאך גאָר ניט געקענט העלפען. מיט א קלעגליכע און טיעפע פערנייגונג האָט ער אייבערגעגעבען זיין שווערד צו פּאָטעמקין׳ען און איז ארויס פון צעלע בעגלייטעט פון דיא סאָלדאטען.

מיראָוויטש און אָלגא האָבען זיך וועגען דער סצענע גאנץ ווייניג געקימערט. וועהרענד דער צייט האָבען זיי געפיהרט זייער אייגענעם געשפּרעך וועגען זייערע אייגענע צרות. דער אונגליקליכער געפאנגענער האָט געגלעט דיא שעהנע האָר פון זיין געליעבטע און זיא איז געלעגען אויף זיין ברוסט און האָט ביטער געוויינט.

— וויין ניט, מיין טהייערע אָלגא, האָט ער זיא געטרייסט, הער אויף צו קלאגען, איך פערצייה דיר פון גאנצען הארצען. איך זעה, וויא שרעקליך דו ליידסט פון׳ם טיראן, און מיין הארץ ברעכט מיר אין שטיקער, ווען איך בעטראכט וויפיעל דו ועעסט נאָך פון איהם האָבען אויסצושטעהן.

— איך וואָלט מיט פריידע נאָך גרעסערע מאטערניסע איבערגעטראָגען, ווען איך זאָל דאמיט נור קענען דיך רעטען, מיין אָרימער ניקאָלאי.

— דאָס קענסט איהר, האָט זיך מיט אמאָל דערהערט א קלינגענדע שטימע הינטער זיי און באלד האָט אָלגא דערזעהן, אז דאָס רעדט צו איהר פּאָטעמקין. איהר זיינט נאָך ניט פערלאָרען, האָט ער פּאָרטגעזעצט, איין איינציגעס וואָרט פון מיראָוויטש׳ען און איהר זיינט ביידע גערעטעט!

— נור איין וואָרט! ? האָט אָלגא געפרעגט ערשטוינט. אָה, ניקאָלאי, דאן וואָרט ניט, טראכט ניט, זאָג וואס מען פערלאנגט פון דיר. פּיעלייכט גיעבט עס נאָך פאר אונז א צוקונפט, א האָפנונג. זאָג וואס מען פערלאנגט פון דיר, ניקאָלאי!

— הערט מיך צו, מיראָוויטש און איהר אָלגא דאשקאָוו, האָט זיך צו זיי פּאָטעמקין געווענדעט. איך שווער אייך ביי גאָט, אז איך וועל מיין פערשפּרעכען ערפילען. זאָג אוים, מיראָוויטש, אז אָרלאָוו איז דער הויפּט פערשווערער און דו ביסט באלד פריי. איך וועל אייך ביידע געבען א סומע פון הונדערט טויזענד רובעל און דיא מעגליכקייט רוסלאנד צו פערלאָזען, אום איהר זאָלט קענען אין אן אנדער לאנד זיך עטאבלירען א פריעדליכע, א זיסע היים. דאָרט וועט איהר קענען לעבען אלס מאן און פרוי, קיינער וועט אייך אין אייער ליעבע

ניט שטערען און איך וועל אייך צו יעדער צייט שטיצען, מיט אלעם וואס איהר וועט נור פון מיר פערלאנגען.

אלגא איז וויא ניי בעלעבט געווארען ביי דיעזע ווערטער און איהר ליעב־ליכע געזיכט האט אנגעהויבען שיינען וויא דיא ליכטיגע זון.

— קענען מיר נאך אזא גליק ערווארטען? האט זיא אויסגערופען מיט הערצליכע פרייד, דו הערסט, מיין געליעבטער? עס עפענט זיך פאר אונז א נייעס לעבען, א גליק, אויף וועלכען מיר האבען נאך ביז יעצט ניט געקענט רעכענען. אה, ניקאלאי! וואס ביסט דו אזוי גלייכגילטיג? בעגייסטערט דיך גאר ניט דיעזע זיסע האפנונג? איך האף נאך, אז מיר וועלען אונזער קינד אויך אבזוכען, דאן וועט אונזער גליק זיין פול. שנעל, זאג דאס ווארט, טראכט ניט! וואס קימערט דיך גרעגאר ארלאוו? ער איז א באנדיט, א טיראן און פאר רוסלאנד איז דאס דיא גרעסטע טובה, אז זיין קאפ זאל פאלען אויף'ן עשאפאט. דו ביסט פריי, געליעבטער מיינער, און איך — איך געהער צו דיר!

פאטעמקין איז פון דער סצענע שטארק געריהרט געווארען.

— דאס זיינען ווערטער פון א ליעבענדער פרוי, האט ער געזאגט זיך ווענ־דענדיג צו מיראוויטש'ען. נו, דו שוויינסט נאך אלץ? ארלאוו איז ביי דיר טהייערער וויא דיין רייצענדע ליעבע פרוי?

מיראוויטש האט געשוויגען. טיעף אין הארצען האט ביי איהם געקאכט א געוואלטיגער קאמפף און זיין נשמה איז אין שטיקער צוריסען געווארען. ענדליך האט ער אויסגערופען מיט א ביטערען זיפץ:

— אלגא, דאס בילד וואס מיין געוועזענער פריינד פאטעמקין שטעלט דיר פאר איז שעהן און ערהאבען. דאס איז וואהר. אבער איך מוז דערפאר בע־צאהלען מיט מיין עהרע. ס'איז אויך אמת אלעם וואס דו זאגסט וועגען אר־לאוו'ען. איך האס איהם וויא דעם טויט, דאך וואלט דיא בעשולדיגונג געגען איהם געוועזען פאלש. פערלאנגסט דו, אז איך זאל ווערען א מסור און מאכען פאלשע בלבולים אויף אן אונשולדיגען מענשען?

— אויב דו וועסט עס ניט טהאן, האט איהם פאטעמקין געזאגט ניט ווארטענדיג ביז אלגא וועט ענטפערען, אויב דו וועסט עס ניט טהאן, וועל איך דיר באלד ערקלעהרען וואס מיט אייך וועט זיין דער סוף. אין צעהן מינוט ארום וועסט דו, מיראוויטש, געפיהרט ווערען צום עשאפאט און דיין קאפ וועט פאלען אונטער דער האק פון'ם הענקער און דיין אלגא וועט דעגראדירט ווערען אלס שקלאפין, און דו ווייסט וויא שרעקליך ער וועט דאן פון איהר ראכע נעהמען.

— אלגא, קלייב אויס, וואס פאר א וועג געפעלט דיר בעסער? האט מי־ראוויטש געשטאמעלט מיט א שטילע גערדריקטע שטימע.

לאנגזאם האט אלגא ארומגענומען דעם געפאנגענעם און נאכדעם וויא

זיא האָט איהם א צערטליכען קוש געטהאָן, האָט זיא אויסגערופען רוהיג און ענטשלאָסען:

— לעב וואָהל, מיין טהייערער! דאָרט אין הימעל, וואו שלעכטע מענשען וועלען אונז גאָר ניט קענען טהאָן, וועלען מיר זיך ווידערזעהען.

פּאָטעמקין איז טיעף געריהרט געוואָרען פון דיעזער סצענע, דאָך האָט ער נאָך פּרובירט דעם לעצטען מיטעל אָנצווענדען, פּיעלייכט וועט איהם דאָס העלפען זיין ציעל צו עררייכען.

ער איז שנעל ארויסגעלאָפען און באַלד האָבען זיך אין קאָרידאָר דערהערט סיגנאַלען פון דיא טרומפּעטען וואָס רופען צוזאמען דיא וואך צו בעגלייטען דעם געפאנגענעם צום עשאפאָט.

מיראָוויטש איז געשטאַנען בלאס און ענטשלאָסען, אָבער מיט אָלגא'ן האָט עס אָנגעפאנגען ווארפען א צאָהן אָן צאָהן און האַלב אונמעכטיג איז זיא גע־פאַלען אויף דיא געשמידעטע הענד פון איהר געליעבטען.

— דו מוזט דיין לעבען רעטען! האָט זיא געשטאמעלט אין טויט שרעק. אך, געליעבטער מאַן, נור דיעזען איינציגען מאָל פערגעס אָן דיין עהרע. זאָל אָרלאָוו אונטערגעהן, אָבער דו זאָלסט לעבען. קויף דיין לעבען און אונזער גליק מיט דיעזע פּאָאָר ווערטער וואָס דיא שרעקליכע מענשען פּאָרדערען פון דיר.

— איך קען ניט, האָט מיראָוויטש געענטפערט, איך קען ניט בלייבען לע־בען אַלס מסור, אַלס פערדאָרבענער מענש, בעסער וועל איך שטארבען אַלס עהרליכער מאַן.

דיא שעהנע אָלגא איז געלעגען אויף זיין ברוסט שטיל וויינענדיג. איהרע ווייסע, ווייכע ארמס האָבען איהם געהאַלטען ארומגענומען מיט אזא קראַפט, וויא זיא וואָלט איהם וועלען פעסט האַלטען מען זאָל איהם פון איהר ניט קענען אוועקרייסען. אָבער באַלד האָט מען זיא פון איהם ברוטאַל אָבגעשטויסען. אין דער בעגלייטונג פון מעהרערע סאָלדאטען איז קניאז דאשקאָוו אריינגעקומען, און וועהרענד ער האָט זיא געכאַפּט שלעפּען פאַר איהרע שעהנע האָר, האָט ער געברומט וויא אַן אויפגערייצטער טיגער:

— יעצט האָב איך דיך צוריק אין מיינע לאַפּעס און דו וועסט זיין דיא איינציגע פרוי וואָס וועט האָבען דעם פערגניגען צו זעהן וויא דאָס בלוט פון דעם שענדליכען פערשווערער וועט פליעסען.

— רחמנות, מיטלייד! האָט דיא אונגליקליכע געשריען. לאָזט מיך פאַר איהם שטארבען. איך בעט דעם טויט, דעם זיסען טויט!

— אָה, דו ווילסט שטארבען? האָט זיך דער אַלטער טיראַן צולאכט, ניין, מיין עהרליכע ווייבעלע, דאָס וואָלט געווען פאַר מיר א גרויסער שאדען. איך וויל דו זאָלסט לעבען, איך זאָל האָבען וועמען צו פּייניגען און וועמען צו מארטערען!

מיראָוויטש האָט וויא א וואהנזיניגער זיך אַנגעפאַנגען צו רייסען פון קייט, אום דיא אונגליקליכע אָלגא פון דעם אלטען בארבאר צו בעשיצען, אָבער דיא קייטען האָבען איהם געהאַלטען פעסט און ער איז צוריקגעפאַלען מיט א הערצ־רייסענדען געשריי. ער האָט געמוזט זעהן וויא דאשקאָוו האָט געשלעפּט זיין אָפּפער פון געפענגנים־צעלע, שלאָגענדיג איהר מיט דיא פויסטען אין געזיכט. ער האָט נאָך געהערט אין קאָרידאָר איהר פערצווייפעלטען יאמער און דאָך איז ער ניט אים שטאנד געווען איהר צו העלפען.

באלד איז אריינגעקומען א ריעזען־גרויסער הענקער מיט זיינע קנעכט, וועלכע האָבען פון דעם געפאַנגענעם אראָבגענומען דיא קייטען און האָבען איהם פערטיג געמאכט צו דער הינריכטונג. מען האָט איהם דאן ארויסגע־פיהרט פון צעלע, איבער דעם לאנגען קאָרידאָר אין הויף, וואו עס איז געשטאנען פערטיג דער עשאפאָט, צוזאמענגעשטעלט פון שווארצע ברעטער. איינינע טרעפּ האָבען געפיהרט צום פּלאטפאָרם און דאָרט אויבען אויף א סלופּ איז געהאנגען א ברייטע, בליצענדע האק.

ארום דיא פינסטערע, הויכע מויערוואנד זיינען געשטאנען א רעגימענט קאָזאקען, וועלכע האָבען גלייכגילטיג געקוקט אויף דער סצענע וואָס דארף דאָ באלד פּאָרקומען. מיראָוויטש האָט נור געדענקט וועגען אָלגא און זעהענדיג, אז זיא געפינט זיך ניט אין הויף, איז ער אמווענינגסטען געווען צופריעדען, וואָס מען צווינגט זיא ניט צו זעהן זיין בלוטיגען סוף.

אָבער אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט זיך געעפענט א קליינע טיהר און דאשקאָוו האָט אריינגעשלעפּט אין הויף זיין אונגליקליכע פרוי. איהר געזיכט איז געווען בלייך וויא דער טויט און זיא האָט דיא אויגען געשלאָסען, אום דיא שרעקליכע סצענע ניט צו זעהן.

פּאָטעמקין איז געשטאנען אין א ווינקעלע פון הויף, ווייט פון עשאפאָט, וועהרענד דיא הענקער־קנעכט האָבען דעם געפאנגענעם ארויפגעפיהרט דיא טרעפּ צום פּלאטפאָרם, אויף וועלכען דער הענקער איז שוין געשטאנען האלטענ־דיג אין זיינע גראָבע הענד דיא בלישצענדע האק. מיט א שטומער בעוועגונג האָט דער הענקער געצייגט דעם געפאנגענעם ער זאָל אוועקלייגען זיין קאָפּ אויף'ן קלאָץ.

אין דיעזער לעצטער מינוט איז דיא געשטאַלט פון דעם פעראורטהיילטען עטוואָס דורכגעשוידערט געוואָרען. נאָך איינמאָל האָט ער געווענדעט דיא אויגען צו אָלגא, אום פון איהר מיט א שטומען בליק דעם לעצטען אבשיעד צו נעהמען און זיא האָט יעצט געעפענט דיא אויגען און האָט ארויסגעלאָזט א שרעקליכען יאמער־געשריי. אין איהר וואהנזיניגען שמערץ האָט זיא זיך געריסען פון איהר אלטען פּייניגער, אָבער ער האָט מיט א ווילדען פלוך דיא שעהנע

פרוי אזא שטוים געגעבען, אז זיא איז אנידערגעפאלען אויף'ן שטיינערנעם באָדען פון הויף.

— זיי פערפלוכט, דו מיטליידלאָזער בארבאר! האָט מיראָוויטש אויסגע־דונערט שטעהענדיג אויף'ן עשאפאָט, דו און יענע טיראנין, וועלכע זיצט יעצט אויף רוסלאנד'ס טהראָן —

דיא טראָמפּעטען האָבען ווידער אָנגעפאנגען צו קלינגען און מיראָ־וויטש'עס קול איז איבערהילכט געוואָרען. דיא הענקער־קנעכט זיינען אויף איהם בעפאלען און האָבען איהם געשלעפּט צום קלאָץ, וואו דער הענקער איז שוין געשטאנען מיט דער אויפגעהויבענער האק אין האנד, פערטיג דעם פער־אורטהיילטען צו קעפּען.

פּאָטעמקין איז געשטאנען פון וויטען און האָט בעטראכט דיעזע סצענע מיט גרויס פערדרוס. צום ערשטען מאָל האָט זיך ערוועקט אין זיין ברוסט א ביטערעס געפיהל געגען זיין געליעבטע קייזערין קאטהערינא, דען זיא האָט איהם היינט אויך דעם ערשטען מאָל ענטזאגט א ביטע, אז זיא זאָל זיין געוועזענעם קאמעראד מיראָוויטש בעגנאדיגען.

דער לעצטער מאָמענט איז געקומען, דער געפאנגענער איז שוין געוועזען צוגעבונדען צום קלאָץ, דיא האק האָט שוין געשוועבט איבער זיין קאָפּ, אלס פלוצלונג האָט זיך דיא טיהר געעפענט און א העכערער אָפיציער איז אריינגע־קומען אין הויף, האלטענדיג אין האנד א פערזיגעלטען בריעף.

— האלט אָב! האָט ער אויסגערופען. איך בין געשיקט געוואָרען פון איהר מאיעסטעט, דיא קייזערין מיט דיעזען געהיימען בריעף צו גענעראל מאיאָר פּאָטעמקין, דיא היגריכטונג זאָל פּאָרלויפיג אָבגעהאלטען ווערען.

אלע זיינען געבליבען שטעהען זעהר איבעררראשט. אין אלנא'ס אויגען האָט אויפגעבליצט א שטראהל פון האָפנונג. דאשקאָוו האָט געמאכט א בייזע מינע, זעהענדיג אז זיין ראכע־דורשט וועט וואהרשיינליך דיעזעס מאָל ניט בע־פריעדיגט ווערען.

פּאָטעמקין האָט אונטערדעסען מיט א פערהאלטענע אויפרעגונג געעפענט דעם בריעף, וועהרענד אין הויף האָט געהערשט א טיעפע שטילקייט און אלע־מענס אויגען זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען אויף דעם יונגען גענעראל, פון וועלכען מען וועט באלד ערפאהרען וועגען שיקזאל פון דעם מאן וואָס איז צו־געבונדען צום הענקער־קלאָץ. ענדליך, אלס פּאָטעמקין האָט דעם בריעף דורכ־געלעזען, האָט ער אויסגערופען מיט א הויכע מונטערע שטימע:

— איהר מאיעסטעט, דיא קייזערין פון רוסלאנד, בעווייזט אויך ביי דיעזען צופאל איהר ערהאבענע מענשען ליעבע און דיא גוטסקייט פון איהר מאָנארכישע הארץ. זיא שענקט דעם לעבען צו דיא יעניגע פערברעכער, וועלכע האָבען איהר לעבען געוואָלט פערניכטען. זיא וויל ניט, אז זייער בלוט זאָל פערגאָסען ווערען

און אלע דיא יעניגע, וואס זיינען בעטהייליגט געווען אין דער שענדליכער פער־שווערונג פון שליסעלבורג, זיינען בעגנאדיגט פון טויט־שטראף.

— לויט דיזען קאבינעט־בעפעהל, האט פאטעמקין פארטגעזעצט, בעטראכ־טענדיג זיין געוועזענעם קאמעראד מיט א טרויעריגען בליק, זיינען דיאביידע הויפט פערשווערער מיראוויטש און וואראנצאוו — דיעזער לעצטער ליעגט שוין קראנק א לענגערע צייט אין א געפענגנים האספיטאל — דיעזע ביידע פער־ברעכער זאלען אנשטאט דיא פערדיענטע טויט שטראף פערשיקט ווערען אויף אייביג נאך סיביר און דארט איבערגעגעבען ווערען אויף שווערע ארבייט אין דיא קוועק־זילבער מינעס. דיא איבעריגע געפאנגענע וועלען אבקומען מיט מילדע־רע שטראפען.

דיא הענקער האבען זיך פון דעם פעראורטהיילטען צוריקגעצויגען און דיא געפענגנים־וועכטער האבען איהם אראבגעפיהרט פון עשאפאט. אין דיעזען אויג־גענבליק האט אלגא שנעל וויא א בליץ זיך ארויסגעריסען פון איהר אלטען טי־ראן, איז צוגעפאלען צו מיראוויטש'ען, איז איהם אויף'ן האלז געפאלען און האט איהם א קוש געטהאן, אן אבשיעדס־קוס.

— נעהם דיעזען קוש אלס עראינערונג, געליעבטער, האט זיא געזאגט, לעב וואהל! ניט אויף אייביג שיידען מיר זיך, דען מיין הערץ זאגט מיר, אז מיר וועלען זיך נאך אמאל וויעדערזעהען. גאט זאל צו אונז זיין גנעדיג און אונז געבען דיא קראפט פיר אונזער ליעבע צו קעמפפען.

א שווערער קלאפ פון אן הארטען פויסט האט יעצט דיא אונגליקליכע ני־דערגעשלאגען. פירסט דאשקאוו, ציטערנדיג פון כעס, האט זיא צוריקגעריסען און האט אויסגעשריען:

— אזוי לאנג וויא איך לעב וועסט דו איהם ניט זעהען. דו ביסט מיין אייג־גענטהום, מיין שקלאפין און איך וועל שוין בעזארגען, אז דו זאלסט קיין פריי־הייט ניט האבען. וואס אנבעטרעפט דיעזען באנדיט, וועט ער פערזונקען ווערען אויף אימער אין דיא סיבירישע פינסטערנים.

— דו האסט א טעות, דאשקאוו, האט מיראוויטש בעמערקט, איינהאלטענ־דיג זיינע ברוויזענדע געפיהלען, דו ביסט אלט און דיין לעבענסצייט איז שוין באלד אבגעלאפען. מיר ביידע אבער, איך און מיין געליעבטע, מיר זיינען יונג. אונז געהערט דיא צוקונפט, וועלכע וועט אונז נאך ברענגען הילפע און גליק.

באלד האבען דיא וועכטער מיראוויטש'ען ארומגערינגעלט און באלד איז ער פערשוואונדען געווארען הינטער דיא אייזערנע טיהרען פון געפענגנים.

פאטעמקין האט נאך פריהער פערלאזען דיא געביידע. ביי'ם אוועקגעהן האט ער זאגאר ניט געוואלט אויף דעם אלטען קניאז א קוק געבען. ער איז געווען שרעקליך אויפגעבראכט פיר זיין פרעכהייט און ברוטאלע ווילדהייט.

נאטירליך איז ער געווען ענטשלאָסען דאָס אלעס צו דערצעהלען זיין געליעבטע קייזערין.

צוויי שטונדען שפּעטער, ווען דאשקאָוו איז געזעסען ביי זיך אין קאבי־נעט, האָט מען איהם געבראכט אן אלערהעכסטען בעפעהל. און ווען ער האָט דעם פּאפּיער איבערגעלעזען, איז זיין אלטע געזיכט פערקרימט געוואָרען פון פערדרוס.

— דאָס איז פּאָטעמקין'ס ראכע, האָט ער געברומט אין גרויס צאָרן. איך זאָל פאָהרען נאָך סיביר אויף דער שטעלע פון א גובערנאטאָר. איך, א פעלד־מארשאל פון דער רוסישער ארמעע! דאָס איז א שרעקליכע ערנידערונג, דאָס הייסט, מען פערשיקט מיך אויף א שעהנעם אופן נאָך סיביר. אָבער עס איז נאָך ניט אלעס געענדיגט. פּיעלייכט וועל איך פון דאָרט צוריקקעהרען און אויספיהרען, אז אן אנדערער זאָל אהין פערשיקט ווערען אלס געפאנגענער.

ער האָט אָנגעקלונגען און אלס זיין אינטענדאנט איז אריינגעקומען, האָט ער איהם געזאָגט:

— מיין גאנצע ווירטהשפט אין דיעזען הויז זאָל אויספערקויפט ווערען. איך זעלבסט פאָהר אָב היינט אבענד נאָך סיביר, אלעס זאָל געמאכט ווערען רייזעפערטיג. אויסער אייניגע דיענער אלס בעגלייטונג זאָל אויך מיין פרוי מיטפאָהרען אין דעם זעלבען געדעקטען רייזע־דיליזשאנס.

דער אינטענדאנט איז ארויסגעגאנגען מיט א טיעפע פערנייגונג, דיעזען בעפעהל צו ערפילען.

14טער קאפּיטעל

עליזאבעט'ס פערצווייפלונג.

אויף ארזאַווסקי גאס אין פּעטערבורג איז דאמאָלס געשטאנען א קליינע הויז, וועלכע האָט פון דרויסען אויסגעזעהן שעהן און זויבער. אין דיעזען הויז האָט זיך מיט א דריי מאָנאט צוריק בעזעצט א געוויסע פרוי נעלידאָוו, אונגע־פעהר זעכציג יאָהר אלט. נאָכדעם וויא איהר מאן, א געוויסער מאיאָר נעלי־דאָוו, איז געשטאָרבען, איז זיא אוועק נאָך פּעטערבורג און דאָ אין דיעזען הויז געגרינדעט א פערמיטלונגס־ביוראָ, צו בעזאָרגען שטעלען פיר גובערנאנטינס, לעהרערינען, קאמער־מעדכען און פערשיעדענע אנדערע פּלעצער.

דיא רעפּוטאציאָן פון פרוי נעלידאָוו איז געווען זעהר גוט. זיא האָט בע־האנדעלט דיא פרויען און דיא מיידלאך, וואָס קומען צו איהר זוכען פּלעצער, זעהר עהרליך און איבערהויפּט גוטהערציג. אויף יעצט געפינען זיך ביי איהר אין צימער פיער מיידלאך און נאָכדעם וויא פרוי נעלידאָוו האָט זייערע נעמען איינגעשריבען אין א בוך, האָט זיא זיך געווענדעט צו זיי מיט א זעהר פריינד־ליכען טאָן:

— אין דיזען אויגענבליק קען איך פיר אייך גאר ניט טהאן, ליעבע קינ־דער. עס איז יעצט איבערהויפּט זעהר שווער פיר א געבארענע רוסין א שטעלע צו קריגען, דען אונזער אריסטאקראטיע זוכט נור פראנצויזישע לעהרערינס פיר זייערע קינדער. אונזער ערהאבענע קייזערין שטעהט אין פערבינדונג מיט דיא גרעסטע פראנצויזישע פילאזאפען און געלעהרטע. אונזערע גרויסע מיינען דארום, אז זיי דארפען אויסשרייבען פון פאריז ניט נור גובערנאנטינס, זאנדערן אויך דיענסטען. מען דארף האפען, אז דיא קייזערין וועט ארויסגעבען א בע־פעהל, מען זאל דיזען אימפּארט פון פראנצויזישע לעבעדיגע סחורות אויפ־הערען, דען זיא איז גוטהערציג און זארגט פיר דעם וואהל פון איהרע אונטער־טהאנען. פּרובירט אריינקומען דיא נעכסטע טעג, פיעליייכט וועל איך דאך פיר אייך געפינען פּאסענדע פּלעצער.

דריי מיידלאך האבען זיך פערדריסליך אויפגעהויבען און זיינען ארויסגע־גאנגען, נור איינע איז געבליבען זיצען.

— פריילעין עליזאבעט, האט זיך צו איהר פרוי נעלידאוו געווענדעט, אויך אייך קען איך ווידערהאלען נור דאס זעלבע, וואס איך האב עבען יעצט געזאגט. וועהרענד דיא לעצטע צוויי וואכען, וואס איהר קומט טעגליך צו מיר, האב איך זיך איבערצייגט אין אייערע רייכע קענטניסע און דאך איז מיר נאך אימער ניט געלונגען פיר אייך אירגענד א שטעלע צו געפינען.

עליזאבעט האט זיך אויפגעהויבען. אין איהרע פּראכטפאלע, שעהנע אויגען האבען זיך בעוויזען טרערען, וועהרענד זיא האט אויסגערופען מיט א גע־דריקטע שטימע:

— מאדאם, איך קען דיעזעס מאל מיט אזא אנטווארט ניט אוועקגעהן. מיין לאגע איז זעהר טרויעריג. איך האב אין פּעטערבורג קיין איינציגע מענשלי־כע זעעלע, וואס זאל מיר העלפען אין מיין נויט. מיינע עלטערן זיינען גע־שטארבען וועהרענד איך בין נאך געווען א קינד און מיין גרויספאטער, ביי וועלכען איך האב זיך ערצויגען איז — יא, ער איז אויך אונלענגסט געשטארבען. וועהרענד דיא לעצטע אייניגע מאנאטען האב איך זיך זעהר פיעל געפּלאגט, יעצט האב איך שוין קיין מיטעל פון וואנען צו לעבען. אה, מאדאם, דיא לעצ־טע דריי טעג האב איך געלעבט נור מיט א שטיקעל ברויט, אבער יעצט קען איך שוין דאס אויך ניט בעקומען, איך האב דיא לעצטע קאפּעקע אויסגעגעבען.

— ארעמעס קינד! האט דיא פרוי אויסגערופען מיט א הערצליכען מיט־לייד, בעטראכטענדיג דאס בילד־שעהנע מעדכען, וועלכע האט זיך ביי דיא לעצ־טע ווערטער בעגאסען מיט ביטערע טרערען, אזוי שלים איז אייער לאגע? בע־רוהיגט זיך און לאזט מיך זיך איבערלעגען, פיעלייכט וועל איך דאך קענען פיר אייך עטוואס טהאן. וויא, האט איהר מיר געזאגט, איז אייער נאמען?

— עליזאבעט צארן.

— און איהר זאגט, אז אייער גרויספאטער האט אייך ערצויגען? וואס האט איהר ביי איהם געלערנט?

— אויסער דיא רוסישע שפראך פערשטעה איך זעהר גוט דייטש, פראנ־צויזיש און ענגליש. איך קען שפיעלען קלאוויר און הארפע און בין געגוי בע־קאנט מיט אלע ווייבליכע הויז־ארבייט.

מאדאם געלידאוו האט אייניגע מינוטען נאכגעדאכט און דאן האט זיא אויסגערופען:

— איך גלויב, אז עס וועט מיר מעגליך זיין אייך צו געבען א שטעלע און דאצו נאך א גוטע. פון דיא פיעלע הונדערטע מעדכענס, וואס איך האב דיא לעצטע צייטען געזעהען, גלויב איך, אז נור איהר קענט פיר דיעזע שטעלע פאסען. אבוואהל איך וויים כמעט וויא גאר ניט פון אייער פערגאנגענהייט, דאך האב איך זיך פון אייער גאנצער בענעהמונג איבערציינט, אז איהר מוזט שטאמען פון א גוטע פאמילע.

— יא, פון א גאנץ אנשטענדיגע פאמיליע, האט זיא געענטפערט מיט א זיפץ. מיין פאמיליע איז געוועז איינע פון דיא ערשטע אין דיעזען לאנד, דאך זעהט איהר, מאדאם, אז איך בין יעצט געקומען צו א לאגע פון ביטערסטע נויטה.

— בערוהיגט זיך. איך וויל אייך יעצט ערקלערען וואס פאר א סארט שטעלע איך האב פיר אייך. מיט א דריי וואכען צוריק איז שפעט ביי נאכט צו מיר געקומען א מאן וועגען געשעפטליכע אנגעלעגענהייטען. ווער דיעזער מאן איז, דאס קען איך אייך ניט ערקלערען. דאס מוז פיר אייך אימער בלייבען א געהיימניס, אבוואהל גראדע ביי איהם וועט איהר האבען דיא שטעלע וועגען וועלכע איך שפרעך.

— אבער דאן פערשטעה איך ניט אין וואס בעשטעהט דיא געהיימניס, ווען איך וועל אין זיין הויז וואהנען?

— דאך וועט איהר איהם ניעמאלס זעהען. דיעזער הערר האט געמליך א קינד, א מעדכען, אייניגע מאנאטען אלט, וועלכע געפינט זיך אין זיין לאנד־הויז, ניט ווייט פון פעטערבורג. דיא איינציגע בעוואהנערין פון הויז איז אן אונגעבילדעטע דיענערין, וועלכע בעזארגט אלעס וואס נויטהיג איז פיר דיא קליינע קאטהערינא —

קאטהערינא? האט עליזאבעט מיט א שוידער אויסגערופען, דיא קליינע הייסט קאטהערינא?

— אבער וואררום זייט איהר אזוי בלייך געווארען, מיין קינד? האט אייך דען אין אייער לעבען אירגענד א קאטהערינא עטוואס שלעכטס געטהאן?

— יא, איך האב פון א קאטהערינא זעהר שווער געליטען — דאך, א נאמען

האט ניט וואס צו בעדייטען. דיא אָרימע, אונשולדיגע עופ'לע וועל איך געוויס ניט האסען דאפיר וואס מען האט איהר אזא נאמען גענעבען.

— אלזא, לאזט מיך אייך ענדיגען ערקלערען. יענער הערר האט מיר גע־געבען דעם אויפטראג, צו געפינען איין אנשטענדיגע דאמע, וואס זאל דיעזעס קינד גוט ערציהען. זיא מוז דאס גאנץ זעלבסטשטענדיג איבערנעהמען, דען ער זעלבסט וואהנט אין שטאדט און אין ווילא וועט ער קומען נור איינמאל אין מאנאט, אום צו זעהן וואס דאס קינד מאכט.

— אָבער ביי דיעזע געלעגענהייט וועל איך דאך דעם העררן זעהן און מיט איהם בעקאנט ווערען.

— ניין, איהר וועט איהם קיינמאל ניט זעהן.

— אָבער דאס אָרימע קינד מוז דאך א נאמען האבען, האט עליזאבעט אויסגערופען ערשטוינט. ווען זיא וועט אמאל עלטער ווערען און מיך פרעגען ווער זיינען איהרע עלטערען, וואס וועל איך איהר דארויף ערקלערען?

— דאס איז גראדע דער הויפט פונקט, וועלכען איך וויל מיט אייך בע־שפרעכען. צוערשט דארפט איהר וויסען, אז איהר וועט בעקומען אן אונגע־וועהנליך גרויסען געהאלט, נעמליך, פינף טויזענד רובעל א יאהר. דאס געלד איז דעפאָנירט אין א זיכערע באנק, פון וועלכע איהר וועט קענען בעציהען אייער געהאלט אין פערלויף פון 20 יאהר. דאפיר פערלאנגט מען אָבער פון אייך, אז איהר זאלט דאס קינד ניט נור ערציהען וויא א מוטער, זאנדערן איהר זאלט פאר דער וועלט ארויסגעבען, אז איהר זייט ווירקליך דיא מוטער פון דיע־זען קינד.

— מאדאם! האט עליזאבעט אויסגערופען פערשעהמט. איהר מוזט דאך פערשטעהן וויא שווער דאס איז פיר א מעדכען דיעזע בעדינגונג אָנצו־נעהמען. ערציהען א פערלאָזענע קינד, פערטרעטען ביי איהר א מוטער־שטע־לע, דאס איז שעהן און הערליך, אָבער איך זאל מיין עהרליכען נאמען אָפּפערען, איך זאל מיין מעדכען־עהרע בעפלעקען — וויא וועל איך נאר קענען מיינע אויגען אויפהויבען, אום יעמאנדען גלייך אין געזיכט צו קוקען?

— און ווער איז יעמאנד? איך וויל צוגעבען, אז אויב איהר האט א פער־לאָבטען, דאן איז פיר אייך ווירקליך שווער אזא שטעלע אָנצונעהמען. דארום זאגט מיר אָפענהערציג: גיבט עס אזא מאן, וואס זאל זיך קענען ריהמען, אז איהר געהערט צו איהם?

— אזא מאן גיעבט עס ניט, האט עליזאבעט געענטפערט מיט א שווערען זיפץ. איך דאנק אייך, מאדאם, וואס איהר האט מיר געצייגט דעם רעכטען וועג. יא, איך בין פריי און האב אויף קיינעם ניט צו קוקען, ווען עס האנדעלט זיך מיין אונגליקליכע לאגע צו פערבעסערען, און דארום נעהם איך אן דיעזע שטעלע.

— זעהר גוט, איך וועל אייך אלזא ערקלערען וואס איהר האט צו טהאן. היינט אבענד אום זיבען אוהר זאלט איהר זיך בעגעבען אויף דעם וועג וואס פיהרט נאך צארסקאיע סעלא. ביים טהויער פון שטאדט וועט איהר זעהען א פערמאכטע קארעטע, אין וועלכער איהר וועט ארייננעהן און זאגען דעם קוטשער, אז איהר ווינשט צו זעהן דיא קליינע קאטהערינא, און נאך'ן פערלויף פון א שטונדע וועט איהר זיין אין יענער לאנד־הויז. אייער געהאלט וועט איהר קריעגען אויסגעצאהלט באלד וויא איהר וועט אהין אנקומען און אזוי וועט איהר עס אויך יעדען מאנאט ערהאלטען פאראויס, דען דער מאן וועלכער אנגאזשירט אייך, איז זעהר רייך.

— און ווען וועט דיעזער געהיימניספאלער מאן דיא וויללא צום ערשטען מאל בעזוכען?

— היינט איז דער 24טער אקטאבער, אלזא דעם נעכסטען מאנאט, דעם 7טען נאוועמבער דארפט איהר אום 4 אוהר נאכמיטאג פערלאזען דיא וויללא, אום ביי דעם בעזוך פון דעם הערן ניט אנוועזענד צו זיין. פערגעסט ניט, אז פאר 10 אוהר אבענדס דארפט איהר ניט צוריק קעהרען.

— דאס וועל איך געדענקען, האט עליזאבעט געזאגט אויפשטעהענדיג און נעהמענדיג אבשיעד. איך דאנק אייך, מאדאם נעלידאוו, פיר דעם פערטרויען וואס איהר האט מיר געשאנקען און איך פערזיכער אייך, אז מען וועט מיט מיר צופרידען זיין.

— דאס וויים איך. מיין ערפאהרענהייט האט מיר גלייך געצייגט, אז איהר זייט דיא ריכטיגע פערזאן וואס קען פערטרעטען א מוטער־שטעלע ביי א פערלאזענע קינד. איך האף, אז איהר וועט דיא קליינע קאטהערינא ליעב האבען און איהר וועט אין יענע לאנד־הויז געפינען א היימאטה. לעבט וואהל, עליזאבעט!

עליזאבעט האט געדריקט דיא האנד פון דיא בראווע פרוי און איז ארויסגעגאנגען פון איהר הויז.

געהענדיג דורך דיא גאסען פון פעטערבורג נאך איהר ארימע וואהנונג, האט עליזאבעט דורכגעבלעטערט אין איהרע געדאנקען דיא גאנצע געשיכטע פון אלע זאכען וואס זיינען מיט איהר דיא לעצטע צייט פארגעקומען. אלעס האט זיך איהר פארגעשטעלט אזוי לעבהאפט גראדע וויא דאס וואלט מיט איהר דעם יעצטיגען אויגענבליק פאסירט.

אין יענער נאכט, ווען דער קאזאק פוגאטשעוו האט זיא און זיין כלה לידיא ארויסגעפיהרט פון ארלאוו'ס שרעקליכע הויז, האבען זיי בענוצט דעם מאמענט, ווען דער שווארצער גראף איז געבליבען שטעהען דערשראקען דערזעהענדיג וויא פוגאטשעוו איז אזוי מערקווירדיג עהנליך צו דעם פערשטארבענעם צאר פעטער. זיא און לידיא זיינען אנטלאפען איבער דעם אייז פון טייך נעווא און

האבען זיך בעהאלטען אין איינעם פון דיא נעכסטע בויערען־הייזער, וואו זיי זיינען פערבליבען אייניגע טעג, ביז זיי האבען זיך עטוואס ערהאלט פון דעם שרעק וואס זיי זיינען אויסגעשטאנען איבער ארלאוו'ס פערפאלגונג.

ענדליך איז געקומען דיא צייט פון אבריייזען. פוגאטשעוו און לידיא האבען זיא זאגאר זעהר געבעטען, אז זיא זאל מיט זיי מיטפאהרען נאך זייער היימאטה אין דער סטעפע, פערשפרעכענדיג, אז זיי וועלען פיר איהר אם בעסטען זארגען, אבער עליזאבעט האט זיך דערפון ענטזאגט. עס האט דיא ארימע בעטראגענע מערכען געצויגען צוריק נאך פעטערבורג, מיט דיא געהיימע האפנונג, אז עס וועט איהר געלינגען איהר געוועזענעם חתן אלעקסאנדער צו זעהען און פון איהם וועניגסטענס צו ערפאהרען דיא ריכטיגע אורזאכע ווארום ער האט זיא פערלאזען.

אבער איהר האפנונג האט זיך ניט פערווירקליכט. עס איז איהר אונמעגליך געווען צו קריגען פאטעמקין צו זעהען, אבער דאפון וואס זיא האט געהערט וועגען איהם איז איהר הערץ צוריסען געווארען פון פערצווייפלונג און איהר ליעבליכער יוגענד־טרוים איז אין גאנצען פערניכטעט געווארען.

עליזאבעט האט ערפאהרען, אז אלעקסאנדער פאטעמקין איז דער ליעבלינג פון דער קייזערין, אז זיי זיינען ביידע שטענדיג צוזאמען און איבעראל זעהט מען זיא נור אין זיין בעגלייטונג. פאטעמקין האט וועהרענד דיעזע צייט געמאכט א גלענצענדע קאריערע. ער איז יעצט זעהר רייך געווארען און איז דער מעכטיגסטער מאן אין גאנץ רוסלאנד.

אין איהר ארימע וואהנונג האט עליזאבעט דיא ערשטע צייטען פערבראכט אין ביטערע פערצווייפלונג. וויא שרעקליך איהר שיקזאל איז! וויא אונגליקליך האט זיא געמאכט דיעזער מאן, וועלכען זיא האט געשאנקען איהר הערץ און איהר נשמה! וויא פאלש זיינען געווען זיינע שבועות, וועהרענד ער האט איהר געהאלטען אין זיינע אומארמונגען און גערעדט צו זיין ברוסט! זיא וואלט ניעמאלס געקענט גלויבען, אז פאטעמקין זאל זיין א ליגנער, א בעטריגער, א פעררעטהער.

זיא האט זיך ערינערט יענעם נייי־יאהר אבענד, ווען אלעקסאנדער האט איהר אנגעטהאן זיין רינג אויף איהר פינגער. אויף דיעזען רינג איז געווען אויסגעקריצט „אלעקסאנדער פאטעמקין און עליזאבעט וואראנצאוו אויף אייביג פעראייניגט". און בלויז א פאר טעג נאכדעם האט ער זיא אויפגעגעבען און פערלאזען, אום צו ווערען דער געליעבטער פון דער קייזערין.

און ליעבט ער זיא ווירקליך? ער מיט זיין ערדעלען הערצען און חויכזיניגען כאראקטער זאל ליעבען אזא פרוי, וועלכע האט בענוצט איהר מאכט און גלאנץ, אום אוועקצורייבען ביי אן ארימע מערכען איהר איינציגען היילינגטהום, איהר וועלט, איהר אלעס?

— אָה, גרויסע קאטהערינא! האָט דיא אָרימע עליזאבעט געמורמעלט צו זיך אליין מיט א פערשטיקטע שטימע פון טרעהרען וואָס האָבען איהר האלז געשטיקט. פיעלע מיליאָנען מענשען זיינען דיר אונטערטהעניג, פאר וואָס האָט זיך דיר גראדע פערוואָלט דעם איינעם וואָס האָט געהערט צו מיר?

לאנגזאם האָט עליזאבעט זיך עטוואָס בערוהיגט, אָבער עס האָט געדויערט דריי טעג ביז זיא האָט דורכגעמאכט דעם שווערען קאמפף וואָס האָט איהר נשמה געדריקט, און אימער ווידער האָט זיא זיך דיא פראגע געשטעלט, וואָס פיר א געהיימע צויבער־מאכט האָט עס געקענט צווינגען אלעקסאנדער'ן, ער זאָל זיך פון איהר ענטזאגען?

— געלד, א נאָמען, טיטולען — ניין! האָט זיא זיך אליין געפרעגט און אליין געענטפערט.

זיא האָט איהם צו גוט געקענט און זיא האָט געוואוסט, אז פאָטעמקין קען ניט זיין אזוי פערדאָרבען צו פערקויפען זיין נשמה פאר געלד.

— פיעלייכט ווייל קאטהערינא איז שעהן? איז איהר מיט אמאָל אריין א געדאנק אין קאָפּ.

— אָבער דאָס קען אויך ניט זיין, האָט זיא זיך אליין געענטפערט. זיא האָט געוואוסט, אז זיא איז פיעל שעהנער וויא קאטהערינא, דאביי איז זיא א סך יונגער, היינט ווארום פאַרט האָט זיא אלעקסאנדער פערלאָזען אזוי פלוצים אום צו ווערען דער געליעבטער פון אן אנדערע?

עליזאבעט האָט עס ניט געקענט בעגרייפען און זיא האָט בעשלאָסען אלעם מעגליכע אָנצואווענדען אום איהם צו זעהן און ביי איהם אליין אלעם פרעגען. אויב ער וועט איהר זאָגען, אז ער ליעבט זיא ווירקליך ניט מעהר, אז זיין הארץ געהערט צו קאטהערינא'ן, דאן ערשט וועט זיא זיך פון איהם ענטזאגען און וועט וויסען, אז איהר האָפנונג איז אויף אייביג פערלאָרען.

יעצט שטעלט זיך אָבער דיא פראגע: וויא קען זיא צוקומען צו איהם? וויא אזוי קען זיא זיך מיט איהם זעהן? שרייבען צו איהם איז קיין פלאַן ניט, האָט זיא גערעכענט. דער בריעף וועט איהם געוויס ניט אָנקומען, דאפיר וועט שוין וואהרשיינליך דיא קייזערין זאָרגען, זיא מוז זיכער אלע זיינע בריעף לעזען נאָך איידער ער לעזט זיי. זיא האָט דאריבער בעשלאָסען, אז דער בעסטער פלאַן וועט זיין, זיא זאָל ווארטען ארום ווינטער פאלאסט, זיא זאָל זיך דאָרט ארומ־דרעהען אזוי לאנג און אזוי אָפט ביז עס וועט דאָך אמאָל קומען א צופאל און זיא וועט זיך מיט איהם צוזאמענטרעפען.

זיא האָט אזוי געטהאָן היבשע עטליכע טעג, אָבער דער ערוואַרטעטער צו־פאל איז וויא אויף להכעיס ניט געקומען. דערווייל האָט זיא שוין געהאלטען ביים אויסגעבען דאָס לעצטע ביסעל פון דעם געלד, וואָס פּאָטעמקין האָט איהר געגע־בען, ווען ער האָט זיך מיט איהר געזעגענט. פון טאָג צו טאָג איז דיא קליינע

סומע געוואָרען נאָך קלענער און דיא אונגליקליכע מיידעל האָט געזעהן, אז אָט אָט בלייבט זיא אָהן אירגענד וועלכע מיטעל צו לעבען, און זיא האָט גע־מוזט געהן זוכען ארבייט.

בעפאָר זיא האָט בעשלאָסען צו געהן ארבייטען, האָט זיא ביי זיך אָבגע־מאכט איהר מיינונג נאָך איינמאָל צו פּרובירען פּיעלייכט וועט איהר דאָך גע־לינגען פּאָטעמקין'ען צו זעהן.

איינמאָל האָט זיא ערפאהרען, אז אין א געוויסען טאָג פאָהרען אלע פון קייזערליכען הויף.אָב נאָך צארסקאָיע סעלאָ. זעקס א זייגער אין דער פריה האָט זיך עליזאבעט אוועקגעשטעלט ביים טויער פון ווינטער פּאלאסט וואו דער קייזערליכער עקיפּאזש האָט געדארפט דורכפאָהרען. זיא איז דאן ניט געשטאַ־נען אליין, מאסען מענשען האָבען זיך דאמאָלס פערזאמעלט צו זעהן דיא בע־ליעבטע קייזערין און זיא צו בעגריסען.

מיט גרויס מיהע האָט עליזאבעט זיך אימער געשטופּט צו דער פאָדער־שטע רייהע פון דיא צושויער. שטונדען לאנג איז זיא געשטאנען און געדולדיג אָבגעוואַרט, מיט דער האָפנונג, אז פּאָטעמקין וועט זיא דערזעהן און וועט זיך ערינערן אין דיא זיסע שטונדען וואָס ער האָט מיט איהר פערבראכט און ווען ער וועט דערזעהן איהר טרויעריגע, בלאסע געזיכט, וועט ער זיך אויך דערמאָנען אין דער שבועה וואָס ער האָט איהר געגעבען, אז ער וועט איהר בלייבען עוויג געטריי.

ענדליך האָט זיך ערשט מיטאָגצייט בעוויזען דער קייזערליכער צוג. צו־ערשט איז ארויסגעפאָהרען דיא דיענערשאפט, דאן אן אָבטהיילונג פון פּרע־אבראזשענסקי גווארדיע אויף פּרעכטיגע פערד און טהייערע געשפאנען און דאן —

— דיא קייזערין! האָט איינער צום אנדערען געזאָגט, זיא קומט! עס לעבע אונזער ליעבע קייזערין קאטהערינא דיא גרויסע! האָבען פיעלע הונדערטע שטימען געדונערט.

דאן איז ארויסגעפאָהרען אן אָפענע פערגאָלדעטע קארעטע, דאָרט איז גע־זעסען קאטהערינא און ביי איהר זייט פּאָטעמקין.

עליזאבעט האָט איהם באלד דערקענט, טראָץ דעם וואָס ער האָט יעצט געטראָגען א טהייערען גאָלדענעם מונדיר און זיין ברוסט איז געווען בעהאנגען מיט גלענצענדע מעדאלען און אָרדענס.

עליזאבעט האָט צוזאמענגענומען איהרע לעצטע קרעפטע, זיא האָט זיך געוואָלט צושטופּען נעהענטער, אָבער דער קראָוד האָט זיא צוריקגעשטופּט. זיא האָט עפּעס געוואָלט אויסשרייען, אָבער איהר שטימע איז וויא פערשטיקט געוואָ־רען און זיא האָט געפיהלט, אז ס'איז אומזיסט איהר מיהע, צווישען דער מענגע פון טויזענדע אנדערע שטימען וועט זיך איהר שטימע ניט הערען. דערנוייל

איז דיא קארעטע פערבייגעפאָהרען און פּאָטעמקין האָט זיין געוועזענע כלה זאָגאר ניט בעמערקט.

נעבראָכען אין קערפּער און זעעלע האָט עליזאבעט צוריקגעקעהרט אין איהר אָרימע וואָהנונג. דיא לעצטע האָפנונג פּאָטעמקין'ען צו זעהן איז אָם וועניגסטען פיר מעהרערע מאָנאטען פערשוואונדען, וויל דער קייזערליכער שלאָס אין צארסקאָיע סעלא איז פאר'ן פּובליקום אָבגעשלאָסען און איבעראל שטעהט א וואך וואָס לאָזט קיינעם ניט אריין.

פּיעלייכט איז דאָס געווען א גליק פאר דער אָרימער עליזאבעט, וואָס גראדע אין דער טרויעריגער צייט האָבען איהרע געדאנקען געמוזט זיך בעשעפטיגען מיט עטוואָס אנדערעס. דיא נויט איז שוין געווען צו איהר גאנץ נאָהענט און זיא האָט געמוזט זאָרגען פיר ארבייט און פיר ברויט זיך צו ערנעהרען.

זיא האָט אָנגעפאנגען ארומגעהן פון איין געשעפט צום אנדערען זוכען א פּלאץ, אָבער וויא אויף להכעיס האָט קיינער איהר ארבייט ניט געדארפט.

ענדליך האָט זיא דורך מאדאם נעלידאָוו דיעזע גרויסארטיגע שטעלע בעקומען און ס'איז גראדע געווען אנגענעהם דאָס וואָס איהר ארבייט וועט בעשטעהן צו ערציהען א קינד וואָס האָט ניט קיין מוטער. דאָס וועט פאר איהר צוברעכענע הארץ איינינערמאסען זיין א טרייסט און זיא איז געווען זיכער, אז זיא וועט דיא קליינע קאטהערינא ווירקליך ליעבען וויא א צערטליכע מוטער.

ווען ס'איז נאכט געוואָרען, האָט עליזאבעט פערלאָזען איהר אָרימע וואָהנונג און איז אוועק אונטער'ן שטאָדט צום גרויסען שאָסע אויף'ן וועג וואָס פיהרט צו צארסקאָיע סעלא.

דאָרט האָט זיא ווירקליך געפונען א פערמאכטע קארעטע און באלד וויא זיא האָט דעם קוטשער געזאָגט דיא בעשטימטע פּאָר ווערטער, איז ער שנעל אראָבגעשפּרונגען פון זיין זיץ, געעפענט פאר איהר דיא טיהר און זיא איז אריין אין קארעטע.

און ערך פון א שטונדע איז דיא קארעטע געפאָהרען ביז זיא האָט זיך ענדליך אָבגעשטעלט ביי א שעהנע ווילא, וואָס איז געשטאנען גאנץ אליין, אָהן נאכבארשאפט, נעבען שאָסע. א פּראכטפאָלער גאָרטען האָט ארומגערינגעלט דיא הויז. דיא פאָרהאנגען פון דעם פענסטער זיינען געווען פערצויגען און איבעראל האָט געהערשט א פריעדליכע רוהע, א מאָדנע שטילקייט, גראדע וויא דאָרטען וואָלטען גאר קיין מענשען געווען.

באלד וויא דיא קארעטע האָט זיך אָבגעשטעלט ביים אייזערנעם טהויער, האָט זיך דיא גלעזערנע טיהר פון'ם באלקאָן געעפענט און א פרוי איז שנעל ארויסגעגאנגען דיא אָנקומענדע צו עמפּפאנגען.

ס'איז געווען אן אלטע, איינפאכע פרוי, א דיענערין און באלד ביים ערשטען

בליק האט זיא א גוטען איינדרוק געמאכט אויף עליזאבעט'ן. איהר געזיכט האט געצייגט אפענהערציגקייט און גרויס עהרליכקייט.

— ווילקאמען, פריילין, האט דיא אלטע דיענערין געזאגט מיט א טיעפע פערנייגונג, געבענשט זאל זיין אייער איינטריט אין דיעזען הויז.

— איך דאנק אייך, האט עליזאבעט געענטפערט. וויא איז אייער נאמען?

— יאזעפא. דיא אלטע יאזעפא רופט מען מיך. איך בין דיא ווירטהשאפטע־רין פון דעם הויז. מען האט מיר שוין געלאזט וויסען, איך זאל אייך אנשטענ־דיג בעדיענען, און איך וועל אלעס טהאן אום מיין נייע הערין זאל מיט מיר זיין צופריעדען.

— רופט מיך ניט הערין, רופט מיך איינפאך פריילין עליזאבעט און איך וועל אייך רופען מאדאם יאזעפא — דאס אלעס. איך האף, אז מיר וועלען זיך פריינדליך פערטראגען און ביידע וועלען מיר שטרעבען מיט ליעב און זעעלע צו ערציהען דיא קליינע קאטהערינא גוט און עהרליך. פיהרט מיך אין דעם צימער וואו דאס קינד געפינט זיך, איך וויל זיא שוין זעהן.

ביידע זיינען וועהרענד דיעזען געשפרעך אריינגעקומען אין אן עלעגאנטען האף און יאזעפא האט עליזאבעט'ען ארויפגעפיהרט דיא טרעפ צום ערשטען עטאזש. דארט זיינען זיי אריינגעקומען אין א צימער וואס איז געווען אויסגע־שטאטעט מיט גרויס רייכטהום און לוקסוס. אין דעם זעלבען צימער איז גע־שטאנען א גאלדענע וויעג און אין וויעג איז געלעגען א קינד, א מיידעלע, אייניגע מאנאטען אלט.

עליזאבעט האט זיך אנגעבויגען איבער'ן וויעגעלע און האט מיט א צערט־ליכקייט פון א מוטער בעטראכט דיא ליעבליכע, שעהנע קינד וואס האט אויף איהר געקוקט מיט איהרע בלויע אונשולדיגע אויגעלאך און האט געשמייכעלט מיט איהרע קליינע, צארטע, רויטע ליפעלאך, אזוי אז עליזאבעט האט זיא גלייך ליעב בעקומען.

— קאטהערינא, מיין קליינע קאטהערינא! האט עליזאבעט געזאגט און האט דאס קינד אויף דיא הענד גענומען. איך וועל דיך ליעב האבען וויא אן איי־גענע מוטער. ארימע קינד, וויא רייך דו ביסט, ביסט דו אם ענדע דאך ארעם און עלענד. גאט זאל מיר געבען קראפט דיך צו ערציהען וויא א מוטער איהר איינענע קינד.

דאן האט עליזאבעט צוריק אוועקגעלייגט דאס קינד אין וויעגעלע און איהר שטורמדיגע הארץ איז עטוואס בערוהיגט געווארען.

פון דעם טאג אן האט עליזאבעט געפיהרט אין דער ווילא א רוהיגען, פריעדליכען לעבען. פון אלעס וואס געהט פאר אין דער אויסערער וועלט האט זיא ניט געהערט, ניט געזעהען און ניט געוואוסט.

אזוי זיינען פאראיבער אכט וואכען און עליזאבעט האט נאך אלץ קיין

איינציגען מענשען ניט געזעהען. דאָס קינד איז פון טאָג צו טאָג שעהנער גע־וואָרען און דיא אלטע יאָזעפא, וועלכע איז ווירקליך געווען א בראווע, עהרליכע פרוי, האָט עליזאבעט'ען ליעב געהאט וויא זיא וואָלט זיין איהרע אן אייגענע טאָכטער.

ווער ס'איז דער ווירטה פון דעם הויז האָט עליזאבעט ניט געוואוסט און האָט נאָך ביז יעצט דאָס מינדעסטע ניט ערפאהרען. זיא האָט שוין דאריבער איינינע מאָל געשפראָכען מיט יאָזעפא'ן, אָבער ווען ס'איז געקומען וועגען דעם געשפרעך, האָט דיא אלטע יאָזעפא אימער אָנגעפאנגען רעדען פון עפּעס אנדערס און עליזאבעט האָט פערשטאנען, אז דאָס איז א סוד, וועלכען מען טאָר ניט אָדער מען וויל קיינעם ניט ענטדעקען.

ביי דיעזען רוהיגען און רעגעלמעסיגען לעבען האָט עליזאבעט זיך זעהר גוט ערהאַלטען. איהר נאטירליכע שעהנע געזיכט האָט ווידער אָנגעהויבען צו בליהען און זיא האָט געשיינט וויא דער ליכטיגער מאָרגענשטערן.

איינמאָל אין א פריהמאָרגען, ווען דער ערשטער מאָנאט איז פאָראיבער און עליזאבעט איז אריינגעקומען אין דייגינג רום עסען ברעקפעסט, האָט זיא אויף'ן טיש געפונען א קאָנווערט. אויף'ן קאָנווערט איז געווען אָנגעשריבען דאָס וואָרט "עליזאבעט" און אין'ם קאָנווערט איז געלעגען אין אסיגנאציעס דיא סומע געלד פון איהר מאָנאטליכע געהאלט, דאביי איז געלעגען א צעטעל מיט פאָלגענדע פּאָר ציילען:

"מען איז מיט אייך זעהר צופריעדען. טהוט אייער זאך ווייטער. זייט דער קליינער קאטהערינא א מאמע, מען וועט אייך פאר אייער גוטע ארביים גוט בעלאָהנען."

דאָס איז געווען אלעס. פון דאן ביז יעצט האָט זיא ווידער פון קיינעם ניט געהערט און קיינעם ניט געזעהן. היינט אָבער האָט זיא אויף'ן טיש ווידער א קאָנווערט מיט איהר געהאלט געפונען; דאָס יעצטיגע צעטעלע האָט גע־לויטעט

"איהר וועט אזוי גוט זיין היינט 4 א זייגער נאָכמיטאָג אוועקגעהן פון הויז און קומען צוריק זאָלט איהר ערשט צעהן א זייגער ביי נאכט."

עליזאבעט האָט אפילו דערפון פריהער געוואוסט. מאדאם נעלידאָוו האָט עס איהר געזאָגט נאָך איידער זיא האָט דיא שטעלע אָנגענומען, אָבער פון דעסט־וועגען האָט זיא זעהר געגארט דיעזע געהיימנים אויסצוגעפינען, ווער קען עס זיין דער ווירטה וואָס וויל ניט מען זאָל וויסען ווער ער איז.

באלד נאָכמיטאָג האָט זיך עליזאבעט אָנגעטהאָן אין איהרע איינפאכע קליידער און איז פון הויז ארויסגעגאנגען. אָנפאנגס האָט זיא אליין ניט גע־וואוסט וואוהין זיא זאָל געהן. קיין פריינדע און בעקאנטע האָט זיא ניט גע־האט. דיא טהעאטערע פון פעטערבורג און אלע אנדערע פערגניגענס פּלעצער

האט זיא ניט געוואלט בעזוכען און זיא האט דאריבער בעשלאסען, אז אנשטאט צו געהען אין שטאדט אריין וועט זיא בעסער געהן ווייטער ארויס פון שטאדט און זיך אמוזירען מיט דיא שעהנע לאנדשאפטען פון דער נאטור, מיט דיא גרינע פעלדער און וועלדער, צו וועלכע עס האט זיא אימער געצויגען.

און אזוי איז זיא געגאנגען ניט ווימענדיג וואוהין, ביז זיא איז געקומען אין דער געגענד פון צארסקאיע סעלא, וואו עס האט זיך געפונען דער קייזערין'ס לוסט־פאלאסט. רונד ארום איז געווען גאנץ שטיל, ווייל דארט איז געווען שטרענג פערבאטען אירגענד וועלכען ליארם צו מאכען, אום מען זאל דיא קייזע־רין פון איהר רוהע ניט שטערען.

עליזאבעט איז געגאנגען אימער ווייטער און ווייטער און האט דיא ליעב־ליכע געגענד בעטראכט און בעקוקט מיט גרוים בעגייסטערונג. זיא האט גע־גלויבט, אז דיעזער פארק בעלאנגט צו א רייכען פאמעשטשיק, צו א גוט־בעזי־צער, און ווען זיא איז צוגעקומען צו א גרויסע אפענע טיהר, איז זיא אריינגע־גאנגען אין פארק און האט זיך געלאזט געהן איבער דיא פראכטפאלע אלעען.

טיעפער און טיעפער איז זיא געגאנגען דורך דיא בוימער, אזוי פערטראכט און בעגייסטערט, אז זיא האט זאגאר דעם וועג ניט בעמערקט. פלוצים איז זיא שטעהן געבליבען. זיא האט דערהערט הינטער א נאהענטען גרויסען געדיכטען בוים א שטילען געשפרעך און דעם גערויש פון א קוש.

עליזאבעט האט עפעס דערפיהלט וויא א שטאך אין הארצען. זיא האט גע־שפירט א מאדנע קנאה צו דיעזען אונבעקאנטען פאאר וואס געניסען דעם הימלישען פערגניגען פון ליעבע, וועהרענד איהר הארץ איז אזוי עלענד. זיי זיינען געזעסען ביידע אויף א גראז־באנק און האבען זיא ניט בעמערקט.

אנפאנגס האט עליזאבעט זיך געוואלט אומקעהרען צוריק, זיא האט זיך פאר זיך אליין געשעהמט צו שטעהן און זיך אונטערהערען וואס געליעבטע רעדען צווישען זיך, אבער אין דיעזען אויגענבליק האט זיא דערהערט א שטימע וואס האט אויפגעקאכט איהר גאנצע בלוט און באלד האט זיא צווישען דיא צווייגען איהם דערקענט. יא, דאס איז ער, פאטעמקין, איהר געוועזענער חתן, דער אונגעטרייער מאן וואס האט איהר יונגען לעבען רואינירט. זיא האט געזעהן גאנץ דייטליך יעצט, וויא ער האט געהאלטען ארומגענומען א שעהנע פרוי, וועלכע האט זיך צו איהם געלאשצעט וויא א טייבעלע. עליזאבעט האט אויך באלד דערקענט אין דער פרוי, אז דאס איז זיא, דיא גרויזאמע קייזערין קא־טהערינא.

— וואס ביסט דו דיא לעצטע צייט אימער פערטראכט, מיין ליעבער אלעקסאנדער? האט דיא קייזערין געפרעגט. זאג, וואס איז מיט דיר? פיהלסט דו זיך ניט מעהר גליקליך מיט מיר? גיבט עס דען א זאך אין דער גאנצער וועלט, וואס דיין ליעבע הארץ זאל בענעהרען און איך זאל דאס ניט קענען ער־

פילען? זאָג מיר, טהייערער, וואָס דו פערלאַנגסט, און איך וועל דיין וואונש גלייך ערפילען.

— אָה, איך פערלאַנג קיין זאך ניט, קאטהערינא, האָט פּאָטעמקין אויסגע־רופען און האָט איהר געקוקט אין דיא אויגען. איך פערלאַנג נאָר דיך און דיין ליעבע. אך, איך בין ווירקליך אַן אונדאנקבארער מאַן, ווען איך בין ניט אימער אזוי לוסטיג און פרעהליך וויא איך דארף צו זיין. דאָך זיי ניט אויף מיר בייז, טהייערע, עפּעס קומט מיר מאנכעס מאָל פאָר, אַז אַנקענען מיר שטעהט אַ מין געשטאַלט וואָס לאָזט מיך ניט גליקליך זיין. און דאָס אַלעס שטעלט זיך מיר פאָר דיא לעצטע צייט נאָכדעם וויא איך האָב געהאט אַ שרעקליכען חלום.

— אַ חלום? האָט דיא קייזערין געזאָגט מיט אַ געלעכטער, דערצעהל מיר, טהייערער, דיין חלום, טאָמער וועל איך דיר קענען פּותר חלום זיין, טראַץ דעם וואָס איך זאָג דיר פאָראויס, אַז איך גלויב ניט אין חלומות. ס'איז אַבערגלוי־בישע דומהייטען.

— איך גלויב אויך ניט. דאָך איז עס מערקווירדיג, ווייל וועגען דעם געגענ־שטאַנד וואָס איז מיר פאָרגעקומען אין טרוים האָב איך שוין לאַנג ניט גע־דאַכט.

ער האָט זיך צוגערוקט נעהענטער צו דער קייזערין, וועלכע האָט איהם געצערטעלט וויא אַ געליעבטעס קינד, און וועהרענד זיא האָט איהם ליעבליך געקוסט, האָט ער צו איהר געזאָגט:

— שטעל זיך פאָר, געליעבטע, מיר האָט זיך גע'חלום'ט, אַז איך בין געווען אויף'ן יאַגד מיט אַ גלענצענדע סוויטע, פון וועלכע איך האָב זיך ביסלעכווייז דערווייטערט. פּלוצלונג דערזעה איך פאָר זיך אַ שעהנע פויגעלע, וועלכע קוקט אויף מיר אזוי וויא מיט טרויעריגע בליקען. איך האָב אויף איהר אויסגעשאָסען און זיא איז אַראָבגעפאַלען טויט צו דער ערד. איך בין אַראָבגעשטיגען פון פערד און צוגעהענדיג נעהענטער זעה איך, אַז פאַר מיר ליעגט ניט אַ פויגעלע, זאָנדערן אַ מענשליכע געשטאַלט, יענע מיידעל, צו וועלכע איך האָב אַמאָל טרייהייט געשוואָרען.

— זיא? האָט קאטהערינא געפרעגט וואָרפענדיג אויף איהר געליעבטען אַ פלאַמענדען בליק פון צאָרן. דו דענקסט נאָך אימער וועגען איהר? נאָך האָט מיין ליעבע ניט געקענט ברענגען דאַצו, אַז דו זאָלסט אין איהר פערגעסען?

קאטהערינא איז אויפגעשפּרונגען און אויך פּאָטעמקין האָט זיך אויפגע־הויבען פון באַנק אויסרופענדיג:

— אָה, פערצייהע מיר, געליעבטע, איך האָב וועגען איהר ווירקליך שוין לאַנג ניט געדענקט. ניין, קאטהערינא, קוק ניט אויף מיר מיט צאָרן און פער־דאַכט. איך ליעב געוויס ניט מעהר יענע עליזאַבעט, נאָכדעם וויא איך האָב אין דיינע אומאַרמונגען דיא העכסטע גליקזעליגקייט גענאָסען, נאָכדעם וויא

איך האָב ביי דיין ברוסט פון דיא קוואלען דער ליעבע געטרונקען. אָבער זייט יענעם טרוים קומט מיר ניט ווילענדיג א געדאנק, פיעלייכט האָב איך דאָך געגען איהר ניט גוט געהאנדעלט, אָבוואָהל איך ווייס —

— אונגליקליכער! האָט איבערגעשלאָגען זיינע רייד קאטהערינא. וויא קענסט דו זיך אונטערשטעהן אין מיין געגענווארט איהר נאָמען צו ערמאנערען? ווייסט דו ניט, אז מיין אייפערזוכט איז פונקט אזוי ברענענדיג וויא מיין ליעבע?

אין דעם זעלבען מאָמענט אָבער איז דיא ליידענשאפטליכע פרוי אויפגע־ציטערט געוואָרען פון אויפרעגונג און ווארפענדיג זיך מיט שטורם אויף פאָ־טעמקין׳ס ברוסט האָט זיא אויסגערופען:

— יא, מיין געליעבטער, איך בעשווער דיך, דו זאָלסט זיך קיינמאָל וועגען איהר ניט ערמאנערען, דו זאָלסט קיינמאָל ניט אויסשפרעכען פאר מיר איהר פערהאסטען נאָמען. איך וויל דיך בעזיצען אין גאנצען. אלעקסאנדער, דו זאָלסט געהערען נור צו מיר אליין! זאָגאר יעדער געדאנק דיינער מוז זיין מיינער. זעה, יענעם מעדכען שטעהט דאָך אזוי נידריג אונטער מיר, אז עס איז דאָך פיר מיר זאָגאר א שאנדע זיא צו בעטראכטען אלס מיין קאָנקורענטין און דאָך ווען איך עראינער זיך, אז זיא איז אויך אמאָל געלעגען ביי דיין הערצען וויא איך יעצט, אז זיא האָט דיך אויך געהאלטען אומגעארמט און געקוסט דיינע ליפען — אָה, אלעקסאנדער, ביי דיעזען געדאנק קען איך וואהנזיניג ווערען. איך וואָלט דיר אייגענטליך דאָס גאָר ניט געדארפט זאָגען, אום דו זאָלסט ניט ווערען צו שטאָלץ, אָבער דו ווייסט עס זעלבסט, אז אָהן דיין ליעבע האָט ביי מיר מיין גאנצעס קייזער־רייך קיין ווערטה און ליעבער וועל איך אראָב־שליידערען פון מיין קאָפּ דיא קרוין אלס דיך אָבצולאָזען, דו איינציגער, טהייע־רער, געליעבטער מאַן.

וועהרענד זיא האָט דיעזע ווערטער געשפראָכען האָט זיא בעדעקט זיין גאנצעס געזיכט מיט פייערדיגע קוסען. זיא איז אין דיעזען מאָמענט ניט מעהר געווען דיא שטאָלצע הערשערין, וועלכע קען מיט איין וואונק בעשטימען דעם שיקזאל פון גאנצע פעלקער. זיא איז יעצט נור געווען א פרוי, וועלכע בעט אום ליעבע, א שעהנע, דופטענדע בלום, וועלכע ווערט געטרייסעלט דורך׳ן שטורם פון ליידענשאפט.

— זאָג מיר, אלעקסאנדער, אז דו ליעבסט נור מיך! האָט זיא אויסגערו־פען מיט א האלב פערשטיקטען טאָן פון אויפרעגונג. שווער מיר, אז דו האָסט קיינמאָל אין געדאנקען ניט אירגענד איין אנדערע, זאָגסט, ביי גאָט, ועסט דו אויף דיר און מיר דעם גרעסטען אונגליק ברייננגען.

איהר שעהנעס געזיכט איז שרעקליך בלייך געוואָרען און איהרע פלאַמענדע

בליקען האבען זיך איינגעגראבען אין זיינע אויגען, וועהרענד ער האט זיך אויף א שריט צוריקגעצויגען און האט אויסגערופען מיט א ריהרענדע שטימע:

— קאטהערינא, וויא קענסט דו גאר דענקען, אז אין מיין הערצען זאל גליהען זאגאר איין פונק פון ליעבע צו יענע עליזאבעט? איך זאל דיך פערגלייכען מיט אירגענד איין אנדערע? אה, מיין געליעבטע קייזערין, ווייסט דו דען נאך ניט, אז איך ליעב דיך גראדע אזוי ליידענשאפטליך וויא דו מיך? שטויס מיך אב פון דיר, נעהם אוועק אלעס וואס דו האסט מיר געגעבען, ווארף מיך אריין אין א קערקער און מאך מיך פאר אן אונגליקליכען געפאנגענעם, דאך וועט מיין הערץ אויף אייביג געהערען צו דיר און נור צו דיר אליין, דען איך ליעב דיך ניט אלס א קייזערין, איך ליעב דיך, אלס דיא יעניגע, וועלכע גלענצט מיט איהר גייסט און שעהנהייט איבער אלע פרויען פון דער גאנצער וועלט. און ווען יענע עליזאבעט וואלט אין דיעזען אויגענבליק געלעגען ביי מיינע פיס און געבעטען, איך זאל זיא וויעדער ליעבען, דאן וואלט איך געקענט נור האבען מיטלייד מיט איהר, אבער מיין הארץ וואלט איך ניט געווען אים שטאנד איהר צו שענקען.

א שווערער זיפץ האט זיך געהערט אין דער לופט, אבער דיא ליעבענדע פאאר האבען אין זייער אויפרעגונג דאס ניט געהערט.

— יא, דאס איז ריכטיג און איך זאג דיר אפען, האט ער פארטגעזעצט, איך האב דיא עליזאבעט ווארענצאוו אמאל געליעבט און זיא וואלט אויך מיין פרוי געווארען, ווען דיא פערהעלטניסע וואלטען דאס ערלויבט, אבער דאמאלס האב איך נאך ניט געוואוסט, אז גליק איז אין שטאנד צו מאכען פון דיעזע וועלט א גן־עדן. איך האב דאמאלס געטרוימט פון א שטילען בירגערליכען גליק, פון אן איינפאכען לעבען אהן גרויסע ליידענשאפטען. אה, וויא קליינליך שטעלט זיך מיר יעצט פאר אזא לעבען נאכדעם וויא דו, מיין קאטהערינא, האסט מיר דיא אויגען געעפענט און געצייגט וואס פיר אן ענטציקונג א געליעבטע פרוי קען זיין פיר איהר מאן. קאטהענקא, טהייערע, געליעבטע, איין שטונדע אין דיינע ארמען — אה, ניין, וואס רעד איך, איינינע מינוטען ביי דיין ברוסט צו ליעגען, מיט דיר פעראייניגט, איז ווערטה א גאנצעס לעבען, וועלכעס קיין עליזאבעט און קיין אנדערע אין דער וועלט קען ניט פערשאפען.

— אליס, מיין אליס, איך דאנק דיר פיר דיעזע ווערטער! קום אין מיינע אומארמונגען, געליעבטער מאן!

מיט דיעזע ווערטער האט קאטהערינא וויעדער ארומגענומען איהר אלעקסאנדער און זיינע פלאמענדע קוסען האבען נאך מעהר אויפגעפלאקערט איהר ליידענשאפט.

ניט וויט פון דיעזען גליקליכען פלאץ איז א שלאנקע מערכען געשטאלט געבליעבען ליגען אין אהנמאכט. זיא האט שוין וועניגסטענס פערשפארט צו

זעהן דיא סצענע, וויא פּאָטעמקין האָט אראָבגעצווינגען צו זיך זיין געליעבטע קאטהערינא אויף'ן גראָז־באנק און וויא זיא האָט זיך צוגענייגט צו זיינע צערט־ליכקייטען.

— עס איז שוין נאכט געוואָרען, האָט קאטהערינא ענדליך געזאָגט, קום, מיין געליעבטער, פיהר מיך אין שלאָס, און — יא, דו פערשפּרעכסט דאָך מיר, אז דו וועסט וועגען איהר מעהר ניט טרוימען?

— דאָס פערשפּרעך איך דיר, קאטהערינא.

— נור וועגען מיר זאָלסט דו טרוימען, נור מיין בילד זאָלסט דו זעהן אין שלאָף, נור מיך זאָלסט דו האלטען אין דיינע אומארמונגען זאָגאר ווען דיינע אויגען זיינען געשלאָסען. דו הערסט, מיין אַליס, וועגען קיין אנדערע ערלויב איך דיר ניט צו דענקען.

צוגעטוליעט צו דעם שעהנעם, שלאנקען מאַן האָט זיא זיך אין זיין בעגלייטונג בעגעבען נאָך דעם לוסט־שלאָס, וועלכער האָט געגלענצט אין זיין בע־לייכטונג צווישען דיא בוימער.

עס איז נאכט געוואָרען, ווען עליזאבעט האָט ענדליך אויפגעוואכט פון איהר אָהנמאכט. זיא האָט זיך ארומגעקוקט מיט צומישטע בליקען און עס איז איהר אָנפאנגס פאָרגעקומען, אז דאָס אלעס איז געווען א טרוים־פאנטאזיע. זיא האָט זיך אויפגעהויבען און איז געפאלען אויף דער זעלבער גראָז־באנק, וואו דיא קייזערין און פּאָטעמקין זיינען פריהער געזעסען.

יעצט ווייס זיא שוין אלעס, אָבער דיעזע געוויסהייט איז פיעל שרעקליכער וויא דער צווייפעל וואָס זיא האָט ביז יעצט געהאַט. דיעזע געוויסהייט רויבט ביי איהר אוועק דיא לעצטע האָפנונג, וועלכע האָט ביז יעצט מיט א שוואכען שטראהל בעשיינט דיא נאכט פון איהר אונגליק. יעצט ווייס זיא, אז פּאָטעמקין איז פיר איהר אויף עביג פערלאָרען, דען זיא האָט דאָך פון איהם זעלבסט געהערט, אז דיא ליעבע צו איהר איז אין זיין הארצען אויסגעלאָשען.

א קורצע צייט איז זיא געזעסען און געוויינט מיט ביטערע טהרערען. אָבער ענדליך איז זיא אויפגעשפּרונגען מיט א פערצווייפעלטען מוטה, וועהרענד איהרע בלייכע ליפּען האָבען געמורמעלט:

— ניין, איך וועל איהר ניט נאָכגעבען! און ווען זיא איז א הערשערין און טראָגט א קרוין, פון דעסטוועגען וועל איך נעמען איהר קעמפפען. איך האָב אלעקסאנדער'ן געליעבט אזוי טיעף, אזוי צערטליך וויא א מעדכען איז נור אים שטאנד צו ליעבען. איך ליעב איהם נאָך יעצט אויך און איך וויל ניט, אז זיא זאָל איהם ביי מיר אוועקרויבען.

עליזאבעט איז געגאַנגען ווייטער נאָך יענער ריכטונג וואו זיא האָט געזעהן בעלויכטענע פענסטער. אין איינינע מינוטען איז זיא ארויס פון צווישען דיא בוימער און געקומען צו א ברייטען פּלאַץ, וועלכער איז געווען פערציערט מיט

קונסטפאלע סטאטוען און זעהר שעהנע מאנומענטען. אונגעפעהר א הונדערט שריט פון איהר איז געשטאנען דער פרעכטיגער לוסט־שלאס פון דער קייזערין.

דיא אפענע פענסטער פון דעם גרויסען קאנצערט־זאאל זיינען העלל בע־לויכטען און עס הערט זיך פון דארט א זאנפטע מוזיק. א גרויסע געזעלשאפט איז דארט פערזאמעלט און מען הערט זיך צו צו דיא זיס־קלינגענדע טענער פון דיא הימלישע מוזיק. דאס שפיעלט א גרויסער קינסטלער, וועלכען דיא קייזע־רין האט אויסגעשריעבען פון אויסלאנד.

דיא קאנצערט שטיק האט זיך געענדיגט. עס הערט זיך וויא איין איינ־צעלנע פערזאן פאטשט בראווא. דיא הויף־עטיקעטקע פארדערט, אז צוערסט זאל דיא קייזערין אויף דיעזער ארט בעווייזען איהר בייפאל, און דאן האבען אלע אנוועזענדע געגעבען דעמזעלבען צייכען פון זייער בעגייסטערונג.

א מינוט שפעטער האבען ביי איינעם פון דיא פענסטער זיך בעוויעזען צווייא געשטאלטען. עליזאבעט האט זיי דערקענט. דאס איז זיא, דיא קייזע־רין און פאטעמקין. זיי שטעהן הינטער'ן פארהאנג און שושקען זיך עטוואס; זיי האלטען זיך פאר דיא הענד און קוסען זיך צערטליך. עס זעהט אויס, אז קא־טהערינא פערלאנגט עטוואס פון איהם.

באלד זיינען דיא שאטענס פערשוואונדען, עליזאבעט האט זיך צוריק גע־צויגען הינטער דיא בוימער, האט מורא געהאט אז מען וועט זיא פיעלייכט בעמערקען. אין דעמזעלבען אויגענבליק איז אין זאלל געווארען א גערויש. מען פאטשט בראווא, מען צייגט בייפאל נאך פריהער וויא דיא מוזיק פאנגט זיך אן.

וועמען אפלאדירט מען דאס אזוי ביי זיין אויפטריט?

א דאמע האט זיך געזעצט צום קלאוויר און א שלאנקער, שעהנער מאן אין א גאלד־גלענצענדען מונדיר איז ארויסגעטרעטען. עליזאבעט קען איהם צו גוט. זיא זעהט דיעזע ליעבליכע געזיכט, וועלכע איז טיעף איינגעגראבען אין איהר זעעלע. דאס איז פאטעמקין. א קורצער שווערמוטהיגער פארשפיעל האט אויסגעקלונגען און דאן האט ערשאלט א מעלאדישע מענער־שטימע, פון וועלכע עליזאבעט איז דורכגעציטערט געווארען, שטעהענדיג אנגעלעהנט אונ־טער דעם אלטען אייכענבוים, וועהרענד זיא קוקט אויף דעם זינגער מיט ברע־נענדיגע אויגען. ער זינגט א ליעד, וועלכען זיא האט אפט פון איהם געהערט אין איהר ארימען צימער, ווען ער איז נאך געווען איהר געליעבטער חתן.

דאמאלס פלעגט זיא איהם יעדעס מאל אויף דער הארפע בעגלייטען ביי זיין געזאנג. זיין ארם איז דאן געלעגען אויף איהרע שולטערען, וועהרענד זיי־נע בליקען האבען אויף איהר געקוקט מיט אזוי פיעל ליעבע און צערטליכקייט.

פאטעמקין האט געהאט אן אנגענעהמע, וואונדערבארע שטימע. אבוואהל ער איז קיין פראפעסיאנעלער קינסטלער, איז אבער זיין געזאנג אזוי זיס, אזוי ליעב, אז דאס מוז טיעף ערגרייפען יעדעס פיהלענדע הערץ.

האלב טרוימעריש, מיט א פערשטיקטען אָטהעם האָט עליזאבעט געהערט וויא פּאַטעמקין זינגט:

איך וועל דיר קיין מאָל זאָגען,
וויא ס'ברענט מיין ליעבעס וואונד;
אין הארצען וועל איך דאָס טראָגען
ביז מיין לעצטער שטונד.
איך קען קיין ווערטער שפּינען
צו בעטען פיר מיין גליק —
דו דארפסט דאָס זעלבסט געפינען
אינ'ם טהרער, וואָס נעצט מיין בליק.
און אויב דו קענסט ניט לעזען
מיין בליק בעטריעבט און נאס —
דאן איז דאָס א טרוים געוועזען —
נישט זיי אויף מיר אין כעס!

דיא לעצטע טאָגען זיינען פערקלונגען. איייניגע סעקונדען איז דאָרט אין זאאל שטיל געבליעבען און דאן האָט אויסגעהילכט א בעגייסטערטער, אונ־אויפהערליכער אפּלאָדיסמענט.

— מיין ליעבלינגס־ליעד, האָט עליזאבעט געזאָגט מיט א פערשטיקטען טאָן, דאָס זעלבע ליעד וואָס ער האָט אימער פאר מיר געזונגען. קען עס דען מעגליך זיין, אז ער האָט מיך אין גאנצען פערגעסען? קען עס דען זיין, אז ער זאָל זיך יעצט ניט עראינערען וועגען יענע שטונדען, ווען ער האָט געשוואָרען צו זיין מיינער, מיינער אויף עביג? יא, דאָס איז גאָר קיין צווייפעל, דען זאָנסט ווארום וואָלט ער וועגען מיר געטרוימט? ווארום זיינען זיינע געדאנ־קען בעשעפטיגט מיט מיר זאָגאר אין דיא צייטען ווען ער שלאָפט?

„אָה, געוויס! ער ליעבט מיך נאָך אימער. נור זיא האלט איהם געבונ־דען אין מעכטיגע, געוואלדיגע קייטען, אין קייטען פון גאָלד און עהרע. זיא בעהערשט איהם וויא א שקלאף מיט איהר מאכט, אָבער דיא ליעבע, דיא טרייע, וואהרע, ריינע ליעבע איז פיעל שטארקער וויא יענע. דיא ליעבע קען יענע קייטען צורייסען און דאָס וויל איך טהאָן, איך וויל קעמפּפען פיר מיין גליק, יא, איך פאָרדער דיך אויף צום קאמפף, מעכטיגע קייזערין קאטהערינא פון רוסלאנד, צום קאמפף!

„און אָבוואָהל איך בין נור אן איינפאכע, אָרימע מיידעל, וועלכע בעזיצט קיין זאך ניט אויסער איהר ליעבענדעס הערץ, איהר גליהענדעס געפיהל פיר דעם מאן, וועלכען דו האָסט ביי מיר געראובט, און אָבוואָהל דו ביזט דיא מעכ־טיגסטע הערשערין פון דער וועלט, דאָך זאָגט מיר מיין הארץ, אז שליסליך וועל איך זיעגען, דער געליעבטער וועט זיין מיינער!

"לעב וואהל, אלעקסאנדער! לעב וואהל, דו מאן פון מיין הערצען! דו וועסט נאך אמאל צו מיר צוריק קומען, דו וועסט פאלען צו מיינע פיס און בע־טען אום פערצייהונג, און איך, דיא ארימע, פערשטויסענע עליזאבעט, איך וועל דיך עמפפאנגען, ביי מיר וועסט דו ערוואכען פון דיין יעצטיגען טרוים, וועלכער האט דיך בעצויבערט מיט א פאלשען גליק.

נאך אמאל האט עליזאבעט א קוק געטהאן אין פענסטער, וואו זיא האט געזעהן דיא געשטאלט פון דעם געליעבטען, און דאן האט זיא זיך אומגעווענ־דעט און איז לאנגזאם צוריק אוועקגעגאנגען, אום דעם קייזערליכען פארק צו פערלאזען.

15טער קאפיטעל

פוגאטשעוו'ס אויפשטאנד.

אין דער פעסטונג שטאדט ארענבורג, וועלכע געפינט זיך ביים גרענעץ צווישען אייראפא און אזיען, איז אנגעקומען א נייער גובערנאטאר. דאס איז געוועזען קניאז דאשקאוו. איהם האט עס דיא קייזערין געשיקט ער זאל פערוואל־טען דיא אזיאטישע רוסלאנד, אין וועלכע עס געפינט זיך אויך סיביר. דער אלטער קניאז איז געוועזען שרעקליך אונצופריעדען פאר וואס מען האט איהם פערשיקט פון פעטערבורג אין דיעזע בארבארישע ווילדע געגענד. אבער ער האט זיך ניט געקענט העלפען. ער האט געמוזט פאלגען דעם בעפעהל פון דער קייזערין, אדער ריכטיגער צו זאגען דעם בעפעהל פון אלעקסאנדער פאטעמקין, וואס האט זיך מיט איהם אויף דיעזען אופן אבגערעכענט.

דאשקאוו איז דאריבער שטענדיג ארומגעגאנגען אנגעבלאזען און אין כעס אויף דער גאנצער וועלט. זייט ער איז געקומען אין ארענבורג, שוין היבשע עט־ליכע מאנאטען, האט ער קיין לוסטיגע מינע בעוויזען. ער איז געווארען א גע־פעהרליכער טיראן און איז געוועזען ברוטאל וויא אן איינפאכע ווילדע חיה, און וואס גרעסער זיין טיראניי איז געווארען, אלץ ווייניגער פעהיג איז ער געוועזען זיין אמט ריכטיג צו פיהרען.

דיא פאזיציאן פון ארענבורג־פעסטונג איז געוועזען אזוי שטארק, אז איינצו־נעהמען ארענבורג איז געוועזען א פיזישע אונמעגליכקייט. פון איין זייט האט זיך ארענבורג געגרענעצט מיט'ן גרויסען טייך אוראל און פון דער אנדער זייט מיט דיא הויכע אוראל־ריעזען בערג, וואס האבען א נאמען אין דער גאנצער וועלט מיט זייער הויכקייט. אויסער דעם איז ארענבורג געוועזען בעפעסטיגט מיט גרויסע וואלען פול מיט דיא שטארקסטע הארמאטען, שטארקע פארטען און הויכע טהורמס וואס האבען בעשיצט דיא פעסטונג זאגאר פון דעם מעכ־טיגסטען פיינד.

ווען קניאז דאשקאוו האט איבערגענומען דיא קאמאנדע פון ארענבורג,

זיינען דאָרט געוועזן זעקס טויזענד טיכטיגע סאָלדאטען, אינפאנטעריע, ארטי־לעריע און קאוואלעריע. דיא מאגאזינען זיינען געוועזן פול געפּאקט מיט תבואות און געוועהר. וועגען אן איבערפאל אויף דער פעסטונג האָט גאָר קיין רעדע ניט געקענט זיין. דאָס וואָלט מען געקענט ערוואַרטען נור פון דיא רעבע־לישע קאָזאקען, אָבער דיעזע ווילדע שטאמען האָבען זיך גראדע דאן פערהאַלטען גאַנץ רוהיג און פריעדליך, אַלע שטייערען צו דער רוסישער רעגיערונג האָבען זיי ריכטיג געצאָהלט און דיא יעניגע פון דיא קאָזאקען, אויף וועמען ס'איז גע־פאלען דער גורל צו געהן דיענען אין דער רוסישער ארמעע, האָבען עס אָהן וויעדערשפּרוך געטהאָן.

דאָך איז בלויז א קורצע צייט פערבייגעגאנגען נאָך דאשקאָוו'ס אָנקומען אלס גובערנאטאָר און שוין האָבען זיך אָנגעפאנגען הערען פערשיעדענע אונרו־היגע נאכריכטען, אזוי אז דיא גאנצע בעפעלקערונג אין אָרענבורג איז ארומגע־גאנגען אין גרויס שרעק.

מיט אמאָל האָט מען ערפאהרען, אז אין דער סטעפּע געהט פאָר עטוואָס אונגעוועהנליכעס. רייטענדע קוריערען זיינען ארומגעפלויגען פון איין שטאָט צום אנדערען מיט טיעפע געהיימניסע. וואָס און ווען, האָט מען ניט געוואוסט.

באלד האָט זיך וויעדער פערשפּרייט א קלאנג, אז ערגיץ אין דער אוקראינא איז פּלוצים אויפגעשטאנען א מאן, וואָס גיט זיך ארויס אלס צאַר פּעטער דער דריטער, דער מאן פון דער קייזערין קאטהערינא. זיא האָט איהם געהאל־טען געפאנגען אין שלאָס ראָפּשא און האָט געשיקט אהין מענשען איהם צו ער־מאָרדען, אָבער עס האָט איהם געלונגען צו אנטלויפען און יעצט פאָדערט ער זיין רעכט צום טהראָן.

קניאז דאשקאָוו איז יעצט געזעסען ביי זיך אין קאבינעט אין דער פעסטונג אָרענבורג, און האָט גראדע וועגען דעם א בעריכט געהאט פון אן אלטען סוחר, וואָס איז נור וואָס צוריקגעקומען פון אוקראינא.

— דערצעהלט מיר דיא מעשה עטוואָס דייטליכער, האָט איהם דאשקאָוו געזאָגט. וואָס האָט איהר דאָרט געזעהן? וואָס ווייסט איהר?

—הערר גובערנאטאָר! האָט דער סוחר געענטפערט. איך בעשעפטיג זיך שוין פערציג יאָהר מיט דעם סטעפּען־האנדעל. וועגען געשעפטס אנגעלעגענ־הייטען בין איך מיט מיין זוהן געוועזן אין דיא געגענדען ארום טייך אירגיס. דאָס איז געוועזן מיט דריי וואָכען צוריק. איהר ווייסט דאָך, אז דער טייך איר־גיס פאלט אריין אין דער וואָלגא. מיר זיינען דאָרט ארומגעפאָהרען פון איין שטאָט צום אנדערען און האָבען איינגעקויפט פערד. ווען מיר זיינען געקומען צום שטאָט פון דעם קאָזאקען אטאמאן טשיקא, מיט וועלכען איך בין פון לאנג אָן בעפריינדעט, האָט ער מיך דיעזעס מאָל עמפּפאנגען מיט א געוואלטיגע פריינדליכקייט און האָט מיר דערצעהלט, אז ביי איהם אין הויז איז א גרויסע

שמחה. זיין טאָכטער לידיא איז מיט א געוויסע צייט צוריק פערשוואונדען געוואָרען, מען האָט זיא געהאט אוועקגערויבט פון׳ם פעלד. יעצט איז זיא צו־ריקגעקומען געזונד און פריש און דער גאנצער שטאם נעהמט א הערצליכען אנטהייל אין זיין פרייד. און באלד האָב איך געזעהן, אז ס׳איז וואהר. פון מיטאָג צייט אָן האָבען אָנגעפאנגען צוזאמענקומען מאסען קאָזאקען מיט זייערע פרויען און קינדער. מען האָט אויף א גרויסען פרייען פלאץ געשפיעלט, גע־טרונקען, געזונגען און ענדליך פאר־נאכט איז געקומען רייטענדיג אויף א שטור־מישען פערד דער חתן פון דעם אטאמאן׳ס טאָכטער. דיא כלה האָט איהם עמ־פפאנגען מיט א געוואלטיגע בעגייסטערונג און ווען איך האָב געפרעגט, וויא דער חתן הייסט, האָט מיר טשיקא געענטפערט, אז זיין נאָמען איז עמעליאן פוגאטשעוו.

„נאָך׳ן פעסט האָט מען מיר און מיין זוהן געגעבען א בעזונדער געצעלט צום שלאָפען. איך האָב אָבער ניט געקענט שלאָפען. איך שלאָף קיינמאָל ניט גוט, ווען איך בין אין דער פרעמד. ארום איינס א זייגער פארטאָג האָב איך פלוצים דערהערט וויא יעמאנד איז צוגעגאנגען האסטיג צום געצעלט, האָט אריינגעשטעקט דעם קאָפ אינוועניג און האָט אויסגערופען:

—שטעהט אויף, קאָזאקען, קומט צו דיא הייליגע דריי אייכענבוימער, דאָרט וואַרט אויף אייך פוגאטשעוו, דער רעטער.

„ער איז האסטיג אוועקגעגאנגען און איך בין שטארק נייגעריג געוואָרען צו וויסען וואס דאָ קומט פאָר. דער מאן האָט נאטירליך ניט געוואוסט אז גראדע אין דיעזען געצעלט געפינען זיך יעצט איך און מיין זוהן, זאָנסט וואָלט ער זיך געהיט דעם סוד פאר דיא פרעמדע צו ענטדעקען.

„איך האָב בעשלאָסען דאמיט זיך צו בענוצען, און בין אויפגעשטאנען אום צו געהן צו יענער פערזאמלונג. אוים פאָרזיכטיגקייט האָב איך אָנגעטהאָן קליי־דער פון א קאָזאק וואס האָבען זיך געפונען אין געצעלט.

„דיא נאכט איז געווען זעהר א ליכטיגע. דיא לבנה האָט געשיינט אי־בער דער אונענדליכער סטעפע און דיא לופט איז געווען אזוי ריין, אז דער גאנג איז געווען אן אמת׳ער פערגעניגען. אין א פיערטעל שטונדע ארום בין איך גע־קומען צום בעשטימטען פלאץ, צו דיא דריי אייכענבוימער, וועלכע דיא קאָזא־קען בעטראכטען אלס הייליג. ווען איך בין געקומען אהין, זיינען שוין דאָרט געווען פערזאמעלט א גאנצע מאסע קאָזאקען, צווישען זיי זיינען אויך געווען א סך פרויען און קינדער. אונטער׳ן מיטעלסטען בוים אויף א קליינעם בערגיל איז געשטאנען פוגאטשעוו. מיט זיין גרויסען, שווארצען באָרד, מיט זיינע לאנגע לאָקען און פלאמענדע בליקען האָט ער פאָרגעשטעלט א סאָרט ווילדע געשטאלט וואס מען זעהט גאנץ װעניג צווישען מענשען.

„ווען איך בין צוגעגאנגען, האָט ער גראדע אָנגעפאנגען זיין רעדע. ער

האט דערצעהלט דיא קאזאקען ווער ער איז. ביז יעצט האט ער צווישען זיי גע־לעבט אלס ארימער קאזאק, דאך אין דער ווירקליכקייט איז ער גאר צאר פעטער דער דריטער, דער מאן פון דער קייזערין קאטהערינא, זיין פרוי האט איהם בערויבט פון זיין קרוין און האט איהם געוואלט ערמארדען — האט ער אין זיין רעדע מיט א מאדנער בעגייסטערונג ערקלערט — צו דיזען צוועק האט דיא קייזערין געשיקט אין שלאס ראפשא דיא ביידע ברידער ארלאוו, און איינמאל ביי נאכט זיינען זיי אריינגעפאלען אין זיין שלאף־צימער, האבען איהם ארויס־געשלעפט פון בעט און ארויפגעווארפען א שטריק אויף זיין האלז. זיי האבען איהם געוואלט דערשטיקען.

— דאך האט דיא הייליגע מוטער פון קאזאן, האט ווייטער פוגאטשעוו דערצעהלט, מיר געגעבען קראפט פון מיינע פיינד'ס הענד זיך ארויסצורייסען. איך בין ארויסגעשפרונגען דורך'ן פענסטער און אנטלאפען אין וואלד אין איין העמד. דיא מערדער האבען פרובירט מיך פערפאלגען, אבער דאס איז זיי ניט געלונגען. אן אלטע בויערין האט מיך בעהאלטען אין איהר הייזעל און ווען עס איז טאג געווארען, האט זיא מיר געשאנקען דיא קליידונג פון איהר קירצליך פערשטארבענעם מאן און אויף דיזען אופן איז מיר געלונגען זיך צו רעטען. מיר איז געלונגען זיך דורכצושלאגען דורך דיא אייראפאאישע רוסלאנד און פון דאן אן האב איך געלעבט אין פערשיעדענע ערטער פון דער סטעפע, פער־בלייבענדיג א קורצע צייט דא אדער דארט און אימער אין געפאהר געכאפט צו ווערען פון דיא שפיאנען, וועלכע מיין גרויזאמע אונגעטרייע פרוי האט ארויסגעשיקט מיר נאכצויאגען.

„יאהרען זייגען פון דאן אן פערגאנגען. דאס לעבען אין דער פרייער סטעפע האט מיך געשטארקט און דיא פרישע לופט האט מיין קערפער ערהאל־טען יונג. קאזאקען, דיא צייט פון ראכע איז געקומען. איך וויל לענגער ניט בלייבען א פערשוואונדענער, א לעבעדיגער טויטער. איך וויל אויפשטייגען פון דעם קבר דער פערגעסענהייט, אין וועלכען איך בין ביז יעצט געלעגען בעהאלטען.

„פוגאטשעוו האט איהר מיך ביז יעצט גערופען, אבער אין דער ווירק־ליכקייט בין איך אייער הערר, אייער צאר. איך, וועמען גאט האט געגעבען רוסלאנד'ס קרוין; איך, דער איניקעל פון פעטער דעם גרויסען, איך בעפעהל אייך איהר זאלט פאר מיר ניעדערקניען אלס מיינע אונטערטהאנען, דען אזוי וואהר זאל מיר גאט העלפען, איך בין דער יעניגער, וועלכער איז בעוואוסט גע־ווען אין דער וועלט אלס צאר פעטער דער דריטער.

— דיא ווירקונג פון דיזע ווערטער איז געווען אונבעשרייבליך, הערר גובערנאטאר, האט דערצעהלט דער קויפמאן ווייטער. דיא ערשטע מינוט זיינען דיא פערזאמעלטע קאזאקען געשטאנען זעהר איבערראשט, דאן זיינען זיי וויא

וואחנזיניגע צוגעלאָפּען צום בעטריגער און קוסענדיג דעם זוים פון זיינע קליי־דער האָבען טויזענדע שטימען אויסגעקלונגען:

— עס לעבע אונזער צאר פּעטער! הורראה פיר אונזער רעטער!

— יא, איך בין אייער רעטער! האָט פּוגאטשעוו דארויף זיך אָנגערופען. ביז איצט זייט איהר, קאָזאקען, געווען אונטערדריקט און בערויבט פון אייערע רעכטע. יענע קאטהערינא, דיא פרעכע רויבערין פון דעם רוסישען צארען־טהראָן, זיא האָט אייך אויסגעבייטעט. איהר מוזט איהר דיענען אלס שקלאפען, איהר מוזט אין דיא מלחמות וואָס זיא פיהרט אייער בלוט פערגיסען און דאַ־פיר האָט זיא אייערע פרייהייטען אוועקגענומען, אייערע פריווילעגיעס מיט דיא פיס געטרעטען, אייערע ברידער אין דיא שלאכטען אויסגעמאָרדעט, אייערע פרויען און טעכטער פערפיהרט אלס אָפּפער פיר איהרע אויסגעלאסענע הויף־הערען. איהר, דיא בעסטע און מעכטיגסטע זיהן פון פאָטערלאנד, איהר זייט געוואָרען דיא ניעדעריגסטע קנעכט. זאָגט, קאָזאקען, ווילט איהר דיעזען יאָך ווייטער טראָגען? ווילט איהר ווארטען ביז דער לעצטער פון אייך ווערט פאָלשטענדיג אונטערדריקט ווערען?

— ניעדער מיט קאטהערינא! האָבען מעהרערע שטימען אויסגעשריען מיט גרויס אויפרעגונג, ניעדער מיט דער פרעמדער וואָס האָט רוסלאנד'ס קרוין גערויבט! עס לעבע דער צאר פּעטער!

— איך בין ענטלאָפען צו אייך, קאָזאקען, האָט פּוגאטשעוו ווידער אָנגע־פאנגען, נאכדעם וויא עס איז עטוואָס רוהיגער געוואָרען, ווייל איך ווייס אז נור ביי אייך איז מעגליך צו געפינען טרייהייט און עהרליכקייט. אין פּעטערבורג און אין דעם גאנצען אייראָפּאישען רוסלאנד איז אלעס דורכגעפרעסען פון דעם גיפט, וועלכען דיעזע קאטהערינא פערברייטעט. זיא האָט איינגעפיהרט נייע זיטען פון פרעמדע לענדער. דיא גרעסטע עמטער האָט זיא אָבגעגעבען פיר אויסלענדער. פרעמדע ווערען דיק און גראָב מיט דעם גוטס פון אונזער פאָטערלאנד און זיי באָדען זיך אין דעם שוויים פון אונזער פאָלק.

— מיר וועלען זיי טויטען! האָבען דיא קאָזאקען געדונערט — מיר וועלען זיא און דיא פערדאמטע אויסלענדער אונטער אונזערע פיס צוטרעטען!

— און איך וועל אייך פיהרען צום זיעגרייכען, הייליגען קאמפף! האָט דער פאלשער צאר אויסגערופען. איך וועל קעמפּפען ניט נור אום ווידער צו געווינען פיר זיך רוסלאנד'ס קרוין, זאָנדערן אויך פיר אייערע רעכטע. קאָזאקען האָבען אין רוסלאנד געהערשט אין דיא אלטע, גוטע צייטען און דיעזע צייטען וועל איך צוריקברענגען. איך, פּעטער דער דריטער, שווער איך ביי גאָט און ביי דער הייליגער מוטער פון קאזאן, אז איך וועל זיין א קאָזאקען־קייזער!

"דיא ווילדע מענגע האָט אויסגעבראָכען אין א געוואלדיגען יובעל, אָבער דער אלטער העטמאן טשיקא, דער פאָטער פון דער שעהנער לידיא, וועלכער איז

ביז יעצט געשטאנען אויף'ן בערגעל פון פוגאטשעוו'ס זייט, האט געגעבען א וואונק עס זאל ווערען שטיל. טשיקא איז געווען אזוי הויך געאכטעט ביי זיין שטאם, אז אין דעם זעלבען אויגענבליק איז די גאנצע פערזאמלונג געבליבען רוהיג און אלע אויגען האבען זיך געווענדעט צו איהם.

— דו רופסט זיך אונזער צאר פעטער, האט טשיקא געזאגט צו פוגאטשעוו'ן, אבוואהל מיר האבען דיך ביז יעצט געקענט אונטער אן אנדער נאמען. דו ווייסט, אז איך האב דיך געליעבט וויא א זוהן און דיר אנפערטרויעט מיין איינציגע טאכטער לידיא. איך האב אימער בעוואונדערט דיין מוטה און דיין קראפט, און ווען היינט זאלען אלע זיהן פון אונזערע שטאמען זיך פערזאמלען אום א הערשער אויסצואוועהלען, וואלט איך געזאגט: פוגאטשעוו און קיין אנדערער זאל אונזער הערר זיין.

"ווען דו ביזט אבער יעצט פארגעטרעטען מיט א נייעס, אז דו ביזט דער יעניגער, וועלכען אונזערע קאזאקען האבען שוין לאנגע יאהרען בעטרויערט אלס טויט; דער יעניגער, וועמען לויט דעם געטליכען רעכט געהערט די קרוין פון רוסלאנד, דאן קענען מיר אזא בעהויפטונג אהן א ריכטיגען בעווייז ניט אנ־נעהמען. ערקלער אונז אלזא, פוגאטשעוו, מיט וואס קענסט דו בעווייזען, אז דו ביזט ווירקליך דער מאן פון דער שענדליכער קייזערין קאטהערינא, וועלכע מיר, קאזאקען, האסען און פערדאמען? אויב דו וועסט דיינע ווערטער ניט קענען בעווייזען, דאן וואלט איך זיין דער ערשטער אויסצושפרעכען דיין טויט אורטהייל, דען דער יעניגער וואס בעליגט און בעטריגט א פאלק מוז מיט דעם טויט בעשטראפט ווערען.

— דו האסט פאלקאמען רעכט, אלטער, האט פוגאטשעוו געענטפערט, ארויפלעגענדיג זיין האנד אויף דעם העטמאן'ס שולטער. אבער אזוי וויא די זונן איז בעוויעזען ווייל זיא לייכט, אזוי וויא די שטערען זיינען בעוויעזען ווייל זיי שיינען, אזוי איז עס בעוויעזען, אז יעדעס ווארט וואס איך האב צו אייך געשפראכען איז די ריינע ווארהייט. דער בעווייז אבער, וועלכען איהר פארדערט, געפינט זיך גראדע אונטער דיעזען בוים. איהר האט וואהרשיינליך געהערט, אז עס גיבט נור איין איינציגעס מעדאליאן־בילד פון פעטער דעם גרויסען און יעדער רעגיערער פון רוסלאנד טראגט דיעזען מעדאליאן אויף זיין ברוסט. ניעמאלס קען אן אנדערער דעם בילד בעקומען אדער איהם נאכ־מאכען.

"איך האב אויך דיעזען בילד געטראגען אויף מיין הארצען אין יענע פירכטערליכע נאכט, ווען מען האט אין ראפשאא אויף מיר געמאכט דעם מארד־איבערפאל. שפעטער, וועהרענד די צייט פון מיין ארומוואנדערען אין דער סטעפע האב איך דיעזען מעדאליאן פערגראבען אונטער דעם מיטעלסטען פון דיעזע דריי הייליגע אייכען. ווען איהר וועט דיעזען בילד געפינען, דאן קענט איהר

זיך איבערצייגען, אז אן אַרימער קאַזאק קען ניט האָבען אזא זאך וואָס נור א רוסישער רעגיערער בעזיצט און אז דיעזער אַרימער קאַזאק האָט אמאָל גע־וואהנט אין פעטערבורג און געטראָגען דעם נאָמען צאר פעטער דער 3טער.

"דער אטאמאן טשיקא האָט באלד ארויסגעכאפט פון גארטעל זיין ברייטען מעסער און אָנגעפאנגען צו גראָבען אונטער'ן בוים. איינינע מינוטען זיינען פאַריבער ווערענד אלע זיינען געשטאנען און האָבען געקוקט מיט גרוים אויפ־רעגונג און מיט דער גרעסטער אונגעדולד וואָס דאָ וועט זיין דער סוף.

"בעזאָנדערס פעראינטערעסירט אין דער גאנצער סצענע איז געוועזן לידיא, דיא שעהנע כלה פון'ם העלד. זיא איז געשטאנען און האָט קיין אויג ניט אראָב־געלאָזט פון איהר פאָטער. זיא האָט געוואטשט יעדע בעוועגונג זיינע.

"מיט אמאָל האָט טשיקא אויסגעשריען מיט א ווילדע שטימע:

— אלעס איז וואהר, מיינע ברידער!

"דאבײ האָט ער אויפגעהויבען אין דער הויך א פינקעלדיגען מעדאליאָן בע־זעצט מיט טהייערע בריליאנטען. אין דעם מעדאליאָן האָט זיך געפונען דאָס בילד פון פעטער דעם גרויסען. אלע פערזאמעלטע זיינען וויא משוגע געוואָרען פון בעגייסטערונג און הונדערטע שטימען האָבען אויסגערופען:

— עס לעבע אונזער צאר פעטער דער דריטער!

— הורראַ פאר אונזער צאר! האָט טשיקא אויך אויסגערופען, דער בע־וויין איז א ריכטיגער, און איך קניע דער ערשטער פאר דיר אלס דיין געטרייער אוטערטהאן!

"דאן האָבען אלע איבעריגע קאַזאקען געטהאָן דאָס זעלבע. אלע זיינען זיי אויף דיא קניע געפאלען פאר פוגאטשעוו'ען, וועלכער האָט אין דער זעלבער צייט אָנגענומען זיין שעהנע כלה פאר דער האנד און האָט אויסגערופען:

— איך וועל אייך יעצט צייגען א ביישפיעל, קאַזאקען, אויף וויא ווייט איך בין איבערגעגעבען צו אייך. איהר ווייסט דאָך, אז איך בין פערהייראט מיט דער בעטריגערין און מערדערין, וועלכע זיצט אויף מיין טראָהן. איך בין אָבער דער צאר. און לויט געזעץ האָב איך דאָס רעכט צו יעדער צייט מיין ווייב צו פערשטויסען און דעם בונד צווישען איהר און מיר אויפצולעזען. איך ער־קלער אלזאָ יעצט עפענטליך, אז יענע קאטהערינא איז מעהר ניט מיין פרוי. זיא איז פון יעצט אָן און ווייטער מיין פיינד און איך וועל זיא בעקעמפפען מיט פייער און שווערד. אנשטאָט איהר, ערוועהל איך אלס מיין פרוי א טאָכטער פון אייער שטאם, דיא ראָזע פון דער סטעפע, דיא שעהנע לידיא, זיא זאָל זיין דיא נייע קייזערין!

"א ווילדער פרייד־געשריי האָט אויסגעבראָכען ביי דיעזע ווערטער. לידיא האָט ניעדערגעקניעט פאר איהר צוקינפטיגען מאן און מיט טהרערען פון פרייד און בעגייסטערונג האָט זיא איהם געשוואָרען אייביגע טרייהייט. פר־

גאטשעוו האט זיא אויפגעהויבען און זיא צערטליך אומגעארמט. דאן, ווען עס איז וויעדער שטיל געוואָרען, האט ער אָבגעהאַלטען א פייערדיגע רעדע און האט אויפגעפאָרדערט דיא קאָזאקען זיי זאָלען זיך בעוואפענען און געהן מיט איהם צום קאמפף. ער האט זיי פערזיכערט, אז ער וועט זיי פיהרען פון זיעג צו זיעג, ביז ער וועט זיי ברענגען אין דער הייליגער שטאָדט מאָסקווא, וואו ער וועט וויעדער געקרוינט ווערען אין דער קרעמלער קירכע.

"אין מיטען דער רעדע איז פוגאטשעוו אונטערבראָכען געוואָרען פון א ליארם וואָס איז געקומען פון נעכסטען ברעג טייך. באלד האָבען זיך בעוויעזען מעהרערע קאָזאקען שלעפענדיג א מאן געקליידעט אין אן אָפיציערסקי מונדיר. ער האט זיך מיט זיי שרעקליך געראנגעלט, דאָך האָבען זיי איהם צוגעשלעפט צו פוגאטשעוו'ען און האָבען ערקלערט, אז זיי האבען איהם געפונען בעהאַלטען צווישען דיא וועלדלאך ביים ברעג פון טייך און עס איז ביי זיי קיין צווייפעל ניט, אז ער איז א שפיאָן, א פעררעטהער.

— איך בין דיר ניט פרעמד, פוגאטשעוו, האט דער געפאנגענער אויסגע־רופען, איך בין מאיאָר דאנישעוו, דו דערקענסט מיך געוויס, איך בין דער יעניגער, וואָס האט דיך און דיינע קאָזאקען אין יענע שווארצע געבירגע בע־זיעגט.

— צוליעב וואָס ביזט דו יעצט אהער געקומען? האט איהם פוגאטשעוו געפרעגט.

— דאָס וועל איך דיר זאָגען אונטער פיער אויגען.

— איך האָב קיין געהיימנים פאר מיין פאָלק, האט פוגאטשעוו אויסגע־רופען מיט א שטרענגען טאָן, און קודם זאָלסט דו זיך שטעלען פאר מיר אויף דיא קניע, ווייל איך בין דער צאר.

— דו ביסט מיין צאר! האט דאנישעוו געשטאמעלט שרעקליך אי־בערראשט. ביסט דו משוגע געוואָרען, פוגאטשעוו? ערשט מיט א פאאר וואָ־כען צוריק ביזט דו געוועזען א געוועהנליכער קאָזאק און יעצט —

— און יעצט בין איך צאר פעטער דער דריטער, האט איהם פוגאטשעוו אונטערבראָכען, און דו ביסט מיין געפאנגענער. דיין לעבען איז אין מיין האנד.

— דאָס ווייס איך, האט דער מאיאָר געענטפערט מיט א מינע פון פער־אכטונג. פון דעסטוועגען, ווען דו רופסט זיך פעטער און שטעלסט זיך פאָר אלס דער מאן פון מיין קייזערין קאטהערינא, זאָג איך דיר אין דיא אויגען, אז דוא ביסט א לומפ, א שווינדלער, א בעטריגער, דו פערפיהרסט דיעזע אונווי־סענדע קאָזאקען —

"שנעל וויא א בליץ האט פוגאטשעוו ארויסגעכאפט זיין ברייטען מעסער און האט דעם מאיאָר דאנישעוו אויף טויט דערשטאָכען.

"ס'איז געוואָרען א געוואלדיגע אויפרעגונג. דיא ווילדע קאָזאקען זיינען

בעפאלען דעם ערמאָרדעטען קערפּער און האָבען איהם אין שטיקער צוריסען. איך האָב לענגער ניט געקענט צוזעהן דיעזע באַבארישע סצענע און בין שטי־לערהייד צוריק אוועקגעגאנגען אין מיין געצעלט.

"דעם נעכסטען פריהמאָרגען, האָט דער סוחר ווייטער דערצעהלט, בין איך געװען שרעקליך צוטראָגען פון אלעס וואָס איך האָב בייגעוואָהנט און איך האָב אויפגעפאָדערט מיין זוהן, מיר זאָלען וואָס שנעלער דיא סטעפּע פערלאָזען.

"טשיקא האָט אונז בעגלייט צו איהם אין געצעלט און ווען מיר האָבען מיט אמאָל אין מיטען וועג ביי א שענק דערהערט א קלאנג פון טראָמפּעטען און האָבען געפרעגט ביי טשיקא'ן וואָס דאָס בעדייט, האָט ער אונז געענטפערט, אז דאָס איז געקומען אן אָפיציער פון אָרענבורג מיט אן אָבטהיילונג סאָלדאטען, אום צו נעהמען אין דאָרף רעקרוטען.

— דער אָפיציער איז געװען לייטענאנט בערעניטשעק, האָט דער גובער־נאַטאָר דאשקאָוו בעמערקט, איך אליין האָב איהם געשיקט מיט א קאפּראלנע און צוואנציג סאָלדאטען אין סטעפּע דאָרט צו נעהמען רעקרוטען. ער האָט שוין לאנג געדארפט זיין צוריק און ער איז נאָך ניטאָ. איך וועל איהם שטרענג בעשטראָפען פאר פערנאכלעסיגען זיינע פפליכטען.

— איהר וועט איהם שוין מעהר ניט קענען בעשטראָפען, האָט דער קר פּיעץ געענטפערט מיט א טרויעריגען ערנסט. דער לייטענאנט מיט אלע זיינע בעגלייטער זיינען שוין טויט.

דאשקאָוו איז אויפגעשפּרונגען וויא א שלאנג וואָלט איהם א ביס געטהאָן. ערשט יעצט האָט ער אָנגעהויבען צו פערשטעהען, אז דיא לאנגע איז גאנץ ערנסט.

— דערצעהלט ווייטער, שנעל, וואָס נאָך איז דאָרט פאָרגעקומען? האָט דאשקאָוו האסטיג אויסגערופען.

—איך וועל אייך באלד דערצעהלען, האָט דער אלטער סוחר געענטפערט, מיר זיינען אלע אריינגעגאנגען אין שענק, דאָרט איז געזעסען דער לייטענאנט, נעבען איהם איז געזעסען דער קאפּראלנע מיט דיא דאָקומענטען און צוואנציג סאָלדאטען האָבען איהם ארומגערינגעלט מיט זייערע אָנגעלאָדענע ביקסען אין דיא הענד. דער קאפּראלנע האָט דאן פון א ליסטע אָנגעפאנגען לעזען דיא נעמען פון דיא וואָס האָבען געדארפט ציהען דעם גורל. אויף'ן טיש איז גע שטאנען א גרויסע צוגעדעקטע שיסעל מיט צעטלאך און ביי יעדען מאָל ווען א נאָמען איז אויסגערופען געוואָרען, האָט דער אָפיציער ארויסגעצויגען א צע־טעל. אויב ס'איז ארויסגעקומען א צעטעל מיט'ן אויפשריפט "פריי", האָט זיך דער גערופענער קאזאק געקענט צוריקציהען און דער וואָס אויף איהם איז געפאלען דער גורל צו געהן דיענען איז אויף דער שטעלע איבערגעגעבען געוואָ־רען צו דיא סאָלדאטען.

"עס איז געװען צו בעמערקען, האָט דער סוחר פאָרטגעזעצט, אז דיא פיעלע

הונדערטע קאזאקען אין און ארום שענק־הויז זיינען אין א געוואלטיגע אויפ־רעגונג און ווארטען נור אויף עטוואס אום זייער באַרבאַרישער פייער פון כעס זאָל אויסברעכען. מיט אמאָל האָט דער קאפראלנע פארגעלעזען פון ליסטע דעם נאָמען: „עמעליאן פוגאטשעוו".

„אלע האָבען געשוויגען. דער גערופענער האָט זיך ניט געמאָלדען.

— עמעליאן פוגאטשעוו, האָט דער אונטער־אָפיציער ווידער אויסגערופען אונגעדולדיג. וואו איז ער ערגעץ? איך וועל איהם פאר זיין אונפינקטליכקייט באלד הייסען קנוטעווען, אז דער רוח וועט איהם נעהמען.

„אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט זיך דיא טיהר געעפענט, דיא קאָזאקען האָבען זיך פאנאנדערגעטהיילט און דורך זיי איז א מאן לאנגזאם צוגעגאנגען צום טיש.

— ביסט דו עמעליאן פוגאטשעוו? האָט דער אָפיציער געדונערט מיט א שטרענגע שטימע. פאר וואָס ביסט דו דאָ ניט געווען צו דער צייט?

— עה! אטאמאן! האָט זיך דער אָפיציער דאביי געווענדעט צום אלטען טשיקא'ן. דיעזער מאן, עמעליאן פוגאטשעוו, איז ארעטירט. שפּעטער וועל איך בעשטימען וויפיעל קנוטעס מען זאָל איהם געבען.

— איך וועל מיינע הענד געגען דיעזען מאן ניט אויפהויבען, האָט גע־ענטפערט דער אלטער העטמאן מיט א בעשטימטען טאָן, און אויך דו דארפסט זיך ניט אונטערשטעהען איהם צו בעריהרען, דען פאר דיר שטעהט יעצט ניט דער אָרימער קאָזאק עמעליאן פוגאטשעוו, וויא דו גלויבסט, זאָנדערן דיא היי־ליגע פערזאָן פון צאר פּעטער דעם דריטען, דער הערשער פון אלע רוסען, און דו דארפסט זיך שעטצען גליקליך, אז עס איז דיר בעשערט אויף זיין געזיכט א קוק צו טהאָן.

— צאר פּעטער! האָט דער לייטענאנט אויסגעשטויסען מיט א הויכען געלעכטער. איך האָב אין וועג געהערט, אז אין אייער דאָרף איז נעכטען געווען א גרויסע שמחה. האָט איהר זיך נאָך ניט אויסגעניכטערט? אָבער דאפיר זאָלט איהר טהייער בעצאָהלען און צוערשט דו, אלטער רעבעל.

— שווייג, לומפּ! האָט אין דיזען מאָמענט פּוגאטשעוו אויסגעשריען וויא מיט א לייבען שטימע, קודם זאָלסט דו בעצאָהלען מיט דיין לעבען פארוואָס דו אונטערשטעהסט זיך אזוי צו רעדען אין דער געגענווארט פון דיין צאר.

„מיט דיעזע ווערטער האָט פּוגאטשעוו ארויסגעכאפּט א קרומען שווערד, וועלכען ער האָט געטראָגען אונטער זיין מאנטעל, און שנעל וויא א בליץ, מיט איין זעץ אראָבגעהאקט דעם קאָפּ פון דעם אונגליקליכען אָפיציער.

— מאָרד, מאָרד! איז דער קאָרפּאָראל אויפגעשפרונגען, שרייענדיג מיט א שרעקליכען קול. קאמעראדען, מען האָט אונזער אָפיציער ערמאָרדעט.

פייער! שיעסט דיעזע גאנצע רעבעלען־געזעלשאפט. עס זאל פון זיי קיין שריד ופליט ניט בלייבען!

"אין דעם זעלבען אויגענבליק האבען 20 ביקסען אויסגעקראכט און 20 קוילען זיינען אריינגעפלויגען אין דעם קראוד. דיא שרעקליכע מהומה וואס איז דאן ענטשטאנדען אין שענק־שטוב איז אונבעשרייבליך. דיא געשרייען פון דיא פערוואונדעטע, דיא קרעכצען פון דיא שטערבענדע, דיא ראכע־געברילען פון דיא ווילדע קאזאקען — דאס אלעס האט שוידערהאפט פערהילכט דיא לופט. פוגאטשעוו איז ארויפגעשפרונגען אויף'ן טיש, זיין לייבען־שטימע האט איבער־געקלונגען דעם גאנצען טומעל, ווערענד ער האט אויסגעשריען:

— קאזאקען, ברידער, פריינדע, מיינע געטרייע אונטערטהאנען, הרג'עט, פערניכטעט, צושמעטערט! יעצט איז געקומען דער הייליגער אויגענבליק, ווען איך הויב אויף מיין פאהן. טרעט אויף צום קאמפף פאר מיר, פאר אייער צאר און הערשער!

— צום קאמפף! ראכע! האט דיא ווילדע מעננע געדונערט, קאמפף ביז צום טויט פיר אונזער צאר!

"און עס האט זיך אנגעפאנגען א פירכטערליכע בלוט־באד, הערר גובער־נאטאר, האט ווייטער דער קויפמאן פארטגעזעצט, וויא דיא צורייצטע בעסטיעס זיינען דיא קאזאקען בעפאלען אויף אייערע סאלדאטען. דער אונגליקליכער קארפאראל איז געפאלען דער ערשטער פון א קויל, וואס פוגאטשעוו האט איהם אריינגעשאסען אין קאפ. דיא סאלדאטען זיינען באלד געשליידערט געווארען צו דער ערד און דיא בלוטדורשטיגע קאזאקען האבען מיט דיא העק און מע־סערס זייערע קערפער צוברעקעלט אויף שטיקלאך.

"איך האב געכאפט מיין זוהן פאר'ן האנד און מיט א טויטליכען שרעק זיי־נען מיר ארויסגעשפרונגען דורך א פענסטער, אבער אין דעם זעלבען אויגענ־בליק האבען אייניגע בלוט־בעפלעקטע הענד מיין זוהן געכאפט פאר'ן קארק און צוריק אריינגעשלעפט אין צימער. ווען איך האב זיך אין דיעזען מאמענט אומגעווענדעט, האב איך דערזעהן וויא צוויי קאזאקען האבען ארויפגעווארפען א שטריק אויף מיין זוהן'ס האלז און האבען איהם געוואלט דערשטיקען.

— דו ביזט א פעררעטהער! האט איינער פון זיי געשריען, דו מוזט שטארבען.

"איך בין אויך אריינגעשפרונגען צוריק אין צימער און אנגעפאנגען מיט דיא מערדער זיך צו ראנגלען. באלד בין איך אבער אויך געלעגען אויף דער ערד און א מעסער איז שוין געוועזען אויסגעשטעלט געגען מיין ברוסט. נאך איין סעקונדע און איך וואלט געוועזען טויט.

— צוריק! האט אין דיעזען מאמענט אויסגעשריען א דונער־שטימע. וואס טהוט איהר? דיעזע מענער זיינען מיינע געסט. לאזט זיי אב!

דאָס איז געווען דער אלטער העטמאן טשיקא, וועלכער האָט דיעזען בע־פעהל אויסגעשפּראָכען. דיא קאָזאקען האָבען זיך אָבגעצויגען, ווארפענדיג אויף אונז פינסטערע בליקען, דאָך האָבען זיי דעם בעפעהל פון זייער העטמאן גע־מוזט פאָלגען.

"דער אלטער האָט זעלבסט אונז ארויסגעפיהרט פון דיעזע פירכטערליכע, בלוטיגע מהומה און געבראכט אין זיין הויז, וואו ער האָט אונז איינגעשלאָסען אין א שטאהל, ערקלערענדיג, אז דאָ זיינען מיר פאָלקאָמען זיכער, אָבער אוועקלאָזען קען ער אונז ניט אָהן דיא ערלויבניס פון צאר פעטער.

"נאָך א פערלויף פון א פּאָאר שטונדען זיינען געקומען צוויי קאָזאקען און האָבען מיך מיט מיין זוהן אָבגעפיהרט צו דיא הייליגע דריי אייכען. דאָרט איז דער שווארץ־באָרדיגער פוגאטשעוו געזעסען אויף א הויכען הילצערנעם שטוהל, וועלכער וואר ארומגעפלאָכטען מיט בלומען. ביי זיין זייט איז געשטאנען דיא שעהנע לידיא, איהר פאָטער און א גרויסע סוויטע פון דיא אלטע קאָזאקען.

— זייט איהר דיא קויפלייטע? האָט פוגאטשעוו געפרעגט מיט א בייזע שטימע.

— יא, פאָטערל, האָב איך געענטפערט מיט א טיעפע פערנייגונג. זייט 40 יאָהר פאָהר איך ארום וועגען מיינע געשעפטען אין דער סטעפּע און האָב אי־מער מיט דיא קאָזאקען געלעבט אין פריעדען און פריינדשאפט. דיעזער איז מיין זוהן, אויך א גאנץ עהרליכער יונגער מאן.

— וויא איז דיין נאָמען?

— יאָזעף ראדין.

— און וויא גלויבסט דו, ווער בין איך?

— ווער זאָלסט דו זיין ווען ניט דער צאר פעטער, דער איינציגער, בערעכ־טיגטער הערשער פון רוסלאנד?

ראדין איז געבליעבען שטעהן ביי דיעזע ווערטער, זעהענדיג וויא דער גובערנאטאָר ווארפט אויף איהם א גיפטיגען בליק.

— עקסעלענץ, האָט ער זיך אָבגערופען מיט א בעטענדע שטימע, איהר ווערט דאָך מיך געוויס דאפיר ניט בעשולדיגען, דען אויב איך וואָלט אזוי ניט געענטפערט, וואָלט מען מיך און מיין זוהן אויף דער שטעלע געטויטעט און עס וואָלט אפילו ניט געווען ווער עס זאָל אייך ברענגען דיא מעלדונג פון אלעס וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

— שוין גוט, האָט דאשקאָוו געזאָגט, דערצעהלט ווייטער!

— און ווען איך וועל אייך פריי לאָזען, האָט פוגאטשעוו מיך ווידער גע־פרעגט, וואוהין וועט איהר יעצט פאָהרען?

— נאָך אָרענבורג, פאָטערל צאר, האָב איך געענטפערט.

— גוט, איך שענק אייך אייער לעבען. טשיקא וועט אייך געבען א פּאָאר

פערד אבצורייזען פון דארף. דאך ראטה איך אייך, רייט שנעל וויא איהר קענט, אום איהר זאלט נאך ארענבורג קומען וואס פריהער, און דאן זאגט דארט אן דעם גובערנאטאר, אז צאר פעטער קומט, אום דיא פעסטונג צו נעהמען. ער זאל מיך אבער לאנג פאר דיא מויערען פון שטאדט ניט לאזען ווארטען, דען זאנסט ווען ער וועט מיר ביי דיא דריטע אויפפאדערונג ניט איבערגעבען דיא פעס־טונג, וועט אין ארענבורג ניט בלייבען א שטיין אויף א שטיין און אלע איינ־וואהנער ביז צום לעצטען מענשען וועלען געטויטעט ווערען.

„אויב איהר וועט קומען נאך דיא אייראפעאישע רוסלאנד, זאלט איהר דארט אויך איבעראל אנזאגען, אז צאר פעטער דער דריטער איז אויפגעשטאנען פון זיין קבר דער פערגעסענהייט. ער קומט צוריק און דיא ערד ציטערט אונ־טער זיינע ראכע־טריט. זאל אייער גובערנאטאר שיקען א קוריער נאך פעט־טערבורג און מעלדען זיין קייזערין, אז פון איהר פערפלוכטע רעגיערונג וועט אין קורצען אן ענדע נעהמען. זיא האט דאס פאלק בעלאגען און בעטראגען, אז איהר מאן איז טויט; דאך דיעזער מאן, ער קומט פון איהר און איהרע באנדיטען, מיט וועלכע זיא האט זיך ארומגערינגעלט, פירכטערליכע ראכע צו נעהמען.

„רוסלאנד׳ס בארדען וועט פערטרונקען ווערען אונטער א ים פון בלוט, דען איך וועל צושמעטערען אלעס וואס וועט זיך מיר שטעלען אין וועג. בראנד, רויב און מארד וועט מיך בעגלייטען אויף מיין וועג, א באלל פון פערניכטונג זאל געפייערט ווערען, און איך, יא, איך וועל זיין דער קעניג פון דיעזען באלל.

— און יעצט אוועק פון מיינע אויגען! האט דער שרעקליכער פוגאט־שעוו זיך געווענדעט צו מיר און מיין זוהן, וועהרענד זיינע שווארצע בליקען האבען אויסגעשאסען מיט א ווילדען צארן. געהט און זאגט דאס אן איבעראל אין לאנד, וועלכע ריהמט זיך מיט איהר ציוויליזאציאן. דיא בילדונג האט דעם מענשען געמאכט שלעכט, פאלש און אונגליקליך. אנשטאט דיא פערדאמ־טע ציוויליזאציאן וועל איך איינפיהרען דיא פרייע ווילדקייט און אין פעטער־בורג וועלען הערשען מיינע געטרייע קאזאקען.

— הורראה פיר אונזער צאר! האבען געשריען דיא קאזאקען און דאביי האבען זיי אנגעפאנגען צו טרינקען בראנפען פון גאנצע פלעשער און דיא גע־זיכטער פון דיא בלוטיגע מערדער האבען אנגענומען א ווילדען אויסדרוק, אזוי וויא פון רייסענדע טהיערע.

„ענדליך איז טשיקא צו אונז צוגעגאנגען און האט אונז אבגעפיהרט אין זיין הויז, וואו מען האט אונז באלד געגעבען צוויי פערד און אביסעל פראוויאנט אויף׳ן וועג.

— ווען איהר ווילט מיין ראטה פאלגען, האט דער אלטער העטמאן צו אונז געזאגט, זאלט איהר באלד אבפאהרען און רייטען טאג און נאכט. אונזער

צאר האט זיינע געוויסע קאפריזען און עס קען זיין, אז מארגען וועט ער שוין חרטה האבען פארוואס ער האט אייך פריינעלאזען.

„דאס האט מען אונז צוויי מאל ניט גערארפט זאגען. מיר האבען גענר־מען א דאנקבארען אבשיעד פון דעם אלטען טשיקא און זיך זעצענדיג אויף דיא פערד זיינען מיר שנעל ארויסגעריטען פון דארף.

דאמיט האט דער קויפמאן געענדיגט זיין בעריכט. דער גובערנאטאר דאש־קאוו איז איינינע מינוטען געזעסען שטארק פערטראכט, דאן האט ער זיך אב־גערופען:

— און וויא לאנג האט געדויערט אייער רייזע פון יענעם קאזאקען דארף ביז ארענבורג?

— דריי וואכען, עקסעלענץ.

— צום טייפעל, דאס איז א לאנגע צייט. וואו האט איהר דען זיך אבגע־שטעלט אין אייער רייזע?

— מיר זיינען געריטען אזוי שנעל וויא מעגליך, הערר גובערנאטאר. דאך איז דיא רייזע ניט געגאנגען אזוי גלאט וויא מיר וואלטען עס ביי אן אנדער צייט געקענט מאכען. דער פערדאמטער פוגאטשעוו האט נאך פריהער פאנאנ־דער געשיקט זיינע קוריערען צו אלע קאזאקען שטאמען ארום דעם טייך וואלגא. אלע געגענדען זיינען דארט אין געוואלטיגען אויפרוהר און איבעראל האבען מיר געהערט ווילדע געשרייען: הורראה פיר צאר פעטער! מעהרערע מאהל האט מען אונז אבגעהאלטען און געשלעפט צו דיא עלטסטע פון דיא שטאמען. ווען איך וואלט ניט געווען בעקאנט זייט 40 יאהר אין דער סטעפע, וואלט איך מיט מיין זוהן געוויס לעבעדיג נאך ארענבורג ניט געקענט צוריק קעהרען.

— און וויא לאנג רעכענסט דו דארף עס דויערען ביז פוגאטשעוו וועט קו־מען אהער, צו דיא טויערען פון ארענבורג?

— דאס קען איך ניט גענוי זאגען, עקסעלענץ. עס איז אבהענגיג דאפון וויא לאנג דער רעבעל וועט זיך אין פערשיעדענע ערטער אויפהאלטען. קיין גרעסערע מיליטערישע מאכט, וואס זאל איהם קענען זיך ענטגעגען שטעלען, גיבט עס אויף'ן גאנצען וועג ניט און דיא וואהרהייט זאגענדיג האב איך זאגאר געגלויבט איהם מיט זיינע קאזאקען שוין צו געפינען דא, ביי ארענבורג.

— און גלויבסט דו, אז ער האט א גרויסע צאהל נאכפאלגער?

— יא, הערר גובערנאטאר, איך בין זיכער, אז עס וועלען צו איהם זיך אנשליסען טויזענדע און צעהנדליגע טויזענדע. אלע רויבער פון דער סטעפע, אלע פאנאטישע סעקטעס, וועלכע דיא רעגיערונג פערפאלגט, אלע פויערים וואס זיינען שוין מיעד געווארען צו טראגען דעם יאך פון קנעכטשאפט און ווילען זיך אברעכענען מיט זייערע הערען, דיא גוטס־בעזיטצער, דיעזע אלע

ווילדע באנדעס וועלען צושטעהן צו פוגאטשעוו'ן און ער וועט געוויס אהער קומען מיט א געוואלדיג גרויסע ארמעע.

אין דיעזען אויגענבליק האט מען געעפענט דיא טיהר פון קאבינעט און מעהרערע אפיציערען זיינען אריינגעקומען פיהרענדיג א קאזאק, וועלכער איז געווען בעדעקט מיט שטויב און שמוץ.

— וואס איז דאס ? האט געפרעגט דאשקאוו, ווארום האט איהר דיעזען מענשען געבראכט צו מיר, מיינע העררען ?

— א נאכריכט פון דיא העכסטע וויכטיגקייט, הערר גובערנאטאר, האט געענטפערט אן עלטערער הויפטמאן, דיעזער קערל איז געוויס א שפיאן. אונזערע וואך־סאלדאטען האבען איהם געפאקט וויא ער שלעפט זיך ארום נאהענט צו אונזערע פאסטען. זיין פערד האט מען נאכהער געפונען בעהאלטען אין וואלד. אהן א צווייפעל געהערט ער צו דיא באנדע פון יענעם רעבעל פוגאטשעוו, אויף וועלכען מען זאגט, אז ער האט זיך אריינגענומען אין זיין שיכור'ען קאפ צו בעזיעגען אונזער שטארקע פעסטונג.

וועהרענד דיעזען געשפרעך איז דער געפאנגענער קאזאק געשטאנען און געקוקט אויף אלעמען מיט שטאלצע בליקען. אויף זיין דונקעלען, פערשמוצ־טען געזיכט איז ניט געווען צו בעמערקען דיא מינדעסטע שפור פון פורכט.

— דו געהערסט צו פוגאטשעוו'ס באנדע ? האט ביי איהם דאשקאוו גע־פרעגט.

— איך געהער צו דיא קריעגער פון צאר פעטער דעם 3טען, האט געענט־פערט דער קאזאק מיט א פרעכע שטימע.

— דו שורקע ! האט דאשקאוו אויסגעדונערט מיט צארן. וויא קענסט דו זיך אונטערשטעהען צו בעהויפטען, אז עס גיבט נאך א צאר פעטער ? ווייסט דו דען ניט, אז ער איז שוין לאנג געשטארבען ?

— אויב ער איז ווירקליך געשטארבען, דאן האט מסתמא דיא הייליגע מו־טער פון קאזאן איהם ווידער לעבעדיג געמאכט, האט געענטפערט דער קאזאק מיט א טאן פון איבערצייגונג. איך אליין האב איהם מיט מיינע אייגענע אויגען געזעהן, פיעלע טויזענדע אנדערע האבען איהם געזעהן און אלע ווייסען, אז ער איז אונזער איינציגער, וואהרער און גוטער צאר.

— און וואו געפינט זיך דיין צאר יעצט ?

— אין צוויי שטונדען ארום וועט ער זעלבסט אויף דיעזע פראגע דיר ענטפערען.

— וואס מיינסט דו דאמיט צו זאגען, קאנאליע ? האט זיך דאשקאוו צובייזערט.

— ווען עס וואלט יעצט געווען נאכט, האט געענטפערט דער קאזאק, וואלסט דו שוין פון דאנען געקענט זעהן דיא זיעגרייכע צייכענס פון דעם קומענ־

דען צאר. דו וואָלסט געזעהען וויא דער גאנצער הימעל איז רויט פון פלאמען. דאָס זיינען דיא דערפער, בלויז צוויי שטונדען ווייט פון אָרענבורג, וועלכע מען האָט אויף דעם בעפעהל פון צאר אונטערגעצונדען און פערברענט.

אלע אנוועזענדע אָפיציערען זיינען פערציטערט געוואָרען הערענדיג דיעזע נאכריכט. דאָס געזיכט פון דעם אלטען פייגלינג דאשקאָוו האָט זיך בעדעקט מיט דיא בלייכקייט פון טויט.

— בלויז 2 שטונדען פון אָרענבורג? האָט דאשקאָוו אויסגערופען מיט שרעק. הער צו, קאָזאק! אויב דיין לעבען איז דיר ליעב, זאָלסט דו מיר זאָגען דיא ריינע וואהרהייט און מיין ניט, אז דו וועסט מיך קענען בעטריעגען. איך פרעג דיך, וויפיעל הונדערט בעסטיעס בעגלייטען דיין צאר, דעם שענדליכען רעבעל פוגאטשעוו, איינגעזונקען זאָל ער ווערען?

— וויא פיעל הונדערטע? האָט זיך צולאכט דער קאָזאק, פרעגט בעסער: וויפיעל צעהנדליגע טויזענדע? דאָס וועט איהר באלד זעהן, ווען דער צאר מיט זיין ארמעע וועט קומען צו דיא ווענט פון דיעזער פעסטונג. זיינע קריגער וועלען בעדעקען מייל'ענווייז דיא גאנצע ארומיגע געגענד.

— און אויף'ן וועג האָבען קיינע סאָלדאטען זיך געגען איהם ניט געשטעלט? האָט דאשקאָוו געפרעגט און זיין כעס איז געוואָרען גרעסער יעדע מינוט. ביי דיא גרענעץ סטאציאָנען געפינען זיך דאָך קלענערע פעסטונגען מיט מיליטער.

—מיר האָבען זיי צוטרעטען וויא דיא אויסגעטריקענטע גראָזען פון דער סטעפע. עס איז פון זיי זאָגאר קיין איינציגער ניט לעבען געבליעבען וואָס זאָל קומען דיר מעלדען וועגען זייער נידערלאגע. אויף זיין גאנצען וועג פון אירגיס ביז אהער האָט דער צאר אלע שטעדט פערניכטעט, פערברענט און צושטערט און ווער עס האָט ניט געוואָלט זיין מיט אונז איז געבליעבען טויט פון אונזער שווערד. דאָס זעלבע וועלען מיר אויך טהאָן אין אָרענבורג.

— און ווער ביזט דו דען, אז דו ערלויבסט זיך אזעלכע ווערטער, פיר וועלכע דו וועסט מיט דיין שענדליכען לעבען בעצאָהלען? ווער ביזט דו, קאָזאק?

— וואָס מאכט עס אויס ווער איך בין? האָט געענטפערט דער געפאנגענער גלייכגילטיג. איך בין איינער פון דיא פיעלע טויזענדע וואָס קעמפפען פיר א גרויסע, הייליגע זאך, פיר אונזער צאר. איך בין אייער פיינד און יעצט טהוט מיט מיר וואָס איהר ווילט.

— געוויס וועלען מיר דאָס טהאָן! האָט דאשקאָוו אויסגערופען, פיהרט אראָב דעם קערל אונטען און זאָל מען איהם באלד אויפהענגען.

באלד האָט מען ארייגערופען סאָלדאטען, וועלכע האָבען דעם קאָזאקישען שפיאָן מיט קלעפ ארויסגעשלעפט פון צימער. א קורצע צייט נאכדעם האָט

מען געהערט אויסקלינגענדיג דיא טראָמפּעטען־סיגנאַלען אלס א צייכען, אז דער געפאנגענער איז שוין אויפגעהאנגען.

אָבער אין נעכסטען מאָמענט האָבען זיך פּלוצלונג דערהערט שרעקליכע יאמער געשרייען ביי דער פעסטונג. דאשקאָוו און זיינע אָפיציערען זיינען צוגעלאָפען צו דיא פענסטער און האָבען דערזעהען א מערקווירדיגע סצענע. דער גאנצער גרויסער פּלאַץ פאר דער פעסטונג איז געוועזען פול געפּאַקט מיט מענשען. אַלטע לייט, קינדער, יונגע מענער, פרויען—אַלע האָבען זיך געשטופּט און געדרענגט אין א ווילדע פּאניק. וועגען, פוהרען, פוסגעהער און רייטער, יעדער האָט מיט פערצווייפלונג געזוכט וואָס שנעלער און נעהענטער צו קומען צו דיא מויערען פון פעסטונג און דיא מייסטע פון זיי האָבען געשלעפּט אויף זיך בינטלאַך, זעק און קעסטלאַך, אין וועלכע עס געפינט זיך זייער גאנצעס פערמעגען.

דאשקאָוו האָט געעפענט דעם פענסטער און זיך ווייט ארויסבויגענדיג האָט ער געפרעגט מיט א הויכע שטימע:

— וואָס איז דאָרט, בירגער פון אָרענבורג? וואָס ווילט איהר? ווארום פערלאנגט איהר מען זאָל אייך עפענען דיא פעסטונג?

— מיר זיינען פערלאָרען! האָבען געשריען שרעקענדיגע שטימען פון אונטען. פוגאטשעוו, דער גרויסער רעבעל קומט. פון דיא נעכסטע דערפער זיינען דיא בויערען געקומען אין שטאָדט, נור דיא וועניגע וואָס האָבען בעוויעזען זיך צו רעטען. מען האָט דיא אונגליקליכע ביז דאָס לעצטע בערויבט און זייערע הייזער פערברענט. אויך מיט אונז וועט דאָס זעלבע געשעהען.

יעדע מינוט האָט זיך דיא מאסע מענשען דאָרט אונטען פערמעהרט מיט ניי־אָנגעקומענע; דיא אנגסט, דיא פערצווייפלונג פון דיא אונגליקליכע איז געוואָרען שטארקער. דאָך, דאשקאָוו, דער אַלטער דעספּאָט, וועלכער האָט זיין גאנצען לעבען נור געדענקט וועגען זיך, איז פון דיעזען גרויסען עלענד גאָר ניט געריהרט געוואָרען.

— וואָס זאָל איך טהאָן? האָט ער זיך געווענדעט צו דיא אָפיציערען. פוגאטשעוו וועט געוויס אונזער פעסטונג בעלאַגערען. וויא זאָל איך דאָ אויס־האַלטען מיט עסען אזוי פיעל טויזענדע מענשען? זאָלען זיי געהן צוריק אין שטאָדט און זיך פערטהיידיגען וויא זיי קענען. דיא פעסטונג איז א פּלאַץ נור פיר סאָלדאטען.

דער אַלטער הויפּטמאַן, א בראַווער קריעגער, מיט'ן נאָמען גאַלינסקי, האָט מיט פערדרוס אויסגערופען:

— הערר גובערנאַטאָר, איהר קענט דיא אונגליקליכע ניט אוועקשיקען מיט אזא מין ענטפער. דיא מויערען ארום שטאָדט זיינען ניעדעריג און שוואַך און דיא איינוואָהנער פון שטאָדט וועלען ניט זיין אים שטאנד זיך צו פערטהיידיגען

געגען פוגאטשעוו'ס ווילדע באנדעס. דיא איינציגע זיכערהייט איז נור אין פעסטונג, און איך בעט אייך אים נאָמען דער מענשליכקייט, איהר זאָלט דיא בירגער פון שטאָדט אריינלאָזען, זאָנסט וועלען דיא ווילדע בעסטיעס ביז דעם לעצטען מאן פון זיי ערמאָרדען.

דיא ווערטער פון הויפטמאן גאלינסקי האָבען געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף אלע איבריגע אָפיציערען. ארויסציהענדיג זייערע שווערדען האָבען זיי מיט מוטה און קוראזש אויסגערופען:

— יא, לאָזט אונז קעמפּפען! מיר זיינען פערטיג צו שטארבען, ווען דאָס איז נויטהיג, אום צו בעשיטצען דיא בירגער פון אָרענבורג אין זייער יעצטיגע טויט־שרעקליכע לאגע.

— האָט רחמנות, עפענט דיא טהויערען און לאָזט אונז אריין! האָבען געשריען מאסען קולות פון אונטען. פּוגאטשעוו קומט שוין, רעטעט אונז! האָט רחמנות אויף אונזערע קליינע קינדער!

— הערר גובערנאטאָר! האָט נאָך אמאָל גאָלינסקי געבעטען, טהוט א קוק וויא יענע טויזענדע שטעהן אויף דיא קניע און וואַרטען אין טויטליכע אנגסט אויף אייער וואָרט. זעהט דאָרט וויא אלטע מענער יאָמערען, וויא פרויען רייסען זיך דיא האָר אין ווילדע פערצווייפלונג, וויא אונשולדיגע עופ'עלעך שטעלען אויס זייערע הענטלאָך און בעטען אום הילפע! שפּרעכט אויס דיעזען וואָרט כל זמן עס איז נאָך צייט טויזענדע מענשען לעבענס צו רעטען.

— דאָס איז אָבער ניט מעגליך! איז דאשקאָוו געבליעבען ביי דאָס זייניגע. דאָרט אונטען גלויב איך, געפינען זיך ניט וועניגער וויא 6 טויזענד פּערזאָן און צוזאמען מיט דיא סאָלדאטען 10 טויזענד מאן. אזא פעראנטוואָרטליכקייט קען איך אויף זיך ניט נעהמען.

דער אָפיציער גאָלינסקי איז שרעקליך אויפגערעגט געוואָרען, דאָך האָט ער זיך בעהערשט און האָט מיט א געלאסענע שטימע זיך ווידער געווענדעט צום אלטען גובערנאטאָר.

— דורכלויכט, אונזער פעסטונג איז גרוים גענוג; אין איהר קענען זאָגאר 20 טויזענד מאן געפינען בעקוועמע ערטער און דיעזע אונגליקליכע וועלען דאָך צופריעדען זיין, ווען איהר וועט זיי געבען נור אירגענד א ווינקעלע זיך צוזאמען צו טולענען. מיר האָבען דאָ זעהר פיעל וואפען און אמוניציאָן און עס וועלען זיך צווישען דיא בירגער געפינען גענוג יונגע מענער, פון וועלכע מיר קענען מאכען גוטע סאָלדאטען. זאָגאר דיא פרויען קענען זיך ניצליך מאכען, אום דיא פערוואונדעטע צו פּפלעגען. אונזער ארמעע און אונזערע הילפס־מיטעל וועלען גראדע דאדורך פערשטארקט ווערען.

— אָבער פּראָוויאנט, ברויט, פלייש! האָט דאשקאָוו געשריען. זאָל איך

פיעלייכט אליין ניט עסען, אום דיזען פעבעל צו פיטערען? ווילט איהר, מיינע העררען, הונגערען, וועהרענד דיעזער בירגערליכער קראוד וועט פרעסען?

— איך, פון מיין זייט, האט גאלינסקי גענטפערט, איך וואלט ווירקליך אבגעגעבען דעם לעצטען ביסען, אום א מענשען צו רעטען. דאך, אין דיעזען פאל איז דיא זאך ניט אזוי געוואלטיג. מיר האבען אויף א מאנאט פאלקאמען גענוג פראוויאנט. אונזערע מאגאזינען זיינען געפאקט מיט תבואה און געטריי־קענטע פלייש. און בעלאגערען וועלען מיר זיך אויך ניט לאזען אזוי לייכט. מיר זיינען נאך מעכטיג גענוג, אום ארויסצוגעהן געגען דיא רעבעלען אין אן אפענעם קאמפף. אויב עס זאל אונז דאך ניט גליקען זיי צו שלאגען און פער־טרייבען, אויב מיר וועלען זיך מוזען צוריקציהען אין פעסטונג, דאן קענען מיר ערוואַרטען, אז פון פעטערבורג וועט מען אונז צו דער רעכטער צייט שיקען הילפע.

— צו דער רעכטער? האט דער פייגלינג דאשקאוו איבערגעפרעגט מיט א טאן פון אנגסט, ניין, איך צווייפעל זייער אויב דאס וועט געשעהען. עס וועט יעדענפאלס דויערען פיעלע וואכען ביז אן ארמעע פון פעטערבורג וועט אהער קומען.

— ווארום? מיר דארפען נור באלד אבשיקען א קוריער נאך פעטערבורג, און אויב איהם זאל נור געלינגען דורכצוקומען, אז דיא רעבעלען זאלען איהם ניט כאפען, דאן וועט ער ערדייכען דיא הויפט־שטאדט שפעטסטענס אין 14 טעג. און נאך צוויי וואכען וועט עס נעהמען ביז עס וועט פון דארט אנקומען הילפע. דאן וועלען מיר פוגאטשעוו'ן און זיינע באנדעס האבען צווישען צוויי פייערען און מיר וועלען זיי פערניכטען.

— דיא טיהרען זאל מען עפענען! האבען זיך שוין פון אונטען גאנץ אנדע־רע קולות געהערט. ברעכט דיא טיהרען, ברידער! ווען מען וויל אונז מיט גוטען ניט אריינלאזען, וועלען מיר מיט געוואלט אריינגעהן אין פעסטונג. אהער דיא העק! ברעכט, צושמעטערט דיא טהויערען! מיר ווילען מעהר קיין טובות ניט בעטען. מיר פאָרדערען אונזער רעכט בעשיצט צו ווערען.

דיא מענגע האט ענדליך דעם געדולד פערלארען. טויזענדער הענד בע־וואפענט מיט העק און שטיקער אייזען האבען גענומען באמבארדירען דיא טויערען, וועלכע, זייענדיג בעשמידט מיט דיקע אייזען־שטאבעס, זיינען געוועזן שטארק גענוג א קורצע צייט אויסצוהאלטען, אבער עס איז קיין צווייפעל ניט געוועזן, אז באלד וועלען זיי אויפגעבראכען ווערען.

— און איהר ווילט עס ווירקליך ברענגען ביז צו אזא פירכטערליכען סקאנדאל, מיין העדר? האט גאלינסקי געפרעגט דעם גובערנאטאר מיט א פלאמענדען צארן. האט איהר פערגעסען, אז מיר אלע זיינען פערפפליכטעט צו שיצען דיא גוטע שטאדט ארענבורג אזוי לאנג וויא עס בלייבט נאך א צעהנ־

טע טהייל פון א מויער־וואנד, אזוי לאנג וויא אין אונזער ברוסט שלאגט נאך דער לעצטער אטהעם? אויב איהר וועט ניט זאגלייך הייסען עפענען דיא טהויערען, וועל איך דאס אליין טהאן.

— און אויך מיר בעטען אייך צו טהאן אייער מענשליכע פפליכט, האבען מעהרערע אפיציערען זיך אבגערופען. מיר זיינען פערטיג אלעס צו פערטראגען, אום אזוי פיעל מענשען צו רעטען.

— גענוג, גענוג! האט דער אלטער טיראן אויסגעשריען. עפענט דיא טהויערען און לאזט דיא הונגעריגע באנדע אריין. פון מיינעטוועגען זאלען זיי אייך אלעמען אויפפרעסען, מיך וועט עס גאר ניט קימערען.

גאלינסקי און אייניגע אפיציערען זיינען האסטיג ארויסגעגאנגען פון צימער געבענדיג א זעץ דיא טיהר מיט א קראך.

— גאט זאל אונז העלפען, האט דער הויפטמאן געזאגט צו זיינע קאמעראדען, אויב פוגאטשעוו האט נור עטוואס טאלענט צו פיהרען קריעג, דאן זיינען מיר פערלארען אונטער אזא אידיאטישען קאמאנדיר.

אין דרויסען איז אונטערדעסען דער אונגעהויערער ליארם נאך שטארקער געווארען. גאלינסקי האט געעפענט דיא פענסטער און האט געשריען צום קראוד:

— בירגער פון ארענבורג, הערט מיך אוים! שווייגט א ווייל. לאזט מיך אייך זאגען א פאאר ווערטער.

— שטיל! רוהיג! האבען זיך פיעלע שטימען געהערט, הויפטמאן גאלינסקי וויל צו אונז רעדען. ער איז אן עהרענמאן, לאמיר הערען וואס ער האט אונז צו זאגען.

אין אייניגע מינוטען איז דער גאנצער אויפרוהר שטיל געווארען.

— וואו איז דער בירגערמייסטער פון שטאדט? האט געפרעגט דער הויפטמאן.

א הויכער, קראפטפאלער מאן איז פארגעטרעטען און האט אויסגערופען:

— דא בין איך, הערר הויפטמאן! איך בעט אייך נאך אמאל, פארדערט אויף דעם פירסט דאשקאוו, ער זאל אונז העלפען אין נויט. מיר האבען קיין אנדער מעגליכקייט זיך צו רעטען מיט אונזערע פרויען און קינדער פון פוגאטשעוו'ס בלוטדורשטיגע באנדעס.

— אין נאמען פון פירסט דאשקאוו, האט גאלינסקי אויסגערופען, ענטפערט מיר, פערשפרעכט איהר צו ערפילען אלע מיליטערישע ארדנונגען וועהרענד דיא צייט פון בעלאגערונג?

— איך פערשפרעך עס אין נאמען פון אלע בירגער, האט דער בירגערמייסטער געענטפערט.

— און זיינען דיא מענער פון ארענבורג ענטשלאסען מיט אונז צוזאמען

צו קעמפפען? ווילט איהר אין פאל פון א נויט אפפערען אייער לעבען פיר רוסלאנד און פיר איהר מאיעסטעט, אונזער גנעדיגע קייזערין?

יעצט האט א פיעל טויזענד שטימיגער דונער אויסגעברויזט וויא א שטורם:

— מיר וועלען קעמפפען, מיר וועלען שטארבען, ווען עס זאל דאצו קומען! עס לעבע אונזער בעליעבטע קייזערין קאטהערינא דיא גרויסע! ניעדער מיט דעם שופט פוגאטשעוו און זיינע רעבעלען! ניעדער מיט דיא רויבער און באנדיטען!

— איך דאנק אייך, בירגער פון ארענבורג, אין נאמען פון גובערנאטאר, האט דער הויפטמאן אויסגערופען. דיא טהויערען ווערלען גלייך אויפגעשלאסען ווערען.

אן אונבעשרייבליכע פרייד און הורדא געשריי האט אויסגעקלונגען, אבער באלד האבען זיך דערהערט קראכען פון שיסערייען אויף יענעם זייט טייך. דער פיינד איז אנגעקומען און בעפאלען אויף דיא וואלען פון שטאדט. א קורצע צייט נאכדעם האבען פון דארט זיך אויפגעהויבען געוואלטיגע פייער־זיילען. א ים מיט פלאמען האט זיך אויסגעגאסען און דיא גליהענדע היץ מיט דעם רויך האבען זיך פערברייטעט איבער'ן טייך ביז צו דיא ווענד פון פעסטונג.

— דיא שטאדט ברענט! האבען אויסגערופען דיא אונגליקליכע בירגער, זעהענדיג וויא זייערע הייזער און זייער אייגענטהום ווערט פערניכטעט, פוגאטשעוו, דער גרויסער מערדער און רויבער איז אנגעקומען.

דיא טהויערען פון פעסטונג זיינען געעפענט געווארען און דער גאנצער שטראם פון דיא טויזענדע מענשען האט זיך אריינגעגאסען אין הויף, דאן האבען זיך דיא אייזערנע טהויערען לאנגזאם וויעדער פערשלאסען.

וועהרענד הויפטמאן גאלינסקי איז אונטען געווען שטארק בעשעפטיגט צו ברענגען אלעם אין ארדנונג און זיכערהייט, האט דאשקאוו זיך צוריקגעצויגען אין זיין שלאף־צימער, אום ניט צו הערען דעם ליארם און דעם יאמער אין הויף. דיעזער אלטער אריסטאקראטישער לומפ, וועלכער טראגט דעם נאמען פעלד־מארשאל, ווייל ער געהערט צו איינע פון דיא גרעסטע אדעל־פאמיליען אין לאנד, איז אין דער טהאט קיין מאל אין קריעג ניט געווען. יעצט, ווען עס איז געקומען דיא צייט פון א ווירקליכע געפאהר, האט זיך בעוויעזען זיין גאנצער נידעריגער כאראקטער פון א פייגלינג. בלייבענדיג אליין איז ער מיט פערצווייפלונג גע־פאלען אויף א שטוהל און האט זיך פאנאנדער געוויינט.

— דא איז מיין סוף, דא וועל איך צו גרונד געהן, האט ער גע'טענה'עט מיט זיך זעלבסט, אויב פוגאטשעוו זאל זיעגען און נעהמען דיא פעסטונג, דאן וועט ער מיך ערמארדען, און אויב עס זאל מיר יא געלינגען מיין לעבען צו רעטען, דאן וועל איך פערליערען מיינע גאלדענע און זילבערנע געשיר, מיינע פאמיליען־

בריליאנטען, וועלכע איך בין געוועזן אזוי נאריש מיטצונעהמען אהער פון פעטער־בורג. און אויב ניט פונאטשעוו, וועלען זיך צווישען דיעזע פערזאמעלטע ביר־גער געפינען הונדערטע גנבים. נייז, איך מוז זעהען צוערשט מיין אייגענטהום צו רעטען.

דאשקאָוו האָט אָבגעווישט דיא טהרערען פון זיין צוקאָרטשעטען געזיכט און אָנגעקלונגען. א דיענער איז אריינגעקומען און ער האָט איהם גלייך געהייסען רופען זיין אינטענדאנט. דיעזער לעצטער, א פראנצויז, מיט דעם נאָמען לענגרין, וועלכער האָט געפיהרט ביי דאשקאָוו'ן אלע זיינע פריוואט אנגעלעגענהייטען, איז באלד אריינגעקומען און דאשקאָוו האָט איהם געזאָגט:

— הערר אינטענדאנט, איהר ווייסט דאָך וואהרשיינליך, אז דער גרויסער רעבעל איז געקומען און ער וועט באלד בעלאַגערען דיא פעסטונג. איך מוז אלזאָ זעהן מיין אייגענטהום אין זיכערהייט צו ברענגען. מיינע פאמיליען־בריליאנטען און א גרויסע סומע אין געלד־פאפיערען, וועלכע זיינען איינגעשלאָסען אין אן אייזערנעם קאסטען, וואָלט איך וועלען וואָס שנעלער אוועקשיקען פון דיעזע פערפלוכטע שטאָדט, אָבער איך וויים ניט וואו נעהם איך א מאן וועמען דיעזע קאָסטבארקייטען אנצוטרויען און דאצו זאָל ער אים שטאנד זיין אונבעמערקט דורך דעם לאגער פון דיא בארבארען דורכצוקומען.

— איך זעלבסט וועל עס אונטערנעהמען, האָט לענגרין נאָך א קורצען טראכטען געענטפערט. נאטירליך וועל איך זיך פערקליידען, אז דיא רעבעלען זאָלען אויף מיר קיין פערדאכט ניט קענען האָבען. איך בעט נור מיר צו ערקלע־רען וואוהין זאָל איך דעם קאסטען ברייגגען.

דאשקאָוו איז א קורצע צייט ארומגעגאנגען איבער'ן צימער הין און צוריק זיך איבערלעגענדיג, וועמען ער זאָל פערטרויען, וועמען ער זאָל גלויבען. אפילו זיינע אייגענע קרובים האָט ער מורא געהאט צו גלויבען. עס איז א בעוואוסטע זאך, אז דער מענש וואָס איז אליין ניט עהרליך טרויעט אויך קיינעם אין דער וועלט ניט.

— אם בעסטען איז, האָט ער ענדליך זיך אָבגערופען, אז איהר זאָלט ברענ־גען מיינע בריליאנטען און מיין קאפיטאל אין דעם קלויסטער פון דיא פרומע נאָנען אין מאָסקווא. איך וועל אייך מיטגעבען א בריעף צו דער פאָרשטע־הערין פון קלויסטער און זיא וועט מיין אייגענטהום בעהאלטען ביז איך וועל צוריק קעהרען פון דיעזע פערדאמטע ווילדערנים. ביז דאן קענט איהר אויך פערבלייבען ווארטענדיג אויף מיר אין יענעם קלויסטער.

— האָט איהר נאָך אירגענד וועלכע בעפעהלע פאר מיר אָדער איך קען זיך שוין מאכען פערטיג צו דער רייזע?

— בעפעהלע? האָט דאשקאָוו געזאָגט טראכטענדיג וויא א צומישטער. אָה, יא. זאָגט מיר, זיינען אלע מיינע שקלאפען פון דיא ארומיגע געגענדען

צוריק געקומען קיין אָרענבורג? איהר פערשטעהט דאָך, אז יעדער שקלאף איז פאר מיר א גרויסע סומע געלד, און אויב זיי זאָלען ארייַנפאלען אין פוגאטשעוו'ס הענד, וואָלט עס פאר מיר געווען דער גרעסטער פערלוסט.

— דיא שקלאפען זיינען אלע צוריק געקומען. באלד וויא זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז דיא בונטאָווטשיקעס קומען, זיינען זיי פון זייער ארבייט אין דיא ארומיגע פעלדער און וועלדער אוועק און זיינען געקומען צולויפען צוריק קיין ארענבורג. בלויז דריי פעהלען, דיא דריי וואָס געפינען זיך אויף אייער קלייגער אימעניע אוראלנא.

— דיא פון אוראלנא פעהלען? האָט דער אלטער געשריען א פערציטערטער, וואָס הייסט? דאָרט געפינט זיך דאָרט מיין שקלאפין אָלגא.

דער אלטער טיראן האָט אזוי ערנידעריגט זיין אונגליקליכע פרוי, אז ער האָט זיא געמאכט פאר אן איינפאכע, נידעריגע שקלאפין און האָט אָנגעזאָגט אלע זיינע דיענער מען זאָל זיא בעהאנדלען ריכטיג וויא אלע אנדערע שקלאפען. צו גלייכער צייט אָבער האָט אין איהם געברענט דיא שטארקע ליידענשאפטליכע לוסט צו איהר. אָבער זיא האָט איהם פון זיך אָבגעשטויסען מיט עקעל און פעראכטונג. אין דער שטאָדט אָרענבורג האָט ער זיין ווילען ניט געקענט אויספיהרען און האָט אויך ניט געקענט אָנווענדען קיין געוואלד־טהאטען געגען איהר. דאריבער האָט ער זיא מיט איניגע וואָכען צוריק אָבגעשיקט אין זיין יאגד־פאלאסט אין אוראלנא. דיעזער פאלאסט האָט זיך געפונען וויים ארוים פון אָרענבורג, צווישען פעלדער, וועלדער און בערג און ער האָט געוואוסט, אז דאָרט וועט קיינער איהרע געשרייען ניט הערען און דאָרט וועט ער קענען דיא שעהנע אונגעטרייע פרוי אונטערוואַרפען צו זיין ווילען, אויב זיא וועט עס וועלען אָדער ניט. און גראדע אויף מאָרגען אבענד האָט ער זיך געקליבען אהין צו פאָהרען, אום זיין ברענענדען וואונש צו בעפריעדיגען.

— איך גלויב, הערר גובערנאטאָר, אז מעהר וועט איהר שוין ניט קענען זעהן דיא שקלאפין אָלגא, האָט לעגרין בעמערקט מיט אן ערנסטען טאָן. דיא ווילדע קאָזאקען ווייסען אויך וויא צו שעצען שעהנהייט און פוגאטשעוו, זאָגט מען, איז איבערהויפט א בעלן אויף שעהנע פרויען. ער האָט אפילו א כלה, זאָגט מען, איינע פון דיא שעהנסטע קאָזאקען מיידלאך, אָבער דאָס וועט איהם מסתמא ניט אָבהאלטען פון פערשאפען פאר זיך נאָך א שעהנע געליעבטע.

— אָה, ניין, דאָס וועט קיינמאָל ניט געשעהען! האָט דאשקאָוו געשריען צוקאָכט פון צאָרן. אָלגא איז מיינע, מיין פרוי, מיין שקלאפין. קיין אנדערער מאָר זיא ניט בעריהרען, לעגרין! איהר מוזט מיר געבען אן עצה וויא איך זאָל זיא צוריק בעקומען. פיעלייכט איז אוראלנא נאָך ניט אריינגעפאלען אין דיא הענד פון פיינד? איך וועל ארויסשיקען א גאנצע ארמעע סאָלדאטען. צוּ

טייפעל, לֿעגרין! פאר וואָס האָט איהר ניט בעזאָרגט אין דער צייט מיין אַלֿגא'ן פון דאָרט צוריקצוברענגען?

— איך זעלֿבסט האָב ערשט צוריק מיט א האלֿבע שטונדע ערפאהרען, אז דיא געפאהר איז אזוי גרויס געוואָרען, האָט זיך דער אינטענדאנט ענטשולֿדיגט, זאָנסט וואָלֿט איך געוויס געווען בעזאָרגט, מען זאָל זיא אהער בשלום ארי־בערברענגען.

אין דעם מאָמענט האָט מען אַנגעקלאַפּט אין טיהר. אויף דאשקאָוו'ס בע־פעהל האָט לֿעגרין דיא טיהר געעפענט און איז געבליבען שטעהן העכסט אי־בערראשט. ער האָט דערזעהן, אז דאָס איז געקומען איינער פון דיא צוויי שקלאַ־פען וואָס זיינען געווען מיט אַלֿגא'ן אין דעם שלאָס אוראַלנא.

דיעזער שקלאַף איז געווען א זעהר שעהנער יונגער מענש מיט א בלאַסע, טרויעריגע געזיכט. באלד נאָכדעם וויא דאשקאָוו איז אַנגעקומען קיין אָרענ־בורג, האָבען דיא סאָלדאטען דיעזען שעהנעם יונגען מאַן געכאַפּט צווישען דיא בערג, ווייל ער איז געווען געקליידעט וויא אַן ארעסטאַנט, אזוי אז ס'איז דער מינדעסטער צווייפעל ניט געווען, אז ער איז אַנטלאָפען פון געפענגניס. אָבער ווען מען האָט איהם דעם נעכסטען טאָג גענומען צום פערהער, איז ניט מעגליך געווען צו דערגעהן ווער ער איז, וויא ער הייסט און צו וועלכער נאַציאָן ער בע־לאַנגט. עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז דער אונגליקליכער איז א טויב־שטומער און ער האָט אויף קיין איינציגע פראַגע קיין ריכטיגען אנטוואָרט ניט געקענט געבען. זיין פערזענליכקייט איז דאריבער געבליבען אונענטדעקט. דאַן האָט איהם דאשקאָוו צוגענומען און אוועקגעשיקט נאָך אוראַלנא. זיי האָבען איהם א נאָמען געגעבען קאַלא, ניט ווויסענדיג וויא איהם אנדערש צו רופען.

קאַלא איז צוגעגאַנגען צום גובערנאטאָר און האָט איהם דערלאַנגט א בריעף, וועלכען דאשקאָוו האָט מיט דער גרעסטער אונגעדולד געכאַפּט, געעפענט און אָנגעפאַנגען לֿעזען.

* * *

אין דעם זעלֿבען פריהמאָרגען, ווען גאַנץ אָרענבורג איז אויפגעקאָכט גע־וואָרען פון דער אונערוואַרטעטער מהומה, האָט דער יאַגד שלאָס אוראַלנא גע־רוהט אין א מערקווירדיגע שטילקייט. דיא קליינע געביידע פון שלאָס איז גע־שטאַנען מיט איין זייט נאָהענט צו א פעלזען וואָס איז געווען הויך וויא דיא העכסטע וואַנד. ארום האָט זיך געצויגען א גרויסער גאָרטען, הויך־ארומגעצאַמט.

אין יענעם פריהמאָרגען איז אַלֿגא געווען אין גאָרטען און האָט פלייסיג געאַרבייט. דער טויב־שטומער קאַלא האָט איהר אין איהר ארבייט געהאָלפען. טראָץ דעם וואָס אַלֿגא האָט געטראָגען פראָסטע שקלאַפען־קליידער, דאָך האָט זיא געשיינט וויא דיא זון. וועהרענד זיא איז ארומגעגאַנגען און האָט בעגאָסען

דיא בלומען און קאָלא האָט זיך בעשעפטיגט מיט אויסקלייבען דיא שטיינדלאַך פון גאָרטען, האָט זיך מיט אמאָל דערהערט א שאָס פון וואלד.

—פערקינס קומט, האָט אָלגא צו זיך אליין געמורמעלט, דען צוזאמענגרע־דען זיך מיט'ן טויב־שטומען האָט זיא ניט געקענט. אַך, ענדליך, ענדליך! קיינמאָל האָב איך איהם ניט ערוואַרטעט מיט אזא אונגעדולד וויא היינט, וויל דיא ידיעה, אז פּוגאטשעוו מיט זיין באנדע קומט אָן, מאכט מיך שרעקליך אונרוהיג.

אין דעם זעלבען מאָמענט האָט זיך געהערט א צווייטער שאָס און באלד א דריטער, דאן איז ווידער שטיל געוואָרען.

— אַך, דאָס איז ניט פּערקינס אליין, האָט אָלגא אויסגערופען מיט גרויס שרעק. איך קען דעם קנאָל פון זיין ביקס און איך בין זיכער, אז דעם צווייטען מאָל האָט אן אנדערער געשאָסען. אָה, גאָט! ווער ווייסט — אָבער, דאָ איז ער, ער קומט!

אן עלטערער מאַן מיט א לאנגען גרויען באָרד האָט זיך בעוויעזען פון וואלד. זיין געשטאַלט איז געווען הויך און קרעפטיג, ער האָט אויסגעזעהן וויא אן אמת'ער ריעז און האָט געטראָגען דיא קליידער פון א שקלאַף.

פּערקינס איז א געבאָרענער פון ענגלאנד. פינף יאָהר האָט ער געשמאכ־טעט אין דיא בלייענע מינעס פון סיביר, וויל מען האָט איהם געכאַפּט ביי דער גרענעץ פון אלאַסקא אויף'ן רוסישען באָדען, וואו ער איז געשטאנען און האָט געשאָסען ווילדע טהיערע. דאָס איז לויט דיא רוסישע געזעצע געווען שטרענג פערבאָטען. שפּעטער האָט מען איהם בעגנאַדיגט מיט דער בעדינגונג ער זאָל בלייבען נאָך צעהן יאָהר אלס שקלאַף ביים גובערנאטאָר פון אָרענבורג.

פּערקינס האָט שנעל פערריגעלט דעם טהויער פון גאָרטען און צולויפענדיג האסטיג האָט ער אויסגערופען:

— שנעל אין הויז אריין! דיא געפאהר איז אפילו נאָך ניט נעבען אונזער טיהר, דאָך מוזען מיר זיין פאָרזיכטיג. קומט אריין שנעל אין הויז און איך וועל אייך דערצעהלען וואָס מיט מיר האָט יעצט פּאסירט.

אָלגא האָט א וואונק געגעבען דעם שטומען קאָלא און ווען זיי זיינען אלע דריי אריין אין הויז, האָט פּערקינס פערמאכט דיא טיהר מיט'ן שווערען אייזער־נעם ריגעל. דיעזער יאגד־שלאָס איז אין גאנצען בעשטאנען פון פיער צימערען. איין צימער איז געווען א סאַרט זאאַל. דיא ווענד זיינען געווען בעהאנגען מיט טהיערע פעל און יאגד אינסטרומענטען; דער צווייטער צימער איז געווען א פראכטפאָל־פערפוצטער שלאָף־צימער. פון דיא אנדערע צוויי צימערען איז איין צימער געווען דיא קיך, וואו אָלגא פלעגט שלאָפען אויף דער הילצער ערד, און דער צווייטער צימער איז געווען פאר פּערקינס און קאָלא.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין גרויסען צימער, האָט פּערקינס אוועקגע־

שטעלט זיין ביקס און האט ארויסגענומען פון יאגד־טאש צוויי געשאסענע וואלד־היהנער און אלגא האט דארויף גאר ניט געקוקט. זיא האט איהם אויפגעפא־דערט ער זאל וואס שנעלער דערצעהלען וואס מיט איהם האט פאסירט, ווער עס האט אויף איהם געשאסען.

— איינער וואס וועט עס שוין נאך אמאל ניט טהאן, האט דער אלטער יעגער געענטפערט גלייכגילטיג.

— מיינט איהר דאמיט צו זאגען, אז איהר האט א מענשען ערמארדעט? האט אלגא דערשראקען אויסגערופען.

— א מענשען? דיא פראגע איז וואס פערשטעהט איהר אונטער'ן ווארט "מענש"? ס'איז אמת, אז מיין געגנער איז געווען א בעשעפעניס מיט צוויי פיס און צוויי הענד, דאך קען מען איהם ניט רופען מענש. דאס איז געווען א ווילדע בעסטיע, א קאזאק. ער איז געזעסען אויף זיין פערד און עס האט זיך איהם רורכאוים געוואלט מיך אויף טויט דערשיסען. אבער איך האב עס פריהער גע־טהאן. דאס איז געווען איינער פון פוגאטשעוו'ס באנדע. דיא ידיעה וואס א פויער האט אונז געבראכט אהער געבראכט בעווייזט זיך אלס ריכטיגע זאך.

— וואס האט אייך געצוואונגען איהם צו טויטען?

— גאנץ איינפאך, ווייל איך האב זיך אנדערש ניט געקענט העלפען. קודם האב איך פראבירט פון איהם אנטלויפען, אבער אזא קונץ איז געווען שווער אויסצופיהרען. איך בין געווען צופוס און ער האט מיר נאכגעטאנצט אויף זיין פערד און געווארפען אויף מיר מיט זיין שפיעז. ער האט אפילו ניט געטראפען, אבער איך האב געזעהן, אז דער באנדיט ברענט פון רציחה, ער וויל מיך נור טויטען און איך האב קיין אנדער וועג געהאט וויא איהם צו טויטען. איך האב צוערשט אריינגעיאגט א קויל אין זיין פערד, וועלכער איז גלייך געפאלען צו דער ערד צוזאמען מיט'ן רייטער. דער ווילדער קאזאק האט זיך אבער אויפ־געכאפט און געשאסען אויף מיר. געטראפען האט ער דיעזען מאל אויך ניט. אבער דערמיט וואלט איך פון איהם ניט פטור געווארען און ברענגען איהם אלס גאסט אהער האב איך ניט־געוואלט, ס'איז מיר אלזא קיין אנדער ברירה ניט גע־בליבען וויא איהם מכבד צו זיין מיט א קויל. ער איז געפאלען דארט ניט ווייט פון זיין פערד.

אויף אלגא'ס טרויעריגע געזיכט האט זיך א שמייכעל בעוויעזען, אויף דער ארט און ווייזע וויא פערקינס דערצעהלט זיך אזוי גלייכגילטיג פון א מארד וואס ער האט בעגאנגען, ריכטיג וויא עס וואלט זיך האנדלען אום הרג'ענען א האהן.

— איך האב מורא אז מיר זיינען פערלארען, פערקינס, האט אלגא דאן געזאגט עטוואס ערשראקען.

— איך קען ניט זאגען, אז מיר זיינען פערלארען, האט פערקינס בעמערקט.

אויף אזוי ווייט גלויב איך ניט, אָבער אז מיר ווע̇לען זיך באלד בעקענען מיט פונאטשעוו׳ען און מיט זיין גאנצער באנדע איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט. איך וויים ניט וואָס ס׳איז גלייכער, מיר זאָלען פּראָבירען אנטלויפען קיין אָרענ־בורג אָדער דאָ פערבלייבען? וואָס זאָגסט דו, קאָלא?

מיט דיעזע ווערטער האָט ער זיך געווענדעט צום טויב־שטומען, וועלכער איז געשטאַנען און געקוקט, גראדע וויא דיא גאנצע זאך האָט גאָר מיט איהם ניט צו טהאָן.

— אָרימער מענש! האָט דער אלטער יעגער אויסגערופען, דו ווייסט גאָר ניט, אז עס גיעבט אויף דער וועלט א סטעפּען־טייפעל מיט׳ן נאָמען פּונאטשעוו, אָבער איך מוז עס דיר ערקלערען.

ער האָט דאביי צוגעפיהרט דעם טויב־שטומען צום טיש און האָט איהם אין קורצען אויפגעשריבען דיא גאנצע געשיכטע מיט א שטיק קרייד אויף׳ן טיש. דאן האָט ער געענדיגט מיט דער פראגע:

— זאָג מיר דיין מיינונג, קאָלא, זאָלען מיר אנטלויפען אָדער דאָ בלייבען?

קאָלא האָט גענומען דיא שטיק קרייד און האָט צוגעשריבען:

— איך בלייב דאָרט וואו דו און אָלגא ווע̇לען זיין.

דער אלטער יעגער האָט געריהרט קאָלא׳ס האנד געדריקט און האָט אויסגע־רופען:

— דו ביסט א בראווער מענש. אויף דיר קען מען זיך פערלאָזען אין נויט און טויט. יעצט זאָגט איהר, אָלגא, וואָס זאָלען מיר טהאָן?

דיא אונגליקליכע שעהנע פרוי איז א קורצע צייט געזעסען פערזונקען אין טרויעריגע מחשבות. דאן האָט זיא זיך אָבגערופען:

— מיין פריינד, איך דארף אייך ניט דערצעהלען. איהר ווייסט וויא איך האָב דעם אלטען טיראן. דיא צייט וואָס איך בין דאָ אין דעם איינזאמען יאגד־שלאָס האָב איך זיך געפיהלט זעהר גוט, ווייל איך האָב זיין אידיאָטישע, בייזע געזיכט ניט געזעהן און יעצט זאָל איך פרייוויליג קומען צוריק קיין אָרענבורג און זיך אליין איבערגעבען צום טייפעל אין דיא הענד? ניין, פריינד, דאָס וועל איך ניט טהאָן. איך וועל בעסער אריבערטראָגען דעם שרעקליכסטען טויט איידער צו זיין ווידער מיט איהם צוזאמען. אָבער אייך און קאָלא׳ן דארף דאָס פון דעסטוועגען ניט אָבהאלטען. געהט נאָך אָרענבורג, אום אייער לעבען צו רעטען און איך וועל דאָ בלייבען אליין.

— דאָס וועל איך ניט טהאָן, האָט פּערקינס געענטפערט מיט אן ערנסטען טאָן. וויא קענט איהר גאָר דענקען, אז איך וועל אייך דאָ לאָזען אליין? און וואָס אָנבעלאנגט דעם אלטען קניאז דאשקאָוו מוז איך צוגעבען, אז איהר האָט פאָלשטענדיג רעכט. איך האס איהם וויא דעם טויט און נור דערפאר וואָס ער בעהאנדעלט אייך אזוי טיראניש. אָבער גענוג וועגען דעם צו רעדען.

מיר האָבען נאָך א מאסע ארבייט. מיר מוזען זיך אין אונזער קליינע פעסטונג דאָ פערזיכערען אזוי שטארק וויא מעגליך. און דאָס מוז וויא אם שנעלסטען געטהאָן ווערען.

פערקינס האָט אָנגעצייגט קאָלא'ן אויף שטום-לשון אלעס וואָס זיי האָבען צו טהאָן און באלד האָבען זיי אריינגעשלעפּט פון הויף דיא גאנצע ברען-האָלץ און צוזאמען מיט'ן גאנצען מעבעל וואָס אין הויז האָט זיך געפונען האָבען זיי געמאכט ביי דער טיהר אזא שטארקע באריקאדע, אז מיט קיין מאכט אין דער וועלט איז ניט מעגליך געווען פון דרויסען דיא טיהר אויפצוברעכען. דאן האָבען זיי פערשלאָסען דיא לאָדען פון אלע פענסטער און האָבען אויסגעשניטען נור קליינע לעכער, פון וועלכע מען זאָל קענען ארויסשיסען אין דרויסען אויף'ן פיינד.

— און וואָס הערט זיך מיט אונזער פּראָוויאנט? האָט פערקינס געפרעגט ביי אָלגא'ן נאָכדעם וויא ער איז מיט זיין ארבייט פערטיג געוואָרען.

— אויף אייניגע טעג זיינען מיר פערזאָרגט, האָט זיא געענטפערט.

— זעהר גוט, יעצט קענען מיר גאנץ רוהיג אונזער מאָלצייט געניסען, ווייל דעם אמת זאָגענדיג בין איך זעהר הונגעריג.

אָלגא איז אוועק אין קיך און אין א קורצע צייט האָט זיא פערטיג געמאכט אַן אויסגעצייכענטען מאָלצייט. זיא האָט דאן אריינגערופען ביידע מענער צום געדעקטען טיש און זיי האָבען זיך געזעצט עסען מיט גרויס אפּעטיט.

נאָך'ן מאָלצייט האָט פערקינס אָנגעשטאָפּט און פעררויכערט זיין ליולקע און האָט געבעטען אָלגא'ן זיא זאָל זיצען און ער וועט איהר עפּעס דערצעהלען פון זיינע ערפאהרונגען.

— אונזער יעצטיגע לאגע ערינערט מיך פונקט אין אזא צופאל וואָס איך האָב געהאט אין דיא ווילדע סטעפּעס פון נאָרד אמעריקא. דאמאָלס האָבען מיך אויך אין א הויז בעלאגערט א גאנצע מחנה טייוואָלים. יענע זיינען געווען רויטע און זייערע קערפּער האָבען זיי נאָך העסליך אָבגעשמירט מיט פערשיעדענע פארבען. איך מיט צוויי יאנד-קאמעראדען האָבען דאן געהאט א שווערע שטיק ארבייט מיט דיא רויטע סיאו-אינדיאנער, אָבער מיר האָבען זיי בייגע-קומען. איך דענק, אז ווען איך האָב געקענט פערטיג ווערען מיט יענע ווילדע ברואים, וועל איך מיט פוגאטשעוו'ס באנדע אויך קענען פערטיג ווערען. אמת, דאן האָב איך מיט מיר געהאט צוויי טיכטיגע מענער וואָס האָבען פערשטאנען וויא מיט א ביקס אומצוגעהן, אָבער איך דענק, אז קאָלא וועט אויך וויסען וויא ריכטיג צו שיסען, ווען ער וועט קוקען אויף מיר און זעהן וויא איך ארבייט מיט דער ביקס. און וואָס אנבעלאנגט צו אייך, אָלגא —

— איך קען אויך גוט שיסען, האָט איהם אָלגא אונטערבראָכען, אָבער נור

מיט א רעוואָלווער. ס'איז אמאָל געווען א צייט, ווען איך האָב געקענט פון א גאנץ ווייטע שטרעקע ארויסשיסען א טויז פון א קאָרט.

— ווירקליך! האָט פערקינס אויסגערופען ערפרעהט. איך בין דאמיט זעהר צופריעדען, ווייל מיר דארפען און מוזען האָבען אייער ארבייט און אייער מוטה. אונזער לאגע איז נאָך אלעמען זעהר א געפעהרליכע. עס טהוט מיר נור לייד איהר און קאָלא. איהרביידע זיינט נאָך יונג און האָט נאָך א גאנצען לעבען פאר זיך. איך אָבער בין שוין א זקן, איך בין שוין באלד אלט זעכציג יאָהר און האָב זיך שוין גענוג אויף דער וועלט ארומגעטריבען. ווען ניט דער אונגליק וואָס האָט מיך מיט א יאָהר אכט צוריק געטראָפען, האָב איך אין אלגעמיין מיין לעבען זעהר גוט פערבראכט, אלס יעגער.

— וויא קומט עס אָבער וואָס איהר זייט אריינגעפאלען אין רוסישע געפאנגענשאפט?

— דאָס איז א קורצע, איינפאכע געשיכטע. אויף מיינע יאגד־רייזען דורך דיא ווילדע געגענדען פון נאָרד אמעריקא בין איך געקומען אין אלאסקא. איך האָב ניט געוואוסט אז איך בין אריבער דעם גרענעץ פון דיא פעראייניגטע שטאטען און געפין זיך שוין אויף רוסישע לאנד (ערשט אין 1867 האָט רוסלאנד פערקויפט אלאסקא צו אמעריקא). איך האָב לוסטיג ארומגעוואנדערט און האָב געשאָסען פערשיעדענע זעלטענע חיות און האָב אויפגעזאמעלט דיא טהייערסטע פעלצען וואָס זיינען ווערטה געווען א מאסע גאָלד. פלוצים האָבען מיך ארומגערינגעלט א צוואנציג ווילדע ברואים אין גרויסע פעלצענע היטלען. דאָס זיינען געווען רוסישע קאָזאקען, וועלכע איך האָב נאָך ביז דאן זייט מיין לעבען ניט געזעהן. זיי זיינען מיך בעפאלען, האָבען מיך געבונדען און אוועקגעשלעפט אין טיעף רוסלאנד.

„מען האָט מיך געבראכט ערגיץ אין א שטאָדט אין סיביר, דעם נאָמען געדענק איך שוין ניט, און מען האָט מיך אריינגעוואָרפען אין א שמוציגע, עקעלהאפטע געפענגניס, וואו איך בין אָבגעלעגען גאנצע אכט וואָכען.

— איהר קענט זיך פאָרשטעלען, ליעבע אָלגא, האָט דער אלטער פאָרטגעזעצט, וויא ערביטערט און אויפגערעגט דאָס האָט מיך געמאכט. איך האָב איבערהויפט ניט פערשטאנען פאר וואָס מען האָט מיך ארעטירט. דיא פערדאמטע רוסישע שפראך האָב איך ניט פערשטאנען, אפילו א וואָרט ניט. ענדליך האָט מען מיך געבראכט צו א ריכטער. דאָרט האָב איך שוין געהאט א דאָלמעטשער און איך האָב דורך איהם פערלאנגט מען זאָל וועגען מיין ארעסט מעלדען דעם ענגלישען געזאנדטען און צו גלייכער צייט זאָל מען מיר ערקלעהרען פאר וואָס מען האָט מיך ארעטירט.

„ווען מען האָט מיר ערקלערט, אז דאָס אלעס איז בלויז דערפאר וואָס איך האָב געשאָסען ווילדע טהיערע אויף רוסישע לאנד, בין איך ערשטוינט גע־

ווארען. איך בין דאן אזוי ווילד אויפגעקאכט געווארען, אז איך האב נעכאפט א שטוהל און האב גע'הרג'עט, געשלאגען דעם ריכטער, דעם דאלמעטשער און דיא גאנצע פאליציי וואס זיינען ארום מיר געווען.

"מען האט מיך דערפאר גלייך געשמידט אין קייטען און אין א וואך ארום האט מען מיך פערשיקט אויף קאטארזשנע ארבייט אין א בליי־מינע נים ווייט פון קראסנאיארסק. וואס איך האב דארט אויסגעליטען איז אונמעגליך צו שיל־דערן. פינף יאהר האב איך דארט פערבראכט אין א לעבען וואס איז טויזענד מאל ערגער וויא דער טויט. איך בין גאנצע פינף יאהר געווען לעבעדיג בע־גראבען אונטער דער ערד.

"נאך דיא פינף יאהר קאטארזשנע ארבייט האט מען מיך אוועקגעשיקט איך זאל צעהן יאהר דיענען אלס א שקלאף ביי'ם קאמאנדאנט פון ארענבורגער פעסטונג. איך בין שוין דא אן ערך פון דריי יאהר פאוואליע. דער פאריגער קאמאנדאנט איז געווען א מילדער און זעהר א גוטהערציגער מאן. ער האט מיך באלד אבגעשיקט נאך אוראלנא און דא האב איך אמת'ע פערגניגען, ווייל דיא ארומיגע גרויסע וועלדער זיינען אן אמת'ער פאראדיז פאר א גוטען יעגער.

"מיט פינף מאנאטען צוריק, ווען דער נייער קאמאנדאנט קניאז דאשקאוו איז אנגעקומען, האב איך באלד איינגעזעהן, אז ער איז א פערדארבענער מענש. דעם אמת זאגענדיג האט ער מיך אפילו נים אזוי ברוטאליש בעהאנדעלט וויא ער האט בעהאנדעלט אנדערע, ווייל ער גלייכט זעהר דיא טהייערע פעלצען פון דיא חיות וואס איך שיס אזוי פיעל, אגב ברענגט עס איהם טאקע איין א מאסע געלד אויך, ער נעהמט פאר דיא פעלצען שווערע געלד ביי דיא סוחרים פון רויכווארג.

"ענדליך האט מען אייך אהער געבראכט, ליעבע אלגא, און ווען איך האב געזעהן וויא ער בעהאנדעלט אייך בין איך איהם געווארען א דם שונא. ביי מיר איז שוין געווען רעכט א פאר מאל צו כאפען מיין ביקס און איהם ארייניאגען א קויל אין מוח.

מיט אמאל איז פערקינס שטיל געבליבען. א שרעקליכער גערויש וויא פון גאנצע מחנות טייוואלים האט פלוצים פערהילכט דיא גאנצע לופט ארום דעם יאגד־שלאס. פערקינס איז געבליבען זיצען מיט אן אפענע מויל און אלגא איז אויפגעשפרונגען אין גרויס שרעק.

— זיי זיינען דא! האט דער אלטער יעגער געלאסען אויסגעשפראכען. פונאטשעוו און זיינע טייוואלים האבען אונזער הויז בעמערקט.

— דאן זאל אויף אונז גאט רחמנות האבען, האט דיא שעהנע אלגא גע־שטאמעלט.

עס האט אויסגעזעהן וויא דער גאנצער וואלד וואלט פלוצים אויפגעצי־

טערם. דאָס טופּען פון מאסען פערד, דאָס שרייען פון טויזענדע שטימען האָט די גאנצע לופט פערקלונגען און די דריי פערזאָן אין הויז האָבען געפיהלט, אז אין דרויסען קוממט עטוואָס שרעקליכעס פאָר.

פּערקינס איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האָט דורך די קליינע אויס־געשניטענע לעכער בעטראכט וואָס אין דרויסען טהוט זיך.

"וויא די היישעריקען זיינען זיי דאָ", האָט ער וויא צו זיך אליין גערעדט, אָבער אָלגא האָט גוט געהערט וואָס ער זאָגט. "אָרענבורג איז פערלאָרען, איבער־הויפּט ווען אזא טויגעניכטס וויא דאשקאָוו איז דאָרט קאָמאנדיר".

דאן האָט ער זיך געווענדעט צו אָלגא'ן

— איך דענק, אז דיעזע גאנצע ארמעע טייוואָלים וועלען זיך דאָ ניט אָב־שטעלען אום אן איינציגע הייזקע צו אטאקירען און בערויבען. זיי וועלען וואהרשיינליך אלע אוועק ווייטער און דאָ וועט זיך בלויז אָבשטעלען א קליינע אבטהיילונג.

און אזוי איז טאקע געווען. די גרויסע מחנה רעבעלען האָט גלייך אוועק־מארשירט ווייטער, בלויז א הונדערט קאָזאקען זיינען דאָ פערבליבען.

אין איינציגע סעקונדען ארום האָט א שטארקער קולאק אָנגעהויבען קלאפּען אין לאָדען פון א פענסטער און א גראָבע שטימע האָט בעפוילען מען זאָל די טיהר עפענען.

— וואָס דארפט איהר דאָ ? ווער זייט איהר ? און מיט וואָס פיר א רעכט פערלאנגט איהר מען זאָל אייך אריינלאָזען ?

— מיר וועלען אייך באלד וויזען ווער מיר זיינען און וואָס פיר א רעכט מיר האָבען, האָט דער קאָזאק פון דרויסען געענטפערט. מיר זיינען די אונ־טערטהאנען פון צאר פעטער, וואָס איז געקומען זיין לאנד צוריק אָבנעהמען, און ווער עס וויל ניט שווערען צו איהם דער מוז שטארבען !

— מיר קימערן זיך ניט וועגען אייער צאר, האָט זיך דער יעגער אָבגערופען. אין דיעזען הויז וואָהנען נור אויסלענדער און פאר אונז איז קיין אונטערשיעד ווער עס הערשט אין רוסלאנד, אויב א נייער צאר אָדער די קייזערין.

— אָבער דעם נייעם צאר מוזט איהר דאָך אנערקענען און אלס בעוויז עפענט די הויז און גיט אונז אוועק אלעס וואָס איהר פארמאָגט.

— וויא באלד אזוי, זיינט איהר דאָך ניט קיין סאָלדאטען, נור רויבער. פון וואָס וועלען מיר לעבען ווען מיר וועלען אייך אָבגעבען אונזער פּראָוויאנט און אלעס וואָס מיר פערמאָגען ?

— פערמאָגען ! האָט דער ווילדער קאָזאק געשריען. יעצט דארף קיינער ניט האָבען קיין בעזאָנדער פערמעגען. עס גיעבט מעהר קיין רייך און קיין אָרים, קיין פירסט און קיין בויער. אלעס געהערט צום צאר און אלע זיינען גלייך. יעדער עס וויל דיעזען בעפעהל ניט פאָלגען, דער מוז שטארבען.

— שטארבען! האט פערקינס אויסגערופען מיט א שרעקליכען פערדרוס, דאמיט זאלסט דו דעם אנפאנג מאכען, פערדאמטער קאזאק.

פערקינס האט אויסגעשטעלט זיין ביקס און האט זיך נאך פון דעסטוועגען צוריקגעהאלטען און האט נים געוואלט זיין דער ערשטער צו שיסען און בלוט פערגיסען, אָבער באלד האבען דיא קאזאקען אנגעפאנגען צו שטורמען דיא הויז און ער האט איינגעזעהן, אז יעצט איז דיא ריכטיגע געפאהר געקומען.

— שיסט! האט פערקינס קאמאנדירט צו זיין ארמעע וואס איז בעשטא־נען פון צוויי פערזאָן — אלגא און קאלא, וועלכע זיינען געשטאנען ביי דיא אנדערע צוויי פענסטער.

דער טויב־שטומער קאלא האט פערשטאנען דעם וואונק און באלד האבען אלע דריי מיט אמאל אויסגעשאסען און דריי קאזאקען זיינען געפאלען טויט.

— אויסגעצייכענט, האט פערקינס אויסגערופען, איך גיב אייך מיין קאמפ־לימענט, אלגא, ס'איז א זעלטענהייט צו זעהן א פרוי וואס קען אזוי גוט שיסען און טרעפען אין ציעל וויא איהר, אָבער לאמיר שנעל ווידער אנלאדען אונזער געוועהר. יעצט פאנגט זיך אן דער ריכטיגער שטורם.

דיא קאזאקען האבען דאן בעפאלען דיא טיהר מיט העק און האבען פראבירט זיא אויפצוברעכען, אָבער אויך דארט זיינען געווען פארבערייטעט לעכער צום שיסען אין דרויסען ארוים. דיא בעלאגערטע האבען ווידער אויסגעשאסען און נאך דריי קאזאקען זיינען געפאלען. דיא טיהר אָבער וואס איז פון אינוועניג געווען פערבאריקאדירט מיט א מאסע האלץ איז געווען אונמעגליך אויפצור־רייסען.

ווען דיא קאזאקען האבען געזעהן, אז זיי האבען דא א צו שווערע שטיק ארבייט, פערבונדען מיט אזוי פיעל געפאהר, האבען זיי זיך צוריקגעצויגען אויף אזוי ווייט, אז דיא קוילען פון דיא בעלאגערטע זאלען זיי נים קענען טרעפען, און דארט האבען זיי זיך אבגעשטעלט און האבען צווישען זיך א קורצע בערא־טהונג אבגעהאלטען.

אין א פאר מינוטען ארום, ווען דיא בעראטהונג האט זיך געענדיגט, איז א גרויסע טהייל פון דיא קאזאקען אוועק אין וואלד און זיינען באלד צוריקגעקור־מען. יעדער קאזאק האט אויף זיך געטראגען א בינטעל טרוקענע שטעקלעך צוזאמענגעבונדען מיט פערדארטע גראזען.

— יעצט זיינען מיר אויף גרויסע צרות! דיא קאזאקען מאכען עס ריכ־טיג וויא דיאווילדע אינדיאנער, האט פערקינס אויסגערופען. זיי ווילען אונז אויסרויכערען.

— וואס ווילען זיי? האט אלגא געפרעגט, זיא האט נים פערשטאנען וואס ער מיינט מיט'ןווארט "אויסרויכערען".

— זיי ווילען אנצינדען דעם דאך פון הויז. זיי וועלען אנצינדען דיא

בינטלאך האָלץ און וועלען זיי ארויפוואַרפען אויף'ן דאך. אונז בלייבט דאן בלויז איין ברירה: ענטוועדער זיך איבערצוגעבען אין זייערע הענד אָדער אומ־צוקומען אין דיא פלאַמען.

— בעסער פערברענט ווערען, האָט אָלגא געזאָגט מיט א פעסטען בעשלוס. דער שרעקליכסטער טויט איז ניט אזוי שווער וויא דיא עהרע צו פערלירען.

דיא בעלאַגערטע האָבען דאן געזעהן וויא אן ערך פון דרייסיג קאָזאַקען זיינען לאנגזאם און פאָרזיכטיג צוגעריטען צום הויז און יעדער איינער פון זיי האָט א שליידער געטהאָן אויף'ן דאך זיין פיקע צו וועלכער ס'איז געווען צוגע־בונדען א ברענענדע בינטעל האָלץ. דיא קאָזאַקען זיינען דאן מיט א געלעכטער אוועק צו זייערע קאַמעראַדען.

דיא ברענענדע פיקעס זיינען געבליבען שטעקען אין דיא שינדלען פון דאך. עס האָט ניט לאנג געדויערט און דיא איינגעשלאָסענע אין הויז האָבען אָנגעפאַנ־גען פיהלען דעם פייער־גערוך. באלד האָט א גרויסער שטיקעדיגער רויך אָנגע־פאנגען אין דיא צימערען אריינצודרינגען און דאָס הויז איז פול געוואָרען וויא מיט א טומאַן וואָס איז אלע מאָל געוואָרען מעהר און מעהר געדיכטער.

— קענען מיר דען גאָר ניט טהאָן אום דיא פלאַמען צו לעשען? האָט אָלגא געפרעגט, מיר האָבען דאָך אין הויז גענוג וואסער.

— דאָס קענען מיר ניט טהאָן, האָט פערקינס געענטפערט. אום צו לעשען דאָס פייער מוז דאך ווער פון אונז ארויפגעהן אויף'ן דאך, און נאָך איידער מיר וועלען אויספייען אן עמער וואסער ארויפגיסען אויף דיא פלאַמען וועלען אונז דיא קאָזאַקען דערשיסען. ס'איז שלעכט, אָלגא, יעצט איז געקומען דיא רעכטע געדיכטע. מיר מוזען זיך פערטיג מאכען צום שטארבען.

דאביי האָט זיך דער אלטער גאַנץ רוהיג אוועקגעזעצט און פערדויכערט זיין ליולקע, אָלגא האָט אויך אָנגעווענדעט אלע איהרע קרעפטע צו זיין רוהיג און קוקען דעם מלאך המות גלייך אין דיא אויגען.

אין דיעזען שרעקליכען מאָמענט פון העכסטע געפאהר האָט זיך מיט אמאָל אָלגא'ן אָנגעפאַנגען פאָרשטעלען אין דיא געדאַנקען איהר גאַנצע פערגאַנגענ־הייט. זיא האָט זיך דערמאָנט אין דעם מאַן, וועלכען זיא האָט נאָך אימער טריי געליעבט. פאַר איהרע אויגען האָט דורכגעשוועבט יענע טרויעריגע בילד וויא זיא האָט איהם ביים לעצטען מאָל געזעהן, ווען מען האָט שוין געמאכט פאָרבע־רייטונגען איהם אוועקצושיקען קיין סיביר אויף קאַטאָרזשנע ארבייט.

— ס'איז זעהר מעגליך, האָט זיא צו זיך אליין געמורמעלט, אז אונטער'ן שווערען יאָך פון דער קאַטאָרגע איז ער שוין לאנג געפאלען טויט. וויא קומט אזא מין אדעלמאַן צו האקען שטיינער און נאָך דאביי זיין אימער געשמידט אין קייטען? ער איז שוין זיכער טויט.

מיט אמאָל איז אָלגא אויפגעשפרונגען און האָט בעדעקט איהר שעהנע גע־

זיכט מיטביידע הענד. איהר גאנצער קערפער האט געציטערט וויא פון א פיע־בער און מיט א געבראָכענע שטימע האט זיא אויסגערופען:

— ניין, ניין, איך טאר ניט שטארבען! אָה, פערקינס, איך האב א קינד, איך בין א מוטער, איך מוז זעהן וויא וויט מעגליך צו לעבען פאר מיין טאָכטער.

דער אלטער יענגער האט מיט אָלגא'ן שטארק מיטלייד געהאט. ער איז געוועזען בערייט מיט זיין לעבען איהר צו העלפען. אָבער וואָס האט ער פאר איהר געקענט טהאָן? דאָ איז שוין דער רויך געוואָרען אזוי געדיכט, אז ס'איז געוועזען אונמעגליך צו אטהעמען. איבער זיך האָבען זיי געהערט וויא דיא פלאמען האָבען געשטורעמט און דער פייער האט געקנאקט, און אָט האָבען שוין דיא פלאמען וויא שלאנגען אָנגעפאנגען ארויסצוקריכען פון דיא באלקענס.

— שטארבען! שטארבען! האט דיא אונגליקליכע געשריען. מיין עופ'עלע וועט קיינמאָל ניט וויסען וואָס א מוטער איז. פערקינס, פערקינס, רעטעט מיך פיר מיין קינד!

מיט א ווילדע פערצווייפלונג האט זיא אָנגעכאפט דיא הענד פון דעם אלטען יענגער, וועלכער איז געשטאנען וויא א צומישטער און האט ניט געוואוסט וואָס איהר צו ענטפערן און וויא זיא צו טרייסטען.

פלוצים האט זיך דערהערט א פערשטיקטע שטימע דורך'ן געדיכטען רויך:

— דו וועסט לעבען, אָלגא. דיין קינד זאָל איהר מוטער ניט פערלירען!

אָלגא און פערקינס זיינען געבליבען שטעהן וויא סטאטועז פון גרויס אי־בערראשונג. דער יעניגער וואָס האט דיעזע ווערטער אויסגעשפּראָכען איז געוועזען קיין אנדערער וויא קאָלא, דער יונגער מאן, וואָס איז ביז יעצט געוועזען א טויב־שטומער. ביידע האָבען זיי אויסגעשטעלט דיא אויגען וויא זיי וואָלטען ניט קענען בעגרייפען וואָס איז דאָ מיט איהם פארגעקומען. באלד איז פערקינס צו איהם צוגעלאָפען און האט אויסגערופען:

— קאָלא! דו רעדסט? דו הערסט? גוטער יונג! אָה, וואָס פיר א פרייד איז דאָס גראדע אין אונזערע לעצטע מינוטען!

אויך אָלגא איז צו איהם צוגעלאָפען און האט איהם געדריקט דיא הענד. רעדען האט זיא נאָך פון איבערראשונג ניט געקענט.

— ביסט א פראכטפאָלער אקטיאָר, האט פערקינס אויסגערופען. פינף חדשים צו שפּיעלען אזא ראָלע איז א קונסט — דאָס דארף מען קענען. אָבער זאָג מיר, קאָלא, וואָס האט דיך געצוואונגען דיעזע ראָלע צו שפּיעלען? וואָס האסט דו זיך געדארפט מאכען טויב און שטום איבערהויפט נאָך פאר אונז, דיינע בעסטע פריינד?

— דאָס אלעס וועל איך אייך שפּעטער ערקלערען, האט דער יונגער מאַן געענטפערט, אין דיעזער מינוט טאָרען מיר קיין צייט ניט פערלירען. יעדע

סעקונדע קען דאַ דיא ברענענדע הויז אויף אונז איינפאַלען. מיר מוזען זעהן זיך באַלד צו רעטען.

— רעטען! ? האָט פּערקינס געפרעגט מיט א מינע פון אונגלויבליכקייט. אויב דו ביסט ניט קיין כשוף־מאַכער, זעה איך ניט איין וויא מיר קענען זיך דאָ רעטען. דאָס הויז איז ארומגערינגעלט און ביים ערשטען פערזוך צו אנטלויפען וועלען אונז הונדערטע קוילען דורכלעכערען. אויב מיר וועלען ניט שטאַרבען דאָ, וועלען מיר שטאַרבען אין דרויסען.

— יא, מיר זיינען בעלאַגערט, אָבער נור פון דריי זייטען, דיא פיערטע זייט פון הויז איז דאָך פריי.

— דו מיינסט דיא פעלזען־וואַנד וואָס איז אזוי אונגעהייער הויך? דאָס איז אָבער גאַנץ אונמעגליך. ניין, קאַלא, וועגען אזא זאַך איז ניטאָ וואָס צו דענקען. איבערהויפּט נאָך א פרוי, אַלגא — וויא וועט זיא קענען ארויפקלע־טערן אויף אזא גלאַטע הויכע וואַנד?

— קומט נור מיט מיר, פריינדע, וועט איהר זעהען וויא מיר אלע וועלען זיך רעטען.

זיי זיינען איהם נאָכגעגאַנגען אין קיך־צימער, וואו דער פייער פון דאָך האָט נאָך ניט דורכגעדרונגען. דאָרט האָט קאַלא געבעטען פּערקינס'ען ער זאָל איהם העלפען אָברוקען דעם גרויסען קיך־שראַנק און אַלגא האָט אויסגעשריען איבערראַשט:

— נאָט, מיר זיינען געראַטעט!

זיא האָט דערזעהן הינטער'ן שראַנק, אז אין וואַנד געפינט זיך אן עפענונג פון א פענסטער וואָס איז געוועזען פערשלאָגען מיט ברעטלאַך. דיעזער פענסטער האָט געפיהרט דירעקט צו דער פעלזען־וואַנד. פון פענסטער צו דער וואַנד איז געוועזען א שטח פון דריי פוס.

— אמת, מיר האָבען אן עפענונג צו אנטלויפען, האָט פּערקינס בעמערקט, דאָך זעה איך נאָך אַלץ ניט וויא וועלען מיר קענען אויף דיעזען געוואַלטיגען פעלזען ארויפקלעטערען?

צווישען דעם הויז און דער שטיינערנער וואַנד האָבען געוואַקסען געדיכטע בוימער. איינצעלנע בוימעלאַך זיינען פון דער נאַטור געוועזען איינגעפלאַנצט אויף דער שטיינערנער וואַנד, כמעט ביז ארויף. קאַלא איז ארויסגעשפּרונגען דורך'ן פענסטער און האָט ארויסגעשלעפּט א צוזאַמענגעלייגטען לייטער, וועל־כען אַלגא און פּערקינס האָבען בעטראַכט מיט גרויס ערשטוינען.

— דו ביסט א וואונדער מענש! האָט פּערקינס אויסגערופען און האָט קאַלא'ן אַזש געקושט פון פרייד. זאָג מיר, וויא קומסט דו צו אזא לייטער?

— איך האָב איהם אליין געמאַכט אין מיינע פרייע שטונדען, ווען איך האָב

ניט געהאט וואָס צו טהאָן. ערשט מיט א פּאָר טעג צוריק האָב איך דיא אר־בייט געענדיגט.

— וויא קומט דיר גאָר איינפאלען צו מאכען א לייטער? צו וואָס פיר א צוועק?

— דאָס האָב איך פאָרבערייטעט אויף יעדען צופאל, וואָס מיר וואָלט פּיעלייכט פאָרקומען פון דאנען צו אנטלויפען. איך האָב געוואָלט דעם אלטען באנדיט, דעם קניאז דאשקאָוו ערמאָרדען, דערפאר וואָס ער איז אזוי אונ־ערבארמליך צו אָלגאַ'ן.

אָלגא איז ערשטוינט געוואָרען הערענדיג דיעזע ווערטער. אין דעם זעלבען מאָמענט איז קאָלא אנידערגעפאלען פאר איהר אויף דיא קניע און האָט אויס־גערופען:

— קיינער זאָל זיך ניט אונטערשטעהן דיך צו בעליידיגען! אָה, דיעזער ניעדערטרעכטיגער קניאז! ער האָט עס געוואגט דיך פיר זיין שקלאפין צו מאכען! אין מיין געגענווארט האָט ער דיך געזידעלט און געשלאָגען — איך וועל פון איהם פיר אלעם ראכע נעהמען! איך האָב נאָך מיט איהם אויך אנדערע רעכנונגען.

דאן האָט ער געצוואונגען אָלגאַ'ן זיא זאָל שנעל ארויסגעהן דורך'ן פענ־סטער און צייגענדיג אויף'ן לייטער, האָט ער געזאָגט:

— איהר זעהט, דער לייטער דערגרייכט ביז ארויף. פון דער זייט איז דאָס הויז ניט בעוואכט און דיא קאָזאקען וועלען אונז ניט בעמערקען צווישען דיא בוימער. יעדענפאלס וועלען זיי ערשט אונז קענען זעהן ווען מיר וועלען זיין העכער איבער'ן הויז. געה דו, אָלגא, צוערשט ארויף, פערקינס זאָל דיר נאָכגעהן און איך וועל זיין דער לעצטער זיך צו רעטען. ביז דיא קאָזאקען וועלען זיך ארומזעהן וועט איהר שוין זיין פון אויבען און איך וועל נעהמען אויף זיך דיא גרעסטע טהייל פון געפאהר.

פערקינס האָט אויף זיך שנעל אָנגעטהאָן דעם רימען מיט זיין ביקס און האָט אויסגערופען:

— נו, אָלגא! ריהרט זיך שנעלער. וואָס טראכט איהר? וואָס ווארט איהר נאָך? פאנגט אָן ארויפצוגעהן!

— איך קען עס ניט, האָט זיא געענטפערט און איז רויט געוואָרען, איך וויל דיא ערשטע ניט געהן.

זאָגאר פערקינס האָט ענדליך פערשטאנען דעם פרויען געפיהל פון אנ־שטענדיגקייט, זיא האָט דאָך ווירקליך ניט געקענט ארויפגעהן ווערהענד מענער קלעטערען איהר נאָך.

— אָט אזועלכע זאכען קומען פאָר, ווען מען פאנגט זיך אָן מיט ווייבער, האָט דער אלטער געזאָגט מיט א געלעכטער, אָבער זיא האָט דאָך רעכט. אלזאָ,

ארויף, קאַלא, דער ערשטער. איך וועל דיר נאָכגעהן און צולעצט זאָל קומען אונזער שעהנע פריינדין.

קאַלא האָט דארויף איינגעשטימט און אלע דריי האָבען אין דיעזע אָרדנונג אָנגעפאנגען ארויפצושטייגען. דער אלטער יעגער האָט געציינט א ביישפּיעל פון מוטה און געשיקטליכקייט, אזוי אז באלד איז ווירקליך זיי אלע דריי געלונגען ארויפצוקומען אזוי הויך, אז זיי זאָלען ניט דארפען מעהר מורא האָבען פאר דיא פלאמען, וואָס האָבען זיך שוין פערשפּרייט איבער׳ן גאנצען דאך.

— שנעלער, שנעלער! האָט פּערקינס גערופען פון אויבען צו זיינע נאָכפאָלגער. דער רויך קומט אונז יעצט זעהר גוט צונוץ. מיר זיינען אין איהם איינגעהילט וויא אין א וואָלקען, און דיא טייוואָלים קענען אונז פאַרלויפיג ניט בעמערקען.

זיי זיינען אזוי ארויפגעקומען ביז׳ן מיטען לייטער. אָבער דאָ האָט אַלגא פּלוצים אָנגעהויבען פיהלען אזוי שוואך אז זיא האָט זיך געמוזט אָבשטעלען. זיא האָט מעהר קיין קרעפטען געהאט צו קלעטערען.

דיא מענער פון אויבען האָבען זיך ארומגעקוקט און האָבען אויך געוואָלט בלייבען שטעהן, אָבער זיא האָט צו זיי געשריען:

— געהט וויטער, איך וועל מיך אביסעלע אָברוהען און נאָכקומען.

פּערקינס און קאַלא האָבען אזוי געטהאָן און זיי זיינען שוין ארויף אויבען אויף׳ן בארג, ווערהענד אַלגא איז נאך אלץ געשטאנען אויף׳ן זעלבען פּלאַץ וואו זיא האָט זיך אָבגעשטעלט.

מיט אמאָל האָט זיך דערהערט א שאָס און א קויל איז פאַרביינעפלויגען גראדע נעבען אַלגא׳ס געזיכט.

— גרויסער גאָט! האָט קאַלא אויסגעשריען פון אויבען א פערציטערטער, דיא קאָזאקען האָבען אונז בעמערקט. דאָרט פערזאמלען זיי זיך, זיי קומען נעהענטער.

באלד האָבען פינף ביקסען אויסגעשאָסען און דיא ביידע פריינד האָבען דאָרט אויבען געזעהן מיט א טויטליכען שרעק, אז אַלגא פאנגט אָן צו פאלען. נאָר זיא האלט זיך אָן פעסט מיט דער רעכטער האנד. דיא לינקע איז לייכט פערוואונדעט געוואָרען.

— ראטעוועט זיך, קוקט ניט אויף מיר! האָט דיא אָרימע אַלגא געשריען צו איהרע פריינדע. גוטער פּערקינס, ליעבער קאַלא, אנטלויפט, פערגעסט אין מיר. אָה, גאָט! מיין קינד — מיין קינד!

א וואונדערבארע סצענע האָט זיך יעצט אָבגעשפּיעלט. צו דיא קאָזאקען וואָס זיינען שוין צוגעקומען אונטען צום פעלזען און האָבען געוואָלט ארונטערדייסען דעם לייטער צוזאמען מיט אַלגא׳ן, איז שנעל צוגעריטען זייער אָנפיהרער. אויף זיין בלאסען געזיכט איז ניט געוועזן קיין צייכען פון דיא סטעפּ ווילדקייט

וואס יעדער קאזאק בעזיצט. אבער ער האט געטראגען א מונדיר פון א קאזאקען־אפיציער און אויך זייערע וואפען. ארויסכאפענדיג זיין קרומען שווערד האט ער אויסגעשריען מיט א דונערשטימע:

— צוריק! וועה וועט זיין דעם יעניגען, וואס וועט זיך וואגען דעם לייטער א ריהר צו טהאן, אדער מעהר צו שיסען!! איך אליין וועל פון דארט דיא פרוי ארונטערנעהמען.

דיא ווילדע קאזאקען האבען זיך בייז צוריקגעצויגען.

— יא, ס'איז זיא! איך האב איהר שטימע דערקענט, האט ער מיט אמאל אויסגערופען וויא משוגע פון איבערראשונג. אלגא, געליעבטע, איך וועל דיך רעטען!

און שנעל וויא א בליץ איז ער אראבגעשפרונגען פון זיין הויכען שווארצען פערד און האט אנגעפאנגען האסטיג ארויפצושטייגען דעם לייטער. צו דער־זעלבער צייט האבען קאלא און פערקינס דארט אויבען בעטראכט דיעזע סצענע און האבען געגלויבט, אז דער קאזאקען־אפיציער וויל וואהרשיינליך נעהמען אלגא'ן געפאנגען. אבער שיסען האבען זיי מורא געהאט טאמער וועט דיא קויל טרעפען אלגא'ן. קאלא האט זיך דאריבער ענטשלאסען צוריק אראבצוגעהן, און עס מעג זיך זיין וואס עס וויל, ער מוז אלגא'ן בעשיצען פון איהרע אנ־גרייפער.

אלגא האט זיך שוין קוים געקענט אויף דיא פיס איינהאלטען. וויא באלד זיא האט דערהערט דעם ערשטען געשריי פון'ם קאזאקען־אפיציער, האט זיא גלייך דיא שטימע דערקענט.

— ניקאלאי, געליעבטער, דו ביסט עס? האט זיא אויסגערופען א פער־ציטערטע פון פרייד. אה, גאט, גיב מיר קרעפטען אזוי לאנג נאך אויסצוהאל־טען ביז איך וועל איהם ווידער זעהן. ניקאלאי, קום שנעלער, שנעלער —

מיט שטורמדיגע טריט איז מיראוויטש געשפרונגען אויף'ן לייטער און אט איז ער שוין געווען נאהענט ביי זיין געליעבטע. קאלא פון אויבען איז אבער נאך ווייט געווען און אויס מורא פיעלייכט וועט ער פערשפעטיגען זיא צו רעטען פון'ם קאזאקען־אפיציער'ס הענד האט ער אנגעהויבען שרייען צו פערקינס'ען ארויף:

— שיס, פערקינס, ווען דו זאלסט איהר אפילו טרעפען וועט זיא אויך זיין בעסער צופריעדען מיט'ן טויט וויא ארייננצופאלען אין דיא הענד פון דיזען וויל־דען באנדיט.

פערקינס האט אויסגעשאסען און אלגא האט ארויסגעלאזט א פירכטערליכען אויסגעשריי:

—האט דיא קויל דיך געטראפען, ניקאלאי? פערקינס, פערקינס, שיס ניט!

אָח, מיין גאָט, דיא אונגליקליכע ווילען טויטען דעם יעניגען, וועלכען איך וואָלט וועלען מיט מיין לעבען בעשיצען.

— האָב קיין מורא, געליעבטע, האָט מיראָוויטש געזאָגט, מיר האָט עס גאָר ניט געשאדט, אָבער דו ביסט דאָך פערוואונדעט!

— דאָס מאכט ניט, ניקאָלאַי, נעבען דיר וועלען זיך מיר באלד אלע מיינע וואונדען פערהיילען.

מיט א געפיהל פון גליק און צופריעדענהייט האָט מיראָוויטש שנעל אויף זיינע הענד אראָבגעטראָגען זיין געליעבטע אָלגא, און אין א מינוט שפּעטער איז ער שוין געווען צווישען זיינע קאָזאקען, וועלכע האָבען איהם עמפּפאנגען מיט גרויס בעגייסטערונג.

קאָלא האָט געזעהן, אז ער קען דאָ גאָר ניט מאכען, איז ער צוריק ארויף און מיט דער הילפע פון זיין פריינד האָט ער שנעל ארויפגעצויגען דעם לייטער צו זיך אויף'ן פעלזען בארג, דיא קאָזאקען זאָלען צו זיי ניט קענען צוקומען.

— יעצט זיינען מיר זיכער, האָט קאָלא געזאָגט האלב לוסטיג און האלב טרויעריג, פאר דיא קאָזאקען האָבען מיר ניט וואָס מורא צו האָבען, זיי מוזען מאכען א וויימען וועג ארום בארג, ווען זיי ווילען צו אונז צוקומען און דאָס וועלען זיי געוויס ניט טהאָן. אָבער אָלגא איז אויף עביג פערלאָרען. און מיר קענען יעצט ליידער גאָר ניט טהאָן אום זיא צו רעטען.

נאָך א לענגערע בעראטהונג האָבעןביידע פריינד בעשלאָסען זיי זאָלען באלד לאָזען וויסען דעם קניאז דאשקאָוו פון אלעם וואָס האָט פּאסירט מיט זיי און מיט אָלגא'ן. זיי האָבען געהאָפט, אז ער וועט געוויס שיקען א שטארקע אָבטהיילונג מיליטער מען זאָל אָלגא'ן רעטען פון דיא ווילדע קאָזאקען. פּערקינס האָט אויפגעשריבען א קורצען בריעף און קאָלא איז אוועק מיט'ן בריעף אויף'ן קורצעסטען וועג נאָך אָרענבורג.

16טער קאפּיטעל

אָרלאָוו צוריק אין פּעטערבורג.

ווען גראף אָרלאָוו איז געקומען צוריק אין פּעטערבורג האָט ער זיך ווידער בעזעצט אין גרויסען רייכען פּאלאסט וואָס ער האָט געהאט אלס פּרעזענט פון קאטהערינא'ן.

אין א שעהנעם אבענד איז ער געזעסען אין זיין ארבייט'ס צימער ביים שרייב טיש און פאר איהם איז געשטאנען זיין העסליכער דיענער, דער הויקערדיגער פּאכאָמקע, וואָס האָט זיך נאָר וואָס צוריקגעקעהרט פון א וויימע רייזע.

— אלזאָ, האָט פּוגאטשעוו שוין אנגעפאנגען דעם אויפשטאנד? האָט ביי איהם אָרלאָוו געפרעגט.

— יא, פאטער־גראף, האט פאכאמקע געענטפערט מלא שמחה. ער האט אויפגעהויבען דיא שווארצע פאהן און גאנצע ימים קאזאקען זיינען צו איהם צוגעשטאנען. יעצט רעגיערט שוין אין פעטערבורג ניט קאטהערינא דיא גרויסע אליין, נור אויך צאר פעטער דער דריטער, וועלכען דו האסט ארויסגערופען פון זיין קבר —

— רעד ניט אזוי הויך, דו באנדיט, האט ארלאוו געזאגט, און א צופרידע־נער שמייכעל האט גערוהט אויף זיינע ליפען. זאג מיר נור וואו געפינט זיך יעצט פוגאטשעוו?

— ווען איך האב איהם פערלאזען האט ער דאן געמאכט זיינע פארבערייטונגען צו בעלאגערען ארענבורג.

—איז ער משוגע געווארען?! האט ארלאוו אויסגערופען איבערראשט, וויא קען ער זיך אונטערשטעהן צו בעלאגערען אזא שטארקע פעסטונג? מען וועט דאך איהם מיט אלע זיינע ווילדע קאלעגען פערטרייבען פון דארט מיט בלוטיגע קעפ. ער וואלט פיעל געשייטער געהאנדעלט ער זאל דיא פעסטונג פערביילאזען און זאל וויא אם שנעלסטען קומען אין אייראפעאישע רוסלאנד, און דא אין דיא אפענע שטעדט דעם ריכטיגען אויפשטאנד צו מאכען.

— דאס האב איך איהם געזאגט אין דיין נאמען, פאטער־גראף. נור ער האט זיך פון מיר איינפאך אויסגעלאכט. ער האט מיר געענטפערט: "געה און זאג דעם גראף, אז ער זאל א צווייטען מאל זיך ניט וואגען צו געבען מיר עצות, זיין צאר, ווען איך פרעג ביי איהם ניט. זאג איהם ער זאל ניט פערגעסען, אז איך בין זיין הערשער און ער איז נור מיין דיענער".

ארלאוו האט א קוק געטהאן אויף זיין הויקערדיגען דיענער און האט זיך צולאכט.

— דער שיכור'ער קאזאק מיינט, אז געגען מיר וועט ער אויך שפיעלען זיין ראלע. אבער דאס וועל איך נאך געווג צייט האבען צו בעוואָרענען. דו זאג מיר בעסער יעצט, וויא גרויס, דענקסט דו, איז דיא צאהל פון זיינע אנ־העננגער?

— אונגעפעהר צוואנציג טויזענד האבען זיך שוין צו איהם אנגעשלאסען, אבער זייער צאהל וואקסט פון טאג צו טאג און פון שטונדע צו שטונדע. איך בין געוועזען דערביי וויא ער האט דיא שטאדט ארענבורג אונטערגעצונדען פון אלע זייטען און דיא בירגער זיינען אין טויט שרעק אנטלאפען אין פעסטונג. מען זאגט אז דארט אינוויינינג זיינען אלע אין גרויס שרעק, און דער קאמאנ־דאנט, קניאז דאשקאוו, איז כמעט וויא געליימט געווארען פון מורא און שרעק.

— אויך מיר א קאמאנדאנט! האט ארלאוו געמורמעלט מיט פעראכטונג, איך האב איהם אימער פיינד געהאט, דעם אלטען נאר, אבער זאג מיר, פא־

כאַמקא, וואָס הערט זיך וועגען מאַיאָר דאַנישעוו? האָסט דו מיין בעפעהל דורכגעפיהרט ריכטיג?

— ניין. עס איז ניט אויסגעקומען. ער האָט מיר דיא גאַנצע ארבייט פער־שפּאָרט.

דאבויי האָט פּאַכאַמקא דערצעהלט אָרלאָוו׳ען דיא גאַנצע געשיכטע וויא דיא קאַזאַקען האָבען דאַנישעוו׳ען געפאַנגען, וויא פּוגאַטשעוו האָט איהם ערמאָרדעט און וויא זיין ווילדע באַנדע האָבען זיין קערפּער אין שטיקער צוריסען.

— דו האָסט מיר געבראַכט גוטע נאַכריכטען, פּאַכאַמקא, האָט אָרלאָוו אויס־גערופען און האָט איהם צוגעוואָרפען אייניגע גאָלדענע מטבעות, נעהם דאָס און געה צום טייפעל.

פּאַכאַמקע איז געפאַלען אויף דיא קניע און האָט א קוש געטהאָן דעם שטיוועל פון זיין הערר, דאַן האָט ער זיך ארויסגעשלעפּט פון צימער און אָרלאָוו איז ווידער געבליבען אליין.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט זיך פערטיעפט אין מחשבות, קוקענדיג אויף׳ן ווייסען שנעע וואָס האָט געפינקעלט אין דער פינסטערניס פון דער נאַכט.

— עס איז פונקט וויא א וואַפען־שטילשטאַנד, האָט ער צו זיך אליין געמור־מעלט, איך קען יעצט פון מיינע פּאַפּיערענע רעכטע אויף קאַטהערינא׳ן קיין געברויך ניט מאַכען. איך מוז פּאָרלויפיג זיין זעהר פּאָרזיכטיג, וויל זיי האָבען מיך פערוויקעלט אין דעם פערשוועררונג־פּראָצעס, וואָס דער נאַרישער מיראָוויטש האָט אויפגעטהאָן, און אויב איך זאָל יעצט ארויסטרעטען געגען איהר, וועט זיא זיך דאַמיט בענוצען אום מיך אין גאַנצען צו רואינירען.

דאבויי האָט זיך אויף זיין געזיכט א טייפלישער שמייכעל געצייגט.

— יעצט האַנדעלט עס זיך שוין מעהר ניט וועגען א נאַרישע געהיימע פערשווערונג. איך האָב אויסגעארבייט א גרויסען, א מעכטיגען אויפשטאַנד, וואָס קען אויף איהר ברענגען דיא גרעסטע געפאַהר, און זיא, קאַטהערינא, איז קלוג גענוג צו פערשטעהן, אז נור איך בין אים שטאַנד זיא פון געפאַהר צו רעטען.

"ניין, האָט ער פּאָרטגעזעצט רעדענדיג צו זיך אליין, איך וועל קיינמאָל ניט אויפגעבען דיא האָפנונג זיא ווידער אויף מיין זייט צו געווינען. איך וויל בעסער מיט איהר שליסען פריעדען וויא צו פיהרען קריעג. וויל דעם אמת זאָגענדיג ליעב איך זיא נאָך אלץ מיט׳ן זעלבען פייער, וואָס איך האָב זיא אמאָל געליעבט. איך מוז זעהן אלע מיטלען אָנווענדען זיא זאָל ווידער זיין מיינע — און נור מיינע!

"קודם מוז איך פון איהר אָבריי֗סען דעם פערדאמטען אלעקסאנדער פּאָ־טעמקין. זיא האָט זיך שוין גענוג מיט דער קוקלע אָנגעשפּיעלט. עס מוז יעצט

נעהמען אן ענדע. דער מעסער פון א געשיקטען מערדער וועט איהם גראדע אזוי גוט טרעפען וויא אן אנדערען. ווען איך האב געקענט איהר מאן פון איהר אוועקנעהמען, וועל איך מיט איהר געליעבטען געווים פערטיג ווערען. און ווען זיא וועט איהר שעהנעם העלד מעהר ניט האבען, וועט זיא ניט ווילענדיג זיך מוזען צוריק קעהרען צו מיר.

ארלאוו האט ארויסגענומען פון טאש זיין זייגער און האט א קוק געטהאן.

— ריכטיג ניין אזייגער, האט ער געמורמעלט. זיא וועט מיך ערווארטען. מארפא מוז מיר העלפען ארויסקריגען פאטעמקין'ען פון צארסקאיע סעלא. און דאס איז קיין לייכטע אויפגאבע. קאטהערינא היט איהם אויף יעדען טריט און שריט אזוי וויא א מאמע היט איהר קינד. אה, דו פערליעבטע, נארישע פרוי! וועסט זיך באלד מוזען בעגעהן אהן דיין פאטעמקין'ען. זאגאר ביי זיין טויטען קערפער וועסט דו ניט קענען טרויערען. מען וועט איהם ניט געפינען. מען וועט זאגאר ניט וויסען וואו זיין געביין איז אהינגעקומען.

פול מיט מערדערישע געדאנקען איז דער שווארצער גראף ארויס פון זיין קאבינעט אין פארצימער, וואו ער האט געעפענט א טאפעטען־טיהר און איז אריין אין זיין גארדעראבע־צימער. דארט זיינען אויף דיא ווענט און אין דיא שא־פעס געהאנגען אזוי פיעל פערשיעדענע קאסטיומען, אז דאס וואלט גענוג געווען פיר הונדערטע פערזאנען זיך צו פערקליידען צו א מאסקען באל. נאך א קורצע אי־בערלעגונג האט ארלאוו אויסגעטהאן זיין רייכען מונדיר און האט זיך אנגעטהאן אין א קאסטיום פון א משא־טרעגער. דאצו האט ער אויף'ן קאפ אנגעטהאן א געלען פארוק, זיין שווארצען בארד האט ער בעשאטען מיט פולווער וואס האט איהם אויך געמאכט געל און מיט א געוויסע פארב האט ער געמאכט זיין געזיכט ברוין — און האט דאן אויסגעזעהן וויא א ריכטיגער טרעגער. זיינער אן אייגע־נער ברודער וואלט איהם אין זיין נייע הלבשה ניט דערקענט.

ווען ער איז פערטיג געווארען מיט זיין טואלעט איז ער דורך א געהיימע טיהר ארויסגעקומען אין גארטען און באלד איז ער אוועק איבער דיא האלב־דונקעלע גאסען פון פעטערבורג. ער איז געגאנגען מיט פעסטע טריט ביז ער איז ענדליך געקומען אין איינע פון דיא שמוציגסטע געסלאך אונטער'ן שטאדט וואס ווערט בעוואהנט דורכאויס פון פערברעכער.

אין איינע פון דיעזע געסלאך וואס פיהרט דירעקט צום טייך נעווא איז ארלאוו געבליבען שטעהן און האט זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטען. אויף איינע פון דיא גרעסערע הייזער האט ער בעמערקט א רויטען לאנטערן. טראץ דעם וואס דיא לאדען זיינען געווען פערמאכט האט מען פון דעסטוועגען דורך דיא שפארונעס געקענט לייכט זעהן אז אינוועניג אין הויז איז ליכטיג און א גע־רויש האט זיך געהערט וואס האט געצייגט אז אינווייניג זיינען דא א מאסע מענ־שען און מען לעבט וויא גאט אין אדעס.

אַרלאָוו האָט ניט לאנג געטראכט, האָט געעפענט דיא טיהר און איז אריינ־געקומען אין א האלב בעלייכטעטען קאָרידאָר און פון דאָרט אין א שענק־צימער. ס'איז געווען א גרויסע רום, אָבער מיט נידעריגע באלקענס און פול מיט'ן גערוך פון עקעלהאפטע טאבאק וואָס האָט געקענט דערשטיקען איינעם וואָס איז גע־וואָהנט מיט ריינע לופט.

פון דיא מענשען וואָס אַרלאָוו האָט אין שענק געפונען האָט ער זיך איבער־צייגט וויא ריכטיג דיא שווארצע מארפא האָט איהם ערקלערט אז דאָ קומען צוזאמען דיא גרעסטע פערברעכער פון פעטערבורג.

אלטע און יונגע גנבים, אויסגעלאסענע נקבות, ווילדע שיכורים, קאלטע ברוטאלישע מערדער זיינען געזעסען ארום שמוציגע טישען און האָבען געטרונ־קען, געשריען און געליארעמט. אנדערע האָבען זיך גע'סוד'עט שטילערהייד וועגען זייערע נייע פערברעכערישע אונטערנעהמונגען. דער ווירטה פון הויז א געוויסער טראָפים, איז געווען אן אלטער פערברעכער. ער איז שוין אויף זיין לעבען צוואנציג מאָל געזעסען אין טורמע פאר פערשיעדענע פערברעכענס. זיינע אגענטען זיינען ארומגעלאָפען פון איין טיש צום אנדערען און צוזאמען מיט'ן בעדיענען דיא געסט האָבען זיי אין דער זעלבער צייט אויך געפיהרט פער־שיעדענע פערהאנדלונגען צווישען דיא גנבים און צווישען דיא סוחרים וואָס קויפען אָב דיא גע'גנב'עטע זאכען.

אַרלאָוו האָט זיך צו אלעם צוגעקוקט גאנץ רוהיג און גלייכגילטיג וויא ער וואָלט פון זיין יוגענד געוואָהנט געווען צו אזעלכע געזעלשאפט. דיא ציגיינערין מארפא, מיט וועמען ער האָט אבגעמאכט זיך אין שענק צוזאמענצוטרעפען, איז נאָך ניט געקומען.

אַרלאָוו האָט בעמערקט וויא ביי א בעזונדער טיש זיינען געזעסען דריי פערזאָן, איין פרוי און צוויי מענער. ער איז צוגעגאנגען און האָט זיך אנידער־געזעצט נעבען זיי.

דיא פרוי וואָס איז געזעסען נעגען אַרלאָוו'ען איז נאָך געווען יונג און שעהן, טראָץ דעם וואָס איהר בלאסע געזיכט האָט געטראָגען אויף זיך דעם שטעמפעל פון אויסגעלאסענהייט און זינד. אין איהר רעדען האָט זיא אריינ־געמישט א סך פראנצויזישע ווערטער. מען האָט דאריבער געקענט גלויבען, אז ענטוועדער זיא איז א געבאָרענע פראנצויזין אָדער זיא איז ערצויגען געוואָרען אין א רייכע הויז ביי אן אנשטענדיגע פאמיליע. אין פערלויף פון איהר גע־שפרעך מיט דיא צוויי מענער האָט אַרלאָוו ערפאהרען, אז איהר נאָמען איז קלארא און אז אין דער פערברעכער־וועלט איז זיא בעקאנט מיט'ן נאָמען "דיא קאָמעדיאנטין".

נעבען איהר איז געזעסען א יונגער מאן, וואהרשיינליך איהר ליעבהאבער. זיין שפראך איז געווען העכסט אינטעליגענט. פון זיין בענעהמונג איז געווען

צו זעהן, אז ער איז איינער פון דיא יונגע מענשען וואָס געהען אראָב פון דרך הישר דורך געוויסע צופעלע. אין דיעזע קרייזען פון פערברעכער איז ער געווען בעקאנט אונטער'ן נאָמען "דער סטודענט".

דער צווייטער מאנספערזאָן איז געווען א מאָדנע פערזעהענים. ער איז געווען איינפאך הויט און ביין און אין דער פערברעכער־וועלט האָט מען איהם גערופען "דער סקעלעט".

ווען אָרלאָוו איז צוגעגאנגען, האָט ער געהערט וויא דיעזער "סקעלעט" האָט זיך בעריהמט, אז זיין מאָגערקייט קומט איהם זעהר צונוץ אין זיינע געשעפטען. ער איז שוין איינינע מאָל דורכגעקראָכען זאָגאר דורך'ן שמאָלסטען קוימען און אויף דיעזען אופן איז איהם געלונגען אריינצוקריכען אין גאָלד מאגאזינען און בע־רויבען דיא רייכסטע געשעפטען.

ביי'ם ווייטערען געשפרעך האָט אָרלאָוו ערפאהרען וועגען דעם ראָמאן וואָס האָט זיך אָבגעשפיעלט צווישען דעם סטודענט און דער קאָמעדיאנטין. ביז מיט א יאָהר צוריק איז ערווירקליך געווען א סטודענט פון פעטערבורגער אוניווער־זיטעט, אָבער צו יענער צייט האָט ער זיך פערליעבט אין קלאַרא'ן, וועלכע איז דאן געווען אן אקטריסע אין סמאָלענסקער טהעאטער. צוליעב איהר האָט ער אויפגעגעבען זיין שטודיום און איז געוואָרען א רויבער, אום ער זאָל קענען שפיע־לען דיא ראָלע אלס א רייכער מאן. זיא ווידער איז פערלאָבט געוואָרען מיט א גרויסען שוישפיעלער וואָס האָט זיך אין א קורצע צייט ארום פון איהר ענט־זאגט און האָט חתונה געהאט אין מאָסקווא מיט א טאָכטער פון א רייכען קור־פיעץ. אוים ראכע האָט קלארא איהם ערמאָרדעט טאקי אין א פאָרשטעלונג אויף דער מאָסקווער ביהנע, אָבער עס איז איהר געלונגען צו אנטלויפען. דער סטו־דענט האָט זיא אין דעם זעלבען אבענד ערווארטעט אויף א בעשטימטען פלאַץ און זיי זיינען ביידע אנטלאָפען צוריק נאָך פעטערבורג, וואו זיי לעבען ביידע אונטער אנדערע נעמען אין ארמוטה און פערברעכען.

דאָס אלעס איז אָרלאָוו געוואָהר געוואָרען, ווען ער האָט זיך מיט זיי צו־זאמענגעגערעדט און ער האָט ביי זיי שטארק נושא חן געווען אלס אן אלטער קאָלע־גע. באלד וויא ער האָט זיך נעבען זיי אוועקגעזעצט האָט ער געהייסען דער־לאנגען אויף זיין רעכענונג פערשיעדענע געטרענקע און שפייזען. דאביי האָט ער זיי געגעבען א פאס־וואָרט, וואָס מארפא דיא ציגיינערין האָט איהם געהייסען, אום זיי זאָלען וויסען, אז ער איז איינער פון דער "חברה" און מען דארף זיך פאר איהם ניט היטען.

ענדליך איז דיא ציגיינערין אריינגעקומען אין שענק. דיא ציגיינערין איז געווען א פרוי אין דיא מיטעלע יאָהרען. עס האָט אויסגעזעהן, אז זיא איז מיט דעם פלאַץ געווען גאנץ גוט בעקאנט און אז זיא האָט זיך אין שענק געפיהלט

גאנץ היימיש, ווייל דער ווירטה טראפים האט זיא זעהר פריינדליך מקבל פנים געוועזען וויא אן אלטע בעקאנטע.

מיט ארלאוו'ען איז זיא געוועזען פערבונדען דארום, ווייל ביי איהר ערציהט זיך ארלאוו'ס א קינד, א מיידעלע פון א יאהר זיעבען, וועלכע דיא ציגיינערין האט א נאמען געגעבען פאטימא. דיא מיידעלע איז געבארען געווארען פון א קאווקאזישע פרינצעסין, וועלכע ארלאוו האט דורך זיינע אגענטען געפאנגען און געבראכט קיין פעטערבורג. דארט האט ער זיא אין זיין הארעם געשענדעט. דיא אונגליקליכע איז ביים געבורט פון דעם קינד געשטארבען און ארלאוו האט דיא פערבליבענע יתומה'לע אבגעגעבען צו דער ציגיינערין צום ערציהען פאר א געוויסען יעהרליכען געהאלט.

ווען ארלאוו האט געזעהן דיא ציגיינערין אריינקומען אין שענק, איז ער אויפגעשטאנען און איהר אנטקעגען געגאנגען אויפגערעגט.

— דו האסט מיך צו לאנג געלאזטווארטען, האט ער געזאגט מיט א טאן פון אונצופריעדענהייט. איז פיעלייכט מיט פאטימא עטוואס געשעהן?

— ניין, האט מארפא געענטפערט, דאס קינד איז געזונד און שטארק. איינינגע בעזוכער האבען מיך אבגעהאלטען. אבער איך פערשטעה דאך, אז איהר ווילט מיט מיר רעדען וועגען עטוואס וויכטיגעס, און איך מוז אייך זאגען, אז דא אין צימער איז ניט דער פלאץ דערפאר, קומט לאמיר אריינגעהן אין א צווייטען צימער, וואס טראפים האלט אימער פארבערייטעט פיר געהיימע פערהאנדלונגען.

דער צווייטער צימער איז געוועזען בעקוועם איינגעריכטעט מען זאל ניט קענען זיין געשטערט פון קיינעם. ווען ארלאוו און מארפא זיינען אהין אריינגעגאנגען, האט ארלאוו גלייך צוגעשלאסען דיא טיהר פון אינוועניג און זיי האבען זיך אוועקגעזעצט ביי א טישעל איינס געגען אנדערען.

— יעצט זאגט מיר וואס פערלאנגט איהר פון מיר, גראף ארלאוו? איהר ווייסט דאך, אז פאר אייך טהו איך אלעס. זאגט מיר נור אום וואס עס האנדעלט זיך.

— עס האנדעלט זיך, מארפא, אום א קלייניגקייט, אבער פאר מיר איז דאס זעהר וויכטיג. איך וויל, אז דו זאלסט מיט דיין קלוגע קעפעלע ארויסנארען א געוויסען מאן פון א זיכערען ארט, וואו ער געפינט זיך, און איהם ברענגען צו א פלאץ, וואו איך דארף איהם האבען.

— דאס אלעס?

— יא, דאס אלעס.

— און וויא הייסט דיעזער מאן? און וואו געפינט ער זיך?

— זיין נאמען איז אלעקסאנדער פאטעמקין און דו ווייסט זעהר גוט, אז ער געפינט זיך אין צארסקאיע סעלא. ער בעווייזט זיך זעהר זעלטען אין

דרויסען אליין אהן דער בעגלייטונג פון דער קייזערין און דו מוזט דאריבער אנ־ווענדען דיא גאנצע שמד־שטיק וואס דו האסט אין דיין קאפ איהם פון דארט ארויסצוקריעגען.

— און איהם צו ברענגען אויף אזא פלאץ, וואו איהר וועט איהם בעגעגענען מיט א געלאדענעם רעוואלווער?

— וועגען דעם וועלען מיר שפעטער רעדען. עס איז דאך קיין אונטער־שיעד ווער עס וועט דיזען פערדאמטען יונג זיין העסליכע נשמה ארויסבלאזען, איך אדער מיינער א מענש. דיא הויפט זאך איז, דו זאלסט געפינען עפעס א מיטעל וויא אויף איהם צו ווירקען ער זאל אין א געוויסע שטונדע קומען אהין וואו דו וועסט מיט איהם אבמאכען.

— איך גלויב, אז אם בעסטען וועט זיין איך זאל איהם בעשטעלען ער זאל קומען צום גרויסען מאנומענט וואס שטעהט אונטער א וועלדעל צווישען צארסקאיע סעלא און פעטערבורג. און איך קען אייך עס שוין פערזיכערען, אז דארט וועט פאטעמקין זיין אכט אוהר אבענד פינקטליך, ווען ס'איז שוין גאנץ פינסטער.

— אה, מארפא, ביזט א גאלד! האט ארלאוו אויסגערופען מלא שמחה, זעה נור ער זאל קומען גאנץ אליין.

— דאס ווייס איך נים. מיר דוכט זיך, אז עס וועט זיין אונמעגליך צו מאכען ער זאל קומען גאנץ אליין. זיין טרייער דיענער, דער שווארצער האסאן בעגלייט איהם אויף יעדען טריט און שריט, ער שלעפט זיך איהם נאך זאגאר דאן ווען ער געהט שפאציערען אין פארק. איהר וועט אלזא מוזען זיין פארבע־רייטעט צו קעמפפען מיט צוויי געגנער. און איך מוז אייך דאביי אויפמערק־זאם מאכען, אז דער האסאן איז אן אונגעהויער קרעפטיגער ריעז, און איהם וועט ניט זיין אזוי לייכט בייצוקומען. און ווער דענקט איהר זאל פאר אייך דיא ארבייט טהאן?

— איך דענק, אז אויך דאס זאלסט דו פאר מיר בעזארגען. דינג איינעם אדער עטליכע ווען נויטיג און זעה מען זאל מיט פאטעמקין'ען פערטיג ווערען קורץ און שארף.

מארפא האט א פאאר מינוטען געטראכט, דאן האט זיא זיך געווענדעט צו ארלאוו'ען:

— איך גלויב, האט זיא געזאגט, אז עס וועט זיין אם בעסטען ווען מען וועט פאר דיזער ארבייט געברויכען דיא דריי פערזאן, מיט וועלכע איהר זיינט ביי'ם טיש געזעסען. דער סקעלעט איז איינער פון דיא גרעסטע פערברעכער אין לאנד. ווען ער נעהמט זיך אונטער א זאך, דאן איז זיכער, אז ער וועט עס אויספיהרען, ווען עס זאל איהם אפילו קאסטען זיין אייגענעם לעבען. דער סטודענט איז א פערצווייפעלטער יונגער מאן פערטיג פיר געלד צו טהאן אלעס.

וואס אנבעלאנגט צו דער קאמעדיאנטין קען זיא אויך זעהר גוט צונויף קומען אין דער קאמעדיע. זיא איז זעהר געשיקט אלס פערפיהרערין.

— זעהר גוט,רוף אלזא ארײן דיא אלע דרײ פערזאן אהער, אבער — נײן,ווארט. מאך דו אלײן אלעם אב מיט זײ. עס פאסט ניט איך זאל דאביי זײן פערדעכטיגט אפילו אויף א האאר.

— עס וועט אײך אבער מוזען קאסטען א היבשע אפותיקי.

— צום בײשפיעל?

— איך גלויב, אז אונטער צעהן טויזענד רובעל וועלען זיי זיך געוויס ניט לאזען האנדלען.

ניט רעדענדיג א ווארט, האט ארלאוו ארויסגענומען זײן פארטמאנע, האט אבגעצעהלט דיא פערלאנגטע סומע און איבערגעגעבען צו דער ציגײנערין.

— נאך מעהר, האט ער דאביי בעמערקט, אום דעם ערפאלג נאך מעהר זיכערער צו מאכען, וועל איך צו דער בעשטימטער צייט אונטערשיקען מײן פאר־קאמקע. דו קענסט איהם. דו מעגסט זיך פערלאזען אויף דעם הויקערדיגען טייפעל. ער טויג צו אזעלכע געשעפטען.

דאמיט איז ארלאוו אויפגעשטאנען און האט שוין געוואלט אוועקגעהן, אבער מארפא האט איהם נאך אבגעהאלטען.

— און פאר'ן קינד? פאר איהר האט איהר מיר קײן ווארט צו זאגען?

— וואס זאל איך דיר זאגען? קריעגסט דו דען ניט בײם באנקיר ריכ־טיג אויסגעצאהלט יעדען מאנאט וואס צו דיר בעלאנגט?

— יא, דאס געלד קריעג איך שוין. אבער וואס איך דענק איז אן אנדער זאך, ווארום זאלט איהר ניט קומען אמאל זעהען אײער קינד? איהר זײנט דאך עפעס א טאטע!

— דאס קען איך ניט, מארפא, פיעלײכט מיט דער צייט, אבער יעצט טאר איך עס ניט טהאן. איך בין זיכער, אז קאטהערינא'ס שפיאנען שפירען מיר נאך אויף יעדען טריט. איך האב דאריבער דיך ניט געקענט רופען צו מיר און איך אלײן האב זיך געמוזט אזוי פערקלײדען און קומען אהער. דאך גיב איך דיר מײן עהרענווארט, אז בײ דער ערשטער געלעגענהײט וועל איך קומען דאס קינד בעזוכען.

ארלאוו איז ארויס פון צימער דורך'ן שענק און האט באלד פערלאזען דאס הויז.

— יעצט, פרײנד פאטעמקין, האט דער שווארצער גראף געטראכט געהענ־דיג לאנגזאם איבער דיא פינסטערע גאסען, יעצט וועלען מיר זעהן וויא לאנג דײן ממשלה בײ קאטהערינא'ן וועט נאך געדויערען. מארגען אין דער צייט, האף איך, וועסט דו שוין זײן אויף דער אמת'ער וועלט און נאכדעם וויא קא־טהערינא וועט זיך אביסעל דורכוויינען וועט זיא ווידער מײנע ווערען וויא אין

דיא גוטע אלטע צייטען. דיא ווייבער זיינען אלע גלייך. קעניגין אָדער בעט־לערין, מען קען איבער זיי רעגיערען, ווען מען ווייסט נור וויא זיי צו בעהאנדלען. וואָס אנבעלאנגט קאטהערינא, קען איך זיא צו גוט. איהר הארץ איז פאר מיר אן אָפענער בוך. זיא וועט באלד פערגעסען אין איהר געליעבטען, גלייך וויא זיא האט גאָר קיינמאָל קיין פּאָטעמקין אין דיא אויגען ניט אָנגעזעהען.

יעדען פארמיטאג, ווען דער וועטער איז נור געווען שעהן, פלעגט פּאָטעמקין געהן שפּאַציערען אין פּארק פון צארסקאָיע סעלאָ. אָפטמאָל פלעגט איהם קאַ־טהערינא בעגלייטען אויף זיין שפּאציער־גאנג, אָבער עס פלעגט אויך טרעפען, ווען זיא איז געווען בעשעפטיגט מיט רעגיערונג׳ס אנגעלעגנהייטען, אז ער פלעגט געהן אליין, נור דער ניגער האַסאַן האָט איהם געדארפט נאָכגעהן גאנץ פון וויטען. פּאָטעמקין האָט געוואָלט, אז ווען ער געהט שפּאציערען זאָל איהם קיינער ניט שטערען.

אויך היינט האָט ער אליין שפּאציערט דורך דיא רייהען פון דיא בוימער אין׳ם ריינעם קאלטען וועטער. ער האָט שפּאציערט און געטראכט וועגען פער־שיעדענע זאכען ביז ער איז צוגעקומען צום גרויסען פערפרוירענעם טייך, וואָס האָט אונטער דיא זאָנענשטראהלען געפינקעלט וויא מיט מיליאָנען בריליאנטען בעזעצט.

— איך קען מיר אליין קיין רעכנונג ניט אָבגעבען, האָט פּאָטעמקין גע־מורמעלט צו זיך אליין. וואָס זאָל דאָס בעדייטען? זאָל עס מעגליך זיין, אז איך ליעב שוין מעהר ניט קאטהערינא, וועלכע האָט פאר מיר אזוי פיעל גוטעס געטהאָן? זאָל דאָס נור זיין א סאָרט דאנקבארקייט, אָבער ניט קיין ליעבע? מערקווירדיג, וויא יענע מיידעל קומט מיר אזוי אָפט אויף׳ן זינען. און וואָס? וויא קומט זיא גאָר ווערטה זיין אפילו איך זאָל פון איהר דענקען נאָכדעם וויא זיא האָט מיך פערקויפט פאר געלד? יעדענפאלס לאנג לעבען זאָל זיא דערפאר, זיא האָט מיר דאמיט א גרויסע טובה געטהאָן. ווען ניט דאָס, וואָלט איך זיך ניעמאלס געקענט בעשליסען זיא צו פערלאָזען. איך וואָלט עס ניט געטהאָן נעגען מיין מענער־עהרע. ווען עס זאָל מיר אפילו געווען אויסקומען צו פער־ליערען מיין לעבען וואָלט איך ביי מיר ניט געקענט פועל׳ען נעהמען אן אָרימע מיידעל און זיא פערלאָזען.

„און מיט וואָס פאר א פייער ווידער דיעזע שעהנע און מעכטיגע קייזע־רין ליעבט מיך! איהר ליעבע און איינפערזוכט צו מיר איז אזוי שטארק, אז זיא בעהאנדעלט מיך וויא א געפאנגענעם. ס׳איז שוין אביסעל צופיעל. זיא ערלויבט מיר זאָגאר אויף א מינוט ניט צו פערלאָזען צארסקאָיע סעלאָ. אמת, זיא טהוט עס אויס פּאַרזיכטיגקייט, זיא האָט מורא פיעלייכט וועלען מיר מיינע פיינדע עטוואָס שלעכטעס טהאָן. אָבער אלס מאַן איז פאר מיר זעהר ניט אננענעהם צו שפּיעלען אזא לעבערליכע ראָלע. עס וועט לאנג ניט נעדויערען

און מען וועט מיך איבעראל בעטראכטען אלס א פיינגלינג, אלס א קינד, וואס בעזיצט ניט דיא מינדעסטע זעלבסט־שטענדיגקייט. ניין, אזוי קען עס ווייטער ניט געהן. מען טאר זיך ניט בויגען אונטער'ן ווילען פון א פרוי, ווען דיא פרוי איז זאגאר א געליעבטע קייזערין. אבער וויא אזוי וועל איך דען קענען אנדערש האנדלען? אה, ווען זיא קוקט אויף מיר מיט איהרע שעהנע צוויבער־אויגען, ווען זיא בעט בריי מיר עפעס, ווען זיא פערלאנגט עטוואס, דאן מוז איך זיא פאלגען. איך בין ניט נור איהר געליעבטער, נור איך בין אויך איהר שקלאף.

פלוצלונג איז פאטעמקין געבליעבען שטעהן עטוואס איבערראשט. ניט ווייט פון זיך אונטער א בוים האט ער דערזעהן א פרויען־געשטאלט. ער האט זיך מעהר צוגעקוקט און האט דערזעהן, אז דיא פרוי איז גאנץ ארים געקליידעט און איהר געזיכט איז בעדעקט מיט א געדיכטען שלייער. לויט זיא איז ג־וועזן איינגעבויגען האט אויסגעזעהן, אז זיא מוז שוין זיין אן אלטע פרוי.

— וואהרשיינליך עפעס א ביטע, א "פראשעניע", האט פאטעמקין גע־דענקט און איז צוגעגאנגען צו איהר נעהענטער מיט לאנגזאמע טריט.

ס'איז אפילו געווען שטרענג פערבאטען פיר פרעמדע אריינצוגעהן אין פארק פון צארסקאיע סעלא און דיא סאלדאטען וואס האבען בעוואכט דעם פארק האבען געמוזט דארויף זעהר שטרענג אכטונג געבען, פון דעסטוועגען האט עס מעהרערע מאל פאסירט, אז אונגליקליכע מענשען האבען געהאט אירגענד וועלכע ביטע איבער צו געבען דער קייזערין, פלעגען זיי אבהיטען דיא צייט, ווען פאטעמקין איז געגאנגען אליין שפאציערען, און פלעגען זיך אריינ'גנב'ענען אין פארק איהם דיא פראשעניע צו דערלאנגען, ווייל פאטעמקין האט געהאט א נאמען פאר זעהר א גוטען מענשען און מען איז געווען זיכער, אז קוים האט עס געלונגען מיט איהם צו רעדען, וועט שוין אלעס דורכגעפיהרט ווערען און דער אונגליקליכער וועט שוין געהאלפען ווערען.

פאטעמקין האט געגלויבט, אז דיעזע פרוי איז אויך געקומען מיט עפעס א ביטע, און עס האט איהם דאריבער שטארק געוואונדערט וואס ווען ער איז שוין געווען גאנץ נאהענט צו איהר, האט זיא זיך נאך אלץ ניט געריהרט און איז געשטאנען פאר איהם און האט א ווארט ניט גערעדט.

— זיינט איהר קראנק, ליעבע פרוי? האט ער ביי איהר געפרעגט מיט א געפיהל פון מיטלייד.

— קראנק בין איך ניט, האט דיא פרוי געענטפערט, אבער איך לייד נויט. איך בין געקומען אהער א גאנץ טהייערע זאך צו פערקויפען.

— א גאנץ טהייערע זאך! א שטיקעל ציערונג וואהרשיינליך? אבער, ליעבע פרוי, ווער וועט עס דען אין צארסקאיע סעלא ביי אייך קויפען זאכען? איהר מוזט דאך וויסען, אז דא וואהנט נור דיא קייזערין מיט איהר סוויטע, און זיא וועט ביי אייך קיין חפצים ניט האנדלען.

— דיא קייזערין? האט דיא אלטע געמורמעלט. יא, דיא קייזערין גראדע וועט עס ביי מיר קויפען, ווען זיא וועט נור וויסען וועגען וואס דא האנדעלט זיך. גראדע פאר איהר מאיעסטעט איז דיא זאך טהייערער פון אלע איהרע אוצרות וואס זיא פערמאגט.

פאטעמקין האט שוין לאנג געזוכט עפעס אן עקסטרא שעהנע זאך צו מא־כען זיין געליעבטער קייזערין א פרעזענט, דאביי איז שוין אויך געווען גאנץ נאהענט צו דער נאכט פון קריסטמעס (ווייה־נאכט). ער האט געוואוסט, אז דאן וועט איהם קאטהערינא געוויס געבען א טהייערען פרעזענט. אבער וואס זאל ער איהר געבען? דיעזע פראגע האט איהם ווירקליך געבראכט אין גרויס פערלע־גענהייט. דען וויא קען ער געפינען אזא זאך וואס זאל קאטהערינא'ס ליעבענדע הארץ דערפרעהען? איהרע אוצרות זיינען פול מיט געלד און מיט בריליאנטען. זיא בעזיצט אלע טהייערסטע קונסטווערק וואס מען קען פאר געלד און מאכט בעקומען; צו איבערראשען דיא קייזערין מיט א פרעזענט, מוז דער פרעזענט בעשטעהן פון אן אויסערגעוועהנליכען אנטיק. פיעלייכט בעזיצט ווירקליך דיעזע אלטע פרוי עטוואס וואונדערבארעס? עס טרעפט גאנץ אפט, אז ביי איינפאכע ארימע פאמיליען געפינען זיך זעלטענע זאכען וואס געהען איבער בירושה פון דיא עלטערען צו דיא קינדער און דיא פאמיליע אליין ווייסט ניט דעם הויכען ווערטה דערפון.

— אויב איהר האט ווירקליך אזא גוטע זאך פאר דער קייזערין, האט פא־טעמקין ענדליך געזאגט, דאן וואלט איך עס בעפאר וועלען זעהן. איהר קענט מיך?

— ניין, האט דיא אלטע פרוי געענטפערט.

— אבער מיין נאמען האט איהר דאך געוויס געהערט, איך בין אלעק־סאנדער פאטעמקין.

דיא פרוי האט געמאכט א מינע פון גרויס איבערראשונג און האט אויפ־געהויבען דעם שלייער פון איהר געזיכט.

פאטעמקין האט דערזעהן א העסליכע צוקארטשעטע געזיכט מיט ווייסע האאר. ס'איז געווען ארלאוו'ס געדונגענע אינטריגאנטין מארפא. זיא האט זיך אזוי גוט גרימירט, אז קיינער וואלט בשום אופן ניט דערקענט, אז זיא איז א ציגיינערין.

— אלעקסאנדער פאטעמקין? האט זיא ווידערהאלט מיט א נאאיווען טאן, אזוי? א, דאס זיינט איהר טאקי דער שעהנער פאטעמקין, וויא מען רופט אייך אין גאנץ פעטערבורג?

— איהר מאכט גאר קאמפלימענטען, האט פאטעמקין אויסגערופען מיט א געלעכטער. לאמיר בעסער רעדען וועגען געשעפט. צייגט מיר, וואס ווילט איהר פערקויפען?

— איך האָב עס ניט ביי זיך.

— ליעבע פרוי, איהר מוזט זיין ניט ביים זינען, האָט פּאַטעמקין גוט־מוטהיג געזאָגט. איהר קומט אין צארסקאָיע סעלאָ עפּעס פערקויפען צו דער קייזערין און וואָס איהר ווילט פערקויפען האָט איהר אין דער היים געלאָזט!

— איך בין ניט משוגע, גלויבט מיר. איך בין זיכער, אז דיא קייזערין וועט מיר בעצאָהלען א הויכען פּרייז פאר מיין סחורה אונגעזעהן, און דאן וועל איך נאָך האָבען צייט גענוג דיא זאך איהר ברענגען, ווען איך וועל דאָ זיין א צווייטען מאָל.

פּאָטעמקין האָט דאן געדענקט, אז פאר איהם שטעהט ווירקליך א משוגענע פרוי, און ער האָט זיך אויסגעדרעהט אוועקצוגעהן, אָבער זיא האָט איהם צוריק־געהאלטען.

— געהט נאָך ניט אוועק, הערר פּאָטעמקין, האָט זיא געזאָגט, איך וועל אייך גלייך אלעס ערקלערען און איהר וועט פערשטעהן, אז איך האָב רעכט: מיין מאן איז געווען א קליינער בוך־הענדלער. ער איז געווען א גאנץ עהרליכער מאן, נור איין חסרון האָט ער געהאט. ער האָט זיך אָבגעגעבען מיט לייב און לעבען צו זאמלען אלטע שריפטען און אלטע ביכער. בעזאָנדערס איז ער געווען א בעלן צו צאָהלען דיא גרעסטע פּרייזען פאר אלטע דאָקומענטען. דיא אלע אנטיקען פלעגט ער אימער האלטען איינגעשלאָסען ביי זיך אין שראנק.

„אזוי לאנג וויא מיין מאן איז געווען געזונד, האָט דיא אלטע פּארטנגעזעצט, האָבען מיר געהאט גענוג פון וואנען צו לעבען. קיין ברויט האָט אונז ניט געפעהלט. אונזער פאמיליע איז בעשטאנען נור פון איין איינציג קינד, א טאָכטער. אָבער מיט אמאָל איז אויף אונז געקומען אן אונגליק —

— ווייגט ניט, גוטע פרוי, האָט איהר פּאָטעמקין אונטערבראָכען, דער־הערענדיג וויא איהר שטימע ווערט פערשטיקט מיט א געוויין.

— עס ווייגט זיך אליין, האָט זיא געענטפערט. מיט א פּאָר יאָהר צוריק איז מיין מאן קראנק געוואָרען און האָט אָנגעפאנגען אויסגעהן וויא א ליכט. ביסלעכווייז האָבען מיר געמוזט אויספערקויפען אלע ביכער, וועלכע ער האָט מיט אזוי פיעל מיהע געזאמעלט. דיא לעצטע נאכט פון זיין לעבען האָט מיין גוטער מאן מיט אלע קרעפטען זיך אויפגעהויבען און אָננעהמענדיג מיין האנד האָט ער מיר געזאָגט:

— מיין ליעבע פרוי, קיין ירושה פאר דיר האָב איך ניט, איך האָב אויך גאָר ניט וואָס איבערצולאָזען פאר אונזער טהייער קינד. אָבער איין זאך בלייבט וואָס וועט אייך א גרויסען רייכטהום קענען פערשאפען.

„איך האָב געמיינט אז ער רעדט דאָס פון היץ, האָט דיא אלטע פּארטגע־זעצט מיט אן ערנסטען טאָן, איך האָב איהם שוין געוואָלט איינגעבען א לעפעלע

מעדיצין צו בערוהיגען, לויט דער דאָקטאָר האָט צוגעשריעבען, אָבער מיין מאן האָט דעם מעדיצין ניט געוואָלט נעהמען.

— גענוג מיך שוין צו האָרעווען מיט מעדיצין! האָט ער געזאָגט. קיין מעדיצין קען מיר שוין ניט העלפען. איך וויל דיר זאָגען איידער איך שטארב, אז נאָך מיין טויט זאָלסט דו דורכזוכען דעם ביכער־שראנק. ער האָט א דאָפּעל־טע הינטערשטע וואנד. צווישען דיא ברעטער וועסט דו געפינען א דאָקומענט וואָס ענטהאלט נור איינינע ציילען, אבער ס'איז א דאָקומענט וואָס איז ווערטה אם וועניגסטענס הונדערט טויזענד רובעל. ער איז געשריעבען אייגענהענדיג פון אונזער קייזערין און איך האָב איהם בעקומען פון —

"דיא לעצטע ווערטער האָט מיין אָרימער מאן שוין ניט געקענט אויס־שפּרעכען און אין נעכסטען מאָמענט איז ער שוין געוועזן טויט.

— איך און מיין טאָכטער זיינען געוועזן אזוי ניעדערשלאָגען פון דעם גרויסען אונגליק, אז מיר האָבען אין דער גאנצער געשיכטע פערגעסען. ערשט מיט איינינע טעג צוריק, ווען מיר האָבען אָנגעהויבען פיהלען דעם ביטערן טעם פון הונגער און נויט, האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם וואָס מיין פערשטאָר־בענער מאן האָט מיר אָנגעזאָגט. און ווירקליך, דורכזוכענדיג דעם שראנק האָבען מיר געפונען צווישען צוויי ברעטער אן אלטען צוזאמענגעלייגטען פּאפּיער און ווייסט איהר, פּאָטעמקין, וואָס פיר א דאָקומענט דאָס איז?

— פון וואנען זאָל איך עס וויסען?

— ס'איז א פּאפּיער אייגענהענדיג געשריעבען און אונטערצייכענט פון אונזער גרויסע קייזערין, וואו זיא פערפליכטעט זיך אויף איהר עהרע אין פער־לויף פון א געוויסע צייט צו הייראטהען מיט גראף אָרלאָוו.

פּאָטעמקין איז א פּערציטערטער געוואָרען, ווען ער האָט דיעזע ווערטער דערהערט. דיא ציינינערין האָט איהם געקוקט גלייך אין געזיכט און האָט גאנץ גוט געזעהן וויא ער איז טויט בלאס געוואָרען.

פּאָטעמקין האָט אלזאָ יעצט ערפאהרען איינע פון דיא וויכטיגסטע זאכען וואָס האָבען א שייכות מיט זיין גליקליכען לעבען. ער האָט ערפאהרען, אז יענער וויכטיגער דאָקומענט וואָס הענגט וויא א שווארצער וואָלקען איבער קאטהערינא'ס צוקונפט, געפינט זיך ביי דיעזער אָרימער פרוי, און ער האָט שיעור אָנגעהויבען טאנצען פון פרייד. ער וועט דעם דאָקומענט קויפען און וועט איהם ברענגען צו זיין ליעבע קאטהערינא אלס א קריסטמאס פּרעזענט. דאָס איז דער בעסטער געשאנק וואָס ער קען פאר איהר בעקומען. דאָס איז דיא שרעק־ליכע קייט, מיט וועלכע זיא האָט זיך אליין צוגעבונדען צו אָרלאָוו'ען, און ווען זיא וועט דיעזען דאָקומענט צוריק האָבען אין איהרע הענד, דאן ווערט זיא גלייך פּטור פון אָרלאָוו'ען פיר אימער און עביג און האָט מעהר ניט מורא צו

האבען פיר קיינע סקאנדאלען און סטראשונקעס, אונטער וועלכע זיא איז ביז יעצט אימער געוועזען אונטערוואָרפען.

— זיינט איהר איבערצייגט, ליעבע פרוי, האָט פּאָטעמקין געפרעגט אַנוועזענדיג אַלע קרעפטע זיך צו צייגען רוהיג, אז דער דאָקומענט איז ניט קיין געפעלשטער, אז ער איז געשריעבען און אונטערשריעבען פון דער קייזערין אליין?

— אין דעם קען דער מינדעסטער צווייפעל ניט זיין, האָט געענטפערט דיא פרוי. מיין זעליגער מאן איז געוועזען דיא עהרליכקייט אליין. ער האָט אין זיין גאנצען לעבען קיין פאלשען וואָרט ניט אויסגעשפּראָכען און אין דיא לעצטע מינוטען בעפאָר זיין טויט וואָלט ער מיך געוויס ניט וועלען בעטריגען. ער האָט געזאָגט, אז איך קען פאר'ן פּאפּיער קריעגען הונדערט טויזענד רובעל. אָבער, ליעבער גאָט! ווער דענקט דען וועגען אזוי פיעל געלד? איך וואָלט געוועזען פּאָלשטענדיג צופריעדען, ווען דיא קייזערין זאָל מיר דערפאר כאָטש פינף טויזענד רובעל געבען, אום איך זאָל זיך קענען עטוואָס העלפען אין מיין נויט.

— דאָס וועט איהר בעקומען, האָט פּאָטעמקין געענטפערט, און איך וועל אייך מיט פערגעניגען צולייגען נאָך א זעכסטען טויזענד רובעל. אָבער זאָגט מיר, האָט איהר שוין פיעלייכט יעמאנדען דעם פּאפּיער געצייגט אָדער אָנגע־באָטען צו פערקויפען?

— קיינעם אין דער וועלט ניט, ליעבער הערר, האָט איהם דיא פרוי פער־זיכערט. אויסער איך און מיין טאָכטער האָט קיין מענש דעם פּאפּיער ניט געזעהן. דעם פּאפּיער צו קויפען האָט קיינער קיין אינטערעסע ניט אויסער איהר מאיעסטעט דיא קייזערין און דער גראף אָרלאָוו. און דאָס קענט איהר זיכער זיין, מיין הערר, אז צום באנדיט אָרלאָוו וועל איך ניט געהן ווען איך זאָל אפילו וויסען אז אָט שטארב איך און מיין טאָכטער פאר א שטיקעל ברויט.

— ווארום?

— ערשטענס, ווייל ער איז א געפעהרליכער רשע. איך בין זיכער, אז ער וואָלט ביי מיר צוגענומען דעם פּאפּיער און וואָלט מיך נאָך דערפאר גוט אָנגע־הרג'עט און ארויסגעוואָרפען פון זיין הויז. צווייטענס, וואָלט איך קיינמאָל אָהן דער ערלויבניס פון דער קייזערין קיינעם דעם פּאפּיער ניט אוועקגעגעבען.

— זעהר גוט, האָט פּאָטעמקין צופריעדען בעמערקט. איך זעה, אז איהר זיינט א פיינע פרוי. קענט איהר מיר דעם דאָקומענט פיעלייכט נאָך היינט ברייגנען?

— ליעבער הערר, האָט דיא פערשטעלטע ציגיינערין געענטפערט. איך בין, וויא איהר זעהט, אן אלטע, שוואכע פרוי און פון פּעטערבורג ביז צארסקאָיע סעלאָ איז א וויטער מהלך. עס איז מיר זעהר שווער היינט נאָך אמאָל אהער צו קומען. איבערהויפּט אבענדס טרעפט מיר זעהר אָפט, אז איך פיהל שלעכט.

דיא עלטערע יאהרען בריינגען מיט זיך מעהר צרות וויא נחת. אבער איך קען איך שיקען מיין טאכטער. זאל זיא קומען דירעקט צו אייך אין פאלאסט?

פאטעמקין האט זיך אויף דער מינוט ניט געקענט בעשליסען וואס ער זאל איהר ענטפערען. אין פאלאסט וועט מען דאך באלד ערפאהרען, אז צו איהם איז געקומען א פרעמדע מיידעל, און ער וועט דאן מוזען אויסזאגען דער קייזערין דיא גאנצע געשיכטע. און ער האט דורכאויס געוואלט, ער זאל איהר מאכען א סורפריז. פאהרען אין שטאדט צוליעב דעם האט ער אויך ניט געוואלט און נאכדעם וויא ער האט א ווילע געטראכט האט ער ענדליך געזאגט:

— ניין, ליעבע פרוי! אין פאלאסט קען איך אייער טאכטער ניט עמפ־פאנגען. אבער פיעלייכט וואלט מעגליך געווען זיך מיט איהר ערגיץ צוזאמען צו טרעפען?

— ווייסט איהר וואס, הערר פאטעמקין, האט זיך דיא פרוי אבגערופען. ווייסט איהר וואס? איהר קענט דאך געוויס פעטער וועליקי'ס מאנומענט, ביי'ם וועג צווישען פעטערבורג און צארסקאיע סעלא. אויב איהר ווילט זיך בעמיהען היינט אכט אוהר אבענד קומען אהין, וועט שוין דארט מיין טאכטער אויף אייךווארטען.

— אכט אוהר אבענד, האט פאטעמקין געזאגט פערקלערט. עס וועט מיר אבער דאן זעהר שווער זיין אין דער פינסטער נאכצוזעהן, אויב דער דא־קומענט איז א ריכטיגער.

— איהר וועט זיך קענען נעהמען דעם דאקומענט אהיים נאכצוזעהן, האט דיא פערשטעלטע ציגיינערין געזאגט. איך פערלאנג ניט פון אייך באלד דאס געלד. איך גלויב אייך. מיין טאכטער וועט אייך געבען אונזער אדרעס און איהר וועט אייך נעהמען געזונדערהייד דעם דאקומענט צו הויז און נאכדעם וויא איהר וועט זיך איבערצייגען, אז אלעס איז ריכטיג, וועט איהר מיר דאס געלד אבשיקען. בין איך יוצא, מיין ליעבער הערר?

— איהר זיינט אן עהרליכע פרוי. בעסער קען גאר ניט זיין. עס איז אלזא אלעס גענענדיגט. היינט אכט אזייגער ביי נאכט וועל איך קומען צום מאנומענט און איך האף, אז אלעס וועט זיין וויא איהר זאגט.

— דאס קענט איהר זיכער זיין, מיין ליעבער הערר, איך האב נאך אויף מיין לעבען קיין ליעגען ניט געזאגט. אזוי איז געווען מיין מאן, אזוי בין איך און אזוי איז מיין טאכטער.

דיא פערמאסקירטע ציגיינערין האט מיט אזוי פיעל ערנסט דיא לעצטע ווערטער געשפראכען, אז פאטעמקין האט דעם מינדעסטען צווייפעל מעהר ניט געהאט, אז ער וועט ביי זיך אין האנד באלד האבען יענעם דאקומענט וואס וועט קאטהערינא'ן אויף עביג בעפרייען פון'ם ווילדען ארלאוו'ען, וועלכען זיא האט געהאסט וויא דעם טויט.

ערשט ווען פאטעמקין איז אוועקגעגאנגען האט זיך אויף׳ן געזיכט פון דער ציגיינערין בעוויעזען א טיפעלשער אויסדרוק פון פרייד. זיא האט מיס־טערהאפט דורכגעפיהרט דיא שליחות פון׳ם אלטען גראף ארלאוו.

— אזא שטיקעל ארבייט דורכצופיהרען קען נור מארפא, האט זיא צו זיך אליין געמורמעלט און האט הארציג געלאכט.

17טער קאפיטעל

אייפערזוכט.

פאטעמקין איז געוועזן דעם גאנצען טאג אויפגערעגט. ער האט מיט אונגעדולד געצעהלט דיא מינוטען און דיא שטונדען עס זאל שוין וואס שנעלער נאכט ווערען, ער זאל שוין האבען דעם דאקומענט ביי זיך אין פאקעט.

ער האט אנגעווענדעט אלע קרעפטע, קאטהערינא זאל זיין אויפרעגונג ניט בעמערקען, אבער דאס איז איהם ניט געלונגען. וועהרענד זיי זיינען ביידע געזעסען ביי׳ם טיש צו דינער האט זיא איהם בעטראכט מיט איהרע שארפע בליקען און האט ביי איהם געפרעגט:

— דו זעהסט אויס אזוי אויפגערעגט, מיין לעבען, וואס איז מיט דיר? האט דיך ווער עס איז בעליידיגט? דו זאג עס נור מיר און וועה וועט זיין צו דעם יעניגען וואס וואגט זיך דיין כבוד אנצוריהרען.

— ס׳איז גאר נישט, מיין ליעבע קאטהערינא! ווען יעמאנד זאל מיך בעליידיגען מעגסט דו זיין זיכער, אז איך בין מאן גענוג זיך אליין אבצורעכענען פיר מיין עהרע. דארויף טראג איך א שווערד.

— אה, ניין, ניין, טהייערער! דיין שווערד זאלסט דו קיינמאל ניט בענוצען, ווייל ווען דו וועסט נוצען א שווערד, וועט דאך יענער אויך נוצען דאס זעלבע און וואס וועט זיין ווען יענער וועט זיעגען? אה, ליעבלינג, ווען מען זאל דיך חלילה טויטען, ווייס איך ניט וואס פון מיר וואלט דאן געווארען!

— דו וואלסט א קורצע צייט געוויינט און געביינקט און דאן וואלסט דו פערגעסען.

— דיך פערגעסען! אה, אלעקסאנדער, וואס זאגסט דו? גאט איז מיין עדות, אז נאך דיר וואלט איך מיין גאנצען לעבען קיין טרייסט ניט געפונען. וויא קען מען פערגעסען דעם יעניגען, אהן וועלכען דיא וועלט איז לעער און וויסט? ניין, אלעקסאנדער, איך וועל דיך ליעבען ביז דער לעצטער מינוט פון מיין לעבען.

— און איך, האט פאטעמקין אויסגערופען מיט א הייסען געפיהל, איך וועל עביג בלייבען דער טרייער דיענער פון מיין קאטהערינא.

— דיענער! ניין, מיין לעבען, דו ביסט ניט מיין דיענער, דו ביסט מיין הערר, האט זיא אויסגערופען און האט איהם א קוש געטהאן אין שטערן.

דיא ליעבענדע האָבען זיך געשיידעט. פּאָטעמקין איז אוועקגעגאנגען אין זיינע צימערען און דיא קייזערין איז אוועק אין כינעזישען זאאל טרינקען קאפע צוזאמען מיט איהרע הויף־דאמען.

ביי דיא דאָזיגע קאפע שטונדען פלעגט מען געוועהנליך זעהר לוסטיג צו־ברענגען. דיא קייזערין האָט ערלויבט, אז אין דער צייט זאָל מען קיין עטיקעטע ניט היטען. יעדע פון דיא הויף־דאמען האָט געמעגט פריי רעדען וואָס ס'איז איהר נור איינגעפאלען. געוועהנליך פלעגען דיא דאמען בענוצען דיא דאָזיגע שטונדען פון פרייהייט אום בעטען ביי דער קייזערין פערשיעדענע געפעליג־קייטען. זאָגאר שידוכים א סך זיינען געשלאָסען געוואָרען אין דיעזע קאפע שטונדען, ווען יעדע דאמע האָט זיך בעראטהען מיט דער קייזערין וועגען פאַ־מיליען־אנגעלעגענהייטען.

דיא כינעזישע זאאל וואָס פלעגט פאר דיא קאפע שטונדען בענוצט ווערען, איז געווען איינע פון דיא וואונדערבארסטע צימערען אין דער וועלט. דיא ווענד זיינען געווען פון כינעזישע זייד, רונד ארום בעשטעלט מיט גרויסע פּאלמען. איבעראל זיינען געשטאנען קליינע קונסטפאָלע טישלעך און טאבורעטען וואָס זיינען געווען אזוי לייכט, אז זאָגאר דיא צארטע דאמען־הענד האָבען זיי לייכט געקענט איבערטראָגען פון איין אָרט אויף'ן אנדערען.

אויבען אָן איז געווען א סאָרט ביהנע וואו ס'איז געשטאנען א קליינער עלעפאנט, געארבייט דורכאויס פון עלעפאנט ביין מיט גאָלדענע בעפוצונג. אויף'ן עלעפאנט איז געווען א קליינע זאָפא אויף וועלכער דיא קייזערין איז געזעסען האלב אָנגעלעהנט, וועהרענד דיא האָף־דאמען האָבען זיך גרופּירט ארום איהר ביי קליינע טישלאך.

יעדען טאָג האָט אָן אנדער דאמע געהאט דיא עהרע דיא קאפע פּאָרצובע־רייטען. אין איין ווינקעל פון זאאל איז געשטאנען א גרויסע קונסטפאָלע מאשין, וואָס מען האָט עקסטרא געבראכט פון פאריז, א מאשין צו קאָכען און האלטען היים דיא קאפע.

היינט איז דיא קאפע מאכערין געווען דיא פירסטין נאטאליא סאלטיקאָוו, איינע פון דיא העכסטע אדעל פאמיליען אין רוסלאנד. זיא איז געווען א בע־ריהמטע שעהנהייט. בלאָנד, שלאנק געוואקסען, און א מערקווירדיגער חן האָט גערוהט אויף אלע איהרע גליעדער.

— נאטאלקא, מיין ליעבלינג, האָט איהר דיא קייזערין געזאָגט מיט א שמייכעל, פערגעסט ניט אריינצושיטען דיא קאפע וועהרענד דיא וואסער קאָכט, וויל וואסער אָהן קאפע שמעקט ניט גוט, בעהויפּטען דיא וועלט־פילאָזאָפען.

— דיא דאמען האָבען זיך צולאכט און נאטאליא האָט אויך מיטגעלאכט און האָט גאנץ לוסטיג געענטפערט:

— מאיעסטעט, ווען איך זאָל אזא זאך פערגעסען וואָלט עס אויסגעקומען

פונקט אזוי וויא איך זאָל ארויסגעבען א בעפעהל צו פערבעסערען דיא לאגע פון דיא שקלאפען אויף מיינע גיטער און דיא בעאמטע זאָלען דעם בעפעהל ניט ערפילען.

דאָס איז געווען א קאפוליער אָנצוהערעניש דער קייזערין זעלבסט. וועל־כע האָט שוין אייניגע אוקאזען ארויסגעגעבען, אז מען זאָל דיא שקלאפען אין רוסלאנד בעסער בעהאנדלען און דיא בעאמטע אזוי גוט וויא דיא פּאָמעשטשי־קעס האָבען זיך געמאכט ניט ווייסענדיג.

ביי אן אנדער צייט וואָלט דיא יונגע פירסטין זיך ניט געוואגט אזעלכע זאכען צו רעדען, אָבער אין דער צייט פון דיא קאפע שטונדען איז אלעס געווען ערלויבט. קאטהערינא האָט זאָגאר דארויף געענטפערט מיט א שמייכעל, אז עס פרייט זיא, ווען מען קומט ארויס אָפען געגען איהר און מען זאָגט איהר אלעס וואָס ווערט געפיהרט ניט ריכטיג אין איהר מדינה.

דער פראכטפאָלער אראָמאט פון דער טהייערער קאפע האָט זיך באלד פערשפרייט איבער'ן גאנצען צימער. דיא יונגע פירסטין האָט צוגעטראָגען א טאסע קאפע אויף א גאָלדענעם טאבלעט צו דער קייזערין, וועלכע האָט דיא ערשטע אָנגעהויבען טרינקען. דאן האָבען שוין דיא אנדערע אויך געקענט טרינקען.

— יעצט, מיינע דאמען, האָט דיא קייזערין אויסגערופען מיט א לוסטיגען טאָן, דערצעהלט מיר, וואָס גיבט עס נייעס ביי'ם הויף? לאָמיר אביסעל פּלוידערען. וואָס רעדט מען עפּעס וועגען מיר? האָט מען פיעלייכט ווידער עטוואָס אויסצוזעצען געגען מיר? איין כלל זאָלט איהר אימער האָבען, מיינע ווערטהע דאמען, א קייזערין איז אויך מעהר ניט וויא א מענש און קען קיינמאָל ניט יוצא זיין פאר אלעמען. דעם גיט זיא צופיעל און דעם צו ווייניג. מיט איי־נעם האָט זיא גערעדט נור צעהן ווערטער און מיט'ן אנדערן עלף. און אזוי ווערט דיא קייזערין א. שלעכטע און וואָס מעהר זיא בעמיהט זיך פריינדע צו בעקומען, אלץ מעהר שונאים בעקומט זיא.

— מאיעסטעט, האָט אויסגערופען דיא צערעמאָניע מייסטערין, איהר זאָלט אייך גאָר ניט ערגערען, מיר אלע וועלכע זיינען יעצט דאָ זיינען אייך אמת'ע פריינדע.

— איך ווייס, איך ווייס, האָט קאטהערינא געלאכט, אָבער וואָס איז עפּעס מיט דיא וואָס זיינען דאָ ניטאָ? איך וויל ווירקליך הערען עטוואָס נייעס, איך וויל זיך אביסעל אונטערהאלטען, מען קען דאך ניט עביג נור פילאָזאָפירען איבער אידעאלען, דיא וועלט איז אויך עפּעס.

— אָה, יא, איך ווייס א אינטערעסאנטע נייעס, האָט זיך ארויסגעכאפּט דיא יונגע פירסטין נאטאליא, אָבער איך האָב מורא —

— קיין מורא, מיין ליעבעס קינד, האָט קאטהערינא געזאָגט מיט א ליעב־

ליבען שמייכעל. מען וועט אויף אייך קיין פאראיבעל ניט האָבען. עס זיינען דאָ מענשען וואָס בעגעהען דיא גרעסטע דומהייט און דאָך איז מען דערפאר אויף זיי קיינמאָל ניט בייז.

אלע דאמען האָבען פערביסען דיא ליפען מיט שפּאָט. דיא יונגע פירסטין, נאטאליא סאלטיקאָוו, טראָטץ דעם וואָס זיא איז געוועזן א זעלטענע שעהנהייט, און זעהר אן עהרליכע און נאָבעלע דאמע, איז זיא אָבער געוועזן אביסעל נאריי־שעוואטע און זעהר איינפאך. זיא האָט ניט פערשטאנען וויא אום צו געהן אין דיעזע קרייזען און וויא צו היטען דיא הויף עטיקעטע.

— אלזא, איהר ווייסט עטוואָס נייעס, נאטאליא? האָט דיא קייזערין געפרעגט נאָך אמאָל.

— יא, אָבער —

— קיין אָבער. ארויס מיט דער שפּראך! וועגען וועמען האנדעלט עס זיך?

— וועגען א מאן, האָט נאטאליא אויסגערופען אין פערלעגענהייט.

— אלזאָ וועגען א מאן, זעהר שעהן, האָט קאטהערינא געזאָגט לאכענדיג, מיינע דאמען, איהר הערט? פירסטין נאטאליא האָט אונז עפּעס צו דערצעהלען וועגען א מאן.

— יא, אָבער א דאמע איז דאביי אויך געוועזן, האָט דיא יונגע פירסטין געשטאמעלט. זיא האָט ערשט יעצט איינגעזעהן אז זיא האָט בעגאנגען א גרויסע נארישקייט און אז עס וואָלט פיעלייכט א סך בעסער געוועזן זיא זאָל אין גאנצען געוועזן שווייגען.

— נאטירליך, האָט קאטהערינא אויסגערופען, וואו ס'איז דאָ א מאן דאַרף מוז אויך זיין א פרוי. וויא מיינט איהר, מיינע דאמען, איז דאָס ניט אזוי?

— געוויס! געוויס! האָבען אלע געלאכט.

— און דיעזער מאן מיט דער פרוי האָבען זיך וואהרשיינליך צוזאמענגע־טראָפען, וויא דער מנהג איז, האָט דיא קייזערין ווייטער געזאָגט.

— יא מאיעסטעט, זיי האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען.

— זעלבסטפערשטענדליך, האָט קאטהערינא געלאכט, א מאן און א פרוי טרעפען זיך אימער צוזאמען, געוועהנליך דורך א צופאל. און וואו איז דיעזער צופאל פאָרגעקומען?

— אין פארק, מאיעסטעט.

— אין פארק? און געוויס אין יענער שטונדע ווען דער געהיימניספאָלער שלייער פון אבענד האָט זיך פערשפרייט איבער דיא בוימער, וויא דיא פּאָעטען זאָגען.

— איך בעט אייך, מאיעסטעט, אום פערציהונג, דאָס מאָל האָט איהר ניט געטראָפען. דער הערר און דיא דאמע האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען גראדע

היינט אין דער פריה ביי'ם טייך פון פארק און האָבען זיך באלד צוריקגעצויגען הינטער דיא בוימער.

— אייער געשיכטע איז גאַנץ אינטערעסאנט, נור איהר דערצעהלט זיא ניט גוט, וויא איך פערשטעה. זאָגט ווער איז געוועזען דיא דאמע וואָס האָט אזוי פריה שפּאַציערט אין אונזער פּארק מיט א העדר?

— דאָס ווייס איך ניט. איך האָב זיא ניט געקענט דערקענען. זיא האָט געטראָגען א געדיכטען שלייער.

— וויא פאָרזיכטיג! האָט דיא קייזערין בעמערקט מיט א סארקאסטי־שען טאָן, אָבער דער מאַן, דער קאוואליער וואָס האָט ראָמאַנסירט מיט דער דאמע הינטער דיא בוימער, האָט ער אויך געטראָגען א שלייער?

— ניין, מאַיעסטעט. איהם האָב איך געזעהן און איך קען איהם.

— דאַן זאָג מיר זיין נאָמען.

נאטאליא איז געבליעבען שטיל. איהר ליעבליכע געזיכט איז געוואָרען רויט און איהרע שעהנע ליפּען זיינען עטוואָס בלאס געוואָרען.

— איך פרעג אייך נאָך אמאָל, האָט דיא קייזערין געזאָגט שוין מעהר ערנסט, ווער איז דער מאַן וואָס האָט געשפּיעלט דיא ראָלע אין'ם ראָמאַן פון הינטער דיא בוימער?

— מאַיעסטעט, איך האָב דאָך גאָר ניט געזאָגט וועגען ליעבע אָדער וועגען ראָמאַן.

— איהר הערט, מיינע דאמען, האָט קאטהערינא אויסגערופען, אונזער נאטאליא גלויבט וואהרשיינליך אז א העדר און א דאמע קומען צוזאמען אין פּארק אין א צוואַנציג־גראַדיגען פראָסט אום צו רעדען וועגען קונסט און ווי־סענשאַפט. פירסטין, ווילט איהר ענדליך זאָגען ווער איז געוועזען דער העלדישער קאוואליער וואָס האָט ריזיקירט זיך צו פערקיהלען אום זיין געליעבטע צו זעהן?

— דאָס איז געוועזען, אָה, מאַיעסטעט, איך בעט אייך ערלויבט מיר איך זאָל דעם נאָמען ניט אויסזאָגען.

— ניין, מיין קינד. קיינער אין דער וועלט איז ניט אזוי נייגעריג וויא א קייזערין. איך בעפעהל אייך נאָך אמאָל, איהר זאָלט מיר זאָפאָרט זאָגען דעם נאָמען.

— אָה, מיין גאָט, וואָס האָב איך געטהאָן? האָט נאטאליא געשטאמעלט און טהרערען האָבען זיך איהר אין דיא אויגען בעוויעזען. מאַיעסטעט, יעצט זעה איך וואָס פיר א דומהייט איך האָב בעגאַנגען מיט מיין פּלוידערען. האָט מיטלייד, פאָרדערט ניט איך זאָל זאָגען יענעמ'ס נאָמען.

— פירסטין נאטאליא, האָט דיא קייזערין געזאָגט שוין מיט א בייזען טאָן, ענטוועדער איהר זאָגט מיר גלייך דעם נאָמען, אָדער איך פערשיק אייך היינט צוריק אויף אייערע גיטער, אלס א פּערזאָן וואָס פערשטעהט ניט וויא

זיך צו בענעהמען אין א קייזערליכען הויף. אלזא, צום לעצטען מאָל, דער נאָמען פון יענעם מאן?

— דאָס איז געווען גענעראל מאיאָר פּאָטעמקין.

א טויטע שטילקייט איז געוואָרען אין צימער, אלע שעהנע הויף־דאמען האָבען אויפגעהערט צו אטהעמען, וויא זיי וואָלטען פערוואנדעלט געוואָרען אין שטיינערנע געשטאלטען.

דיא קייזערין איז אויפגעשפּרונגען וויא א שלאנג וואָלט זיא פּלוצים א ביס געטהאָן, דאן איז זיא צוריקגעפאלען אויף דער זאָפא בלאס וויא דער טויט וועהרענד איהרע שעהנע אויגען האָבען שטרענג געקוקט אויף נאטאליא׳ן.

דאָך האָט דיזע מערקווירדיגע פרוי מיט איהר אייזערנע ווילענס קראפט זיך באלד בעהערשט און מיט א מאיעסטעטישען שטאָלץ האָט זיא זיך לאנגזאם אויפגעהויבען און גאנץ רוהיג געזאָגט:

— איך גלויב, נאטאליא, אז איהר האָט געמוזט א טעות האָבען. אלעקסאנדער פּאָטעמקין איז יעצט אימער בעשעפטיגט מיט שטודירען דיא מיליטערישע וויסענשאפט און ס׳איז ניט מעגליך ער זאָל זיך פערגינען אבּרייסען יעצט צייט אויף אזעלכע דומהייטען. מיינע דאמען, איך דאנק אייך פאר דיא אנגענעהמע אונטערהאלטונג, דיא קאפּע שטונדע איז געענדיגט.

דאביי איז דיא קייזערין שנעל ארויס פון צימער, וועהרענד צוויי הויף־דאמען האָבען פאר איהר דיא טיהר געעפענט. זיא האָט אָבער אויף זיי אפילו ניט געקוקט. ס׳איז געווען לייכט צו בעמערקען, אז א ברענענדער פלאם האָט געפלאקערט ביי איהר אין הארצען.

— אונגליקליכע, וואָס האָט איהר געטהאָן? האָט דיא האָף־מייסטערין זיך געווענדעט צו נאטאליא׳ן. איהר האָט דאָך דער קייזערין׳ס הארץ צובראָכען.

—אָה, מיין גאָט! האָט נאטאליא אויסגערופען און איז מיט א היסטערישען געוויין געפאלען אויף׳ן נעבסטען שטוהל. איך האָב דאָך אָבער געזאָגט דעם אמת, דאָס וואָס איך האָב מיט מיינע אויגען אליין געזעהן.

— עס מאכט גאָר ניט אויס. איך האָב אייך שוין טויזענד מאָל געזאָגט, אז אין קייזערליכען הויף טאָר מען דיא וואהרהייט אויך ניט זאָגען, האָט זיך דיא דאמע געבייזערט. יעצט זיינט איהר ביי איהר מאיעסטעט געפאלען אויף ניין־און־ניינציג פּראָצענט. איהר מעגט שוין אוועקפאָהרען צוריק אהיים און עס וועט פאר אייך פיעל בעסער זיין, זיא זאָל אייך שוין מעהר ניט זעהן.

— דאָס וועל איך אייך פאָלגען, האָט נאטאליא געזאָגט מיט פולע אויגען טהרערען. נאָך היינט וועל איך אָבּרייזען. אָה, גאָט, וויא גליקליך בין איך מיר געווען דאָרט אין דער איינזאמקייט, צווישען מיינינע. דאָרט קען איך אם וויינינסטען זאָגען דעם אמת ווען און וואו איך וויל.

אין דעם זעלבען אויגענבליק האט זיך דיא טיהר געעפענט און דער קייזערין'ס קאמערדינער איז אריינגעקומען.

— פירסטין נאטאליא סאלטיקאוו, האט ער געזאגט מיט א שטרענגען טאן, איהר מאיעסטעט וויל אייך זאפארט זעהן.

דיא יונגע, שעהנע פירסטין איז אויפגעשטאנען בלאס וויא קאלך און קוים וואס זיא האט דיא פיס געקענט מיטשלעפען איז זיא ארויס פון צימער, וועהרענד דיא אנדערע דאמען האבען איהר נאכגעקוקט וויא מען וואלט זיא פיהרען צום עשאפאט.

געהענדיג מיט'ן קאמערדיענער, האט נאטאליא אלע איהרע קרעפטען אנגעווענדעט זיך צו בערוהיגען. לויט דער עטיקעטע פון קייזערליכען הויף איז שטרענג פערבאטען זיך צו בעווייזען פאר דער קייזערין מיט פערוויינטע אויגען. ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין קאבינעט האבען זיי געפונען דיא קייזערין זיצען ביי איהר שרייב־טיש, איינגעבויגען איבער פאפיערען, פונקט וויא עס וואלט גאר קיין זאך נים געשעהן. אויף איהר וואונק איז דער קאמערדיענער ארויסגעגאנגען, וועהרענד דיא פירסטין איז געבליעבען שטעהן ביי דער טיהר.

א פאר מינוטען זיינען פערבייגעגאנגען ביז קאטהערינא האט זיך ענדליך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צו נאטאליא'ן.

ווען דיא יונגע פירסטין האט א קוק געטהאן אויף דער קייזערין איז זיא א פערציטערטע געווארען. דיא אימער לוסטיגע קאטהערינא איז יעצט געווען אזוי טרויעריג, אזוי בלאס, אז נאטאליא האט דעם צער נים געקענט צוזעהן און איז אנידערגעפאלען אויף דיא קניע מיט א ביטער געוויין:

— אה, מאיעסטעט, פערצייהעט מיר!

— שטעהט אויף, פירסטין! האט דיא קייזערין בעפעהלען מיט א ריהרענדע שטימע. וויינט נים. טהרערען זיינען נור א צייכען פון שוואכקייט. איהר האט געדארפט וויסען פריהער וואס יא צו רעדען און וואס נים. שטעהט אויף!

לאנגזאם האט נאטאליא זיך אויפגעהויבען און אלע איהרע גליעדער האבען געציטערט.

— יעצט וויל איך פון אייך איין זאך וויסען, נאטאליא. זאגט, איז דאס אלעס וואס איהר האט דערצעהלט געווען דיא וואהרהייט?

און ביי דיזע ווערטער האט קאטהערינא אויף איהר געווארפען איינעם פון יענע בליקען פאר וועלכע דער גאנצער הויף האט געציטערט, א בליק וואס ברענט וויא פייער און דרינגט אריין יענעם טיעף אין דער נשמה.

נאטאליא האט דאן מיט איהר ריינע אונשולדיגע שטימע געענטפערט:

— מאיעסטעט, אזוי ריכטיג וויא מיר האבען א גאט אויף דער וועלט, אז איך האב דיא פאלשטענדיגע וואהרהייט דערצעהלט.

קאטהערינא האט דאן ארויפגעלייגט איהר קלאהר ווייסע האנד אויף דער פירסטין'ס בלאנדע האאר און האט מיט א הערצליבע-פריינדליכקייט געזאגט:

— דאן דארפט איהר זיך ניט שרעקען, און האט ניט וואס מורא צו האבען. ניין, מיין קינד, ווייגט ניט. אייער קייזערין בלייבט אייך ניט נור גנעדיג, נור אויך דאנקבאר פאר אייער מיטטהיילונג.

— אבער איך וועל מיר קיינמאל ניט קענען פערצייהען, האט די יונגע פירסטין געשטאמעלט, דאס וואס איך האב אייך אזוי פיעל פערדרוס פערשאפט, אין דער צייט וואס איך ליעב אייך בעסער פון מיין לעבען. פאר וואס קומט עס מיר דער אונגליק, אז גראדע איך זאל זיין דער שליח צו פערשפרייטען א פינסטערען שאטען אויף'ן גליק פון אייער מאיעסטעט?

— שאטען! ניין, קינד. אין שאטען געפינט זיך נור דער וואס וויל ניט זעהן די ליכט פון דער ווארהייט. אבער זייט זיכער, אז קאטהערינא, די קייזערין פון רוסלאנד וועט זיך ניעמאלס בעהאלטען פון דיעזער ליכט, ווען איך זאל זאגאר פערברענט ווערען אונטער די ברענענדע שטראהלען, און גראדע דאריבער וויל איך אלעס וויסען. זאגט מיר, נאטאליא, איז יענע דאמע, מיט וועלכער פאטעמקין האט געשפראכען געווען יונג און שעהן?

— דאס וויים איך ניט. איך האב אייך שוין ערקלערט, אז די דאמע איז געווען פערשלייערט.

— נאטירליך האט זיא דאס געטהאן ספעציעל צוליעב דעם מען זאל זיא ניט דערקענען. דאך איהר געשטאלט האט איהר דאך געמוזט בעמערקען.

— אויך דאס האב איך ניט בעמערקט. איך בין אזוי איבערראשט גע־ווארען, אז איך האב אויף איהר אפילו קיין קוק ניט געטהאן.

— האט איהר געהערט וואס פאטעמקין האט איהר געזאגט? איך ווארן אייך נאך אמאל, איהר מוזט מיר די ריכטיגע ווארהייט ערקלערען.

— איך האב געהערט, האט נאטאליא מיט א שוידער אויסגערופען, וויא דער גענעראל מאיאר האט צו איהר געזאגט: אלזא, איך וועל קומען היינט אבענד, ריכטיג אכט א זייגער, צום מאנומענט פון פעטער וועליקי, ביי'ם ווענ־ פון צארסקאיע סעלא נאך פעטערבורג. ווען ער האט דאס צו איהר געזאגט, בין איך גראדע פערבייגעגאנגען דארט וואו זיי זיינען געשטאנען הינטער'ן בוים. זיי האבען מיך וואהרשיינליך ניט בעמערקט.

צוויי גרויסע פערל טהרערען האבען זיך בעוויזען ביי דער קייזערין אין איהרע שעהנע אויגען. און אזוי וויא פאלענדיג האט זיא זיך צוריקגעזעצט אויף איהר שטוהל ביי'ם שרייב-טיש און אנגעשפארט איהר ברענענדען קאפ אויף ביידע הענד. פולע פינף מינוט זיינען אזוי פערבייגעגאנגען, דאן האט זיא א וואונק געגעבען די יונגע פירסטין זאל צו איהר נעהענטער צוגעהן און האט ביי איהר געפרעגט מיט א ציטערענדע שטימע:

— אלזא, דארט ביי'ם מאנומענט? און מעהר האט איהר גאר ניט גע־הערט, נאטאליא?

— ניין, מאיעסטעט, ניט א ווארט מעהר.

— און איהר האט אויך ניט געזעהן, אז ער — איהר ווייסט דאך וועמען איך מיין — וויא האט ער זיך מיט איהר בענומען? איז אין זיין מינע געווען א ליעבליכקייט? האט ער זיך מיט איהר געקושט ביי'ם אוועקגעהן?

— ניין, מאיעסטעט, אם ווייניגסטען האב איך עס ניט געזעהן. קיין ליגען וועל איך ניט זאגען.

— ליעבע קינד, האט קאטהערינא ווידער אנגעפאנגען נאך א פאאר מינוטען קלערען. איך דאנק אייך פאר אייער מיטטהיילונג און פערזיכער אייך נאך אמאל מיין קייזערליכע גנאדע.

— מאיעסטעט, איך בעט אייך, ערלויבט מיר אבצורייזען. איך פיהל, אז מיין פלאץ איז ניט אין דיעזען גלענצענדען הויף. איך וואלט וועלען צוריק־קעהרען אויף מיינע גיטער.

— און איך ערלויב דאס אייך ניט, האט דיא קייזערין געזאגט בעשטימט. איך וויל איהר זאלט בלייבען ביי מיר, נאטאליא. דען ליידער האב איך ארום מיר גאנץ ווייניג מענשען מיט אזעלכע עהרליכע געפיהלען וויא אייערע. יעצט קענט איהר געהן. אבער איהר מוזט וועגען אונזער געשפרעך מיט קיינעם א ווארט ניט רעדען. איהר הערט? קיין איינציגען ווארט.

— מאיעסטעט, ביי'ם אנדענקען פון מיין זעליגער מוטער שווער איך — איך וועל שווייגען.

קאטהערינא האט דאן דיא יונגע פירסטין א קוש געטהאן אין שטערן און דאמיט איז נאטאליא ארויס פון צימער און דיא קייזערין איז געבליעבען אליין.

— אה, גאט! גרויסער גאט! האט דאן דיא גרויסע קייזערין אויסגע־בראכען מיט א שמערצליכען געוויין. וועה האט עס געקענט ערווארטען, אז ער זאל מיך אזוי ברוטאליש פערראטען? ער, וועמען איך האב אזוי טריי, אזוי הערצליך און אזוי טיעף געליעבט! אבער וואס זאג איך, אז איך האב געליעבט? האט זיא אויסגערופען מיט גרויס פערצווייפלונג. איך ליעב איהם נאך יעצט אויך און וועל איהם עביג מוזען ליעבען, ווען ער זאל אפילו זיין דער ערגסטער, דער שענדליכסטער מענש.

„אט דאס איז מיין ביטערער שיקזאל, האט זיא צו זיך אליין געמורמעלט, איך קען ניעמאלס געפינען א הארץ וואס זאל מיך עהרליך ליעבען! אה, בעסער וואלט איך געווען א פראסטע און איינפאכע פרוי און געלעבט מיט מיין מאן אין אן ארימע הייזעל! קרוין, הערשאפט, רייכטהום, מאכט — דאס אלעס האט גאר קיין ווערדע ניט. קיין ליעבענדע הארץ קען מען דערפאר ניט קויפען.

„איך בעזיץ אלעס אויף דער וועלט, נור דאס איינציגע ניט, און גראדע דאס

נאָך וועלכען איך דורשט מיט אזא פייער, אז מיט אלע ימים קען מען עס ניט פערלעשען. איך בין אויף מיין גאָלדענעם טהראָן דיא אונגליקליכסטע פרוי אין דער וועלט!

ענדליך האָט קאטהערינא אָנגעפאנגען איהרע געפיהלען צו בעהערשען און זיך עטוואָס צו בערוהיגען. זיא איז ארויסגעגאנגען אין צווייטען צימער, האָט זיך אָבגעוואשען איהר פערוויינטע געזיכט און דאן האָט זיא זיך געשטעלט נעבען גרויסען קריסטאל שפיעגעל און האָט געבראכט אין אָרדנונג איהרע פראכטפאָלע האָאר, אזוי לאנג ביז ס'איז ווירקליך אויף איהר מעהר ניט געווען צו בעמערקען קיין צייכען פון טרויער און אויפרעגונג.

זיא איז דאן צוריק אריינגעגאנגען אין איהר קאבינעט, האָט אָנגעקלונגען, און ווען דער קאמערדיענער איז אריינגעקומען האָט זיא איהם געהייסען אריינ־בעטען צו איהר דעם גענעראל מאיאָר פאָטעמקין.

— פיעלייכט האָט נאטאליא גאָר א טעות געהאט, האָט זיא געמורמעלט מיט ציטערענדע ליפּען. טאָמער איז דאָס גאָר ניט געווען אלעקסאנדער? מען טאָר א מענשען ניט פעראורטהיילען אזוי לאנג ביז מען דערגעהט ניט דיא זאך אויף ריכטיג. דאָס הארץ פון א ליעבענדע פרוי וויל ניט גלויבען קיין שלעכטעס אויף איהר געליעבטען. און אזוי לאנג וויא עס איז נאָך דאָ דער קלענסטער שטראהל פון האָפנונג וויל איך נאָך גלויבען, אז מיין אלעקסאנדער האָט מיך ניט אָבגענארט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דיא טיהר געעפענט און פאָטעמקין איז אריינ־געקומען.

קאטהערינא האָט אויף איהם א בליק געוואָרפען. וויא וואונדערבאר שעהן ער איז! גראדע יעצט האָט ער אויסגעזעהן אין איהרע אויגען נאָך רייצענדער און שעהנער וויא אימער.

— אָה, גאָט! האָט זיא געטראכט, איז דאָס מעגליך, אז דיעזער שעהנער מלאך טראָגט אין זיך א טייפלישע הארץ?

פאָטעמקין איז געבליעבען שטעהן ביי דער טיהר מיט א מיליטערישע בעגריסונג פאר דער קייזערין. ער פלעגט איהר אימער צייגען דיעזע עלעגאנטע העפליכקייט און דאן צוגעהן צו איהר און זיא א קוש טהאָן אין שטערן.

אויך יעצט האָט ער דאָס זעלבע געטהאָן, אָבער ער איז א פערציטערטער געוואָרען, ווען ער האָט דערפיהלט, אז איהר שטערן איז אזוי קאלט וויא א שטיק אייז.

— וואָס זאָל דאָס בעדייטען? האָט ער אויסגערופען דערשראָקען. דיין שעהנער שטערן איז קאלט וויא א שטיק אייז און — קאטהערינא, ליעבע קאטהערינא, וואָס איז מיט דיר? וואָס ציטערסט דו אזוי? ביסט דו קראנק, נשמה? אָה, טהייערע, זיי ניט קראנק, איך וועל עס ניט אריבערטראָגען!

דיא קייזערין האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען און האָט געקוקט אויף פּאָטעמקין׳ען מיט פאַרשענדרע בליקען.

— ווען קאטהערינא וועט זיין קראנק און וועט שטארבען, וועט פּאָטעמקין זיך גאנץ ווייניג צום הארצען נעהמען. ער וועט אָהן איהר אויך לעבען און גליקליך זיין.

— זאָל גאָט אָבהיטען, קאטהערינא! וואָס פאר א שרעקליכער געדאנק דיר איז יעצט אין קאָפּ אריין! זאָלסט וויסען, איך זאָג עס דיר גאנץ ערנסט, אז דו ביסט מיין זון, מיין ליכט, מיין קרוין, מיין איינציגע נשמה! אָה, טהייערע, רעד ניט אזעלכע ווערטער. קום, זעץ זיך מיט מיר אויף׳ן דיוואן, איך וועל דיך פעסט ארומנעהמען און צו מיין הארצען צודריקען, איך וועל דיך דער־ווארעמען. אך, וויא א גערן וואָלט איך פאר דיר מיין גאנצען לעבען אָפּפערען!

דאביי האָט ער זיא צוגעצויגען צו זיך אויף׳ן דיוואן און זיא האָט ארויפ־געלייגט איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט. זיא האָט צוגעשלאָסען דיא אויגען, אום זיא זאָל אם וויינגסטען אויף א פּאָר מינוט אלעס פערגעסען. זיא האָט ווירקליך געפיהלט וויא עס ווערט איהר היים און קאלט אזוי וויא ביי׳ם אָנפאנג פון א פיעבער. אָנפאנגס איז איהר איינגעפאלען א געדאנק איהם אלעס אָפען דער־צעהלען און איהם ערקלערען וויא שווער איהר הארץ ליידט פון דעם פערדאכט אויף איהם. אָבער אין זעלבען מאָמענט האָט זיא א קלער געטהאָן: צו וואָס זאָל זיא עס טהאָן? וועט ער זיך דען מודה זיין? וועט ער דען זאָגען דעם אמת? אָה, די מענער! זיי האָבען שטארקע נערווען און קענען זיך אימער פון אלע שוועריגקייטען ארויסדרעהען, ווערהענד א פרוי איז שוואך; באלד גיסט זיא מיט טהרערען.

— אָבער ניין, האָט זיא געטראכט, איך וועל ניט זיין גלייך מיט אלע פרויען. איך וועל אויסגעפינען דיא ווארהייט מיט א גאנץ אנדער פּלאן.

— דו האָסט רעכט, פּאָטעמקין, האָט קאטהערינא ענדליך געזאָגט, איך פיהל ווירקליך יעהר שוואך. איך דענק, אז דאָס קומט דערפון וואָס איך בין דיא לעצטע צייט צו ווייניג געוועזען אויף דער פרייער לופט.

— איך דענק אויך, אז דאָס קומט דערפון, איך האָב דיך שוין אייניגע מאָל געבעטען דו זאָלסט זיך מיט מיר דורכפאָהרען שפּאציערען.

— איך האָב אָבער ניט געקענט. איך האָב יעצט צופיעל ארבייט אויף מיין קאָפּ. דער רעבעל פּוגאטשעוו וואָס האָט זיך יעצט בעוויזען ביי דיא אָסט גרענעצען פון מיין קייזערטהום, האָט מיר געבראכט מעהר צרות, וויא איך האָב גערעכענט. דיא לעצטע נאכריכטען מעלדען, אז ער איז מיט זיין באנדע אויף׳ן וועג נאָך אָרענבורג. און כאָטש ס׳איז אונגלויבליך ער זאָל קענען יענע שטארקע פעסטונג אָנגרייפען, דאָך האָב איך איינינע אוקאזען ארויסגעגעע־

בען אום אין פאל ווען דאס זאל נויטיג זיין זאלען זאפארט איינינע רעגימענטען זיין פערטיג ארויסגעשיקט צו ווערען.

— און ווער וועט דיעזע רעגימענטען קאמאנדירען?

— דאס וויים איך נאך פארלויפיג ניט. איך האב נאך קיין קאמאנדיר ניט בעשטימט.

פאטעמקין האט אנגענומען דער קייזערין'ס הענד און האט געזאגט מיט א טאן פון געבעט:

— טהייערע, געליעבטע קאטהערינא, דו ליעבסט מיך, דו האסט מיר אלעס געגעבען, און דאך ענטזאגסט דו מיר איין זאך וואס קען א מאן בעגליקען און שאפען פאר איהם דיא גרעסטע פרייד. דורך דיין ליעבע בין איך יעצט גענעראל מאיאר, א טיטול וואס קיינער אין מיינע יאהרען האט נאך אין רוסלאנד ניט געהאט. מיין ברוסט איז בעציערט מיט דיא גרעסטע ארדענס, דו האסט מיך רייך געמאכט, קאטהערינא, איך בין יעצט א פאמעשטשיק פון א מאסע שטעדט און דערפער און בעזיץ א גרויסען קאפיטאל מזומן געלד, וועלכעס איז פאר מיר ווירקליך צופיעל. דו וויסט דאך, טהייערע, אז מיינע בעדירפניסע זיינען געבליעבען אזוי איינפאך וויא פריהער ווען איך בין געווען אן ארימער לייטענאנט. און נאכדעם וויא דו האסט פאר מיר אזוי פיעל געטהאן ענטזאגסט דו מיר איין זאך וואס וואלט פאר מיר ווירקליך געווען דער גרעסטער שטאלץ און דיא גרעסטע עהרע.

— וואס איז דיא איינע זאך, דו אונגעדולדיגער, אונרוהיגער מאן, וואלט איך וועלען וויסען?

— איך וויל בעריהמט ווערען אלס זיעגער אויפ'ן שלאכטפעלד.

— איז דיר דאס וויניג וואס דו האסט דיא קייזערין בעזיעגט? האט זיא געפרעגט מיט א ליעבליכען שמייכעל. ביינקסט דו ווירקליך אזוי שטארק נאך בלוט־פערגיסונג? איך וויים, אלעקסאנדער, אה, איך וויים וואס דו פערלאנגסט. מיך קען מען ניט נארען. דו ווילסט איך זאל דיך שיקען אין שלאכט?

— יא, מיין טהייערע קייזערין, האט ער אויסגערופען מיט בעגייסטערונג. נור דארט קען איך האבען דיא געלעגנהייט דיר צו דיענען. איך וויל פאר דיר קעמפפען, זיעגען און זאגאר שטארבען ווען דאס זאל נויטיג זיין.

— איך וויל ניט דו זאלסט פאר מיר שטארבען, אלעקסאנדער, איך וויל, אז פאר מיר זאלסט דו לעבען, אבער נור פאר מיר, ניט פאר אן אנדערע.

— נור פאר דיר! האט פאטעמקין געשטאמעלט און האט פעסט צוגע־דריקט איהר ברוסט צו זיינע. נור פאר דיר! דו ביסט מיין איינציגע געליעבטע אויף דער גאנצער וועלט. נור צו דיר וויל איך געהערען.

— און היינט אבענד, האט ביי זיך קאטהערינא געטראכט, היינט אבענד

ווען ער דיא זעלבע ווערטער זאָגען צו אַן אַנדערע; אַן אַנדערע וועלכע ער האָט וואהרשיינליך פריהער געליעבט און מיך נארט ער פון אָנפאַנגס אָן. ער ווייסט היינט זיא אויך אזוי צודריקען פעסט צום הארצען וויא ער דריקט מיך צו און זייביידע וועלען פון מיר לאַכען און חוזק מאַכען. איך וועל איהם אויף א ציקאָווועסט גלייך שטעלען צו פּראָבע.

דאביי האָט זיך קאטהערינא געלאָזט צערטלען און קושען פון איהר געליעבטען און האָט זיך צו איהם געווענדעט מיט א מאָדנע ליעבליכקייט:

— ווייסט דו וואָס, אלעקסאנדער, איך וויל פון דיר בעטען? איך וויל מיר זאָלען ביידע היינט אביסעל ארויספאָהרען ביינאכט אויף יאגד. מיר זיינען נאָך ביידע ניט געפאָהרען.

— מיט׳ן גרעסטען כבוד, מיין טהייערע קאטהערינא, האָט ער געענטפערט, שוין געפּועל׳ט! מיר וועלען ארויספאָהרען נאָך סאָפּער, ארום עלף אזייגער ביינאכט.

— פאר וואָס עפּעס אזוי שפּעט? האָט זיא געפרעגט און האָט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען. עס ווערט יעצט נאכט זעכס און מיר קענען האָבען אונזער שליטען פערטיג זיבען, צו וואָס זאָלען מיר וואַרטען ביז עלף?

— דאָ איז פּאָטעמקין געקומען אין א גרויסע פערלעגענהייט. אויסזאָגען דער קייזערין וואו ער דארף היינט זיין אַכט אזייגער ביינאכט האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט, אום ער זאָל איהר קענען מאכען א סורפּרייז, ווען ער וועט איהר דאָקומענט ארויסקריגען פון פרעמדע הענד.

קאטהערינא האָט געפיהלט, אז איהר הארץ ווערט צוריסען אין שטיקער. זיא האָט געזעהן, אז איהר פערדאכט ווערט פאָלשטענדיג בעשטעטיגט. דער זעלבער פּאָטעמקין וואָס האָט איהר נור וואָס געזאָגט, אז ער קען אָהן איהר ניט לעבען, דער מאַן, וועלכען זיא האָט פון מיסט אויפגעהויבען און געמאכט פאר א מאגנאט — איז טריילאָז, פאלש, פערדאָרבען, אונדאנקבאר און א שענדליכער פעררעטהער.

ווען עס זיינען פאָריבער א פּאָר מינוטען און פּאָטעמקין האָט איהר נאָך אלץ אויף איהר פראגע ניט געענטפערט, האָט זיא אָנגעווענדעט אלע איהרע קרעפטען זיך צו ציינגען רוהיג, ער זאָל ניט מערקען וואָס פאר א ביטערער קאמפף יעצט קומט פאָר טיעף אין איהר נשמה, און זיא האָט ביי איהם געפרעגט:

— וואָס ביסט דו פּלוצים געקומען אין אזא פערלעגענהייט? וויא איך זעה, ביסט דו היינטיגען אבענד פערנומען ביז עלף אזייגער. דארפסט זיך מיט יעמאנדען זעהן?

— יא, מיין טהייערע, דאָס איז וואהר, האָט ער איהר אונטערבראָכען און האָט אין זיינע געדאנקען שוין געפונען אַן אויסרייד, פיעלייכט דארף איך

ביי דיר בעטען פערצייהונג דארויף וואס איך האב עס דיר בעפאר ניט געמעל־דעט —

— אבער לאמיך שוין וויסען מיט וועמען דו געהסט דיזען אבענד פער־ברענגען!

— מיט מיינע אמאליגע קאמעראדען און פריינדע.

ער האט בעמערקט וויא זיין ענטפער האט בעדעקט איהר גאנצע געזיכט מיט א וואלקען פון טרויער און ער האט געמיינט, אז דאס איז זיא אזוי טרויע־ריג דערפאר וואס זיא וועט מוזען בלייבען אהן איהם אייניגע שטונדען. ער האט זיך דאריבער צו איהר געווענדעט מיט א ליעבליכען טאן:

— ליעבע, טהייערע קאטהערינא, זיי אויף מיר ניט בייז, ערלויב מיר דיזען אבענד צו פאהרען. זעה, מיין הארץ, איך האב ערפאהרען, אז מיינע געוועזענע קאמעראדען האבען וועגען מיר יעצט זעהר א שלעכטע מיינונג. זיי גלויבען, אז איך בין געווארען צו שטאלץ. איך האב דאריבער בעשטעלט אין אן עלעגאנטען רעסטאראן אין פעטערבורג א סאפער און ארויסגעשיקט אייניגע איילאדונגען. דו מוזט דאריבער פערשטעהן, טהייערע, אז עס וואלט געווען נעגען מיין עהרע איך זאל ניט קומען אין צייט מיינע געלאדענע געסט צו עמפ־פאנגען. אבער איך וועל דארט לאנג ניט פערבלייבען. איך וועל זיך מיט זיי א גאנץ קורצע צייט אונטערהאלטען און וועל באלד קומען צו דיר צוריק. דאן וועלען מיר נאךביידע פאהרען אויף יאגד און וועלען פערברייננגען וויא לאנג דו ווען וועלען.

— איך פערלאנג שוין דאס ניט מעהר, האט זיא געענטפערט ברוגז. ווען דו קענסט אין דער צייט ניט פאהרען מיט מיר, דאן לאמיר דערפון מעהר ניט רעדען.

פאטעמקין האט געזהען, אז זיין געליעבטע קאטהערינא האט דערפון פער־דרוס, האט עס איהם שרעקליך לייד געטהאן. דאביי האט איהם אויך שטארק פערדראסען וואס ער האט זיא געמוזט אבנארען. דאס האט ער צום ערשטען מאל אין זיין לעבען א ליגען געזאגט און עס האט איהם זעהר געערגערט.

— ביסט אלזא ניט צופריעדען וואס איך האב איינגעלאדען מיינע געווע־זענע פריינדע און קאמעראדען? האט ער געפרעגט מיט אן ארויסגעלאזענעם קאפ וויא ער וואלט זיך שעהמען פאר זיך אליין. דו ווילסט ניט איך זאל אמאל צוזאמען קומען מיט דיא, וועלכע איך האב אמאל געליעבט?

— אה, ניין, קיינער פערלאנגט ניט פון דיר אזא זאך, האט קאטהערינא געענטפערט מיט א ביטערען שמייכעל. איך בעגרייף עס זעהר גוט, אז דו ווילסט זיך ווידער זעהן מיט דיא יעניגע, וועלכע דו האסט פריהער געליעבט, אבער מיר טהוט זעהר לייד וואס איך וועל דעם גאנצען אבענד מוזען פערברענגען אהן דיר און דארום —

— און דארום ? האט פּאטעמקין געפרעגט, ווען ער האט געזעהן אז דיא קייזערין האט זיך אבגעשטעלט אין מיטען און האט מעהר ניט גערעדט.

— אלעקסאנדער, האט זיא זיך ענדליך אנגערופען מיט א געמאכטע פרעה־ליכקייט. איך האב אויסגעפונען א פּלאן וואס וועט מיך אמוזירען אויסגעצייכענט, נאך בעסער וויא דיא יאגד. איך וועל זיך פערקליידען אלס אפיציער און דו וועסט מיך פארשטעלען צו דיינע קאמעראדען. עס מאכט ניט אויס, ווען זיי וועלען מיך אפילו דערקענען. היינט אבענד וויל איך פערגעסען, אז איך בין דיא קייזערין פון רוסלאנד. איך וויל אביסעל א לעב טהאן. איז דאס אלזא אבגעמאכט. מיר פאהרען היינט ביידע צוזאמען קיין פעטערבורג.

פּאטעמקין איז געבליעבען זיצען א פערציטערטער. ער האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען. ניט נור קאטהערינא מיט איהרע קלוגע, שארפע אויגען, נור יעדער איינער וואלט געקענט בעמערקען, אז ער האט דיא קייזערין גענארט און אלעס וואס ער האט איהר געזאגט איז ניט אמת.

ווען עס זאל זיך אויף׳ן פּלאץ געוועזען עפּענען א גרוב, וואלט זיך אין דעם מאמענט פּאטעמקין בעגראבען א לעבעדיגער. ער האט גוט געקענט זיין געליעבטע קייזערין און ער האט געוואוסט, אז זיא פאדערט שטרענג פון יעדען איינעם, איבערהויפּט פון דיא יעניגע, וועלכע זיא ליעבט און פערטרויט אז מען זאל מיט איהר רעדען אפען און אמת. עס האט שוין אייניגע מאל פּאסירט, אז דיא העכסטע בעאמטע, זאגאר מיניסטארען זיינען אויף אימער אראבגעווארפען געווארען פון זייער גדולה, ווען דיא קייזערין האט זיי נור ביי איין ווארט ליגען געכאפּט. קאטהערינא פלעגט אימער זאגען:

— איך וועל אלע פערברעכען פערצייהען, ווען יענער קומט און זאגט מיר דעם אמת. אבער א ליגנער קען איך ניט דולדען. איך האב פיינד א ליגנער מעהר וויא אלע אנדערע פערדארבענע מענשען.

מען קען זיך דאריבער פארשטעלען וויא פּאטעמקין׳ען איז געוועזען אויף׳ן הארצען, ווען ער האט דערזעהן וויא ער האט זיך אזוי מיאוס פערפּלאנטערט אין א ליעגען און קען זיך ניט ארויסדרעהען. קאטהערינא האט איהם א קורצע וויילע בעטראכט, דאן האט זיא מיט א שמייכעל געזאגט:

— עפּעס מוז דא זיין, אלעקסאנדער ! ס׳איז דיר ניט אנגענעהם מיט מיר צו פאהרען ? אדער דיין געזעלשאפט איז פיעלייכט צו גרויסארטיג און עס פּאסט זיי ניט מיר בעקאנט צו ווערען ?

— איך בעט דיך, קאטהערינא, לאך ניט און מאך פון מיר קיין שפּאס, וועהרענד דו זעהסט, אז איך בין אין אזא צווייפעלהאפטע לאגע. איך קען ווירקליך דעם פּארשלאג דיינעם פיר היינט ניט אננעהמען. דען — איך וועל דיר זאגען דיא ווארהייט, עס האנדעלט זיך וועגען א וועט.

— א וועט! אויב אזוי, איז דאָך דאָס גאָר א נייעס, וועלכע דו האָסט מיר נאָך ביז יעצט גאָר ניט דערצעהלט.

— ווייל דו וואָלסט דערפון פיעלייכט זיך געפונען בעליידיגט, ניט אזוי פיעל אלס קייזערין וויא אלס פרוי. דו קענסט זיך דאָך פאָרשטעלען, מיין געליעבטע קייזערין, אז ווענען אונזביידע רעדט מען זעהר פיעל אין רוסלאנד. עס געפינען זיך זאָגאר אזעלכע וואָס זאָגען אז דו לאָזט מיך איינפאך קיין טריט ניט ארויסגעהן אליין אָהן דיר פון פאלאסט.

— אָה, דאָס איז א בעליידיגונג, האָט קאטהערינא אויסגערופען.

— ניט וואהר? דאָס איז דאָך ווירקליך א שאנדע פאר מיר אלס מאן און אום צו מאכען אן ענדע פון אזעלכע פערלייםדונגען, האָב איך היינט איינגעלאדען מיינע יוגענד־פריינד. זאָלען אלע זעהן, אז דאָס איז א געמיינער ליגען. ווען דו זאָלסט אָבער מיט מיר מיטגעהן וועט עס אויסקומען גראדע פערקעהרט. זיי וועלען ערשט דאן האָבען א בעוויוז, אז וואָס זיי זאָגען איז אמת און אז איך בין א שמאטע ניט קיין מאן. איך וועל דאריבער פאָהרען אליין, קאטהערינא, און דו זיי אויף מיר ניט בייז, נשמה, איך פערזיכער דיך מיט מיין עהרענוואָרט—

— מיט דיין עהרענוואָרט? האָט איהם קאטהערינא אונטערבראָכען און האָט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען. וואָס פערזיכערסט דו מיך מיט דיין עהרענוואָרט?

— אז איך געה היינט אבענד ניט טהאָן א זאך וואָס זאָל זיין געגען דעם ווילען פון מיין קייזערין און געגען דעם וואונש פון מיין געליעבטע קאטהערינא. זאָלסט וויסען איינמאָל פאר אלע מאָל, אז אימער וועל איך דיר זיין טריי אלס אונטערטהאן און אלס מאן.

— אויב אזוי, קענסט דו געהן!

זיא האָט דיא לעצטע ווערטער אויסגעשפּראָכען מיט פערדרוס, דאָך האָט זיין פעסטער טאָן זיא עטוואָס בערוהיגט.

ער האָט איהר זיין עהרענוואָרט געגעבען. איז דען מעגליך, האָט זיא געטראכט, אז אלעקסאנדער זאָל ווערען אזוי פערדאָרבען און ברעכען אזא וואָרט? ניין, דאָס קען ניט זיין.

פּאָטעמקין האָט אָנגענומען איהר האנד, וועלכע ער האָט געקוסט מיט גרויס צערטליכקייט און רעספּעקט און האָט געזאָגט:

— איך דאנק דיר, מיין קייזערין, וואָס דו האָסט מיין וואונש ערפילט, און איך האָף, אז אין דיין ליעבע, שעהנע הערצעלע וועט ניט בלייבען קיין שפּור פון אירגענד א פערדאכט. נאָך א זאך, מיין טהייערע, זאָלסט וויסען אז איך האָב פאר דיר א גרויסע איבערראשונג, א סורפּריז, וועלכען דו ערוואַרטעסט גאָר ניט.

— ניט אלע איבערראשונגען ברייגגען פריידען, האָט קאטהערינא בעמערקט טרויעריג.

— דיעזע איבערראשונג וועט דיר אָבער יא ברייגנען פרייד. און יעצט וויל איך מיט דיין ערלויבנים שוין געהן, און איך פאָרדער פון דיר דורכאויס, מיין ליעבהארציגע קאטהערינא, דו זאָלסט באלד שיקען רופען דיין לייב־דאָקטאָר, דו פיבערסט דאָך! זעה, וויא דו ציטערסט, דיינע הענד זיינען קאלט און דיין שטערן ברענט. שיק נאָך'ן דאָקטאָר.

— איך דארף קיין דאָקטאָר ניט האָבען, האָט זיא געענטפערט. עס גיבט ניט קיין מיטעל געגען מיין פיעבער. ווער וויים, פיעלייכט וועל איך דערפון מיין גאנצען לעבען ליידען.

פּאָטעמקין האָט ענדליך איינגעזעהן, אז זיין מאיעסטעטישע געליעבטע איז היינט אין א שלעכטען הומאָר, און ער איז ארויס פון צימער.

דיא שעהנע קייזערין איז דאן געבליעבען זיצען אזוי וויא א סטאטוע, בלאס וויא דיא וואנד, און דאָס הארץ אין איהר האָט געקלאפּט וויא דער אונרוה אין א זייגער. ענדליך האָבען זיך צוויי גרויסע טהרערען ארויסגעקייקעלט פון איהרע שעהנע אויגען.

— אָה, מיין גאָט! האָט זיא געוויינט און האָט פערבראָכען מיט איהרע צארטע הענד. מאטער מיך ניט לענגער מיט דיעזען צווייפעל. לאָמיך וויסען אלעס פיר זיכער, אהין אָדער אהער. דיעזער פערדאכט, דיעזעם דענקען טאָג־מער — מאכט מיך וואהנזיניג!

—אָבער ניין! שרייען צו גאָט איז קיין מיטעל ניט, דער גרויסער שעפּפער פון דער וועלט האָט נויטיגערע זאכען צו אטענדען וויא קאטהערינא'ן מיט איהר געליעבטען. איך וועל שוין געפינען א מיטעל וויא זיך אליין צו העלפען. יא, ס'איז זעהר מעגליך אז דיא פערשלייערטע דאמע אין פּארק איז געווען זיא, דיא עליזאבעט וואָראָנצאָוו. איך האָב זיא זאָגאר אמאָל בעמערקט אין פעטערבורג וויא זיא שלעפּט זיך ארום מיין פּאלאסט. אָבער איך האָב ניט געוואָלט זיין אזוי גרויזאם און זיא לאָזען ארעטירען. איך קען נאָך ביז יעצט ניט בעגרייפען וויא אזוי זיא האָט אָבגעלעבט און איז ארויס פון יענעם בעגראָבענים קעלער. דאָך האָט עס מיך וויניג געקימערט, אזוי לאנג וויא זיא האָט ניט געזוכט זיך ווידער צו זעהן מיט פּאָטעמקין'ען. יעצט אָבער, אויב דיעזע שלאנג האָט ווירקליך געוואגט אריינצוקריכען אין מיין גן עדן, וועל איך זיא מיט מיינע פיס צוטרעטען. איך וועל זיא בעגראָבען אזוי טיעף אין דער ערד, אז זיא וועט שוין ניט דערלעבען מעהר ארויס פון דארטען.

דאביי האָט קאטהערינא אָנגעקלונגען און א קאמערדיענער איז אריינגע־קומען.

דיא קייזערין האָט איהם געגעבען דעם בעפעהל ער זאָל זאָפאָרט אריינשיקען צו איהר דיא מאדאם גראָמאָן, דיא פעוואלטערין פון דער קייזערליכער גאר־דעראָבע.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און דיא מאדאם גראַמאַן איז אריינגעקומען.

— מאדאם, איך דארף פיר היינט האָבען א מענער־אנצוג, האָט איהר דיא קייזערין געזאָגט.

— א מונדיר, מאיעסטעט?

— ניין, איך וויל האָבען א מין אנצוג אין וועלכען מען זאָל מיך ניט דער־קענען. איך וואָלט וועלען האָבען א קאָסטיום פון א רייזענדען ארבייטער געהילף. אין מיין גארדעראָבע איז נאַטירליך אזא קאָסטיום ניטאָ.

— ניין, מאיעסטעט, אזא קאָסטיום מוז מען ערשט פערטיג מאכען, און עס איז כמעט אונמעגליך איהר זאָלט עס נאָך קענען האָבען אויף היינט פערטיג.

— אונמעגליך! האָט קאטהערינא אויסגערופען בייז, מאדאם, איך קען ניט האַלטען אזעלכע לייטע וואָס קענען ניט ערפילען דעם בעפעהל פון זייער קייזערין! דאצו מוז איך אייך נאָך זאָגען, אז דיא לעצטע צייט בין איך איבער־הויפּט מיט אייך ניט צופריעדען. איהר ווילט זיך וויא עס שיינט ניט מעהר געבען דיא מיהע מיך צו קליידען וויא עס פאַסט פאר א קייזערין. איך האָב בעמערקט, אז א מאסע דאמען זיינען געקליידעט מיט פיעל מעהר געשמאַק וויא דיא קייזערין! אויב מיין בעפעהל וועט ביז זיבען אוהר אבענד ניט ער־פילט ווערען, וועל איך אייך איבערגעבען אין דיא הענד פון פראנצויזישען געזאנדטען ער זאָל אייך אויסשטעלען א פּאַספּאָרט און אָבשיקען צוריק נאָך פּאריז.

— מאיעסטעט! האָט דיא קינסטלערין אויסגערופען פאלענדיג אויף דיא קניע מיט א געוויין, פאר וואָס קומט מיר דיזע בעליידיגונג? איך האָב אייך אימער טריי געדיענט מיט מיין גאנצע קונסט און וויסענשאַפט און מיט מיין גאנצען מארך — איך פיהל זיך גאנץ אונשולדיג, איך האָב אזא בעליידיגונג ניט פערדיענט.

— עס איז אמת, מאדאם, האָט קאטהערינא עטוואָס פריינדליכער געזאָגט — איהר האָט אימער אייער פליכט ערפילט, אָבער איך בין היינט נערוועז, קראנק, איהר הערט — נערוועז און קראנק בין איך היינט, שטעהט אויף! איהר בלייבט ביי מיר אויף אייער שטעלע.

דיא קאַמער פרוי איז אויפגעשטאנען עטוואָס בערוהיגט און האָט געזאָגט:

— ווען מיין ערהאבענע קייזערין איז ניט געזונד, איז אם בעסטען צו רופען דעם לייב־דאָקטאָר.

— איך דארף איהם ניט, איך פרעג ביי אייך קיין עצות ניט, האָט קאטהע־רינא געענטפערט אונגעדולדיג, מיר קען קיין דאָקטאָר ניט העלפען. עס גיבען אזעלכע קראנקהייטען וועלכע דיזע שארלאטאנען קענען ניט פערשטעהן, און אויב זיי פערשטעהען קענען זיי עס ניט קורירען. געהט, מאדאם גראַמאַן, בע־זאָרגט דעם אנצוג, דאצו אויך א ראַניצעל, א וואנדער שטעקען און אלעס וואָס

עס פּאָדערט זיך, איך זאָל אויסקוקען ריכטיג וויא א רייזענדער ארבייטער געהילף.

אין מיטען איז זיא שטיל געבליעבען. זיא האָט דערזעהן דעם קאמער־הערר ווידער אריינקומען.

— וואָס דארפט איהר? ווער האָט אייך גערופען? וואָס קומט איהר מיר שטערען אז קיינער בעט אייך ניט? האָט קאטהערינא נערוועז געשריען.

— מאיעסטעט, דער ערשטער מיניסטער, גראף פאנין, בעט דיא ערלויבניס צו אייך אריינצוקומען.

— גראף פאנין! האָט קאטהערינא אויסגערופען מיט פערדרוס, עס נעהמט גאָר קיין ענדע ניט, איך בין א ריכטיגע שקלאפין, א פערקויפטע שקלא־פין! אָה, וויא שווער איז דיא לאסט פון א קרוין! זאָגט דעם מיניסטער ער זאָל אריינקומען.

דער קאמער־הערר איז ארויסגעגאנגען צוזאמען מיט דער מאדאם גראמאָן, און זיי האָבען צווישען זיך געשמועסט, אז זיי האָבען שוין א צייט ניט געזעהן דיא קייזערין אזוי אויפגערעגט און אזוי נערוועז וויא יעצט.

ווען גראף פאנין איז אריינגעקומען אין קאבינעט איז דיא קייזערין געזעסען ביי איהר שרייב־טיש און האָט איהם וויא איבער געוואלד קוים געענטפערט אויף זיין בעגריסונג, טראָץ דעם וואָס אימער פלעגט זיא איהם עמפפאנגען מיט דער גרעסטער פריינדליכקייט, אלס א טיכטיגען שטאאטסמאן, צו וועלכען זיא האָט געהאט דעם בעסטען צוטרויען.

— וואָס איז ווידער, גראף פאנין? האָט זיא געפרעגט אונגעדולדיג. איך בעט אייך, ערקלערט מיר אלעס קורץ און שארף, ווייל איך בין היינט זעהר נערוועז און קען ניט אויסהערען קיין לאנגע מעשיות. איך בין קראנק! איהר הערט גראף, איך בין קראנק! איהר וואונדערט זיך געוויס וויא אזוי קען א קייזערין, דיא ערשטע שקלאפין פון איהר לאנד, זיך נעהמען צייט קראנק צו זיין? וואָס קען מען העלפען? מען שלעפט זיך ארום אזוי לאנג ביז מען פאלט אנידער.

— מאיעסטעט, האָט דער מיניסטער געזאָגט מיט אן ערנסטען טאָן. עס טהוט מיר זעהר לייד צו הערען, אז איהר זיינט קראנק, דאָך האָט מיך יעצט אהער געבראכט א העכסט וויכטיגע נאכריכט.

— און ווען זיינען אייערע נאכריכטען ניט געוועזען העכסט וויכטיג? האָט קאטהערינא געפרעגט מיט גרויס אויפרעגונג.

פאנין איז ווירקליך איבערראשט געוואָרען. צו איהם האָט נאָך דיא קייזערין קיינמאָל מיט אזא טאָן ניט געשפּראָכען. דאָך האָט ער גאנץ געלאסען געענטפערט:

— מיינע נאכריכטען זיינען אימער אזעלכע וואָס האָבען צו טהאָן מיט'ן

וואהל און שיקזאל פון אייער מאיעסטעט און פון גאנץ רוסלאנד, דארום מוזען זיי זעלבסטפערשטענדליך זיין זעהר וויכטיג.

— נו, רעדט שוין, גראף, לאָמיר שוין הערען וואָס האָט איהר מיר צו זאָגען.

— ס'איז אָנגעקומען א קוריער פון סיבירער גרענעץ —

— און האָט געבראכט נייעס פון מיין ווירדיגען קאָנקורענט פוגאטשעוו, האָט איהם דיא קייזערין אונטערבראָכען מיט א כיטרען געלעכטער. נו, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיעזען שמוציגען קאָזאקעל? איהר קומט מיר שוין וואהר־שיינליך מעלדען, אז מען האָט איהם מיט זיין באנדע געפאנגען און שוין אלע אויסגעהאנגען?

— ליידער ניין, מאיעסטעט, איך בין זעהר אונגליקליך יעצט צו מעלדען, אז פוגאטשעוו'ס אנהענגער וואקסען פון טאָג צו טאָג. לויט דיא לעצטע בעריכ־טען בעשטעהט שוין דיא ארמעע פון איבער צוואנציג טויזענד מאַן.

— אזוי פיעל? עס געפינען זיך אלזאָ ביי מיר אין רוסלאנד מעהר משוגעים און טרעמפּס וויא איך האָב געגלויבט.

— און איהר קענט זיך פאָרשטעלען וואָס פיר באנדעס דאָס זיינען, אז זיי האָבען זאָגאר געוואגט צו בעלאגערען אָרענבורג.

— אָרענבורג? מיין פעסטונג אָרענבורג? האָט קאטהערינא אויסגע־רופען איבערראשט.

— יא, מאיעסטעט. און איך מוז נאָך מעלדען דיא עכסט־טרויעריגע נאכריכט, אז דיא בירגער פון אָרענבורג זיינען אלע אנטלאָפען אין פעסטונג, ווען דיא רעבעלען זיינען אָנגעקומען. פוגאטשעוו האָט דאַן דיא שטאָדט אונ־טערגעצונדען און גאנץ אָרענבורג, דיעזע גרויסע און שעהנע שטאָדט עקזיסטירט שוין ניט מעהר.

פון ערשטוינען און איבערראשונג איז קאטהערינא שרעקליך אין כעס גע־וואָרען.

— און וואו איז געווען דער קאָמענדאנט פון מיין געטרייע פעסטונג אָרענבורג? האָט זיא געדונערט. וואָס האָט געטהאָן דאשקאָוו, ווען דיא רויבער־באנדע איז אָנגעקומען? ווארום איז ער ניט ארויס געגען זיי מיט זיין מיליטער?

— מאיעסטעט, דער קוריער האָט זיך קוים דורכגע'גנב'עט דעם לאגער פון דיא רעבעלען מיט דער געפאהר פון זיין אייגענעם לעבען. און לויט דיא בע־ריכטען וואָס ער האָט געבראכט קומט יעצט פאָר אין דער פעסטונג אָרענבורג א שרעקליכע אונאָרדנונג. קניאז דאשקאָוו האָט איבערגעגעבען דיא קאָמאנדע צום עלטסטען אָפיציער, וועלכער איז ענטשלאָסען דיא פעסטונג צו פערטהיידי־גען ביז עס וועט אָנקומען פערשטארקערונג.

— דער אלטער פייגלינג! האָט דיא קייזערין אויסגערופען מיט אזא כעס,

אז גראף פאנין איז א פערציטערטער געוואָרען. איך וועל איהם ווייזען דעם אלטען בעל־עבירה, וואס עס הייסט אין א צייט פון געפאהר זיך אליין צו בעהאל־טען ערגיץ אין א לאָך און איבערגעבען דיא קאָמאנדע צו אן אנדערען! גוט, גראף פאנין, דריי רעגימענטען זיינען קריעגס פערטיג. זאָלען זיי מאָרגען גלייך מארשירען צום גרעניץ אונטער דער קאָמאנדע פון גראף האראנסקי. ווייטערע פערשטארקערונג וועט נאכהער געשיקט ווערען. פארלויפיג לאָמיר ארויסשי־קען גענוג קאוואלעריע. וואס אנבעלאנגט ארטילעריע און פוס־געהער, וועל איך שוין ווענען דעם בעזונדערע אוקאזען ארויסגעבען און דאן וועל איך אויך בעשטי־מען ווער עס זאָל זיין דער הויפט קאָמאנדיר.

— מאיעסטעט, איך וועל פון דאנען גלייך פאָהרען צום קריעגס מיניסטער און וועל איהם איבערגעבען אלע נויטיגע בעפעהלע.

— זעהר גוט, האָט איהר נאָך עטוואס מיר צו מעלדען, גראף פאנין?

— דער מיניסטער האט ארויסגענומען פון פאָרטפעל א פאפיער, וועלכען ער האט אוועקגעלייגט אויף דער קייזערין׳ס שרייב־טיש, און האט געזאָגט מיט אן ערנסטען טאָן:

— דאס איז דער אורטהייל וועגען דעם מערדער זיעגערט, מאיעסטעט! דאס געריכט האט איהם פער׳משפט צום טויט. יעצט ווענדעט זיך אלעס אָן אייער מאיעסטעט, אויב איהר וועט דעם אורטהייל בעשטעטיגען אָדער איהר וועט דעם אונגליקליכען בעגנאדיגען.

קאטהערינא האט זיך פערטראכט. דאס איז געווען א פריוואט זאך פון אן איינצעלנע פערזאָן און עס האט זיא ניט געקענט אזוי פיעל אינטערעסירען, אז זיא זאָל פערגעסען אָן איהר פאטעמקין.

— איז ער מיר געטריי אָדער ער בעטריגט מיך? האט זיא געקלעהרט און איהר הארץ האט אין איהר געקלאפט וויא מיט הונדערט האמערס.

— מאיעסטעט, האט ווידער גראף פאנין געזאָגט, זעהענדיג אז דיא קייזע־רין ענטפערט איהם ניט אויף זיין פראגע. דער יוסטיץ מיניסטער האט אייך וועגען דעם פראָצעס אלעס געשריעבען. דיעזער זיעגערט האט זיינט דיא לעצטע־צעהן יאָהר געוואָהנט אין פעטערבורג מיט זיין פאמיליע, ער האט געהאט א פרוי מיט דריי קליינע קינדער.

קאטהערינא האט אפילו ניט אָנגעפאנגען הערען וואס ער האט צו איהר גערעדט. זיא איז אויפגעשטאנען פון איהר שרייב־טיש, איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט בעטראכט מיט טרוימערישע בליקען יענע געגענד פון פארק, וואו פאטעמקין איז היינט אין דער פריה זיך צוזאמענגעקומען מיט דער פער־שלייערטער דאמע. גראף פאנין האט פון דעסטוועגען פאָרטגעזעצט אלעס וואס ער האט געהאט דער קייזערין צו מעלדען.

— זיעגערט, האט ער געזאָגט, אלס פאבריק אינזשיניער און פלייסיגער

ארבייטער האָט געפיהרט א רייכען און זעהר אנשטענדיגען לעבען. דיא לעצטע צייט האָט ער זיך בעקאנט מיט אן אויסגעלאסענע מיידעל, וועלכע האָט איהם אראָבגעפיהרט פון גראדען וועג. מיט א האלב יאָהר צוריק האָט מען געפונען זיין פרוי מיט דיא דריי קינדער ערמאָרדעט. אלע זיינען געווען דערשטאָכען. דאָס קלענסטע קינד, א אינגעלע פון זיבען יאָהר, האָט נאָך געלעבט און אויס־רעדענדיג דיא ווערטער "מיין פאָטער האָט" — איז ער געבליעבען טויט. ביי דער אונטערזוכונג האָט זיך ארויסגעצייגט, אז דער אינזשיניער האָט יענע נאכט ביז דריי אזייגער פאר טאָג געארבייט און ביז טאָג האָט ער פערבראכט אין זיין געליעבטער'ס וואָהנונג. אזוי האָט זיעגערט ערקלעהרט. אויף זיינע קליידער האָט מען געפונען בלוט־פלעקען, אָבער וויא ער בעהויפטעט, איז דאָס פון זיין אייגענע בלוט, ווייל ער האָט זיך פערוואונדעט דיא האנד ביי זיין אר־בייט, און אויף זיין האנד האָט מען ווירקליך אזא וואונד געפונען. דאָס געריכט האָט אָבער אָנגענומען, אז דיא וואונד האָט ער וואהרשיינליך זיך אליין געמאכט אום צו האָבען א תירוץ ער זאָל זיך קענען ארויסדרעהען פון דיא הענד פון דער גערעכטיגקייט, און ער איז פעראורטהיילט געוואָרען צום טויט. איך געפין פיר נויטיג דאָס אלעס אייער מאיעסטעט צו מעלדען, אום איהר זאָלט זעהן אויב דער טויט־אורטהייל זאָל בעשטעטיגט ווערען אָדער ניין.

— דער פאלשער מאן ! האָט קאטהערינא געמורמעלט, טראכטענדיג ווע־גען איהר פאָטעמקין'ען, וועהרענד פון דעם גאנצען פּאָרטראַג וואָס דער מי־ניסטער האָט איהר ערקלערט האָט זיא כמעט גאָר ניט געהערט.

— ס'איז אמת, אז ער איז געווען פאלש צו זיין פרוי, האָט זיך פאנין אָב־גערופען. אָבער דאָס איז נאָך קיין בעוויז ניט, אז ער איז דער מערדער. איך בעט אייך, מאיעסטעט, איבערלייגט אייך גוט איידער איהר פעראורטהיילט א מענשען צום טויט.

— וואָס איז זיך דאָ צו איבערלייגען ? האָט דיא קייזערין געענטפערט מיט טרויער און צאָרן, וועהרענד זיא איז צוגעגאנגען צום שרייב־טיש. א פאלשער מאן איז אָהן צווייפעל אויך א מערדער.

מיט דיזע ווערטער האָט זיא גענומען דיא פעדער און האָט אונטערגעשרי־בען דעם טויט־אורטהייל, וועלכען זיא האָט דערלאנגט דעם מיניסטער און האָט געזאָגט :

— איהר זעהט, מיין ליעבער גראף, איך האָב אמת הנאה, וואָס איך האָב דיעזען טויט אורטהייל בעשטעטיגט.

דאביי איז זיא שנעל ארויס פון קאבינעט און גראף פאנין האָט איהר נאָכגעקוקט פערוואונדערט און האָט ניט געוואוסט וואָס מיט דער קייזערין קומט יעצט פאָר. עפּעס איז זיא אזוי וויא משוגע.

ווען גראף פאנין האט אריינגעלייגט דעם אונטערגעשריבענעם טויט־אורטהייל אין זיין פארטפעל, האט ער צו זיך אליין געמורמעלט:

— וואס איז היינט מיט איהר? תמיד איז זיא אזוי פארזיכטיג, ווען עס האנדעלט זיך אום א מענשען לעבען. איך האב זיא נאך קיינמאל ניט געזעהן אין אזא נערוועזען צושטאנד. וואהרשיינליך בין איך אליין שולדיג. דיא נאכריכט פון פוגאטשעוו׳ם אויפשטאנד האט זיא געמוזט געוואלטיג אויפרעגען. איך האב געדארפט פריהער מעלדען וועגען טויט־אורטהייל און נאכהער ערשט וועגען אויפשטאנד. אבער עס מעג זיך זיין וואס עס וויל, דורך מיין אונפארזיכטיגקייט דארף א מענש ניט שטארבען. מעגליך, אז ער איז אונשולדיג. איך וועל דיא הינריכטונג אבלייגען און איך האף, אז דיא קייזערין וועט זיך נאך בעדענקען און וועט איהם בעגנאדיגען.

18טער קאפיטעל
א מארד איבערפאל.

א קאלטע, שטורמדיגע ווינטער נאכט. אין דיא פרייע פלעצער ארום פעטערבורג האט דער ווינד געבושעוועט מיט א געוואלטיגע מאכט. ס׳איז געווען אזא וועטער, אז מען האט אין דרויסען קיין לעבעדיגען מענשען ניט געזעהן. אויף׳ן שאסע פון פעטערבורג נאך צארסקאיע סעלא האט אלעם אויסגעוויזען וויא אויסגעשטארבען. נור ביי׳ם מאנומענט פון פעטער ווערליקי האבען זיך בעוויעזען מענשליכע געשטאלטען, וואס זיינען פון צייט צו צייט פערשוואונדען געווארען אונטען אין גראבען.

מיט אמאל איז פון דארטען ארויסגעקראכען גאנץ פארזיכטיג א מאן איינגעהילט אין א שווארצען מאנטעל און איז ארויפגעגאנגען צום שאסע. ער האט בעטראכט דעם געגענד ארום, דאן איז ער האסטיג אוועק צוריק אונטער׳ן מאנומענט.

— וואס הערט זיך, סקעלעט? האט איהם דער סטודענט געפרעגט. האסט דו עטוואס בעמערקט? קומט ער שוין?

— ניין, ס׳איז נאך גאר ניט צו זעהן, האט ער געברומט מיט פערדרוס. און דיא שווארצע מארפא האט אונז פערזיכערט אז ער וועט קומען פונקט אכט אזייגער. איך וואלט שוין וועלען פערטיג ווערען מיט דער ארבייט און א סוף!

— עס פעהלט נאך צעהן מינוט צו אכט, האט דער סטודענט בעמערקט. מען מוזווארטען, מען קען זיך ניט העלפען. טויזענד רובעל האט אונז שוין מארפא געגעבען, דיא איבעריגע ניין טויזענד זיינען אויך אזוי גוט וויא מזומן און צוליעב אזא פעטע ביינדעל לוינט זיך אביסעל פערשווארצט צו ווערען.

— בעטראכט דיעזען העסליכען הויקער! האט זיך מיט אמאל אנגערופען

דיא קאמעדיאנטין, צייגענדיג אויף א מענשליכען קערפער וואס איז געלעגען צוזאמענגעקוועטשט וויא א קנויל. ער איז הפנים איינגעשלאפען.

— דער הויקער האט ווירקליך איינגעשלאפען, האט דער סטודענט געמור־מעלט, מען מוז איהם אויפוועקען, זאנסט וועט ער דא אויף טויט פערפרוירען ווערען.

— זאל ער דערפרוירען ווערען. וועמען אארט עס? האט דיא קאמע־דיאנטין זיך אנגערופען מיט א געלעכטער. וואס דארף דיא וועלט האבען אזא מיאוסקייט?

— דיא וועלט דארף איהם טאקי ניט, אבער מיר דארפען איהם האבען. האט דער סקעלעט געענטפערט, מארפא האט אונז פערזיכערט, אז ער איז א גבור, טראץ דעם וואס ער איז א הויקער. זיא האט אונז אויך געזאגט, אז ס'איז זעהר מעגליך פאטעמקין זאל קומען מיט זיינעם א דיענער, א ניגער וועלכער איז שטארק וויא אייזען. וויא דיא מעשה איז, קען אונז דער הויקער גוט צונוץ קומען.

ביי דיעזע ווערטער האט דער סטודענט גענומען וועקען דעם הויקער און האט איהם אויפגעוועקט. ס'איז געווען פאכאמקע, דער הויקערדיגער דיענער פון גראף ארלאוו.

— צו וואס האט איהר מיך אויפגעוועקט? האט פאכאמקע אויסגערופען. איז ער שוין דא?

— דו האסט געוואלט ליגען און שלאפען ביז דיא לעצטע מינוט? האט דער סטודענט געפרעגט מיט א געלעכטער. דו ווילסט ווארטען ביז ער וועט קומען דיך אויפוועקען און בעטען זאלסט איהם טהאן א טובה און איהם ער־מארדען?

— בעהאלט זיך אלע אין גראבען! האט מיט אמאל דיא קאמעדיאנטין אויסגערופען. איך הער א גערויש, וואס קומט אהער נעהענטער.

אלע זיינען באלד פערשוואונדען געווארען. נור דער סקעלעט האט באלד ארויסגעשטעקט זיין קאפ און צוהערענדיג זיך איין מינוט, האט ער געזאגט צו זיינע קאמעראדען:

דאס איז ניט דער וועמען מיר ערווארטען. איך הער טריט פון א פערד, אבער דער רייטער קומט פון פעטערבורג, ניט פון צארסקאיע סעלא.

— האלט זיך גאנץ שטיל, האט דער סטודענט געשעפטשעט. דאס איז אן איספראווניק וואס פאטרולירט דיא געגענד ארום צארסקאיע סעלא. זאל ער נור פערבייפאהרען וואס שנעלער. מעהר וואלט אונז ניט פעהלען, ער זאל זיך דא לאנג ארומשלעפען. ער קען אונז נאך דיא גאנצע חתונה קאליע מאכען.

נאך איינינע מינוטען זיינען פערבייגעגאנגען און דער סקעלעט האט אויס־גערופען מיט א שטילע אויפרעגונג:

— ער קומט! דאָרט אונטען אויף'ן וועג פון צארסקאָיע סעלאָ זעה איך צווי נעשטאַנען וואָס דערנעהענטערען זיך אהער.

דיא פיער פערברעכער זיינען ארויסגעגאנגען און האָבען זיך א קליינע ווײלע איינגעהערט.

— יא, דאָס קומט פּאָטעמקין, האָט דער סקעלעט געזאָגט, איך הער שוין דעם קלאַנג פון זיינע שפּאָרען. דו, קאָמעדיאַנטין, געה ארויס אויף'ן וועג און זעה שפּיעל דיין ראָלע גוט און גלאַט. איהר אלע מארש צוריק אין גראָבען!

דיעזער אוקאַז איז אויגענבליקליך ערפילט געוואָרען. דיא באנדע איז באלד פערשוואונדען, וויא דיא ערד וואָלט זיי איינגעשלונגען, אויסער קלארא, דיא קאָמעדיאַנטין. זיא איז ארויס אויף'ן שאָסע צו מקבל פּנים זיין דעם ערוואַרטעטען אורח. זיא האָט יעצט דייטליך געזעהן פּאָטעמקין'ס שלאַנקע געשטאַלט. ער איז געגאַנגען איינגעהילט אין אַן אָפיציערסקען מאַנטעל און אונגעפעהר פופציג טריט פון איהם, הינטען, איז געגאַנגען זיין ריעזען־שטאַרקער ניגער האָסאַן.

פּאָטעמקין האָט געזעהן, אז מען וואַרט אויף איהם, האָט ער אָנגעהויבען צו געהן שנעלער. נאָך א האלבע מינוט און ער מוז ארײנפאַלען אין דער שרעקליכער נעץ וואָס מען האָט פאַר איהם אויסגעשפּרייט.

* * *

מאדאם גראָמאַן, דיא בעריהמטע טואַלעט־קינסטלערין, האָט פּינקטליך ערפילט דער קייזערין'ס בעפעהל. אין פערלויף פון פיער שטונדען, פּונקט זיבען אוהר אבענד, ווען קאטהערינא איז ארײנגעקומען אין גארדעראָבע צימער האָט זיא שוין געפונען פיקס און פערטיג דעם אנצוג פון אַן ארבייטער געהילף.

מיט דער הילפע פון מאדאם גראָמאַן האָט דיא קייזערין באלד אָנגעטהאָן דיא הויזען, דיא וועסט און דעם ראָק און אלעס איז אויף איהר געלעגען וויא אויסגעגאָסען.

מאדאם גראָמאַן האָט אויך געזאָרגט דער קייזערין זאָל ניט זיין קאַלט. דיא בלויע העמד, דיא וועסט און דיא שטיוועל זיינען געווען גוט געפיטערט מיט פעל. אויף איהרע רייכע רויט־בלאָנדע האָאר האָט קאטהערינא אָנגעטהאָן א פּעלצענע היטעל, אויף דיא פּלייצעס האָט זיא גענומען א וואַנדער־שטעקען און איז געווען פערטיג צו געהן נאָכשפּיאָנירען איהר געליעבטען און דיא פערשלייערטע דאמע.

ווען קאטהערינא האָט זיך אָנגעקוקט אין שפּיעגעל, האָט זיך איהר אליין שטאַרק געוואָלט לאַכען פון איהר מאַסקאַראַד. יעצט איז איהר אָבער ניט געווען אין זינען צו לאַכען.

— זעהר גוט, האָט זיא געזאָגט צו מאדאם גראָמאַן. יעצט זייט אזוי פריינדליך, דערלאַנגט מיר א פּאָאר קליינע רעוואָלווערס פון מיין וואָפען־שראַנק.

דיא קאמער־פרוי האט אויך דיעזען בעפעהל ערפילט און קאטהערינא איז ארויס דורך דער הינטער טיהר און איז שנעל אוועק מיט'ן שאסע אויף'ן וועג נאך פעטערבורג. קיין פרוי אין דער וועלט וואלט זיך ניט ענטשלאסען אין אזא שרעקליכען וועטער און דאצו נאך גאנץ אליין ביינאכט צו געהן אזא ווייטען מהלך. קאטהערינא איז אבער ניט געווען קיין געוועהנליכע פרוי. ניט קוקענדיג דארויף וואס זיא איז געווען געוואוינט צו דיא גרעסטע לוקסוס אין דער וועלט; טראץ דעם וואס זיא האט אימער געריטען אויף דיא טהייערסטע פערד און איז געפאהרען אין דיא רייכסטע קייזערליכע עקיפאזשען, איז זיא פון דעסטוועגען יעצט געגאנגען גאנץ אליין צו פוס אין אן איינזאמען אומעטיגען וועג, אין'ם ערגסטען וועטער וואס מען קען זיך נור פארשטעלען. דיא אייפערזוכט האט זיא געטריעבען אימער ווייטער און ווייטער, ניט קוקענדיג אויף'ן ברויזענדען שטורם. קיין זאך האט זיא ניט אבגעשראקען. מורא האבען פיר עטוואס איז געווען אזא געפיהל, פון וועלכען קאטהערינא האט ניט געוואוסט.

אלע איהרע געדאנקען זיינען נור געווען בעשעפטיגט מיט פאטעמקין'ען. נאך אביסעל און זיא וועט ערפאהרען אויב איהר הערצענסגעליעבטער איז איהר טריי אדער ניט. זיא האט געפיהלט, אז אין דיעזער פראגע הענגט אב איהר לעבען און קיין וויכטיגערע פראגע גיבט עס ניט פאר איהר.

ווען זיא איז ארויסגעגאנגען פון שלאס, איז פאטעמקין נאך דארט געווען. זיא האט אלזא אויסגערעכענט, אז זיא וועט קומען אויף'ן בעשטימטען פלאץ נאך פריהער פון איהם. זיא וועט זיך ערגיץ בעהאלטען אונטער'ן מאנומענט און וועט אויף אזא אופן קענען הערען אלעס וואס פאטעמקין וועט רעדען מיט דער אונבעקאנטער פרוי.

אויף איהר וועג איז זיא פערבייגעגאנגען אייניגע לאנד־הייזער, וואס שטעהען גאנץ ווייט איינע פון דיא אנדערע. דיא לאדענס זיינען אלע געווען פעסט געשלאסען, קיין שיין פון ליכט איז אין ערגיץ ניט געווען צו בעמערקען. דיעזע אלע הייזער ווערען נור בענוצט אלס זומער־וואהנונגען פאר דיא פעטערבורגער רייכע מאגנאטען.

אונגעפעהר פופצעהן מינוטען איז שוין דיא קייזערין אזוי געגאנגען. מיט אמאל האט זיא דערהערט דעם גאלאפ פון א פערד. א רייטער איז איהר אנטקעגען געקומען פון פעטערבורג. זיא האט זיך וועגען דעם גאנץ ווייניג געקיימערט און זיא איז ווייטער געגאנגען מיט פעסטע שריט. אבער ווען דער רייטער איז צוגעקומען צו איהר נאהענט, האט ער זיך אבגעשטעלט און האט איהר געזאגט:

— איין אויגענבליק, מיין פריינד, איך האב מיט דיר א פאאר ווערטער צו רעדען.

דיא קייזערין האט זיך אבגעשטעלט און האט גלייך דערקענט, אז דאס איז א איספראווניק, דער פאליציי פארשטעהער פון דער געגענד, און זיא האט גענומען טראכטען, וואס זאל זיא איהם ענטפערען אויף זיינע פראגען? זיא איז דאביי געווארען גאנץ אונרוהיג. זיא האט מורא געהאט דאס זאל איהרע אלע פלענער ניט צושלאגען.

— ווער ביסט דו, מיין פריינד? האט דער איספראווניק ביי איהר גע־פרעגט און האט זיך עטוואס פון זיין פערד אראבגעבויגען, ער זאל קענען דעם וואנדערער גוט בעטראכטען. וואוהין געהסט איהר ביינאכט אין אזא שלעכטען וועטער?

— איהר זעהט דאך, האט זיא געענטפערט, אז איך בין אן ארבייטער. איך געה דאס יעצט קיין פעטערבורג, דארט ארבייט צו זוכען.

— וואס איז דיין ארבייט?

— איך בין א סטאליאר, דיא זעלבע פראפעסיאן ביי וועלכע צאר פעטער וועליקי האט געארבייט.

— איך האף, אז דו וועסט יעדענפאלס ניט אויפבויען אייראפא, וויא דער גרויסער צאר האט עס געטהאן, האט דער איספראווניק געזאגט מיט א בייזליכער שטימע.

— מען קען גאר ניט וויסען, האט קאטהערינא געלאכט. אבער איך בעט אייך, האלט מיך לענגער ניט אויף, ס'איז זעהר קאלט, און איך האב נאך א שטיק וועג צו געהן.

— וויא איך זעה, האסט דו קיין צייט ניט, האט דער בעאמטער געזאגט מיט א איראנישען טאן, דו מוזט וויסען, אז קיין פערדעכטיגע פערזאנען טארען זיך ניט ארומטרייבען אין דיעזער געגענד וואו אונזער געליעבטע קייזערין (גאט זאל זיא היטען און בעשיצען!) געפינט זיך יעצט אין איהר פאלאסט. צייג מיר דיין פאספארט.

קאטהערינא האט אין פערלעגענהייט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען.

— מיין פאספארט — מיין פאספארט — האט זיא געשטאמעלט, איך האב איהם פערגעסען ביי מיין לעצטען מייסטער, וואו איך האב געארבייט.

און מיט דיעזע ווערטער האט זיא אנגעפאנגען צו אנטלויפען. דער איספראווניק איז דיא ערשטע מינוט געבליעבען זעהר איבערראשט, אבער באלד האט ער איהר אנגעפאנגען נאכיאגען און נאטירליך ווען ער איז געפאהרען רייטענדיג און זיא איז געלאפען צו פוס, האט ער זיא שנעל געכאפט.

ער האט ארויסגענומען זיין רעוואלווער און האט אויסגעשריען מיט א שטרענגען טאן:

— דו פערדאמטער באנדיט, נאך איין שריט ווען דו מאכסט צו אנטלוי־

פען, וועל איך דיך דערשיסען וויא א הונד. מארש! נעה ביי'ם זייט פון פערד ביז צארסקאיע סעלא, דארט וועל איך דיך שוין בעווארענען.

איינינע מינוט איז זיא געגאנגען מיט'ן רייטער און האט געטראכט וויא זיא זאל זיך פון איהם אויסדרעהען. אבער זיא האט קיין מיטעל ניט געקענט גע־פינען. פלוצים האט זיא דערהערט טריט און פון דער נאכט־דונקעלהייט האט זיך בעוויזען א הויכע, שלאנקע געשטאלט איינגעהילט אין אן אפיציערסקען מאנטעל. דאס איז געווען פאטעמקין. קאטהערינא האט אבגעווענדעט איהר געזיכט, ער זאל זיא ניט בעמערקען, און פאטעמקין האט זיך ווירקליך גאנץ ווייניג געקימערט איבער'ן פאליציי בעאמטען און דעם ארעסטאנט וואס ער פיהרט. פאטעמקין איז דאריבער אוועק ווייטער זיין וועג נאך דער ריכטונג צום מאנומענט.

אין קאטהערינא'ס הארץ האט געקאכט וויא אין א זודיגען קעסעל. זיא האט געפיהלט וויא אט ווערט איהר נשמה אין שטיקער צוריסען. יעצט געהט ער אהין, צו זיין אנדערער געליעבטער און זיא קען איהם ניט נאכגעהן און זיך איבערצייגען אויב איהר פערדאכט איז ריכטיג. און דאן וויעדער דער סקאנדאל. מען וועט זיא ברייננען אין שלאס און אלע דיענער וועלען זיא אנקוק־קען אין דעם מאדנעם מאסקעראד וואס זיא טראגט יעצט. זיי וועלען דאך מיי־נען אז זיא איז משוגע געווארען.

שטיל און אונבעמערקט האט זיא ארויסגענומען פון איהר טאש איינעם פון איהרע קליינע רעוואלווערס, און צורוקענדיג זיך נעהענטער צום פערד האט זיא אויסגעשאסען אויף זיינע הינטערסטע פיס. דער פערד איז באלד אנידער־געפאלען און דער רייטענדער איספראווניק אונטער איהם. מיט א גרויזאמע זידלעריי האט ער זיך גענומען ארויספלאנטערען פון הינטער'ן פערד, אבער קאטהערינא האט זיך מיט דער געלעגענהייט בענוצט און איז אנטלאפען. זיא האט זאגאר אין דעם מאמענט פעסט בעשלאסען, אז מארגען זאל זיא דיעזען עהרליכען בעאמטען קייזערליך בעלאהנען.

באלד איז זיא שוין געווען ניט ווייט פון דעם מאנומענט. זיא האט אנגע־שטרענגט איהרע בליקען, דאך האט זיא אנפאנגס גאר ניט געקענט בעמערקען. אבער פלוצים האט זיא דערזעהן, אז דארט ווערט עס לעבעדיגער. א פרויען־צימער האט זיך בעוויזען. איהר פיגור שיינט צו זיין יונג און שלאנק.

און דארט פון ווייטען איז געשטאנען דער שווארצער האסאן, דער דיענער וואס זיא האט אוועקגעשענקט פאטעמקין'ען. ער האט זיך פון ארט ניט גע־ריהרט. ער איז געשטאנען און האט נור בעוואכט דיא געגענד. וואהרשיינליך האט איהם פאטעמקין אזוי דעם ארדער געגעבען, אום עס זאל איהם קיין זאך ניט שטערען ביי זיין צוזאמענקומען מיט זיין געליעבטער.

באלד האט קאטהערינא בעמערקט ווי פּאָטעמקין געהט אימער נעהענטער צו דער פּרויענצימער וואס ווארט אויף איהם ביי'ם מאָנומענט.

רייכט ער איהר דיא האנד? קושט ער זיא?

קאטהערינא איז געשטאנען צו וויט. זיא האט עס ניט געקענט זעהן דייטליך. דאָך אויף אזוי פיעל האט זיא בעמערקט, אז ער רעדט צו איהר מיט גרוים התלהבות, וויא ער וואלט ביי איהר וועלען עטוואס פועל'ען. זיא האט אויך יעצט אָנגעפאנגען דייטליכער צו בעמערקען, אז דיא פרוי איז יונג און זעהר שעהן.

— דאס איז געווים עליזאבעט וואראנצאָוו, האט קאטהערינא צו זיך אליין געמורמעלט און האט צוזאמענגעקרעמפּפט איהרע הענד און איהרע אויגען האבען געשפּריצט מיט פייער.

קאטהערינא איז שוין פערטיג געווען ארויפצושפּרונגען אויף דיא ליעבענדע פּאָאר און זיי דורס זיין, זיי אין שטיקער צורייסען און זיך אליין אויך א מיתה אָנטהון.

— אָבער, וואס איז דאס? גרויסער גאָט! איהר אלעקסאנדער שרייט עפּעס! עס הערט זיך דער קלאנג פון וואפען! עס געהט פּאָר א קאמפּף! עס הערט זיך א געשריי אום הילפע — ·

קאטהערינא האט ארויסגעכאפּט דעם רעוואָלווער פון איהר טאש און איז געלאָפען פאָרווערטס וויא משוגע, וויא א פערצווייפעלטע. מען וויל ביי איהר דעם ליעבסטען אויף דער וועלט אוועקנעהמען.

יעצט איז איהר אין איין מאָמענט אלעס קלאָר געוואָרען. יעצט ווייסט זיא עס: אלעקסאנדער איז ארייגעפאלען אין א נעטץ, זיין לעבען איז אין געפאהר, מען וויל איהם הרג'ענען!

— שנעל! האט זיא געמורמעלט וויא א צורייצטע לייבין, ביי וועלכער מען וויל איהר קינד אוועקרויבען, שנעל איהם צו רעטען אָדער מיט איהם צוזאמען שטארבען.

און דיא קייזערין איז געלאָפען וויא א שטורם צום מאָנומענט.

* * *

ווען פּאָטעמקין איז געקומען נעהענטער צום מאָנומענט, האט ער שוין פון וויטען דערזעהן דיא שלאנקע פרויענגעשטאלט, וועלכע האט אויף איהם גע־ווארט, און ער האט גערעכענט, אז דאס איז זיכער דיא טאָכטער פון דער אלטער פרוי וואס ווארט אויף איהם מיט דעם וויכטיגען פּאפּיער.

גראדע מיט א פּאָאר מינוטען פריהער, געהענדיג איבער'ן שאָסע, איז איהם דורכגעפלויגען א געדאנק פיליכט איז דיא גאנצע זאך בלויז אן אינטריגע אום איהם פערנארען צום טויט. ער האט אימער אין זינען געהאט, אז ער האט א

בלוטינגען שונא, דעם גראף ארלאָוו, וועלכער איז אויף אלעם פעהיג. דאָך ווען ער האט דערזעהן דיעזע שעהנע מיידעל גאנץ אליין, איז יעדער פערדאכט ביי איהם פערשוואונדען געוואָרען, און ער איז געלאָפען צו איהר מיט שנעלע טריט און פול מיט גוטע האָפנונג.

— גוטען אבענד, מיין העררע, האט זיא איהם בעגריסט גלייך וויא ער איז צוגעגאנגען. ענדליך זיינט איהר געקומען. איך ווארט שוין אויף אייך מעהר וויא א האלבע שטונדע. מיין מוטער האט מיך געשיקט —

— ענטשולדיגט, פריילין, האט איהר פאַטעמקין אונטערבראָכען מיט א העפליכען טאָן. איך האב זיך פיעלייכט איינינע מינוט פערשפעטיגט. זיינט איהר דען געקומען צו פוס פון פעטערבורג?

— יא, מיין העררע, מיר זיינען אָרעם און האָבען ניט קיין געלד צו דינגען פוהרען.

— אָה, ווארום האט עס מיר אייער מוטער ניט געזאָגט? איך וואָלט איהר דאָך פאַרלויפיג געוועזן געגעבען עטוואָס געלד. האט איהר דעם דאָקומענט ביי זיך?

— געוויס.

— זעהר גוט, און איך האב אויך מיטגעבראכט מיט מיר דיא זעכס טויזענד רובעל וועלכע איהר קענט זאָפאָרט בעקומען. זייט אזוי גוט, גיט מיר דעם פאפיער א קוק צו טהאָן.

— דאָ איז דאָס, האט דיא אונבעקאנטע געענטפערט און האט ארויסגענער־מען פון איהר בוזים אן אלטען צוזאמענגעלייגטען פאפיער און איהם דערלאנגט.

מיט א לייכטע פערנייגונג האט ער ביי איהר דעם פאפיער גענומען און גלייך געעפענט. אבער אין דעם זעלבען מאמענט איז ער געבליעבען שטעהן ערשטוינט פון שרעקליכע אויפרעגונג. ער האט געזעהן, אז ס'איז א גלאָטער בויגען פאפיער, אויף וועלכען עס איז זאָגאר קיין איינציגער בוכשטאב ניט גע־וועזן אָנגעשריעבען.

— וואָס איז דאָס? האט ער געוואָלט פרעגען, אבער אין דער זעלבער סעקונדע איז ער אָבגעשפרונגען מיט א פירכטערליכען געשריי, א געשריי צוזאַ־מענגעמישט פון שמערץ און כעס. דיא קאָמעדיאנטין האט איהם ארייגגע־שליידערט אין געזיכט א גאנצען הויפען שפאנישען פעפער, אזוי אז ער איז מאָ־מענטאַן פערבלענדעט געוואָרען און האט געפיהלט, אז זיינע אויגען ברענען וויא א העלישער פייער.

פאָטעמקין האט ארויסגעכאפט דעם שווערד. ער האט יעצט דייטליך פערשטאנען, אז מען מאכט אויף איהם א מאָרד־אָנפאל. אבער וויא וועט ער זיך קענען פערטהיידיגען, אז ער זעהט ניט? מיט וויפיעל קראַפט ער האט נור געהאט האט ער אויסגעשריען:

— האַסאַן, שנעל צו הילפע! מאָרד, מאָרד! גרויסער גאָט, איך בין בלינד געוואָרען!

אין זעלבען מאָמענט האָט פּאַטעמקין געפיהלט, אז יעמאנד איז איהם בע־פאלען פון הינטען און האָט איהם געכאפּט ווערגען פאר'ן האלז. פּאַטעמקין האָט וויא א העלד געקעמפּפט זיך ארויסצורייסען פון מערדער'ס האנד. דאָס האָט ער געהאט צו קעמפּפען מיט'ן סקעלעט, וועלכער איז וויא א טיגער ארויפגע־שפּרונגען אויף'ן אונגליקליכען פּאַטעמקין'ען. באלד האָט ער ארויסגעכאפּט פון זיין טאש זיין מעסער און האָט שוין אויפגעהויבען דיא האנד. נאָך איין אויגענבליק און פּאַטעמקין בלייבט ליגען א דערשטאָכענער.

אָבער אין דער זעלבער סעקונדע האָט זיך דערהערט א שאָס פון א רעוואָל־ווער און פּאַטעמקין האָט געפיהלט, אז ער איז פריי געוואָרען פון'ם מערדער וואָס האָט איהם פאר'ן האלז געהאלטען. אן אונבעקאנטער האָט אויסגעשאָסען און דיא קויל איז אריינגעפלויגען ריכטיג אין רוקען פון פּאַטעמקין'ס געגנער, וועל־כער איז אויגענבליקליך געפאלען טויט.

און באלד האָט פּאַטעמקין דערהערט א שטימע וואָס האָט איהם געקלונגען וויא הימלישע מוזיק; א שטימע, וועלכע ער האָט גאָר ניט ערווארטעט, אָבער זיא האָט איהם געבראכט שוץ און רעטונג. דאָס איז דיא שטימע פון זיין גע־ליעבטע קייזערין.

— איך לויף צו דיר, אלעקסאנדער, האָט זיא געשריען העכסט אויפגע־רעגט. האלט זיך מוטהיג, איך וועל דיך רעטען!

אין דער צייט איז דערוויילע דיא ביטערקייט פון'ם פּעפער אויסגעוועבט געוואָרען, און פּאַטעמקין האָט ווידער אָנגעפאנגען זעהן. ער איז צוגעלאָפען מיט זיין שווערד צו דער קאָמעדיאנטין און האָט איהר געוואָלט דעם קאָפּ ארונ־טערהאקען, אָבער אין דער סעקונדע איז צוגעשפּרונגען צו איהם א מאן און האָט מיט א שרעקליכע אויפרעגונג אויסגערופען:

— פריהער וועסט דו מוזען מיט מיר קעמפּפען, פּאַטעמקין, איידער דו וועסט זיא אָנריהרען.

צו גלייכער צייט האָט פּאַטעמקין געהערט וויא הינטער איהם איז פאָר־געקומען א שווערער, פערצווייפעלטער קאמפּף. אָבער ער האָט קיין סעקונדע צייט ניט געהאט זיך אומצוקוקען א בליק טהאָן וואָס דאָרט טהוט זיך. ער האָט זיך געמוזט פערטהיידיגען געגען זיין נייעם אָנגרייפער, דעם סטודענט וואָס איז איהם בעפאלען וויא א ווילדער, צורייצטער לייב.

וועהרענד דיא שווערדען פוןביידע געגנערס האָבען געקלונגען אז פונקען זיינען געפלויגען, האָט זיך דאָרט הינטען אָבגעשפּיעלט פאָלגענדע סצענע. נאָך איידער דיא קייזערין איז צוגעקומען, האָט דער גיגער האַסאַן דערהערט

וויא פּאַטעמקין רופט פיר הילפע און ער איז מיט דער שנעליגקייט פון א בליץ צוגעלאָפען רעטען זיין הערר. ער האָט דאן אין האנד געהאלטען א ברייטען שארפען מעסער, פערטיג אין שטיקער צו צושניידען יעדען איינעם וואָס האָט זיך געוואגט א האנד ארויפצולייגען אויף פּאַטעמקין'ען. מיט איין מאָל האָט דער הויקערדיגער פּאַכאָמקע וויא א קנויל זיך ארונטערגעקייקעלט אונטער זיינע פיס. דער ניגער איז געפאלען און אָרלאָוו'ס מערדערישער דיענער האָט מיט א זעלטענע געשיקטליכקייט בענוצט דיעזען מאָמענט. וויא א ווילדע חיה איז ער ארויפגעשפרונגען אויף'ן שווארצען ריעז און איידער ער איז אין שטאנד געווען זיך א ריהר צו טהאָן, האָט פּאַכאָמקע מיט זיין אייזערנעם רינג איהם צושמעטערט דעם שארבען אויף ברעקלאַך.

פערטיג מיט דיעזען מאָרד, האָט זיך פּאַכאָמקע אראָבגעכאַפּט פון זיין אָפּפער און איז שוין גרייט געווען צו בעפאלען פּאַטעמקין'ען, וועלכער האָט נאָך אלץ געקעמפפט מיט'ן סטודענט. ער איז שוין געווען א פּאָר טריט פון איהם, ווען עס האָט מיט אמאָל אויסגעקראכט א צווייטער שאָס און פּאַכאָמקע האָט ארויסגעלאָזט א ווילדען געשריי פון שמערץ. דער קייזערין'ס קויל האָט איהם געטראָפען און עס האָט אויסגעזעהן, אז באלד בלייבט דער הויקער ליגען טויט. אָבער ניין — ער האָט זיך גלייך וויעדער ערהאָלט און טראָטץ דעם וואָס דאָס בלוט האָט פון איהם גענאָסען וויא פון א קוואל, האָט ער פון דעסטוועגען בעוויזען זיך אריינצוקייקלען צוריק אין גראָבען און דאָרט איז ער פערשוואונדען געוואָרען.

דער סטודענט האָט אויך געהערט דעם צווייטען שאָס און ער האָט פערשטאנען זעהר גוט, אז לאנג וועט ער זיך שוין ניט קענען האלטען אין קאמפף. ער האָט דאריבער געמאכט דעם לעצטען פערצווייפעלטען איבערפאל. פּאַטעמקין'ס האנד איז שוין געווען אזוי וויא געלעהמט. מיעד און שרעקליך אויפגערעגט האָט ער איין מאָמענט פערלאָרען זיך צו פערטהיידיגען און דער סטודענט האָט אריינגעשטאָכען זיין שווערד אין פּאַטעמקין'ס האנד, און פּאַטעמקין איז אנידערגעפאלען מאכטלאָז צו דער ערד.

— יעצט מוזען מיר אנטלויפען, שנעל אנטלויפען! האָט דער סטודענט זיך געווענדעט צו זיין געליעבטע. איך גלויב, אז יענער וואָס לויפט אהער איז א פערשטעלטער מאנספערזאָן, דיא שטימע איז וויא פון א פרוי. פיעלייכט איז דאָס פּאַטעמקין'ס געליעבטע? דיא געפאהר איז גרויס.

— מיר מוזען אָבער דעם סקעלעט מיט אונז מיטנעהמען, האָט דיא קאָמעדיאנטין געשטאמעלט, אונזער פוהר שטעהט דאָ ניט ווייט הינטער'ן וועלדעל. נעהם איהם אויף דיינע פּלייצעס און שלעפּ איהם אוועק. זאָנסט וועט מען ביי דער אונטערזוכונג זיכער אויסגעפינען ווער דיינע מיטהעלפער זייַנען געווען און מיר װעלען אריינפאלען אין געפענגניס.

מיט דער הילפע פון זיין געליעבטע האָט דער סטודענט געכאַפּט דעם טויטען קערפער און אוועקגעשלעפּט. קאטהערינא איז געקומען צו לויפען גראדע אין דעם מאָמענט, ווען די פערברעכער זיינען פערשוואונדען געוואָרען פון׳ם פּלאַץ וואו דער קאמפּף איז פאָרגעקומען. דער גאנצער קאמפּף האָט ניט מעהר געדויערט וויא צוויי מינוט און דאָך האָט עס געקאָסט צוויי מענשען־לעבענס. אויסער דעם סקעלעט איז אויך דער טרייער דיענער, דער שווארצער ריעז געלעגען טויט.

אָבער קאטהערינא האָט זיך וועגען איהם גאנץ ווייניג געקימערט. זיא איז ארויפגעפאלען אויף דער פערשנעעטער ערד צו פּאָטעמקין׳ען. ער האָט פּראָבירט מיט זיינע לעצטע שוואכע קרעפטען זיך אויפצוהויבען. די וואונד וואָס דער סטודענט האָט איהם געמאכט איז ניט געווען זעהר געפעהרליך, אָבער ער האָט געפיהלט גרויסע שמערצען און דאצו נאָך האָט פון דער האנד געגאָסען זעהר פיעל בלוט און דאָס האָט איהם זעהר שוואך געמאכט.

— אלעקסאנדער, ליעבער אלעקסאנדער מיינער, האָט די קייזערין אויסגערופען וויינענדיג. וואָס האָבען זיי דיר געטהאָן? דו לעבסט — יא, דו לעבסט? רעד כאָטש איין וואָרט צו מיר, טהייערער! ביסט פערוואונדעט? שווער פערוואונדעט?

זיא האָט איהם אויפגעהויבען וויא מען הויבט אויף א קראנקע קינד. דאָס בלוט האָט געשטראָמט פון זיין וואונד איבער׳ן מאנטעל. זיין ליעבליכע געזיכט איז געווען בלאס וויא מארמאָר און אין קאטהערינא׳ס אויגען האָט ער יעצט אויסגעזעהן נאָך שעהנער און ליעבליכער וויא אימער.

זיא האָט אין דיעזען אויגענבליק געפיהלט וויא היים זיא ליעבט איהם און כאָטש זיא האָט שוין געזעהן, אז זיין וואונד איז ניט געפעהרליך, האָט זיא שרעקליך געציטערט פאר׳ן געדאנק, אז עס האָט געקענט טרעפען זיא זאָל איהם היינט אויף עביג פערלירען.

— איך בין פערוואונדעט, האָט פּאָטעמקין געשטאמעלט מיט א שוואכע שטימע, איך בין פערוואונדעט, אָבער ניט שווער. אָה, וויין ניט, מיין געליעבטע, איך קען עס ניט זעהן. דו האָסט מיך געראטעט, מיין טהייערער ענגעל! נור דיר האָב איך יעצט צו דאנקען פאר מיין לעבען, וועלכעס געהערט סאַי וויא סאַי צו דיר.

— דאנק מיר ניט, טהייערער, לאָז מיך בעסער זעהן וואָס איז מיט דיין וואונד. אָה, גאָט! דו פערליערסט אזוי פיעל בלוט! קום, אלעקסאנדער, איך וועל דיר דיין מאנטעל אראָבציהען, דאן וועל איך מיין טאשען־טוך איינגעצען אין שנעע און דיין וואונד פערבינדען. וויא בלאס דו זעהסט אויס! אָה, איך וועל עס ניט אריבערטראָגען. און דאָ — אליין אין דיעזער איינזאמקייט, אהן

א דאָקטאָר. שטארק זיך, נשמה, איך וועל דיך פיהרען, אויף מיינע הענד וועל איך דיך טראָגען ביז צארסקאָיע סעלאָ.

זיא האָט איהם בעהאנדעלט אזוי צערטליך וויא א מוטער איהר טהייערסטע קינד. זיא האָט איהם אראָבגענומען דעם מאנטעל און זעהענדיג, אז דעם ארבעל פון דער פעוואונדעטער האנד איז שווער אויסצוטהאָן, עס טהוט שטארק וועה, האָט זיא גענומען דעם מעסער וואָס דער סקעלעט האָט געלאָזט נאָכדעם וויא ער איז טויט געפאלען פון איהר קויל און האָט גאנץ פאָרזיכטיג אויפגע־שניטען דעם ארבעל פון'ם מאנטעל, דעם ארבעל פון'ם מונדיר און דעם ארבעל פון דער העמד, און האָט אויסגעוואשען און ריין געמאכט דיא וואונד מיט שנעע און ערשט דאן האָבען ביידע געזעהן, אז דיא וואונד איז פיעל ערנסטער וויא זיי האָבען ביידע גענלויבט. דיא שווערד האָט איהם דורכגעשניטען דאָס פלייש איבער'ן עלענבויגען פון דער לינקער האנד, און נאָך האָט מען ניט גע־קענט וויסען וויא טיעף דיא וואונד איז, אויב עס האָט ניט געשאדעט דעם ביין.

גאנץ לאנגזאם האָט איהם דיא קייזערין דיא וואונד פערבונדען, דאן האָט זיא זיך געשטעלט ביי זיין רעכטע זייט. ער האָט ארויפגעלייגט זיין געזונדטע האנד אויף איהרע שולטערן און זיא האָט איהם געזאָגט:

— האלט זיך אָן אין מיר, געליעבטער, אָבער האלט זיך אָן פעסט, ביז איך וועל דיך ברייננען אין פאלאסט. אויב דיר איז שווער צו געהן, טהייערער, זאָג מיר, וועל איך דיך נעהמען אויף מיינע הענד — אָה, איך בין שטארק גענוג.

אָבער דאָס האָט פאָטעמקין ניט געוואָלט. ער האָט זיא פערזיכערט, אז יעצט איז איהם פיעל לייכטער און ער וועט קענען געהן. קאטהערינא האָט איהם אלזאָ געפיהרט גאנץ לאנגזאם דורך נאכט און נעבעל און שנעע און אלע ווײלע האָט זיא ארויסגעלאָזט א שווערען, ריהרענדען זיפץ פון הארצען.

— ווען מען זאָל אונז יעצט זעהן, האָט פאָטעמקין געזאָגט מיט א ריהר־רענדע שטימע, קיינער וואָלט עס ניט געקענט גלויבען. אָה, קאטהערינא, דו צייגסט מיר דעם גאנצען רייכטהום פון דיין גוטער נשמה! דו טהוסט פאר מיר אזוי פיעל.

— איך טהו פאר דיר נור דאָס וואָס יעדע ליעבענדע פרוי דארף טהאָן פאר איהר מאן. איך פיהר דיך ווייל דו ביסט שוואך. וואָלסט דו דען אויך ניט געטהאָן דאָס זעלבע פאר מיר?

— איך? אָה, קאטהערינא! וויא קענסט דו מיך פערגלייכען צו דיר? וואָס בין איך דען נעגען דיר? איך בין דיין אונטערטהאַן דיין שקלאף און דו ביסט מיין קייזערין!

— און דאָך האָסט דו מיך געמאכט פאר דיין שקלאפין דו שלעכטער, שלעכטער מאן! דו ווייסט ניט וויא שרעקליך איך האָב דעם גאנצען נאָכמי־טאג געליטען גלויבענדיג, אז איך וועל דיך פערלירען.

— דו וועסט מיך פערלירען? האָט פּאַטעמקין געפרעגט איבערראשט. גרויסער גאָט! ווער האָט דיר אזעלכע שרעקליכע געדאנקען איינגערעדט?

— קינד, ווען איך זאָל עס ניט געוועו וויסען, וואָלט איך דיך געוויס ניט געוועו ארויסגעלאָזען פון שלאָס. אָבער געוואוסט האָב איך יא, אז דו געהסט היינט אבענד צום מאָנומענט.

— דאָס האָסט דו געוואוסט? האָט זיך פּאַטעמקין געוואונדערט. וויא איז דאָס מעגליך? ס'איז דאָך געוועו א געהיימניס, וועלכעס איך האָב קיינעם ניט געוואָלט זאָגען, אפילו דיר, מיין טהייערע, ביז א געוויסע צייט.

— און דאָך זעהסט דו, אז איך האָב עס ערפאהרען. איך וועל דיר אַלעס דערצעהלען, נשמה, דו מוזט זיך שטארק וואונדערן וויא קום איך גראדע אין אזא מין קאָסטום זיין פערקליידעט, דיא זאך ערקלערט זיך אָבער גאנץ איינפאך. א געוויסע פּערזאָן פון מיין הויף האָט בעמערקט וויא דו ביסט אין פּארק צוזאַמענגעקומען מיט א פערשלייערטע דאמע. דיא זעלבע פּערזאָן האָט אויך געהערט וויא דו האָסט מיט דער דאמע אָבגערעדט היינט אבענד זיך צו בעגעגענען ביי'ם מאָנומענט.

— דאָס איז גאנץ ריכטיג, אָבער האָט מען דיר אויך דערצעהלט צו וועלכען צוועק איך האָב מיט איהר אָבגעמאכט זיך צו טרעפען?

— ניין, דאָס ניט. דיא פּערזאָן האָט אייער גאנצען געשפּרעך ניט געהערט.

פּאַטעמקין האָט יעצט דערצעהלט דער קייזערין דיא גאנצע געשיכטע, וויא ער איז געוועו איבערגליקליך מיט דער האָפנונג, אז ער וועט קענען קריעגען דעם דאָקומענט, וואָס זיא האָט ארויסגעגעבען אָרלאָוו'ען, און וויא ער האָט איהר דאמיט געוואָלט מאכען א סורפּריז.

קאטהערינא האָט אַלעס אויפמערקזאם צוגעהערט און האָט דאן ביי איהם געפרעגט:

— און דו האָסט באלד ניט פערשטאנען, אז דאָס איז א נידערטרעכטיגער פּלאן אום דיך צו פאנגען און ערמאָרדען?

— איך האָב עס ניט פערשטאנען. איך האָב געהערט א פרוי רעדט, דוכט מיר, פון הארצען, היינט וויא זאָל מיר איינפאלען, אז מען מיינט מיר שלעכטעס טהאָן?

— אָה, דו קינד, דו גרויסע, ליעבע קינד! ווער האָט דען געוואוסט פון אזא דאָקומענט? איך, דו און אָרלאָוו. דאן קומט א פיערטע פּערזאָן און דערצעהלט דיר דיא זעלבע געשיכטע וויא וויכטיג דער דאָקומענט איז פאר מיר אום פון אָרלאָוו'ען בעפרייט צו ווערען. פון וואנען ווייס זיא עס? ווער האָט עס איהר געזאָגט? איך און דו — ניט. אלזא האָסט דו געדארפט פערשטעהן, אז דאָס האָט זיא נור אָרלאָוו געשיקט און קיין אנדערער.

פּאַטעמקין האָט פערשטאַנען, אז קאטהערינא זאָגט ריכטיג און ער האָט זיך פערשעהמט פאר זיך אליין.

— און דו וועסט עס איהם שווייגען, קאטהערינא? האָט פּאַטעמקין געפרעגט מיט א ריהרענדע שטימע. דו וועסט איהם דערפאר ניט שיקען אויף'ן עשאפאָט?

— אָהן בעווייזע איז דאָס אונמעגליך. איך וועל נאטירליך הייסען מאַכען דיא שטרענגסטע אונטערזוכונג. אָבער דיא מערדער זיינען אנטלאָפען און איך גלויב ניט, אז עס וועט מעגליך זיין עטוואָס צו ענטדעקען. פון דעסטוועגען זאָרג זיך ניט, געליעבטער, מיין ניט, אז דער שווארצער גראף וועט זיך פון מיין שטראָף אויסדרעהען. אין דיעזער הינזיכט קענסט דו מיך נאָך ניט. דו ווייסט ניט וויא שרעקליך קאטהערינא קען זיך אָברעכענען מיט איהרע פיינד.

— און וואָס האָסט דו געגלויבט, ווען דו האָסט געהערט, אז איך האָב אָבגערעדט זיך צוזאמענצוקומען מיט דער פערשלייערטער דאמע ביי'ם מאָנומענט?

— וואָס איך האָב געגלויבט? אָה, טהייערער, איך קען דיר גאָר ניט אויסמאָלען וויא איך האָב זיך אָנגעליטען, וויפיעל שמערצען איך האָב אין דיא אייניגע שטונדען אריבערגעטראָגען, אָבער ס'איז ווערטה געווען, יעצט ווייס איך אַם וועניגסטען וויאַ גרויס מיין ליעבע איז צו דיר, און אז איך קען אָהן דיר ניט לעבען.

און דיעזע מעכטיגע פרוי מיט איהר אייזערנעם כאראקטער, וועלכע האָט אין איהר לעבען קיינמאָל ניט געוויינט, האָט ביי דיעזע ווערטער זיך בעגאָסען מיט טהרערען. פּאַטעמקין האָט זיך צו איהר צוגעבויגען און האָט איהר אָבגעקושט דיא טהרערען פון דיא אויגען, פון געזיכט, פון דיא ליפּען און אזוי האָבען זיי זיךביידע צערטליך ארומגעארמט אין דער פינסטערער נאכט.

— דו ביסט אלזאָ געווען אייפערזיכטיג, טהייערע, האָט ער בעמערקט מיט א שמייכעל.

— ניין, איך בין ניט געווען אייפערזיכטיג, האָט זיא געענטפערט. דאָס קען מען ניט אָנרופען מיט דיעזען געוועהנליכען וואָרט, לויט דיא מאטערנים וואָס איך האָב געליטען. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז איך שטעה ביי א פרישען אויסגעגראָבענעם קבר און בעגראָב דאָרט אלעס וואָס איז פאר מיר שעהן און העַליך אויף דער וועלט. אָדער ריכטיגער געזאָגט, מיר האָט זיך אויסגעציינט, אז איך בעגראב זיך אליין אין פינסטערען קבר. דען וואָס וואָלט מיין לעבען ווערטה געווען אָהן דיר?

— איך וועל אימער זיין דיינער, קאטהערינא, אויב דו וועסט מיך נור ענדליך ניט פערשטויסען פון זיך.

— דאָס וועט ניעמאלס, ניעמאלס געשעהן, האָט זיא טרייהערציג געזאָגט,

מיין ליעבע וועט אימער געהערען צו דיר, נור צו דיר אליין, ביז מיין לעצטען אטהעם.

און ווידער האט זיא זיך אויף זיין ברוסט געוואָרפען און ער האט זיא ארומגענומען מיט זיין געזונדטע האנד און צוגעדריקט צו זיין הארצען. מיט פריידענס טהרערען האט זיא איהם אונטערגעשטעלט איהרע ליפען וועלכע ער האט מיט פייער בעדעקט.

דיעזע בעוועגונגען האבען אבער געבראכט דאצו, אז דער באנדאזש האט זיך אבגערוקט און פון זיין האנד האט ווידער אנגעפאנגען פליסען בלוט, קאטהערינא האט עס בעמערקט און האט אויסגערופען מיט פערצווייפלונג:

— אָה, גאָט, דיין וואונד איז ווידער אָפען, בלוט! דיין בלוט, מיין אלעקסאנדער, אך, איך קען עס ניט זעהן, איך קען דעם געדאנק ניט אריבער־טראָגען, טאָמער חלילה וועט דיא וואונד ווערען געפעהרליך.

פאָטעמקין האט דאן ווירקליך געפיהלט גרויסע שמערצען און דאצו איז ער פון מינוט צו מינוט שוואכער געוואָרען.

— איך בין מיער, איך קען מיינע פיס ניט שלעפען, האט ער ענדליך געזאָגט מיט א שוואכע שטימע, איך פיהל וויא מיינע קרעפטע פערלאָזען מיך.

— שטארק זיך, מיין טהייערער, האט זיא אויסגערופען מיט שרעק, שטארק זיך נאָך אביסעלע, באלד וועל איך דיך ברייגגען אין צארסקאָיע סעלאָ און מיין לייב־דאָקטאָר וועט דיין וואונד פערבינדען. איך אליין וועל דיא גאנצע נאכט ביי דיין בעט זיצען, קיין אנדערן וועל איך ניט ערלויבען דיך צו פפלעגען. קום, אלעקסאנדעריל מיינער, נעה לאנגזאם און האלט זיך אָן פעסט אין מיר.

אין א פינף מינוט ארום האט זיך פאָטעמקין אבגעשטעלט און האט זיך געווענדעט צו קאטהערינא׳ן מיט א שוואכע שטימע:

— עס געהט ניט, טהייערע, איך קען מעהר א טריט ניט שטעלען. מיינע פיס בויגען זיך אונטער מיר.

קאטהערינא האט איהם ווירקליך געוואָלט נעהמען אויף דיא הענד, אבער דורך א קליינע אונפאָרזיכטיגקייט האט זיא בעריהרט זיין וואונד און מיט א שווערען קרעכץ פון גרויסע שמערצען איז ער אנידערגעפאלען צו דער ערד.

— וואָס זאָל איך טהאָן? האט דיא קייזערין אויסגערופען מיט א שטימע פון פערצווייפלונג. איך וואָלט געלאָפען אין צארסקאָיע סעלאָ בריינגען אן עקיפאזש און הילפע, אבער וויא קען איך דיך לאָזען אליין אין דער פינסטערער נאכט אין אזא איינזאמקייט?

— דאָס וואָלט געווען אם בעסטען, האט פאָטעמקין געשטאמעלט, אין א צוואנציג מינוט וואָלסט דו געווען אין פאלאסט און אין פינף מינוטען מעהר וואָלסט דו צוריק געקומען. איך וועל דאָ דערווייל מיר זיצען רוהיג ביי׳ם גראָבען.

— און איך זאָל דיך פערלאָזען?

— נור אויף א האלבע שטונדע, געליעבטע, איך דענק אז דאס װעט מיר ראטעװען מיין לעבען.

— ראטעװען דיין לעבען? אָה, דאן לויף איך! האָט קאטהערינא אויס־גערופען און דו װעסט זעהן װיא שנעל איך װעל צוריק קומען; אָבער דו מוזט מיר פערשפּרעכען, ליעבינקער, אז דו װעסט ניט איינשלאָפען דאָ זיצענדיג. אָה, גאָט! אין אזא קעלט און נאָך ביי אזוי פיעל בלוט װיפיעל דו האָסט פערלאָרען, װאָלט דאס געװען דער לעצטער עביגער שלאָף. און דאָס אלעס האָב איך צו פערדאנקען איהם — איהם, דעם טייפעל, דעם פערדאמטען אָרלאָװ׳ען! אָה, איך װעל פון איהם נעהמען ראכע, אזא ראכע װאָס קיין מענש אויף דער װעלט האָט נאָך ניט אויסגעפונען.

און מיט דיא דאָזיגע װערטער פון שמערץ און פערצװייפלונג איז זיא אװעקגעפלױגען װיא אויף דיא פליגלען פון שטורם און באלד איז זיא פער־שװאונדען אין דער פינסטערניס פון דער נאכט.

פּאָטעמקין האָט איהר נאָכגעקוקט מיט טיעף געריהרטע בליקען און האָט צו זיך אליין געמורמעלט.

— דו טהייערע פרוי! װיא אונענדליך גרויס דיין ליעבע איז צו מיר! אָבער אויך איך פיהל יעצט, אז איך װעל דיך עביג קענען ליעבען. דיך און נור דיך אליין. װען דו װאָלסט נור ניט געװען קיין קייזערין, װען דו װאָלסט ניט גערארפט געהערען צום גאנצען פאָלק, נור צו מיר אליין, װאָלט איך דאן פיעל, פיעל גליקליכער געװען.

דער פראָסט איז אלע מאָל שטארקער געװאָרען און דיא קעלט גרעסער און פּאָטעמקין האָט אָנגעפאנגען פיהלען שרעקליך קאלט.

— א ביטערע קעלט, האָט ער געמורמעלט צו זיך אליין. איך האָב צופיעל בלוט פערלאָרען, און װען דער עקיפּאזש זאָל ניט באלד קומען, האָב איך מורא, אז זיי װעלען מיך געפינען אָהנמעכטיג.

עס זיינען פאָראיבער נאָך פינף מינוט. ער האָט אָנגעפאנגען צו שפּיערען אז עס שלעפערט איהם געפעהרליך. ער האָט געװאוסט אז דיעזער שלאָף איז זיין זיכערער טויט. זיין געזיכט האָט געזונקען יעדע מינוט צו דער ברוסט, זיינע אויגען האָבען זיך געשלאָסען, עס איז אויף איהם געפאלען א זעלטענער זיסער שלאָף. נאָך איין מינוט און ער שלאָפט איין אויף עביג.

— זיא װעט געפינען נור מיין טויטען קערפּער, האָט ער ביי זיך געטראכט, אָה, װיא זיא װעט יאָמערען! אָבער ניין, איך װיל לעבען פאר איהר.

ער האָט אָנגעשטרענגט אלע זיינע קרעפטע, און ניט קוקענדיג אויף דיא שרעקליכע שמערצען װאָס ער האָט געליטען פון יעדע בעװעגונג, האָט עס איהם ענדליך דאָך געלונגען זיך אויפצוהויבען און דאן האָט ער זיך טריט ביי

טריט געשלעפּט ווייטער אויף'ן וועג נאָך צארסקאָיע סעלאָ. אונגעפעהר צעהן מינוט איז ער אזוי געגאנגען און האָט דערזעהן ביי'ם וועג אן איינזאמע הויז. דיא פענסטער זיינען געוועז דונקעל, קיין שיין פון א ליכט האָט זיך דאָרט פון ערגיץ ניט געזעהן.

— פיעלייכט וואָהנען דאָ מענשען, האָט ער ביי זיך געטראַכט, פיעלייכט וועלען זיי מיר העלפען. נור איין טראָפּען וויין, דאָס וואָלט מיך דערקוויקען.

מיט אמאָל האָט איהם שטארק אָנגעפאנגען אין קאָפּ צו שווינדלען. פאַר זיינע אויגען האָבען זיך בעוויזען שטראָמען פון רויטע, געלע און גרינע פייערען. עס האָט איהם געריסען צום באָדען וויא מיט א שווערער געוויכט.

— מיין ענדע קומט, האָט ער זיך געטראַכט. אָבער איך מוז זיך אנשטרענגען ביז צו דיא לעצטע כחות נור ביז צום טיהר, איך זאָל קענען אָנקלינגען — איבעריגענס ס'איז זעהר מעגליך אז דאָס הויז איז גאָר ניט בעוואָהנט. עס זיינען דאָ א סך פוסטע הייזער ווינטער ביי'ם שאָסעע. אויב דיא הויז איז ניט בעוואָהנט, דאן בין איך פערלאָרען.

מיט זיינע לעצטע קרעפטע פון העכסטע פערצווייפלונג האָט ער זיך צו־געשלעפּט צום הויז און האָט אויפגעעפענט דיא טיהרעל פון גאָרטען. מעהר איז ער געקראָכען וויא געגאנגען, ביז ער איז ענדליך צוגעקומען צום באַלקאָן פון הויז. דאָ האָט ער זיך נאָך געמוזט א ווײלע אָברוהען, ביז עס איהם געוועז מעגליך ארויפצוקלעטערען דיא פּאָר טרעפּ.

ענדליך האָט ער אויסגעשטרעקט דיא האנד און האָט אָנגעקלונגען.

א קורצע צייט איז פאריבער און קיינער האָט זיך ניט געוויעזען דיא טיהר צו עפענען. ביי איהם האָבען דיא פּאָר סעקונדען אויסגעזעהן א יאָהר לאנג. ענדליך האָבען זיך דערהערט לאנגזאמע שלעפּענדיגע טריט און אן עלטערע פרויען־שטימע האָט געפרעגט:

— ווער איז דאָ?

פּאָטעמקין איז געוועז אזוי שוואך, אז ער איז קוים אין שטאנד געוועזן צו ענטפערען. ער האָט אָנגעקלונגען נאָך אמאָל און האָט עטוואָס געזאָגט, אָבער דיא פרוי האָט וואהרשיינליך ניט געהערט וואָס, דען זיא האָט נאָך אמאָל עטוואָס אונגעדולדיג געפרעגט:

— ענטפערט, ווער קלינגט דאָרט? זאָגסט וועל איך ניט עפענען.

— איך בין א קראנקער, האָט פּאָטעמקין געענטפערט מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג. מען איז אויף מיר אָנגעפאלען אין וועג און מען האָט מיך שווער פערוואונדעט. איך שווער אייך, אז איך בין אן עהרליכער מאן. ווען איהר האָט גאָט אין הארצען, בעט איך אייך, האָט רחמנות און עפענט מיר!

באַלד איז דער ריגעל פון אינעווייניג אָבגערוקט געוואָרען און דיא טיהר האָט זיך געעפענט. פּאָטעמקין איז אריינגעקומען אין האָל וואו פאַר איהם איז

געשטאנען אן עלטערע פרוי, א דיענערין, מיט א לאמפ אין האנד. ער האט בעמערקט, אז דיא האל איז זעהר רייך אויסגעשטאטעט און איז געווען זיכער, אז דיזע ווילא בעלאנגט צו א רייכע פאמיליע.

— אום גאטעס ווילען! האט דיא פרוי אויסגערופען מיט א ציטערענדע שטימע. איהר זיינט דאך פערבלוטיגט! אה, וויא שרעקליך! קומט אריין, זעצט זיך, איך וועל אייך ברייגנען א בעכער וויין און איהר וועט זיך עטוואס שטארקען.

דאביי האט זיא איהם אריינגעפיהרט אין א פאר־זאאל, וואס איז געווען אויסגעשטאטעט מיט א פירסטליכע פראכט, פאטעמקין איז ארויפגעפאלען אויף א שטוהל ווערענד דיא אלטע פרוי איז האסטיג אוועקגעלאפען ברייגנען וויין.

דיא מילדע ווארימקייט אין זאאל האט דעם פערוואונדעטען עטוואס בע־לעבט און ער האט זאפארט אנגעפאנגען בעסער צו פיהלען, באלד האט ער זיך ערָאינערט אין דער קייזערין. זיא וועט דאך געוויס אנקומען שנעל מיט אן עקיפאזש איהם אבצונעהמען און וויא גרויס וועט זיין איהר שרעק, ווען זיא וועט איהם ניט געפינען. פיליכט איז מעגליך צו שיקען יעמאנדען פון הויז דער קייזערין אנצוזאגען, אז ער געפינט זיך דא?

דיא פרוי איז ווידער אריינגעקומען און האט געבראכט א בעכער מיט גוטען, שטארקען וויין. פאטעמקין האט עס לאנגזאם אויסגעטרונקען און האט זיך געפיהלט פיעל קרעפטיגער. זאגאר דיא שמערצען פון זיין וואונד האבען עטוואס נאכגעלאזען.

— עס פרייט מיך צו זעהן, אז אייך ווערט בעסער, האט דיא גוטהערציגע פרוי געזאגט. אך, מיין גאט, איז דאס מעגליך, אזא ברוטאלער פערברעכען זאל בעגאנגען ווערען דא אויף׳ן גרויסען וועג וואס פיהרט צום לוסט־פאלאסט פון אונזער קייזערין? ליידט איהר שווערע שמערצען?

— איך דאנק אייך, ליעבע פרוי, האט ער געענטפערט, איך האב זעהר שווער געליטען, אבער יעצט האב איך זיך ווירקליך דערקוויקט. איך קען זאגען אז איהר האט מיר מיין לעבען געראטעט.

אין דיזען אויגענבליק האט זיך דיא טיהר פון אנטקעגען געעפענט און א שעהנע יונגע פרויענצימער איז אריינגעקומען, טראגענדיג אויף׳ן האנד א קינד פון אונגעפעהר א יאהר אלט. פאטעמקין האט אויף איהר א קוק געטהאן און דער בעכער פון זיין האנד איז מיט א קלונג אראבגעפאלען צום באדען. ער און דיא פרויענצימער זיינען ביידע געבליעבען שטעהן אזוי איבערראשט, אז קיי־נער איז ניט געווען אין שטאנד דעם ערשטען מאמענט א ווארט צו רעדען.

— אלעקסאנדער!

— עליזאבעט!

דאן האבען ביידע איינינע סעקונדען געשוויגען. דאן האט פאטעמקין גע־

נומען בעטראכטען דעם גלאנץ און דעם רייכטהום וואס הערשט אין דיעזע צימערען מיט גאנץ אנדערע אויגען. עליזאבעט וואהנט דא. נאטירליך, אלס פרוי אדער אלס געליעבטע פון עפעס א רייכען מיליאנער. דאס בעווייזט אויך דאס קינד וואס זיא טראגט אויף דיא הענד. קאטהערינא האט איהם אלזא גאנץ ריכטיג ערקלעהרט, אז דיעזע עליזאבעט איז געווארען אן אויסגעלאסענע פרויענצימער, אן אויסוואורף דער מענשהייט און פערדיענט ניט אן אנשטענדיגער מענש זאל מיט איהר א ווארט רעדען.

— עליזאבעט ווארענצאוו, האט ער ענדליך אויסגערופען מיט א טאן פון פארוואורף, מען האט מיך דא אין דיין הויז אויפגענומען אין א קראנקען, הילפלאזען צושטאנד און איך האב זיך דא עטוואס ערהאלט. יעצט קען איך מיין וועג ווייטער פארטזעצען. פיעלייכט וועט עס מיר געלינגען ביז צום פאלאסט צו קומען אדער אנצוטרעפען דעם עקיפאזש וואס דארף מיר אנטקעגען קומען. דא וויל איך יעדענפאלס לענגער ניט פערבלייבען.

— ווארום? האט עליזאבעט געפרעגט גאנץ אונשולדיג.

— אויף דיעזער פראגע איז איבעריג א לאנגע ערקלערונג צו געבען, אדיע.

מיט דיזע ווערטער איז פאטעמקין געגאנגען צו דער טיהר. עליזאבעט האט שנעל אוועקגעלייגט דאס קינד און שטעלענדיג זיך איהם אנטקעגען, האט זיא אויסגערופען:

— דו מוזט פערבלייבען! אין דיעזען מאמענט ביסט דו ניט דער געליעבטער פון א גרויסע קייזערין, זאנדערן א קראנקער, א ליידענדער, וואס דארף הילפע. יאזעפא, האט זיא זיך געווענדעט צו דער אלטער דיענערין, געה און ברענג שנעל אלעס וואס נויטיג דיא וואונד פון דיעזען מאן ריכטיג צו פערבאנדאזשירען.

יאזעפא איז ארויסגעגאנגען. עליזאבעט האט אנגענומען פאטעמקין'ס האנד און האט איהם געצוואונגען זיך צוריק צו זעצען. ער האט זיך ווידער געפיהלט אזוי שוואך אין דעם מאמענט, אז ער האט זיך דערפון ניט געקענט ענטזאגען. אויסער דעם האט איהר גוטע, ליעבליכע בענעהמונג אויף איהם געמאכט אזא טיעפען איינדרוק, אז ער האט זיך ניט ווילענדיג געמוזט דערמאנען וועגען דיא אמאליגע צייטען, ווען דיעזע נאבעלע פרוי איז זיין כלה געוועזען און ער האט זיא געליעבט מיט'ן גאנצען פייער פון זיין ערשטע ליעבע.

— ווער וואהנט אין דיעזער הויז? האט ער געפרעגט מיט א שוואכע שטימע. איז דא ניטא קיין אנדער פערזאן אויסער דיא אלטע דיענערין?

— דארויף וועל איך דיר ענטפערען אן אנדערס מאל, האט זיא געזאגט מיט אונשולדיגען שטאלץ. קודם זאג דו מיר ווי קומסט דו צו אזא אונגליק? ווער האט דיך פערוואונדעט?

— איך בין ניט אזוי אונגליקליך וויא דו מיינסט און דו האסט קיין אור־זאכע ניט מיך צו בעדויערען.

— געוויס, האט עליזאבעט אויסגערופען מיט א טאן פון פארוואורף און שפאט. ווער קען זיך דען צו דיר גלייכען? וועלכער שטערבליכער מענש קען זיך ריהמען, אז ער איז אזוי שנעל ארויפגעשטיגען צו דער העכסטער שטופע פון גליק, וויא דו? דו ביסט יעצט דער ליעבלינג פון א מעכטיגע קייזערין און זיא איז פערטיג פאר דיר צו טהאן אלעס אין דער וועלט. יא, אלעס, אלעס קען זיא דיר געבען, אבער ניט קיין צופריעדענהייט און ניט קיין ריינעם, רוהיגען געוויסען! אלעקסאנדער, ווען דו האסט נאך א פונק פון דיין אמאליגען עהרען־געפיהל, גלויב איך ניט, אז דו קענסט זיין צופריעדען, סיידען דו האסט דיין גאנצע מענשליכקייט פערלארען.

— און דו ביסט יעצט ניט א גאנץ אנדערע עליזאבעט וויא דו ביסט אמאל געוועזען?

— איך? יא, גאנץ נאטירליך, אבער וועמען האב איך עס צו פערדאנקען אויב ניט דיר? ווער האט מיך געצוואונגען אנצופאנגען א נייעם לעבען, אויב ניט דיין פערראטה? איך האב דיך געליעבט אזוי צארט, אזוי טריי, אזוי עהרליך מיט מיין גאנצע נשמה. און וויא האסט דו מיך בעהאנדעלט? וויא האסט דו מיר דערפאר בעצאהלט, אלעקסאנדער פאטעמקין?

א קורצע צייט איז ווידער שטיל געווארען. פאטעמקין האט געגלויבט, אז זיין פערדאכט האט זיך פאלשטענדיג בעשטעטיגט. אין איהרע אייגענע ווערטער האט ער געהערט וויא זיא בעשולדיגט זיך אליין און איז זיך מודה אין דעם פערברעכען וואס דיא קייזערין האט איהם וועגען איהר דערצעהלט. דאך זיינען זיינע אלטע געפיהלען צו איהר נאך אין גאנצען ניט אבגעמעקט געווארען פון הארצען און זעהענדיג איהר טיעפען טרויער האט ער ביי איהר געפרעגט מיט א טאן פון פריינדליכקייט:

— און דו ביסט צופריעדען מיט דיין יעצטיגען לעבען, עליזאבעט?

— וועגען מיר איז ניטא וואס צו פרעגען, האט זיא ביטער געענטפערט, איך וועל זעהן וויא דו וועסט קענען לעבען צופריעדען, ווען איך וועל דיר דער־צעהלען דיא ניעדערטרעכטיגקייטען פון דיין יעצטיגע קייזערליכע געליעבטע, דיא געקרוינטע מערדערין —

— ניט איין ווארט מעהר! האט פאטעמקין אויסגערופען. איך וויים גאנץ גוט, אז דו האסט גענוג אורזאכע וועגען איהר שלעכטעס צו רעדען. אבער איך וויל עס ניט הערען. אויב דו ווילסט, אז איך זאל וועגען דיר כאטש עטוואס גוטעס דענקען, זאלסט דו מיר אזעלכע זאכען ניט דערצעהלען.

ער האט זיך ווידער אויפגעהויבען אוועקצוגעהן, אבער זיא האט ארויס־

געלייגט דיא האנד אויף זיין שולטער און האט ביי איהם מיט א רייסענדע שטימע געבעטען:

— בלייב זיצען, אלעקסאנדער. דו מוזט מיך אויסהערען. אין נאמען פון אונזער אמאליגע ליעבע האב איך א רעכט דאס פון דיר צו פערלאנגען. איך וויל, אז דו זאלסט פון מיר אלעס ערפאהרען וואס איך האב אויסגעליטען און דאן וועל איך זעהן אויב דו וועסט האבען געגען מיר עטוואס אויסצוזעצען.

— דו האסט געליטען? האט ער ביי איהר געפרעגט מיט גרויס מיטלייד אננעהמענדיג איהר האנד. ארימע עליזאבעט, דערצעהל מיר, וואס האט מיט דיר פאסירט. אדרבה, לאמיך הערען. איך וויל עס וויסען.

אין דיעזען מאמענט האט זיך דערהערט א גערויש פון דרויסען און א בעפעהלענדע פרויען־שטימע האט אויסגערופען:

— לייכט אהער מיט דיא לאנטערנעס! דיא טריט צייגען צו דיעזער הויז און דא איז אויך צו זעהן ליכט אינעווענינ.

און נאך איידער פאטעמקין און עליזאבעט האבען צייט געהאט זיך א ריהר צו טהאן איז דיא טיהר פון פאר־זאאל האסטיג געעפענט געווארען און דיא קייזערין קאטהערינא איז אריינגעקומען.

— עליזאבעט וואראנצאוו! האט קאטהערינא אויסגערופען דערשראקען. זיא און דו, אלעקסאנדער! דו און זיא —

קאטהערינא איז שוין יעצט ניט געוועזען פערקליידעט אלס ארימער ארביי־טער יונג. אין דער קורצער צייט וואס זיא איז געוועזען אין פאלאסט, ביז מען האט איינגעשפאנט דיא פערד, האט זיא זיך דערווייל שנעל איבערגעטהאן אין פרויען־קליידער. א לאנגער טהייערער סאבעל פעלץ האט בעדעקט איהר הויכע מאיעסטעטישע געשטאלט און אויף׳ן קאפ האט זיא געטראגען א קראקולענעם הוט.

— מאיעסטעט, האט פאטעמקין אויסגערופען מיט א ריהרענדע שטימע, איך פערזיכער אייך ביי מיין עהרע, אז ווען איך בין אריינגעקומען אין דער הויז נאך הילפע האב איך זאגאר ניט געטרוימט דיעזע מיידעל דא צו געפינען. און אויך זיא האט ניט ערווארט מיין בעזוך און ניט אנגעפאנגען צו וויסען, אז איך וועל אהער קומען.

דער ברענענדער אייפערזוכט אין קאטהערינא׳ס ברוסט איז עטוואס שטי־לער געווארען ביי דיעזע ווערטער. זיא האט זיך שוין גענוג איבערצייגט, אז איהר געליעבטער אלעקסאנדער איז ריין און אמת טריי צו איהר, און זיא האט איהם דאריבער יעצט געגלויבט אלעס וואס ער האט איהר געזאגט.

זיא האט דאביי גענומען בעטראכטען דיא רייכע אויסשטאטונג פון צימער און האט בעמערקט מיט א שמייכעל:

— את, וויא פיין דא איז! טהייערע סטאטוען, אויסלענדישע פאלמען.

איך וואָלט א בעלן געווען וויסען ווער פון מיינע אונטערטהאַנען קען זיך ערלויבען אזא לוקסוס, כאָטש עס טרעפט זעהר אָפט, אז רייכע הערען לאָזען זיך קאָסטען גענוג געלד אום צופריעדען צו שטעלען זייערע ליובאָווניצעס?

פּאָטעמקין האָט א קוק געטהאָן אויף עליזאבעט'ען און דער פערדאכט געגען איהר איז ביי איהם נאָך אמאָל שטארקער געוואָרען. ער האָט זיך יעצט דערמאָנט, אז אויף זיין פראגע צו וועמען דיעזע הויז בעלאנגט האָט זיא זיך פריהער ענטזאגט צו ענטפערען.

עליזאבעט איז געשטאנען א פערציטערטע. זיא האָט קיין ווערטער געפונען אויף דיעזע בעלײדיגונג צו ענטפערען.

— טראָץ דעם וואָס דיא איינריכטונג איז דאָ זעהר עלעגאנט, האָט קאַטהערינא פאָרטגעזעצט, וועל איך פון דעסטוועגען אָנפרעגען ביי מיין פּאָליצמייסטער, וויא אזוי ערלויבט ער, אז אזעלכע הייזער זאָלען זיך געפינען אין דער אומגעגענד פון מיין לוסט־פּאלאסט. ערשט נים לאנג האָב איך אונטערגעשריעבען אן אוקאז, אז אזעלכע פרעהליכע הייזקעס זאָלען פערטריבען ווערען פון דיא אנשטענדיגע גאסען און מען זאָל זיי קאָנצענטרירען אין א בעזונדער קווארטאַל פון פּעטערבורג.

עליזאבעט'ס ליעבליכע געזיכט איז רויט געוואָרען פון שאנדע און באלד וויעדער איז זיא טויט בלאס געוואָרען פון כעס און מיט א ציטערענדע שטימע האָט זיא געשטאמעלט:

— מאיעסטעט, אין נאָמען פון דעם יעניגען צו וועמען דיעזע הויז געהערט פּראָטעסטיר איך געגען אזעלכע ווערטער. עס וואָלט ווירקליך געווען א יושר, אז אין דיא גרויסע פּאלאסטען זאָל זיין אזוי זויבער, אזוי ריין און אזוי אנשטענדיג וויא דאָ.

קאַטהערינא איז צוגעשפּרונגען צו עליזאבעט וויא א צורייצטע טיגערין און האָט געדונערט מיט איהר אייזען־פעסטע שטימע:

— דו וואגסט עס אזעלכע ווערטער צו רעדען? דיין פּלאַץ איז דאָך אין ראבאָטשי דאָם, אין ארבייטס תפיסה, וואו מען שפּארט איין אויסגעלאסענע נקבות!

— אָה, מיין גאָט! האָט עליזאבעט אויסגערופען פערצווייפעלט. אזא בעלײדיגונג מוז איך הערען? און פאַר וואָס? האָב איך דען גערויבט א פרעמדען חתן?

א גאנצע מינוט איז דיא קייזערין געשטאנען בלאס פון כעס, שמערץ און אייפערזוכט. דאָך האָט זיא זיך געוואוסט אזוי פיעל צו בעהערשען, אז ס'איז אבסאליוט געווען אונמעגליך אויף איהר צו בעמערקען דעם שטורם וואָס האָט יעצט געבושעוועט ביי איהר אין הארצען.

— עליזאבעט וואָראָנצאָוו, האָט דיא קייזערין געזאָגט צו דער שעהנער

קאטהערינא

עליזאבעט, וועלכע איז געשטאנען וויא צומישט פון דער שרעקליכער סצענע. אבוואהל איך דארף זיך פאר אייך ניט פערענטפערען, דאך וויל איך אייך אזוי פיעל ערקלערען, אז דיא ערשטע צייט ווען איך האב פּאטעמקין׳ען געזעהן און געליעבט, האב איך קיין אהנונג געהאט, אז זיין הארץ געהערט שוין צו אן אנ־דערער. פרייוויליג איז ער דאן צו מיינע פיס געפאלען און האט מיר ליעבע און טרייהייט געשוואָרען. יעצט קומט איהר מיט אייערע עלטערע רעכטע אויף איהם און בעליידיגט מיך מיט אזא וואָרט, וואס קיין מענש אין דער וועלט האט זיך נאך ניט ערלויבט. עס וואלט מעהר ניט געווען וויא רעכט, ווען איך זאל אויף אזא בעליידיגונג ענטפערען מיט טויט. אָבער איך וויל עס ניט טהאָן. דאָס וואלט זיין פאר מיר אן ערנידערונג. דאָס פּאסט מיר ניט פאר דעם מאן, וועלכען איך ליעב. עס פּאסט מיר אויך ניט, אז איך, דיא קייזערין, זאָל אזא פּערזאָן וויא איהר בעקעמפּפען מיט מיין מאכט. אָבער אלס פרוי געגען פרוי וועלען מיר יא אויפטרעטען און דאן וועלען מיר זעהן ווער פון אונז עס ועט בלייבען דיא זיעגערין.

דאביי האָט זיא זיך געווענדעט צום פערוואונדעטען:

— גענעראל מאיאָר פּאטעמקין, האט זיא געזאגט, שטעלט זיך דאָ אוועק צווישען מיר און יענע פריילין.

פּאטעמקין האָט ניט געוואוסט וואָס דיא קייזערין מיינט מיט דיעזע ווער־טער. ער האָט נור געוואוסט, אז דיעזער מאָמענט קען ענטשיידען זיין גאנצען לעבען, אז יעצט איז זעהר אן ערנסטער מאָמענט. ער האָט געפאָלגט דיא קיי־זערין און האט זיך אוועקגעשטעלט אויף׳ן בעשטימטען פּלאץ וואו זיא האט איהם אָנגעצייגט.

— צו אייער בעפעהל, מאיעסטעט! האט ער געשטאמעלט.

— איך בעפעהל דיר גאָר ניט, גענעראל מאיאָר, האט קאטהערינא געזאָגט, אין דיעזען אויגענבליק בין איך פאר דיר ניט קיין קייזערין און קיין הערשערין, נור דיא פרוי, וועלכע ליעבט דיך, וועלכע איז פערטיג פאר דיר יעדען אָפּפער צו ברייננגען. אָבער דאָ שטעהט אן אנדערע וואס בעהויפּטעט, אז זיא ליעבט דיך אזוי הייס און אזוי צערטליך וויא איך. צווישען דיעזעביידע פרויען וואס זיינען בערייט פאר דיר זייער לעבען אוועקצוגעבען זאָלסט דו אליין יעצט זיין דער ריכטער און ענטשיידען.

פּאטעמקין האט א קוק געטהאָן אויף קאטהערינא׳ן, דאן אויף עליזאבעט. ער האָט געזעהן וויא זיין געוועזענע כלה איז געשטאנען בלאס און ניעדערשלאָ־גען. ער האָט זיך דערמאָנט אין דיא זיסע שטונדען פון זיין ערשטע ליעבע און א געפיהל פון גרויס מיטלייד האט זיך אין איהם ערוועקט.

— מאיעסטעט, האט ער אויסגערופען, ווארום פאָדערט איהר פון מיר דיעזע ענטשיידונג? ווארום זאָל איך דיעזע אונגליקליכע גראדע יעצט נאך

טרייבען צו גרעסערע פערצווייפלונג? אָה, מיין הארץ, מיין אָרימע בלוטענדע הארץ, ליידעט שרעקליך פון דיעזער סצענע. קייזערין קאטהערינא, איך בעט דיך, זיי ניט אזוי גרויזאם, פערלאנג ניט פון מיר דיעזע שרעקליכע ענטשיידונג.

קאטהערינא האָט אָבער פון קיין זאך און פון קיינע תירוצים ניט געוואָלט וויסען און זיא האָט ליידענשאפטליך אויסגערופען:

— דו מוזט, אלעקסאנדער. דו מוזט דיין ענטשיידונג געבען. און איך — איך שווער דיר ביי מיין קרוין, ביי'ם הייליגען טראָהן, וואָס גאָט האָט מיר גע־געבען אום מיליאָנען מענשען צו בעהערשען און בעשיצען, אז ווען דער אורטהייל זאָל זיין געגען מיר, ווען דו זאָלסט מיך אין דיעזער שטונדע מאכען פאר דער אונגליקליכסטער פרוי אין מיין פאָלק, וועל איך זיך פון דעסטוועגען פון דיר פרייוויליג ענטזאגען און וועל דערפאר ניט טהאָן קיין שלעכטעס ניט דיר, ניט איהר.

— און איך פערלאנג עס אויך, האָט עליזאבעט אויסגערופען מיט א שטיק הארץ. יא, איך וויל אויך, אז דו פאָטעמקין זאָלסט ענטשיידען. זאָלסט זיך עראינערען, אז פריהער געהערסט דו צו מיר און איך האָב מיין רעכט וויל איך האָב זיך פערלאָזט אויף דיר אלס אויף אן עהרען־מאן. און אום דיעזע עראי־נערונג שטארקער צו מאכען וויל איך דיר פריהער עטוואָס דערצעהלען —

— קיינע ערצעהלונגען, יעצט איז קיין צייט דאפיר, האָט איהר קאטהע־רינא אונטערבראָכען. אלעקסאנדער איז צו שוואך, ער איז פערוואונדעט, ער קען קוים אויף דיא פיס איינשטעהן, און מען קען איהם יעצט ניט באדערען פיעל. מאך עס קורץ, מיין ליעבער, זאָג וואָס מען פערלאנגט פון דיר.

— מאיעסטעט, האָט פאָטעמקין געזאָגט ענטשלאָסען, איך בין אייער אונ־טערטהאן, אייער אָפיציער. הייסט מיר, איך זאָל זיך שטעלען אונטער א האָנגעל פון הארמאטען, און איך וועל געהאָרכזאם געהן צום טויט פאר אייך, דאָך קענט איהר מיט ניט בעפעהלען צו האנדלען געגען מיין מענשען־עהרע. איהר קענט מיינע געפיהלען. ווארום זאָלט איהר מיך צווינגען איך זאָל מיט מיין ענטשיי־דונג טרייבען צום טויט א מיידעל, וועלכע איך האָב אמאָל געליעבט?

— אמאָל? האָט קאטהערינא אויסגערופען מיט פרייד. גוט! דאָס איינ־ציגע וואָרט איז פאר מיר גענוג. איך וועל דיך מעהר ניט אויפהאלטען מיט דיעזע אנגעלעגענהייטען. דו האָסט דאמיט מעהר ניט צו טהאָן. מיט איהר וועל איך שוין אליין באלד אלעס ברייננען אין אָרדונג.

— וואָס ווילסט דו טהאָן, קאטהערינא? האָט פאָטעמקין געפרעגט א פערציטערטער.

— דאָס איז ניט דיין זאך, אלעקסאנדער. געה, דאָ ביי'ם הויז וואַרט אויף דיר דער עקיפאַזש מיט מיין לייב־דאָקטאָר. דיין וואונד מוז זאָ שנעל וויא מעג־

ליך פערבאנדאזשירט ווערען, געה, מיין ליעבלינג, שטעל ניט לענגער אין גע־פאהר דיין לעבען וואס איז ביי מיר אזוי טהייער.

— און דו װעסט דא פערבלייבען?

— יא. איך האב נאך עטוואס מיט יענער צו שפרעכען. אבער האב קיין מורא ניט, מיין עדעלער, גוטער אלעקסאנדער, איך וועל איהר קיין שלעכטעס טהאן.

— אה, איך קען ניט געהן! האט פאטעמקין אויסגערופען שרעקליך אויפ־גערעגט, איך ווייס, אז נור מיין אנוועזענהייט קען דא אן אונגליק פערהיטען. קאטהערינא, ליעבע קאטהערינא מיינע, איך בעט דיך, גיב מיר דיין ארם און קום מיט מיר צוזאמען. פערגעס דיעזע מיידעל, זיא איז שוין אונגליקליך גענוג, ווארום זאל זיא נאך מעהר ליידען?

אבער קאטהערינא האט זיך געשטעלט אנטקעגען איהם מיט איהר גאנצע קייזערליכע גרויסקייט און צייגענדיג מיט איהר האנד צו דער טיהר, האט זיא אויסגערופען:

— גענעראל מאיאר פאטעמקין, אייער קייזערין בעפעהלט אייך דיעזע הויז זאפארט צו פערלאזען און פאהרען נאך צארסקאיע סעלא. ניט איין ווארט מעהר! איהר ווייסט וואס לויט דיא מיליטערישע געזעצע קומט פאר אונגע־האָרכזאמקייט צו דער קייזערין.

פאטעמקין האט איינגעזעהן, אז אין דעם מאמענט טאר ער מיט זיין מא־יעסטעטישע געליעבטע ניט שפאסען. ער איז סאלדאט פריהער פאר אלעס, דיא מיליטערישע געזעצע זיינען שטרענג און ער מוז פאלגען.

ער האט זיך פערנייגט מיט א מיליטערישען גרוס און איז צוגעגאנגען צו דער טיהר, אבער וויא ער איז נור צו דער טיהר געקומען, איז דיא קייזערין צו איהם צוגעלאפען און האט איהם צוגעדריקט צו איהר ברוסט. דאביי האט זיא איהם גענומען האלדזען און קושען און האט מיט א שטימע פון געבעט אויסגערופען:

— גאט, שיץ מיין געליעבטען ער זאל ניט געפעהרליך קראנק ווערען. פאהר שנעלער, לייג זיך אין בעט, אין א האלבע שטונדע ארום וועל איך זיין ביי דיר. איך וועל דיך זעלבסט אטענדען, איך וועל דיין לעבען אויף קיינעם ניט פער־טרויען.

דאביי האט זיא געעפענט דיא טיהר און האט איהם ארויסגעלאזט אין פארגארטען, וואו דיא קייזערליכע דיענערשאפט האט איהם ערוואַרטעט. דאן איז זיא אריינגעקומען צוריק און האט פערשלאסען דיא טיהר פון אינעווייניג.

19טער קאפיטעל

א דאמען־דועל.

דיא ארימע עליזאבעט איז געבליעבען וויא פערגליווערט פון שמערצען און

שרעק. זיא האָט שוין מעהר אויף דיא פיס ניט געקענט שטעהן און באלד וויא פּאָטעמקין איז ארויסגעגאנגען איז זיא ארויפגעפאַלען אויף א שטוהל וויא בע־וואוסטלאָז. אין דעם מאָמענט וואָס פּאָטעמקין האָט דעם צימער פערלאָזען איז פון איהר א שטיק הארץ ארויסגעריסען געוואָרען. דאָך האָט זיא איהר מוטה און איהר האָפנונג ניט פערלאָרען. איהר ליעבער חתן איז פון איהר יעצט א צווייטען מאָל אוועקגעריסען געוואָרען, דאָך האָט זיא נאָך אלץ געגלויבט אין זיין עהרליכקייט און אין זיין ליעבע צו איהר. ער ליגט נור יעצט אונטער דער אייזערנער מאכט פון דער קייזערין, ער איז פערפּפליכטעט צו איהר מיט דאנק־בארקייט פאר דיא טובות וואָס זיא טהוט מיט איהם און זיין עדעלער כאראק־טער ערלויבט איהם ניט צו זיין א כפוי טובה. ווען ער וואָלט אָבער וויסען מיט וואָס פיר גרויזאמע אינטריגעס זיא האָט זיך בענוצט, וואָלט ער געוויס פון איהר אנטלאָפען וויא פון א מגפה און וואָלט זיך צוריקגעקעהרט צו זיין געוועזענע כלה.

— עליזאבעט וואָראָנצאָוו!

מיט דיעזע ווערטער האָט זיך קאטהערינא געווענדעט צו דער אונגליקלי־כער עליזאבעט, וועלכע איז אויפגעשפּרונגען א פערציטערטע פאר דער קיי־זערין.

קאטהערינא איז געשטאנען וויא א צורייצטע טיגערין. איהרע אויגען האָבען געברענט פון כעס און רציחה. זיא איז געשטאנען און האָט געקוקט אויף עליזאבעט אייניגע סעקונדען און האָט ענדליך פאָרטגעזעצט:

— עליזאבעט, דו האָסט געהערט וויא אלעקסאנדער פּאָטעמקין האָט זיך פון דיר ווידער אמאָל ענטזאגט. דו האָסט געזעהן, אז ער ליעבט נור מיך. קענסט דו איהם נאָך יעצט אויך ליעבען? ווילסט דו זיך נאָך ווייטער בעטראכ־טען אלס זיין כלה?

— יא. האָט עליזאבעט געענטפערט מיט א פעסטען בעשלוס. ניט קוק־קענדיג דארויף וואָס איהר זייגט דיא מעכטיגע קייזערין פון רוסלאנד, האָט איהר זיך בענוצט ניט מיט עהרליכע מיטעל אלס פרוי. איהר האָט מיט אייער מאכט איהם געצוואונגען ער זאָל ליעגען ביי אייערע פיס. דאריבער בעטראכט איך איהם נאָך יעצט אויך אלס מיין חתן, און איך ליעב איהם יעצט נאָך פיעל מעהר וויא פריהער.

דיא קייזערין איז געשטאנען וויא אויף הייסע קוילען פון שרעקליכע אויפ־רעגונג, וועהרענד עליזאבעט האָט פאָרטגעזעצט:

— גלויבט איהר, אז מען קען אזא מאן וויא אלעקסאנדער ווען עס איז פער־געסען? מיינט איהר, אז ס'איז מעגליך מיין ליעבע צו איהם פון הארצען ארויס־צורייסען? אָה, ניין, מאיעסטעט! איך בין אן עהרליכע, אונשולדיגע מיידעל. אלעקסאנדער איז דער ערשטער מאנספּערזאָן, וועלכען איך האָב געליעבט און

ביז צו מיין לעצטער שטונדע וועט ער זיין דער איינציגער צו וועמען מיין הארץ וועט געהערען. ער איז מיינער, מיט מיר פערלאבט, איך וועל איהם עביג בעטראכטען אלס מיין חתן, וועלכען איהר האט נור מיט מאכט פון מיר אוועקגערויבט.

— יעצט ווייסט איהר אלעס, מאיעסטעט, האט געענדיגט עליזאבעט, און יעצט קענט איהר הייסען מיך פערשיקען קיין סיביר אדער טויטען — דאס וועט זיין פאר אייך דער בעסטער מיטעל פון מיר פטור צו ווערען.

— ניין, עליזאבעט וואראנצאוו, האט דיא קייזערין געענטפערט, איך האב אייך שוין ערקלערט, אז געוואלט־מיטלען וועל איך ניט בענוצען. מיר שטעהען יעצט איינע געגען דער אנדערער ניט וויא קייזערין און אונטערטהאנין, נור וויא א פרוי געגען א פרוי, וועלכע קעמפפען פאר זייער געליעבטען. איהר האט מיר אפען און עהרליך ערקלערט אייערע געפיהלען און דארום מוז איך אייך זאגען, אז אלעקסאנדער פאטעמקין איז פאר מיר דער ליכטיגער שטערן אין מיין פינסטערען לעבען. ער איז דיא לופט, מיט וועלכע איך אטהעם. ער איז מיין איינציגער טרייסט אין דעם קרייז פון פאלשע שמייכלער וואס דרעהען זיך ארום מיין טהראן. איך ליעב איהם מיט אלע מיינע חושים, מיט'ן גאנצען פייער פון מיין יונגע נשמה און מיין ליעבע איז פיעל ברענענדער, פיעל הייסער און טיעפער וויא אייערע. איך מוז אייך אויך זאגען, אז איך קען איהם מיט מיין ליעבע בעסער גליקליך מאכען וויא איהר מיט אייערע קאלטע געפיהלען. איהר ווייסט עם אליין גאנץ גוט. און אויך איך וועל איהם ליעבען ביז צו מיין לעצטען אטהעם־צוג. איהר שטאלצירט מיט אייער געטליכע אונשולד, אבער איך גלויב ניט אין דיא גליקען פון הימעל, איך וויל האבען דעם גן־עדן דא, אויף דיעזער וועלט. און דיא אונטערשטע שורה איז, אז איינע פון אונזביידע איז אן איבעריגע אויף דער וועלט, ווייל אלעקסאנדער קען דאך ניט געהערען צו אונז ביידע.

— וואס זשע זאלען מיר טהאן?

— גאנץ איינפאך. וואס טהוען דען צוויי מענער, ווען זיי זיינען פערליעבט אין איין פרוי? אין א שעהנעם פריהמארגען געהען זיי ארוים ערגיץ אין א וואלד הינטער'ן שטאדט און קעמפפען מיט שווערדען אדער רעוואלווערען אזוי לאנג ביז איינער זיעגט און דער אנדערער פאלט טויט. ווארום זאלען מיר פרויען ניט קענען טהאן דאס זעלבע? מיר האבען ניט קיין אנדער אויסוועג און איך וועל פערגעסען אין דיעזען פאל, אז איך בין דיא קייזערין; איך וועל פערגעסען מיין קרוין און מיין הויכען אמט און וועל אייך בעטראכטען אלס מיין גלייכען.

דאביי האט זיא ארויסגעלאזט א שווערען זיפץ פון הארצען און האט פארטגעזעצט:

— איך פאדער דאריבער דיך אויף צו געהן מיט מיר אויף א דועל. לאמיר

ביידע קעמפפען אויף טויט און לעבען, עליזאבעט וואַראָנצאָוו! ווער פון אונז עס וועט זיעגען, דיא וועט געווינען אלעקסאנדער׳ן.

עליזאבעט האָט אָנגעפאַנגען ציטערען וויא א לולב. זיא האָט גאַנץ גוט געוואוסט וואָס דער סוף פון אזא דועל וועט זיין. זיא האָט געוואוסט, אז דיא קייזערין איז א העלדין און וייסט וויא אומצוגעהן מיט וואפען, בעסער וויא דער גרעסטער גענעראל. ס׳איז געווען א בעוואוסטער פאקט, אז קאטהערינא האָט געקענט שיסען א פליהענדע פייגעלע און זאָגען פאַראויס אויף וואָס פיר א פלאַץ אין קערפּער זיא וועט דעם פייגעלע טרעפען.

פון דעסטוועגען האָט עליזאבעט ניט געוואָלט זיך ערניעדריגען פאר דער קייזערין און זיך ענטזאגען פון׳ם דועל, קאטהערינא זאָל ניט קענען זאָגען נאכהער, אז זיא איז א פייגלינג.

— מאיעסטעט, האָט עליזאבעט געשטאמעלט, איך בין גאָר ניט אין צווייפעל, אז איהר וועט מיך בעזיעגען, דאָך נעהם איך אָן אייער פאָרשלאָג. איך וויל בעסער שטארבען איידער צו לעבען אָהן מיין חתן. אלעס וואָס איך פערלאנג אָבער איז, אז ער זאָל אנוועזענד זיין ביי אונזער דועל.

— ניין, דאָס קען איך ניט ערלויבען, האָט דיא קייזערין פּראָמפּט געענט־פערט, ערשטענס וועלען מיר ביידע ניט קענען רוהיג קעמפּפען, ווען ער וועט דאבײ זיין, און צווייטענס איז ער יעצט קראנק און איך וויל איהם היטען פון אויפרעגונג.

— מיט׳ן צווייטען פונקט האָט איהר רעכט, האָט עליזאבעט איינגעשטימט, אָבער איך בין גאַנץ עלענד און אליין אין דער וועלט, איך האָב קיינעם ניט ווער עס זאָל מיר טהאָן א טובה און זיין פאר מיר א סעקונדאנטין.

— דאָס וועל איך שוין בעזאָרגען און איהר קענט זיין זיכער, אז דיא סעקונדאנטין וואָס איך וועל פאר אייך פערזאָרגען וועט געטריי ערפילען איהר פפליכט צו אייך און זעהן אז דער דועל זאָל דורכגעפיהרט ווערען עהרליך. וואָס אנבעלאנגט דיא וואפען, קענט איהר אויסקלייבען וועלכע איהר ווילט. קענט איהר פעכטען מיט׳ן שווערד?

— יא. איך האָב דיעזע קונסט געלערענט אין האָלאנד.

— זעהר גוט. וועלען מיר קעמפּפען מיט שווערדען. עס קען אָבער אויך מעגליך זיין, אז מיר ביידע וועלען קעמפּפען גלייך און דער דועל וועט בלייבען אונענטשיעדען. איך וואָלט דאריבער וועלען, אז מיר זאָלען בעפאָר זיין איינ־פערשטאנדען, אז אין פערלויף פון פינף מינוט, ווען דיא שווערדען אונזערע וועלען צו קיין רעזולטאט ניט פיהרען, זאָלען מיר דאן איינע אויף דער צווייטער שיסען דריי מאָל מיט א רעוואָלווער. דאָס ערשטע מאָל זאָלען מיר שיסען צוואנציג שריט וויט, דאָס צווייטע מאָל מיט פינף שריט נעהענטער און דאָס דריטע מאָל מיט צעהן שריט, אזוי אז דיא לעצטע קוילען זאָלען מיר שיסען וועה־

רענד מיר וועלען שטעהן געזיכט צו געזיכט אויף פינף שריט. איך דענק, אז אויף דיעזען ארט וועט דער קאמפף קומען צו אן ענדע.

— יא, עס וועט קומען צו אן ענדע, האָט עליזאבעט אויסגערופען, אָבער אויף פינף שריט שיסען דאָך נור דיא וואָס זיינען ענטשלאָסען איינע דיא אנדערע צו ערמאָרדען!

— זאָגט ניט "ערמאָרדען", האָט קאטהערינא בעמערקט, ביי א דועל ער־מאָרדעט מען ניט, ביי א דועל טויטעט מען.

— און וואו ווילט איהר, מאיעסטעט, זאָל דער דועל פאָרקומען?

— איך דענק מיר זאָלען זיך מאָרגען פינף א זייגער גאנץ פריה צוזאמענ־קומען צו דיא וואסער סטאטוען. אָבער איהר מוזט שווייגען, קיינעם דערפון א וואָרט ניט דערצעהלען. בלויז דיא סעקונדאנטען דארפען דערפון וויסען.

— געוויס וועל איך שווייגען, מאיעסטעט, איך האָב דיא גאנצע צייט גענוג געשוויגען, וועל איך נאָך אביסעל שווייגען.

— אלזאָ, דאמיט איז אלעס געענדיגט. מאָרגען פינף א זייגער אין דער פריה בעגעגענען מיר זיך צום לעצטען מאָל אויף דיעזער וועלט.

— אויף דיעזער וועלט יא, אָבער איהר זאָלט וויסען, קייזערין פון רוסלאנד, אז ס'איז דאָ נאָך אן אנדער וועלט און דאָרט פאר גאָט'ס שטוהל וועלען מיר זיך וויעדער בעגעגענען. ערשט דאָרט וועט זיין דיא אמת'ע ענטשיידונג צווי־שען אונז.

דיא קייזערין האָט זיך אויסגעלאכט פון איהרע ווערטער און איז ארויס פון צימער, האָט זיך אויפגעזעצט אויף איהר עקיפאזש און איז אוועק אין צארסקאָיע סעלאָ.

דיא שעהנע אונגליקליכע מיידעל האָט אויפגעהויבען איהרע פראכטפאָלע אויגען צו דער סטאטוע פון דער ליעבעס־געטין וואָס איז געשטאנען אין זאאל און צולעגענדיג איהר ברענענדען שטערן צום קאלטען מארמאָר האָט זיא שטי־לערהייד געשטאמעלט:

— ווענוס, דו געטין פון ליעבע! וויא זיס, וויא מילד דו קענסט פאר'ן מענשען ערשיינען. אָבער דו קענסט אויך זיין שרעקליך ברוטאל און גרויזאם. וויפיעל מענשליכע קרבנות זיינען שוין געפאלען אויף דיין מזבח און דיר איז נאָך אלץ וועניג. מאָרגען וועט וויעדער פאלען א קרבן צו דיר. אָה, געטין, דו האָסט מיר געגעבען א קורצע צייט פון גליק און דערפאר מוז איך יעצט מיט מיין יונגען לעבען בעצאָהלען.

מיט דיעזע ווערטער איז עליזאבעט געפאלען אין אונמאכט ביי דיא פיס פון דער סטאטוע.

* * *

עס האָט אָנגעפאנגען צו טאָגען. דאָס גאָלד־פיש טייכעל אין פארק פון

צארסקאיע סעלא איז געווען בעדעקט מיט א טומאן. עס האבען זיך פון דעסט־וועגען דייטליך ארויסגעזעהן דיא פאנטאסטישע געשטאלטען פון דער וואסער־גאט סטאטוע מיט דיא צוויי געטינס וואס זיינען איהם ביי דער זייט געשטאנען. איבעראל איז געווען שטיל, מיט אמאל איז ארויסגעקומען פון צווישען דיא בוימער א יונגע, שלאנקע פרויען־געשטאלט. דאס איז געווען עליזאבעט.

איהר שעהנע פיגור איז געווען בעדעקט מיט א לאנגען ווארימען מאנטעל. אויף'ן קאפ האט זיא געטראגען א קליינעם הוט, אויך א ווארימען.

— דא איז עס הפנים, האט זיא געשטאמעלט צו זיך זעלבסט, צוגעהענדיג נעהענטער צו דער סטאטוע. דא וועט קומען דיא ענטשיידונג — דיא ענדע פון מיין יונגען לעבען.

זיא האט זיך אין דעם מאמענט עראינערט אין דיא הויז וואס זיא האט יעצט פערלאזען, דיא הויז וואו זיא האט ענדליך א רוהיגע היים געפונען. זיא האט אויך געדיינקט וועגען דער קליינער קאטהערינא, וועלכע זיא האט געליעבט ריכטיג וויא זיא וואלט איהרע אן אייגענע קינד געווען. מיט טהרערען האט זיא פון'ם קינד אבשיעד גענומען און איז מיט שטילע שריט ארויס פון הויז, דיא אלטע יאזעפא זאל ניט דערהערען, ווייל קיינער דארף ניט וויסען וואוהין זיא איז אוועקגעגאנגען.

אין דיעזען אויגענבליק האט זיך דערהערט דער גערויש פון פאהרענדע קא־רעטען און פון אייניגע פרויען־שטימען. באלד האט זיך בעוויזען אן אפענע קארעטע וואו דיא קייזערין איז געזעסען. צום דועל האט זיא זיך אנגעטהאן אין א מונדיר אלס גענעראל פון פרעאבראזשענסקי גווארדיע. אויף איהר ברוסט האט געבליצט אן ארדען פון בריליאנטען און איהר געזיכט איז געווען אזוי רייצענד שעהן, אז זיא האט אויסגעזעהן וויא א יונגע מיידעל פון א יאהר אכצעהן. עליזאבעט האט געמוזט צוגעבען, אז דיעזע פרוי קען אפילו א מלאך פערפיהרען, ווער שמועסט א געוועהנליכען מאנספערזאן, א בשר ודם.

מיט דער קייזערין צוזאמען זיינען געזעסען אין קארעטע צוויי אנדערע דאמען. איינע פון זיי איז געווען דיא יונגע פירסטין נאטאליא סאלטיקאוו. אויך זיא איז געווען געקליידעט אלס אפיציער פון "קייזערין קאטהערינא רע־גימענט" און דער גאלד פערפוצטער מונדיר איז געלעגען אויף איהר שעהנע פיגור וויא אויסגעגאסען.

דיא צווייטע דאמע איז געווען דיא בעוואוסטע פירסטין מירזווינסקא, אויך זעהר א שעהנע פרויענצימער. זיא איז געווען מאיאר פון פרעאבראזשענסקי גווארדיע און האט יעצט דעם מונדיר געטראגען.

דיא קארעטע האט זיך אבגעשטעלט ניט ווייט פון דער סטאטוע און דיא קייזערין מיט איהרע דאמען זיינען אראב פון דער קארעטע פערטיג צו דער ארבייט.

דיא קייזערין קאטהערינא איז דיא גאנצע נאכט ניט געשלאָפען. זיא איז געזעסען ביי'ם בעט פון איהר געליעבטען אלעקסאנדער, וועלכער האָט בעקומען א שטארקען פיעבער. פארטאָג האָט ער קוים איינגעשלאָפען און קאטהערינאַ האָט זיך שנעל פערטיג געמאכט פאָהרען צום דועל. דער לייב־דאָקטאָר האָט זיא פערזיכערט, אז פאָטעמקין'ס צושטאנד איז ניט געפעהרליך.

דיעזער לייב־דאָקטאָר איז באלד אויך צוגעקומען אין א בעזונדער עקיפּאזש. ער איז געוועזען אן אלטער מאן מיט א גרויע באָרד און העכסט עלעגאנט געקליי־דעט. זיין נאָמען איז געוועזען אברהם בענרובען. ער איז געוועזען א האָלענדישער איד און זייט איינינע יאָהרען האָט ער פערנומען דיא גרויסע פעראנטוואָרטליכע שטעלע אלס קייזערליכער ארצט. קאטהערינא האָט צו איהם געהאט דעם גרעסטען צוטרויען.

דיא קייזערין און איהרע דאמען זיינען צוגעגאנגען צו עליזאבעט, וועהרענד דער דאָקטאָר איז מיט דער עטיקעטע פון א דזשענטעלמאן געבליעבען שטעהן עטוואָס פון וויטענס. קאטהערינא האָט בעגריסט איהר געגנערין מיט א קאלטע העפליכקייט און דאן האָט זיא אויסגערופען:

— פריילייין וואָראָנצאָוו, איך האָב געהאלטען מיין וואָרט און האָב בע־זאָרגט פאר אייך א סעקונדאנטין. איך שטעל אייך פאָר דיא פירסטין נאטאליא סאלטיקאָוו. איהר קענט זיין זיכער, אז זיא וועט איהר פליכט צו אייך ריכטיג ערפילען.

— יא, דאָס וועל איך גערן טהאָן, האָט נאטאליא געזאָגט און האָט מיט גרויס מיטלייד בעטראכט דיא שעהנע, בלאסע עליזאבעט. כאָטש מיר זעהען זיך דאָ צום ערשטען מאָל, דאָך קענט איהר מיך בעטראכטען אלס אייער בעסטע פריינדין.

און צווישען דיעזע צוויי יונגע ערדלע זעעלען איז געשלאָסען געוואָרען א שטילער בונד פון וואהרע פריינדשאפט.

— צו דער ארבייט, מיינע דאמען! האָט קאטהערינא אויסגערופען. מעסט אָב דיא טריט און דערלאנגט אונז דיא וואפען!

דיעזער בעפעהל איז באלד ערפילט געוואָרען. פירסטין מירזאָווינסקא האָט ארויסגענומען פון קארעטע צוויי גלייכע שווערדען און האָט דערלאנגט איין שווערד קאטהערינא'ן און דיא צווייטע צו עליזאבעט.

ביידע געגנערינס האָבען פון זיך אראָבגעוואָרפען דיא שווערע מאנטלען און האָבען זיך געשטעלט אין א ריכטיגע פּאָזיציאָן צום קאמפף.

דיא ערשטע מאָרגענשטראהלען האָבען דורכגעבראָכען דעם טומאן און האָ־בען בעלויכטען דיא לאנגע שווערדען, וועלכע דיא געגנערינס האָבען געהאלטען אויפגעהויבען אין זייערע הענד. פירסטין מירזאָווינסקא האָט ארויסגענומען איהר טאשען־אוהר און א קוק געבענדיג דארויף האָט זיא אויסגערופען:

— ס'איז צייט. דער דועל מוז שוין אָנפאנגען, דאָך אלס סעקונדאנטין מוז איך צוערשט מיין פפליכט ערפילען און פרעגען ביי דיא געגנערינס, פי־לייכט קענען זיי זיך אויסגלייכען אויף אירגענד וועלכע אנדערע קאָנדיציאָנען און אויף געוויסע בעדינגונגען אויפגעבען דעם דועל?

ביידע האָבען זיך דערפון ענטזאגט. זיי האָבען ערקלערט, אז דער דועל מוז פאָרקומען, און דיא פירסטין האָט דאן אויסגערופען:

—איינס, צוויי, דריי — פאנגט אָן!

אין דעם זעלבען מאָמענט האָט זיך דער דועל אָנגעפאנגען מיט א מערק־ווירדיגע קראפט. דיא שווערדען האָבען געקלאפט איינע געגען דער אנדערער אז פונקען זיינען געפלויגען. ס'איז געווען א ריהרענדע סצענע צו זעהן וויא דיעזע צוויי שעהנע, רייצענדע פרויען האָבען געקעמפפט איינע געגען דער אנ־דערער אויף לעבען און טויט.

קאטהערינא, אלס א זעלטענע קינסטלערין אין פיהרען דיא שווערד, וואָלט געווים אין א קורצע צייט איהר געגנערין בעזיעגט, אָבער דיא לייךענשאפטליכע אויפקאָכענדע נאטור פון דער קייזערין האָט געבראכט דאצו, אז זיא האָט גע־מאכט פאלשע אנגריפע, וועהרענד עליזאבעט איז געשטאנען מעהר קאלט־בלוטיג און זיא האָט זיך דעריבער פערטהיידיגט אזוי גוט, אז יעדען קלאפ פון איהר געגנערין'ס שווערד האָט זיא פינקטליך צוריקגעשטויסען.

דיא אנוועזענדע זיינען געווען איבערצייגט, אז דיעזער דועל מוז זיך ענ־דיגען מיט טויט פאר איינער פון דיא קעמפפענדע. פירסטין מירזווינסקא האָט בעטראכט דיעזע סצענע גאנץ גלייכגילטיג. דיעזע שעהנע גוואַרדיע־מאַ־יאָרין האָט בעזעסען גאנץ ווענינ מענשליכע געפיהלען. ״קריעג איז קריעג״, האָט זיא ביי זיך געטראכט.

דאנעגען איז דיא יונגע פירסטין נאטאליא געווען אזוי אויפגערעגט פון דער סצענע, אז זיא איז געשטאנען און האָט געציטערט און האָט געפיהלט א מערקווירדיגע מיטלייד מיט דער אָרימער עליזאבעט.

דער דריטער צושויער פון דיעזען היסטאָרישען דועל, קאטהערינא'ס לייב־דאָקטאָר אברהם בענרובען איז אויך וואָס ווייטער אלץ מעהר פעראינטערעסירט געוואָרען אין דער סצענע. אָנפאנגס האָט ער נור געזאָרגט פאַר דער קייזערין, עס זאָל חלילה איהר קיין בייזעס געשעהן. אָבער וואָס לענגער דער קאמפף האָט געדויערט, אלץ מעהר האָט ער אָנגעפאנגען דיא שעהנע עליזאבעט צו בעוואונדערען.

מיט אמאָל האָט זיך אויף זיין אינטעליגענטע געזיכט געצייגט א צייכען פון גרויס איבערראשונג און ער האָט צו זיך אליין געמורמעלט:

— יא, ס'איז זיא. איך בין זיכער, אז דאָס איז זיא און קיין אנדערע.

דיא זעלבע געשטאלט, דאס זעלבע געזיכט — אָה, גאָט! דיא טאָכטער פון דער איינציגער פרוי וואס איך האָב געליעבט אויף דער וועלט!

— דאָ האָסט דו! האָט דיא קייזערין פּלוצים אויסגערופען. זיא האָט אָבגעהיט דעם ריכטיגען מאָמענט, ווען עליזאבעט איז געוועזען עטוואס אונפאָר־זיכטיג. נאָך איין סעקונדע און דער שפּיץ פון דער קייזערין׳ס שווערד וואלט דורכגעלעכערט דיא ברוסט פון איהר געגנערין. אָבער שנעל וויא א בליץ האָט עליזאבעט מיט א געוואלטיגע מאכט א זעץ געטהאָן מיט איהר שווערד. קאַ־טהערינא האָט ארויסגעלאָזט א שטארקען אויסגעשריי. איהר שווערד איז ארויסגעשפּרונגען פון איהר האנד און געפאלען צו דער ערד. עליזאבעט וואלט זיך דאמיט געקענט בענוצען אום איהר געגנערין צו טויטען, דאָך האָט זיא אראָבגעלאָזט איהר בעוואפענטע האנד און האָט געזאָגט גאנץ רוהיג:

— דערלאנגט דער קייזערין אן אנדער שווערד, מיר זאָלען קענען דעם דועל פאָרטזעצען.

נאטאליא האָט מיט א וואהרע בעגייסטערונג געררייכט עליזאבעט׳ען דיא האנד און האָט איהר שטילערהייד געזאָגט:

— איהר זיינט ניט נור שעהן, נור איהר זיינט אויך נאָבעל און גוטמוטהיג.

דיא קייזערין איז אויפגעקאָכט געוואָרען. זיא האָט זיך געפיהלט טיעף בעליידיגט, זיא זאָל דארפען פערדאנקען איהר לעבען דיעזען מיידעל, וועלכע זיא האָט געהאסט וויא דעם טויט. פירסטין מירזווינסקא האָט שנעל אויפגע־הויבען דיא שווערד און דערלאנגט דער קייזערין. קאטהערינא האָט אָבער דיא שווערד ניט געוואָלט נעהמען און האָט געענטפערט מיט פערדרוס:

— איך דארף מעהר דיא שווערד ניט האָבען, זאָגט יענער מיידעל דאָרט, אז לויט אונזערע בעדינגונגען וועלען מיר יעצט פאָרטזעצען דעם קאמפף מיט פּיסטאָלען.

עליזאבעט האָט נאטירליך דארויף געמוזט איינוויליגען. באלד האָט מען צוגעבראכט א טהייערע גאָלדענע באקס און אינעווייניג זיינען געלעגען צוויי געלאָדענע רעוואָלווערען. דיא פירסטין האָט צוערשט צוגעטראָגען דיא רעוואָל־ווערען צו דער קייזערין, זיא זאָל זיך אויסקלייבען איינעם, וועלכען זיא וויל.

— ניין, האָט קאטהערינא געזאָגט, ניט איך, נור מיין געגנערין זאָל פריהער אויסקלייבען א רעוואָלווער, כאָטש אין פאקט זיינעןביידע גאנץ גלייך געארבייט.

דיא פירסטין איז צוגעגאנגען צו עליזאבעט וואָראָנצאָוו, וועלכע האָט גע־נומען איינעם פון דיא רעוואָלווערען, דאן האָט מען דעם אנדערען איבערגעגעבען צו דער קייזערין און דיא סעקונדאנטין האָט ערקלעהרט דיא בעדינגונגען פון דיעזען צווייטען קאמפף.

— דריי מאָל שיסען! האָט דיא פירסטין מירזווינסקא אויסגערופען. דעם

ערשטען מאָל אויף א ווייטקייט פון צוואנציג שריט, דעם אנדערען מאָל פופצעהן שריט ווייט און דעם דריטען מאָל פינף שריט.

— גרויסער גאָט! האָט דער אלטער לייב־דאָקטאָר אויסגערופען. אזא קאמפף מוז זיך דאָך ענדיגען מיט א זיכערען טויט, מאיעסטעט, איך בעט אייך, גיט עס אויף! איהר דארפט מיט אייער לעבען ניט ריזיקירען!

— עס בלייבט ביי דיזע בעדינגונגען, האָט דיא קייזערין געזאָגט מיט א שטרענגען טאָן. איינע פון אונז מוז פאלען אויף'ן קאמפף־פלאַץ.

— אָבער אין דעם פאל האנדעלט זיך דאָ אויך אום דעם לעבען פון דער קייזערין, דיא הערשערין, פון וועלכער עס איז אבהענגיג דאָס גליק פון מיליאָנען מענשען. אָה, מאיעסטעט, אין נאָמען פון גאנץ רוסלאנד, אויף וועלכער עס וועט פיעלייכט באלד פערשפרייט ווערען דער טיעפסטער טרויער, בעט איך אייך: ברייגגט ניט דאצו, אז דאָ זאָל פאָרקומען דיא שרעקליכסטע טראגעדיע אין דער וועלט איבער א נאַר־נישט.

— א נאַר־נישט! האָט קאטהערינא אויסגערופען מיט גרויס אויפרעגונג. פיעלייכט פאר אייך איז דאָס א נאַר־נישט. אבער פאר מיר איז דאָס אלעס. ביי מיר האנדעלט עס זיך אום א הייליגע, טרייע ליעבע, אָהן וועלכער איך קען יעדענפאלס ניט לעבען. דאָך אייך, מיין ליעבער דאָקטאָר, דאנק איך פאר אייער סימפאטיע און צו גלייכער צייט האָב איך פאר אייך אן אויפטראג: דיעזע נאכט האָב איך אָנגעשריעבען א צוואה און איך האָב אָבגעזאָגט מיין גאנצעס פריוואט פערמעגען פיר אלעקסאנדער פּאָטעמקין, אָבער מיט דעם אויסדריקליכען תנאי, אז ער זאָל אויף זיין לעבען קיינמאָל הייראטהען און איבערהויפּט מיט יענע דאָרט זאָל ער קיינמאָל אין פערבינדונג ניט קומען. שווערט מיר, דאָקטאָר, אז איהר וועט מיין בעפעהל ריכטיג ערפילען.

ניט ווילענדיג האָט דער אלטער בעגרובען געשוואָרען.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך דיא קייזערין געווענדעט צו איהר סעקונדאנטין:

— פירסטין מירנאָווינסקא, טהוט אייער פפליכט.

און עליזאבעט האָט אין דער צייט גערעדט צו איהר סעקונדאנטין, פירסטין נאטאליא סאלטיקאָווא:

— איך דאנק אייך, ליעבע פריינדין, פאר אייער סימפאטי צו מיר אין דעם לעצטען אויגענבליק פון מיין לעבען. באלד וועל איך שטעהן פאר גאָט'ס ריכטער־שטוהל און איך וועל דאָרט פאר אייך גאָט בעטען, אז איהר זאָלט בלייבען אימער אזוי גוט, ריין און גאָבעל וויא יעצט, אז גאָט זאָל אייך געבען דאָס בעסטע גליק וואָס א פרוי קען זיך ווינשען — א הארץ, וואָס זאָל אייך עביג בלייבען עהרליך און טריי. און נאָך איין וואָרט, מיין טהייערע פריינדין, זאָגט אלעקסאנדער'ן, אז איך האָב איהם געליעבט ביז מיין לעצטען מאָמענט. איך

פערציהע איהם. איך פערציהע אויך איהר. זאָלען זייביידע לעבען גליקליך, אויב זיי קענען אויפבויען זייער טעמפעל פון גליק אויף מיין יונגען קבר.

— מיינע דאמען, עס איז צייט! האָט דיא פירסטין מירזווינסקא אויס־גערופען. פירסטין סאלטיקאָוו, זייט אזוי גוט און טרעט עטוואָס צוריק, אום א פערבייפליהענדע קויל זאָל אייך ניט טרעפען.

ביידע געגנערינס זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף זייערע ריכטיגע פּלעצער. ביידע האָבען אויפגעהויבען זייערע פּיסטאָלעטען און פירסטין מירז־ווינסקא האָט אָנגעפאנגען צעהלען מיט א הויכע שטימע:

— איינס — צוויי — דריי! פּייער!

צוויי שיסע האָבען אויסגעקראכט און ווען דער פּולווער־רויך איז זיך צו־גאנגען, האָט מען דערזעהן, אז קיינע פון דיא קעמפּפענדע איז ניט פערוואונדעט געוואָרען. דער קייזערין'ס קויל איז ערגיץ וויט פערפלויגען און עליזאבעט האָט געטראָפען אין בוים, עטוואָס העכער פון קאטהערינא'ס קאָפּ.

דיא סעקונדאנטין האָט דאן גערופען צום צווייטען מאָל. קאטהערינא און עליזאבעט זיינען צוגעגאנגען אויף פינף טריט נעהענטער. א קראך, א בליץ, דיא קייזערין האָט ווידער ניט געטראָפען. פון אויפרעגונג איז איהר קויל פערפלויגען אין וואסער־גאָט און עליזאבעט'ס קויל האָט בעריהרט דעם שפּיץ פון קאטהערינא'ס ווייסע וועסט.

— מאיעסטעט! האָט דאָקטאָר בענרובען אויסגערופען. אייער קייזער־ליכע בלוט איז פערגאָסען געוואָרען. און דאָס זאָל אייך עראינערען, אז ס'איז גענוג —

— ניט איין וואָרט מעהר! האָט איהם קאטהערינא אונטערבראָכען. וואָס פערלאנגט איהר דען, איך זאָל זיך ערקלערען אלס בעזיעגט? ניין, א קייזערין טאָר עס ניט טהאָן. איז מיין וואונד אן ערנסטע?

דער דאָקטאָר האָט בעטראכט דיא וואונד און האָט געענטפערט:

— איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, אז דיא וואונד איז א קלייניגקייט, מאָרגען וועט זיא שוין זיין אויסגעהיילט, אָבער איהר זיינט יעצט אזוי אויפ־גערעגט —

— דאָס מאכט ניט אויס. שנעל לייגט צו א פּלאסטער צו מיין וואונד און דער דועל מוז זיך באלד ווידער אָנפאנגען.

וועהרענד דער דאָקטאָר האָט ערפילט דיעזען בעפעהל, האָט אויך פירסטין נאטאליא סאלטיקאָוו זיך געווענדעט צו דער קייזערין מיט טהרערען אין דיא אויגען זיא זאָל זיך צוריקציהען פון'ם קאמפּף. זאָגאר דיא פירסטין מירזוויני־סקא האָט זיא אויפמערקזאם געמאכט, אז ביי יעצטיגע אויפרעגונג קען זיא זעהר לייכט פאלען אין קאמפּף א בעזיעגטע, אָבער דיא קייזערין האָט זיך בשום אופן ניט געלאָזט איבערערעדען.

בלאס און רוהיג איז עליזאבעט געשטאנען אויף איהר פּלאץ ניט ווייט פון דער סטאטוע. יעצט זיינעןביידע קעמפּפענדע פרויען געשטאנען גאנץ נאָהענט איינע צו דער אנדערער, בלויז פינף שריט. ביידע האָבען זיך געקוקט גלייך אין דיא אויגען. קאטהערינא האָט געקוקט מיט בליקען פול מיט האס און צאָרן, וועהרענד אין עליזאבעט'ס אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט שמערץ און טרויער.

זיי האָבען אויפגעהויבען דיא פּיסטאָלס צום לעצטען שאָס. איינע פון דיעזע צוויי שעהנע פרויען איז איבעריג אויף דער וועלט, איינע מוז פאר דער אנדערער פּלאץ מאכען. וועלכע וועט געהן? און ווער וועט בלייבען?

— איינס, צוויי, דריי! פיער!

צוויי שיסע האָבען אויסגעקראכט. אין זעלבען מאָמענט האָט זיך געהערט א טיעפער געשריי און באלד איז נאטאליא סאלטיקאָוו געפאלען וויינענדיג אויף עליזאבעט'ס קערפּער.

— אָה, גאָט! זיא איז געפאלען, זיא שטארבט!

אויך דער דאָקטאָר איז באלד צוגעלאָפען און האָט שנעל אונטערזוכט דיא אונגליקליכע עליזאבעט. ער האָט געזעהן, אז זיא איז נאָך ניט טויט. אָבער זיא האָט אויסגעזעהן ריכטיג וויא געשטאָרבען. איהרע אויגען זיינען געווען געשלאָסען און קוים וואָס מען האָט געקענט איהר אטהעם הערען.

— דיא קויל איז געבליבען זיצען ביי דער לינקער לונג, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו דער פירסטין נאטאליא. דיא אונגליקליכע מוז זאָ שנעל וויא מעגליך און איבערהויפּט גאנץ פאָרזיכטיג געבראכט ווערען נאָך הויז און דאָן דארף מען איהר מאכען אן אָפּעראציע, אום דיא קויל ארויסצונעהמען. אויב דיא לונג איז ניט געשעדיגט וועט נאָך פיעלייכט מעגליך זיין זיא צו רעטען.

— איך האָב געהערט איירע לעצטע ווערטער, האָט דיא קייזערין געזאָגט, און איך בעפעהל אייך, דאָקטאָר, אז איהר זאָלט זיך ניט וואגען צו טהאָן עט־וואָס פאר דיעזע מיידעל. איהר ווייסט דאָך וואהרשיינליך וויא שטרענג איך בין געגען דיא יעניגע וואָס פאָלגען מיך ניט.

דער דאָקטאָר איז א פערציטערטער געוואָרען. ער האָט געוואוסט, אז דיא מינדעסטע אונגעהאָרכזאמקייט שמעקט מיט סיביר. קאטהערינא האָט זיך דאָן געווענדעט צו דיא סעקונדאנטינס מיט דיא ווערטער:

— קומט, מיינע דאמען, דאָ איז קיין פּלאץ פאר אייך לענגער צו פערבלייבען. דאָס מיידעל וואָס ליעגט דאָ אויף דער ערד איז מיין ערגסטע פיינדין און זיא איז ניט ווערטה איהר זאָלט מיט איהר מיטלייד האָבען.

— אָבער, מאיעסטעט, האָט זיך נאטאליא ערלויבט צו בעמערקען, וויא קענען מיר דיא אונגליקליכע אזוי פערלאָזען? זיא וועט דאָך געוויס באלד שטארבען, ווען מען זאָל איהר ניט געבען קיין מעדיצינישע הילפע.

— דאָס איז גאַנץ ריכטיג, האָט דער דאָקטאָר בעשטעטיגט נאטאליא'ס ווערטער, אויב מען וועט אזוי לאָזען דאָס בלוט פליסען פיר א קורצע צייט, דאַן איז דיא אונגליקליכע פערלאָרען.

— זאָל זיא שטאַרבען! האָט קאטהערינא אויסגערופען מיט בלוטיגע ראכע, וואָס מיינט איהר? האָב איך דען דעם דועל געמאכט און מיין לעבען ריזיקירט אלס א שפיעלכעל? האָב איך דען ניט ריזיקירט מיט מיין לעבען פונקט וויא זיא? מיר האָבען אָבגעמאכט, אז איינע פון אונז זאָל בלייבען ליגען אויף'ן פּלאַץ טויט, און ווען דאָס זאָל מיר טרעפען וואָלט איך פון קיינעם ניט פערלאַנגט מען זאָל מיר העלפען. זאָל זיא שטאַרבען אָהן הילפע. קוממ צום עקיפּאַזש, ס'איז צייט צוריק צופאָהרען.

— איך בלייב דאָ, האָט נאטאליא ערקלערט מיט א פעסטען בעשלוס.

— נאטאלקא! האָט קאטהערינא אויסגערופען און האָט א שטרענגען בליק געוואָרפען אויף איהר. איהר וואגט זיך ארויסצושטעלען דירעקט געגען מיין וואונש?

— אָה, פערצייהעט מיר, מאַיעסטעט, איך קען אנדערש ניט. דאָס איז מיין מענשען־פפליכט —

— נאָך איינמאָל און צום לעצטען מאָל פאָדער איך אייך אויף, פירסטין, פערלאָזט דיעזען פּלאַץ און קוממ מיט מיר.

— איך וועל אייך פאָלגען, מאַיעסטעט, אָבער ניט פריהער ביז עס וועט מיר געלינגען צו פערשאַפען הילפע פאַר דער אונגליקליכער אָדער ביז איך וועל אם ווייניגסטען זעהן, אז זיא איז שוין טויט. אָה, מאַיעסטעט! איך בעט אייך, ערלויבט מיר נור צעהן מינוט דאָ צו פערבלייבען. וויא קען מען לאָזען א שטערבענדע גאַנץ אליין אין דיא לעצטע מינוטען פאַר'ן טויט?

נאטאליא האָט דיעזע ווערטער געשפּראָכען מיט אזא טיעפען געפיהל פון מיטלייד, אז א שטיין זאָגאר וואָלט געריהרט געוואָרען. אויך קאטהערינא איז ביי אנדערע צופעלע אימער געווען זעהר גוט און ווייכהערציג, אָבער יעצט האָט דיא אייפערזוכט געמאכט פון איהר הארץ אייזען. ריכטיג אזוי גרויס וויא איהר ליעבע איז געווען צו פּאָטעמקין'ען, אזוי גרויס און נאָך פיעלייכט פיעל גרעסער איז געווען איהר האס צו עליזאבעט, צו פּאָטעמקין'ס געוועזענע כלה. זיא האָט ניט געקענט רוהען ביי'ם געדאַנק, אז דיא מיידעל, וועלכע פּאָטעמקין האָט אמאָל א קוש געטהאָן, דיא מיידעל וואָס שרייט נאָך יעצט אויף, אז פּאָטעמקין איז איהרער, זאָל נאָך לעבען. זיא דאַרף מעהר ניט לעבען.

— איך האָב גענוג געהערט, פירסטין סאלטיקאָוו, איך וויל מעהר קיין מוסר פון קיינעם ניט הערען. יעצט ווייס איך וואָס פיר א דאַנקבאַרקייט איך האָב צו ערוואַרטען פאַר מיין גוטסקייט. איהר זיינט ניט בעסער וויא אלע אנדערע.

איהר פערדיענט קיינער ניט דיא מילדע גוטהערציגקייט, מיט וועלכע איך בע־האנדעל אייך.

— אָה, מאיעסטעט, האָט נאטאליא געשטאמעלט. אייערע ווערטער שטעכען מיין נשמה וויא מיט שפּילקעס, איך האָב פון אייך קיין פאָרוואירפע ניט פערדיענט. איהר אליין האָט מיך אלס סעקונדאנטין בעשטעלט פאר דיזער מיידעל און אלס איהר סעקונדאנטין בין איך פערפפליכטעט געזעצליך זיך פאר איהר אָנצונעהמען.

— זעהר גוט, מעגט איהר דאָ פערבלייבען, אָבער פון יעצטיגען מאָמענט אָן דארף אייער פּוס מעהר דיא שוועל פון מיין פּאלאסט בעטרעטען.

— גנעדיגע קייזערין, וואָס רעדט איהר? האָט נאטאליא אויסגערופען מיט טהרערען אין דיא אויגען. איהר ווילט מיך אלזאָ פון אייך פערטרייבען?

— יא, האָט קאטהערינא געענטפערט מיט א שטרענגען, ערנסטען טאָן. פון דיזער מינוט אָן זיינט איהר פערטריבען און פערגעסען. און איהר מעגט דאמיט צופריעדען זיין, פירסטין סאלטיקאָוו, וואָס איך פערגעס אָן אייך. ווייל וועה איז צו דעם יעניגען, וועלכען קאטהערינא פון רוסלאנד פערגעסט ניט אין איהר צאָרן! קומט, פירסטין מירזווינסקא.

דיא קייזערין איז אוועק און האָט געגעבען א וואונק צום לייב־דאָקטאָר, ער זאָל אויך אוועקגעהן, און ער איז געווען געצוואונגען איהר נאָכצוגעהן. באלד איז זיא מיט איהרע בעגלייטער פערשוואונדען הינטער דיא בוימער.

נאטאליא האָט איהר נאָכגעקוקט מיט טרויעריגע בליקען.

— אָה, מיין גאָט! האָט זיא געשטאמעלט צו זיך אליין. וויא איז דאָס מעגליך, אז א פרוי, וועלכע איז אזוי שעהן, אזוי קלוג און אזוי געבילדעט, זאָל צו אלע איהרע מעלות זיין אזוי הארטהערציג? אויב דאָס אלעס איז א רע־זולטאט פון ליעבע, וואָלט איך בעסער וועלען אלע מיינע יאָהרען אויסלעבען אָהן ליעבע.

נאטאליא איז צוגעגאנגען צו עליזאבעט זיך קודם איבערצייגען אויב זיא לעבט נאָך. זיא האָט צוגעלייגט דעם אויער צו איהר דורכגעשאָסענע ברוסט און האָט אָנפאנגס גאָר ניט געקענט הערען. באלד אָבער האָט זיך איהר אויס־געצייגט, אז זיא שפּירט א שוואכע בעוועגונג און א שטילע שטימע.

— זיא לעבט נאָך, האָט נאטאליא געשטאמעלט דערפרעהט, און וואו ס'איז דאָ לעבען איז אויך דאָ האָפנונג.

נאטאליא האָט דאן בעמערקט אויף דער ערד א קליינע לעדערנע קעס־טעלע. דאָס האָט וואהרשיינליך דער דאָקטאָר געלאָזט מיט דער אבזיכט, אום מען זאָל דער אונגליקליכער קענען געבען דיא ערשטע הילפע. זיא האָט שנעל דאָס קעסטעלע געעפענט און האָט דאָרט געפונען קאָרפּיע, ווייכע ליינוואנד און א פלעשעלע גרינע מעדיצין. נאטאליא האָט פערשטאנען, אז דאמיט דארף זיא

אויסוואשען דיא וואונד און אָבהאלטען דיא בלוט. אין א פּאָאר מינוטען האָט זיא אַלעס אין אָרדנונג געבראכט, אויסגעוואשען גוט דיא וואונד, בעדעקט דיא וואונד מיט קאַרפּיע און פעסט פערבונדען מיט ליינוואנד.

נאטאַליא האָט זיך אמת מחיה געווען, ווען זיא האָט נאכהער א קוק געטהאָן אויף דער פערוואונדעטער און האָט געזעהן, אז זיא פיהלט עטוואָס לייכטער.

— עליזאבעט, האָט זיא אויסגערופען, קענסט דו מיך הערען? אָה, רעד כאָטש איין וואָרט! טהו כאָטש איין קוק אויף מיר! אָרימע מיידעל, וויא שרעקליך מוזען זיין דיינע שמערצען!

ענדליך האָט עליזאבעט ארויסגעלאָזען א שוואכען זיפץ פון הארצען און האָט גלייכצייטיג געעפענט דיא אויגען. וויא פון טרוים ערוואכענד, האָט זיא זיך ארומגעקוקט וואו זיא איז אין דער וועלט. זיא האָט זיך פּרובירט אויפצו־הויבען, אָבער מיט א קרעכץ פון גרויסען ווערהטאָג איז זיא צוריקגעפאַלען.

— אום גאָטעס ווילען, בעוועג זיך ניט, ליעג רוהיג! האָט דיא יונגע פירסטין אויסגערופען. יעדע בעוועגונג וואָס דו מאכסט קען דיר ברענגען דעם טויט. דו ביסט שווער פערוואונדעט. אָבער ס'איז נאָך מעגליך דיך צו רעטען, ווען מען זאָל באלד האָבען צו דער האנד מעדיצינישע הילפע. זאָג מיר שנעל, וואוהין זאָל איך דיך ברענגען? האָסט דו אין פעטערבורג עלטערען? האָסט דו פערוואנדטע וואָס זאָלען דיך פפלעגען? וואו איז דיין היים?

א טרויעריגער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף עליזאבעט'ס בלאסע ליפּען, ווערהענד זיא האָט געשטאמעלט:

— מיין היים—איך האָב קיין היים און האָב קיין פריינד אויף דער וועלט.

— גרויסער גאָט! האָט נאטאַליא אויסגעשריען, קיין היים? קיין היי־מאטה? קיין פריינד? אָה, עלענדע, ביסט נאָך פיעל אונגליקליכער וויא איך האָב געדענקט.

דיא נאָבעלע רייכע פירסטין איז שרעקליך געריהרט געוואָרען. זיא האָט אמאָל געהערט, אז עס זיינען דאָ אזעלכע מענשען וואָס האָבען ניט וואו זייער קאָפּ אוועקצולייגען, אָבער ביי איהר איז אויסגעקומען, אז ס'איז בלויז געזאָגט, ס'איז אויסגעטראכטע לעגענדעס. און דאָ האָט זיא מיט אמאָל דערזעהן פאר איהרע אויגען א מענשען, א שעהנע, א ליעבליכע מיידעל, וועלכע האָט קיין היים, קיין אָרט אויף דער וועלט. אָה, וויא שרעקליך!

אין דער צייט האָט עליזאבעט ווידער געשלאָסען דיא אויגען און איז געלעגען וויא אין א שטארקער אונמאכט. נאטאַליא איז געשטאנען פול מיט טרויער און פערצווייפלונג און האָט ניט געוואוסט וואָס פיר א ראטה זיך צו גע־בען. מיט אמאָל האָט זיא דערהערט האסטיגע טריט און אין נעכסטען מאָמענט האָט זיא דערזעהן פאר זיך אן אלטען מאַן מיט א לאנגען גרויען באָרד, איינפאך

און זויבער געקליידעט. דיא יונגע פירסטין האט אויף איהם גלייך דערקענט, אז ער איז א איד און זיא איז דאריבער זעהר איבערראשט געוואָרען.

— לעבט זיא נאָך, אָדער זיא איז שוין טויט? האט ער האסטיג געפּרעגט און האט זיין בליק געוואָרפען אויף עליזאבעט. אָה, מיין גאָט, אזוי יונג, אזוי שעהן, אזוי גוט און שוין זאָל איהר ענדע זיין?

און איידער נאטאליא האט נאָך צייט געהאט מיט איהם עטוואס צו ריידען און ביי איהם פרעגען וואס און ווער ער איז, האט ער צוזאמענגעקרעמפּפט זיין פויסט און צייגענדיג צו יענער געגענד, וואו עס געפינט זיך דער קייזערין'ס לוסט־פּאלאסט, האט ער אויסגערופען מיט צאָרן:

— נאָך א קרבן פון דער גרויסער געזעבטער קייזערין קאטהערינא, וועלכע ווערט פון דער וועלט געריהמט אלס דיא קעניגין פון ציוויליזאציאָן. נאָך אן אָפּפער פון יענער פרוי וואס איז איבער טויטע קערפּער געקומען צום טהראָן. און יעצט איז זיא אויך איבער'ן קערפּער פון דיעזער אונגליקליכער איבערגעגאנגען אום צו איהר גליק פון ליעבע צו קומען.

— שווייגט, אלטער מאן! האט נאטאליא אויסגערופען. איך וויל ניט הערען וויא איהר בעליידיגט מיין קייזערין. זאָגט מיר בעסער וואס אינטערעסירט אייך דיעזע מיידעל? וואס קעהרט איהר זיך מיט איהר אָן? וויא איז אייער נאָמען?

— מיין נאָמען? האט ער איראָניש געפּרעגט, צו וואס דארפט איהר מיין נאָמען? וועט איהר מיך דען מעהר קענען, ווען איך וועל אייך זאָגען וויא איך הייס? פירסטין, איהר זאָלט וויסען, אז א נאָמען איז בלויז א פוסטער קלאנג וואס זאָגט גאָר ניט. לעזט דיעזען בריעף, דאן וועט איהר וויסען ווער איך בין און וואס פאר אינטערעסע איך האָב אין דיעזע מיידעל.

ביי דיעזע ווערטער האט ער ארויסגענומען א בריעף, וואס איז געווען גע־שריעבען אויף א שעהנעם פּאפּיער, און האט עס דערלאנגט דער פירסטין.

נאטאליא האט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט געלעזען פאָלגענדעס:

„מיין געהיימניספאָלער וואָהלטהעטער. — שוין זייט זעכס מאָנאטען וואָהן איך אין אייער הויז און האָב ניעמאלס געזעהן דעם מאן, וואס זאָרגט פאר מיר וויא א פאָטער און צאָהלט מיר א פירסטליכע געהאלט פיר מיין אונ־בעדייטענדע ארבייט. ביז יעצט האָב איך ניט געקענט אייך אויסשפּרעכען מיין הערצליכען דאנק. אָבער איך דאנק אייך ניט פאר'ן לוקסוס וואס איך גענים אין אייער הויז, אויך ניט פאר דיא גרויסע געהאלט, וואס איהר גיט מיר בלויז פאר'ן אכטונג געבען אויף דער קליינע קאטהערינא. איך דאנק אייך אם מעהרסטען נור דערפאר וואס איהר האט מיר פערשאפט א מוטער־שטעלע ביי אזא זיסע, ליעבליכע קינד. איין שמייכעלע פון איהר האט אימער ערפילט מיין טרויעריגע הארץ מיט הימלישע פרייד און איין בליק פון איהרע

אונשולדיגע שעהנע אויגעלאך האט צו יעדער צייט פערטריעבען דיא שרעק־ליכע וואלקענס וואס בערעקען דעם הימעל פון מיין טרויעריגען לעבען.

"לײדער איז אבער געקומען דער מאמענט, ווען איך בין געצוואונגען פון איהר, פון מיין ליעבלינג, זיך צו שיידען און אויך פון אייך, געהיימער פאטער און וואהלטהעטער, מוז איך אויף עביג אבשיעד נעהמען. עס איז מיר ניט בעשערט לענגער צו פערבלייבען אונטער'ן דאך פון אייער שטילע, פריעדליכע הויז. דיא שווערע האנד פון שיקזאל טרייבט מיך ארויס צוריק אין לעבען אדער ריכטיגער געזאגט אין א יונגען טויט.

"צווישען מיר און א גרויסע, מעכטיגע פרוי האט אויסגעבראכען א קריעג, א קריעג פון האס און ראכע. מארגען אין דער פריה וועט עס ענט־שיעדען ווערען צווישען אונז מיט וואפען אין דיא הענד. איך וויים, אז פון דעם דאזיגען קאמפף וועל איך לעבעדיג ניט ארויס. אבער ס'איז פי־לייכט בעסער אזוי. אה, מיין טהייערער וואהלטהעטער! איך בין זעהר, זעהר אונגליקליך. מיין שיף איז אויף'ן שטורמישען ים פון לעבען צובראכען געווארען און איך מוז יעדענפאלס אונטערגעהן.

"אין דעם אויבערשטען שיפלאד פון מיין שרייב־טיש וועט איהר געפינען דאס גאנצע געלד, וואס איהר האט מיר בעצאהלט. זייט אזוי פריינדליך און צוטהיילט עס פיר ארימע. איך מוז אייך בעטען איהר זאלט מיר פערצייהען פאר וואס איך האב זיך גערופען אנקומענדיג צו אייך אין הויז מיט א פאלשען נאמען. איך האב געהאט געוויסע אורזאכען דאצו. מיין ריכטיגער נאמען איז עליזאבעט — אבער וואס מאכט עס אוים? יעצט איז שוין סאי וויא סאי אלעס פערביי.

"גריסט פון מיר דער גוטער, אלטער יאזעפא, לעבט וואהל אויף אימער—
עליזאבעט".

ווען נאטאליא האט איבערגעלעזען דיעזען בריעף, איז זיא ערשטוינט גע־ווארען פון איבערראשונג. זיא האט גענומען בעטראכטען דעם אידען, דעם גרייז, מיט גרויס בעוואונדערונג און האט איהם געדרייכט איהר האנד.

— וואו האט איהר דיעזען בריעף געפונען? האט זיא ביי איהם געפרעגט.

— אין מיין הויז, אויף פריילין עליזאבעט'ס שרייב־טיש.

— איהר זיינט עס אלזא איהר געהיימניספאלער וואהלטהעטער און דאס הויז געהערט צו אייך?

— נאטירליך, איך האב אין פעטערבורג נאך צוויי און פיערציג גרויסע הייזער.

— אויב אזוי, זיינט איהר דאך א זעהר רייכער מאן.

— האב איך אייך דען אנדערס געזאגט? אבער איך וועל אייך בעסער

זאָגען מיין נאָמען. איך זעה, אז איהר זיינט א נאָבעלע קינד, איך זעה עס אין דעם וואָס איהר זיינט פערבליעבען דיעזע אונגליקליכע צו רעטען.

— איך האָב נור געטהאָן מיין קריסטען־פפליכט, האָט נאטאליא בעמערקט.

— קריסטען־פפליכט! האָט איהר דער אלטער איד אונטערבראָכען, גראָדע וויא קריסטענטהום וואָלט גענומען אין האנד דיא גאנצע גוטסקייט פון דער וועלט. געפינט איהר דען ניט, אז מענשען פון אנדערע גלויבענס טהוען אויך זייער פפליכט? זיינען דען ניטאָ געגוג אידען אמת'ע וואָהלטהעטער? און דאָך וועט קיינעם פון אונז ניט איינפאלען צו רעדען וועגען "אידען־פפליכט". מיר טהוען וואָס מיר קענען אלס מענשען. אלזאָ, איהר ווילט וויסען מיין נאָמען — איך הייס אהרן קראָנבערג. איך האָב געהאט אמאָל א גוטען פריינד פעטער וואָראָנצאָוו, דער גראָספאטער פון דיעזער עליזאבעט. אויך ער איז געפאלען אן אָפּפער פון קאטהערינא דיא גרויסע און וואהרשיינליך איז ער שוין טויט.

"איינמאָל האָב איך ערפאהרען, אז זיא, עליזאבעט וואָראָנצאָוו, דאָס איז איהר ריכטיגער נאָמען, געפינט זיך אין גרויס עלענד און נויט. גראָדע האָב איך דאמאָלס נעדארפט א טרייע פפלעגערין פאר מיין — יא, פאר מיין קינד, און איך האָב דורך א געוויסע מאדאם נעלידאָוו אנגאזשירט דיעזע עליזאבעט און אויף דעם אופן איז זיא געקומען אין מיין הויז. אָבוואָהל איך האָב זיך קיינמאָל פאר איהר ניט געוויעזען, פון דעסטוועגען האָב איך זיך באלד איבערצייגט, אז עס גיבט ניט אין דער גאנצער וועלט א פריילין וואָס זאָל זיין מעהר נאָבעל, מעהר בראוו און מעהר גוטהערציג וויא עליזאבעט וואָראָנצאָוו. איהר געהיימניס וועגען אלעקסאנדער פאָטעמקין איז מיר אויך געוועזען גוט בעקאנט. איך וויים, אז ער האָט בעטראָגען און פעראונגליקט א ליעבע און עהרליכע נשמה אום צו ווערען דער געליעבטער פון דער קייזערין. אָבער גענוג וועגען איהם, מען דארף בעסער זעהן צו אטענדען דיא פערוואונדעטע.

קראָנבערג האָט א רוף געטהאָן און באלד זיינען פון הינטער דיא בוימער ארויסגעקומען פיער פיין־געקליידעטע דיענער, מיט א טראָג ברעט, וועלכע איז געווען אויסגעלעגט מיט א ווייכע מאטראץ און מיט קישענס. אויף קראָנבערג'ס בעפעהל האָבען זיי דיא אונמעכטיגע עליזאבעט גאנץ פאָרזיכטיג און לאנגזאם ארויפגעלייגט אויף'ן ברעט און ארייגעטראָגען אין א געדעקטע קארעטע, וואָס איז אין דיעזען מאָמענט צוגעפאָהרען.

— איהר פיהרט זיא אָב צוריק אין אייער הויז? האָט ביי איהם דיא פירסטין געפרעגט.

— גאנץ נאטירליך. אָבער ניט אין דעם הויז, וואו זיא איז ביז יעצט געוועז, נור אין מיין וואָהנונג אין פעטערבורג. עס איז איבערהויפּט וויכטיג, אז דיא קייזערין, איהר בלוטיגע פיינדין זאָל ניט וויסען וואָס פון איהר איז געוואָרען.

— **האָט איהר אויך א גוטען דאָקטאָר?** מען מוז דאָך באלד פון איהר ברוסט דיא קויל ארויסנעהמען, זאָנסט איז זיא פערלאָרען.

— דאָס וועט שוין פערזאָרגען אברהם בענרובען, דער קייזערין׳ס לייב־דאָקטאָר.

— דאָס קען ניט זיין — דיא קייזערין האָט איהם פערבאָטען — דער גרייז גרויער מאן האָט מיט א שמייכעל בעמערקט:

— און דאָך ווארט ער שוין אין מיין הויז. יעצט ענטשולדיגט מיר, מיין שעהנע פירסטין, איך קען מעהר קיין צייט פערליערען. איך וויים ווער איהר זיינט, איך קען אייך גאנץ גוט און איך וויים, אז איהר זיינט פיעל נאָבעלער און פיעל בעסער וויא דיא אלע דאמען וואָס געפינען זיך אין קאטהערינא׳ס הויף. אויב איהר זאָלט מיר ערלויבען, וואָלט איך אייך געגעבען א גוטע עצה.

— איך ערלויב אייך. רעדט, איך וועל אייך גערן אויסהערען.

— פיין. דאמיט צייגט איהר, אז איהר זיינט א וואהרע סאלטיקאָוו, איינע פון דיא נאָבעלסטע פאמיליען אין רוסלאנד. יעדעס מיטגליעד פון אייער פא־מיליע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט א בעריהמטען נאָמען אין דער געשיכטע פון דיעזען לאנד. עס איז דארום אויך אייער פפליכט דיא פירסטליכע עהרע פון דיא סאלטיקאָוו׳ס צו היטען. פאָלגט מיך, פערלאָזט גלייך דיעזע געזעל־שאפט. פאָהרט צוריק אויף אייערע גיטער. פיר אזא ריינע אונשולדיגע יונג־פרוי איז ניט קיין פלאץ ביי דער דער גרויסער קאטהערינא אין הויף. דאָס רעדט צו אייך פון טיעפען הארצען אן אלטער מאן, וועלכער האָט דורך לייד און שמערץ זעהר פיעל אין זיין לעבען ערפאהרען. זייט געזונד!

מיט דיעזע ווערטער איז ער אוועק פון איהר און נאטאליא האָט איהם נאָכ־געקוקט מיט ליעבליכע און ערשטוינענדע בליקען.

* * *

דיא ריינע, מילדע לופט פון אָנפאנג פריהלינג האָט בעלעבט דיא גרויסע רעזידענץ־שטאָדט פעטערבורג.

ביי אן אָפענעם פענסטער פון אן עלעגאנטען שלאָף־צימער פון א שעהנע הויז וואָס איז ארומגערינגעלט מיט א גרויסען גאָרטען אין איינע פון דיא שעהנסטע גאסען פון פעטערבורג איז געזעסען א שעהנע, ליעבליכע, יונגע מיידעל און האָט זיך געקוויקט מיט דיא פרישע בעלעבענדע פריהלינג לופט. איהר געזיכט האָט אויסגעזעהן עטוואָס טרויעריג און זעהר בלאס וויא ביי איינעם וואָס האָט זיך נור וואָס ערהאָלט פון א שווערע קראנקהייט. אָבער איהרע אויגען האָבען גע־גלאנצט מיט מונטערקייט און לעבענסלוסט.

נעבען דער שעהנער געשטאלט אויף א טישעל איז געשטאנען א גרויסער בלומענקראנץ אין א זילבערנער וואזע.

— וויא שעהן און וויא צארט איהר זיינט, בלומען—קינדער פון פריהלינג!

האט דיא שעהנע פריילייו געמורמעלט. אבער זיי וואלטען נאך טויזענד מאל שעהנער געווען, ווען ער זאל זיי מיר געווען שיקען. בלומען און ליעבע קומען צוזאמען. איך קען נור דיא בלומען האבען, אבער דיא ליעבע איז פון מיר אויף עביג אבגעריסען געווארען. אה, אלעקסאנדער, איך האב געוואלט פאר דיר שטארבען, אבער אויך דאס איז מיר ניט בעשערט. מיין שיקזאל איז צו לעבען און צו ליידען.

דאביי האט זיא זיך ביטער צוואויינט.

— שוין ווידער וויינט איהר? האט אויסגערופען א שטימע פון הינטער דער טיהר.

עליזאבעט האטביידע הענד אויסגעשטרעקט צום מאן וואס איז יעצט אריינגעקומען. דאס איז געווען קראנבערג.

— אה, דאס זיינט איהר, מיין וואהלטהעטער! האט זיא מונטער אויסגערופען. וויא גוט איהר זיינט צו מיר! קיין טאג פערפעהלט איהר ניט צו קומען זעהען וואס איך טהו.

— איז דאס דען ניט מיין פפליכט? האט ער געענטפערט און האט פריינדליך איהר האנד געדריקט. בעטראכט איך אייך דען ניט אלס מיין טאכטער? דארף איך דען ניט וויסען וואס מיט אייער געזונד טהוט זיך, נאכדעם וויא איך האב דריי חדשים נאכאנאנד געהאט אזוי פיעל זארג און שמערץ וועגען אייך? עליזאבעט, ס'איז מיר זעהר שווער אנגעקומען אייער יונגעס לעבען צו רעטען און איהר קענט זיך פארשטעלען וויא ס'איז מיר געווען צו מוטה, ווען איך פלעג אימער הערען פון דיא ערצטע, אז ס'איז א גאנץ קנאפע האפנונג דאס איהר זאלט לעבען בלייבען.

— יא, איך האב דורכגעמאכט א שרעקליכע צייט, האט זיא שוואך געענטפערט. און ווען ניט איהר, גוטער מענש, וואלט איך שוין לאנג אין קבר געלעגען. און וועלכע מיהע און קאסטען איהר האט אנגעווענדעט! דיא גרעסטע פראפעסארען פון מאסקווא, דיא בעסטע וועכטערינס האט איהר פאר מיר בעזארגט דאן דיעזע פראכטפאלע הויז, מיט דיא טהייערסטע וויינען און דיא זעלטענסטע ערפרישונגען — איך וויים ווירקליך ניט וויא זאל איך אייך פאר די אלע זאכען אבדאנקען.

— אבער איין זאך דארפט איהר יא וויסען, האט דער אלטער קראנבערג געזאגט מיט א געלעכטער, אז דער דאקטאר האט אייך פערבאטען מיט איינמאל אזוי פיעל רעדען.

— אך, דאס זאגט איהר אימער, ווען איך וויל אייך אויסשפרעכען מיין דאנקבארקייט, אבער היינט מוז איך זיך אויסרעדען, אום עס זאל מיר עטוואס גרינגער ווערען אויף מיין קראנקעס הערץ. איך האב אייך צו דאנקען זעהר פיעל פאר וואס איהר האט מיין קערפער גערעטעט. אבער נאך מעהר האב איך

איך צו דאנקען פאר אייערע גוטע טרייסט־ווערטער, מיט וועלכע איהר האָט מיין אָרימע זעעלע עטוואָס בערוהיגט.

— זייט ניט פערצווייפעלט, מיין קינד, האָט ער צו איהר געזאָגט טיעף געריהרט. אלס אלטער מאן מיט גרויס ערפאהרונג קען איך אייך פערזיכערען, אז פּאָטעמקין איז טיעף אין הארצען נאָך אימער טריי צו אייך און ער וואָלט אייך קענען ליעבען, ווען ער זאָל ניט זיין בעצויבערט פון דער קייזערין וואָס האלט איהם אזוי וויא געפאנגען אונטער איהר מאכט. אָבער פאָרלויפיג מוזט איהר דעם קאמפּף אויפגעבען, עליזאבעט, איהר דארפט ניט פערגעסען אז קאטהערינא קען ניט נור ליעבען נור זיא קען אויך שרעקליך האסען. ווען פּאָטעמקין זאָל איהר ווערען אונטריי וועט זיא איהם פערפאָלגען ביז׳ן טויט אריין.

— און גיבט עס ווירקליך קיין מיטעל איהם אָבצורייסען פון איהר? האָט עליזאבעט געפרעגט מיט א שווערען זיפץ. וויפיעל איך האָב שוין וועגען דעם געטראכט, געדענקט און נעקלערט אין דער צייט וואָס איך בין קראנק געלעגען! איז גאָר קיין מיטעל אויף דער וועלט ניטאָ דעם געליעבטען פון איהרע שקלאפען קייטען צו בעפרייען?

— ווער זאָגט עס, אז ניט? האָט קראָנבערג בעמערקט און האָט דאביי זיין גרויע באָרד געגלעט. איך האָב אייך געזאָגט, אז פאָרלויפיג דארפט איהר דעם קאמפּף אויפגעבען. איך וואָלט אייך מאכען א פאָרשלאג, ליעבע עליזאבעט, א פאָרשלאג, וועלכען איך האָף, אז איהר וועט אָננעהמען. איך וועל אייך גע־זעצליך אדאָפּטירען אלס מיין טאָכטער און דאן וועלען מיר צוזאמען מאכען א לוסט־רייזע איבער אייראָפּא. דאָס וועט אייך צערשטרייען אייערע גערדאנקען אביסעל, און אין דער זעלבער צייט וועל איך אימער שטעהן אין פערבינדונג מיט פּעטערבורג און וויסען גענוי וואָס דאָ געהט פאָר, און ווען נור עס וועט פאר אייך ערשיינען א נייע האָפנונג, וועלען מיר צום ריכטיגען מאָמענט צוריק קומען.

— אָבער אזוי ווייט וויא איך וויים, מיין ליעבער וואהלטהעטער, האָט איהר דאָך אן אייגענע טאָכטער, אויסער דעם איז מיר נאָך ביז יעצט ניט דייטליך גענוג אייער פערהעלטניס צו דער קליינער ליעבער קאטהערינא. קען איך אייך פרעגען וועמעס קינד זיא איז אייגענטליך?

קראָנבערג איז געקומען אין א גרויסע פערלעגענהייט. עס איז געווען צו מערקען אויף זיין געזיכט, אז טיעף אין הארצען ביי איהם קומט פאר א שטורמ־דיגער קאמפּף.

ער האָט א פּאָר מינוטען געשוויעגען, דאן האָט ער אָנגעפאנגען:

— אום אייך אויף אייער פראגע צו ענטפערען, מוז איך אייך א קורצע געשיכטע דערצעהלען: איהר ווייסט דאָך וואהרשיינליך דעם פאקט וואָס איז בעקאנט אין דער גאנצער וועלט, אז קאטהערינא דיא גרויסע האָט איהר טראָכן

גערויבט. איידער דאָס איז געשעהן בין איך געווען דער האָף־באַנקיר פון'ם אונגליקליכען פעטער דעם דריטען. איך רוף איהם דעם אונגליקליכען, ווייל ערשטענס איז ער געווען א סאָרט טרוימער און האָט מיט זיינע קליינע גייסטינע פעהיגקייטען ניט געקענט רעגיערען אזא גרויסע מלוכה. צווייטענס האָט ער געהאט זעהר א שלעכטען פעהלער, פון וועלכען גאָט זאָל אונז אַלעמען בעהיטען. ער איז געווען צופיעל איבערגעגעבען צום טרונק.

„דער גרעסטער אונגליק פאר איהם אָבער איז געווען דאָס וואָס ער האָט בעקומען אזא פרוי וויא קאטהערינא. אן אנדערע, א געטרייע, אן עהרליכע ווייב וואָלט געווים אויף איהם געקענט האָבען אן איינפלוס צו גוטען. איבער זיין ווייבען נאָכגיביגען כאראקטער איז געווען גאנץ לייכט צו רעגיערען. זיא האָט איהם אָבער פון דעם ערשטען מאָמענט אָן פעראַכטעט וויא דעם טויט, און האָט מיט איהר שארפען פערשטאנד נאָך אליין מיטגעהאָלפען ער זאָל וואָס ווייטער אלץ טיעפער זינקען. זיא האָט איהם איינפאך געמאכט פאר א אי־דיאָט, פאר א האלבען משוגענעם.

„אין דער זעלבער צייט האָט זיא דורך איהרע אגענטען און דורך איהרע אנהענגער שטילערהייד פערשפרייט צווישען פאָלק פערשידענע אמת'ע און פאַלשע בעריכטען וועגען איהר מאן, מיט'ן איינציגען צוועק צו געפינען פאר איהר מעהר בעריהמטקייט צווישען פאָלק און אַלעס איז געפיהרט געוואָרען מיט א גוטע אויסרעכנונג צו א געוויסען ציעל.

„וויא געזאָגט בין איך געווען דער הויף באנקיער נאָך דאמאָלס ווען פעטער איז געווען א טהראָן־פאָלגער. מיט'ן גרויסען פערמעגען פון דער פאמיליע ראָ־מאנאָוו, האָב איך געמאכט זעהר גוטע געשעפטען. פון יאָהר צו יאָהר איז מיין רייכטהום פערגרעסערט געוואָרען פון דעם טהייל פראָפיט וואָס מיר איז געקומען. דאָס איבעריגע האָב איך עהרליך און טריי פערשריעבען אין דער קאסע פון דער רעגיערונג.

„נאָך'ן טויט פון דער קייזערין עליזאבעט, ווען פעטער איז געוואָרען צאר, האָט ער מיך געשיקט רופען און האָט מיר געזאָגט:

— אמת, דו ביסט א איד, קראָנבערג, און אידען האָבען אויף זיך א מאסע שונאים, אָבער איך ווייס, אז דו ביסט אן עהרליכער מאן. פערבלייב אויך אויף ווייטער דער פערוואַלטער פון מיין פערמעגען, וועלכעס איך גיב איבער אין גאנצען אין דיין האנד, מיט דער פאַלשטענדיגער האָפנונג, אז דו וועסט אַלעס פיהרען ריכטיג און עהרליך.

„איך בין דאן געווען זעהר גרויס און בעליעבט אין קייזערליכען הויף. עס איז דאמאָלס געווען א פינאנץ־מיניסטער נור פון יוצא וועגען. אין דער ווירקליכ־קייט האָב איך אליין געפיהרט אלע פינאנסען פון רוסלאנד. איך האָב אפילו

ביי'ם קייזער ניט געפרעגט וואס און ווען, ווייל ער האט במילא ניט געוואוסט פון זיין חיות.

"איינמאל, איך געדענק עס וויא היינט, דאס איז געווען אין א פרייטאג אבענד ווען איך בין געקומען פון'ם שוהל און האב זיך געזעצט צום טיש, האט מען מיר געמעלדעט, אז א פערשלייערטע דאמע וויל מיך זעהן. ווען זיא איז אריינגעקומען צו מיר אין קאבינעט און האט אראבגענומען פון זיך דעם שלייער בין איך ערשטוינט און איבערראשט געווארען, דערזעהענדיג פאר זיך דיא קייזערין קאטהערינא.

"ביז יענעם אבענד האט זיא קיינמאל קיין קוק ניט געוואלט טהאן אויף מיר און מיט אמאל האט זיא מיט מיר אנגעפאנגען פיהרען אן אונטערהאלטונג, מיט א ליעבריזבע, זיסע שטימע, ביז זיא איז ענדליך ארויסגעקומען מיט לשון וואס זיא פערלאנגט פון מיר.

— און וואס האט זיא פון אייך פערלאנגט? האט עליזאבעט געפרעגט.

— זיא האט פערלאנגט איך זאל איהר ארויסגעבען דיא מיליאנען וואס דער צאר האט מיר אנגעטרויעט צו פערוואלטען.

— איך וועל עס טהאן מיט'ן גרעסטען פערגעניגען, האב איך געענטפערט, ווען דער קייזער וועט מיר נור שיקען א שריפטליכען בעפעהל דאריבער.

— בין איך דען ניט דיא פרוי פון דיין קייזער? האט זיא געזאגט מיט א בייזען טאן, בין איך דען ניט דיא קייזערין?

— געוויס, מאיעסטעט, זיינט איהר דיא קייזערין, איך קען אייך געבען עהרע וויפיעל אייך קומט, אבער געלד ניט. ווען איהר וואלט מיר געבען געלד צו פערוואלטען און דער צאר זאל קומען נאך דעם וואלט איך דאס איהם אויך ניט געגעבען אהן אייער ערלויבניס, ווען איך זאל אפילו וויסען, אז דאס וועט מיך ברענגען צום טויט.

"קאטהערינא האט אנגעפאנגען צו רעדען דייטליכער. זיא האט מיר געגעבען צו פערשטעהן, אז אין קורצען וועט פארקומען א וויכטיגע ענדערונג אין רוסלאנד און דאן וועט אלעס געהערען נור צו איהר אליין. איך האב באלד פערשטאנען וואס זיא מיינט דערמיט און בין א פערציטערטער געווארען. דאך האב איך איהר ערקלערט, אז קיין געלד קען זיא ביי מיר ניט בעקומען סיידען עס וועט זיין פון פעטער'ן א שריפטליכער בעפעהל.

"און אזוי איז זיא פון מיר אוועקגעגאנגען מיט גאר ניט.

"זיא איז אוועק אלס מיין גרעסטע פיינדין אין לעבען. דאס האב איך געוואוסט. און פון דעם טאג אן האב איך אנגעפאנגען צו ברענגען אלע מיינע געשעפטען אין ארדנונג, האב אויספערקויפט אלע מיינע הייזער, אויפגעלעזט אלע מיינע מסחרים און אבגעצויגען אלע מיינע קאפיטאלען. מיין געלד האב איך

אבגעשיקט אין דיא ענגלישע ביינק גאנץ געהיים, קיינער זאָל דערפון ניט ווי־סען.

"אין דער צייט האָב איך געהאט א קאָנפערענץ מיט'ן צאר און האָב איהם דערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע פון'ם בעזוך וואָס דיא קייזערין האָט מיר אָב־געשטאטעט, וואָס זיא האָט פון מיר פערלאנגט און וואָס איך האָב איהר געענטפערט.

— דו האָסט זעהר בראוו געהאנדעלט, קראָנבערג, האָט דער צאר מיר דארויף געזאָגט, אָבער וואָס דו דענקסט וועגען איהרע רייד איז א נארישקייט. דיא קייזערין וועט זיך ניט וואגען געגען מיט עטוואָס צו טהאָן. זיא ווייסט, אז אלס אויסלענדישע קען זיא ניט רעכנען אויף דער שטיצע פון רוסישען פאָלק. זאָל זיא נור עטוואָס פּרובירען, וועט מען זיא אין שטיקער צורייסען.

"אכט טאָג שפּעטער איז דער צאר געוועזען אראָבגעשליידערט פון זיין טהראָן און ערמאָרדעט. דאן האָט זיך אָנגעפאנגען א שרעקליכע פערפאָלגונג געגען אלע וואָס האָבען געהאלטען מיט איהם און איך בין געוועזען פון דיא ערשטע וואָס האָב דאדורך געליטען. באלד האָט מען ביי מיר אָבגענומען דיא פערוואל־טונג פון'ם קייזערליכען פערמעגען און מען האָט געפונען, אז דיא ביכער און דיא געלדער זיינען אין בעסטען אָרדנונג.

"פון דיא לאנגע יאָהרען פערוואלטונג איז אויסגעקומען אויף מיין טהייל פּראָפיט אכט און פופציג מיליאָן רובעל. דאָך האָב איך זיך אויף'ן יושר פון דער נייער רעגיערונג ניט געוואָלט פערלאָזען און האָב דאָס געלד נאָך פריהער אָבגעשיקט אין דיא ענגלישע ביינק.

"ניט קוקענדיג דארויף וואָס אלעס איז געוועזען אין אָרדנונג האָט מען מיך פון דעסטוועגען ארעסטירט און געהאלטען א לאנגע צייט אין געפענגנים. דאָך האָב איך אלעס אריבערגעטראָגען געדולדיג מיט דער האָפנונג, אז שליסליך וועט מען מיך פריי־לאָזען און דאן בין איך א רייכער מאן, רייכער וויא יעדער קעניג און מיט וויינינגער זאָרג אויף'ן קאָפּ.

"ווען מען האָט מיך ענדליך פריי־געלאָזען און איך בין צוריק אין מיין הויז געקומען, האָב איך ערפאהרען, אז אין מיין אבוועזענהייט האָט מען ביי מיר אוועקגערויבט דאָס טהייערסטע, דאָס הייליגסטע וואָס איך האָב אויף דער וועלט פערמאָגט. זיי האָבען ביי מיר גערויבט מיין טאָכטער, מיין איינציגע קינד, וועלכע איך האָב פערגעטערט און וועלכע איז געוועזען מיין גאנצע נשמה.

— איהר דאַרפט וויסען, עליזאבעט, האָט דער אלטער פאָרטגעזעצט מיט א שווערען זיפץ, אז מיין פרוי איז געשטאָרבען אין קינדבעט ביי'ם געבורט פון דיעזע טאָכטער. מיין פרוי האָב איך געליעבט בעסער וויא מיין לעבען. איך קען זיא נאָר קיינמאָל ניט פערגעסען. אח, וויא שעהן און וויא גוט זיא איז

געוועז! דיא איינציגע טרייסט וואס מיר איז נאך איהר טויט געבליעבען איז געוועזן דאס קינד וואס איז געוועזן פאלקאמען עהנליך צו איהר.

"יעצט שטעלט זיך פאר מיין לאגע, ווען דיא קריסטען זיינען געקומען און האבען מיין קינד פערפיהרט אין א קלויסטער! דארט האבען זיי זיא געלערענט זיא זאל האסען און פעראכטען דיא אידען, זיא זאל זיך צלמ'ען און בוקען צו א געשניצטען אדער צו א געמאלטען יעזוס און אויף אזא אופן האבען זיי איהר הארץ אוועקגעקעהרט פון איהר פאטער, פון איהר פאלק און פון איהר רעליגיאן. נאכהער האט זיא חתונה געהאט מיט א קריסט און פון דער איינפאכער אלגא קראנבערג איז געווארען גרעפין אלגא דאשקאוו, דיא מעכטיגע פרוי ביי קאטהערינא'ן אין הויף.

"איך האב געוואהנט אין א האלב איינגעפאלענע הייזעל און האב געשפיעלט א ראלע פון אן ארימאן. איך בין געגאנגען קויפען און פערקויפען אלטע קליידער, אום מען זאל ניט וויסען פון מיין רייכטהום. אפט בין איך פערבייגעגאנגען גאנץ נאהענט נעבען אפענעם עקיפאזש וואו מיין טאכטער איז געזעסען אנגעלעהנט אויף טהייערע זיידענע קישענס, צוויי רייטער זיינען געלאפען פאראויס און צוויי לאקייען הינטען, דיא רעדער האבען דעם ארימען אידען בעשפריצט מיט בלאטע, זיא האט מיך גוט געזעהען און האט זיך ניט וויסענדיג געמאכט, זיא האט פערדרעהט איהר קאפ, זיא זאל אויף איהר אונגליקליכען פאטער אפילו קיין קוק ניט קענען טהאן.

"איך פלעג זיך דאן פערשלעפען ערגיץ אין א ווינקעלע און זיך אויסוויינען מיט ביטערע טהרערען. און איך האב ענדליך בעשלאסען פון איהר ראכע צו נעהמען — א שרעקליכע ראכע, זיא זאל גאר ניט וויסען פון וואנען דאס איז אויף איהר געקומען. איך האב איהר קינד אוועקגערויבט און איהר לעבען רואינירט. דיא קליינע קאטהערינא איז איהר קינד, א קינד וואס איז געבארען דורך זינד, דאס קינד איז פון א געליעבטען, און מיין ראכע איז געווען פאלשטענדיג. זיא איז דערנאך פערוויקעלט געווארען אין א פערשווערונג וואס איהר געליעבטער האט געפיהרט געגען דער קייזערין. איהר שאנדע איז עפענטליך אויפגעדעקט געווארען און זיא איז דאן געפאלען אין אונגנאדע ביי דער קייזערין. דיא שטאלצע גרעפין אלגא דאשקאוו איז יעצט ניט מעהר וויא א ניעדעריגע דיענסט ביי איהר אלטען טיראנישען מאן און איך בעט ביי גאט, אז דיעזער אלטער טיראן זאל נאך לאנג לעבען און זאל זיא מאטערען און פייניגען, זיא זאל פיהלען דעם זעלבען טעם וויא איך פלעג פיהלען, ווען זיא האט פון מיר איהר קאפ אוועקגעקעהרט!

עליזאבעט איז ביי דיעזע ווערטער אויפגעשפרונגען און איז א פערציטערטע געווארען.

— אונגלויביגער מאן! האט זיא אויסגערופען, וויא האט איהר געקענט

אייער אייגענע בלוט און פלייש אזוי ווייט פערפאלגען? איך האב אלזא אין אייך א גרויסען טעות געהאט. איך האב געמיינט, אז אייער הארץ איז בריליאנט, צום סוף הער איך פון אייך אליין אזעלכע גרויזאמע ווערטער. אייער טאכטער האט געזינדיגט אויס ליעבע, איהר האט אבער געזינדיגט אויס האס און אויס ראכע. ווער פון אייך איז אלזא א גרעסערער פערברעכער?

— וויא קענט איהר פערשטעהן מיין הארץ, עליזאבעט? איהר ווייסט ניט, איהר פיהלט ניט, איהר קענט עס ניט פיהלען. טויפען זיך הייסט איבער־געהן צום שונא אין לאגער — אבער איך וויל דאפון מיט אייך ניט רעדען, איך וויל אייערע געפיהלען ניט אנריהרען, ווייל איהר זיינט א קריסטין. אלעס וואס איך וויל אייך זאגען איז: דיא אורזאכע ווארום איך האב פון איהר דאס קינד אוועקגערויבט איז ווייל איך האב ניט געוואלט, אז מיין אייניקעל זאל זיך ערציהען ביי אן אונמאראלישע מוטער, זיא זאל אויסוואקסען אזוי פערדארבען וויא דיא מאמע. איך האב געוואלט פון איהר מאכען אן עהרליכע אידישע טאכטער.

— מיינט איהר, אז נור א אידישע טאכטער קען זיין אן עהרליכע? אמת, דיא ערציהונג פון אן אונמאראלישע מוטער קען האבען א שלעכטען איינפלוס אויף א קינד, און איהר האט נור דערפאר אליין רעכט געהאט צו בעזארגען דיא צוקונפט פון אייער אייניקעל, אבער אייער טאכטער איז שוין גענוג אבגעקומען און איך בין זיכער, אז איהרע צרות איז זיא שוין אבגעקומען, יעצט איז זיא גאר אן אנדער מענש געווארען. איך בעט אייך, הערר קראנבערג, מיין ליעבער וואהלטהעטער, גיט מיר אייער ווארט, אז איהר וועט אנווענדען אלע אייערע מעגליכקייטען אייער טאכטער אויפצוזוכען און איהר ווידער ציינען אייער פאטערליכע גוטע הארץ.

נאכדעם וויא קראנבערג האט זיך גוט אויסגעוויינט און עליזאבעט האט געוויינט אויף איהם קוקענדיג, האט ער איהר געגעבען זיין ווארט, אז ער וועט אלגא'ן צוריק אלס קינד אויפנעהמען, ווען זיא וועט עס נור פון איהם פערלאנגען.

דאן האבען זייביידע אבגעשמועסט זיך פערטיג צו מאכען פיר א לאנגע רייזע

20טער קאפיטעל
פוגאטשעוו זיעגט.

דיא לאגע אין ארענבורג איז געווארען זעהר שלעכט. פוגאטשעוו און זיינע ווילדע באנדעס האבען דיא פעסטונג פון אלע זייטען אזוי וויא היישעריקען בעפאלען. אלע בליהענדע פעלדער ארום זיינען פערוואנדעלט געווארען אין א וויסטעניש. פון דיא שעהנע הייזער זיינען געבליעבען חורבות. דיא קאזאקען האבען גערויבט און גע'גזל'ט, געפרעסען און גע'שיכורט, און האבען געמאכט א חורבן איבעראל וואו זיי האבען א פוס געשטעלט.

אין פעסטונג זעלבסט זיינען פֿאָרגעקומען שרעקליכע צרות. זייט אכט טאָג האָבען דיא סאָלדאטען זיך געמוזט פערטהיידיגען געגען א געוואלטיגען שטורם. פון דיא רעבעלען און דיא סאָלדאטען זיינען מאסען נפשות אומגעקומען. קניאז דאשקאָוו האָט זיך גאָר ניט געקימערט וועגען דער פיהרונג פון זיינע סאָל־דאטען און זיי וואָלטען שוין לאנג זייער מוטה געווען פערלאָרען, ווען ניט דער בראווער פאָלקאָווניק גאלינסקי, וועלכער איז טאָג און נאכט געשטאנען ביי זיין פאָסטען און האָט געארבייט מיט דער גאל דיא סאָלדאטען צו האלטען מוטהיג אין קאמפף.

פון טאָג צו טאָג זיינען דיא פאָרציעס עסען אלץ קלענער און קלענער געוואָ־רען און דער אלטער טיראן דאשקאָוו האָט אויף קיין זאך ניט געקוקט. ער האָט געפרעסען דיא בעסטע מאכלים און געטרונקען דיא טהייערסטע וויינען. אלעס האָט ער בעהאלטען פאר זיך און האָט אפילו ניט געדענקט, אז באלד וועלען דיא סאָלדאטען אין גאנצען ניט האָבען וואָס צו עסען און וועלען איינפאך מוזען אויסשטארבען פון הונגער.

נאָך פיעל ערגער זיינען בעהאנדעלט געוואָרען דיא בירגער פון אָרענבורג, וואָס האָבען זיך בעהאלטען אין פעסטונג, אום דאָרט שוץ און זיכערהייט צו געפינען. קניאז דאשקאָוו האָט געגעבען א בעפעהל, אז זיי זאָל מען געבען פון דיא ערגסטע שפייזען, וואָס מען פלעגט זאָנסט ארויסווארפען. פערשימעלטע ברויט, פערפוילטע פלייש, פערשטונקענע וואסער, דאמיט האָבען דיא אונגליק־ליכע געמוזט אָבקומען.

ווען דער בירגערמייסטער פון אָרענבורג האָט זיך ענדליך געווענדעט צו דאשקאָוו׳ען מיט א בקשה וועגען בעסערע שפייז איז דער אלטער טיראן ארויפ־געפאלען אויף איהם מיט א שרעקליכע זידלעריי:

— ווער האָט דען געבעטען אייערע שנאָרערישע בירגער זיי זאָלען קומען צו מיר אין פעסטונג?

— וואָס הייסט ווער? זיי זאָלען געווען בלייבען אין שטאָדט וואָלט מען דאָך זיי שוין לאנג געווען אלע אויסגעקוילעט.

— קיין גרעסערע זאָרג וואָלט איך ניט געהאט, האָט דאשקאָוו געשריען. מיין לעבען איז ביי מיר טהייערער, וויא דיא לעבענס פון אייערע שנאָרערס.

— אָבער אום גאָטעס ווילען, האָט דער בירגערמייסטער געשטאמעלט און האָט אזש געציטערט פון אויפרעגונג. מיר וואָלטען דאָך פיעלייכט אלע געקענט גערעטעט ווערען, ווען איהר זאָלט פאָלגען דעם ראטה פון הויפטמאן גאלינסקי און ערלויבען דיא סאָלדאטען ארויסצוגעהן פון פעסטונג און פיהרען אן אָפענעם קאמפף מיט דיא רעבעלען. אזוי לאנג וויא מיר בלייבען דאָ איינגעשלאָסען מוז אונזער לאגע ווערען אימער ערגער און ערגער. אונזערע סאָלדאטען ווערען וואָס

ווייטער אליץ מעהר אָבגעשוואכט און שפּעטער וועט עס שוין זיין צו שפּעט דעם לעצטען שריט צו מאכען און געגען פיינד זיך צו שטעלען.

— שווייגט, באנדיט! האָט דער אלטער דאשקאָוו געדונערט און גע־טופּעט מיט דיא פיס, איהר זאָלט זיך ניט וואגען אין מיינע אנגעלעגענהייטען זיך אריינצומישען. איך בין דער הערשער פון אָרענבורג, אָבער ניט איהר און ניט גאלינסקי. ווען איהר וועט זיך נאָך איינמאָל איינשטעלען מיך מיט אייערע עצות צו בעלעסטיגען אָדער מיט אייערע קלאגען צו מיר קומען וועל איך אייך הייסען שמיעדען אין קייטען. איהר הערט וואָס איך רעד צו אייך, בירגער־מייסטער!?

— איך הער, האָט דער בירגערמייסטער געענטפערט. יעצט וויים איך, אז מיר זיינען אלע פערארורטהיילט צום שטארבען וויא פייגלינגע, אלע, אָט וויפיעל מיר זיינען דאָ פאראן אין פעסטונג.

דאמיט איז ער אוועקגעגאנגען און האָט ערקלערט דיא בירגער דעם גאנצען געשפּרעך וואָס ער האָט געהאט מיט קניאז דאשקאָוו. דיא לייטע זיינען שרעקליך אויפגערעגט געוואָרען, און איינער פון זיי האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט פאָל־גענדע רעדע געהאלטען:

"זאָלען מיר דאָ מיט אונזערע פרויען און קינדער פערהונגערן, אָדער זאָלען מיר דאָ ווארטען ביז דיא געפעהרליכע פעסט, דיא כאָלערע וועט אויסברעכען? מען ערגעהרט דאָך אונז דאָ ערגער וויא דיא הינד, טראָץ דעם וואָס מיר פערגי־סען אונזער בלוט אין קאמפּף פאר אונזער קייזערין. זאָל קניאז דאשקאָוו ניט פערגעסען, אז אונזער צאָהל איז גרויס גענוג. זאָל ער זיך מיט אונזערע געפיה־לען ניט שפּיעלען!

אין דיא אויגען פון אלע פרויען און מענער איז געווען גלייך צו זעהן, אז דער אלטער דאָשקאָוו שפּיעלט זיך דאָ מיט פייער.

דער בירגער־מייסטער האָט פּרובירט דעם שטורם איינצוהאלטען, אָבער מיט האלבע ווערטער, ווייל ער אליין איז אויך געווען שרעקליך אויפגערעגט געגען דאשקאָוו'ס טיראנישע האנדלונג. שוין ניט רעדענדיג וועגען דיא עקעל־האפטע שפּייזען, האָט זיי דאשקאָוו זאָגאר ניט געגעבען א ריכטיגען ווינקעל וואו זיך אהינצוטהאָן, טראָץ דעם וואָס אין פעסטונג זיינען דאָ מאסען ליידיגע צימערען. דיא בירגער האָבען געבעטען מען זאָל זיי ערלויבען וועניגסטענס דיא קאָרידאָרען, אָבער דאשקאָוו האָט געהייסען מען זאָל זיי געבען פּלעצער נור אין דיא שמוציגע קעלערען אָדער אויף'ן הויף אונטער'ן פרייען הימעל.

דיא מעהרסטע בירגער האָבען זיך בעסער בעשלאָסען צו וואלגערן אויף'ן הויף איידער אין דיא פינסטערע קעלערען, אם וועניגסטען האָבען זיי דאָ געהאט פרישע לופט און אויף'ן הויף זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען גרויסע ליינווענ־טענע געצעלטען, אין וועלכע עס האָבען זיך געוואלגערט מענער, פרויען און

קינדער, צוזאמענגעפרעסט געדיכט וויא דיא הערינג. דאָרט פלעגען זיי פריערען פון קעלט און דורכגעווייקט ווערען פון רעגען. דאצו נאָך דער שרעקליכער שמוץ פון ענגשאפט, פון דיא פערד און בהמות וואָס זיינען געשטאנען צווישען דיא געצעלטען און דער שרעק ווען קוילען האָבען גענומען פליהען אין דיעזען הקדש — דאָס אלעס האָט געבראכט דיא אונגליקליכע אין דער גרעסטער פערצווייפלונג.

און נאָך שווארצער און שרעקליכער האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט דיא צוקונפט. זיי האָבען געהערט, אז באלד וועלען דיא רעבעלען קומען מיט קאנאָנען וואָס זיי האָבען פערכאפט אויף׳ן וועג פון דיא קלענערע פעסטונגען, און דאן ווען זיי זאָלען אָנפאנגען באָמבארדירען דיעזע פעסטונג זיינען אלע וואָס געפינען זיך דאָ פערלאָרען. איבערהויפט זיינען געשטאנען אין גרעסטען געפאהר דיא בירגער פון אָרענבורג, ווייל דער קאָמאנדאנט דאשקאָוו האָט נאָך ביז יעצט זיי ניט ערלויבט זיך צו בעהאלטען אין דיא אינערליכע געביידען פון דער ציטאדעלע, וואו זיי וואָלטען אם ווענינגסטען געווען געשיצט פון דיא קוילען וואָס פוגאטשעוו וועט אריינשיסען. דיא אונגליקליכע זיינען נאָך אלץ געלעגען צוזאמענגעדריקט אין דעם אָפענעם פאָרהויף און האָבען געציטערט, אז אָט פאנגט זיך אָן דיא ערשטע באָמבארדירונג און זיי זיינען פערלאָרען, זיי וועלען דיא ערשטע פאלען אין שלאכט.

דאָס אלעס האָט דער גאָלאָווא (בירגערמייסטער) בערעכענט און פול מיט ערגערנים און פערצווייפלונג איז ער געגאנגען צום טהורם פון דער ציטאדעלע אום ער זאָל קענען גאנץ הויך מיט זיינע טעלעסקאָפּ גלעזער בעטראכטען יערע בעוועגונג אין דעם רעבעלען לאגער. דער בירגערמייסטער האָט געוואוסט, אז דאָרט אין דער הויך וועט ער אויך געפינען דעם מאן וואָס שטעהט אויף זיין פּאָסטען טאָג און נאכט און זאָרגט פאר דער זיכערהייט פון דער פעסטונג און ער וועט זיך מיט איהם דורכרעדען, מען זאָל דאָך זעהן עפּעס אן עצה אין אזא פערצווייפעלטען מאָמענט.

ווען דער בירגערמייסטער איז אריינגעקומען אין טהורם, האָט ער געזעהן וויא גאלינסקי מיט מעהרערע אָפיציערען בעטראכטען פוגאטשעוו׳ס לאגער, און דער הויפטמאן האָט זיך צו זיי געווענדעט מיט אן ערנסטע בלאסע געזיכט:

— מיינע קאמעראדען, וויא איהר זעהט איז דער מאָמענט פון דער גרעסטער געפאהר געקומען, פון פוגאטשעוו׳ס לאגער פיהרט מען יעצט אהער א גרויסען הארמאט און באלד וועט זיך אָנפאנגען דיא באָמבארדירונג. אונזערע קאנאָנען קענען פיר קיין פאל ניט דערגרייכען דעם פיינדליכען לאגער און דאָס איינציגע וואָס מיר מוזען טהאָן איז צו שיסען אויף יענעם פונקט וואו זיי ווילען זייערע קאנאָנען אויפשטעלען. צוערשט אָבער איז נויטווענדיג צו ברענ־

נען אין זיכערהייט דיא בירגער, וועלכע געפינען זיך נאך אין אפענעם פאר־הויף, וואו זייער לעבען איז אין יעדען מאמענט אין גרויס געפאהר.

— אבער ווארום זאלען מיר ניט ארויס אין גאנצען פון פעסטונג? האט איינער פון דיא אפיציערען אויסגערופען שרעקליך אויפגערעגט, ווארום זאלען מיר ניט ארויס אין אן אפענעם קאמפף, דעם פיינד אויף׳ן שלאכטפעלד אפען צו בעקעמפפען? מיר האבען אן ארמעע פון איינינע טויזענד מאן טיכטיגע סאלדאטען, וועהרענד יענע ווילדע באנדעס, טראץ דעם וואס זיי זיינען גרויס אין צאהל, זיינען אבער ניט געלערנט צום קריעג און האבען זאגאר קיין ריכטיגע וואפען ניט. ווארום זאלען מיר זיך לאזען פון זיי האלטען איינגעשפארט אין פעסטונג און לאנגזאם אויסגעמאטערט ווערען פון הונגער און נויט, ווארום?

— יא, דאס איז דער איינציגער וועג, צום קאמפף! האבען אלע אנדערע אפיציערען אויסגערופען, דאס איז דער איינציגער מיטעל וואס קען אונז העלפען.

— מיינע פריינדע, האט גאלינסקי ווידער אנגעפאנגען מיט א טרויעריגען טאן, איך אליין האב שוין וועגען דעם גענוג געטראכט, איך האב שוין איינינע מאל געזאגט דעם קאמענדאנט אונזערען, אבער ער וויל דערפון ניט הערען און ניט וויסען. ער האפט נאך אלץ אויף דער הילפע וואס וועט אנקומען פון פעטערבורג, כאטש ער וויסט גאנץ גוט, אז דאס מוז נאך געדויערען אם ווענינסטענס אכט טאג און ביז דאן מוזען מיר דעם לעצטען ביסען ברויט פערצעהרען.

— דאן יאגט ארויס אייער קניאז צום טייפעל! האט דער בירגערמייסטער אויסגערופען זעהר אויפגערעגט, אדער זעצט איהם אריין אין א משוגעים־הויז. ער איז איינפאך משוגע געווארען פון דער ערשטער מינוט אן וואס דיא בעלאגערונג האט זיך אנגעפאנגען. ביי׳ם ערשטען מאמענט האט ער זיך ארויסגעצייגט אלס אונפעהיגער קאמאנדאנט און אלס א פייגלינג, וואס איז ניט אים שטאנד צו בעשיצען דיא פעסטונג, וועלכע דיא קייזערין האט איהם אנפערטרויט. מיר האבען גענוג געליטען פון זיין שענדליכע טיראנייע, און יעצט שטעהט אונזער לעבען אין געפאהר. אין דעם נאמען פון דיא טויזענדע אונגליקליכע בירגער וועלכע איך פערטרעט, פאדער איך, אז מען זאל דעם קאמאנדאנט פון זיין אמט אראבזעצען, און צו גלייכער צייט פרעג איך אייך, הויפטמאן גאלינסקי, ווילט איהר איבערנעהמען דיא קאמאנדע פון דער פעסטונג?

— יא, הויפטמאן גאלינסקי זאל זיין אונזער קאמאנדיר! האבען דיא אפיציערען איינשטימיג אויסגערופען. עס לעבע אונזער נייער קאמאנדאנט!

— שווייגט! האט גאלינסקי אויסגעשריען מיט פערדרוס, איהר מוזט ניט פערגעסען אז אייער יעצטיגער בעשלוס איז גראדע וויא א בונט, וויא

א פערשווערונג. אמת, אייער האנדלונג איז עהרליך, איהר ווילט רעטען טויזענדע מענער, פרויען און קינדער וואס זייער גאנצע האפנונג איז נור אויף אונז, אבער, קאמעראדען, מיר זיינען סאלדאטען און אונזער הייליגע פפליכט איז דיא מיליטערישע דיסציפלין צו היטען. קניאז דאשקאוו איז געשיקט געווארען אלס קאמאנדאנט אויף'ן בעפעהל פון דער קייזערין, און נור איהר מאיעסטעטישער ווילען קען איהם אראבזעצען. ביז דאן מוזען מיר אלס געטרייע סאלדאטען בלייבען טריי און געהארכזאם צו אונזער אבער־אפיציער. און אייך, בירגערמייסטער פון ארענבורג, קען איך נור דאס פערשפרעכען אז מיט אלע מיינע מעגליכקייטען וועל איך זוכען דיא לאגע פון אייערע בירגער צו פערבעסערען און זייער לעבען צו בעשיצען —

א יונגער אפיציער וואס איז געבליבען אויף'ן טהורם איז יעצט מיט אמאל אראבגעלאפען א פערציטערטער און האט אויסגערופען:

— דיא קאנאנע קומט אימער נעהענטער, דיא רעבעלען וועלען געוויס באלד אנפאנגען שיסען.

אויף גאלינסקי'ס בעפעהל האט מען גלייך אנגעפאנגען צו פייערען פון דיא פעסטונג־קאנאנען, איינינע פון דיא קאזאקען זיינען געפאלען, אבער זייער צאהל איז געווען צו גרויס און עס האט זיי דאך געלונגען זייער גרויסע קאנאנע אויסצושטעלען אין א פאזיציאן.

אין דעם זעלבען מאמענט האט דער הארמאט אויסגעשאסען. א ריעזען באמבע האט אויסגעקראכט און איז אריין אין פארהויף אין רעכטען מיטען פון דיא געצעלטען. דיא לופט איז פערהילכט געווארען מיט יאמער און געשריי. דער בירגערמייסטער, גאלינסקי און דיא אפיציערען זיינען אראבגעלאפען אין הויף און דארטען האבען זיי דערזעהן א סצענע, נאך פיעל שרעקליכער וויא זיי האבען זיך פארגעשטעלט. צוואנציג פערזאן זיינען געטויטעט געווארען און מעהר וויא פיערציג האבען שווערע וואונדען בעקומען, איינעם האט עס אבגעריסען א פוס, א צווייטען א האנד, א דריטען אן אויג ארויסגעזעצט און אזוי ווייטער. דיא געצעלטען זיינען כמעט אלע אין שטיקער צוריסען געווארען און דער שאדען אין אלגעמיין איז געווען זעהר גרויס.

אין גאנצען פארהויף האט געהערשט דער שרעק פון טויט. דיא אונגליקליכע בירגער, ווען זיי האבען דערזעהן גאלינסקי'ן זיינען זיי איהם צו דיא פיס געפאלען און טויזענדער יאמער־שטימען האבען ביי איהם געבעטען ער זאל עפענען פאר זיי דיא טהויערען פון דער אינערליכער פעסטונג, דיא באמבעס זאלען צו זיי ניט קענען צוקומען.

אין דיעזען אויגענבליק איז א צווייטע באמבע אריינגעפלויגען. אבער צום גליק איז זיא אריין אין א באסיין פול מיט וואסער און האט דאריבער ניט געקענט עקספלאדירען. יעצט האבען שוין דיא פערצווייפעלטע בירגער אויפ־

געהערט צו בעטען, מיט אויפגערעגטע קולות האָבען זיי מיט העק און שטיקער אייזענס בעפאלען דיא אינערליכע טויערען און האָבען אָנגעפאנגען זיי אויפצו־ברעכען מיט געוואלד.

— ניט מיר נור איינינע מינוטען צייט, האָט גאלינסקי אויסגערופען מיט א הויכע שטימע אלע זאָלען הערען. איך געה שוין צו קניאז דאשקאָוו און וועל איהם נאָך אמאָל אלעס ערקלערען. ער וועט אייך געוויס יעצט ערלויבען זיך צו בעשיצען אין דער אינערליכער פעסטונג. האָט קיין מורא ניט פאר דער באָמבארדירונג. דיא נעכסטע קויל קען קומען ניט פריהער וויא אין א פיערטעל שטונדע ארום און ביז דאמאָלס וועט אלעס זיין ענטשיעדען.

גאלינסקי האָט גענומען מיט זיך דעם בירגערמייסטער און ביידע זיינען אוועק צו דאשקאָוו'ען. אריינגעקומען אין זיין צימער האָבען זיי געפונען וויא דער אלטער זינדער איז געזעסען מיט צוויי יונגע, שעהנע שקלאפינען און האָט מיט זיי געשפּיעלט אין קאָרטען.

— איין אויגענבליק, מיינע הערען, האָט ער זיך אָנגערופען, ווען ער האָט דערזעהן דיא אריינקומענדע, ער האָט זאָגאר דיא קאָרטען פון דיא הענד ניט אוועקגעלייגט. איך האָב פיער טרומפען און באלד וועל איך דיא גיים געווינען.

— ניין, מיט אזא פיהרונג וועט איהר אלעס פערלירען, האָט גאלינסקי אויסגערופען מיט א ברענענדען כעס און האָט אויסגעריסען דיא קאָרטען פון'ם אלטען'ם האנד. איך זאָג אייך, הערר קאָמאנדאנט, אז איהר וועט זאָגאר אייער לעבען פערלירען ווען איהר וועט מיך באלד ניט אויסהערען.

— וואָס איז שוין ווידער? האָט דאשקאָוו געפרעגט מיט פערדרוס. א מינוט לאָזט מען מיך ניט רוהען. צום טייפעל זאָל געהן פוגאטשעוו מיט זיין גאנצער באנדע.

— האָט איהר געהערט דעם קאנאָנען־קראך? פוגאטשעוו פאנגט אָן צו באָמבארדירען דיא פעסטונג.

— זאָל ער ברעכען דעם קאָפּ, דער פעסטונג קען ער גאר ניט שאדען. איבערהויפּט צו מיינע צימערען קענען זיינע קוילען ניט צוקומען. איך אליין בין פאָלשטענדיג זיכער.

ווען גאלינסקי האָט דערהערט דיזע שענדליכע ווערטער פון'ם אלטען אי־דיאָט איז ער א צוקאָכטער געוואָרען פון כעס. פון דעסטוועגען האָט ער אלע קרעפטען אָנגעווענדעט זיך צו צייגען רוהיג.

— הערר קאָמאנדאנט, האָט ער געזאָגט, איהר האָט ביז יעצט ניט ער־לויבט דיא בירגער אריינצולאָזען אין דער אינערליכער פעסטונג. דיא אונגליק־ליכע געפינען זיך נאָך אימער אין אָפענעם פארהויף.

— וועמען ארט עס? פיעלייכט ווילט איהר איך זאָל דיזע שמוציגע געזינדעל איינקווארטירען אין מיין שלאָף־צימער? איך זאָג אייך איינמאָל פאר

אלע מאָל, הערר גאַלינסקי, איהר זאָלט מעהר ניט קומען צו מיר מיט אייערע רחמנות שטיק.

גאַלינסקי'ן האָט שיער דיא גאַל ניט געפּלאַצט, אָבער ער האָט זיך אַלץ געהאַלטען רוהיג.

— אָבער דיא באָמבעס האָבען שוין א בלוט באַד געמאכט צווישען דיא אונגליקליכע בירגער. מעהר וויא זעבציג נפשות זיינען שוין טויט און פערוואונדעט. איך וועל אייך גאָר ניט פרעגען און וועל הייסען עפענען דיא אינערליכע טויערען.

אנשטאָט אן אנטוואָרט האָט דאשקאָוו אָנגעקלונגען און ווען דער דעזשורני אָפיציער איז אריינגעקומען אין פּאַרזאַל, האָט דער אַלטער זינדער אויסגערופען:

— דיא אינערליכע טויערען פון פעסטונג מוזען זיין געשלאָסען, ווען יעמאנד וועט זיך וואגען מיט געוואלד אריינצוקומען זאָל מען אויף זיי שיסען פון דיא פעסטונג־קאַנאָנען!

— גאָט אין הימעל! האָט דער בירגערמייסטער אויסגעשריען, דאָס זיינט איהר דער מאַן וועלכער איז פערפּפליכטעט אונז צו שיצען? ניין, דאָס איז ניט קיין מענש, ס'איז א טייפעל!

און אויפגערעגט אין דער העכסטער שטופע פון צאָרן איז ער ארויסגעלאָפען פון צימער אין נעבסטען זאאַל, איז ארויס אויף'ן באַלקאָן און האָט מיט א הויכע קלינגענדע שטימע אויסגערופען צו דיא לייטע וואָס זיינען אונטען געשטאנען פערזאמעלט:

— ברידער, בירגער פון אָרענבורג, ביז יעצט האָב איך אייך געראטהען זיך צו האַלטען רוהיג, אָבער יעצט היים איך אייך איהר זאָלט זיך אליין העלפען. העלפט זיך וויא איהר קענט. דער מאַן וואָס דאַרף פאַר אייך זאָרגען און אייך שיצען האָט נור וואָס געהייסען מען זאָל אויף אייך שיסען פון דיא פעסטונג־קאַנאָנען. טהוט וואָס איהר קענט!

אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט זיך אָנגעפאנגען א שרעקליכער געטומעל, טויזענדע אויפגערעגטע מענער און פרויען האָבען גענומען ברעכען דיא טויערען מיט העק און מיט אייזענס.

איינינע אָפיציערען האָבען אריינגעשטורעמט אין א ווילדע אויפרעגונג און דער עלטערער פון זיי האָט זיך געשטעלט געזיכט צו געזיכט מיט דאשקאָוו'ען און האָט ביי איהם געפרעגט:

— איז דאָס אמת, קאָמאנדאנט, אז איהר הייסט שיסען אויף דיא בירגער?

— גאַנץ געוויס, האָט דער אַלטער באנדיט געשטאמעלט. מיינע הערען, בערעכענט נור גוט, ווען דיעזע אַלע שלעפּערס זאָלען אריינקריכען אין פעסטונג, וועלען מיר דאָך בלייבען אָהן א שטיקעל ברויט און אָהן א טראָפּען וואסער. איך האָב געזאָרגט נור פאַר אייער בעקוועמליכקייט —

— און דאריבער הייסט איהר שיסען אויף'ן רוסישען פאלק, אויף נעטרייע בירגער? מיין הערר, איהר זיינט א פעררעטהער!

— ארעטירט איהם! האט דאשקאוו געקווישעט, שלעפט איהם אין גע־פענגנים, זאל מען איהם שטעלען פאר א קריעגס־געריכט. ער האט בעליידיגט זיין קאמאנדאנט און דאפיר מוז ער מיט טויט בעשטראפט ווערען.

— דאן ארעטירט אונז אלעמען! האבען דיא אנדערע אפיציערען אויסגע־רופען. מיר אלע זאגען אייך אויך גאנץ אפען, אז איהר זיינט א ניעדעריגער, געמיינער פיינלינג, אן אונמענש, א פעררעטהער!

אין דיעזען אויגענבליק האט זיך דערהערט א געוואלטיגער קראך. דער מיטעלסטער אינערליכער טויער איז אויסגעבראכען געווארען און וויא שטורעמ־דינע כוואליעס פון מעער זיינען דיא לייטע אריין אין פעסטונג און אלע האבען זיך גלייך א לאז געטהאן נאך דיא עלעגאנטע צימערען פון'ם קניאז דאשקאוו.

— מיינע הערען, האט גאלינסקי אויסגערופען, אונזער פפליכט איז יעצט דעם קאמאנדאנט צו שיצען. אמת, ער איז ווערטה מיר זאלען איהם אלע פער־דאמען און פערהאסען — אבער מיר דארפען ניט דערלאזען ער זאל ערמארדעט ווערען.

דאביי האט גאלינסקי ארויסגעצויגען זיין שווערד, וועהרענד דאשקאוו האט געציטערט וויא א לולב.

גאלינסקי'ס ווערטער האבען אבער ניט געווירקט, דיא אפיציערען האבען זיך פון ארט ניט געריהרט.

— איהר טרייבט אייער פפליכט צו וויט, האט דער עלטערער אפיציער געזאגט, נעהמט זיך ניט אן פאר אזא באנדיט. זאלען זיי איהם אין שטיקער צורייסען. ער האט עס פאלשטענדיג פערדיענט.

אין דעם זעלבען מאמענט זיינען אויפגעריסען געווארען אלע טיהרען און א מאסע ווילד אויפגערעגטע געשטאלטען, מענער, פרויען און קינדער זיינען אריינגעלאפען. דאס גאנצע צימער איז געווארען פול געפאקט. יעדער איז געוועזען צוקאכט פון ראכע און פערצווייפלונג און כמעט אלע זיינען געוועזען בע־וואפענט מיט העק, מעסערס און שטיקער האלץ.

— וואו איז ער, דער באנדיט? האט דיא אויפגערעגטע מאסע געשריען. ענדליך איז געקומען דיא צייט זיך מיט איהם אבצורעכענען פיר אלע זיינע טיראנייען.

— ער האט אונז און אונזערע קליינע קינדער געפייניגט מיט הונגער, האט־בען דיא פרויען געשריען און יעצט הייסט ער אונז נאך דערשיסען. נידער מיט דעם טיראן!

און דיא מענגע האט זיך געשטופט וויא אן אונגעהייער רוישענדע כוואליע צו יענעם ווינקעל פון צימער וואו דאשקאוו איז געשטאנען היכטער'ן הויפטמאן

גאלינסקי ציטערנדיג מיט אלע גליעדער. דיא אויסגעלאסענע שקלאפינען, מיט וועלכע ער האט זיך אונטערהאלטען, זיינען שוין לאנג ארויסגעלאפען פון צימער.

— צוריק, לייטע! געהט צוריק! האט גאלינסקי גערונערט און האט דאביי זיין שווערד אויפגעהויבען אין דער הויך. צוריק, זאג איך אייך, בעגעהט ניט קיין מארד. איהר האט קיין רעכט ניט צו פערגיסען בלוט.

— אָבער ער האט אונז גענוג בלוט אויסגעצאפט, דיעזער טיראן, האבען איינינע שטימען געשריען, מיר ווילען איהם ארויסשליידערען דורך׳ן פענסטער. טויט דעם נידערטרעכטיגען באנדיט!

— רוהע, פריינדע! האבען אנדערע עטוואס רוהיגערע לייטע געשריען. לאזט גאלינסקי׳ן רעדען. ער איז אימער געווען אונזער פריינד און ער וועט אונז געווים ראטהען נור צו גוטעס.

— יא, מיינע הערען, האט גאלינסקי געשריען אום אלע זאלען איהם הערען. איך מיין נור גוטעס. בעטראכט זיך, אז דיעזער מאן איז געשיקט צו אונז אלס קאמאנדאנט פון דער קייזערין דירעקט. איהר מאיעסטעט האט איהם געשיקט ער זאל אונז בעשיצען —

— און ער איז אנשטאט דעם געווען אונזער מערדער! האבען איינינע אונטערבראכען, ער האט ערשט געוואלט אונז אלעמען דערשיסען.

דיעזע ווערטער האבען וויעדער וויא פייער געווירקט אויף׳ן אויפגערעגטען עולם. עס איז שוין מעהר ניט מעגליך געווען דיא מאסע איינצוהאלטען און ענדליך איז אויך דער בירגערמייסטער אויפגעטרעטען געגען דאשקאוו׳ן און געגען זיין פערטהיידיגער.

— הערר גאלינסקי, האט ער געזאגט צוקומענדיג נאהענט צו איהם, ליפערט אונז אויס דיעזען מאן. איך פאדער עס פון אייך אין נאמען פון גערעכטיגקייט. וועהרענד מיר האבען געהונגערט ערשט יעצט, אין אזעלכע ביטערע מאמענטען, האט ער זיך אונטערהאלטען מיט אויסגעלאסענע פרויען, וועהרענד מיר מיט אונזערע פרויען און קינדער זיינען געשטאנען אין טויט־געפאהר.

— גאלינסקי, ליעבער גאלינסקי, האט דאשקאוו געיאמערט הינטער׳ן הויפטמאן, אים גאטעס ווילען, זיי ווילען מיך הרג׳ענען. זאגט דיזע משוגענע ווילדע ברואים, אז דיא קייזערין וועט זיך מיט זיי אברעכענען, ווען זיי וועלען מיר עטוואס שלעכטעס טהאן. דיא קייזערין —

אין דעם מאמענט האט א שווערער דונער אויסגעקראכט איבער׳ן הויז און א באמבע איז ארייגעפלויגען אין הויף מיט אזא רעש, אז אלע שויבען זיינען צושמעטערט געווארען.

— איהר רעדט וועגען דער קייזערין, קניאז דאשקאוו, האט דער בירגער־מייסטער אויסגערופען, אבער פוגאטשעוו דער רעבעל האט אייך דארויף יעצט

דיא אנטוואָרט געגעבען. איהר האָט ניט ערפילט אייער פפליכט צו דער קייזע־רין. ווען איהר וואָלט זיך געפיהרט וויא א מאן, וויא א ריכטיגער קאָמאנדאנט, וואָלט עס דאצו ניט געקומען, אז מען זאָל אויף דער פעסטונג באָמבארדירען. ווען דיא קייזערין זאָל דאָ יעצט זיין וואָלט זיא אייך דערפאר אליין פעראור־טהיילט צום טויט.

— יא, יא, ער מוז שטארבען! האָבען זיך געהערט קולות פון אלע זייטען.

גאלינסקי האָט יעצט איינגעזעהן, אז זיין גאנצע מיהע איז אומזיסט, קיי־נער וויל זיינע ווערטער ניט הערען, און איז געצוואונגען געווען זיך צוריקצו־ציהען.

אין דעם זעלבען מאָמענט זיינען אויף'ן אלטען דאשקאָוו'ן בעפאלען מענער און פרויען, מיט העק און מיט מעסערס. נאָך איין אויגענבליק און זיי וואָלטען איהם אויף שטיקער צושניטען. דאָ אָבער האָט זיך דער בירגערמייסטער אנט־קעגען געשטעלט און האָט מיט א דונער־שטימע אויסגעשריען:

— בירגער פון אָרענבורג! איהר טאָרט ניט ברענגען דערצו, אז דיא וועלט און דיא היסטאָריע זאָלען אייך קענען בעשולדיגען אין מאָרד. מיר זיינען ניט קיין מערדער. דיעזער מאן איז בעשולדיגט אלס פערברעכער. אונזער פפליכט איז איהם צו פּראָצעסירען, לאָמיר ערוועהלען א געריכט, קלייבט אויס ריכטער, איך וועל זיין געגען איהם אלס בעשולדיגער, אלס פּראָקוראָר, זאָל מען אויך ערוועהלען פאר איהם א פערטהיידיגער, עס זאָל פּאָרקומען א ריכטיגער עהרליכער פּראָצעס, עס זאָל ניט הייסען, אז מיר בעגעהן א ווילדען מאָרד. ווילט איהר, הערר גאלינסקי, איבערנעהמען אויף זיך צו זיין דאשקאָוו'ס פערטהיי־דיגער?

— יא, האָט גאלינסקי געענטפערט. און באלד האָט מען אויסגעקליבען פון דיא אנגעזעהענסטע מענער א געזעצליכע צאָהל ריכטער, וועלכע האָבען זיך גלייך גענומען צום פּראָצעס.

דער פּאָרזיצענדער האָט געהייסען מען זאָל צופיהרען דעם בעשולדיגטען און באלד האָט ער ערעפענט דעם פּראָצעס מיט פאָלגענדער רעדע:

— בירגער פון אָרענבורג, דיעזער מאן, איבער וועמען'ס טויט און לעבען מיר זיינען יעצט בערופען צו אורטהיילען, איז ביז יעצט געווען איינער פון דיא מעכטיגסטע פערזאָנען אין רוסלאנד. איהר מאיעסטעט, דיא קייזערין, האָט איהם אהער געשיקט מיט'ן אויפטראג ער זאָל דיא געזעצליכע אָרדנונג אויפ־האלטען. אום דאָס צו ערפילען איז ער געשטעלט געוואָרען אלס קאָמאנדאנט איבער א שטארקע ארמעע און זיין פפליכט איז געווען אונזער לעבען צו פער־ריטען, פאר אונזער זיכערהייט צו זאָרגען. וואָס האָט איהר געגען דיעזען מאן פאָרצוברענגען, הערר בירגערמייסטער?

— איך בעשולדיג איהם, האָט דער בירגערמייסטער אָנגעהויבען מיט א

לויטערע הויכע שטימע, איך בעשולדיג איהם, אז ער האט זיין פפליכט פער־נאכלעסיגט און דאריבער האט ער געבראכט גרויסע אונגליקען. ער האט ניט געפיהרט דיא ארמעען געגען דעם רעבעל פוגאטשעוו און האט צוגעלאזט, אז אונזער שטאדט זאל אבגעברענט ווערען. נאך מעהר נידערטרעכטיג און פער־דארבען איז זיין האנדלונג דאמיט וואס ער האט אונז צוערשט גאר ניט געוואלט אריינלאזען אין פעסטונג און ביי איהם איז רעכט געווען, אז דיא ווילדע רעבע־לען זאלען אונז אלע אויסשלאכטען וויא דיא שאף. ענדליך האבען מיר זיך קוים איינגעבעטען און ער האט ערלויבט צו עפענען פאר אונז נור דיא טויערען פון פארהויף, וואו מיר האבען זיך געמוזט וואלגערען אויף דיא הוילע שטיינער אונטער'ן פרייען הימעל אין קעלט און אין נעץ און אויף זיין בעפעהל האט מען אונז געמאטערט און געפייניגט מיט הונגער און דורשט. היינט אבער האט ער זיך ארויסגעציייגט אלס איינער פון דיא געמיינסטע טיראנען אין דער וועלט. ווען עס האט זיך אנגעהויבען דיא באמבארדירונג אויף דער פעסטונג און איין קויל האט געטויטעט און פערוואונדעט פיערציג נפשות פון אונז, האבען מיר זיך צו איהם געווענדעט ער זאל אויף אונז ענדליך מיטלייד האבען און אריינלאזען אונזערע פרויען און קינדער אין דער אינערליכער פעסטונג, אום דיא קוילען זאלען צו זיי ניט קענען צוקומען, האט ער מיט דער קאלטקייט פון א ריכטיגען מערדער געהייסען שיסען אויף אונז פון דיא פעסטונג קאנאנען. געגען פיינד האט ער ניט געוואלט געברויכען דיא קאנאנען און געגען אונז, דיא געטרייע קינ־דער פון דער קייזערין האט ער ערלויבט דיא קאנאנען צו געברויכען און אונז אלע אויסשלאכטען אהן א פאר וואס. איך מאך אלזא דעם פארשלאג, אז דער בעשולדיגטער, קניאז דאשקאוו, זאל פאר דיעזע אלע פערברעכענס צוזאמענגע־נומען פעראורטהיילט ווערען צום טויט.

— וואס האט איהר צו זאגען, הערר גאלינסקי? האט זיך דער פארזיצענ־דער געווענדעט צו איהם אלס צו דאשקאוו'ס פערטהיידיגער. וואס האט איהר אלס פערטהיידיגער פון דעם מאן אויף דיעזע בעשולדיגונגען צו ענטפערען?

— איך מוז צוגעבען, האט גאלינסקי אנגעפאנגען, אז דיא אנקלאגען געגען קניאז דאשקאוו זיינען ריכטיג. דאך וויל איך בעמערקען, אז דער הויפט פונקט איז ניט וויכטיג. ער האט בלויז געהייסען שיסען אויף'ן פאלק, אבער קיינער וואלט דיעזען בעפעהל ניט געווען דורכגעפיהרט. עס זיינען אלזא בלויז גע־ווען ווערטער, געזאגט, געזאגט, גערעדט און דערפאר קען מען א מענשען ניט פער־אורטהיילען.

"איהר מוזט אויך נעהמען אין אנבעטראכט, אז דיעזער מאן איז שוין אלט און אזוי גוט וויא עובר בטל, ער ווייס אליין ניט וואס ער טהוט און וואס ער רעדט. ווען ער וואלט ניט זיין געריהרט וואלט ער געווים אזוי גרויזאם ניט געקענט האנדלען. ווילט איהר משפט'ן א וואהנזיניגען, אן אלטען עובר בטל?

אונזער חויפט צוועק וואס מיר זוכען איז וויא צו מאכען יעצט דיזען מאן אונ־שעדליך פאר אונז. און דאס האבען מיר שוין עררייכט. און איך זעה ניט איין ווארום איהר זאלט דוקא וועלען זיין בלוט פערגיסען.

"מיין מיינונג איז מען זאל נעהמען דעם אלטען עובר בטל און האלטען גע־פאנגען ביז דיא בעלאגערונג וועט זיך ענדיגען, דאן זאל מען איהם אבשיקען נאך פעטערבורג וואו ער וועט געשטעלט ווערען פאר א קריעגס־געריכט. איהר וועט דאמיט פערדיענען דעם אלערהעכסטען דאנק פון אונזער גרויסע קיי־זערין און דאס וועט הייסען געזעצליך געהאנדעלט אין אלע הינזיכטען.

דיא ריכטער זיינען אוועק אין א צווייטען צימער זיך בעראטהען וועגען אן אורטהייל און דאשקאוו איז געבליבען אין אזא טויט־שרעק, אז ער איז שוין ניט געוועזען בכוח אויף דיא פיס איינצושטעהן. גאלינסקי האט אויף איהם רחמנות געהאט און האט איהם דערלאנגט א שטוהל צום זיצען.

— הערר גאלינסקי, האט דאשקאוו צו איהם געזאגט מיט א ריהרענדע שטי־מע, אך, ווען איך וואלט אייך דאן געפאלגט! גלויבט איהר ווירקליך, הערר גאלינסקי, אז דיזע שרעקליכע מענשען וועלען מיך פעראורטהיילען צום טויט? וואס האב איך דען געזינדיגט? וועלכע שלעכטס האב איך יעמאנדען געטהאן?

— עראינערט זיך וועגען אלגא'ן, האט ער דערהערט א שטימע הינטער זיך.

דאשקאוו האט זיך אומגעדרעהט האסטיג אין גרויס איבערראשונג און האט דערזעהן פאר זיך קאלא'ן, דעם טויב־שטומען. דיזער מענש קען אלזא רעדען, ער האט איהם אבגענארט און וואהרשיינליך האט ער א גרויסען חלק אין דעם אונגליק וואס איז יעצט אויף איהם געקומען.

און דאשקאוו האט אין דיזער בעציהונג קיין טעות ניט געהאט. פון יענעם טאג זייט קאלא איז צוריקגעקומען אין פעסטונג האט ער ניט אויפגעהערט צו אגיטירען און אויפצומונטערן דאס פאלק, אז זיי זאלען מאכען אן אויפשטאנד געגען דעם ברוטאלען קאמאנדאנט. און דיא ווערטער פון'ם יונגען מאן האבען געהאט דיא פערלאנגטע ווירקונג.

דאשקאוו האט געקוקט אויף זיין געוועזענעם שקלאף מיט גרויס איבער־ראשונג און איידער ער האט נאך בעוויזען איהם א פראגע צו שטעלען איז דיא טיהר פון צווייטען צימער געעפענט געווארען און דיא ריכטער זיינען צוריק אריינגעקומען. זיי האבען זיך ווידער געזעצט אויף זייערע ערטער און דער פארזיצענדער האט אויסגערופען

— קניאז דאשקאוו, דער געוועזענער קאמאנדאנט פון דיזער פעסטונג, איז אנערקענט שולדיג אין אלע פונקטען פון דער אנקלאגע און איז איינשטימיג פעראורטהיילט צום טויט. דער אורטהייל זאל דורכגעפיהרט ווערען אויף פאל־גענדען ארט: מען וועט איהם צובינדען צום מויל פון דער גרויסער קאנאנע וואס שטעהט אויף דעם באסטיאן, דאן וועט מען אויסשיסען. זיינע צושמט־

מערטע גליעדער זאָלען אורעקפליהען צום לאגער פון דיא רעבעלען, וועלכע ער דאָס דורך זיין געמיינהייט און אונפעהיגקייט געהאָלפען אונזער שטאָדט צו רואינירען און אונז אלעמען אין אזא געפעהרליכע לאגע צו ברענגען.

קניאז דאשקאָוו איז אויפגעשפרונגען מיט א פערצווייפעלטען אויסגע־שריי:

— האָט רחמנות, נאָר דאָס ניט, ניט אזא טויט. שיסט מיך, איך זאָל אויר געגבליקליך שטארבען, אבער ניט דיעזע מאטערנים. אָה, איהר זיינט אליין רעבעלען, ווען איהר קענט אזוי בעהאנדלען אייער קאָמאנדאנט. עה, אָפיציע־רען, אהער צו מיר! איך בעפעהל אייך איהר זאָלט מיך פערטהיידיגען געגען דיעזע רעבעלען.

אָבער קיינער פון דיא אָפיציערען האָט ניט געענטפערט און קיינער האָט זיך ניט געריהרט צו טהאָן פאר איהם עטוואָס.

באלד האָבען א צוואנציג מענער אָנגענומען דעם פעראורטהיילטען דאש־קאָוו און טראָץ דעם וואָס ער האָט מיט א ווילדע פערצווייפלונג געטרייעט זיך צו פערטהיידיגען, האָבען זיי איהם דאָך באלד געבונדען און ארויסגעשלעפט פון צימער מעהר טויט וויא לעבעדיג. זיי האָבען איהם אזוי געשלעפט ביז זיי האָבען איהם צוגעבראכט צו דער פלאטפאָרם וואו ס'איז געשטאנען דיא גרויסע קאַנאָנע.

דער בירגערמייסטער האָט דאן אויסגערופען אין דער הויף:

— ווער פון אייך, בירגער, וויל ארויפקלעטערען אום דאָרט איהם אָנ־צובינדען?

קיינער האָט אויף דיעזער פראגע ניט געענטפערט. דער האלדז פון דער קאַנאָנע איז ארויסגעשטעלט איבער דער מויער וואנד, און קיינער האָט ניט גע־וואָלט ריזיקירען צו מאכען אזא שפאציער אין דער לופט, דאצו נאָך שלעפענ־דיג אויף זיך דעם פעראורטהיילטען, וועלכער האָט זיך געראנגעלט מיט דער גרעסטער פערצווייפלונג.

נאָך אמאָל האָט דער בירגערמייסטער דיעזע פראגע געשטעלט און ווידער האָט איהם קיינער ניט געענטפערט. פלוצלונג האָט זיך פון צווישען דער מאסע געהערט א שטימע:

— איך וועל עס טהאָן!

דאָס איז געווען קאָלא. דער בירגערמייסטער און אנדערע האָבען שוין דעם יונגען מאן געקענט און זיי זיינען זעהר צופריעדען געווען וואָס ער האָט דיעזע ארבייט איבערגענומען.

קאָלא האָט דעם האלב פער'חלש'טען דאשקאָוו'ען אריינגעוואָרפען אין א זאק און צוגעבונדען צו זיך, דאן איז ער שנעל און קרעפטיג ארויף אויף דער

קאנאָנע און האָט געקלעטערט ביז ער איז געקומען צום שפּיץ, צו דעם מויל דורך וואנען דיא קוילען שפּרינגען ארוים.

דאָרט האָט קאַלא אָנגעבונדען א שטריק צום שפּיץ קאנאָן און פּלוצלונג האָט ער זיך מיט דאשקאָוו'ן שנעל וויא א בליץ ארונטערגעלאָזען אויף דער ערד און האָט אָנגעפאנגען צו לויפען.

— פעררעאטה! האָט געשריען דער בירגערמייסטער. דער באנדיט וויל דעם פעראורטהיילטען בעפּרייען. ער רעכענט, אז מיר וועלען דאָך ניט ארויסגעהן פון פעסטונג איהם נאָכצויאָגען.

— זאָל מען אויף איהם שיסען! האָט זיך געהערט אן אלגעמיינער געשריי פון דער מאסע, און אייניגע האָבען שוין געכאפּט דיא ביקסען דאָס צו טהאָן.

—ווארט נאָך אן אויגענבליק, האָט דער בירגערמייסטער געשריען, זעהט נור, ער טראָגט דאשקאָוו'ען דירעקט אין פוגאטשעוו'ס לאגער. ער מיינט אלזאָ געוויס ניט איהם צו רעטען. פוגאטשעוו וועט שוין וויסען וואָס ער האָט מיט איהם צו טהאָן.

נאָך א ווײַלע זיינען דיא בירגער געשטאנען און האָבען קאַלא'ן נאָכגעקוקט ביז ער איז ענדליך פערשוואונדען געוואָרען פון זייערע אויגען. דאן זיינען זיי זיך שטיל און רוהיג פאנאנדערגעגאנגען. זיי זיינען געווען זיכער, אז דאשקאָוו וועט פאר אלע זיינע אונמענשליכע טהאטען בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט.

אין לאגער פון דעם גרויסען רעבעל איז עס צוגעגאנגען לוסטיג און פרעהליך. זיין לאגער האָט זיך געפונען ביי'ם ברעג פון טייך אוראל, דאָרט וואו ס'איז ביז ניט לאנג צוריק געשטאנען דיא שעהנע שטאָדט אָרענבורג מיט איהרע פּרעכטיגע געביידען וואָס זיינען יעצט פערוואנדעלט געוואָרען אין הויפענס אש נאָכדעם וויא דיא רעבעלישע באנדיטען האָבען אויסגערויבט אלע גאָלדענע און זילבערנע חפצים וואָס זיי האָבען נור געקענט געפינען.

פוגאטשעוו'ס גרויסע זיידענע געצעלט איז געשטאנען אין מיטען לאגער. איבער'ן געצעלט אין דער הויך האָט געפלאטערט א בלוט־רויטע פאָהן, אויף וועלכער זיין שעהנע פרוי האָט אליין אויסגענעהט דיא ווערטער: "צאר פעטער דער דריטער".

ארום געצעלט זיינען געשטאנען א וואך פון קאָזאקען בעוואפענט מיט געוועהר און פּיקעס. זיי האָבען געוואכט, אז צו זייער צאר זאָל ניט אריינקומען קיינער וועמען ער וויל ניט עמפּפאנגען.

אינוועניג איז דאָס געצעלט געווען אויסגעלייגט מיט טהייערען קארפּעט און אויסגעשטאטעט מיט רייכע אָנגערויבטע מעבעל. דער אָרימער קאָזאק פוגאטשעוו און דיא שעהנע פאסטוך־מיידעל וועלכע איז זיין פרוי געוואָרען,

האבען אין א קורצע צייט זיך אויסגעלערנט צו לעבען אין לוקסוס פונקט וויא זיי וואלטען געווען געבארען פון קייזארים.

ארום דער וואהנונג פון פאלשען צאר זיינען געשטאנען אנדערע פראכט־פאלע טהייערע געצעלטען. אין איינעם האט געוואהנט זיין שוואגער־פאטער, דער אטאמאן טשיקא, וועלכער איז יעצט געווארען דער הויפט קאמאנדאנט פון דער גאנצער ווילדער ארמעע. אין דיא אנדערע געצעלטען האבען געוואהנט נאהענטע פריינד פון פוגאטשעוו'ען, זיינע יועצים, דיא זאגענאנטע מיניסטא־רען. צווישען זיי האבען זיך געפונען מיראוויטש און וואראנצאוו. זיי האבען ביים פאלשען צאר געהאט דעם בעסטען צוטרויען.

נאכדעם וויא קאטהערינא האט זיי בעגנאדיגט פון טויט־שטראף און האט זיי פערשיקט נאך סיביר איז זיי אויף'ן וועג געלונגען צו אנטלויפען. נאך א לאנגע שווערע וואנדערונג האט זיי א רעבעלען־באנדע געכאפט און האט זיי געבראכט צו פוגאטשעוו'ען. פוגאטשעוו האט דעם אלטען וואראנצאוו'ען פריינד־ליך אויפגענומען, דען ער איז מיט איהם בעקאנט געווארען אין פעטערבורג נאך דאן ווען ער איז אהין געקומען זוכען זיין כלה. פוגאטשעוו האט זיי פאר־געשלאגען זיי זאלען בלייבען ביי איהם און זיי זיינען געצוואונגען געווען איינצו־שטימען. זיי האבען קיין אנדערע ברירה ניט געהאט.

דער אלטער וואראנצאוו איז געווארען ביים פאלשען צאר דער העכסטער ראטהגעבער און מיראוויטש מיט זיינע מיליטערישע פעהיגקייטען האט אין א קורצע צייט פערוואנדעלט פוגאטשעוו'ס ווילדע באנדעס אין א מעכטיגע גוט ארגאניזירטע קריעגס ארמעע. דערפאר האט איהם פוגאטשעוו געמאכט פאר א גענעראל.

אין דיא אנדערע געצעלטען האבען געוואהנט דיא אפיציערען און דיא אנדערע רעבעלען אנפיהרער. דער לאגער האט זיך פערברייט אזוי ווייט, אז מען האט קוים מיט'ן אויג געקענט זעהן דיא ענדע. צווישען דיא געצעלטען האבען זיך געצויגען פיעלע גאסען, אין וועלכע עס איז אנגעגאנגען א לעבהאפ־טער האנדעל מיט פערשיעדענע פראוויאנט ארטיקלען און אנדערע וואארע, ווייל דיא קאזאקען זיינען אלע רייך געווארען פון רויב און גזלה און סוחרים האבען דארום געמאכט דארט גלענצענדע געשעפטען. דאס אלעס האט גע־בראכט דאצו, אז יעדען טאג זיינען צו פוגאטשעוו'ען צוגעשטאנען אימער גרע־סערע רויבער־באנדעס און זיין ארמעע איז ווירקליך געווארען גרויס און מעכ־טיג און מיראוויטש האט זיא אזוי טיכטיג ארגאניזירט און גוט בעוואפענט, אז קאטהערינא'ס טהראן איז קיינמאל ניט געווען אין אזא געפעהרליכער לאגע וויא ביי דיעזען אויפשטאנד.

ביי'ם פרעהליכען לעבען אין פוגאטשעוו'ס לאגער האבען אויך ניט גע־פעהלט קיין פרויען און מיידלאך און דוקא שעהנע. עס האבען זיך דארט געפו־

נען א מאסע פרויען וואָס זיינען אנטלאָפען פון מענער, טעכטער וואָס זיינען אנט־לאָפען פון עלטערען און דיענסטען וואָס זיינען אנטלאָפען פון זייערע בעלי־בתים. אלע האָבען געלעבט אין ווילדע אויסגעלאסענהייט און אלעס איז געווען מותר אין "וואָיענאָיע ווערעמיא" (קריעגס־צייט). יעדע פון דיא לוסטיגע פרויען האָט געהאָפט, אז ווען דער "צאר" וועט קומען קיין פעטערבורג און וועט בעזע־צען דעם טהראָן, וועט זיא דאָרט שפּיעלען א וויכטיגע ראָלע אין נייעם קייזער־ליכען הויף.

אין פּוגאטשעוו'ס לאַגער האָט דאריבער ניט אימער געהערשט דער בלו־טיגער ערנסט פון קריעג, נור א מונטערע, א לעבהאַפטע אויסגעלאסענהייט. איבעראַל האָט געשפּיעלט מוזיק און פּאָארלעך האָבען געטאנצט וויא אויף א חתונה. דאצו האָט מען געפרעסען און געזויפט, געלאכט און געזונגען און דאָס גאנצע שלאכט־פעלד האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט א סאָרט גרויסער סאַלון וואו מען קען אלעס טהאָן אונגעשטערט.

פּוגאטשעוו אליין האָט אויך זעהר פיעל געטרונקען און ער האָט נעביך זעהר שטארק חשק געהאט אנטהייל צו נעהמען אין זייערע ווילדע אויסגעלאסענ־הייטען, אָבער זיין פרוי לידיא האָט איהם דערפון אָבגעהאַלטען. זיא איז איבערהויפּט געווען זעהר אונצופריעדען צו זעהן וויא דיא שענדליכקייט און דיא זינדיגע אויסגעלאסענהייט ווערט אין לאַגער טאָג־טעגליך מעהר פערשפּרייט. טראָץ דעם וואָס מען האָט איהר אָבגעגעבען גרויס כבוד וויא א קעניגין, איז זיא פון דעסטוועגען געבליבען דיא זעלבע לידיא וויא פריהער, אזוי עהרליך און אזוי אנשטענדיג וויא זיא איז געווען אלס איינפאכע קאָזאקען־מיידעל. זיא האָט ניט געקענט צוזעהן דיא ווילדע תנועות פון דיא אויסגעלאסענע מיידלאך און פרויען וואָס האָבען געקעהרט וועלטען מיט דיא פער'שיכור'טע קאָזאקען.

זיא האָט אָבער געהאָפט, אז מיט דער צייט וועט דאָס אלעס קומען אין אָרדנונג. זיא איז געווען פאָלשטענדיג איבערצייגט, אז פּוגאטשעוו איזווירק־ליך צאר פּעטער וועליקי און אז ער איז בערופען פון גאָט זעלבסט צו בעפרייען רוסלאנד פון א טיראנישע הערשאפט און דאָס רוסישע פאָלק גליקליך צו מאכען. זיא האָט דאריבער מיט איהר גאנצער נשמה געוואָלט מיטהעלפען דעם מאן אין דיעזע נאָבעלע, גרויסע אונטערנעהמונג.

אָנפאנגס האָט עס זיא שרעקליך געערגערט, ווען זיא האָט געזעהן אז איהר מאן פערגיסט טייכען בלוט ביי יעדען פון זיינע זיעגען, דאָך האָט זיא אימער געזוכט זיך צו טרייסטען מיט'ן געדאנק, אז אנדערש קען עס דאָך ניט זיין. אָהן קריעג קען דאָך איהר מאן צו זיין קרוין ניט קומען. דיא לעצטע צייט אָבער איז איהר נאָבעלע הארץ פול געוואָרען מיט טרויער. טעגליך האָט זיא געזעהן און געהערט אזעלכע זאכען וואָס האָבען אויף איהר ריינע נשמה

א שוידער געוואָרפען און זיא האָט זיך אליין איינינע מאָל געשטעלט דיא פראגע: וויא קומט עס וואָס איהר מאן, וועלכער איז געבאָרען פאר א טהראָן זאָל דערלאָזען צו אזעלכע געמיינהייטען און אויב עס איז נאָר מעגליך, אז זיין גערעכטע זאך זאָל זיעגען מיט דער הילפע פון אזעלכע ניעדערינע און אזעלכע זינדיגע אויסוואורפען דער מענשהיים.

לידיא איז געשטאנען אין איהר קעניגליך פערפוצטען געצעלט פון׳ם פאל־שען צאר און מיט טרעהרען אין דיא אויגען האָט זיא איהם געבעטען ער זאָל אויסראָטען דיא אויסגעלאסענהייט פון לאגער און זאָל שטרענג אכטונג געבען, אז זיינע לייטע זאָלען זיך פיהרען עהרליך און אנשטענדיג.

אויסער לידיא איז דאָרט יעצט געווען אין געצעלט איהר פאָטער, דער אטאמאן טשיקא, אויך דער אלטער וואָראָנצאָוו, מיראָוויטש און אָלגא, וועלכע איז געווען העכסט גליקליך אין איהר נייער פעראייניגונג מיט איהר געליעבטען. זיא און לידיא האָבען יעצט געלעבט וויא צוויי ליעבע געטרייע שוועסטער.

לידיא האָט גערעדט מיט א ריהרענדע קלינגענדע שטימע און דיא טרעהרען האָבען געציינט, אז איהרע ווערטער קומען פון הארצען.

— אך, העלפט מיר, מיינע פריינדע, האָט זיא געזאָגט, העלפט מיר איהם איבערצייגען, אז ער קען עררייכען זיין הייליגען ציעל נור דאן ווען ער וועט איינפיהרען ביי זיינע לייטע מאָראל און גוטע אָרדנונג. מיין מאן, האָט זיא זיך געווענדעט צו פוגאטשעוו׳ן, גלויב מיר, אז איך רעד נור דארום, וויל מיין הארץ איז פול מיט ליעבע צו דיר. איך פלעג יעדע נאכט זעהן אין טרוים וויא מיר שטעהען ביידע ביי׳ם אלטאר פון דער גרויסער קירכע אין מאָסקווער קרעמל און דער מאָטראָפּאָליט טהוט אונז אָן דיא קרוינען אויף׳ן קאָפּ. אָבער זינט מיר שטעהען דאָ אין לאגער ביי אָרענבורג זעה איך שוין מעהר דעם חלום ניט. דאָס איז א שלעכטער סימן, מיין קייזערליכער מאן.

— חלומות זיינען נארישקייטען, האָט פוגאטשעוו געענטפערט קורץ.

— אָה ניין, האָט זיא געזאָגט, חלומות קומען פון הימעל און זיי האָבען א פּראָפעטישע בעדייטונג. איך פערלאנג פון דיר בלויז א קלייניגקייט. טרייב ארויס דיעזע אלע שלעכטע פרויען פון לאגער. צווינג דיעזע מענער זיי זאָלען זיך אויפפיהרען וויא עס פאסט פאר קריעגער וואָס קעמפּפען פיר א הייליגע זאך און דאן וועט גאָט שיקען זיין ברכה אויף אלע דיינע אונטערנעהמונגען. זעה, מיין מאן, איך ציטער פאר׳ן געדאנק, אָבער מיר ווייזט זיך אויס, אז גאָט פאנגט שוין אָן פון דיר אָבצואוועגדען זיין הילפע. אָנפאנגס פלעגען פאר דיר זינקען דיא פיינדליכע שטעדט און פעסטונגען אָהן עקסטרא שוועריגקייטען. יעצט אָבער שטעהן מיר שוין ביי אָרענבורג צעהן טעג און יעדער פערלאָרענער טאָג איז פאר אונז אימער א גרעסערע געפאהר. מען האָט שוין געוויס ארויס־

געשיקט פון פעטערבורג א גרויסע ארמעע געגען אונז און דיעזע ארמעע קומט אלץ נעהענטער.

— יעדעס ווארט וואס דיא צארינא זאגט איז פאלקאמען ריכטיג, האט זיך מיראוויטש אבגערופען. יעדער טאג וואס מיר פערליערען דא אין נארישקייטען קען אויף אונז ברענגען דיא גרעסטע אונגליקען. דיא אייניגע קוילען וואס מיר האבען אבגעשאסען אין פעסטונג קענען אונז גאר ניט העלפען. נאך מיין מיינונג איז שוין לאנג צייט געווען מיר זאלען בעפאלען דיא פעסטונג מיט שטורם. מיר זיינען מעכטיג גענוג אנצופאנגען און ענדיגען דיא באמבארדירונג מיט ערפאלג.

— פיעלייכט האט איהר רעכט, האט פוגאטשעוו בעמערקט. אבער אייך, מיינע געטרייע מענשען, וויל איך זאגען דיא ריינע ווארהייט. איך האב מורא אזוי פיעל צו ריזיקירען און ארויסטרעטען מיט אן ענטשיידענער שלאכט. ביז יעצט האב איך גענומען קלענערע פעסטונגען מיט ערפאלג און נור צוליעב דעם ערפאלג זיינען צו מיר צוגעשטאנען טויזענדער מענשען. דיא מאסע איז שוין אזוי, זיא לויפט אימער צו דעם יעניגען וואס איז זיעגרייך. אבער זאלען מיר נור איינמאל האבען א נידערלאגע, וועט ווערען זעהר שלעכט מיט אונז. ווען נור איין קאמפף זאל געהן פערלארען וועלען דיא זעלבע באנדעס וואס לויפען מיר יעצט נאך וויא א גאט, זיך גלייך צולויפען פון מיר און וועלען מיך לאזען אליין. דיא הויפט זאך וואס זיי קלעפען יעצט ארום מיר אזוי, איז ווייל איך ערלויב זיי צו שיכור'ען און צו טהאן וואס זיי ווילען. זאל איך נאר אנפאנגען געגען זיי שטרענג צו ווערען, דאן קענען זיי אליין נאך געגען מיר זייערע שווערדען הויבען.

— זאלען זיי עס נור וואגען! האט טשיקא אויסגערופען. מיר קאזאקען זיינען איבערצייגט, אז דו ביסט דער אמת'ער צאר און מיר וועלען דיר אימער טריי בלייבען.

אין דעם זעלבען אויגענבליק האט זיך דערהערט ארום געצעלט א גערויש פון פיעלע שטימען, א גערויש פון ווילדען טריאומף.

— געהט ארויס, מיראוויטש, און זעהט וואס איז דארט, האט איהם דער פאלשער צאר בעפוילען.

מיראוויטש איז ארויסגעגאנגען און אריינקומענדיג אין א מינוט ארום דאט ער געמעלדעט:

— מאיעסטעט, אין לאגער איז געקומען א מאן. וויא עס ווייזט אויס איז ער א דעזערטיר פון פעסטונג.

— זאל מען איהם אבהאקען זיין קאפ, האט פוגאטשעוו געברומט מיט פערדרוס, איך האב גענוג אזעלכע אויסוואורפען אהן איהם.

— פערצייהט, מאיעסטעט, דען דער מאן האט עטוואס געבראכט צו שלע־

פען אין א זאק, און וויא ער זאגט געפינט זיך אין דעם זאק א זאך וואס וועט אונז ברענגען א זיכערען זיעג. און דארום איז דאס אין לאגער אזוי פרעהליך געווארען.

— עס מוז זיין א שווינדלער, א בעטריגער, א שפיאן, האט פוגאטשעוו גע־שטאמעלט, געשיקט אהער אויסצוזעהן דעם לאגער. עס בלייבט דאביי מען זאל איהם טויטען.

— ניין. לאזט איהם אריין, האט לידיא אויסגערופען. מיר זאגט מיין הארץ, אז דיעזער מאן ברענגט א גוטע בשורה. לאז איהם אריין, מיין מאן, און הער וואס ער האט צו זאגען.

לידיא'ס וואונש איז ערפילט געווארען. און באלד איז אריינגעקומען א יונגער, שלאנקער מאן. דיא שיין פון דער רויטער לאמפ איז געפאלען אויף זיין זאנפטע געזיכט, און אין זעלבען מאמענט האט אלגא אויסגערופען מיט גרויס איבערראשונג:

— קאלא, דאס זיינט איהר? וויא קומט איהר אהער?

קאלא האט אויף איהר א ליעבליכען בליק געווארפען און מיראוויטש האט ביי איהר געפרעגט:

— קענסט דו דיעזען מאן?

— געוויס, האט אלגא געענטפערט מיט א לוסטיגען שמייכעל. דאס איז דאך דער שטומער קאלא וועלכער קען רעדען נאך מעהר וויא מען דארף. איך האב דיר דערצעהלט פון איהם, טהייערער, וויא אזוי ער האט מיך געראטעט פון'ם יאנגר־שלאס אוראלנא, ווען דיא קאזאקען האבען דאס הויז אונטערגע־צונדען.

— דאן האב איך אייך זעהר פיעל צו דאנקען, האט מיראוויטש געזאגט און האט איהם געדייכט דיא האנד. איך וועל דאס אייך קיינמאל ניט פערגעסען. דאך יעצט האנדלעט עס זיך ניט וועגען אונזערע פריוואט זאכען, ערקלערט צו־ערשט אונזער קייזער, וואס איהר האט צו בעריכטען. דארט זיצט צאר פעטער פון רוסלאנד.

קאלא האט דערוויל אראבגעלאזט דעם פערבונדענעם זאק וואס ער האט געטראגען אויף דיא פלייצעס, און ס'איז געוועזן לייכט צו זעהן אז אינוועניג ריהרט זיך עפעס א לעבעדיגע זאך.

— ווער ביסט דו? האט ביי איהם פוגאטשעוו געפרעגט.

— מיין נאמען איז קאלא און איך קום יעצט פון פעטסבורג.

— וואס הערט זיך דארט? דענקען זיי נאך גאר ניט זיך אונטערצוגעבען?

— מיט א שטונדע צוריק, האט קאלא געענטפערט, האט מען טאקי גע־קענט רעכענען, אז דאס וועט ענדליך געשעהן. יעצט אבער זאגען זיי, אז זיי וועלען דאס קיינמאל ניט טהאן.

— וואָס דערצעהלסט דו מיר דאָ? האָט דער פאַלשער צאַר געזאָגט מיט אַן אונגלויבליכען טאָן, וויא קען דאָס זיין, אז אין איין שטונדע זאָל זיך דיא לאַגע אין אָרענבורג אזוי פערענדערען?

— ווייל א שטונדע פריהער איז דיא פעסטונג געוועז אונטער דער קאָמאַנ־דע פון אַן אלטען שענדליכען פייגלינג און יעצט פיהרט דיא קאָמאַנדע א העל־דישער מאַן, וואָס וועט מיט אַלע קרעפטען זעהן זיך פערטהיידיגען.

— איז קניאז דאשקאָוו דען געשטאָרבען?

— ניין, מאַיעסטעט, ער לעבט. אָבער זיינע אָפיציערען און דיא בירגער האָבען איהם אראָבגעזעצט און אויף זיין אָרט איז אויפגענומען געוואָרען אלס קאָמאַנדאַנט א טיכטיגער קריעגער, הויפטמאַן גאַלינסקי.

— דו ברענגסט מיר א שלעכטע נאַבריכט, האָט פוגאַטשעוו געזאָגט, יעצט וועט דיא בעלאַגערונג ווער ווייסט וויא לאַנג געדויערען.

— ניין, מאַיעסטעט, האָט קאָלא געענטפערט, איך פערזיכער דיך, אז דיא בעלאַגערונג וועט שנעל געענדיגט ווערען. דאָ אין דיעזען זאַק ברענג איך דיר דעם קאָמאַנדאַנט פון אָרענבורג. אויף זיין ברוסט טראָגט ער א שליסעל פון א געהיימע טיהרעל דורך וואַנען דו וועסט קענען דיעזע נאַכט גאַנץ אונבעמערקט אריינקומען אין פעסטונג מיט אַלע דיינע קריעגער.

ביי דיעזע ווערטער האָט קאָלא געעפענט דעם זאַק און ארויסגעשאָקעלט פון איהם א לעבעדיגען קערפער, וועלכער איז שווער געפאַלען אויף'ן קאַרפעט צו דיא פיס פון פאַלשען צאַר.

— גרויסער גאָט! האָט אָלגא אויסגערופען א פערציטערטע, דאָס איז ווירקליך ער, דער אַלטער דאשקאָוו!

דער האַלב וואהנזיניגער דאשקאָוו האָט זיך אויפגעהויבען וויא ווייט ס'איז איהם מעגליך געוועז אויף זיינע געבונדענע פיס און מיט אידיאָטישע בליקען האָט ער געשטאַמעלט:

— אָה, דאָס ביסט דו, מיין טהייערע טייבעלע, האָסט מיך אזוי לאַנג אליין געלאָזען, איך האָב געשלאָפען און האָב עפּעס א שלעכטען חלום געזעהן. נאַ־רישקייט! ווער וועט עס זיך אונטערשטעהלען צו געהן געגען קניאז דאשקאָוו? איך בין אין פעטערבורג אין מיין פאַלאַסט. קום, מיין טהייערע, מיר וועלען צוזאַמען עפּעס עסען. אָדער בעסער שיק נאָך'ן דאָקטאָר, איך פיהל זעהר שלעכט. הילפע, מען שיסט, איך שטאַרב —

דאַביי איז ער צוריק געפאַלען און האָט זיך געקייקעלט אין קרעמפּפען. אָלגא איז מיט א ביטער געוויין געפאַלען אויף מיראָוויטש'עס ברוסט, אויך לידיא האָט זיך אָבגעווענדעט מיט א שוידער פון דיעזער אונערטרעגליכער סצענע וועהרענד פוגאַטשעוו האָט געזאָגט צום געבונדענעם מיט א געלעכטער:

— נו, שטאָלצער קניאז, ענדליך זעה איך דיך פאַר מיר. וואָס קוקסט דו

קאטהערינא

אזוי ווילד אויף מיר? איך בין דער יעניגער וועלכען דו רופסט פוגאטשעוו, דער רעבעל. אָבער אין דער ווירקליכקייט בין איך דיין צאר, דיין הערשער. איך האָב אפילו אָנפאנגס געדעכענט מיט דיר בעקאנט צו ווערען אין אָרענבורג, אָבער יעצט אז דו האָסט מיר צוערשט אָבגעשטאטעט א וויזיט וועלען מיר באלד פערטיג ווערען.

דאשקאָוו האָט נאָך אלץ געקוקט אויף פוגאטשעוו'ען מיט א מינע פון אן אמת'ן משוגענעם, דאן האָט ער מיט אמאָל אויסגעשריען:

— כא־כא־כא! עס לעבע דער צאר — צאר פוגאטשעוו! דיא שעהנע קאטהערינא וועט יעצט האָבען א נייעם מאן, א ווילדען קאָזאק, א שיכור'ען באנדיט. עס לעבע דער רעבעלען־צאר פוגאטשעוו!

פוגאטשעוו איז אן אויפגעקאָכטער געוואָרען. ער האָט ארויסגעכאפט זיין שווערד און איז שוין פערטיג געווען דעם אלטען צו טויטען. אָבער איין בליק פון לידיא'ס שעהנע אויגען האָבען איהם צוריקגעהאלטען. ער האָט וויעדער אריינגעלייגט דעם שווערד אין שייד און האָט זיך געווענדעט צו קאָלא'ן:

— נעהם אוועק ביי דיעזען אלטען אידיאָט דעם שליסעל צו דער געהיי־מער טיהרעל פון פעסטונג!

קאָלא האָט דיעזען בעפעהל באלד ערפילט און אויפרייסענדיג דעם ראָק און דיא העמד פון'ם אונגליקליכען האָט ער פון איהם אראָבגענומען א שליסעל וואָס איז געהאנגען פערבאָרגען אויף זיין ברוסט און האָט עס דערלאנגט דעם פאלשען צאר.

— איך וועל דיר דאביי ערקלערען, מאיעסטעט, האָט זיך קאָלא אָבגערוי־פען, אז דיעזער אַלטער פייגלינג האָט שוין זייט אייניגע טעג זיך ארומגעטראָגען מיט א פּלאן אונבעמערקט צו אנטלויפען פון פעסטונג. זיינע רייכטהימער האָט ער שוין פאָראויס אָבגעשיקט דורך זיין אינטענדאנט —

— דאָס ווייס איך, האָט פוגאטשעוו איהם אונטערבראָכען. מען האָט דיע־זען אינטענדאנט געכאפּט, פערקליידט אלס אן ארמענישער סוחר האָט ער גע־וואָלט דורכפאָהרען מיט א וואָגען וואו עס זיינען געווען צוזאמענגעפּאקט דעם אלטען'ס זאכען און זיין געלד. דער אינטענדאנט איז שוין לאנג אויפגעהאנגען געוואָרען און מיט דאשקאָוו'ס פערמעגען האָבען זיך מיינע קאָזאקען צוטהיילט. אלזאָ ווייטער —

— דאשקאָוו האָט וועגען זיין פּלאן צו אנטלויפען אָבגערעדט מיט איינע פון זיינע נקבות, וועלכע ער האָט געוואָלט מיטנעהמען. איך בין דאביי געווען. גלויבענדיג אז איך בין א טויב־שטומער האָט ער זיך פאר מיר ניט געהיט אין מיין געגענוואָרט צו רעדען. אָבער וויא דו זעהסט האָט עס איהם ניט געלונגען, א סימן, איך האָב איהם צו דיר געבראכט א געבונדענעם, דערפאר פערלאנג איך אָבער א געוויסע בעלאָהנונג.

— גאנץ רעכט, האט פונאטשעוו איינגעשטימט. דו האסט מיר געלייס־טעט א גרויסע טובה און איך וועל דיר דערפאר געבען גענוג געלד זאלסט צו־פריעדען זיין.

— ניין, ניט פאר געלד האב איך דאס געטהאן, האט קאלא געזאגט מיט אן ערנסטען טאן. און אום דו און אלע אנוועזענדע זאלען מיך פערשטעהן וויל איך אייך דערצעהלען פאלגענדעס:

"אין דער צייט פון'ם טערקישען קריעג איז אין דער רוסישער ארמעע גע־וועזן א נידערטרעכטיגער אפיציער, דער זעלבער קניאז דאשקאוו, וועלכער האט דורך זיינע סאלדאטען גערויבט א שעהנע מיידעל, דיא טאכטער פון אן אנשטענ־דיגען מאן, דער באנדיט האט דיא מיידעל פערגוואלטיגט ביי זיך אין געצעלט, דאן האט ער זיא ארויסגעשטויסען און איבערגעגעבען צו דיא ברוטאלע סאל־דאטען.

"אן אלטער קאפראלני האט אויף איהר רחמנות געהאט און האט זיא גע־רעטעט פון'ם ערגסטען שיקזאל, אז דיא סאלדאטען זאלען זיא אויך שענ־דען, און ער האט זיא צוריק אבגעפיהרט אין איהר פאטער'ס הויז. אין ניין חדשים ארום האט זיא דארט געבארען א קינד. דיעזעס קינד — בין איך.

"ווען איך בין עלטער געווארען האט מיר מיין אונגליקליכע מוטער דער־צעהלט דיא געשיכטע פון מיין געבורט. א קורצע צייט נאכדעם איז זיא גע־שטארבען און איהרע לעצטע ווערטער זיינען געוועזן, אז איך זאל נעהמען ראכע פאר איהר גערויבטע פרויען־עהרע און פאר איהר פעראונגליקטען רואי־נירטען לעבען.

"אין מיין הארצען איז געוועזן איינגעפלאנצט א ברענענדער האס ניט נור צום שענדער פון מיין מוטער נור צו אלע רוסען וואס ערציהען אזעלכע פאלקס־פערדערבער. איך האב בעשלאסען צו נעהמען ראכע פון מיין מוטער'ס שענדער און מיט דער אבזיכט בין איך געקומען קיין רוסלאנד און נאך א לענגערע וואנדערונג האט מען מיך ארעסטירט ביי'ם רוסיש־טערקישען גרע־נעץ. אבער ביי דעם צופאל האב איך א סאלדאט דערשאסען דערפאר וואס ער האט מיך ברוטאליש בעהאנדעלט. דאפיר האט מען מיך פערשיקט נאך סיביר צו ארבייטען אין דיא בליי־מינעס. זיעבען יאהר האב איך זיך דארט גע־פלאגט און געמאטערט, ביז עס האט מיר ענדליך געלונגען צו אנטלויפען.

"אויף'ן וועג האב איך ערפאהרען, אז קניאז דאשקאוו איז יעצט דער גו־בערנאטאר פון ארענבורג. און איך האב באלד בעשלאסען מיין ראכע פון איהם צו נעהמען פאר מיין מוטער. איך האב זיך געלאזט פאנגען און מען האט מיך צוגענומען צו איהם פאר א שקלאף.

"אום איך זאל ניט דארפען ענטפערען אויף אלע פראגען וואס מען פרעגט ביי א געפאנגענעם, האב איך זיך געמאכט טויב־שטום. דיא לעצטע טעג האב

איך זיך בענוצט דערמיט וואָס דאָס פאָלק און דאָס מיליטער פון אָרענבורג זיינען געווען שרעקליך ערביטערט געגען דאשקאָוו'ען. איך האָב זיי נאָך מעהר אויפגערייצט און האָב געבראַכט אזוי וויט אז היינט האָט מען איהם אראָב־געזעצט און פעראורטהיילט צום טויט. זיי האָבען בעשלאָסען איהם אָנצובינ־דען צו א קאנאָן און דורכשיסען. אָבער דאָס וואָלט פאר איהם געווען א צו גרינגער טויט. איך האָב זעהר געוואָלט ער זאָל פאר'ן טויט ליידען אזוי פיעל יסורים וויא ס'איז נור מעגליך.

"מיר איז געלונגען איהם אראָבצונעהמען פון דער קאנאָנע און ברענגען אהער, און אלעס וואָס איך פערלאנג יעצט איז מען זאָל איהם לעבעדיגערהייד לאנגזאם פערברענען אויף א קליינעם פייער, און דאביי וועל איך שוין אכטונג געבען, אז ער זאָל דיא יסורים פון דיעזען טויט ליידען וואָס לענגער.

פוגאטשעוו האָט מיט גרויס צופריעדענהייט איינגעשטימט דארויף, מיט אלע אנוועזענדע איז ער ארויסגעגאנגען פון געצעלט, דעם וואונש פון קאָלא'ן צו ערפילען און געניסען דעם פערגעניגען צו זעהן דיא מאטער־סצענע. לידיא האָט א ציטערנדע נאָכגעפאָלגט איהר מאן. זיא האָט געוואוסט אז ביי אזעלכע צופעלע טאָר זיא געגען זיין ברוטאלע נאטור קיינע אנווענדונגען מאכען. אין געצעלט זיינען געבליבען נור אָלגא און מיראָוויטש.

— נו, אָלגא, האָט מיראָוויטש ביי איהר געפרעגט. ווילסט דו פיעלייכט אויך געהן זעהן דיא הינריכטונג פון דיעזען מאן, וואָס האָט דיך אזוי פיעל ער־ניעדעריגט און געפייניגט?

— ניין, געליעבטער, האָט זיא טרויעריג געענטפערט. איך קען דיעזע שרעקליכע סצענע ניט זעהן. ס'איז אמת ער האָט מיר זעהר פיעל וועה גע־טהאָן, אָבער ער איז נאָך אלעמען דאָך געווען מיין מאן. און מירביידע, ני־קאָלאי מיינער טהייערער, האָבען אזוי אויך געגען איהם גענוג געזינדיגט. האָסט דו ביי איהם ניט וועקגענומען דיא ליעבע פון זיין פרוי? האָב איך דען ניט געבראָכען מיין טרייהייט צו איהם? אָה, ווען איך זאָל נור וויסען וויא זיינע לעצטע מאטערנים אמווייניגסטענס צו פערלייכטערען, וואָלט איך עס גערן געטהאָן!

— עס פרייט מיך ווירקליך, אָלגא, צו הערען פון דיר אזעלכע ווערטער, דאָס ציינט מיר ווידער וואָס פאר א ליעבע נאָבעלע הארץ דו בעזיצסט. יא, דו האָסט רעכט. אמת, דאשקאָוו איז אונזער בלוטיגסטער פיינד, דאָך יעצט איז אונזער פפליכט אלס שטערבליכע מענשען אין אלעם צו פערגעסען, און אויב מיר קענען זיין לעבען ניט רעטען, מוזען מיר איהם אם ווענינסטענס העלפען ער זאָל זיך לאנג ניט דארפען מאטערען.

— אָבער וואָס קענען מיר דאצו טהאָן? האָט אָלגא געפרעגט מיט גרויס אינטערעסע.

— מיר איז איינגעפאלען א גוטער געדאנק, האט מיראוויטש געזאגט נאך א קורצען נאכדענקען. דו ווייסט דאך אז אין לאגער געפינט זיך דיין געטרייער פריינד, דער אלטער ענגלענדער פערקינס, ער איז מיט איניגע טעג צוריק גע־קומען מיט'ן בעשלום זיין אייגענעם לעבען צו ריזיקירען אבי דיך צו רעטען. אבער ווען ער האט געזעהן וויא בעקוועם דו געפינסט זיך אונטער מיין גע־פאנגשאפט, איז ער אויך ביי אונז געבליעבען. איך גלויב אז פערקינס איז דער ריכטיגער מאן, וואס קען אונזער וואונש אם בעסטען ערפילען. ווארט נור א ווייל. איך וועל איהם געהן אויפזוכען.

מיראוויטש איז ארויסגעגאנגען און אין נעכסטען אויגענבליק איז ער צוריק־געקומען מיט'ן אלטען יעגער, וועמען ער האט אנגעטראפען גראדע ניט ווייט פון געצעלט.

— דיא פערדאמטע באנדעס אין דיעזען לאגער זיינען א סארט ערב רב! האט פערקינס אויסגערופען, זיי שרייען און פלוידערן אין צוואנציג פערשיעדענע שפראכען און איך פערשטעה קיין איינציגע ניט. איך זעה נור א גרויסען אויפ־רוהר פון פרייד און וויים ניט וועגען וואס דו האנדעלט זיך. קענט איהר מיר דאס ניט ערקלערען, העררר מיראוויטש?

— איהר ווייסט נאך ווירקליך ניט דיא נייעס וואס דא איז פארגעקומען?

— פון וואנען זאל איך וויסען אז איך פערשטעה ניט וואס זיי קאבען זיך?

— מען האט געבראכט דעם קניאז דאשקאוו לעבעדיג אין לאגער.

— ווירקליך? דאן זעה איך אבער ניט איין וואס פאר אן אורזאכע זיי האבען זיך צו פרעהען. דאשקאוו איז געווען דער אונפעהיגסטער קאמאנדאנט וואס מען האט ווען געזעהן. ער וואלט זיך פיעלייכט געווען אונטערגעגעבען. יעצט אבער וועט איהר האבען צו טהאן מיט מענער וואס פערשטעהן אן עסק.

— וועגען דעם וועלען מיר רעדען שפעטער, פריינד פערקינס, יעצט האב איך און אלגא צו אייך א גרויסע בקשה. זיי האבען יעצט נאר וואס דעם אלטען אראבגעפיהרט צום פערברעגען אויף'ן שייטער־הויפען.

— פערקינס, האט זיך צו איהם אלגא געווענדעט מיט א ריהרענדע שטימע. איהר קענט זיך פארשטעלען וויא שרעקליך אזא טויט איז.

— געוויס, איך וויים עס. אין אינדיען האב איך מיט מיינע אויגען גע־זעהן וויא מען האט פערברענט א יונגע אלמנה צוזאמען מיט איהר פערשטאר־בענעם מאן. אה, דיא סצענע איז א שרעקליכע, און פון דאמאלס אן האב איך פערלארען דעם געשמאק צו אזעלכע געבראטענס.

— אהן שפאס, פערקינס, האט מיראוויטש געזאגט, מיר ווילען דעם אלטען רעטען פון דיעזען פירכטערליכען טויט. אויב ער דארף שוין שטארבען, זאל ער וועניגסטענס ניט ליידען אזעלכע שרעקליכע יסורים.

— דאָן מוזט איהר וועגען דעם רעדען מיט זיין באַנדיטישען מאַיעסטעט,
פיעלייכט וועט ער זיין אַזוי גנעדיג אייער וואונש צו ערפילען.
— זייט פאַרזיכטיג, פערקינס, האָט איהם מיראָוויטש געוואָרענט, איהר
געברויכט זעהר אָפט אַזעלכע ווערטער. דאָס קען אייך נאָך אַמאָל אייער לעבען
קאָסטען — אַלזאָ וואָס אַנבעטרעפט אונזער בקשה, איין קויל פון אייער ביקס
אין דעם ריכטיגען מאָמענט, דאַן וועט קניאַז דאַשקאָוו אויגענבליקליך שטאַר־
בען און נאָכהער מאַכט מיר שוין ניט אויס וואָס מען וועט מיט איהם טהאָן.
— איך וואָלט עס פאַר אייך גערן געטהאָן, האָט פערקינס געענטפערט,
כאָטש דעם אמת זאָגענדיג פערגין איך דעם אַלטען טיראַן ער זאָל זיך אַביסעל
דורכוואַרעמען, ווייל זיין הארץ איז אימער געווען צו קאַלט צו דיא ליידען פון
אַנדערע, דאָך וואָלט איך עס גערן געטהאָן, אָבער דיא געשיכטע איז זעהר ריזי־
קאַליש. ווען זיין מאַיעסטעט, דער רויבער פוגאַטשעוו זאָל זיך דערוויסען, אַז
איך האָב איהם געשטערט אין זיין העלדישען פערגניגען, וועט ער אויף מיר גע־
וויס שטאַרק פאַראיבעל האָבען.
— דאָס נעהם איך שוין אויף מיר. איך וועל אייך שוין פערענטפערען, האָט
מיראָוויטש ערקלערט, זייט זיכער אַז פוגאַטשעוו וועט אייך גאָר ניט טהאָן.
קומט, פריינד פערקינס, לאָמיר קיין צייט ניט פערליערען. ווילסט דו אויך מיט־
געהן, געליעבטע אָלגאַ?
— ניין, האָט זיא געענטפערט, איך וועל בעסער פערבלייבען דאָ, ביז דיא
טראַגעדיע וועט זיין געענדיגט.
מיראָוויטש האָט מיט אַ צערטליכען קוש אַבשיעד גענומען פון זיין געליעב־
טע און איז אַוועק מיט פערקינס'ען.
דער שטורם פון פרייד איבער'ן גאַנצען לאַגער איז געווען געוואַלטיג גרויס.
הינדריכטען, טויטען אַ מענשען — דאָס איז ביי זיי אַלע געווען אַ גאַנץ געוועהנ־
ליכע זאַך, דאָס האָבען זיי גאַנץ אָפט געזעהן. אָבער פערברענען איינעם לע־
בעדיגערהייד און דערצו נאָך אַ קניאַז, דעם הויפּט פיהרער פון פיינד — דאָס איז
געווען אַ סצענע וואָס יעדער איינער האָט מיט פערגניגען געוואָלט זעהן.
אויף אַ ברייטען ליידיגען פּלאַץ אַרום לאַגער האָבען מענער און פרויען גע־
אַרבייט פלייסיג אויפצושטעלען אַן אונגעהייער גרויסען שייטער־הויפען. זיי
האָבען געשלעפּט שטיקער מעבעל, ברענהאָלץ און שטרוי און מען האָט אַלעס
בעגאָסען מיט קעראָסין אום דאָס פייער זאָל זיך גוט פערברייטען און אַלעס זאָל
ברענען פרעהליך.
אַן אונגעהייער גרויסע מחנה האָט אַרומגערינגעלט דעם פּלאַץ. פוגאַ־
טשעוו האָט געצוואונגען זיין פרוי זיא זאָל זיך זעצען נעבען איהם אַנטקעגען
דעם שייטער־הויפען און זיין שווינגערפאָטער טשיקאַ האָט ערפילט זיינע בע־
פעהלע.

באלד האט מען דעם אונגליקליכען דאשקאוו'ען אריינגעפיהרט אין דיעזען גרויסען, לעבעדיגען רינג. אין זיין האלב וואהנזיניגען צושטאנד האט ער קוים געוואוסט וואס מיט איהם געהט יעצט פאר. אויף זיין גרויען קאפ האט מען אנגעטהאן א קרוין פון שטרוי און אנשטאט א שווערד האט מען ביי זיין זייט צוגעבונדען א גרויסען קאך־לעפעל, וועהרענד פון אלע זייטען האט מען איהם באמבארדירט מיט פוילע אייער און פערשיעדענע פערפוילטע גרינסען.

צוויי קאזאקען וואס האבען איבערגענומען דיא ראלע פון הענקערס האבען צוגעפיהרט דעם אלטען צום סלופ ביי'ם שייטער־הויפען אום איהם אנצובינדען. פוגאטשעוו האט געקוקט אויף'ן קאמאנדאנט און האט בעמערקט, אז דער אלטער בעגרייפט גארנים דעם גאנצען אונגליק זיינעם, און דאס האט דעם האט באנדיטישען צאר זעהר פערדראסען. ער האט געוואלט, אז זיין אפפער זאל פיהלען דיא שאנדע, ער זאל שרעקליך געמאטערט ווערען, ביז זיין בעוואוסטזיין וועט צור־ריקקומען און ער וועט פיהלען און פערשטעהן וואס פיר א שרעקליכער טויט איהם שטעהט פאר.

משיקא האט שוין געוואלט הייסען אונטערצינדען דעם שייטער־הויפען, אבער פוגאטשעוו האט מיט א וואונק געגעבען א בעפעהל מען זאל נאך אבהאל־טען. דאן האט ער צוגערופען צו זיך צוויי פער'שיכור'טע פרויען, וואס דיא בעסטיאלישע נאטור איז זיי אויף דיא געזיכטער געלעגען, און האט זיי געהייסען ברענגען צוויי טעפ: איינער זאל זיין פול מיט קאכעדיגע וואסער און דער צווייטער מיט הייסען אויל.

דער בעפעהל איז באלד ערפילט געווארען. מען האט געבראכט דיא צוויי דאמפפענדע טעפ און אוועקגעשטעלט ביי'ם סלופ וואו דער געפאנגענער איז געווען אנגעבונדען. מיט א טייוועלשע מינע האט פוגאטשעוו דאן געהייסען דיא פרויען זיי זאלען לאנגזאם בריהען דעם קערפער פון'ם געפאנגענעם מיט דיא קאכעדיגע וואסער און דיא אבגעבריהטע לייב בעגיסען מיט'ן הייסען אויל.

דיא מחנה ארום האט אויפגעהילכט מיט פרייד און געלעכטער. נור דיא ארימע לידיא איז שרעקליך בלאס געווארען. זיא האט אבער א ווארט ניט גע־טארט רעדען. זיא האט פערמאכט איהרע אויגען זיא זאל אם וועניגסטענס דיזע שרעקליכע סצענע ניט זעהן.

אין דעם מאמענט האט פון ערגעץ ארויסגעקראכט א ביקס; א קויל איז ארויסגעלאפען און האט געטראפען דעם געבונדענעם דאשקאוו פונקט אין שטערען. דער געפאנגענער איז אויגענבליקליך געבליבען הענגען אויף'ן סלופ טויט.

דיא רעבעלען זיינען אויפגעקאכט געווארען פון כעס פאר וואס מען האט אויף דיעזען אופן פערשטערט זייער טייפלישע שמחה. פוגאטשעוו האט מיט א ברענענדע רציחה גענומען קוקען אהין פון וואנען דער קראך האט זיך געהערט,

מען האט אבער קיינעם ניט געזעהן. פערקינס, נאכדעם וויא ער האט דיא קויל אבגעפייערט, איז אין דער זעלבער סעקונדע פערשוואונדען הינטער דיא בוימ־לאך, איז אריין אין מיראוויטש'עס געצעלט און אלגא האט שוין דערפאר גע־זארגט מען זאל איהם ניט קענען געפינען.

עס איז נאכט געווארען. דעם ערשטען מאל זייט דיא בעלאגערונג האט זיך אנגעפאנגען האבען זיך דיא אונגליקליכע בירגער פון ארענבורג געלעגט שלאפען עטוואס רוהיגער און בעקוועמער. זיי האבען זיך שוין יעצט ניט געדארפט וואלגערען אויף דער ערד אין דעם אפענעם פארהויף. דער נייער קאמאנדאנט גאלינסקי האט זיי אלע איינקווארטירט אין דיא אינערליכע צימערען, וואו זיי זיינען אם וועניגסטענס געווען זיכער, אז פוגאטשעוו'ס קוילען וועלען צו זיי ניט צוקומען.

גאלינסקי מיט איינינע עלטערע אפיציערען זיינען אריין אין א צימער און האבען אבגעהאלטען א בעראטהונג וועגען אנצונעהמען א נייע טאקטיק אין דעם קריעג. זיי האבען בעשלאסען, אז מארגען זאלען זיי ארויסגעהען פון פעס־טונג מיט א גרויסע מאכט און זאלען פיהרען מיט'ן פיינד אן אפענעם קאמפף. עס איז געבליעבען, אז יעדער מאן וואס איז נור פעהיג צו טראגען וואפען זאל מיטגעהן אין שלאכט. אויף דעם אופן וועט זיך בילדען א גרויסע ארמעע פון וועלכע איין העלפט וועט זיך שטעלען געגען פוגאטשעוו'ס באנדעס וועהרענד דיא צווייטע העלפט וועט אריבער דעם טייך אוראל אום אויף זיי פון הינטען צו בעפאלען.

— מיר וועלען געווים זיעגען, האט גאלינסקי געזאגט צו זיינע אפיציערען. יעדענפאלס האבען מיר קיין אנדער מיטעל ניט וויא זיך צו רעטען. דיא לע־בענסמיטעל זיינען שוין כמעט אלע אויסגעגאנגען און מיר האבען קיין מעגליכ־קייט ניט מעהר צוווארטען ביז עס וועט קומען הילפע פון פעטערבורג.

מיט אמאל האט דורך דער שטילקייט פון דער נאכט אויסגעקלונגען א לאנגער געשריי פון טויזענדע ווילדע קולות, וויא א מחנה אינדיאנער וואלטען זיך אין פעסטונג ארייננגעריסען.

— בארמהערציגער גאט, האט גאלינסקי אויסגערופען, וואס געהט דארט פאר? מען מארדעט אונזערע און דאס זיינען דיא שטימען פון דיא פיינדע! פערראטה! — פוגאטשעוו איז אין פעסטונג! יעצט זאל זיך גאט אויף אונז דערבארעמען.

און דאס איז ווירקליך געווען דער פאל. אונטער קאלא'ס קאמאנדע זיינען דיא רעבעלען ארום האלבע נאכט לאנגזאם און אונבעמערקט צוגעקראכען צו דער פעסטונג. אין דער פינסטערניס פון דער נאכט האבען דיא וועכטער דאס ניט געקענט בעמערקען. קאלא האט דיא רעבעלען געפיהרט דורך'ן געדיכטען

וואלד צו יענער טהייל פון פעסטונג וואָס איז געוועז אם וועניגסטען בעוואכט, ווייל קיינער האָט ניט געוואוסט, אז דאָרט איז דאָ א געהיימער אריינגאנג.

קאָלא האָט אָבער יא געוואוסט דערפון. געדיכט ביי דיא מויערען איז געשטאנען אן אלטער דיקער בוים, אינוועניג פוסט. ווען מען האָט אָנגעדריקט אונטען א קליין קנעפעלע האָט זיך געעפענט א טיהרעל און ווען מען איז אריינגעקומען אין דעם שטאם פון בוים האָט זיך דאָרט געפונען אין דער מויער־וואנד א צווייטע אייזערנע טיהרעל, וועלכע קאָלא האָט געעפענט מיט'ן שליסעל וואָס ער האָט אוועקגענומען ביי דאשקאָוו'ען.

איינער נאָך'ן אנדערען זיינען דיא רעבעלען אריינגעקומען אין פעסטונג ביז עס האָבען זיך אין דיא קעלער־געוועלבען פערזאמעלט א טויזענד מאן. דיא גאנצע מאסע פון פוגאטשעוו'ס ארמעע האָט זיך בעהאלטען צווישען דיא הויכע גראָזען ארום פעסטונג און האָט געווארט ביז זייערע קאמעראדען וועלען זיי פון אינוועניג עפענען דיא טויערען.

פוגאטשעוו מיט זיין שווינערפאטער זיינען דיא ערשטע אריין אין פעסטונג און צוזאמען מיט זייערע נאָכפאָלגער זיינען זיי גאנץ שטיל אריינגעקומען אין א קאָרידאָר און ארויס אין א קליינעם פאָרהויף, וואו א יונגער לייטענאנט מיט זעכצעהן סאָלדאטען זיינען געשטאנען אויף דער וואך. דיא מעהרסטע פון זיי זיינען געוועזן שרעקליך פערמאטערט, מיעד און האלב שלעפעריג, ווייל זיי זיינען שוין אייניגע נעכט ניט געשלאָפען.

דערהערענדיג א פערדעכטיגען גערויש איז דער לייטענאנט צוגעגאנגען צום טיהר, אָבער אין זעלבען מאָמענט האָט איהם א שטארקע אייזערנע האנד אָנגעכאפט און האָט איהם דורכגעשניטען דעם האלדז. דיעזער מערדער איז געוועזן פוגאטשעוו אליין. דער אָפיציער האָט נאָך געהאט אזוי פיעל קרעפטען אויסצושרייען מיט א שרעקליכען יאמער־געשריי און גלייך איז ער געפאלען טויט.

דיא סאָלדאטען זיינען שנעל אויפגעשפרונגען און האָבען ארויסגעשטעלט דיא ביקסען, אָבער פוגאטשעוו האָט אויסגערופען מיט א דונערשטימע:

— קומט, קומט, מיינע ברידער, קעמפפט פיר אייער צאר! קעמפפט פיר'ן הייליגען טהראָן פון רוסלאנד!

אין דעם מאָמענט האָבען דיא סאָלדאטען אויסגעשאָסען. זעכצעהן קוילען האָבען געקראכט און איינינע רעבעלען זיינען געפאלען טויט, אָבער פוגאטשעוו'ס ווילדע באנדע האָבען בעפאלען דיעזע איינינע מוטהיגע פערטהיידיגער און באלד זיינען זיי אלע געוועזן אויסגעשלאכטעט וויא דיא שאָף. בלויז איינעם האָט עס געלונגען צו אנטלויפען אין אינערליכען טהייל פון פעסטונג און מיט א פערצווייפעלטער שטימע האָט ער געשריען:

— פערראטה! פערראטה! פוגאטשעוו מיט זיינע רעבעלען זיינען אריין

אין פעסטונג! וואכט אויף, קאמעראדען! צום קאמפף! זאָנסט זיינט איהר אלע פערלאָרען.

מיט אמאָל איז איבעראל לעבעדיג געוואָרען. עס האָבען אָנגעפאנגען קלינגען דיא וואפען, פרויען האָבען געשריען, קינדער האָבען געיאמערט, עס איז געוואָרען אן איבערקעהרעניש אין גאנצען פעסטונג.

גאלינסקי מיט זיינע אָפיציערען זיינען האסטיג אוועק צו יענעם טהייל פעסטונג וואו עס האָבען זיך געפונען דיא מעהרסטע טהייל סאָלדאטען. אָבער עס האָט גענומען איינינע מינוטען צייט ביז ס'איז מעגליך געווען זיי אין א ריכטיגע אָרדנונג צו ברענגען און מיט דיעזער קורצער צייט האָט זיך פוגאטשעוו בענוצט. א טהייל פון זיין באנדע אונטער דער אָנפיהרונג פון טשיקא'ן האָט ער געשיקט זיי זאָלען עפענען דיא טויערען און ער מיט דיא איבעריגע זיינען אוועק אין דעם אינערליכען טהייל פון הויף וואו זיי האָבען געשטאָכען און ער־מאָרדעט יעדען איינעם וועמען זיי האָבען נור אָנגעטראָפען.

אויף דיעזען בלוטיגען וועג זיינען זיי צוגעגאנגען צו א ברייטען טרעפ וואָס האָט געפיהרט צום אויבערשטען עטאזש. אויבען איז געשטאנען גאלינסקי מיט זיינע סאָלדאטען און זייער פאָזיציאָן איז דאריבער געווען פיעל בעסער. ווען פוגאטשעוו און זיינע רעבעלען האָבען געוואָלט ארויפשטורמען דיא טרעפ האָט מען אויף זיי פון אויבען געהאָגעלט מיט קוילען און מאסען פון זיי זיינען געפאלען טויט.

קיין איינציגע טרעפ זיינען דיא רעבעלען ניט אים שטאנד געווען ארויפ־צוגעהן. פוגאטשעוו איז א צוקאָכטער געוואָרען פון אויפרעגונג. ער האָט זיך זעלבסט געשטעלט אָן דער שפיצע פון זיין באנדע, אום דעם טרעפ מיט שטורם צו נעהמען. אָבער דער האגעל פון פייער האָט אויף א מינוט ניט אויפגעהערט, קיין איינציגער פון דיא רעבעלען האָט ניט געקענט נאָכגעהן און פוגאטשעוו איז געבליבען לאנ'ג אליין אויף'ן אונטערשטען טרעפ.

— פערדאמטע הינט! האָט דער פאלשער צאר געשריען צו זיין באנדע. און אין זעלבען מאָמענט האָט א קויל דורכגעשאָסען זיין לינקע האנד, אזוי אז ער איז קוים מיט'ן לעבען אראָבגעלאָפען.

— פאָרווערטס! האָט יעצט גאלינסקי קאָמאנדירט מיט א דונערשטימע, ארונטער דיא טרעפ, מיינע בראווע קאמעראדען! פערניכטעט דיא באנדע לומפען! קיין איינציגער פון זיי זאָל ניט בלייבען לעבען!

מיט אמאָל האָט זיך אָבער דיא לאגע שטארק פערענדערט. עס האָט זיך דערהערט דער קלאנג פון טרומפעטען און אונטער דער אָנפיהרונג פון מיראָוויטש און ווארענצאָוו האָט פוגאטשעוו'ס גאנצע ארמעע ארייגגעשטורעמט אין הויף. מעהר וויא צעהן טויזענד רעבעלען זיינען יעצט געשטאנען אנטקעגען פיער טויזענד סאָלדאטען און דיא רעבעלען האָבען ווידער אָנגעפאנגען צו נעהמען

דיא טרעפ מיט שטורם. א סך פון דיא רעבעלען זיינען יעצט אפילו אויך גע־פאלען, אבער וואס האט עס געקענט העלפען? אנדערע טויזענד זיינען ארי־בערגעשפרונגען דיא טויטע קערפער פון זייערע געפאלענע קאמעראדען ביז זיי האבען זייער ציעל עררייכט.

און אויבען האט זיך ערשט דער ריכטיגער קאמפף אנגעפאנגען. עס איז פארגעקומען אזא בלוטיגע מערדעריי, וואס האט ניט קיין גלייכען אין דער היסטאריע פון מלחמות. פוגאטשעוו איז צוגעשפרונגען צום הויפטמאן גאלינ־סקי, וועהרענד גאלינסקי האט אויסגעשריען מיט א געוואלטיגע אויפרעגונג:

— קום נור אהער, דו שענדליכער בעטריגער, דו פאלשער צאר, איך וועל דיר באלד ווייזען ווער דו ביסט!

— שטארב, דו הונד! האט פוגאטשעוו געברומט וויא א לייב און איז מיט זיין ברייטען מעסער בעפאלען גאלינסקי'ן, אט דערשטעכט ער איהם אויף טויט, אבער גאלינסקי האט מיט א מערקווירדיגע שנעלקייט און מיט א מעכ־טיגע האנד א זעץ געטהאן דעם מעסער, וואס איז גלייך צובראכען געווארען און ארויסגעפאלען פון פוגאטשעוו'ס האנד. גאלינסקי האט זיך דאמיט בענוצט, ער האט אנידערגעווארפען פוגאטשעוו'ען צו דער ערד און האט שוין אויפגע־הויבען זיין שווערד פוגאטשעוו'ען צו טויטען, אבער אין דעם מאמענט האט טשיקא אריינגעשאסען א קויל דעם בראווען הויפטמאן אין קאפ און דער העלדענמוטהיגער פערטהיידיגער איז געפאלען טויט.

און דער שרעקליכער קאמפף איז ווייטער פארטגעזעצט געווארען. טייכען בלוט האבען זיך געגאסען, מאסען הרוגים פוןביידע זייטען זיינען געפאלען. דיא סאלדאטען האבען געקעמפפט מיט דער גרעסטער פערצווייפלונג, ווייל זיי האבען געוואוסט, אז זייער לעבען איז סאי־וויא־סאי פערלארען, פוגאטשעוו וועט זיי יעדענפאלס טויטען און זיי האבען דאריבער געקעמפפט אויף לעבען און טויט, זיעגען אדער שטארבען!

מיט אמאל האט זיך צווישען דיא סאלדאטען פערשפרייט דער אויסרוף:

— הויפטמאן גאלינסקי איז געפאלען! אונזער קאמאנדיר איז טויט!

דאס האט ביי דיא בראווע פערטהיידיגער אוועקגענומען זייער גאנצען מוטה. זיי האבען געקעמפפט, אבער זייער ווידערשטאנד איז מיט יעדער מינוט שוואכער געווארען, ביז זיי זיינען אלע ענדליך אויסגעשלאכטעט געווארען וויא דיא שאף.

דיא גאנצע טרעפ, אויך אויבען אלע צימערען און אלע קארידארען פון צוויי־טען עטאזש זיינען פול געווארען מיט בערג טויטע מענשליכע קערפער. דיא רעבעלען האבען איבער דיעזע קערפער־בערג געשפרונגען דיא ווייטערע טרעפ צום דריטען עטאזש און דאן האט זיך אנגעפאנגען א נייער בלוטיגער קאמפף, א קאמפף מיט דיא בירגער פון ארענבורג.

מיט דיעזע שלעכט־בעוואפענטע און ווענינ־ערפאהרענע קריעגער האבען דיא רעבעלען וויינינער ארבייט געהאט.

— באדט זיך אין דעם בלוט פון אייערע פיינד! האט פוגאטשעוו געדר־נערט. האקט, שניידט, שטעכט, פערניכטעט, עס זאל קיין גאנצער גליעד פון זיי ניט בלייבען!

און מען האט איהם געפאלגט. דיא רעבעלען האבען איינפאך דיא בירגער אין שטיקער געשניטען. מיט אמאל האט פוגאטשעוו אויסגערופען:

— ווארפט זיי ארויס דורך דיא פענסטער אויף'ן שטיינערנעם באדען פון הויף און זאלען זיי דארט צושמעטערט ווערען. ארענבורג איז אונזערע און אלעס וואס האט דא פריהער געאטהעמט מוז און זאל פערטיליגט ווערען!

עס האט זיך אנגעפאנגען א גרויזאמע סצענע. מענשען זיינען איינע נאך דיא אנדערע געשליידערט געווארען פון דיא פענסטער און מיט שרעקליכע פער־צווייפעלטע קולות זיינען זיי אויף'ן פלאסטער פון הויף צושמעטערט געווארען אויף שטיקער. עס איז היסטאריש בעוואוסט, אז איבער זיבען הונדערט מענער זיינען דאן דורך דיא פענסטער ארויסגעווארפען געווארען און זיינען געבליעבען טויט פון סקילה.

דאן איז געקומען דער לעצטער אקט פון דער שרעקליכער בלוטיגער דראמא.

פוגאטשעוו'ס ווילדע באנדיטען זיינען צוגעקומען צו דיא פערשלאסענע צימערען וואו עס האבען זיך געפונען דיא פרויען און דיא קינדער. אין א טויט־ליכע שרעק זיינען דיעזע אונגליקליכע, שוואכע, שוצלאזע בעשעפעניסע געלעגען אויף דיא קניע און האבען מיט ציטערענדע ליפען געבעטען גאט ער זאל זיך אויף זיי דערבארעמען און זאל זיי מציל זיין פון טויט.

מיט אמאל זיינען דיא טיהרען אויפגעריסען געווארען און פוגאטשעוו איז אהין אריינגעפאלען מיט זיינע ווילדע בעסטיעס, וועלכע זיינען געווען שיכור פון בלוט, און וויא רייסענדע אויפגערייצטע טיגערס זיינען זיי בעפאלען דיא אונגליקליכע אפפער און עס האט זיך אנגעפאנגען א מענשען־שלאכטעריי וואס האט ניט קיין גלייכען אין דער געשיכטע פון רציחות, דיא וועלט האט נאך זא וואס ניט געזעהן, מיט דער אויסנאהמע פון דיא פאגראמען אין קישינעוו און אדעס פיעלייכט. קינדער זיינען געקוילעט געווארען פאר זייערע מוטערס אין דיא אויגען. מוטערס האט מען אין שטיקער צושניטען אין דער געגענווארט פון זייערע קינדער. דיא בלוט־דורשטיגע טייפעלשע ראבע־געשרייען פון דיא באנדיטען און דיא יאמער־געשרייען פון דיא אונגליקליכע קרבנות האבען בלויז א קורצע צייט דיא לופט פערהילכט, דאן איז אלעס וויעדער שטיל געווארען — אלע פרויען און קינדער זיינען געווען אויסגעקוילעט.

ווען ס'איז טאג געווארען, איז דיא פעסטונג ארענבורג שוין פאלקאמען גע־יוען אין דיא הענד פון דיא רעבעלען. א גאנץ קליינע טהייל פון דיא בעלאגערטע

זיינען געבליעבען לעבען, בלויז דיא יעניגע וועמען עס האט געלונגען אין דער צייט פון דער מהומה צו אנטלויפען. אבער אויך דיא מערדערישע רעבעלען האבען גענוג טהייער בעצאהלט פאר זייער זיעג. ניט ווייניגער וויא פיער טויזענד פון זיי זיינען געפאלען טויט און כמעט ניט איינער איז ארויס פון קאמפף אהן א שווערע אדער א לייכטערע וואונד.

צווישען דיא געפאלענע איז אויך געוועזן דער ראכע־זיכטיגער קאלא.

זיין פריינד, דער אלטער יעגער פערקינס האט קיין אנטהייל גענומען אין שלאכט, און נאכדעם וויא אלעס איז געוועזן געענדיגט, האט ער נאך א לענגערען זוכען איהם געפונען צווישען דיא הרוגים. מיט א ביטערען זיפץ האט דער עהרליכער פערקינס איהם אויפגעהויבען און האט איהם נאכהער געבראכט צו קבורה אונטער א בוים, ניט ווייט פון פעסטונג.

אויף מארגען האט מען בעערדיגט אלע הרוגים. אויף'ן בעפעהל פון פאר־נאטשעוו'ען האט מען אויסגעגראבען איינינע גרויסע גריבער און מען האט אהין אלע טויטע קערפער אריינגעווארפען און בעשאטען פון אויבען מיט ערד און מיט שטיינער.

ווען מען איז מיט דיעזער שוידערליכער ארבייט פערטיג געווארען, האבען זיך דיא רעבעלען דאן גענומען צו רויבען אלעס וואס זיי האבען נור געקענט געפינען אין פעסטונג. נאכדעם האבען זיי אונטערגעצונדען דיא גרויסע געביידע פון אלע זייטען און וועהרענד דיא ברענענדע דעכער זיינען איינגעפאלען מיט א געוואלטיגען קראך האט דער פאלשער צאר אויסגערופען צו זיינע נאכפאלגער:

— יעצט נאך מאסקווא! דיא איירָאפּעאישע רוסלאנד איז פאר אונז אפען! הינטער זיך האבען מיר מעהר קיין פיינד און פאר'ן פיינד וואס איז נעגען אונז דארפען מיר זיך ניט שרעקען, געהט מיר נאך, געהט נאך אייער צאר און הערשער פעטער דעם דריטען, מיר וועלען ניט רוהען ביז מיר וועלען עררייכען אונזער ציעל. נאך מאסקווא, מיינע פריינדע!

און רוישענדיג מיט ווילדע קולות האבען פיעלע טויזענדע שטימען געדר־נערט:

— נאך מאסקווא! ניעדער מיט קאטהערינא! עס לעבע דער נייער צאר פעטער דער דריטער! עס לעבע דיא קאזאקען־ממשלה!

21טער קאפיטעל

דער אבשיעד.

— דו ליעבסט מיך ניט! ניין, דו ליעבסט מיך ניט!

מיט דיעזע ווערטער האט אלעקסאנדער פאטעמקין זיך ארויסגעריסען פון קאטהערינא'ס ווייכע הענד, מיט וועלכע זיא האט איהם געהאלטען ארומגענומען, און האט אנגעהויבען ארומגעהן איבער'ן צימער ברוגז און שטארק אויפגערעגט.

דיא קייזערין האָט אויף איהם געקוקט מיט איהרע קלוגע, שעהנע אויגען, האלב שמייכלענד און האלב פערדריסליך און נאָך א קורצען שווייגען האָט זיא אויס־גערופען:

— אלעקסאנדער!

— צו בעפעהל, מאיעסטעט! האָט ער געענטפערט.

— גאָר אזוי? קיין אנדער נאָמען האָב איך ניט ביי דיר וויא מאיעסטעט? איך גלייך עס ניט. איך האָב ליעב, אז דו רופסט מיך קאטהערינא. און דאָס אליין איז נאָך אויך פאר מיר וויניג, איך וויל דו זאָלסט מיך רופען אנדערס.

— וויא אזוי?

— געליעבטע קאטהערינא! אזוי וויל איך דו זאָלסט מיך רופען. קום נור אהער צו מיר.

— ער האָט זיא געפאָלגט און איז צוגעגאנגען צוריק צו איהר. זיא האָט איהם אומגעארמט און האָט אוועקגעלייגט זיין שעהנעם קאָפּ אויף איהר ברוסט, דאביי האָט זיא צערטליך געשמאמעלט:

— געליעבטע קאטהערינא — פערשטעהסט דו דיא בעדייטונג פון'ם וואָרט געליעבטע, מיין טהייערער אלעקסאנדער?

— געוויס פערשטעה איך —

— דו פערשטעהסט עס ניט, האָט זיא איהם אונטערבראָכען, אָט וועל איך דיר עס באלד ערקלערען. ווען א מאן זאָגט צו א פרוי: "מיין ווייב", דאן איז זיא זיין טהייערסטע, זיין איינציגע, אָבער א "געליעבטע" קלינגט גאנץ אנדערש. זיא האָט ניט דיא רעכטע פון א ווייב. זיא איז נור א פלגש, א מע־טרעסע און דאָס בין איך פאר דיר, אלעקסאנדער.

— דו ביסט עס אָבער אין דעם שעהנסטען, אין דעם ערעלסטען זינן, מיין קאטהערינא. וואָס דארפסט דו יעצט קלערען וועגען דיא בעגריעפע און בע־דייטונגען פון ווערטער? וואָס קימערט דיך וואָס דיא וועלט דענקט וועגען דעם?

— גאנץ וויניג, אָבער דיר וויל איך בעווייזען, אז איך האָב דיר מיין ווייב־ליכע עהרע געאָפּפערט, און דו זאָגסט נאָך, אז איך ליעב דיך ניט.

— אויב דו ליעבסט מיך, וויא דו זאָגסט, גיב מיר א בעוויִיז.

— שווייג! האָט זיא זיך אויף איהם געבייזערט. איך ווייס וואָס דו ווילסט, אָבער איך וויל עס ניט הערען.

— ווארום? זעה, מיין קרוין, דו האָסט פאר מיר אזוי פיעל געטהאָן, האָסט מיך פון שטויב ערהויבען און געמאכט פאר א גרויסען מאן, אָבער גראדע דערפאר טאקי דארף איך זיך ארויסצייגען אלס מאן און דאָך האָב איך פיר רוסלאנד ביז יעצט נאָך גאָר ניט געטהאָן.

— דו האָסט נענוג געטהאָן, דו לעבסט פאר דיין קייזערין; דו האָסט מיין

לעבען און מיין טהראָן גערעטעט. פון דער מיראָוויטש פערשוועררונג אליין ווען דו האָסט מיך גערעטעט האָסט דו געגנוג אויפגעטהאָן פאר רוסלאנד.

— דיא וועלט פערלאנגט פון מיר פיעל מעהר, קאטהערינא. ווארום האָסט דו דיין פיינד אָרלאָוו געגעבען א געלעגענהייט זיך אויסצוצייכנען וויא א העלד אין קריעג און מיר ענטזאגסט דו עס? איך וואָלט געוויס פיעל מעהר געקענט אויפטהאָן וויא ער.

— דו ווילסט אלזאָ דורכאויס איך זאָל דיך ארויסשיקען אין שלאכט פעלד? האָט קאטהערינא אויסגערופען מיט א שמערצליכע שטימע. דו ווילסט איך זאָל דיך שטעלען אלס הויפט קאָמאנדיר פון מיליטער וואָס געהט יעצט אָפּ נאָך אָרענבורג צו קעמפּפען געגען פוגאטשעוו׳ס רעבעלען?

— יא, טהייערע, דאָס פערלאנג איך פון דיר און איך וועל עס אויספיהרען. איך שווער דיר, אז איך וועל עס אויספיהרען, ווען דו וועסט אפילו דארויף ניט איינוויליגען.

— איך פערשטעה ניט וואָס דו מיינסט דאמיט. וועסט האנדלען געגען מיין ווילען? געגען ווילען פון דיין קייזערין?

— דו ביסט מיין קאטהערינא, מיין ווייב און א ליעבענדע ווייב דארף פאָלגען איהר מאן, איבערהויפּט ווען ער וויל עררייכען א הויכען אידעאל וואָס איז פאר איהם פּאסענד. איך פרעג דיך, קאטהערינא, פּאסט עס פאר דיר צו ליעבען א מאן וואָס טהוט גאָר ניט און לעבט נור פון נדבות וויא א שנאָרער?

— קיין וואָרט זאָלסט דו מיר מעהר ניט רעדען! האָט קאטהערינא אויס־גערופען. ניין, איך וועל דיר ניעמאלס ערלויבען צו געהן אין א געפאהר פון טויט. איך זעה איבערהויפּט ניט וואָס פיר א כבוד עס איז צו קעמפּפען מיט ווילדע באנדעס. זאָל איך פערליערען מיין געליעבטען, דיך, וואָס דו ביסט מיין גאנצע נשמה, מיין גאנצער לעבען? דיך זאָל איך שיקען אין געפאהר און זאָלסט פיעלייכט נאָך ארייננפאלען אין פוגאטשעוו׳ס הענד? ניין! אָה, מיין טהייערער, דאָס וועל איך ניט טהאָן קיינמאָל, ס׳איז אומזיסט דיין רעדען. איך וויל ניט פוגאטשעוו זאָל ארומטראָגען דיין אָפּגעהאקטען קאָפּ און ציינען וואָס ער האָט געטהאָן מיט דער קייזערין׳ס געליעבטען, מיט דעם מאן וואָס איז ביי איהר טהייערער פון אלעס.

— דארויף בין איך א סאָלדאט, וואָס מוז אימער קוקען דעם טויט גלייך אין דיא אויגען. איך בעט דיך נאָך איין מאָל, קאטהערינא, דאָרט ביי דיר אויף׳ן שרייב־טיש ליעגט דער אוקאז, דו האָסט איהם נאָך ניט אונטערגעשריעבען, דו האָסט נאָך קיין הויפּט קאָמאנדיר ניט בעשטימט.

— איך האָב שוין בעשלאָסען צו שיקען גרענאָר אָרלאָוו נאָך אָרענבורג. זאָל ער געהן צום טייפעל!

— אָבער נאכהער קומט ער דאָך אהיים אלס זיעגער און דיא גאנצע לאנד קאָכט מיט איהם. און איך? ווער און וואָס בין איך?

— און דו ביסט מיין צולאָזענער ליעבלינג, האָט קאטהערינא געזאָגט און האָט איהם א הייסען קוש געטהאָן אין קאָפּ. אלעקסאנדער, מיין לעבען, ווארום ווילסט דו פערשטערען מיין, אָדער בעסער געזאָגט אונזער שעהנעם פריה־לינגס־מאָרגען פון אונזער זיסע ליעבע? לאָז אונז צוזאמען גליקליך זיין, מיין טהייערער מאן, בלייב ביי מיר, איך וועל דיר פערשאפען דעם פאראדיז דאָ אויף דער וועלט. לאָמיר בעסער היינט אביסעל אויספאָהרען, ועסט דו מעהר הנאה האָבען וויא פון דיין קאָמאנדאנטסטוואָ.

— שיק מיך געגען דיא רעבעלען.

— לאָמיר בעסער היינט אויספאָהרען, דו שלעכטער מאן, האָט קאטהע־רינא געשטאמעלט און האָט איהם ארומגענומען און צוגעדריקט פעסט צום הארצען וויא זיא וואָלט מורא האָבען מען זאָל איהם פון איהר ניט אוועקרייבען.

— נו, לאָמיר אויספאָהרען, האָט ער ענדליך איינגעשטימט. און ווייסט דו וואָס, געליעבטע מיינע? לאָמיר פאָהרען בעזוכען דיא טרופען וואָס מאכען זיך פערטיג אָבצוגעהן אין צוויי טעג ארום נאָך אָרענבורג. דו זאָלסט דאביי אָבהאלטען א פאראד־מאנעווורע.

— דו האָסט רעכט, האָט דיא קייזערין איינגעשטימט. איך וועל ביי דיעזער געלעגענהייט פאָרשטעלען פאר דיא סאָלדאטען דעם הויפּט קאָמאנדיר. דעם אוקאז וואָס ליעגט דאָרט אויף'ן שרייב־טיש וועל איך יעצט אונטערשרייבען און ביי'ם פאראד איבערגעבען דעם גראף אָרלאָוו. איך האָב זיך בעשטעלט א נייעם מיליטערישען אנצוג אלס גלאוונאָ־קאָמאנדויושטשאיא פון דער גאנצער רוסישער ארמעע און דיעזען אנצוג וועל איך יעצט ביי דעם פאראד טראָגען צום ערשטען מאָל.

— דאן וועל איך דיך נאָך מעהר ליעב האָבען וויא איך האָב דיך יעצט ליעב, האָט ער געזאָגט מיט א שמייכעל. אין א קריעגערישען מונדיר קוקסט דו אוים פיעל חן'עווודיגער וויא אין געוועהנליכע ווייבערשע קליידער.

מיט א ליעבליכען געלעכטער האָט זיך קאטהערינא אוועקגעזעצט ביי'ם שרייב־טיש און האָט אונטערגעצייכענט דעם אוקאז, אין וועלכען זיא האָט גע־לאָזען א בלאנק, א ליידיג שטיקעל פּלאץ, איינצושרייבען דעם נאָמען פון דעם הויפּט קאָמאנדיר. זיא האָט עס באלד געוואָלט טהאָן, אָבער אין דיעזען אויגענ־בליק האָט מען שטיל אָנגעקלאפּט אין טיהר און באלד איז אריינגעקומען איהר קאמער־פרוי מאדאם גראָמאן.

— מאיעסטעט, האָט זיא געמעלדעט, דער נייער מיליטערישער אנצוג איז פערטיג. פיעלייכט וועט איהר אזוי גוט זיין, מאיעסטעט, איהם אָנצומעסטען?

— יא, איך געה, און דו, אלעקסאנדער, האָט זיא זיך געווענדעט צו פּאָ־

טעמקין'ען, נעהם שרייב איין אין אוקאז דעם נאָמען פון גראף אָרלאָוו, איך קום באלד צוריק.

מיט דיעזע ווערטער איז קאטהערינא ארוים פון צימער און פּאָטעמקין איז געבליעבען אליין, פערטיעפט אין מחשבות. מיט אמאָל איז ער אויפגעשטאנען און האָט צו זיך אליין געזאָגט:

— איך מוז זיך מיט דיעזע געלעגענהייט בענוצען. ווען זיא זאָל מיך בעשטראָפען, ווען זיא זאָל מיך זאָגאר פון זיך פערשטויסען מוז איך עס טהאָן. איך קען מעהר ניט אריבערטראָגען דאָס וואָס דיא וועלט בעטראכט מיך אלס א פיינגלינג אָדער אלס אן איינגעשלאָסענע קוקלע. איך בין א מאן און מוז זיך צייגען אלס מאן, וואָס קעמפּפט פיר זיין פאָטערלאנד און אָפּפערט מיט מוטה זיין לעבען ווען ס'איז נויטיג.

מיט ציטערענדע הענד האָט ער ארויסגענומען פון זיין בוזים־טאש איינינע בריעף און האָט וויעדער צו זיך אליין געשפּראָכען:

— מען פערדאמט מיך שוין. יעדע פּאָסט ברייננט מיר אזעלכע אנאָנימע בריעף, אָהן אונטערשריפטען. דיא היינטיגע האָב איך נאָך גאָר ניט דורכגעלעזען אפילו. איך וויים שוין פריהער וואָס מען דענקט איבער מיר, פון דעסטוועגען דארף מען זיי יעצט דורכקוקען. דאָס וועט מיר געבען מעהר מוטה צום געפעהרליכען שריט וואָס איך וויל יעצט מאכען.

ער האָט אויפגעפּענט דעם ערשטען בריעף, וועלכער איז געוועזען גאנץ קורץ, אָבער שארף:

"פּוסטאָפּאסניק פּאָטעמקין, ווען וועסט דו שוין ענדליך אמאָל צייגען, אז דו פערדיענסט דיין ברויט וואָס דו עסט אויף אין רוסלאנד? אָנפאנגס האָט דאָס פּאָלק דיך געליעבט, מען האָט געמיינט דו וועסט עטוואָס טהאָן פיר דיין פאָטערלאנד, יעצט אָבער האסט מען דיך וויא א פאראזיט. א פּוסטאָפּאסניק, א ליידיג געהער וואָס לעבט נור דורך דער גנאדע פון א פרוי איז ניט ווערטה דיא זון זאָל אויף איהם שיינען".

אין א צווייטען בריעף האָט ער געלעזען פּאָלגענדעס:

"אלעקסאנדער פּאָטעמקין איז שעהן און קרעפטיג, דאָך איז ער א העסליכער נפש, א פיינגלינג, ער ציטערט פאר א פליעג. יעצט, ווען א שרעקליכע געפאהר פון רעוואָלוציאָן שטעהט שוין ביי דיא טויערען פון רוסלאנד, געהט ער זיך ארום ליידיג און שווימט אין פערגעניגען און קימערט זיך גאָר ניט ווען אפילו גאנץ רוסלאנד זאָל אונטערגעהן".

— איך קען אזעלכע בריעף מעהר ניט אריבערטראָגען, האָט פּאָטעמקין געמורמעלט צו זיך אליין. איך מוז צייגען, אז איך בין ניט קיין פיינגלינג און אז איך פערדיען מיין ברויט וואָס איך עס אויף.

ער האָט זיך געזעצט אויף'ן זעלבען שטוהל וואו קאטהערינא איז פריהער

געזעסען. ער האָט נאָך אמאָל בעטראכט דעם אוקאז וואָס איז געווען אונטער־ציינעכנט פון צוויי מיניסטאָרען. אויבען איז געווען דער אונטערשריפט פון דער קייזערין. דער פלאַץ וואו עס דארף איינגעשריעבען ווערען דער נאָמען פון'ם הויפּט־קאָמאַנדיר איז געווען לעדיג. דאָרט האָט איהם דיא קייזערין געהייסען אַנשרייבען אָרלאָוו'ס נאָמען.

ער האָט גענומען דעם פעדער אין האנד און האָט אויף'ן ליידיגען פלאַץ איינגעשריעבען זיין אייגענעם נאָמען: אלעקסאנדער פּאָטעמקין, גענעראַל מאיאָר פון פרעאָבראזשענסקי גווארדיע.

האסטיג האָט ער בעשאָטען דיא פייכטע בוכשטאבען מיט דער גאָלד־זאמד און האָט צוזאמענגעלייגט דעם פּאפּיער מיט ציטערענדע הענד.

— א פעלשונג! א פערברעכען! האָט ער געמורמעלט מיט בלאַסע ליפּען. איך האָב געפעלשט א קייזערליכען דאָקומענט. קיינער וואָלט אזא זאך ניט געוואגט צו טהאָן. פיליכט וועט זיא זיך באלד ארומזעהן? פיליכט וועט זיא מיך דערפאר אוועקשיקען אין סיביר? אָבער, ניין — זיא וועט מיר קיין שלעכ־טעס ניט טהאָן; איך וויים, אז זיא ליעבט מיך מיט איהר גאנצער נשמה.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דיא טיהר געעפענט און קאטהערינא איז אריינ־געקומען אין איהר יוניפאָרם מונדיר. פּאָטעמקין איז ערשטוינט געבליבען, ווען ער האָט קאטהערינא'ן דערזעהן אין איהר מונדיר אלס גלאוונאַ־קאָמאַנדוויוש־טשאיא פון דער רוסישער ארמעע.

און ווירקליך האָט קאטהערינא נאָך קיינמאָל אזוי הערליך אויסגעזעהן וויא אין דיעזען פּראכטפאָלען קריעגערישען אנצוג. דער דונקעל בלויער ראָק מיט דיא רויטע שנור און דיא רייכע גאָלדענע פערציערונגען אויף דיא ארבעל און דיא ברוסט, מיט דיא ברייטע גענעראַל־עפּאָלעטען, אלעס איז געווען אויף איהר וויא אויסגעקלעפּט פון וואקס. אם מעהרסטען אָבער האָט איהר זעהר געקליידעט דיא רויטע הויזען מיט דיא ברייטע גאָלדענע לאמפּאסען און דיא טהייערע שטי־וועל מיט דיא גאָלדענע שפּאָרען. דער גענעראל הוט מיט דיא פעדערען, דער שווערד ביי'ם זייט און דער בליצענדער אָרדען אויף איהר ברוסט, דאָס אלעס צוזאמען מיט איהר העלדישע שעהנע פיגור האָט פאָרגעשטעלט א בילד, פון וועלכען מען האָט ווירקליך געקענט ענטציקט ווערען.

— אָה, מיין געליעבטע קייזערין, האָט ער אויסגערופען פאלענדיג איהר צו דיא פיס. וויא הערליך שעהן דו ביסט! דו זעהסט יעצט אוים וויא א ריכטיגע קריעגס־געטין!

זיא האָט איהם גערייכט דיא האנד וועלכע ער האָט מיט גרוים בעגייסטע־רונג געקושט.

— איך האָב זיך פאר דיר אויסגעפּוצט, מיין אלעקסאנדער! אָה, דו בייזער מאן, און דו מאכסט מיר אימער אזוי פיעל זאָרג און פערדרוס. שטעה

אויף, מיין ליעבעס קינד, לאָמיר פאָהרען. איך האָב ארויסגעשיקט שנעלע בע־פעהלע אלע גענעראלען זאָלען מיך ערווארטען אין לאנער. אויך גרעגאָר אָרלאָוו וועט דאָרטען זיין. אָה, יא. איך האָב שיער פערגעסען דעם אוקאז מיט צו נעהמען. געה, דערלאנג עס מיר.

פאָטעמקין האָט גענומען דעם צוזאמענגעלייגטען פאפיער פון שרייב־טיש און האָט עס איהר דערלאנגט. זיא האָט אפילו קיין קוק ניט געטהאָן אינווע־ניג און האָט עס אזוי ארייגעשטעקט אין ברוסט טאש פון איהר מונדיר.

— האָסט דו אויסגעפילט דעם נאָמען, טהייערער?

— יא, קאטהערינא.

— טהו מיך נאָך אמאָל א קוש, אלעקסאנדער, יעצט וועלען וויעדער לאנגע שטונדען פאריבער ביז מיר וועלען זיין אליין, ביז איך וועל דיך קענען האלטען ביי מיין ברוסט. אך, וויא גליקליך וואָלט איך זיין, ווען מיר וואָלטען געקענט אימער לעבען נור פיר אונז אליין.

פאָטעמקין האָט גענומען דיא קייזערין און האָט זיא צוגעדריקט פעסט צום הארצען און האָט זיא א קוש געטהאָן אין שטערן.

— יעצט, קום, געליעבטער, האָט קאטהערינא לוסטיג געזאָגט, דיא סוויטע ווארט שוין אויף אונז אין הויף.

אייניגע מינוטען שפעטער זיינען קאטהערינא און פאָטעמקין אונטער דער בעגלייטונג פון א סך דאמען און העררן רייטענדיג אויף טהייערע פערד געפאָה־רען צום לאגער פון דיא רעגימענטען וואָס האָבען זיך צוזאמענגעזוכט...

עס איז געווען א פראכטפאָל שעהנעס בילד צו בעטראכטען דיא לאנגע גלענצענדע רייהע פון דער פרעאָבראזשענסקי גווארדיע אויף'ן גרויסען פעלד. דיא בליצענדע וואפען, דיא רייכע מונדירען, דיא פליהענדע פאָהנען, דיא מוזיק כאָהרען מיט זייערע אינסטרומענטען וואָס דיא קייזערין זעלבסט האָט זיי גע־שאָנקען, דיא אָפיציערען מיט דיא בלויזע שווערדען פאראויס — דאָס אלעס איינגעראהמט אין א פראכטפאָלע פריהלינג־לאנדשאפט האָט פאָרגעשטעלט א מערקווירדיג־שעהנעס בילד.

עטוואָס ווייטער פון פראָנט זיינען געווען פערזאמעלט אלע גענעראלען און צווישען זיי אויך גראף אָרלאָוו, וועלכער האָט נאָך אימער געשפיעלט דיא ראָלע אלס דיא הויפט פערזאָן וואָס פיהרט דיא גאנצע רוסישע קריעגס־מאכט. קיינער האָט ניט געצווייפעלט, אז דיא קייזערין וועט איהם היינט בעשטימען אלס דער הויפט קאָמאנדיר פון דער גאנצער ארמעע וואָס געהט אין קריעג.

דיא גאנצע בעפעלקערונג פון פעטערבורג האָט באלד ערפאהרען, אז דיא קייזערין וועט מיט גרויס פאראד אָבהאלטען א מאנעווער איבער דיזער ארמעע, און א געוואלטיגע מאסע מענשען האָט זיך געצויגען וויא א שטראָם צום לאגער.

יעדער איינער האָט געוואָלט דיא געלעגענהייט בענוצען אום דיא געליעבטע קייזערין צו זעהן און זיא בעגריסען.

דאָס פובליקום האָט בעלאגערט אלע ארומיגע פעלדער אזוי ווייט וויא דיא אויגען קענען זעהן און דער גערדרענג איז געוועזען אזוי גרויס, אז דיא סאָלדאטען וואָס זיינען געשטאנען ארום האָבען קוים געקענט איינהאלטען דיא מאסען אום דער שאָסעע, איבער וועלכען דיא קייזערין דארף קומען, זאָל בלייבען פריי.

דיא גענעראַלען האָבען דערווייל צווישען זיך געפיהרט אן ערנסטען גע־שפרעך וועגען פוגאטשעוו׳ן און וועגען קריעג וואָס האָט אזוי פּלוצים אויסגעבראָ־כען. אָנפאנגס האָט מען פוגאטשעוו׳ן מיט זיין באנדע אויסגעלאכט. קיינער האָט עס ניט אָנגענומען פאר אן ערנסט, מען האָט עס געהאלטען פאר א שפּאס. דיא לעצטע צייטען אָבער זיינען אָנגעקומען טרויעריגע נאכריכטען, איבערהויפּט אז פוגאטשעוו׳ס רויבער באנדע איז שוין פערוואנדעלט געוואָרען אין א גרויסע ארמעע און ער האָט שוין זאָגאר געוואגט אָנצוגרייפען דיא שטאָלצע פעסטונג אָרענבורג און צו בעלאגערען דעם קניאז דאשקאָוו מיט אלע זיינע רעגימענטען. וועגען דער שרעקליכער בלוט־באָד וואָס פוגאטשעוו האָט געמאכט אין דער גע־נומענער פעסטונג האָבען זיי נאָך ניט געוואוסט.

אָבער דאָס גאנצע פאָלק איז געוועזען זיכער, אז דיא מעכטיגע קייזערין, קאַ־טהערינא דיא גרויסע, וועט באלד מאכען אן ענדע פון פוגאטשעוו׳ן מיט זיינע רעבעלען. מען איז געוועזען שטארק צופריעדען וואָס מען שיקט דיא גווארדיע צו שטילען דעם אויפשטאנד. דאָס האָט געצייגט, אז דיא קייזערין האָט בע־שלאָסען דיא שענדליכע באנדע אויסצוראמען אזוי שנעל וויא מעגליך.

פּלוצים האָט זיך אין דיא אונענדליכע מאסען אָנגעפאנגען א געוואלדיגע בעוועגונג. יעדער האָט זיך געשטופּט צום פראָנט. איבעראל האָבען זיך געהערט קולות: דיא קייזערין קומט!

— עס לעבע קאטהערינא דיא גרויסע! האָבען באלד פיעלע טויזענדע שטימען געדונערט.

מיט א טיעפע פערנייגונג האָבען דיא גענעראלען בעגעגענט דיא הערשערין און האָבען זיך אָנגעשלאָסען אין איהר סוויטע. זיא האָט געריטען אויף א פּראכט־פאָלען ענגלישען פערד און באלד הינטער איהר האָט גאלאָפּירט אלעקסאנדער פּאָטעמקין.

— הורראַ! הורראַ! האָט עס איבעראל געהילכט. היטלען זיינען גע־פלויגען אין דער לופט און דיא צושויער וואָס זיינען געשטאנען אין פראָנט זיינען געפאלען אויף דיא קניע, ווערענד דיא קייזערין איז פערבייגעפאָהרען נעבען זיי אויף איהר ספּריטני פערד.

דיא קייזערין איז צוגעפאָהרען צו דיא טרופּען און אין זעלבען מאָמענט

האָבען אייניגע מוזיק אָרקעסטערס אָנגעפאנגען שפּיעלען דאָס רוסישע נאציאָ־נאַלע ליעד.

— עס לעבע אונזער מוטער קאטהערינא! עס לעבע דיא גרויסע און מעכ־טיגע קייזערין! האָט דיא גאנצע גווארדיע אין איין קול אויסגעשריען.

אונבעשרייבליכער רעש פון אמת'ע בעגייסטערונג האָט אָנגעפילט דיא לופט ביז דיא קייזערין האָט ענדליך איהר האנד אויפגעהויבען אלס צייכען, אז זיא וויל רעדען צו דער ארמעע.

מיט אמאָל איז געוואָרען שטיל. אלע האָבען וויא איינגעשטומט. ארום איהר אין א האלבען קרייז האָבען זיך גרופּירט דיא גענעראלען. צו איהר רעכטער זייט איז געשטאנען פּאָטעמקין און פון דער לינקער זייט אָרלאָוו.

— סאָלדאטען! האָט קאטהערינא אויסגערופען מיט א פעסטע, הויך־קלינ־גענדע שטימע. ביי דער פעסטונג פון אָרענבורג קומט יעצט פאָר א שענדליכער אויפשטאנד. עס ברעכט מיר מיין הארץ אין שטיקער ביי'ם שרעקליכען גע־דאנק, אז א הויפען אויסוואורפען, געמיינע באנדיטען האָבען געקענט וואגען צו מאכען אן אויפשטאנד. עס טהוט מיר לייד אויף דיא טויזענדע פון מיינע אונטערטהאנען וואָס האָבען זיך געלאָזט פערפיהרען און האָבען זיך אָנגעשלאָסען אין דיעזען אויפשטאנד. איך בין ענטשלאָסען יענע רעבעלען באנדעס צו בע־שטראָפען און איהר, סאָלדאטען, איהר זיינט אויסערוועהלט דאזו צו רייניגען דאָס פאָטערלאנד פון דיעזע העסליכע ברואים. איהר, מיין געליעבטע פּרע־אָבראזשענסקי גווארדיע, וואָס האָט זיך שוין פיעל מאָל אויסגעצייכענט אויף'ן שלאכטפעלד, איהר מארשירט יעצט אָב גלייך נאָך אָרענבורג און באלד וועלען דיא טהאָלען און דיא בערג פון סיביר קלינגען מיט'ן גרויסען זיעג פון אייער פּאטריאָטיזמוס. נעהמט זיך פאָר, מיינע ליעבע סאָלדאטען, זיעגען אָדער שטאר־בען פאר אייער קייזערין, דאָס איז דער פּרינציפּ פון יעדען בראווען סאָלדאט.

— זיעגען אָדער שטארבען! האָבען אלע רייהען סאָלדאטען געדונערט, הורא פיר אונזער מוטער קאטהערינא!

— איך דאנק אייך, קינדער, האָט דיא קייזערין געענטפערט מיט א ליעב־ליכע שטימע. דאָס איז דער אנטוואָרט וואָס איך האָב פון אייך ערווארטעט. נעהמט מיט אויף'ן וועג מיין ברכה און מיינע לעצטע בעגריסונגען. איך בעט ביי'ם אלמעכטיגען גאָט ער זאָל אייך בעהיטען און בעשיצען און זאָל אייך קרוי־נען מיט זיעג.

דאן האָט קאטהערינא ארויסגענומען פון ברוסט טאש א פּאפּיער און נאָך איידער זיא האָט איהם געעפענט האט זיא אויסגערופען זיך ווענדענדיג צו דיא סאָלדאטען:

— יעצט וועל איך אייך בעקאנט מאכען, קינדער, ווער אייער הויפּט־קאָ־

מאנדיר איז. דיעזער דאָקומענט ענטהאלט אונזער קייזערליכען ווילען און דאַ־מיט ערקלער איך אייך, אז אלס אייער פעלדמארשאל איז בעשטעלט —

—דער גענעראל מאיאָר אלעקסאנדער פּאָטעמקין! האָט אין דיעזען אוי־גענבליק אויסגערופען א קלינגענדע שטימע ביי קאטהערינא׳ס זייט.

דאָס האָט פּאָטעמקין געוואגט צו טהאָן, איבערצושלאָגען דיא רייד פון דער קייזערין און עפענטליך ערקלערען אזא זאך וואָס זיא דענקט גאָר ניט. א געוואלדיגע איבערראשונג האָט זיך איבעראל פערשפרייט וועהרענד פּאָטעמקין האָב זיך צוגעבויגען צו קאטהערינא׳ן און האָט איהר גאנץ שטיל געזאָגט:

— קאטהערינא, אויב דו ווילסט ניט איך זאָל בעגעהן זעלבסטמאָרד, אויב דו ווילסט מיך ניט אונגליקליך מאכען, דאן זאָלסטו מיינע ווערטער ניט וויעדער־שפּרעכען.

— אונגליקליכער, וואָס האָסט דו געטהאָן? האָט זיא געשטאמעלט מיט בלאסע ליפּען.

— דאָס וואָס מיין עהרע אלס מאן האָט געפאָדערט. לעז דעם אוקאז, מיין נאָמען איז איינגעשריעבען און דו וועסט דאך מיך ניט בעשולדיגען אין פעלשונג.

און וועהרענד דיא קייזערין האָט א בליק געטהאָן אויף׳ן פּאפּיער, איז פּאָ־טעמקין ארויסגעריטען און האָט ארויסגעכאפּט זיין שווערד פון׳ם זילבערנעם שייד. זיין הערליכע געשטאלט האָט אויסגעזעהן וויא דער גאָט פון קריעג. און מיט א זיסע קלינגענדע שטימע האָט ער אויסגערופען:

— סאָלדאטען! דורך׳ן צוטרויען פון איהר מאיעסטעט, אונזער געליעבטע קייזערין, בין איך געשטעלט געוואָרען אן דער שפּיצע, אום אייך צו פיהרען געגען פיינד. עס איז צופיעל עהרע פיר יענע רויבער און באנדיטען צו זאָגען, אז מיר וועלען זיי בעזיעגען. אזא וואָרט פּאסט נור פאר עהרליכע געגנער, אָבער זיי, דיא באנדיטען, וועלען מיר צוטרעטען אונטער אונזערע פיס.

„און אין דיעזען הייליגען מאָמענט פערשפּרעך איך אייך צו טהיילען מיט אייך יעדע געפאהר אויף׳ן קריעגספעלד. איך וועל זיין דער ערשטער אין קוילען־רעגען און דער לעצטער דיא שלאכטפעלד צו פערלאָזען. איך פערטרוי אייך, סאָלדאטען, און איך פּאָדער פון אייך, אז איהר זאָלט מיר אויך פערטרויען, אז איך וועל פאר אייך זיין א געטרייער פעלדמארשאל.

— האָך לעבע אונזער פעלדמארשאל אלעקסאנדער פּאָטעמקין! האָט דיא גאנצע ארמעע אויסגערופען מיט גרויס בעגייסטערונג. מיט איהם וועט אונז גאָט זעגנען, מיט איהם וועלען מיר זיעגען!

אויך אלע אָפיציערען זיינען העכסט דערפרעהט געוואָרען. זיי האָבען איהם ארומגערינגעלט און אויפגעהויבען זייערע שווערדען, אזוי וויא צום שווערען טרייהייט. דאן האָט יעדער איינער גענומען איהם דריקען דיא האנד און איהם ווינשען גליק.

קאטהערינא האט ביי דיזען איבערראשענדען צופאל געציינט, אז זיא איז ניט נור א גרויסע קייזערין, נור אז זיא איז אויך א פרוי, א פרוי מיט אלע מעלות און שעהנהייטען. פאטעמקין האט מיט זיין מוטה זיא בעזיעגט. דיא בעגייסטערונג, מיט וועלכע ער האט געשפראכען צו דיא סאלדאטען, דיא ענט־ציקענדע ערשיינונג פון זיין פערזאן און דער ענטהוזיאזם, מיט וועלכען דיא סאל־דאטען און דיא אפיציערען האבען איהם אויפגענומען אלס זייער הויפט־קאמאנ־דיר — דאס אלעס האט איהר צארן געשטילט. נאך מעהר, זיא איז אין דעם מאמענט געווארען שטאלץ מיט איהם און עס איז ביי איהר געווען שטארק אנ־געלייגט וואס דיא געשיכטע האט זיך אזוי אויסגעלאזט.

אמת, איהר ברוסט איז געווען צוזאמענגעקרעמפפט פון גרויס שמערץ. זיא האט מאמענטאן דערפיהלט דעם גאנצען אונמוטה פון בלייבען אליין. זיא וועט איהר ליעבלינג גאנצע וואכען און פיליכט מאנאטען ניט זעהן און זיא האט גע־ציטערט פאר'ן געדאנק טאמער חלילה פאסירט דארט עפעס מיט איהם. דאך איז איהר זעעלע געווען פול מיט שטאלץ און בעפריעדיגונג. דער מאן וועמען זיא האט איהר ליעבע געשאנקען איז העכער וויא אלע אנדערע שטערבליכע; ער איז א העלד, וועלכען דיא גאנצע ארמעע בעגריסט מיט רעספעקט און אלע זיינען צופריעדען מיט דער גאנצער נשמה צו שטעהן אונטער זיין קאמאנדע.

זיא האט צו איהם א וואונק געטהאן ער זאל צוקומען נעהענטער צו איהר און קוקענדיג אויף איהם מיט טהרערען־פייכטע בליקען האט זיא ביי איהם געפרעגט מיט א ליעבליכען טאן:

— אלעקסאנדער, מיין ליעבער אלעקסאנדער, וויא אזוי האסט דו דאס מיר געקענט טהאן?

— פערצייהע מיר, געליעבטע, האט ער אנגעפאנגען גאנץ שטיל. איך בין געצוואונגען געווען אזוי צו האנדלען, זאנסט וואלט איך מיך אליין געווען פערהאסט וויא דעם טויט.

— שווער מיר, אז דו וועסט זיך היטען, וועסט ניט לויפען אין געפאהר, סיידען עס וועט זיין עקסטרא נויטווענדיג.

— דאס שווער איך דיר, מיין לעבען.

— און דו מוזט מיר אויך שווערען, אז דו וועסט דיא גאנצע צייט פון דיין אבוועזענהייט מיר בלייבען טריי, אז דו וועסט באלד נאך'ן שלאכט קומען צו מיר, מיר ארויפפאלען אויף'ן האלז און מיך הארציג קושען, קיין אומערשיעד וויא דער שלאכט וועט זיך ענדיגען, גוט אדער שלעכט.

— איך פערשפרעך עס דיר, טהייערע, איך גיב דיר מיין עהרען ווארט דארויף.

— דאן פאהר געזונד, מיין לעבען! גאט זאל דיך בעשיצען און זאל דיך צוריק ברייגגען צו מיר מיט דער קרוין פון זיעג.

דיא קייזערין האט איהם גערייכט דיא האנד און ער האט זיך איינגעבויגען און היים געקושט איהרע שעהנע, קלארע פינגער, עפענטליך פאר'ן גאנצען פאלק און פאר דער גאנצער ארמעע.

— דיא טרופען וועלען אבמארשירען אין דריי טעג ארום, האט זיא צו איהם געזאגט, דריי טעג בלייבען אונז נאך, אלעקסאנדער, אונז אין אונזער ליעבע —

אין דיעזען אויגענבליק האט מען דערזעהן דארט אונטען גאנץ ווייט אויף'ן שאסע א קליינעם שטויב־וואלקען. א רייטער קומט. ער איז געפלויגען מיט דער שנעליגקייט פון א שטורם און יעדען מאמענט האט מען זיין געשטאלט אימער דייטליכער געזעהן. מען האט בעמערקט, אז זיין מונדיר איז צוריסען און בעדעקט מיט שטויב. זיין פערד איז אזוי וויא אבגעבאדען אין שוויים, פון א לאנגען ערמיעדליכען וועג.

מען האט געמערקט וויא דער רייטער האט נאך אמאל אריינגעשטעקט דיא שפארען אין דיא זייטען פון זיין פערד. ער איז פערבייגעפלויגען דיא לאנגע רייהע פון דיא רעגימענטען, ביז ער איז ענדליך צוגעקומען צו דער קייזערין און האט זיך אבגעשטעלט. דיא קייזערין האט איהם בעטראכט מיט גרויס ער־שטוינען און אלע אנדערע ארום איהר זיינען שטארק איבערראשט געווארען וועהרענד דער רייטער האט ארויסגענומען א פאפיער פון זיין טאש און האט געמעלדעט דער קייזערין:

— א דעפעשע פון מאסקווער גענעראל גובערנאטאר צו אייער מאיעסטעט.

— ווער זייט איהר? וויא איז אייער נאמען? האט דיא קייזערין געפרעגט.

— מאיעסטעט, איך בין לייטענאנט זובאוו, דער לעצטער אפיציער פון ארענבורג.

דיא קייזערין האט האסטיג אויפגעעפענט דיא דעפעשע וועהרענד אלע גענעראלען און דיא גאנצע סוויטע ארום איהר האבען מיט דער גרעסטער אונגע־דולד געקוקט אויף איהר צו הערען וועגען וואס דא האנדעלט זיך.

קאטהערינא האט דורכגעקוקט דיא דעפעשע און איהר געזיכט איז טויט־בלאס געווארען. איהרע הענד האבען אזוי שטארק געציטערט, אז דאס פאפיער איז איהר פון דיא הענד ארויסגעפאלען.

— אלעקסאנדער פאטעמקין! האט זיא אויסגערופען מיט א פערשטיקטע שטימע, נעהמט דיא דעפעשע און לעזט דורך — איך קען ניט — איך קען קיין ווארט ניט שפרעכען.

פאטעמקין האט שוין לאנג געהאט אויפגעהויבען דיא דעפעשע פון דער ערד און יעצט אויף קאטהערינא'ס בעפעהל האט ער גענומען לעזען אין דער הויך דעם אינהאלט:

"דער גענעראל גובערנאטאר פון מאסקווא מעלדעט אונטערטהעניגסט צו אייער קייזערליכע מאיעסטעט, אז דער איבערברענגער פון דיעזער דעפעשע

לייטענאנט פלאטאן זובאוו, פון דעם 27טען רעגימענט אין ארענבורג, איז אנגע־קומען דעם 22טען מאי, און בעריכטעט, אז ארענבורג איז געפאלען, פוגאטשעוו דער רעבעל, איז אין א פינסטערע נאכט, וואהרשיינליך דורך פערראטה, אריינ־געפאלען אין פעסטונג און האט דארט געמאכט א שרעקליכע בלוט־באד. אלע סאלדאטען און דיא איינוואהנער זיינען אויסגעקוילעט געווארען וויא דיא שאף. קניאז דאשקאוו איז טויט. לייטענאנט זובאוו ערקלערט, אז ער איז דער איינ־ציגער פון דיא אפיציערען וואס איז געבליבען לעבען. יעצט געהט פוגאטשעוו מיט זיינע באנדעס, אן ערך פון צוואנציג טויזענד מאן, דירעקט נאך מאסקווא".

דאמיט האט פאטעמקין געענדיגט לעזען. א טויטע שטילקייט האט געהערשט נאך דיעזער שרעקליכער בשורה. דיא קייזערין האט בעדעקט דיא געזיכט מיטביידע הענד און גרויסע טהרערען האבען זיך געקייקעלט דורך איהרע פינגער.

קאטהערינא דיא גרויסע האט געוויינט.

קיינער אין דער וועלט האט ניט געזעהן, אז דיעזע העלדמוטהיגע פרוי זאל וויינען. אבער יעצט האט זיא פערגאסען ביטערע טהרערען עפענטליך, אין דער געגענוווארט פון צעהנדליגע טויזענד מענשען.

— מיינע ארימע סאלדאטען און אונטערטהאנען! האט זיא אויסגערופען מיט א ביטערען יאמער. טויט — אלע טויט! געפאלען אוים טרייהייט צו מיר! געפאלען ביי דער פערטהיידיגונג פון פאטערלאנד! מיין שעהנע, שטאל־צע ארענבורג איז געווארען א חורבה. בעזיעגט. אה, גאט! דער וועהמאג, איך בין בעזיעגט פון א שענדליכען, רויבערישען קאזאק!

איהר שטימע וועלכע איז ביי דיא ערשטע ווערטער געווען ווייך און טרויעריג איז צום לעצט געווארען אויפגערייצט און זיא האט געברענט פון כעס.

— דאך, האט זיא פארטגעזעצט, ווען דיעזער באנדיט מיינט ווירקליך מיט מיר אין ערנסטען צו קעמפפען פאר'ן רוסישען טהראן, וועל איך איהם צייגען וואס קאטהערינא דיא גרויסע קען. לייטענאנט זובאוו, האט זיא געזאגט זיך ווענדענדיג צום רייטער, דערצעהלט מיר אלעס גענוי, אלעס וואס איהר האט געזעהן מיט דיא אויגען.

— אונטער דיא רואינען פון ארענבורג, האט זובאוו אנגעפאנגען מיט א ריהרענדע שטימע, זיינען בעגראבען פינף טויזענד סאלדאטען און אונגעפעהר זיבען טויזענד בירגער, מענער, פרויען און אונשולדיגע קינדער. אלע אויסגע־מארדעט, אויסגעשלאכטעט, אין שטיקער צוריסען. דיעזער מענשליכער אויס־ווארף, דיעזע בעסטיע אין מענשען געשטאלט, פוגאטשעוו, און זיינע געפעהר־ליכע באנדעס — דארף איך מיר ערלויבען, מאיעסטעט, דעם גאנצען אמת צו בעריכטען?

— געוויס, האט דיא קייזערין געענטפערט. איך וויל, איך מוז דעם גאנצען אמת וויסען.

— אלזא, מאיעסטעט, אָרענבורג וואָלט געווים ניט געווען געפאַלען. עס וואָלט קיינמאָל ניט געקענט געלינגען דעם רויבער פּוגאטשעוו דיעזע גרויסע, שטאַלצע פעסטונג צו נעהמען. מיר זיינען געווען שטארק גענוג ארויסצוגעהן נעגען דיא רעבעלען אין אָן אָפענעם קאמפּף און זיי אַלע פערניכטען. אָבער קניאז דאשקאָוו איז דער איינציגער שולדיגער אין דיעזען אונגליק.

— יא, איך האָב שוין געהערט, האָט דיא קייזערין בעמערקט, אז ער האָט זיך געצייגט אלס פייגלינג, אונפעהיג און אלס א גרויסער אידיאָט.

— ער איז געווען א קאָמאנדאנט וואָס האָט אויף אונז געבראכט מעהר געפאהר וויא דער פיינד. מיר אַלע האָבען געברענט פון חשק ארויסצוגעהן אין קאמפּף און מיר וואָלטען געווים געזיעגט, דאשקאָוו האָט אונז אָבער געצוואונגען צו זיצען אינעווענינ אין פעסטונג און ווארטען ביז פּוגאטשעוו וועט קומען און אונז אַלעמען אויסשלאכטען.

„ער האָט נאָך מעהר געטהאָן וויא דאָס, מאיעסטעט, האָט דער ריטער פאָרטגעזעצט און טהרערען האָבען זיך איהם אין דיא אויגען געשטעלט, ער האָט זיך בעוויעזען אלס א שרעקליכער טיראן. ער האָט געפּייניגט און געמאטערט דיא בירגער פון אָרענבורג מיט הונגער און מיט דורשט. ער האָט זיי געהאַלטען אין פאָרהויף פון פעסטונג אונטער'ן פרייען הימעל און פוגאטשעוו'ס גראנאטען האָבען פון זיי שטיקער געריסען און זיי האָבען זיך נעביך גאָר ניט געקענט העלפען, ביז אַלע זיינען ענדליך געגען איהם אויפגעשטאנען און האָבען איהם איינפאך געוואָלט לינטשען.

דאן האָט דער אָפיציער ווייטער דערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע וואָס ס'איז געוואָרען מיט דאשקאָוו'ען און וועגען דעם פלוצליכען בעפעל וואָס פּוגא־טשעוו האָט דיא זעלבע נאכט געמאכט אויף דער פעסטונג און האָט געענדיגט מיט פאָלגענדע ווערטער:

— אין קאָזאקען־לאגער איז געווען גאנץ שטיל און רוהיג, ווייל אַלע זיינען אוועק צום פעסטונג. זייערע פערד האָבען זיך געפאשעט פריי ארום דיא גע־צעלטען און איך האָב זיך דאמיט בענוצט. איך בין שנעל ארויף אויף זייערען א פערד און רייטענדיג האָב איך דעם טייך אריבערגעשוואומען. איך האָב מיך אין ערגיץ ניט אָבגעשטעלט, אויסער ווען דער פערד האָט געברויכט עטוואָס רוהע און עסען, ביז איך בין קוים א לעבעדיגער אָנגעקומען קיין מאָסקווא און האָב אָבגעגעבען דעם גענעראל גובערנאטאָר מיין פולען בעריכט. ער האָט אַלעס גענוי אויסגעהערט און א פערטרויערטער האָט ער מיר געהייסען באלד ווייטער רייזען, וואָס שנעלער אייער מאיעסטעט דיעזען פאפיער איבערצוגעבען.

דערמיט האָט זובאָוו זיין רעפּאָרט געענדיגט. דיא קייזערין האָט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט אַלעס אויסגעהערט און האָט געגעבען א בעפעהל

מען זאָל איהם בעלאָהנען מיט אן אָרדען און ער זאָל אריינקומען אלס אָפיציער אין פּרעאָבראזשענסקי גווארדיע.

— עס איז זעהר מעגליך, האָט קאטהערינא דאן געזאָגט צו איהר סוויטע, אז פּוגאטשעוו האָט שוין געהאט א מפּלה. דער בראווער גענעראל ריבאָדינסקי, וועלכען מיר האָבען מיט איינינע טעג פריהער ארויסגעשיקט מיט פינף טויזענד רייטער, מוז שוין לאנג זיין דאָרט און ער וועט זיך שוין מיט זיי רעכענען.

אָבער נאָך איידער קאטהערינא האָט דיעזע ווערטער געענדיגט, האָט זיך פון ווייטען בעוויעזען א נייער רייטער, א קוריער, וואָס איז געפלויגען וויא א פייל פון בויגען. באלד איז ער צוגעקומען צו דער קייזערין און אויף זיין פינ־סטערע געזיכט איז געווען צו בעמערקען, אז אויך ער האָט געבראכט א פינסטערע בשורה.

— מאיעסטעט, האָט ער אויסגערופען מיט א טיעפע פערנייגונג. איך קום פון מאָסקווא. עס איז אָנגעקומען א ידיעה, אז גענעראל ריבאָדינסקי האָט אָנגע־טראָפען דעם רעבעל פּוגאטשעוו אויף׳ן וועג, צעהן שטונדען רייזע פון מאָסקווא. א פירכטערליכער קאמפף איז פאָרגעקומען און גענעראל ריבאדינסקי מיט זיינע רייטער זיינען געשלאָגען געוואָרען. דער גענעראל האָט בענאנגען זעלבסטמאָרד און דיא קליינע צאָהל רייטער וואָס האָבען זיך געקענט רעטען זיינען זיך צולאָפען פון שלאכטפעלד.

"יעצט געפינט זיך פּוגאטשעוו אין אן אונגעשטערטען מארש נאָך מאָסקווא. דער גענעראל גובערנאטאָר האָט געבראכט דיא שטאָדט אין א פערטהיידיגונגס צושטאנד און ער ווארט ביז עס וועט קומען הילפע פון אייער מאיעסטעט.

— ערלויבט מיר זאָפאָרט אָבמארשירען מיט מיין ארמעע נאָך מאָסקווא! האָט פּאָטעמקין אויסגערופען זיך ווענדענדיג צו דער קייזערין וואָס איז גע־שטאנען וויא א דערשלאָגענע. מיר ווילען זעהן וואָס שנעלער אהין קומען און איך האָף, איך בין זיכער, אז מיר וועט געלינגען פון דעם באנדיט פּוגאטשעוו א סוף צו מאכען.

קאטהערינא האָט געקוקט אויף איהר ליעבלינג מיט טהרערען אין דיא אויי־גען, זיא האָט פערגעסען, אז א וועלט מיט אויגען קוקען אויף איהר, און האָט אויסגערופען מיט א געוואלטיגע אויפרעגונג:

— וואָס? דו ווילסט מיך שוין, אין דיעזען אויגענבליק פערלאָזען, בעפאָר מיר האָבען נאָך איינער פון אנדרערען אבשיעד גענומען? אך, גאָט! איך קען דיעזען געדאנק ניט אריבערטראָגען. ווארום זאָל א קייזערין מוזען פערשטיקען איהרע הארץ־געפיהלען מעהר וויא אירגענד וועלכע פרוי אין דער וועלט?

זיא איז מיט איהר פערד צוגעפאָהרען נעהענטער צו איהם און קוים וואָס זיא האָט זיך איינגעהאלטען פון וויינען האָט זיא געשטאמעלט:

— לעב וואָהל, מיין ליעבלינג! גאָט זאָל דיך שיצען און בעהיטען, גאָט

זאָל דיך צוריקברענגען צו מיר. דו האָסט דורכאויס אזוי געוואָלט, אלעקסאנדער. דו האָסט אוועקגעשליידערט דיא בלומען פון מיין ליעבע און געהסט פלעכטען פאר זיך א לאָרבער־קראנץ פון זיעג. פאָהר געזונדערהייט, טהייערער, ליעבער, שטאָלצער מאן, און וויים, האָב אימער אין זינען, אז דו האָסט געלאָזט דיין קייזערין אליין אין טרויער. בלייב מיר טריי, אלעקסאנדער, און מיט פרייד וועל איך דיר אנטקעגען לויפען, ווען דו וועסט קומען צוריק אלעס זיעגער.

זיא האָט איהם נאָך אמאָל גערייכט דיא האנד, וועלכע ער האָט געקושט מיט ענטציקונג, און אין נעכסטען מאָמענט האָט ער ארויסגעכאפט זיין שווערד און האָט זיך געווענדעט צו דער ארמעע מיט פאָלגענדען אויפרוף:

— סאָלדאטען, נייע שלעכטע נאכריכטען זיינען אָנגעקומען און מיר מוזען גלייך מארשירען אין שלאכט־פעלד. איך וויים, קינדער, אז איהר ברענט פון אונ־געדולד דעם פיינד צו פערניכטען און איך האָף, אז מיר וועלען אלע קעמפפען ביז'ן לעצטען טראָפען בלוט פאר אונזער ליעבער קייזערין, הויבט אויף דיא פאָהנע! שפיעלט מיט דיא טראָמפעטען און שלאָגט אין פויקען! מיר ציהען אין א בלוטיגען שלאכט. מיר וועלען געווים זיעגען. עס לעבע דיא קייזערין קאטהערינא דיא גרויסע! עס לעבע רוסלאנד!

דיעזע ווערטער האָבען ארויסגערופען א געוואלטיגע בעגייסטערונג, באלד האָט דיא מוזיק געשפיעלט און דיא סאָלדאטען און דאָס גאנצע פערזאמעלטע פאָלק האָבען ווידערהאָלט דיא ווערטער:

— עס לעבע קאטהערינא דיא גרויסע! עס לעבע רוסלאנד!

מיט א ליעבליכען טאָן און מיט א מערקווירדיגע שטאָלצע בענעהמונג האָט פאָטעמקין גענומען אבשיעד פון אלע גענעראלען און דאן האָט ער זיך העפליך פערנייגט פאר'ן פאָלק און פון דער גרויסער מאסע אבשיעד גענומען.

— עס לעבע פאָטעמקין! האָבען טויזענדע שטימען מיט אמאָל אויסגע־דונערט, עס לעבע אונזער בעליעבטער העלד, וואָס וועט רוסלאנד בעפרייען פון דיא רעבעלען!

— בלייב געזונד! האָט פאָטעמקין געזאָגט דער קייזערין צום לעצטען מאָל. בלייב געזונד, געליעבטע, דו וועסט מיך ווידערזעהן אלס זיעגער.

איבער'ן וויימען פעלד האָבען געהילכט דיא געשרייען פון בעגייסטערונג, דאָס שפיעלען פון מוזיק, דאָס קלינגען פון דיא קירכען־גלעקער און דאָס גאלאָ־פירען פון דיא פערד.

אן אונגעהייער גרויסער וואָלקען פון שטויב האָט זיך פערשפרייט איבער דיא אָבמארשירענדע טרופען און באלד איז פאָטעמקין פערשוואונדען געוואָרען פון קאטהערינא'ס בענקענדע בליקען.

דיא קייזערין איז קוים געווען אין שטאנד זיך צו האלטען אין זאָטעל. זיא

האט אלע איהרע קרעפטע אנגעווענדעט זיך צו האלטען רוהיג, ווייל טויזענדע אויגען האבען אויף איהר געקוקט.

— צו הויזע! האט זיא געגעבען א קאמאנדע צו איהר סוויטע און האט מיט דער שנעלינקייט פון א בליץ אוועקמארשירט צוריק איבער'ן שאסע.

צו־ביסלאך זיינען זיך דיא מענשען פאנאנדער געגאנגען פון'ם לאגער פלאץ וואו דיא מאנעווערען זיינען פארגעקומען. דיא גענעראלען זיינען צוריק אין שטאדט געפאהרען און דער נאמען "פאטעמקין" האט געשוועבט אויף אלע ליפען.

גאנץ צו לעצט זיינען לאנגזאם געפאהרען צוויי רייטער וואס זיינען געווען זעהר עהנליך איינער צום אנדערען. אין דער ווירקליכקייט זיינען דאס געווען צוויי ברידער: גרענאר ארלאוו און זיין ברודער אלעקסיי. אלעקסיי איז געווען דער אדמיראל פון דער רוסישער פלאטע. ער איז געקומען צו אזא הויכע שטעלע, ווייל ער האט אויך מיטגעהאלפען קאטהערינא'ן אין דער רעוואלוציאן וואס זיא האט אנגעפיהרט געגען איהר מאן. מען זאגט אויף איהם, אז ער איז דאס דער יעניגער וואס האט מיט זיינע אייגענע הענד ערמארדעט דעם צאר פעטער וועליקי אין שלאס ראפשא.

מיט א שטונדע צוריק איז אלעקסיי ארלאוו געקומען קיין פעטערבורג. ער איז גלייך צוגעפאהרען צו זיין ברודער'ס פאלאסט. דארט האט ער ערפאהרען, אז גרענאר איז ביי'ם מיליטערישען פאראד, און ער איז אויך אוועק אהין. ער האט צוגעזעהן אלע סצענעס וואס זיינען ביי'ם פאראד פארגעקומען און איז גע־וואלטיג איבערראשט געווארען. ער האט נאך ביז יעצט ניט געוואוסט וועגען דיא ענדערונגען וואס זיינען דיא לעצטע צייט פארגעקומען אין דיא פערהעלט־ניסע צווישען זיין ברודער און דער קייזערין.

— גרענאר! האט אלעקסיי אויסגערופען מיט אן ערנסטען טאן. איז דען ווירקליך אלעס אוים? דיא קייזערין האט דאך אויף דיר אפילו קיין קוק ניט געטהאן, ווערענד פון דיעזען קערל פאטעמקין האט זיא אויף א מינוט דיא אויגען ניט אראבגענומען. דו קענסט פערשטעהן וויא צוקאכט איך בין געווארען הערענדיג, אז אנשטאט דיר האט זיא איהם גאר געשיקט אלס פעלדמארשאל.

— און מיר האט עס גראדע שטארק הנאה געטהאן, האט ארלאוו געענט־פערט מיט א כיטרען שמייכעל.

— הנאה געטהאן! וואס רעדסט דו, גרענאר? ביסט משוגע? פריהער האט זיך קיין שלאכט אין רוסלאנד אנגעפאנגען אהן דיר און יעצט — וויא קענסט דו הנאה האבען פון אזא ערניעדערונג?

— ווייל גראדע דאמיט האב איך מיין ציעל עררייכט. דו קוקסט מיך אן, ברודער, מיט איבערראשונג, אבער הער אוים מיין ערקלערונג, וועסט דו מיך פערשטעהן. אמת, אלעקסיי, דו האסט גוט געזעהן, אז מיינע בעציהונגען צו קאטהערינא'ן זיינען יעצט אין גאנצען אונטערבראכען. זיא איז פאטעמקין'ס

א כפרה. יא, זיא איז פערטיג געווען אָפּען פאר׳ן גאנצען פובליקום אין דיא אויגען זיך מיט איהם ארומצוכאפּען און איהם האלדזען און קושען וויא א קינד. ער האָט מיך מיט זיין ליכט אין גאנצען פערדעקט, איך זעה מיך שוין גאָר ניט ארויס, איך בין בלויז א שאָטען פון דעם פריהעריגען גרויסען און מעכטיגען אָרלאָוו.

— אבער ערשט ניט לאנג צוריק האָט דאָך דיר דיא קייזערין אנפּערטרויעט דיא אָבער־קאָמאנדע פון איהר ארמעע וואָס איז געשיקט געוואָרען געגען דיא רעבעלישע קירגיזען?

— געוויס, אָבער זיא האָט עס געטהאָן מיט א גאנץ אנדער אבזיכט. זיא האָט איינפאך געוואָלט מיך פערשיקען זיא זאָל קענען לעבען א גוטען טאָג מיט פּאָטעמקין׳ען אונגעשטערט.

— איך פערשטעה ניט, אָרלאָוו, איך קען דיך ניט פערשטעהן וואָס מיט דיר איז געוואָרען! האָט אלעקסיי אויסגערופען. אמאָליגע יאָהרען וואָלסט דו אזא זאך ניט צוגעלאָזען. וויא קומט עס, אז דו זאָלסט ניט וויסען, אז דו זאָלסט פערגעסען, אז מיט א מעסער אָדער א מיט רעוואָלווער קען מען פון אזא קאָנקורענט גאנץ לייכט פּטור ווערען?

— דו האָסט א טעות, אלעקסיי, אין דיזען פאל איז גאנץ שווער אזעלכע מיטלען צו געברויכען. קאטהערינא האָט איהם דיא גאנצע צייט פון זיך אויף א מינוט ניט אָבגעלאָזט, זיא האָט איהם געהיט וויא דאָס שווארץ־אפּפעל פון אויג. עס איז איינפאך געווען אונמעגליך צו איהם צוצוקומען. אויסער דעם, ווען פּאָטעמקין זאָל ערמאָרדעט ווערען, וואָלט דער פערדאכט גלייך געפאלען אויף מיר און דו קענסט זיכער זיין, ברודער, אז קאטהערינא וואָלט פון מיר דיא שטרענגסטע ראכע גענומען. זיא איז יעצט מעכטיג גענוג און אויב זיא האָט אמאָל מורא געהאט פאר מיר איז עס יעצט פונקט פערקערט, יעצט מוז איך מורא האָבען פאר איהר. פון דעסטוועגען האָב איך ריזיקירט און אונטערגעשיקט מערדער אויף פּאָטעמקין׳ען, אָבער דער באנדיט האָט זיך פון זיי ארויסגעדרעהט א לעבעדיגער. איך האָב דאריבער בעשלאָסען אָנצואווענדען אן אנדערען, א בעסערען מיטעל — איהם שיקען אין קריעג געגען דיא רעבעלען.

— דו האָסט איהם געשיקט?

— געוויס איך, האָט גרעגאָר געענטפערט מיט א גיפטיגען שמייכעל. וואָכענלאנג האָב איך איהם טאָג־טעגליך געשיקט אנאָנימע בריעף און האָב זיך אויסגעלאכט פון איהם, וואָס ער איז אן אומזיסטיגער פרעסער אויף רוסלאנד׳ס האלדז, אז ער איז א פוילער לומפּ וואָס טהוט גאָר ניט און לעבט נור פון גנאדע, און דאָס האָט געווירקט, עס האָט איהם געטריעבען ער זאָל געהן אין קריעג, טראָץ דעם וואָס קאטהערינא האָט איהם געוויס פון זיך ניט געוואָלט אָבלאָזען. יעצט אָבער בין איך מיט איהם פערטיג. ענטוועדער פוגאטשעוו וועט דעם שעה־

נעם גענעראל מאיאָר נעהמען געפאנגען און וועט איהם קוילען וויא מען קוילעט א קליין חזיר׳על אָדער ער וועט פאלען אויף׳ן שלאכטפעלד. און דאָס וועל איך שוין בעוואָרענען, אז מען זאָל איהם דערשיסען פון הינטען, אין רוקען, מיט א קויל וואָס וועט פליהען פון א גאנץ אנדער זייט — ספּעציעל פאר איהם.

— זיי רוהיג, מיין ברודער, האָט ער געענדיגט מיט א זיפץ, גרעגאָר אָרלאָוו האָט נאָך זיין ראָלע ניט געענדיגט. ער האלט נאָך אין מיטען אקט. ער וועט נאָך אלע זיינע פיינד בעזיעגען. קום, לאָמיר פאָהרען שנעלער אהיים און טרינקען א גלאָז וויין פיר אונזערע גוטע צוקונפטיגע פּלענער.

22טער קאפּיטעל

פּוגאטשעוו אין מאָסקווא.

ליכטיג און העל האָבען געשיינט דיא זאָנענשטראהלען איבער דער אלטער קייזער־שטאָדט מאָסקווא. דיא הייזער זיינען געוועזן יום־טוב־דיג אויסגעפּוצט. אין דיא גאסען האָט געקאָכט און גערוישט פון דיא מאסען מענשען וואָס זיינען ארומגעגאנגען אלע לוסטיג און פרעהליך. דיא טיהרען פון אלע קירכען זיינען ברייט געעפענט געוואָרען און דיא גלאָקען האָבען געקלונגען וויא ביי א בעזוך פון צאר. אין דער זעלבער צייט האָט אויך געהערשט עפּעס אן אינערליכער שרעק, א גרויסע אונרוהיגקייט. ווילדע מערדערישע געשטאלטען האָבען זיך בעוויעזען דאָ און דאָרט צווישען דיא בירגער און האָבען א מאָרנע אימה גע־וואָרפען מיט זייער עקעלהאפטע אויפפיהרונג.

אויף דיא הויכע טהורמס פון׳ם קרעמעל פּאלאסט האָבען געפלאקערט דיא קייזערליכע פאָהנען, טראָץ דעם וואָס דיא קייזערין קאטהערינא האָט זיך גאָר דאן ניט געפונען אין מאָסקווא. אן אויפמערקזאמער בעאָבאכטער וואָלט באלד געקענט בעמערקען, אז אָבוואָהל דיא בירגער פון מאָסקווא זיינען יום־טוב׳דיג געקליידעט און ציינען זיך פרעהליך און מונטער, אָבער אויף זייערע געזיכטער ליעגט א שווערער, אן אונרוהיגער אויסדרוק, אז דיא געשרייען און דיא לוסטיגע קולות פון פאָלק זיינען נור געצוואונגענע און אז גאנץ מאָסקווא ליעגט אונטער א שווערע מאכט פון וועלכע זיא קען זיך ניט רעטען.

ניין, ניט דיא בעליעבטע צארין האָט זיך דאן געפונען אין מאָסקווא, נור אן אנדער צאר האָט אריינגעצויגען אין דער אלטער קרוין־שטאָדט. אן אנדערער האָט זיך בעזעצט אין דעם צאר׳ס פּאלאסט — קרעמעל. דאָס פאָלק מוז יעצט אן אנדערען בעגריסען אלס הערשער און פאר איהם זיינען דאָס געמאכט געוואָרען דיא אלע פּאראדען.

פּוגאטשעוו, דער איינפאכער קאָזאק, האָט שוין ביינאהע זיין ציעל ערריכט, אז זיין העכסטער וואונש זאָל ערפילט ווערען. ער איז שוין געקומען אין מאָס־

קווא און מאָרגען וועט ער געקרוינט ווערען, היינט פייערט ער דערוויל זיין קירכליכע טרויאונג מיט דער שעהנער קאָזאקען־מיידעל.

דיא שטאָדט מאָסקווא האָט פוגאטשעוו איינגענומען זאָגאר ניט ארויסצי־הענדיג זיין שווערד פון שייד. קיין איינציגער טראָפּען בלוט איז ניט פערגאָסען געוואָרען. נאָך דעם פאל פון אָרענבורג האָט זיך זיין ארמעע דריי מאָל אזוי פיעל פערגרעסערט און א גאנצער ים אויסוואורפען און רויבער האָט וויא א געוואלטיגער שטראָם זיך געצויגען נאָך מאָסקווא. דיא בירגער זיינען פערצי־טערט געוואָרען. ס׳איז אויף זיי געפאלען אזא שרעק, אָט ריכטיג וויא באלד דארף זיין א גרויסע ערד־ציטערניש וואָס וועט דיא גאנצע וועלט איבערקעהרען.

— פוגאטשעוו קומט! דאָס איז געוועהן דער אלגעמיינער אויסרוף פון שרעק צווישען דיא סוחרים און אנשטענדיגע בירגער פון שטאָדט. אלע געשעפ־טען זיינען געבראָכען, האנדעל האָט אויפגעהערט. דען ווער זאָל ארבייטען? ווער קען עס גאָר טראכטען וועגען מאָרגענדיגען טאָג, אז פוגאטשעוו קומט — פוגאטשעוו, דער געפעהרליכער רעבעל און קיינער איז ניט זיכער, אז ער וועט נאָך מאָרגען לעבען?

גענעראל קארד איז פון מאָסקווא ארויסגעשיקט געוואָרען געגען פוגא־טשעוו׳ען און זיינע מערדערישע באנדעס אום זיי צו בעשטראָפען פאר דיא שרעק־ליכע בלוט פערגיסונג אין אָרענבורג, אָבער באלד זיינען צוריק געקומען טרוי־עריגע ידיעות פון דעם זעלבען גענעראל. דיא סאָלדאטען זיינען ניט געוועהן גענוג בעזאָרגט מיט ווינטער־קליידער, זיי ליידען פון קעלט און פיעל פון זיי צוזאמען מיט דיא מוזשיקעס פון דיא דערפער זיינען איבערגעגאנגען צו דיא רעבעלען.

באלד נאָכדעם האָט מען ארויסגעשיקט דעם גענעראל ריביקאָוו מיט א געוויסע צאָהל סאָלדאטען צו העלפען דעם גענעראל קארד, אָבער ביידע גענע־ראלען האָבען גאָר ניט געקענט מאכען. פוגאטשעוו איז אלע טאָג געוואקסען אין מאכט. אלע קלענערע פאָרטען ביי׳ם טייך אוראל, וואָס זיינען געוועהן שוואך בעפעסטיגט האָבען זיך איינע נאָך דיא אנדערע אונטערגעגעבען. דיא גאנצע באשקירען־בעפעלקערונג האָט זיך אָנגעשלאָסען צו דיעזען אויפשטאנד און נאָכדעם וויא פוגאטשעוו האָט אויף דיא שטאָדט סאמארא געגומען איז ער ווירקליך געוואָרען אן אייזערנע מאכט, געגען וועמען עס איז שוין אונמעגליך געווען מיט געוועהנליכע מיטעל צו קעמפפען.

וויא דיא היסטאָריע מעלדעט, איז אין דער גאנצער גובערניע סימבירסק ניט געבליבען זאָגאר קיין איינציגער דאָרף וואָס זאָל ניט האָבען אנטהייל גענו־מען אין פוגאטשעוו׳ס אויפשטאנד. מען קען זיך אלזא פאָרשטעלען וואָס פיר א טויט־שרעק עס איז געפאלען אויף דיא בירגער פון מאָסקווא, ווען פוגאטשעוו

מיט זיין מעכטיגע ארמעע פון ווילדע באנדיטען איז ענדליך געקומען צו דיא טויערען פון זייער שטאדט.

דיא רייכע בירגער פון מאסקווא, דיא פאבריקאנטען, האבען זיך געווענדעט צום גענעראל גובערנאטאר מיט א ביטע ער זאל זיך ניט שטעלען אין אן אומזיס־טען קאמפף געגען פוגאטשעוו'ען, וויל אויף א זיעג איז דאך ניט מעגליך צו האפען און דערפון קען נור ארויסקומען, אז מאסקווא וועט אויך פערפלייצט ווערען מיט טייכען בלוט גראדע וויא ארענבורג. דער גענעראל גובערנאטאר איז געווען א טרוס, ער האט געציטערט פאר זיין אייגענע פעלבעל און ניט טראכ־טענדיג פיעל האט ער גלייך דיא בירגער צוליעב געטהאן.

דיא טויערען פון שטאדט האבען זיך אלזא אליין געעפענט פאר דיא רע־בעלען נאך איידער פוגאטשעוו האט עס געפאדערט. דיא בירגער מיט דיא גלחים אן דער שפיצע זיינען ארויס אין א פייערליכע פראצעסיאן דעם פאלשען צאר צו עמפפאנגען.

פוגאטשעוו האט גערעכענט, אז גראדע ביי מאסקווא וועט ער מוזען שווער קעמפפען געגען דיא פערטהיידינגער און אז ער וועט דא פיליכט גאר געפינען א גאנצע ארמעע וואס קאטהערינא האט געגען איהם ארויסגעשיקט. מען קען זיך דאריבער פארשטעלען וויא גרויס זיין פרייד איז געווען איבער דיעזען אונערוואַרטעטען ערפאלג. ער האט פערזיכערט דיא דעפוטאציע סוחרים, אז וועהרענד ער פערבלייבט פארלויפיג אין מאסקווא וואו ער וועט עמאבלירען אויף א קורצע צייט זיין רעזידענץ וועט ער שטרענג אכטונג געבען, אז זיינע סאלדא־טען זאלען זיך אויפפיהרען אנשטענדיג און רוהיג און קיינעם וועט קיין בייזעס געשעהן.

אויף מארגען איז פוגאטשעוו אריינגעפאהרען אין מאסקווא רייטענדיג אויף א פערד אין א גאלדענעם שפאן, ארומגערינגעלט פון אלע זיינע פיהרער. און ביי זיין זייט איז געפאהרען דיא שעהנע קאזאקין לידיא. דיא בירגער האבען געמוזט מאכען א גוטע מינע צום בייזען שפיעל און האבען איהם כלומרשט עמפ־פאנגען מיט פרייד.

ענדליך האבען זיך פאר איהם דיא טיהרען פון קרעמעל געעפענט און ער מיט זיינע בעגלייטער זיינען אריין אין אלטען קייזערליכען פאלאסט.

אבער פוגאטשעוו'ס פערשפרעכען וועגען דיא עהרליכע אויפפיהרונג פון זיינע סאלדאטען איז גאנץ וויניג ערפילט געווארען. ווען ער וואלט עס אפילו ערנסט געוואלט, איז דאס איהם אויך געווען אונמעגליך דורכצופיהרען. זיינע באנדיטען זיינען פערטיג געווען אלעס איהם צו פאלגען, צו לויפען פאר איהם אין פייער און אין וואסער, אבער זיך איינצוהאלטען פון ראבעווען און גזל'נען — דאס האבען זיי ניט געקענט, דאס איז פאר געבארענע רויבער געווען א צו שווערער נסיון.

דיא גאנצע לומפען־געזינדעל זיינען צו איהם צוגעשטאנען בלויז דאפיר זיי זאלען קענען רויבען און מארדען, היינט פאר וואס זאלען זיי עפעס שוינען מאסקווא? אזא רייכע גרויסע שטאדט איז דאך א מצוה צו בעראבעווען!

בלויז דיא קייזערליכע עפענטליכע געביידען זיינען געבליבען אונבעריהרט, ווייל פוגאטשעוו האט זיך שוין געהאלטען אלס דער זיכערער צאר פון רוסלאנד און האט דאריבער אוועקגעשטעלט אלע זיינע טרייע קאזאקען צו היטען דיעזע געביידען. דערפאר זיינען אבער דיא בירגער אויסגערויבט געווארען כמעט ביז דאס לעצטע. יעדער בעל הבית האט געמוזט אריינגעהמען צו זיך א גאנצע באנדע רעבעלען וואס האבען איהם בע'גנב'עט און עפענטליך בערויבט און האט נאך געמוזט שווייגען; ווען ניט, איז ער ניט זיכער געווען מיט'ן לעבען.

דיא אונגליקליכע איינוואהנער פון מאסקווא האבען אפילו ניט געטארט צייגען קיין אונצופריעדענע מינע און זיי האבען זיך ניט געוואגט צו בעקלאגען. עס האט זיך געפונען איין בירגער וואס האט זיך אנגענומען קוראזש און מוטה און איז געקומען מיט א קלאגע צום אטאמאן טשיקא, פוגאטשעוו'ס שוויגער־פאטער, אז מען האט ביי איהם אלעס אוועקגערויבט און מען האט איהם געלאזט נאקעט וויא דיא מוטער האט איהם געבארען, האט איהם טשיקא גאנץ גוט אויסגעהערט און האט איהם נאכהער גאנץ גלייכגילטיג געענטפערט:

— דו דארפסט נאך דאנקען גאט וואס זיי האבען דיך געלאזט לעבען. זיי צופריעדען דאמיט און זאג גם זו לטובה.

און אזא סארט געצוואונגענע פרייד האט יעצט געהערשט אין מאסקווא אין דעם טאג, ווען פוגאטשעוו איז געגאנגען צו דער חופה מיט זיין שעהנע קאזאקין־מיידעל.

דיא גאנצע שטאדט האט ערווארטעט, אז צו מיטאג צייט וועט דער גרויסער גלאק פון דער קאטהעדראל־קירכע אנהויבען קלינגען, דאן וועלען זיך עפענען דיא טויערען פון קרעמעל־פאלאסט און פוגאטשעוו וועט ארויספיהרען זיין קיי־זערין אונטער דיא הענד און ביידע וועלען מארשירען אין קירכע וואו דער מעטראפאליט וועט זיי ביי'ם אלטאר פעראייניגען אלס געזעצליכע מאן און פרוי לויט דיא דינים פון דער קירכע.

אין איינעם פון דיא פרעכטיגע צימערען איז געזעסען דיא שעהנע קאזאקין־מיידעל אויסגעפוצט אין איהר חופה קלייד נאך'ן סטייל פון דיא אלטע רייכע קאזאקען. איהרע האאר זיינען געווען בעפלאכטען מיט פראכטפאלע לעבעדיגע סטעפע־ראזען וואס דיענען ביי דיא קאזאקען אלס צייכען פון אונשולד.

און לידיא האט פאלשטענדיג פערדיענט צו טראגען א קראנץ פון אונשולד. טראץ דעם וואס לויט דיא קאזאקען־זיטען, איז זיא שוין לאנג געווען פוגאטשעוו'ס פרוי, האט זיא זיך פון דעסטוועגען בעטראכט נור אלס זיין כלה און ניט מעהר. זאלאנג וויא זיא האט נאך ניט געהייראט אין קירכע, דורך א פריסטער, האט

זיא זיך נעהאלטען פון פוגאטשעוו'ען פון דערוויטענס, ער זאל איהר עהרע ניט פערשוועכען. דער ווילדער, אבער עהרליכער טשיקא, איהר פאטער, האט אויך אכטונג געגעבען, אז פוגאטשעוו'ס ווילדע לײדענשאפט צו זיין טאכטער זאל זיך האלטען אין געוויסע גרענעצען אזוי לאנג וויא ער איז נאך ניט איהר געזעצליכער מאן.

אין זעלבען צימער וואו לידיא האט זיך געפונען איז אויך געווען אלגא מיראוויטש, וועלכע האט געהאלפען לידיא'ן זיך אנטהאן צו דער חופה. ווען לידיא איז שוין געווען אין גאנצען אנגעקליידעט אין איהרע חתונה־קליידער און אלגא האט אויף איהר א קוק געטהאן, האט זיא אויסגערופען מיט גרויס אי־בערראשונג:

— אה, לידיא! וויא שעהן, וויא רייצענד דו ביסט! דו ביסט שעהנער פון דיא נאטירליכע בלומען וואס בעציערען דיין שעהנעם קאפ! ליעבע סטעפען־ראזע, איך האב נאך ווירקליך אין מיין לעבען ניט בעגעגענט אזא ליעבליכע שעהנהייט וויא דו!

— סטעפען־ראזע, האט לידיא געמורמעלט מיט א שווערען זיפץ. אה, מיין טהייערע פריינדין, ווען דו זאלסט וויסען וויא שמערצליך פאר מיר איז דיעזע עראינערונג און וויפיעל גליקליכער איך וואלט געוועזען, ווען איך זאל היינט געהן הייראטהען דעם איינפאכען קאזאק פוגאטשעוו אנשטאט דעם צאר פעטער, וועלכער וועט מיט מיר וואהנען אין שטיינערנע פאלאסטען, אין גלאנץ און אין לוקסוס. ער קען מיר בשום אופן ניט צוריקגעבען דאס נאך וואס מיין הארץ בענקט — דיא פרייהייט, דעם שעהנעם, גוטען, זיסען, פרייען לעבען אין גאט'ס פרייער נאטור אין דער סטעפע.

אין דיא זיידענע ברעמען פון לידיא'ס שעהנע אויגען האבען זיך בעוויעזען צוויי גרויסע טהרערען וואס האבען זיך לאנגזאם געקייקעלט אראב איבער איהר געזיכט.

— דו וויינסט, לידיא? האט אלגא ביי איהר געפרעגט מיט א טרויעריגען זאן. היינט, אין דעם טאג פון דיין האכציים, וויינסט דו? אה, פריינדין, דאס אלסט דו ניט טהאן! ווייסט דו דען ניט, אז א כלה אין טהרערען איז נייט קיין טע בעדייטונג?

— מיין הארץ איז מיר שרעקליך שווער, איך פיהל עפעס שרעקליכעס אין ער לופט, האט לידיא אויסגערופען און איז ארויפגעפאלען אלגא'ן אויף'ן האלז. אלגא, אלגא טהייערע, א שטיין, א שווערער שטיין ליגט מיר אויף'ן הארצען. איך פיהל, אז א גרויסע געפאהר שוועבט איבער מיין חתן, א געפאהר וואס וועט אונז ביידען פעראונגליקען אויף עביג.

דאביי האט לידיא געציטערט מיט אלע איהרע גליעדער און אלגא האט אנ־געווענדעט אלע קרעפטע זיא צו בערוהיגען.

— פאר וועלכען אונגליק דארפסט דו מורא האבען, לידיא? דיין חתן האט ערריכט דעם גרעסטען ערפאלג, דו ביסט שוין מיט איהם אין דעם גרויסען, שטאלצען קייזערליכען פאלאסט פון מאסקווא און אן אונגעהייער גרויסע ארמעע בעשיצט אייך עס זאל אייך קיין בייזעס געשעהן. פון מאסקווא ביז פעטערבורג איז ניט ווייט און דער צאר וועט דיעזען וועג מאכען גראדע אזוי גוט וויא ביז יעצט. היינט, וואס זאלסט דו זארגען און דענקען פון אונגליק אין אזא צייט וואס דיך רינגעלט ארום דער מלאך פון גליק?

לידיא האט זיך אבגעווישט דיא טהרערען און האט געשטאמעלט מיט א שטילע ציטערענדע שטימע:

— דאס זאגסט דו מיר, אלגא, ווייל דו ווילסט מיך טרייסטען. דו ווייסט אזוי גוט וויא איך, אז דער שווערער און דער געפעהרליכער קאמפף נעגען אונז וועט זיך יעצט ערשט אנפאנגען. ביז אהער האט קאטהערינא געגלויבט, אז זיא האט צו טהאן נור מיט א באנדע רעבעלען, יעצט אבער וועט זיא אלעס מעגליכע אנווענדען דעם פערהאסטען קאנקורענט צו פערניכטען, און קאטהע־רינא׳ס מאכט איז נאך אימער גרויס — אך, הונדערט מאל גרעסער וויא אונזערע.

אלגא האט דארויף ניט געפונען וואס צו ענטפערען. זיא האט געוואוסט, אז לידיא האט רעכט, און זיא האט אליין אויך געציטערט פאר׳ן מארגען וואס קען ברייננען א שרעקליכען שיקזאל פאר איהר געליעבטען ניקאלאי.

— דאך וואלט איך פאר דעם קאמפף ניט מורא האבען, האט לידיא פארט־געזעצט אונרוהיג. ניין, ניט אויסערליכע געפאהר שרעקט מיך. וואס מיך שרעקט איז דער בייזער גייסט וואס איז אריינגעפלויגען אין דער נשמה פון מיין פוגאטשעוו׳ען, איבערהויפט זינט מיר זיינען געקומען אין מאסקווא איז ער גאר אן אנדער מענש געווארען.

„שטעל זיך פאר, מיין טהייערע, ליעבע פריינדין אלגא. פריהער איז ער געוועזען א פרייער מאן, מיט אן אפענעם, עהרליכען בליק, שטארק וויא א לייב, בראוו און עדעל וויא א זוהן פון דער סטעפע דארף זיין. און יעצט געהט ער ארום וויא א צומישטער. ער איז געווארען א פינסטערער טיראן, קען קיינעם גלייך אין דיא אויגען ניט קוקען. אפט מאל האב איך בעמערקט, אז ער רעדט וויא א משוגענער צו זיך אליין, און איהם ווייזט זיך אויס, אז ער רעדט צו יעמאנדען.

„געסטערן אבענד האב איך מיט מיין פאטער געוואלט אריינגעהן צו איהם אין צימער. ער איז געלעגען אויסגעצויגען אויף׳ן זאפא און ביי׳ם ערשטען בליק — אה, גאט וויא פערהאסט דאס איז מיר צו זעהן! — אויף׳ן טיש פאר איהם זיינען געשטאנען א מאסע אויסגעליידיגטע פלעשער פון שנאפסען און וויינען. דיא לעצטע צייט האט ער אנגעפאנגען געפעהרליך צו שיכור׳ן. מיין פאטער האט מיר א וואונק געטהאן, אז מיר זאלען בלייבען שטעהן שטיל ביי׳ם

טיהר. דער צאר איז געווען אזוי שיכור, אז ער האָט אונז ניט בעמערקט און מיר האָבען געהערט וויא ער האָט גערעדט צו איינעם גראדע וויא יעמאנד וואָלט דאן געווען אין צימער.

— דו האָסט עס מיר געשוואָרען, אז איך בין דיין זוהן, האָט ער גערעדט גאנץ דייטליך. איך האָב געטרויט אויף דיין וואָרט. אויב איך בין א פערברע־כער, דאן האָסט דו מיך געבראכט דאצו. ניין, ניין! דאָס מוז זיין ריכטיג, איך בין קיין בעטריגער —

— מיין פאָטער איז א פערציטערטער געוואָרען און איז גלייך צוגעלאָפען צו פונאטשעוו'ען און האָט אויסגערופען מיט גרויס אויפרעגונג:

— זאָג מיר דיא ווארהייט, ביסט דו דער אמת'ער איינציגער צאר? ווען ניט, גיבט עס אויף ביידע וועלטען ניט גענוג שטראָף דיר פאר אזא פערברעכען צו בעצאָהלען. מיר זיינען דיר נאָכגעגאנגען דורך גאנצע טייכען בלוט מיט דער אמונה, אז מיר טהוען א גרויסע הייליגע זאך; אָבער אויב מיר האָבען פער־גאָסען אזוי פיעל אונשולדיג בלוט און אויסגעשלאכטעט אזוי פיעל מענשען אום א בעטריעגער צו דיענען, דאן זיינען מיר דאך ניט בעסער וויא דו, דאן זיינען מיר דאך מערדער, דיא שרעקליכסטע מערדער אויף דער וועלט.

פונאטשעוו איז אויפגעשפרונגען און אומארמענדיג מיין פאָטער האָט ער אויסגערופען:

— זיי רוהיג, אלטער, אזוי וואהר וויא דער הימעל איבער אונז, שווער איך דיר, אז איך בין ווירקליך צאר פעטער, קאטהערינא'ס געוועזענער מאן.

וועהרענד לידיא האָט נאָך געהאלטען אין מיטען רעדען און אָלגא איז גע־שטאנען און מיט דיא גרעסטע אינטערעסע צוגעהערט יעדעס וואָרט וואָס איהר פריינדין האָט איהר דערצעהלט, איז מיט אמאָל אריינגעקומען א פאזש און האָט געמעלדעט לידיא'ן, אז דער צאר, דער חתן, קומט זיא נעהמען צום אלטאר; זיא זאָל אריין אין גרויסען זאאל וואו דיא פאָרנעהמסטע לייטע שטעהען און ווארטען דיא צערעמאָניע זאָל זיך אָנפאנגען; אהין וועט אויך אריינקומען פו־נאטשעוו און אלעס וועט ווערען פערטיג צו דער טרויאונג.

אין איינינע מינוטען ארום זיינען אלע מקורבים פון פונאטשעוו'ען און פון לידיא'ן געווען אין גרויסען קייזערליכען קרעמל־זאאל. אויך לידיא און פו־נאטשעוו זיינען געשטאנען אנגעטהאָן פערטיג צו פאָהרען צו דער קאטהעדראל קירכע. אלעס וואָס מען האָט געווארט איז אויף'ן הייליגען פאטער, דעם מעט־ראָפּאָליט פון מאָסקווא, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען דורכצופיהרען דיא גאנצע חופה־צערעמאָניע.

אָבער עס האָט לאנג ניט גענומען און דער מעטראָפּאָליט איז געקומען.

אלע אנוועזענדע אין צימער זיינען געפאלען אויף דיא קניע, ווען דער מעט־ראָפּאָליט איז ערשיענען אויף דער שוועל. ער איז געווען אן אלטער מאן פון

מיטעל־מעסיגען געוואוקס, זיין געשטאלט איינגעבויגען, זיינע האאר וואס האבען זיך געצויגען אין לאנגע, געגרייזעלטע לאקען אראב אויף זיינע שולטערן זיינען געוועזען ווייס וויא געפאלענער שנעע. אויף׳ן קאפ האט ער געטראגען א דריי־פאכע קרוין און אין דער רעכטער האנד א לאנגען גאלדענעם שטעקען. צוויי גלחים, אויך גאנץ אלטע, האבען דעם מעטראפאליט בעגלייטעט פון ביידע זייטען.

— וואו איז ער? האט דער מעטראפאליט געפרעגט מיט אן ענערגישען טאן, וואו איז צאר פעטער דער דריטער? וואו איז דער יעניגער וואס איז פון טויט לעבעדיג געווארען? איך וויל איהם זעהן און איהם געבען מיין ברכה.

— קום נעהענטער, עהרענווירדיגער פאטער, האט פוגאטשעוו אויסגערופען מיט א שטאלצען בעפעהלענדען טאן, איך בין דער יעניגער ווענען דו ווילסט זעהן. איך בין צאר פעטער דער דריטער.

דער מעטראפאליט איז געבליבען שטעהן און האט זיך פון דארט ניט גע־ריהרט און האט אויסגערופען:

— שטעה אויף, צאר פעטער, לאז מיך דיין געזיכט בעטראכטען, עס איז שוין זעהר לאנג, אז איך האב דיך ניט געזעהן. איך האב דיך צום לעצטען מאל געזעהן דאן, ווען איך האב דיך געזאלבט אין גאטעס נאמען אלס הערשער פון רוסלאנד.

פוגאטשעוו׳ס קרעפטיגע געשטאלט האט ביי דיעזע ווערטער אנגעפאנגען צו שוידערען וויא א לולב. דאך האט ער זיך אויפגעהויבען און האט געקוקט דעם מעטראפאליט גלייך אין דיא אויגען. איינינע סעקונדען האט געדויערט דיעזע געגענזייטיגע בעטראכטונג. אלע אנוועזענדע האבען געקוקט אויף דער סצענע מיט דער העכסטער שפאנונג, איבערהויפט דער אלטער טשיקא. ער האט אויסגעשטעלט זיינע אויגען אויף׳ן מעטראפאליט, ריכטיג וויא ער וואלט פון זיינע ליפען ערווארטעט דעם אויסשפרוך פון טויט אדער לעבען.

ענדליך האט זיך דער מעטראפאליט לאנגזאם צוריקגעצויגען אויף א טריט און האט אויסגערופען מיט א פעסטע שטימע:

— דאס איז א ליגען, דו ביסט ניט צאר פעטער, דו ביסט א בעטריעגער!

דיעזע ווערטער האבען פוגאטשעוו׳ען געטראפען וויא מיט א דונער אין קאפ. ער איז געבליבען שטעהן שווארץ וויא דיא ערד. אין צימער האט א קורצע צייט געהערשט א טויטע שטילקייט.

ענדליך האט טשיקא אויסגערופען מיט א ווילדע אויפרעגונג:

— האכווירדיגער פאטער, ענטשולדיגט מיר וואס איך וועל פילייכט עט־וואס נעגען אייערע ווערטער איינווענדען. איך וויל ביי אייך פרעגען פילייכט האט איהר א טעות געהאט, פילייכט דערקענט איהר ניט דיעזען מאן ווייל איהר האט איהם שוין לאנג ניט געזעהן. מיר זיינען איהם נאכגעגאנגען אויף זיין בע־שטימטע פערזיכערונג, אויף זיין שבועה, אז ער איז ווירקליך דער צאר. מיר

האבען פאר איהם געקעמפפט, געבלוטיגט און מאסען מענשען אויסגעשלאכטעט, אלעס נור פאר דער הייליגער אידעע צו רעטען דעם האנאר פון'ם רוסישען פאלק.

"דאך מיין איך ניט מיט מיינע ווערטער, האכווירדיגער פאטער, אייך אי־בערצורעדען, האט טשיקא פארטגעזעצט און האט ארויפגעלייגט זיין האנד אויף זיין שווערד וויא פערטיג צום קאמפף. אויב איהר זייט זיכער, אז דיעזער מאן איז ניט דער צאר, אויב איהר קענט איהם ניט געבען דיעזען נאמען, וועלכער איז ביי אונז אלעמען הייליג און טהייער, דאן זאגט עס אפען און איך, דער פא־טער פון דיעזע מיידעל וואס האט היינט געדארפט הייראטהען אלס קייזערין, איך אליין וועל זיין דער ערשטער אייך צו בעשיצען און מיט מיר צוזאמען וועט דיא גאנצע ארמעע שטעהן אויף אייער זייט.

— שוויינ, טשיקא! האט פוגאטשעוו אויסגערופען מיט א שטרענגען טאן. איך דארף ניט דו זאלסט מיך פערטהיידיגען און קיינער דארף ניט דיין בעשיצונג. געהט אלע ארויס אויף איינ׳גע מינוט און לאזט מיך מיט'ן הייליגען פאטער אליין, דאן וועל איך איהם איבערצייגען, אז איך בין ווירקליך צאר פעטער דער דריטער, און ער אליין וועט צוריקרופען דיא ווערטער וואס ער האט יעצט געזאגט.

— איך האב קנאפ אמונה, אז דו וועסט עס מיר קענען איבערצייגען, האט זיך דער מעטראפאליט אבגערופען. דאך זאל דיין וואונש ערפילט ווערען.

באלד זיינען דער מעטראפאליט און פוגאטשעוו געבליבען אליין און פוגא־טשעוו האט אנגעפאנגען צו רעדען מיט אן ערנסטען טאן:

— האכווירדיגער פאטער! הער וואס איך האב דיר צו זאגען. איך בין געווען אן איינפאכער קאזאק און האב וועגען קיין זאך ניט געוואוסט און ניט גע־דענקט. צופעליג בין איך זיך צוזאמענגעקומען מיט א וויכטיגע פערזאן וואס האט מיר ערקלערט און איבערצייגט, אז איך בין אן אונגעזעצליכער זוהן פון צאר פעטער, פון א פערבינדונג וואס ער האט געהאט מיט א קאזאקען מיידעל. אום דאס פאלק זיכערער צו געווינען האט ער מיר געגעבען אן עצה, איך זאל זיך ארויסגעבען אלס דער צאר אליין. דעם זוהן האט קיינער ניט געקענט, אבער דעם פאטער, דעם צאר, האט דאס רוסישע פאלק געליעבט. מעטראפאליט, איך שווער דיר ביי מיין לעבען, אז דאס אלעס איז דיא ריינע ווארהייט, איך בין קיין בעטריגער און ווען יענער מאן האט מיך אבגענארט, בין איך נור א בעטרא־גענער, אבער ניט קיין בעטריגער.

— דו ביסט ניט דער צאר און אויך ניט זיין זוהן, האט דער מעטראפאליט געענטפערט, דו ביסט נור פוגאטשעוו, דער קאזאק, און דיא טייכען בלוט וואס דו האסט פערגאסען זיינען געווען אומזיסט.

— ווילסט דו מיך אלזא ניט דערלאזען אויסצופיהרען מיין ציעל ביי וועלכען אין שטעה שוין אזוי נאהענט? האט פוגאטשעוו געפרעגט מיט גרויס

אויפרעגונג. איך קען דיר נור אזוי פיעל זאָגען, הייליגער פאַטער, אז דאמיט וועסט דו טהאָן דעם גרעסטען שאדען דער גאנצער קירכע, פון וועלכער דו ביסט דער פאַרשטעהער. קאטהערינא האט פיעלע קלויסטערס געשלאָסען און וואו נור מעגליך האט זיא אוועקגענומען אלע פריווילעגיעס פון דיא גייסטליכע. סך הכל איז קאטהערינא א פרעמדע, א דייטשקע, זיא האט נור געביטען איהר גלוי־בען לפנים, אָבער אין הארצען איז זיא געבליבען דיא זעלבע פרייגעזאָגענע וויא זיא איז פריהער געווען, דו ווייסט דעם געזעץ וואָס זיא האט ארויסגעגעבען, אז אלע גיטער פון דיא קלויסטערס זאָלען מיט דער צייט איבערגענומען ווערען פון דער רעגיערונג. איך אָבער, האָכווירדיגער פאַטער, פערשפרעך דיר, אז דער געזעץ וועט באלד פערניכטעט ווערען. נייע קירכען זאָלען אין גאנץ רוסלאנד אויסגעבויט ווערען. איך וועל דיא קלויסטערס ווידער ערעפענען און איך וועל דיא קירכען מאכען טויזענד מאָל רייכער וויא זיי זיינען ביז יעצט געווען. דו זעלבסט, מעטראָפּאָליט, וועסט האָבען דיא גרעסטע מאכט אין רוסלאנד, דו וועסט זיין אזוי גוט וויא א שני למלך.

— איך וויים, אז דאָס וואָס דו פערשפרעכסט וועסט דו געוויס ערפילען, האָט דער מעטראָפּאָליט געזאָגט נאָך א קורצען נאָכדענקען. מיין ניט, קאָזאק, אז איך פערלאָז זיך אויף דיינע ווערטער, דו וועסט אימער זיין אין מיין האנד כחומר ביד היוצר, ווען איך זאָל אלעם פערעפענטליכען און זאָגען דעם פאָלק: „טויט דעם בעטריגער!" וועט מען דיך אויף שטיקער צורייסען. דאָך וויל איך צוערשט וויסען ווער איז דער מאן וואָס האָט דיך דערצו אָנגערעדט און וועלכער וועט זיין דער דריטער אין דיעזער געהיימנים?

— גרעגאָר אָרלאָוו.

— ער — זיכער?

— יאָ.

— זעהר גוט. דאן איז דיא זאַך נאָך זיכערער. אָרלאָוו געהערט צו אונז. געה, פוגאטשעוו, און רוף זיי אלעמען אריין.

— און וואָס וועסט דו זיי זאָגען?

— רוף זיי אריין, האָט דער מעטראָפּאָליט געזאָגט נאָך אמאָל מיט א בע־פעהלענדען טאָן, טהו וויא איך זאָג דיר.

פוגאטשעוו האט געעפענט דיא טיהר און אין נעכסטען מאָמענט איז דאָס צימער ווידער פול געוואָרען מיט מחותנים. טשיקא האט געפיהרט פאר'ן האנד זיין טאָכטער לידיא, און מיט'ן גרעסטען אונגעדולד האָט ער זיך געווענדעט צום מעטראָפּאָליט:

— נו, וואָס האָסט דו אויסגעפונען, הייליגער פאַטער? אויב דיעזער מאן האָט אונז בעטראָגען, דאן וועל איך אליין איהם זיין קאָפּ ארונטערהאקען.

— קניעט אלע צו דער ערד! האָט דער מעטראָפּאָליט אויסגערופען. איהר

שטעהט פאר אייער צאר. איך זעלבסט בין דער ערשטער, איך בעגריס איהם אלס אונזער ריכטיגען הערשער צאר פעטער, אין נאמען פון דער רוסישער קירכע!

— און יעצט קומט אין קירכע! האט פוגאטשעוו אויסגערופען מלא שמחה. היינט איז דער גליקליכער טאג פון אונזער טרויאונג.

און פוגאטשעוו געארעמט מיט זיין קאזאקען מיידעל איז ארויסגעגאנגען פריהער, נאך איהם איז געגאנגען דיא גאנצע סוויטע און צולעצט איז געבליבען נור טשיקא, דער פאטער פון דער גליקליכער כלה, דאס געזיכט פון דעם אלטען קאזאק איז געווען בעדעקט מיט א וואלקען פון טרויער און צווייפעל. ער האט ענדליך אויך פערלאזט דאס צימער און האט געמורמעלט צו זיך אליין:

— איז דאס מעגליך, אז דער מעטראפאליט זאל האבען געזאגט א ליגען? ער איז דאך א הייליגער מאן. דאן ווער וויים — פיליכט האט איהם פוגאטשעוו איבערגערעדט מיט גרויסע פערשפרעכונגען פאר דער קירכע? מיט אזעלכע זאכען קען מען דיא "הייליגע" גאנץ לייכט פאר זיך געווינען. וויא זאל איך דערגעהן דיא ווארהייט? איז מיין טאכטער געגאנגען יעצט הייראטען מיט א קייזער אדער מיט א פערברעכער? אה, גאט! העלף מיר דאס אויסצוגעפינען!

דער איינפאכער עהרליכער טשיקא האט זיך ניט אנגעשלאסען אין דער גרויסער פראצעסיאן וואס האט בעגלייט דיא קייזערליכע פאאר צו דער חופה. גאנץ אומעדיג איז ער אליין געגאנגען זיין וועג פארביי דיא פרעכטיגע פאלאס־טען, וואס ציהען זיך ביז דער קירכע. פלוצים האט ער דערהערט נעבען זיך א בעטענדע שטימע:

— הערר, ליעבער, גוטער הערר, האט רחמנות אויף אן אלטע פרוי, גיט מיר אייער האנד און פיהרט מיך צו דער קאטהעדראל קירכע.

טשיקא האט זיך ארומגעקוקט איבעררא שט און האט דערזעהן נעבען זיך אן אלטעטשקע צוזאמענגעפאלענע פרוי, ארים געקליידעט. ער האט האסטיג ארויסגעכאפט פון זיין טאש א גאלד־שטיק און האט עס דער אלטער פרוי דער־לאנגט.

— נעהם עס, באבושקא, האט ער געזאגט, היינט איז א טאג פון פרייד, א יום טוב: דיא חתונה פון אונזער צאר!

דאביי האט ער געוואלט אוועקגעהן, אבער דיא אלטע פרוי האט איהם צור־ריקגעהאלטען און האט מיט א ציטערענדען טאן געזאגט:

— ליעבער הערר, איך זעה, אז איהר האט א גוטע הארץ, איך בעט אייך טהוט מיר צוליעב, ערפילט מיין בקשה. איך האב זיך ערלויבט אייך אבצוהאל־טען ניט אום ביי אייך א גאלד־שטיק אויסצובעטלען, אבוואהל דאס איז פאר מיר אויך זעהר פיעל, ווייל איך בין זעהר אין א שלעכטע לאגע, אבער פיעל מעהר

טובה וועט איהר מיר טהאָן, ווען איהר וועט מיך אריינפיהרען אין קירכע, ווייל אליין וועט מען מיך ניט אריינלאָזען.

— דאצו האָב איך קיין צייט ניט, ליעבע פרוי, איך מוז שנעל געהן, מיך מוז מען ביי דער טרויאונג האָבען און מען וועט דאָרט אויף מיר ווארטען. גע־פינט ערגיץ אן אנדערען וואָס זאָל עס אייך טהאָן, ווען איהר זיינט אזוי נייגיע־ריג דעם פאראד צו זעהן.

— וואָס אארט אייך, גוטער מאן? איך וועל געהן שנעלער. וואָס קימערט עס אייך, אז איך וועל צוזאמען מיט אייך אין קירכע אריינקומען?

— פון מיינטוועגען, האָט טשיקא געמורמעלט פערדריסליך, איהר וואָלט אָבער פיעל בעסער הנאה געהאט, איהר זאָלט זיך יעצט זיצען רוהיג אין אייער ווארימען צימערעל, וויא ארומצושלעפען זיך און זיך שטופען מיט אייערע אלטע ביינער צווישען אזא מאסע מענשען וויא דאָרט וועט יעצט זיין.

— און איך זאָל דיא טרויאונג פון'ם צאר ניט זעהן? איך זאָל ביי דעם מאָמענט ניט קענען א קוק געבען אויף מיין ליעבלינג, וועלכען איך האָב מיט מיין ברוסט ערצויגען?

— וואָס פלוידערט איהר דאָרט? איהר מוזט זיין משוגע, האָט טשיקא אויסגערופען. איהר זייט געווען צאר פעטער'ס אם? איהר —

— הלואי זאָל מיר אזוי גאָט בייזטעהן ביי דער לעצטער שטונדע פון מיין שטארבען וויא איך זאָג דעם אמת און וויא איך בין ניט משוגע, האָט איהם דיא אלטע פרוי אונטערבראָכען. איך האָב מיט מיין בלוט ערנעהרט דעם צאר, ווען ער איז נאָך געווען א היבשער פרינצעל.

טשיקא האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט געקוקט דער פרוי גלייך אין געזיכט. ער איז געווען זיכער, אז דאָס האָט איהם גאָט אליין געשיקט דיעזע אלטע פרוי, אום ער זאָל איינמאָל פאר אלע מאָל בעפרייט ווערען פון'ם צווייפעל וואָס האָט שוין באלד זיין גאנצע הארץ אויפגעגעסען. יעצט וועט ער וויסען דיא ריכטיג־קייט פון אלעם וואָס בעלאנגט צו זיין צוקונפטיגען קייזערליכען איידים.

— ווען האָט איהר דעם צאר צום לעצטען מאָל געזעהן? האָט ער ביי איהר געפרעגט.

— אָה, שוין לאנג, שוין מיט איינינע יאָהר צוריק. אזוי לאנג וויא ער האָט געלעבט איז מיר געווען גאנץ גוט, ביי יעדען געבורטסטאג פלעגט ער מיך רופען צו זיך און שענקען א בייטעל מיט גאָלד. איך וואָלט געקענט דערפון א שעהנעם פערמעגען אָבשפּארען, אָבער זעהט, מיין הערר, איך האָב זיבען קינדער, איך האָב זיי אלע גוט ערצויגען און אויף דיא פיס געשטעלט, יעצט ווען איך בין אלט גע־ווארען ווילען זיי פון מיר קיינער ניט וויסען.

— אָבער איהר האָט מיר נאָך ניט געענטפערט אויף מיין פראגע: ווען האָט איהר דעם צאר צום לעצטען מאָל געזעהן?

— דאָס איז געווען דעם זעלבען יאָהר, ווען זיין שלעכטע פרוי קאטהערינא האָט איהם פון טהראָן פערטריעבען. דאן האָט מען געהערט, אז ער איז ערמאָרדעט געוואָרען. יעצט איז ער ווידער געקומען צוריק. אָה, גאָט׳ס וואונדער זיינען גרויס! ער פערלאָזט ניעמאלס דעם גערעכטען!

— הערט נור, אלטע, האָט טשיקא אויסגערופען, קוים וואָס ער האָט זיך געקענט איינהאלטען פון אויפרעגונג. וואָלט איהר זיך אונטערנעהמען צו דערקענען דעם צאר, ווען ער זאָל שטעהן צו אייך נאָהענט גראדע וויא איך יעצט?

— איהר פרעגט ביי מיר א מאָדנע פראגע, האָט דיא אלטע פרוי געזאָגט מיט א געלעכטער, איך וואָלט איהם דערקענען אפילו ווען מען וואָלט מיר צומאכען דיא אויגען. וויא זאָל איך ניט דערקענען מיין ליעבלינג, מיין פעטער וואָס איך האָב אלס קינד אויף מיינע הענד און אויף מיין ברוסט ערצויגען און נאכהער אלס ערוואקסענעם מאן אזוי פיעל מאָל געזעהן? געוויס וועל איך איהם דערקענען, ווען ער זאָל אפילו שטעהן צווישען טויזענד אנדערע מענשען.

— גוט, אלטע, קומט מיט מיר. איך וועל אייך שוין שאפען א פלאץ איהר זאָלט קענען זעהן דעם צאר גאנץ נאָהענט, דאן וויל איך איהר זאָלט מיר זאָגען דעם אמת, אויב ער האָט זיך זעהר פערענדערט. דערפאר וועל איך אייך פאָרשטעלען צו איהם ביי׳ם האָכצייטס באָל און איהר וועט קריגען אזוי פיעל גאָלד וויפיעל איהר וועט נור קענען אוועקטראָגען.

— און דאָס קענט איהר ווירקליך פאר מיר טהאָן? האָט זיא געפרעגט מיט אן אונגלויביגע מינע, אָבער האָט מיר קיין פעראיבעל ניט, איהר קוקט דאָך אויס וויא א גאנץ פראָסטער מענש.

— איך בין טאקי א גאנץ פראָסטער מענש און דאָך בין איך מיט׳ן צאר גאנץ גוט בעקאנט. ער וועט פאר מיר טהאָן אלעס — אָבער דאָ זיינען מיר שוין ביי דער קירכע.

דיא קאָזאקען וואָס זיינען געשטאנען ביי דער טיהר האָבען דעם צאר׳ס שווינגער־פאטער מיליטעריש בעגריסט, וועהרענד ער איז מיט זיין בעגלייטערין אריינגעגאנגען אין דער שטאָלצער געביידע. טשיקא האָט אוועקגעשטעלט דיא אלטע גראדע געגען אלטאר און האָט איהר שטילערהייד געזאָגט זיא זאָל גוט בעטראכטען דעם צאר.

דאן איז ער אוועק פון איהר און איז צוגעגאנגען ביי דער זייט פון זיין טאָכטער, וועלכע האָט שוין אונגעדולדיג אויף איהם געווארט. דיא טרויאונגסצערעמאָניע האָט זיך אָנגעפאנגען, דער אָרגעל האָט געשפיעלט, א כאָהר פון הונדערטע שטימען האָט גראָסארטיג געזונגען און דיא גייסטליכע האָבען געבעטען. אלע אנוועזענדע האָבען געווענדעט זייערע בליקען צו דער קייזערליכער חתן־כלה און איבערהויפט האָט דיא כלה אלעמען איבערראשט מיט איהר מערקווירדיגע שעהנהייט.

— וויא שעהן זיא איז! האָט מען זיך איבעראל גע׳סוד׳עט. זיא איז ווירקליך ווערטה צו בעציערען א טהראָן!

דער אָרגעל איז געבליבען שטיל און דער געזאנג האָט אויפגעהערט. דער מעטראָפּאָליט האָט געהאלטען א לאנגע רעדע איבער דעם גרויסען נס וואָס גאָט האָט געטהאָן דעם רוסישען פאָלק דאמיט וואָס דער טויט־געגלויבטער צאר איז ווידער ערשיענען צו פיהרען דיא רוסישע בירגער אונטער דער פאָהן פון רעליגיאָן און גליק. דאן האָט דער מעטראָפּאָליט זיך געווענדעט צו חתן־כלה מיט דיא ווערטער:

— קניעט ניעדער, מיינע קינדער, און איך וועל אייך געבען מיין ברכה.

פוגאטשעוו און לידיא האָבען זיךביידע אויף דיא קניע געשטעלט. דער מעטראָפּאָליט האָט אויפגעהויבען דיא הענד און האָט געזאָגט דיא גאנצע ברכה וואָס איז נויטיג געווען ביי אזא געלעגענהייט, אָבער ביי׳ם לעצטען וואָרט האָט ער זיך פּלוצים א טרייסעל געגעבען און איז באלד געפאלען טויט.

— א שלעכטער סימן, האָט מען געמורמעלט שטילערהייד.

אויף פוגאטשעוו׳ס בעפעהל האָט מען דעם טויטען קערפּער אויפגעהויבען און מיט גרויס פּאראד אוועקגעלייגט אויף א טיש נעבען אלטאר. דער פאלשער צאר האָט דאביי ערקלערט, אז ביז מאָרגען וועט ער אן אנדער מעטראָפּאָליט בעשטימען, דאן האָט ער זיין דערשראָקענע כלה גענומען אונטער דיא הענד און אין דער בעגלייטונג פון זיין סוויטע זיינען זיי ארויס פון קירכע.

אין דרויסען האָט געוואַרט א גאָלדענע קאַרעטע מיט אכט טהייערע פערד פיר דיא יונגע פּאָר, און פיעל אנדערע קאַרעטען פיר דיא געלאַדענע געסט, אלע האָבען זיך געזעצט אויף זייערע פּלעצער און אָבגעפאָהרען צום קרעמעל פּאלאסט.

דיא אלטע פרוי, וועלכע טשיקא האָט אריינגעפיהרט, איז ארויסגעגאנגען פון קירכע לאנגזאם, איהר גרויען קאָפּ אראָבגעלאָזען. באלד איז צו איהר טשיקא צוגעלאָפען און מיט אונגעדולד געפרעגט ביי איהר:

— נו, אלטע, וואָס האָסט דו געזעהן?

— איך האָב איהם געזעהן, האָט זיא געענטפערט ניט־ווילענדיג.

— האָט ער זיך פיעל פערענדערט?

— זעהר פיעל. איך קען איהם גאָר ניט דערקענען. און, ליעבער הערר, איך וויל אייך פערטרויען א סוד — אָבער וואָס פיר א ווערטה האָט א מיינונג פון אן אלטע אָרימע פרוי?

— עס מאכט ניט, זאָגט אייער מיינונג, איך וויל הערען אייער מיינונג, זאָגט, רעדט, גיכער, לאָמיך הערען.

— זאָל אויף מיר דיא גאנצע קירכע איינפאלען און זאָל מיך אויף שטיקער צומאָהלען, זאָל א דונער און א בליץ מיך טרעפען און מיך טויט־שלאָגען דאָ אויף׳ן אָרט אויב יענער מאן וואָס איז געשטאנען ביי׳ם אלטאר איז צאר פּעטער.

טשיקא האָט א שפּרונג געטהאָן ריכטיג וויא פון א ביס פון א שלאנג. באלד אָבער האָט ער זיך צולאכט און האָט אויסגערופען:

— דו זאָגסט ליגנען, דו אלטע מכשפה, דער מאן איז דער צאר, עס קען אנדערש ניט זיין.

— ער איז עהנליך צום צאר, אָבער ער איז ניט דער צאר. אויב ביי אייך איז נאָך א צווייפעל, אויב איהר גלויבט מיר ניט, דאן קען איך אייך זאָגען א מיטעל וויא מען וועט זיך עס קענען ריכטיג איבערצייגען.

— וואָס פיר א מיטעל? האָט טשיקא געפרעגט מיט א פערשטיקטע אויפ־רעגונג.

— ווען צאר פעטער איז געווען א קינד ביי דער ברוסט, פלעג איך איהם בּאָדען און איך ווייס, אז ער האָט געהאט א געבּאָרענעם צייכען אויף'ן הארצען, א רויטען פלעק. ווען עס וואָלט מעגליך געווען צו זעהן דיא נאקעטע לייב פון יענעם מאן, וואָלט איהר זיך געקענט איבערצייגען, אז ער איז — א פאלשער צאר.

— קום מיט מיר צום האָכצייט באל, דער צאר וועט דיר פון דעסטוועגען געבען א בייטעל מיט גאָלד.

— ניין, האָט דיא אלטע געענטפערט בעשטימט. איך האָב פון קאטהע־רינא'ן קיינמאָל ניט געוואָלט אָננעהמען קיין געלד, ווייל זיא איז דיא מערדערין פון מיין ליעבלינג פעטער און פון יענעם מאן וואָס רופט זיך פאלש מיט זיין נאָמען וועל איך געווים גאָרניט נעהמען. בעסער וועל איך אויסגעהן פון הונגער.

טשיקא האָט ארויסגעכאפּט זיין בייטעל פול מיט גאָלד־שטיקער און האָט עס געשטופּט דער אלטער פרוי אין האנד, אָבער זיא האָט געשאָקעלט מיט איהר גרויען קאָפּ און האָט געמורמעלט:

— ניין, ניין, אויך פון דיר וויל איך קיין געלד ניט נעהמען. דו ביסט פער־בונדען מיט איהם, דו ביסט א חבר מיט א בעטריגער — אָח, וויא שלעכט דיא וועלט איז!

דאמיט האָט זיך דיא אלטע אָבגעווענדעט און איז אוועקגעגאנגען. ווען טשיקא איז געבליבען אליין, האָט ער געזאָגט צווישען דיא צייהן:

— האָט ער דעם געבּאָרענעם צייכען, איז גוט, איז אלעס כשר וישר, ווען ניט, וועט ער נאָך דיעזע נאכט שטארבען פון מיין האנד.

(ענדע פון ערשטען טהייל)